ISBN:0-657-12399-4

8415

BUREAU OF JEWISH EDUCATION
יוסף
נעשקעס
קאלעקציע
CLEVELAND

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 12399

# DI GROYSE RUSISHE REVOLUTSYE

Yosef Beker

*Permanent preservation of this book was made possible by Robert & Sarah Freedman*
*In honor of Emma, Eric, Adam and Alex Berg*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*

*Arie & Ida Crown Memorial*

*The Seymour Grubman Family*

*David and Barbara B. Hirschorn Foundation*

*Max Palevsky*

*Robert Price*

*Righteous Persons Foundation*

*Lief D. Rosenblatt*

*Sarah and Ben Torchinsky*

*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave,* or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

---

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

J. Beker. REWOLUCJA ROSYJSKA część pierwsza.

דרוקעריי ב. ציונסאָן און קאָמפּ., טראַקער גאַס 13.

* * *

אויב דאָס 19=טע יאָרהונדערט אין דער געשיכטע פון אייראָפּע איז געשטאַנען אונטער דעם צייכן פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, וועט דאָס 20=סטע יאָרהונדערט בלתּי שום ספק טראָגן אויף זיך די ירושה פון די היסטאָרישע געשעענישן, וועלכע זיינען פאָרגעקומען אין רוסלאַנד אין אָנהייב פון דעם יאָרהונדערט.

אויב די רוסישע רעוואָלוציע פון יאָר 1905 האָט זיך תּיכף אָפּגערופן אין די אַזיאַטישע לענדער: אין טערקיי, כינע, פּערסיע א. אַנד., וואו עס האָבן זיך אַ שאָקל געטאָן די טראָנען ביי די דאָרטיקע טיראַנען, האָבן די גרויסע איבערקערענישן, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין רוסלאַנד אין אָנהייב פון יאָר 1917, זיך שוין אָפּגערופן אין דייטשלאַנד און אין עסטרייך, וואו אונטער דעם איינדרוק פון די רוסישע געשעענישן זיינען פאַרשוואונדן די לעצטע שפּורן פון דעם פּרייסישן און עסטרייכישן קאָנסטיטוציאָנעלן אַפּסאָלוטיזם, וואָס האָט געהאַלטן אין איין מורא די גאַנצע ציוויליזירטע וועלט.

די פּרובן צו פאַרווירקלעכן די סאָציאַלע גלייכהייט, וואָס ווערן איצט געמאַכט אין רוסלאַנד, בלייבן אויך ניט אָן אַ ווירקונג אויף דער גאַנצער וועלט, וועלכע איז, ניט קוקנדיק אויף אַלע בלאָקאַדעס, מוראדיק נייגעריק צו וויסן, וואָס עס טוט זיך אין רוסלאַנד, וואוהין עס איז איצט אַריבערגעטראָגן געוואָרן דער צענטער פון די מענטשלעכע האָפענונגען.

ביי דעם געוואַלדיקן אינטערעס צו רוסלאַנד און צו די רוסישע געשעענישן, וואָס איז צו באַמערקן אין דער גאַנצער וועלט, גלויב איך, אַז דאָס ערשטע יידישע ביכל וועגן דער גרויסער רוסישער רעוואָלוציע וועט אין אַ געוויסער מאָס קאָנען באַפרידיקן דעם וואונש פון דעם יידישן לעזער, דערהויפּט פון ליטע און פוילן, וואָס די דייטשע אָקופּאַציע האָט אים אינגאַנצן אָפּגעשניטן פון רוסלאַנד, צו באַקענען זיך וויפיל ניט איז מיט די לעצטע איבערקערענישן אין דעם גרויסן מזרח=לאַנד.

דער פאָרליגנדיקער טייל שילדערט נאָר דעם גאַנג פון דער רוסישער רעוואָלוציע ביז דער באָלשעוויסטישער אָקטאָבער=איבערקערעניש. די איבעריקע טיילן וועלן דערציילן וועגן די ווייטערדיקע געשעענישן, וועגן דער אָקטאָבער=רעוואָלוציע און וועגן דעם געוואַלדיקן פלאַקער פון דער בירגער=מלחמה, וואָס איז נאָך ביז דעם היינטיקן טאָג ניט אויסגעלאָשן.

דאָס ביכל איז, ליידער, געשריבן געוואָרן אין אַזאַ אָרט און ביי אַזעלכע אומשטאַנדן, וועלכע האָבן אַבסאָלוט אויסגעשלאָסן יעדע מיגלעכקייט צו באַנוצן זיך מיט פאַרשיידענע ליטעראַרישע מאַטעריאַלן, מעמוארן אָדער אפילו צייטונגען, וואָס זיינען ערשינען אין רוסלאַנד.

דער מחבר האָט זיך געמוזט פאַרלאָזן נאָר אויף זיין זכרון, אויף דעם זכרון פון אַ צייטונגס־מענטש, וועמען עס איז אויסגעקומען צו שטיין אין צענטר פון אַלע פּאָליטישע געשעענישן און פון טאָג צו טאָג זיי פאַרנאָטירן אין דער צייטונג.

ביי אַזאַ לאַגע וואָלט אפשר געווען גלייכער צו באַנוצן זיך אין דעם בוך מיט דער פאָרם פון מעמוארן; דער מחבר האָט זיך אָבער באַוואוסטזיניק אָנטזאָגט פון אַזאַ ליטעראַרישער פאָרם, וועלכע ברענגט אומפאַרמיידלעך דערצו, אַז די פערזאָן פון דעם דערציילער פאַרנעמט אַ צו גרויסן אָרט אין דער שילדערונג, וואָס ס׳איז פאַר דעם לעזער לחלוטין ניט אינטערעסאַנט.

מיגלעך, אַז דער מחבר, וואָס האָט געשעפּט נאָר פון זיין זכרון, האָט אַ סך דורכגעלאָזן, אייניקע וויכטיקע זאַכן ניט גענוג אונטערגעשטרייכט און מאַנכעס אפשר צו סוביעקטיוו באַהאַנדלט; אָבער די אַלע פעלערן זיינען נאָך אומפאַרמיידלעך ביי דעם איצטיקן מאָמענט, ווען דאָס ברויזנדיקע לעבן פון רוסלאַנד האָט זיך נאָך ניט אָפּגערוקט צו די גרעניצן פון דער היסטאָרישער פערספּעקטיוו, ווען די געשיכטע ווערט נאָך מיט בלוט און שווייס געמאַכט, און ניט געשריבן.

עס וועט קומען, מסתמא, אַ צייט, ווען רואיקע היסטאָריקער וועלן זיך פאַרנעמען מיט דער רוסישער רעוואָלוציע, זיי וועלן קאָנען אויסנוצן אַלע מאַטעריאַלן, וועלכע וועלן פאַרבלייבן פון דער בירגער־מלחמה, וואָס מאַכט חרוב ניט נאָר די פ י ז י ש ע, נאָר אויך די גייסטיקע און קולטורעלע אוצרות.

ביי אַזאַ היסטאָריקער וועט, מסתמאָ, דער שטאָף פון יעדן איינציקן קאַפּיטל פון דעם ביכל פאַרנעמען גאַנצע בענדער, אַזאַ היסטאָריקער וועט אפשר אויך פאַרמאָגן דעם נייטיקן אָביעקטיוויזם.

ביי דער איצטיקער לאַגע אָבער זיינען מיגלעך נאָר אַזעלכע פּערזענלעכע באַשרייבונגען מיט פּערזענלעכע נטיות. דער מחבר וויל דאָך האָפן, אַז דאָס ביכל וועט ביי אַלע זיינע חסרונות העלפן דעם יידישן לעזער פונאַנדערצוקלייבן זיך אַ ביסל אין דעם גרויסן פּלאָנטער, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אַרום די רוסישע געשעענישן און אַרום דער רוסישער רעוואָלוציע.

# I.

דאָס יאָר 1917 האָט זיך אָנגעהויבן אין רוסלאַנד ביי אַ אומגעהייער שלעכטער און אָנגעשטרענגטער שטימונג. דאָס לאַנד איז געווען מיד פון דער מלחמה און קיינער האָט ניט געגלויבט אין אַ נצחון. די גאַנצע געזעלשאַפט איז געווען צעטיילט אויף צוויי מחנות: פון איין זייט אַ קליין הייפעלע ביוראָקראַטן און מקורבים צום קייזערלעכן הויף, וועלכע האָבן זיך מיט קיין זאַך ניט געוואָלט רעכענען און האָבן נאָר געוואוסט פון די אינטערעסן פון דער דינאַסטיע, — און פון דער צווייטער זייט דאָס גאַנצע רוסישע פאָלק, וואָס איז נמאס געוואָרן די מלחמה, וואָס האָט ניט געהאַט קיין שום אמונה אין דער רעגירענדיקער קליקע, וואָס איז אָבער געווען צעבערעקלט און צעשטויבט און האָט ניט געהאַט קיין שום מעגלעכקייט צו אָרגאַניזירן אַ וועלכען עס איז אַרויסטריט קעגן דער פאַרהאַסטער רעגירונג.

דער שפּיאָנאַזש איז געווען אַזוי פאַרשפּרייט, אַז עס איז ממש ניט געווען קיין איין איינציקער, וויפיל ניט איז אָנגעזעענער מענטש, וועלכער זאָל ניט זיין אַרומגערינגלט מיט אַ גאַנצער נעץ פון שפּיאָנען, אָכראַנע-אַגענטן, וואָס האָבן נאָכגעשפּירט יעדן טריט און שריט. די פּרעסע איז געווען דערשטיקט און עס איז ניט געווען קיין מעגלעכקייט אַרויסצוזאָגן אַ פריי וואָרט. אונטער דער צענזור זיינען געווען ניט נאָר געדרוקטע זאַכן, נאָר אַפילו פּריוואַטע קאָרעספּאָנדענץ, און די בריוו-פּערלוסטראַציע איז געווען אַזוי פאַרשפּרייט, אַז אַפילו בריוו פון מיטגלידער פון דער קייזערלעכער פאַמיליע פלעגן אין דעם „שוואַרצן קאַבינעט" ווערן געעפנט, געלייענט, איבערגעשריבן און פאַרצייכנט.

טויזנטער מענטשן זיינען געווען באַשעפטיקט מיט דער איידעלער מלאכה פון לייענען פרעמדע בריוו און אויפן גרונד פון דער דאָזיקער אַרבעט פון „שוואַרצן קאַבינעט" פלעגט מען צונויפשטעלן גאַנצע מעמאָראַנדומס וועגן די באַציאונגען פון דער געזעלשאַפט צו דער אָדער יענער ערשיינונג; וואָרים קיין אַנדער מיגלעכקייט צו באַקענען זיך מיט די אמתע שטימונגען פון פאָלק האָט די רעגירונג ניט געהאַט.

אָפיציעל האָט רעגירט דער קייזער מיט דער הילף פון דער גאָסודאַרסטווענער דומע און דעם מיניסטאָרן-ראַט, אָבער פאַקטיש איז די גאַנצע מאַכט געלעגן אין די הענט פון אַ פּראָסטן פויער, אַ שכור און בעל-זנות — ראַספּוטין, וועלכער האָט באַקומען אַ גוואַלדיקע שליטה און השפעה אויף דער קייזערין

און אויף דער גאַנצער קייזערלעכער פאַמיליע. ראַספּוטין האָט פּאַקטיש געפירט די גאַנצע רוסישע מלוכה, — פלעגט באַשטימען די העכסטע רעגירונגס־לייט — מיניסטאָרן און פּרעמיערן, און יענע מיניסטאָרן, וואָס פלעגן ביי ראַספּוטינען ניט נושא־חן זיין, האָבן געמוזט אַרויס אין דעמיסיע. ראַספּוטין האָט זיך געמישט אין די וויכטיקסטע ענינים פון דער פראַוואָסלאַוונער קירך, — פלעגט באַשטימען אַלס בישאָפן זיינע פריינד און מקורבים און אַראָפּזעצן און פאַרשפאַרן אין קלויסטערס זיינע שונאים, ווען זיי זיינען אַפילו געווען אַזעלכע אָנגעזעענע און באַוואוסטע רעאַקציאָנערן, ווי דער בישאָף הערמאָגען אָדער דער גלח איליאָדאָר. ראַספּוטין איז געווען אימשטאַנד אָפּצושאַפן פסק־דינים פון די העכסטע געריכטס־אינסטאַנצן און בכלל טאָן וואָס זיין האַרץ האָט געלוסט. קיין שום פראַגע פון'ם רוסישן מלוכה־לעבן האָט ניט געקאָנט ערליידיקט ווערן אָן ראַספּוטינס ידיעה און הסכמה. זיין שטייגער לעבן, זיין אומפאַרשעמטע שכרות און אויסגעלאַסנקייט, פון וואָס ראַספּוטין האָט געמאַכט אַ קדושה, האָבן דעם איינפאַכן און אומבאַ־וואוסטזיניקן פויער, וועלכער האָט קוים־קוים געקאָנט אָנשרייבן עטלעכע ווערטער, געמאַכט פאַר דעם פּאָפּולערסטן מענטשן אין רוסלאַנד, וועלכער איז אָבער צוגלייך דערביט געווען ביי אַלעמען צו שאַנד און צו שפּאָט. ראַספּוטינס ממשלה איז געווען אַ אומדערטרעגלעכע חרפה זאָגאַר פאַר דעם געוויינלעכן רוסישן בירגער, אָבער די אַלגעמיינע שנאה צו ראַספּוטינען און צו זיין ממשלה האָט אַפילו אויף אַ האָר ניט געשטערט, אַז יעדעס וואָרט זיינס זאָל זיין אַ היילינער באַפעל פאַר דער קייזערין. דעם קייזער'ס טעכטער און פאַר דעם קייזער ניקאָלאַי II אַליין.

דער יקרות איז געוואַקסן פון טאָג צו טאָג און צוזאַמען דערמיט האָט זיך אומגעוויינלעך פאַרשפּרייט די ספּעקולאַציע. נייע מלחמה־מיליאָנערן פלעגן זיך מערן און פּרוכפּערן כמאָט־טעגלעך און די הפקרות פון די דאָזיקע אויפגעקומענע האָט געשאַפן אַ שרעקלעכן דיסאָנאַנס מיט דער אָרימקייט, וואָס האָט געהערשט אין די אַרבעטער־קוואַרטאַלן און צווישן דער רוסישער אינ־טעליגענץ.

די גרויסע אינדוסטריעלער און פאַבריקאַנטן האָבן געשאַפן אַ גרויסע און מעכטיקע אָרגאַניזאַציע — דעם „קריגס־אינדוסטריעלן קאָמיטעט", וועלכער האָט זיך געשטעלט אַלס אויפגאַבע צו פאַרשטאַרקן די מלחמה־אינדוסטריע און באַ־זאָרגן דאָס רוסישע מיליטער מיט גענוג קריגס־מאַטעריאַלן, אָבער די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע האָט פאַקטיש געבראַכט דערצו, אַז די ספּעקולאַציע האָט זיך גע־וואַלדיק פאַרגרעסערט, און די הונדערטער מיליאָנען, וואָס פלעגן אַרויסגעגעבן ווערן אַלס אַוואַנסן, זיינען פאַרשוועגדט געוואָרן, ווארים גאַנץ אָפט פלעגן די פּאַטריאָטישע פאַבריקאַנטן באַקומען פעטע מיליאָנען אַלס אַוואַנסן אויף אַזעלכע אונטערנעמונגען, וואָס זיינען נאָך אפילו ניט באַשאַפן געוואָרן און וועלכע עס איז גאַנץ אָפט געווען אפילו אוממיגלעך צו באַשאַפן.

אויף דער בערזע האָט געהערשט אַ שרעקלעכער אַזשיאָטאַזש. די בערזע האָט צוגעצויגן צו זיך אויף אַזעלכע ברייטע שיכטן פון דער באַפעלקערונג,

וואָס האָבן פריער קיין שום אָנונג ניט געהאַט פון בערזע-ספעקולאַציעס. דאָס קינסטלעכע אויפשרויפן די פרייזן פון אַלערליי ווערט-פּאַפּירן און אַקציעס, וועלכע האָבן גאַנץ אָפט קיין שום רעאַלן ווערט ניט געהאַט, האָט געשאַפן אַ גרויסע צאָל גבירים, וואָס זייער גאַנצע עשירות איז באַשטאַנען פון גרויסע און-קאָל-חשבונות אין די בענק. די דאָזיקע אויפגעקומענע פּאַרוועניס האָבן אָבער אויף דעם גרונד פון זייער פּאַפּירענער עשירות געשאָטן געלט ווי זאַמד און האָבן מיט זייער חוצפּהדיקער אויפפירונג געשאַפן אַ שווערע און דריקנדיקע אַטמאָספערע.

די מאַכט, דערהויפּט די נידעריקע פאַרשטייער אירע, מיט וועלכע די ברייטע פאָלקס-שיכטן זיינען געקומען אין באַרירונג, איז געווען אַ פאַרקויפטע דורך און דורך. מיט געלט האָט מען געקאָנט פאַרשיטן און באַדעקן די גרעס-טע עוולות און פאַרברעכנס און פאַרשיידענע מעשיות וועגן אומגעהערטע סקאַנדאַליעזע כאַבאַר-פאַרפאַלן זיינען געוועז איבעראַל פאַרשפּרייט.

די אַפּראָוויזאַציע איז געווען שלעכט און האָט זיך פאַרערגערט פון טאָג צו טאָג. רוסלאַנד, וואָס האָט געשפּייזט גאַנץ אייראָפּע מיט תּבואה, פיה און צוק-ער, האָט אָנגעהויבן צו פילן אַ דוחק אין ברויט, צוקער און אַנדערע פּראָ-דוקטן. די „עקן" ביי די שפּייז-קראָמען פלעגן פון טאָג צו טאָג וואַקסן און עס זיינען געווען טעג, ווען גאַנצע שטעט פלעגן בלייבן אינגאַנצן אָן ברויט.

די ציווילע באַפעלקערונג איז געווען מוראדיק אומצופרידן מיט דער געשאַפענער לאַגע, אָבער אַחוץ דער פרידלעכער באַפעלקערונג איז געשטאַנען אַ באַוואָפנטע מיליאָנען-אַרמיי, וועלכע האָט נאָך מער גרונד געהאַט צו זיין אומצופרידן. די גרויסע אַרמיי-מאַסן האָבן געהאַט די געלעגנהייט צו זען נאָך בולטער די אַלע שלעכטע זאַכן, די אומגעזעצלעכקייטן, גנבות און גזלות, וואָס ווערן אומעטום אָפּגעטאָן, די טויזנטער אומזיסטע קרבנות, וועלכע פאַלן טאָג-טעגלעך צוליב דער שלעכטער אָרגאַניזאַציע פון דער אינטענדאַנטור, די אומ-געהייערע צאָל סאָלדאַטן, וואָס שמאַכטן פון הונגער און קעלט. אין דער זעל-בער צייט, ווען טויזנטער וואַגאָנעס מיט פּראָוויאַנט, בגדים און אַמוניציע ווערן פאַרקויפט צו ספּעקולאַטיווע צוועקן.

די אומצופרידנקייט איז געווען צו באַמערקן ניט נאָר צווישן די סאָל-דאַטן, נאָר אַפילו צווישן די העכערע אָפיצערן, וועלכע זיינען אויך געווען העכסט אָפּאָזיציאָנעל געשטימט און האָבן פאַרשטאַנען, אַז אַזעלכע אָרדענונגען מוזן ברענגען צו אַ שענדלעכער מפּלה און צו שלעכטע שלום-באַדינגונגען.

די גאַנצע רעגירונגס-מאַשין האָט לחלוטין פאַרלאָרן איר אַרבעטס-פעאי-קייט. די העכסטע רעגירונגס-אינסטאַנץ — דער מיניסטאָרן-ראַט — איז געווען פולקום פּאַראַליזירט צוליב די שטענדיקע און צו אָפטע שנויים, וואָס פלעגן אין איר געמאַכט ווערן. די „מיניסטאָרן-טשעכאַרדאַ", ווי פּורישקעוויטש האָט כאַראַקטעריזירט דעם צושטאַנד, ווען קיין מיניסטער האָט ניט געוואוסט, ווי לאַנג ער וועט פאַרבלייבן אויף זיין פּאָסטן און ווי לאַנג ער וועט בושא-חן זיין ביי ראַספּוטינען, איז געווען אין פולער קראַפט. די

דאָזיקע אומזיכערקייט פון די מיניסטאָרן, וועלכע האָבן בײַ נאַכט ניט געוואוסט, צי װעלן זײ מאָרגן פֿרי ניט איבערלייענען אין די צייטונגען אַן אַלערהעכסטן רעסקריפּט וועגן זייער אייגענער דעמיסיע, האָט אויף אַ סך פאַרשאַרפט און פאַרערגערט די אַזוי אויך גענוג שלעכטע לאַגע. מיניסטאָרן פלעגן זיך בייטן ווי הענטשקעס, און דער בעסטער פאַטענט צו באַקומען דעם פּאָסט פון אַ מי־ניסטער אָדער לענגער צו האַלטן דעם מיניסטאָרן־פּאָרטפעל, איז געוואָרן אומ־פעאיקייט און פראָגראַמלאָזיקייט. עס איז באַשאַפן געוואָרן אַזאַ לאַגע, ביי וועל־כער די מיניסטאָרן זיינען געוואָרן צו שאַנד און צו שפּאָט.

די שטימונג איז געוואָרן אַלץ אָנגעשטרענגטער, די פאַרביטערונג קעגן דער רעגירונג און דעם רעזשים איז געווען גרויס. מען האָט געוואַרט אויף גרויסע שינויים און איבערקערענישן, וואָרים אַלע זיינען געווען איבערצייגט, אַז ווייטער פאַרבלייבן אין אַזאַ צושטאַנד קאָן מען שוין ניט. די גאַנצע אינ־וויניקסטע צעפּוילטקייט פון דער רעגירונגס־סיסטעם האָט זיך אַרויסגעוויזן. בולט פאַר אַלעמען פון דער מינוט אָן, ווען ראַספּוטין, דער פאַוואָריט פון דער קייזערלעכער פאַמיליע, איז דערשאָסן געוואָרן ביי דעם נאָענטסטן אָנטייל פון מיטגלידער פון קייזערלעכן הויז. די געזעלשאַפט האָט זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון אין דעם מצב און האָט אויף קיין גוטס ניט געוואַרט.

צו ניי־יאָר, למשל, האָט די רעדאַקציע פון דער אָנגעזעענסטער קאַדע־טישער צייטונג „רעטש" איינגעאָרנדט אַ באַנקעט פאַר אירע מיטאַרבעטער און חשובע געסט. אויף דעם דאָזיקן באַנקעט האָט איינער פון די וויכטיקסטע קאַ־דעטישע פּאָליטיקער, נאַבאָקאָוו, געשילדערט אין זיין רעדע זייער אַ טרויעריק בילד פון רוסלאַנדס נאָענטער צוקונפט.

— אויף נצחונות קאָנען מיר שוין ניט האָפן, האָט ערקלערט נאַבאָקאָוו, אָבער דאָס איז נאָך דער קלענסטער אומגליק. רוסלאַנד האָט אין איר געשיכטע געהאַט מפּלות, אָבער דאָס לאַנד האָט גיך פאַרגעסן אָן די מפּלות און האָט צוריק אויפגעלעבט. איצט אָבער שטייען מיר פאַר אַ גוואַלדיקער קאַטאַסטראָפע, און קיינער קאָן גאָר ניט פאָראויסזעען, צו וואָס פאַר אַ רעזולטאַטן זי קאָן ברענגען.

וועגן אַזעלכע שרעקלעכע זאַכן האָט מען גערעדט ניט נאָר אויף באַנקעטן. עס וועט ניט זיין קיין גוזמא צו זאָגן, אַז גאַנץ רוסלאַנד האָט טאָג־טעגלעך געוואַרט אויף איבערקערענישן און קאַטאַסטראָפעס. וועגן דער קומענדיקער רעוואָלוציע האָט מען גערעדט ניט נאָר אין אָפּאָזיציאָנעלע אָדער רעוואָלוציאָ־נערע קרייזן, נאָר אַפילו צווישן די בערזע־ספּעקולאַנטן, וועלכע האָבן די דאָ־זיקע שטימונג גאַנץ אָפט אויסגענוצט צו זייערע ספּעקולאַטיווע צוועקן, כדי אויפצושרויפן אָדער וואַרפן די פרייזן פון די אָדער יענע ווערט־פּאַפּירן און אַקציעס.

מען האָט אַזוי פיל גערעדט וועגן שטרייקן און מהומות, אַז דער דומע־דעפּוטאַט מיליוקאָוו, וועלכער האָט דאַמאָלסט געשפּילט זייער אַ גרויסע ראָלע

אין געזעלשאַפטלעכן און פּאָליטישן לעבן, האָט געפונען פאַר נייטיק צו פאַר־עפנטלעכן אַ באַזונדער בריוו צו די פּעטערבורגער אַרבעטער און זיי מתרה זיין, אַז זיי זאָלן, חלילה, ניט שטרייקן, ווייל די רעגירונג וועט אַזעלכע „אומרוען" אויסנוצן צו נייע רעפּרעסיעס און צו פאַרשטאַרקן איר רעאַקציאָנע־רע פּאָליטיק.

אויב אָבער פאַר דער גאַנצער רוסישער געזעלשאַפט איז קלאָר געוועז, אַז עס מוזן פאָרקומען גרויסע געשעענישן און אַז ווייטער בלייבן ביי דעם סטאַטוס־קוואָ איז אוממיגלעך, איז די רעגירונג געווען פולקום בלינד און האָט געפירט ווייטער די זעלבע פּאָליטיק,—גלייך ווי זי וואָלט געהאַט די כוונה צו שטאַרקן די שטימונג קעגן זיך און אויפרייצן די גאַנצע באַפעלקערונג. מיט אירע מעשים האָט די רעגירונג געזייט ווינטן און האָט ניט פאַרשטאַנען, אַז זי וועט שניידן אַ שטורים, וועלכער קאָן אין איין רגע פאַרניכטן דעם גאַנצן בנין פון דער רוסישער זעלבסטהערשאַפט, וואָס איז אויסגעבויט געוואָרן אין משך פון הונדערטער יאָרן.

---

II.

די רעפּרעסיעס און די רדיפות אויף אַלע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס האָבן געבראַכט דערצו, אַז אין רוסלאַנד זיינען כמעט ניט געווען קיין פּאָלי־טישע פּאַרטייען. די רעגירונג האָט געקעמפט קעגן אַלע אָרגאַניזאַציעס און האָט געוואָלט שאַפן אַזאַ לאַגע, אַז אין לאַנד זאָל ניט זיין קיין שום אָרגאַני־זירטע געזעלשאַפטלעכע גרופּע, וואָס זאָל קאָנען ברענגען צום אויסדרוק אירע מיינונגען און שטרעבונגען.

די 3־טע און 4־טע גאָס. דומעס האָבן אין אַ געוויסער מאָס מיטגעהאָלפן דער רעגירונג אין אַזאַ פּאָליטיק. ווען עס איז אָבער געקומען די מלחמה מיט די גרויסע מפּלות אויף די שלאַכטפעלדער פון איין זייט און די שרעקלעכע דעזאָרגאַניזאַציע אין לאַנד גופא, האָבן אפילו די עקסטרע רעאַק־ציאָנערן אַרומגעזען זיך, אַז ווייטער קאָן אַזאַ רעזשים ניט געדולדיקט ווערן. אין דער 4־ער דומע האָבן דעמאָלט אָנגעהויבן צו קלינגען אַזעלכע אָפּאָזיציאָ־נעלע טענער, פון וועלכע די רעאַקציאָנערע גאָס. דומעס האָבן שוין לאַ.ג. אָפּ־געוויינט די רוסישע געזעלשאַפט.

אין דער דומע איז געשאַפן געוואָרן אַ בלאָק פון אַלע פּאָליטישע פּאַר־טייען אַ חוץ די רעכטסטע און לינקסטע פליגלען. דער דאָזיקער בלאָק האָט אָנגעהויבן צו פאָדערן אַ נייע רעגירונג, וועלכע זאָל „געניסן דעם פאָלקסצו־טרוי", ד. ה. דעם צוטרוי פון דער דומע־מערהייט.

די פּראָגראַם, וואָס דער פּראָגרעסיווער בלאָק פון דער דומע האָט

ארויסגעשטעלט, איז געווען אַ גאַנץ שמאָלע און האָט ניט געוואַגט צו באַרירן די גרונד=זיילן פון דער זעלבסטהערשאַפט, אָבער די רעגירונג איז געבליבן טויב אַפילו צו די פאָדערונגען און וואונטשן פון דער גאָס. דומע, וועלכע האָט טאַקע צוליב איר אָפּאָזיציאָנעלער פּאָזיציע כמעט ווי ניט עקסיסטירט; די רעגירונג פלעגט זי פונאַנדערלאָזן תיכף, ווי נאָר זי פלעגט זיך דערוועגן אַרויסצוזאָגן אָפּאָזיציאָנעלע טענות און אַרויסשטעלן פאָדערונגען.

די רוסישע בורזשואַזיע איז געוואָרן אַלץ מער און מער אָפּאָזיציאָנעל, אָבער די רעגירונג איז געבליבן ביי איר אַיינגעשפּאַרטער פּאָליטיק. זי האָט ניט געוואָלט וויסן, וואָס עס טוט זיך אין לאַנד, און בשום אופן ניט געוואָלט אַיינגיין אויף וועלכע עס איז פשרות מיט דער גאָס. דומע, וועלכע איז געווען גרייט צו באַנוגענען זיך מיט די קלענסטע הנחות און רעפאָרמען.

צוליב דער דאָזיקער עקשנות־דיקער פּאָליטיק פון דער רעגירונג איז דער תהום צווישן איר און דער דומע געוואָרן אַלץ טיפער און טיפער. באַזונדערס פאַרהאַסט זיינען געווען אייניקע מיניסטאָרן, דערהויפּט דער מיניסטער פאַר אינווייניקסטע ענינים, פּראָטאָפּאָפּאָוו. ער געוועזענער וויצע=פאָרזיצער פון דער גאָס. דומע, וועלכער איז צוליב קאַריערע אַריבער אויף דעם צד פון דער ביוראָקראַטיע און רעאַקציע, וועלכער ער האָט אָנגעהויבן צו דינען מיט לייב און לעבן.

פּראָטאָפּאָפּאָוו האָט פאַרשטאַרקט די רעפּרעסיווע פּאָליטיק. מיט זַ באַזונדער אימפּעט האָט ער אָנגעהויבן צו רודפן די פּרעסע, וועלכע איז אַזוי אויך געווען געענוג אין קלעם. ער האָט ניט געוואָלט דערלאָזן דעם מינדסטן פּרוב צו אָרגאַניזירן געזעלשאַפטלעכע כוחות און האָט אַפילו אַרעסטירט די אַרבעטער=פאָרשטייער פון דעם קריגס=אינדוסטריעלן קאָמיטעט, וועלכע האָבן צוזאַמען מיט די פאָרשטייער פון דער בורזשואַזיע געאַרבעט טריי פאַר דער פאַרטיידיקונג פון דעם לאַנד. מיט איין וואָרט, פּראָטאָפּאָפּאָוו, דער פאָרשטייער פון דער דומע אין די ביוראָקראַטישע ספערן, האָט אויף זיך גענומען די אויפגאַבע אויסצונוצן די רעפּרעסיווע מיטלען אין קאַמף מיט דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג אין אַזאַ מאָס, צו וועלכער מען איז אַפילו אין רוסלאַנד ניט געוויינט געווען.

פּראָטאָפּאָפּאָוו האָט געשטרעבט צו דערשטיקן יעדעס פרייע וואָרט און יעדע אָפּאָזיציאָנעלע מיינונג, שטיצנדיק דעם קייזערלעכן הויף און ראַספּוטינען, וועלכער האָט אים טאַקע פּראָטעזשירט. ער האָט אָבער אַזוי אויפגעשרויפט די באַציאונגען צווישן דער גאָס. דומע און דער רעגירונג, אַז וועגן אַ פרידלעכער פשרה צווישן די דאָזיקע צדדים האָט קיין רייד ניט געקאָנט זיין.

עס איז קלאָר געוואָרן, אַז די פראַגע וועגן דער רעגירונג וועט ניט ערלעדיקט ווערן בשלום און אַז עס מוז קומען צו אַן איבערקערעניש. אָבער די בירגערלעכע קרייזן און די גאָס. דומע האָבן שטאַרק מורא געהאַט פאַר יעדער

אַרויסטרעטונג, וואָס האָט אַ ענלעכקייט צו אַן אויפשטאַנד אָדער גאָר צו אַ רעד וואָלוציע. זייער טיפּסטער וואונטש איז געווען דורכצופירן שטילערהייט אַ הויף־רעוואָלוציע, צונעמען די מלוכה־רעכט ביי ניקאָליי II און איבערגעבן זיי אַן אַנ־דער מיטגליד פון ראָמאַנאָווס דינאַסטיע, צווישן וועלכער עס זיינען געווען גע־נוג בעלנים דערויף.

די פּאָלקסמאַסן האָבן אָבער פון אַזעלכע שטילע הויף־רעוואָלוציעס ניט געקאָנט טראַכטן, ווייל זיי האָבן זיך ניט געקאָנט באַנוגענען דערמיט, וואָס די קייזערלעכע קרוין וועט פון איין ראָמאַנאָוו אַריבער אויף דעם קאָפּ פון אַן אַנדער מיטגליד פון דער דינאַסטיע, וועלכע איז דעמאָלט שוין געווען גאַנץ ווייניק פּאָפּולער און געליבט.

די אַרבעטער־מאַסן פון די גרעסטע רוסישע שטעט זיינען ניט געווען אָרגאַניזירט. יעדער פּרוב פון אָרגאַניזאַציע פלעגט זיך שטענדיק באַגעגענען מיט די שווערסטע רעפּרעסיעס. מען האָט דעריבער ניט געקענט דייטלעך פאַר־נעמען די שטים פון דער אַרבעטערשאַפט. אָבער רוסישע פּאָליטיקער, וואָס זיינען כאָטש וויפיל עס איז באַקאַנט געווען מיט די וואונטשן פון די אַרבע־טער, האָבן גאַנץ גוט פאַרשטאַנען, אַז צווישן די שטרעבונגען פון די אַרבע־טער־מאַסן און די פאָדערונגען, וואָס עס שטעלן אַרויס די בירגערלעכע און פאַרמעגלעכע שיכטן פון דער רוסישער געזעלשאַפט, איז אַ גוואַלדיקער אונ־טערשייד.

די רוסישע בירגערלעכע פּאָליטיקער האָבן זיך ניט ווייניק געשראָקן פאַר די שטימונגען פון די ברייטע פּאָלקסמאַסן. די קליגסטע פון זיי, די קאַדעטן, האָבן אויף איינער פון די קאָנספּיראַטיווע זיצונגען, וואָס פלעגן דאַמאָלסט פאָרקומען, טאַקע גאַנץ אָפן ערקלערט, אַז עס איז אַ סך גלייכער צו גיין צוזאַמען מיט דעם קייזערלעכן הויז, וואָס איז אויך אומצופרידן מיט דער פּאָליטיק פון ניקאָלאַי און זיין פרוי, איידער מיט די פּאָלקסמאַסן.

— בעסער אַ הויף־איבערקערעניש, איידער אַ רעוואָלוציע, האָט גע־טענהט איינער פון די אָנגעזעענסטע קאַדעטישע פירער.

די מעכטיקע כוואַליע פון פּאָלקס־צאָרן האָט מען געקאָנט באַמערקן אין אַלע ווינקעלעך. די רוסישע רעגירונג פלעגט גאַנץ אָפט באַקומען פון דער אָכראַנע באַריכטן וועגן דער שטימונג אין פאַרשיידענע קרייזן פון דער ציווי־לער געזעלשאַפט און דער אַרמיי: פון די דאָזיקע באַריכטן האָט זיך גאַנץ לייכט געלאָזט דרינגען, אַז די רעוואָלוציע, אויף וועלכער אַלע וואַרטן, וועט מסתמא אין דער נאָענטסטער צייט אויסברעכן.

ווען בראש פון דער רוסישער מלוכה זאָלן געווען שטיין מענטשן מיט דעם מינדסטן פּאָליטישן פאַרשטאַנד און געפיל פאַר מלוכהשאַפטלעכער פאַר־אַנטוואָרטלעכקייט, וואָלטן זיי געקאָנט ציען די ביי־טיקע קאָנסעקווענצן פון די אַלע געהיימע באַריכטן און ידיעות וועגן די שטימונגען אין לאַנד, וואָס די אָכראַנע פלעגט טאָג־טעגלעך צושטעלן די העכסטע רעגירונגס־לייט. מיט די

קלענסטע הנחות האָט די רעגירונג געקאָנט צוזיען צו זיך די גאַנצע בורזשו=
אַזיע און אויך אַ היבשן טייל פון דער רוסישער אינטעליגענץ, וועלכע איז
געווען געשטימט פּאַטריאָטיש=קריגעריש און גרייט צוליב מלחמה=צוועקן און
„בורג=פרידן" אָפּצוזאָגן זיך פון גרויסע פּאָליטישע פאָדערונגען.

די רוסישע אָנפירנדיקע רעאַקציאָנערע קרייזן, וועלכע האָבן זיך קאָנ=
צענטרירט אַרום דער קייזערין, האָבן אָבער פון קיינע התראות ניט געוואָלט
וויסן און זיינען געבליבן פעסט ביי זייער מיינונג, אַז מ׳טאָר ניט אַרויסווייזן
קיין סימנים פון שוואַכקייט, אַז אַלץ מוז בלייבן ווי געווען, אָן הנחות און אָן
רעפאָרמען.

אָט ביי אַזאַ שטימונג האָט דעם 14 פעברואַר 1917 יאָר נאָך אַ לאַנגער
הפסקה זיך געדאַרפט צונויפקומען די גאָס. דומע. אויף דעם דאָזיקן טאָג
האָט מען געוואַרט מיט גרויס שפּאַנונג, זיך געריכט, אַז די אַרבעטער וועלן
אַרויסגיין דעמאָנסטרירן אויף די פעטערבורגער גאַסן און אַז די דאָזיקע דע=
מאָנסטראַציעס וועלן זיין אַ התחלה פון דער רעוואָלוציע.

די אַלגעמיינע איבערצייגונג, אַז דעם 14 פעברואַר וועט פאָרקומען אַ
רעוואָלוציאָנערע אַרויסטרעטונג, איז געווען אַזוי גרויס, אַז אפילו די בערזע,
דער דאָזיקער שטענדיקער באַראָמעטער פון אַלע געזעלשאַפטלעכע ערשיינונגען,
האָט אין יענעם טאָג פאַרצייכנט אַ גוואַלדיקן קריזיס און אַן אַלגעמיינע ירידה
פון אַלע ווערט=פּאַפּירן. דער דאָזיקער קריזיס איז אָבער באַלד ליקווידירט גע=
וואָרן, ווייל אַחוץ אַ שטרייק פון אַ גאַנץ היבשער צאָל פעטערבורגער פאַבריקן,
איז גאָרנישט געשען; עס זיינען אויך אַריבער נאָך עטלעכע טעג נאָכן 14=טן
און קיין רעוואָלוציע איז ניט פאָרגעקומען, און אויך די אַרבעטער=דעמאָנ=
סטראַציע, וואָס איז באַשטימט געוואָרן אויף דעם 17=טן פעברואַר, האָט זיך
כמעט מיט גאָרנישט געענדיקט.

די רעאַקציאָנערע קליקע האָט נאָך העכער אויפגעהויבן דעם קאָפּ און
נאָך פעסטער זיך אָנגעהויבן צו שפּירן. די בערזע האָט נאָך איר קריזיס ווי=
דער אויפגעלעבט, בפרט אַז דער מיניסטער פּראָטאָפּאָפּאָוו, וואָס האָט געהאַט
גרויסע און נאָענטע פאַרבינדונגען מיט די בערזע=ספערן, האָט פאַקטיש רע=
גולירט די בערזע=אָפּעראַציעס און געווירקט, אַז די בערזע=ספעקולאַציע זאָל
זיך ניט אָפּשטעלן אויף איין רגע און זאָל, אדרבא, אַריינציען נייע און
נייע קרייזן.

די אַפּראָוויזאַציע האָט זיך פון טאָג צו טאָג פאַרערגערט. אַ סך שפּייז=
פּראָדוקטן פלעגן אינגאַנצן אויספעלן און דער יקרות איז געשטיגן פון טאָג צו
טאָג. די לאַגע האָט זיך פאַרשאַרפט אַזוי, אַז אייניקע טעג איז אין פעטערבורג
לחלוטין קיין ברויט ניט געווען; דערהויפּט האָט זיך דער ברויט=מאַנגל געלאָזט
פילן אין די אַרבעטער=קוואַרטאַלן. די גרויסע „עקן" ביי די בעקערייען זיינען
געוואָרן די וויכטיקסטע פּאָליטישע קלובן, וואו די אָפּגעשטאַנענסטע עלעמענטן
פון דער באַפעלקערונג, באַזונדערס די פרויען, פלעגן באַקומען אַ געוויסע רע=

וואָלוציאָנערע ערציאונג, ווייל דאָרט איז געווען גענוג צייט צו באַהאַנדלען פאַרשיידענע פּאָליטישע פראַגן און יעדעס שאַרף וואָרט קעגן דער רעגירונג און באַזונדער קעגן דעם פאַרהאַסטן פּראָטאָפּאָפּאָוו פלעגט דאָרט באַגעגענען די גרעסטע סימפּאַטיעס.

די גאַנצע שולד פאַר דער שלעכטער אַפּראָוויזאַציאָנעלער פּאָליטיק איז געפאַלן נאָר אויף דער רעגירונג, וועלכע האָט דעם גאַנצן אַפּראָוויזאַציאָנעלן אַפּאַראַט ניט אַרויסגעלאָזן פון אירע הענט און ניט געוואָלט ערלויבן, אַז די מוניציפּאַליטעטן, הגם זיי זיינען אויסגעוויילט געוואָרן לויט דעם רעאַקציאָנערסטן וואַל-געזעץ, זאָלן האָבן אַ וועלכע-עס-איז השפעה אויף דער באַזאָרגונג מיט לעבנסמיטלען.

דער איינציגער אָרט, פון וואַנען עס פלעגן זיך הערן קריטיקירנדיקע און אָפּאָזיציאָנעלע שטימען, איז געווען די גאָס. דומע. צו די רעדעס פון די אָפּאָזיציאָנעלע דעפּוטאַטן האָט זיך דאָס גאַנצע לאַנד צוגעהערט מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט. אַלע האָבן געוואוסט, אַז די טעג פון דער דומע זיינען געציילטע, וואָרים עס איז קלאָר געווען, אַז די רעגירונג וועט לאַנג ניט דערלאָזן די אָפּאָזיציאָנעלע קריטיק. די דומע אַליין האָט אויך געלעבט אין אַ טאָפּלטן שרעק: זי האָט מורא געהאַט צו פיל אויפרייצן די רעגירונג, וועלכע קען די דומע גאָר פונאַנדערטרייבן, דערצו נאָך האָט דער פּראָגרעסיווער בלאָק, וועלכער האָט פאַראייניקט די בירגערלעכע פּאַרטייען, נאָך מער געציטערט פאַרן פאָלק און האָט ניט געוואָלט די פאָלקס-מאַסען צורציען אין אַ צו שטאַרקן גייסט פון אָפּאָזיציע און רעוואָלוציע.

נאָר די רעגירונג האָט פאַר קיין זאַך ניט מורא געהאַט. אַדרבא, זי האָט געשטרעבט אַרויסרופן אומרוען, כדי צו דערשטיקן זיי מיט דער גרעסטער אכזריות און שאַפן אַזאַ בלוט-באָד וואָס זאָל אויף לאַנג אָפּשרעקן די פאָלקס-מאַסן, כדי אַזוי אַרום פטור צו ווערן פון דער אָנגעשטרענגטער לאַגע.

אַלע נייטיקע הכנות צו דער בלוט-באָד זיינען געמאַכט געוואָרן נאָך דעם 14-טן פעברואַר. אויף אַ סך ביידעמער זיינען אויפגעשטעלט געוואָרן קוילנשלייַדערס, פון וועלכע רעגירונגס-טרייע פּאָליציאַנטן האָבן געדאַרפט באַשיסן די ערוואַרטע אַרבעטער-דעמאָנסטראַציעס. אין יענעם טאָג איז ניט באַשערט געוואָרן צו באַנוצן זיך מיט אַזעלכע מיטלען, אָבער די רעגירונג איז געווען גרייט אָנצווענדן די נייסטע טעכנישע מיליטערישע מיטלען, כדי אויסצוראָטן יעדן פּרוב פון אויפשטאַנד.

די נאָענטע טעג האָבן באַוויזן, אַז די רעגירונג האָט ניט אומזיסט געמאַכט די הכנות. די גרויסע געשעענישן, אויף וועלכע מען האָט זיך געריכט דעם 14-טן פעברואַר, האָבן ניט לאַנג געלאָזט אויף זיך וואַרטן. זיי זיינען געקומען דעם 23-טן פעברואַר, און פון דער דאָזיקער דאַטע קאָן מען פּאַקטיש

אָנהייבן ציילן די טעג פון דער גרויסער רוסישער רעוואָלוציע, וועלכע האָט גע־עפנט דאָס גרויסע וועלט־בוך פון געשעענישן און איבערקערעניִשן, וואָס איז נאָך ביז היינט ניט געשלאָסן.

---

## III.

די אומרוען און די דעמאָנסטראַציעס האָבן זיך אָנגעהויבן דעם 23־טן פעברואַר אויף דער „וויבאָרגער זייט", ד. ה. אין דעם שטאָט־טייל, וואו דער רוב פון דער באַפעלקערונג זיינען אַרבעטער. דאָרט איז ניט געווען קיין ברויט אין די קראָמען און בעקערייען און די אַרבעטער פון זייער אַ סך פאַבריקן האָבן אַלס פּראָטעסט קעגן דעם ברויט־מאַנגל פאַרשטרייקט. דער שטרייק האָט זיך תּיכף איבערגעוואָרפן אויף די שכנישע שטאָט־טיילן און האָט, לויט די אָפיציעלע ידיעות פון דער אָכראַנע, אַרומגעכאַפּט ביז 50 גרויסע פאַבריקן מיט 87.534 אַרבעטער.

דער שטרייק איז געווען פולקום סטיכיש און די איינציקע פאָדערונג, וואָס די שטרייקנדיקע האָבן אַרויסגעשטעלט, איז געווען: „גיט ברויט". אָבער קיין ברויט האָט די רעגירונג ניט געקאָנט און אפשר אויך ניט געוואָלט געבן. און די אַרבעטער האָבן זיך אַ לאָז געטאָן איבער אַלע פאַבריקן, וועלכע האָבן נאָך ניט געשטרייקט, און אומעטום אַראָפּגענומען די אַרבעטער און אָפּגעשטעלט די אַרבעט. די שטרייקנדיקע האָבן אויך געפּרובט אָפּשטעלן די טראַמווייען און אין פיל ערטער האָט זיך עס טאַקע זיי איינגעגעבן און די אָפּגעשטעלטע טראַמוואַי־באַוועגונג איז געווען דער ערשטער סימן, אַז אין שטאָט קומט פאָר עפּעס אויסערגעוויינלעכס.

די אַרבעטער האָבן זיך אויך אַ לאָז געטאָן אין צענטער פון שטאָט, אויף דעם נעווער פּראָספּעקט, אָבער אויף די בריקן, וואָס טיילן אָפּ די אַרבעטער־קוואַרטאַלן פון צענטער, זיינען שוין באַצייטנס אַוועקגעשטעלט געוואָרן שטאַרקע פּאָליציייִשע און מיליטערישע פּאַטרולן, וועלכע האָבן צעטריבן די דעמאָנסט־ראַנטן און ניט דערלאָזט זיי אַריבערגיין די בריקן. פונדעסטוועגן האָבן טויזנטער אַרבעטער זיך דאָך דורכגעריסן דורך די פּאַטרולן אָדער זיינען אַריבערגעגאַנגען די פאַרפרוירענע נעוואַ און געקומען אויף נעווסקי פּראָספּעקט, אָפּגעשטעלט דאָרט די טראַמוואַי־באַוועגונג און דעמאָנסטרירט.

די פּאָליציי האָט געטריבן די דעמאָנסטראַנטן, אָבער שוין אין דעם ערשטן טאָג האָט מען געקאָנט באַמערקן, אַז די מיליטערישע פּאַטרולן באַ־ציען זיך צו די דעמאָנסטראַנטן להלוטין אַנדערש, ווי די פּאָליציאַנטן, און אַז די סאָלדאַטן ווייזן ניט אַרויס קיין שום חשק צו פירן אַ קאַמף קעגן די אַר־בעטער און צו יאָגן זיי.

ניט קוקנדיג דערויף, וואָס די באַוועגונג האָט תיכּף אָנגענומען אַ מאַסן־כאַראַקטער און וואָס אין די דעמאָנסטראַציעס האָבן זיך באַטייליקט אַ סך טויזנטער אַרבעטער, האָט די פּאָליציי אין משך פון ערשטן טאָג אַרעסטירט סך־הכל 21 מאַן. אַזוי שוואַך האָט זי געאַרבעט, טראָץ דעם, וואָס דעם אייגענעם טאָג זיינען עטלעכע פּאָליציאַנטן פאַרוואונדעט געוואָרן.

די גאַנצע באַוועגונג האָט געטראָגן דעמאָלט אַ צופעליקן כאַראַקטער: די אומלעגאַלע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען זיינען געווען אין אַזאַ נידערגעשלאָגענעם צושטאַנד, אַז זיי האָבן בשום־אופן ניט געקאָנט אָנפירן מיט אַ באַוועגונג, וואָס האָט שוין אין דעם ערשטן טאָג אַרומגעכאַפּט אַ קאָלאָסאַלע צאָל אַרבעטער. דער איינציקער לאָזונג, וואָס איז אין דעם ערשטן טאָג אַרויסגעשטעלט געוואָרן—„ברויט!"— קאָן אויך דינען אַלס באַווייז, אַז קיין פּאָליטישע פּאַרטיי האָט נאָך ניט באַוויזן צו ווירקן אויף דער באַוועגונג און פירן די אַרבעטער־מאַסן אין אַ געוויסן וועג און לויט אַ געוויסן פּלאַן.

אָבער הגם עס האָט געפעלט דער אָנפירנדיקער אָרגאַן, האָט זיך די באַוועגונג דאָך ניט אָפּגעשטעלט און האָט זיך, פאַרקערט, פאַרגרעסערט און פאַרשטאַרקט אין די קומענדיקע טעג.

לויט די אָפיציעלע ידיעות, וואָס די אָכראַנע פלעגט נאָך דעמאָלט רעגולער באַקומען, האָבן דעם 24־סטן פעברואַר געשטרייקט 131 פאַבריקן מיט 158,581 אַרבעטער.

די גאַנצע שטאָט האָט אויסגעזען ווי אַ באַוואָפנטער לאַגער. אין דעם טאָג זיינען פאָרגעקומען די ערשטע בלוטיקע צוזאַמענשטויסן צווישן דער פּאָליציי און דעם פּילטויזנטיקן המון דעמאָנסטראַנטן, וואָס האָט פאַרפלייצט אַלע פּעטערבורגער גאַסן און פּראָספּעקטן. און ווידער האָט זיך געלאָזט מערקן אַ מערקווירדיקע ערשיינונג: די מיליטערישע פּאַטרולן האָבן זיך געהאַלטן כמעט נייטראַל און גאָר ניט בדעה געהאַט צו שיסן אין די דעמאָנסטראַנטן. אין אָוונט האָט זיך די דעמאָנסטראַציע־באַוועגונג אַ ביסל אָפּגעהאַלטן. דערפאַר אָבער האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן אַן אויסערגעוויינלעכע און וואונדערלעכע ערשיינונג: די פּאָליציאַנטן זיינען פאַרשוואונדן געוואָרן; אויף די פּאָליצײ־פּאָסטנס, וואו עס פלעגן סײ זומער סײ ווינטער, אין די גרעסטע היצן און אין די גרעסטע קעלטן, תמיד שטיין די באַרימטע גאָראָדאָוואָיעס, איז איצט קיינער ניט געווען. אַלע גאַסן זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין פּאָליטישע קלובן, וואו טויזנטער מענטשן האָבן אָפּן און מיט גרויס דרייסטקייט באַהאַנדלט די גרויסע געשעענישן, וואָס שפּילן זיך אָפּ פאַר אַלעמען אין די אויגן.

כאַראַקטעריסטיש פאַר יענע אויסטערלישע טעג איז געווען, וואָס צוזאַמען מיט אַרבעטער און בכלל ציווילע מענטשן האָבן אין די דאָזיקע פלוג־מיטינגען אַ גאַנץ לעבעדיקן אָנטייל גענומען אויך אַ סך סאָלדאַטן, וועלכע פלעגן זיך קלאָגן אויף זייער שלעכטער לאַגע, אויף דער שווערער דיסציפּלין,

אויף דער אכזריות פון די אָפּיצערן און אויף דעם הונגער, וואָס זיי, די פּאַר־טיידיקער פונם לאַנד, מוזן ליידן.

די דאָזיקע גאַסן־מיטינגען האָבן געשאַפן אַ צוזאַמענבונד צווישן די סאָלדאַטן און דעם ציווילן המון, און אויף מאָרגן, דעם 25־טן פעברואַר, האָט מען שוין געקאָנט געבן אַ תשובה אויף דער פראַגע, ווער וועט מנצח זיין אין דעם איצטיקן פאָלקס־אויפשטאַנד.

אין דעם טאָג האָט די באַוועגונג אויף די גאַסן אָנגענומען נאָך אַ גרע־סערן מאַסשטאַב. די גאַסן, דערהויפּט די צענטראַלע, זיינען געווען געדיכט באַדעקט מיט מענטשן, וועלכע האָבן אָן אַן אויפהער דעמאָנסטרירט. די פּאָלי־ציי האָט זיך געפּרובט שטעלן קעגן די דעמאָנסטראַנטן, אָבער די לעצטע זיינען געווען דרייסטער און עזותדיקער און אַ סך פּאָליציאַנטן זיינען אַנטוואָפנט געוואָרן און איינציקע פּאָליציי־באַאַמטע זיינען זאָגאַר שווער פאַרוואונדעט גע־וואָרן.

אין דעם טאָג איז אויך קלאָר געוואָרן, אַז די מיליטערישע מחנות, וועל־כע די מאַכט האָט געפּרובט אַרויסשיקן קעגן די דעמאָנסטראַנטן, וועלן ניט באַנוצן זיך מיט געווער קעגן דעם המון און אַז אין בעסטן פאַל וועלן זיי בלייבן נייטראַל. אַפילו די קאָזאַקן, וועלכע זיינען תמיד געווען די ערשטע אין קאַמף קעגן די פאַרשיידענע רעוואָלוציאָנערע אַרויסטרעטונגען, זיינען די טעג אויך געבליבן נייטראַל און האָבן ניט געפּרובט צעטרייבן דעם המון און אין איינציקע פאַלן האָבן די קאָזאַקן אַזוי פריינדלעך און געמיטלעך געשמועסט מיט די דעמאָנסטראַנטן, אַז מן הצד האָט מען געקאָנט מיינען, אַז דאָס זיינען ניט קיין צוויי קעמפנדיקע צדדים. נאָר צוויי גרופּעס פון איין גרויסער דעמאָנ־סטרירנדיקער מאַסע.

די פּאָליציי, וואָס האָט גלייך אָפּגעשאַצט די ביז דאַן אומגעהערטע ער־שיינונג, האָט תיכף געצויגן דערפון די נייטיקע קאָנסעקווענצן. אין אַלע פּאָ־ליציי־צירקלען האָט זיך אָנגעהויבן אַ גרוואַלדיקע מהומה און אַלע באַאַמטע האָבן קודם־כל גענומען זאָרגן פאַר זיך אַליין און האָבן אָנגעהויבן צו לויפן פון די צירקלען מיט אַזאַ איספּעט, אַזוי ווי דאָרט וואָלטן זיך געפונען דזשומע־קראַנקע.

אין די פּאָליציי־צירקלען, וואָס אין משך פון גאַנצן מעת־לעת האָט זיך דאָרט קיינמאָל ניט אָפּגעשטעלט די אַרבעט, איז פּלוצלונג געוואָרן פּוסט און וויסט און: אַחוץ די פּעק פּאַפּירן איז דאָרט קיין זאַך ניט פאַרבליבן. די פּאָ־ליציי איז אָבער ניט פאַרשוואונדן, נאָר זי האָט זיך אָנגעהויבן גרייטן צו נייע קאַמפּס־מעטאָדן, וועלכע האָבן זיך אינגיכן געלאָזט גאַנץ גוט פילן.

פון דער אַנדער זייט האָט זיך אָנגעהויבן צו מערקן, אַז די גרויסע פּאָלקס־מאַסן, וואָס זיינען פּולקום סטיכיש אַרויס אויף דער גאַס צו פּראָטע־סטירן, האָבן שוין ערגעץ־וואו באַקומען אָנפירער, וועלכע שטרעבן כאָטש וויפל עס איז פירן די מאַסן פּלאַנמעסיק און אין אַ געוויסן צוים.

עס האָבן זיך שוין אָנגעהויבן הערן, נייע לאָזונגען און אַזעלכע פאָדע־רונגען, ווי „נידער מיט דער רעגירונג" און אפילו „נידער מיט דער מלחמה!"

אָבער אויב צווישן די דעמאָנסטראַנטן און פאָלקס־מאַסן האָט זיך אָנגע־הויבן צו מערקן אַ געוויסע פּלאַנמעסיקייט און אַן אָנפירנדיקער צענטער, האָט דער צווייטער צד, די רעגירונג, פון מינוט צו מינוט פאַרלאָרן איר גאַנצע קראַפט, ענערגיע און אָרגאַניזאַציאָנעלן אַפּאַראַט.

קאָנטיק איז געווען, אַז מען הייבט אָן צו אַנטלויפן פון אַלע וויכטיקסטע רעגירונגס־אינסטיטוציעס ווי פון אַ שיף, וואָס האַלט ביים אונטערגיין. אַלע באַ־אַמטע זיינען געווען אַזוי ווייניק פּאַטריאָטיש געשטימט און אַזוי ווייניק טריי דעם רעזשים, וועלכער האָט זיי געשפּייזט, אַז ביי דער ערשטער סכנה האָבן זיי געלאָזט אים זינקען און געזוכט מיטלען זיך אַליין צו ראַטעווען.

געבליבן אים טריי זיינען נאָר יענע פּאָליציי־גרופּעס, וועלכע זיינען גע־ווען באַהאַלטן אויף די ביידעמער מיט ביקסען און קוילנשליידערס, הגם פאַר די אַלע, וואָס זיינען געווען אויף די גאַסן, איז קלאָר געוואָרן, אַז דער נצחון וועט האָבן דאָס פאָלק און ניט די רעגירונג. דווקא אין דעם טאָג פון 26־טן פעברואַר האָבן די פּאָליציי־גרופּעס אָנגעהויבן צו באַשיסן פון זייערע פאַרבאָר־גענע לעכער די גאַסן, וועלכע זיינען געווען באַדעקט מיט מענטשן, וועלכע האָבן דעמאָנסטרירט, אָדער וועלכע זיינען צוליב נייגעריקייט סתּם געווען אויף די גאַסן, וואָרים אין יענע היסטאָרישע טעג האָט קיינער ניט געקאָנט פאַר־בלייבן רואיק ביי זיך אין שטוב.

בעת דער פּעטערבורגער עולם איז דעם 26־טן פעברואַר אינדערפרי אַרויס אויף די גאַסן, האָט ער געקאָנט באַמערקן אויף אַלע ווענט אַ גרויסע מודעה פון דעם גענ. כאַבאַלאָוו, וועלכער האָט מודיע געווען דער באַפעלקע־רונג, אַז דאָס מיליטער האָט באַקומען אַ באַפעל באַנוצן זיך אין דער ברייט־סטער מאָס מיט געווער, כדי צו מאַכן אַ סוף מיט די אומרוען און דעמאָנ־סטראַציעס.

דער נוסח און דער טאָן פון דער דאָזיקער גענעראַלישער פּראָקלאַמאַציע האָט שטאַרק דערמאָנט דעם באַרימטן „פּריקאַז" פון גענ. טרעפּאָוו אין יאָר 1905, די סאָלדאַטן זאָלן ניט קאַרגן קיין קוילן.

עס איז קלאָר געוואָרן, אַז דער טאָג וועט מוזן ברענגען צו וויכטיקע און אַנטשלאָסענע רעזולטאַטן און אַז די רעגירונג האָט באַשלאָסן אָנצונעמען די לעצטע מיטלען, כדי צו דערשטיקן די פאָלקס־באַוועגונג, וועלכע האָט זיך שוין צו ברייט צעגאָסן.

די פראַגע איז געווען, ווי אַזוי די גרויסע סאָלדאַטן־מאַסן וועלן זיך באַ־ציען צו דעם נייעם שטרענגען באַפעל. פון דער האַלטונג פון די סאָלדאַטן און קאָזאַקן אין די פאַריקע טעג האָט מען געקאָנט דרינגען, אַז דער דאָזיקער באַפעל וועט מסתמא ניט אויסגעפירט ווערן, אָבער פעסט איבערצייגט אין דעם איז קיינער ניט געווען. מען האָט מורא געהאַט, אַז אין דער לעצטער

מינוט, ווען אַלץ וועס געשטעלט ווערן אין קאָן, וועט סוף=כל=סוף גובר זיין די מיליטערישע דיסציפּלין, וועלכע האָט שוין אַזוי פיל מאָל אַריבערגעוואויגן דעם שכל און די מענטשלעכע געפילן פון דעם רוסישן פויער און אַרבעטער, ווען ער איז נאָר געווען געקליידט אין אַ סינעל.

פון איניקע פאַסירונגען, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין דעם טאָג, האָט מען אָבער געקאָנט דרינגען, אַז כאַבאַלאָווס שטרענגע התראות און סטראַשונגען וועלן בלייבן נאָר אויפן פּאַפּיר און אַז עס איז לחלוטין נאָך ניט באַוואוסט, וועמען עס קאָנען טרעפן די קוילן, וועלכע געפינען זיך ביי די סאָלדאַטן אין די הענט.

אויף זנאַמענסקער פּלאַץ איז פאָרגעקומען דער ערשטער פאַל, ווען אַ קאָזאַקן=אָפיציר האָט דערשאָסן אַ פּאָליציי=פּריסטאַוו אויף די אויגן פון אַ פילטויזנטיקן המון.

אָן אַ שיעור לעגענדעס זיינען דעמאָלט דערציילט געוואָרן וועגן דעם דאָזיקן פאַקט, און הגם די סיבות, וועלכע האָבן אַרויסגערופן דעם דאָזיקן שאָס, זיינען ניט אַזוי וויכטיק, אָבער געוויזן האָט ער, אַז די הויפּט=קראַפט, אויף וועלכער די רעגירונג פלעגט זיך תמיד שטיצן אין איר קאַמף מיט די רעוואָלוציאָנערע פאָלקס=מאַסן, איז איצט אַוועק פון איר.

דער דאָזיקער צופאַל איז ניט געווען דער איינציקער. אין גיכן זיינען פאָרגעקומען נאָך וויכטיקערע געשעענישן. אין דעם זעלבן טאָג איז פאָרגעקומען אַ באַוואָפנטער צוזאַמענשטויס צווישן סאָלדאַטן און פּאָליציאַנטן, און דערביי זיינען איניקע פּאָליציאַנטן דערהרגעט און פאַרוואונדעט געוואָרן.

די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג האָט אָנגעשטעקט אויך די סאָלדאַטן, און דער וואָלינער גוואַרדיע=פּאָלק איז דער ערשטער אַרויסגעטראָטן אָפן קעגן די אָפיצירן און האָט זיך באַנוצט מיט דעם געווער, כדי צו שטיצן די אַרבעטער אין זייער קאַמף און צו העלפן זיי באַוואָפענען זיך.

דער קאַמף האָט שוין טאַקע אָנגענומען אין דעם טאָג די שאַרפסטע פאָרמען:

די פּאָליציי גרופּעס, וועלכע האָבן ביז איצט ניט אַרויסגעוויזן זייערע מלחמה=אינסטינקטן, האָבן אָנגעהויבן צו באַשיסן די מאַסן מיט קוילנשלייַדערס פון די ביידימער, פון די גלאָקנטורעמס און פון די דעכער. די פּעטערבורגער גאַסן זיינען געוואָרן אמתע שלאַכט=פעלדער, וואו מען באַנוצט זיך מיט די נייסטע טעכנישע מלחמה=מיטלען, אַבי נאָר גובר צו זיין דעם שונא. אַזעלכע האָגלען פייער פליען, פאַרשטייט זיך, אַרויסרופן אַ מהומה צווישן דער באַפעלקערונג, וועלכע האָט דעמאָלט פאַרבראַכט גאַנצע טעג אויף די גאַסן, אָבער די שטימונג צווישן די פרידלעכסטע מאַסן איז געווען אַזאַ, אַז ניט קוקנדיק אויף די שיספייען, וועלכע זיינען נאָך געווען שרעקלעכער דערמיט, וואָס קיינער האָט ניט געזען די שיסער און ניט געוואוסט, פון וואַנען מען גיסט מיט פייער, זיינען

די גאַסן געבליבן געפּאַקט מיט מחנות מענטשן, וועלכע האָבן ניט געקאָנט רואיק
איינזיצן אין די הייזער.

אַזוי איז צריבער אַ גאַנצער טאָג. די שלאַכט האָט געדויערט, עס זיינען
געפאַלן קרבנות, אָבער אויך די נאַכט האָט קיין רו ניט געבראַכט.

אין אָוונט האָבן זיך אויף די גאַסן געוויזן מיליטערישע אויטאָמאָבילן,
געפּאַקט מיט באַוואָפנטע, וועלכע פלעגן אויף יעדן ראָג און ביי יעדער גרופּע
מענטשן אָפּשטעלן זיך און האַלטן רעדעס צום המון און רופנדיק אים צו רע-
וואָלוציאָנערע מעשים און באַוואָפנטע אַרויסטרעטונגען.

די אויטאָמאָבילן און די עפנטלעכע אַרויסטרעטונגען זיינען שוין געווען
אַ רעזולטאַט פון דעם ערשטן מיליטערישן אויפשטאַנד. די צעבונטעוועטע סאָל-
דאַטן האָבן צעטיילט דאָס געווער צווישן די אַרבעטער און אויסגענוצט די
מיליטעריש-אויטאָמאָבילן צו באַוועגלעכער אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע. די גע-
שעענישן האָבן שוין אָנגענומען אַ גראַנדיעזן כאַראַקטער. איצט האָט זיך געפאָ-
דערט נאָר אַ צענטער, וואָס זאָל פאַראייניקן אַרום זיך דאָס פאָלק, כדי דער
נצחון איבער דער זעלבסטהערשנדיקער רעגירונג זאָל זיין געזיכערט און
באַפעסטיקט.

אַזאַ צענטער האָט ביי די דעמאָלדיקע באַדינגונגען געקאָנט געשאַפן ווערן
נאָר אין אָדער אַרום דער גאָס. דומע

IV.

בעת עס האָבן זיך אָנגעהויבן די אומרוען אין פּעטערבורג און דער
המון איז אַרויס אויף דער גאַס, איז די גאָס. דומע געבליבן אָן אַ זייט, הגם
די גאַנצע באַוועגונג איז אומבאַוואוסטזיניק און אפשר קעגן דעם ווילן פון די
דומע-דעפּוטאַטן אויסן געווען צו פאַרטיידיקן די דומע און אירע פאָדערונגען.
ווי געזאָגט, האָבן די בירגערלעכע עלעמענטן פון לאַנד ניט געהאַט צו פיל
חשק אַרויסצורופן פאָלקס-באַוועגונגען און האָבן זיך שטאַרק געשראָקן פאַר
רעוואָלוציאָנערע שטראָמען. פון דער צווייטער זייט אָבער האָבן אַלע מעסיקע
עלעמענטן פאַרשטאַנען גאַנץ גוט, אַז די ביוראָקראַטיע און די הויף-קליקע,
וועלכע האָט זיך קאָנצענטרירט אַרום דער קייזערלעכער פּאָר, וועט אויף קיין
הנחות ניט גיין, כל זמן דער חלק פון דער רעוואָלוציע וועט ניט ליגן זיי
אויפן האַלז.

די גאָס. דומע האָט געפילט איר שוואַכע פּאָזיציע, און ווען אַלע אָפּאָ-
זיציעס צום שכל און צום פּאַטריאָטיזם פון די הויפלייט האָבן ניט געהאַט קיין
ווירקונג, האָט זיך די דומע געמוזט ווענדן צום פאָלק, אויב ניט דירעקט דורך
אויפרופן, ווי די ערשטע גאָס. דומע, איז דורך אָפּאָזיציאָנעלע אַרויסטרעטונגען.

די אַלע רעדעס, וואָס פלעגן געהאַלטן ווערן פון דער דומע־טריבונע, זיינען געווען דער בעסטער מיטל צו רעוואָלוציאָניזירן די פאָלקס־מאַסן, צו וועלכע עס האָט ניט געקאָנט צוקומען קיין אַנדער פריי פּאָליטיש וואָרט צוליב די אומגעהייער־שווערע פּאָליציייאישע באַדינגונגען.

די גאָס. דומע האָט געמוזט רעאַגירן אויף אַלע מוטוויליקייטן פון דער רעגירונג, ווייל ערשטנס איז דאָס געווען אַ באַזונדערס פּאַסיקער מיטל צו באַווייזן, ווי אַזוי די רעגירונג איז ניט אימשטאַנד צו פירן די מאַכט אין אַזאַ פאַראַנטוואָרטלעכער מלחמה־צייט, און צווייטנס האָט די דומע פאַרשטאַנען, אַז נאָר ווען די פאָלקס־מאַסן וועלן אַרויסגיין פון זייער אינערטן שטיל־שווייגן און בולט אַרויסווייזן זייער אומצופרידנקייט, וועט זיך אפשר די רעגירונג דערשרעקן און גיין אויף געוויסע הנחות.

אָבער ווען די פּעטערבורגער אַרבעטער האָבן פאַרשטרייקט און זיינען אַרויס אויף די גאַסן מיט רעוואָלוציאָנערע לאָזונגען און פאָדערונגען, האָט זיך די דומע דערשראָקן פאַר דעם שטן, וואָס זי האָט אַליין כּלומרשט אַרויסגערופן.

דער פּראָגרעסיווער בלאָק פון דער דומע, וואָס האָט פאַראייניקט אַלע דומע־פראַקציעס פון די אָקטיאַבריסטן און נאַציאָנאַליסטן ביז די קאַדעטן, האָט זיך צעשפּאָלטן, און אין דער צייט, ווען אויף די גאַסן זיינען פאָרגעקומען די גרויסע דעמאָנסטראַציעס און ווען די אַרמיי־מאַסן האָבן דייטלעך אַרויסגעוויזן, אויף וועמעס צד זיי זיינען גרייט זיך צו שטעלן, האָבן די פאַרשיידענע דומע־פראַקציעס זיך געישובט און געהאַלטן עצות, אָבער קיין פּלענאַרע זיצונג פון דער דומע האָבן זיי ניט צונויפגערופן, ווייל אויף אַזאַ זיצונג וואָלט די דומע געמוזט פאַרנעמען אַ באַשטימטע פּאָזיציע — אָדער אַוועקשטעלן זיך בראש פון דער באַוועגונג, ווי עס האָבן פאָרגעלייגט די לינקע דומע־פראַקציעס, אָדער ריזיקירן צו פאַרלירן די גאַנצע פּאָפּולאַריטעט, וואָס די דומע האָט צו יענער צייט באַקומען צוליב אירע סיסטעמאַטישע אַרויסטרעטונגען קעגן דער רעגירונג.

די קאַדעטן זיינען געווען נוטה אויף ענערגישע טריט, אָבער די רעכטע פראַקציעס — די אָקטיאַבריסטן און נאַציאָנאַליסטן האָבן נעטענהט, אַז די לאַגע איז אַזאַ געפערלעכע און אָנגעשטרענגטע, אַז מען קאָן זיך ניט ערלויבן צו מאַכן דער רעגירונג אָנפראַגעס, ווייל זי קאָן נאָך, חלילה, די גאַנצע דומע צעטרייבן.

דערווייל איז די לאַגע אויף די גאַסן מיט יעדער מינוט געוואָרן אַלץ קלאָרער און קלאָרער און צום 26־טן פעברואַר איז שוין כּמעט קיין ספק ניט געווען, אַז די אַרמיי וועט גיין צוזאַמען מיט דעם רעוואָלוציאָנער פאָלק.

די פּאָליציי־מאַכט האָט עס די ערשטע פאַרשטאַנען און די גראַדאָנאַטשאַלסטוואָ, וואו עס האָט זיך קאָנצענטרירט דער גאַנצער פּאָליצייאישער אַפּאַראַט, איז שוין צום 26 געוואָרן פוסט און וויסט און אַלע באַאַמטע זיינען

טאַוורישער פּאַלאַץ



דער צענטער פון דער פעברואַר-רעוואָלוציע.



פּאַװעל מיליוקאָװ



אַלעקסאַנדר גוטשקאָװ



מיכאַאיל ראָדזיאַנקאָ

פון דאָרט זיך צעלאָפן און געזוכט אַ זיכערן אָרט, פון וואַנען די העכערע פּאָ־ליציי־באַאַמטע זאָלן קאָנען אָנפירן ווייטער דעם קאַמף קעגן די מאַסן.

אָבער ווען אויף די פּעטערבורגער גאַסן האָט זיך פאַרגאָסן בלוט, האָט די גאָס. דומע מער ניט געקאָנט בלייבן אָן אַ זייט און האָט געמוזט אַרויסזאָגן איר באַציאונג צו די גראַנדיעזע געשעענישן. דער פּראָגרעסיווער בלאָק נעמט דע־מאָלט אָן אַ רעזאָלוציע, אַז אַ רעגירונג, וואָס האָט פאַרפלעקט אירע הענט מיט דעם בלוט פון פאָלק, דאַרף זיך מער ניט ווייזן אין דומע. די גאָס. דומע רייסט־איבער אויף שטענדיק אירע באַציאונגען מיט אַזאַ רעגירונג.

אַז די לאַגע איז געפערלעך, האָט מען אויך גאַנץ גוט פאַרשטאַנען אין צאַרסקאָיע סעלאָ, און דעם 26־טן טעלעגראַפירט די קייזערין צו ניקאָלײַ II, אַז אין שטאָט איז זייער אומרואיק און אַז זי אַליין איז אויך שטאַרק בעטראָגן צוליב די געשעענישן אין פּעטערבורג.

אויך דער פאָרזיצער פון דער גאָס. דומע, ראָדזיאַנקאָ, שיקט אַ טעלע־גראַמע צום קייזער אין מאָהילעוו, וואו עס איז געווען די הויפּט־קוואַרטיר, און איז אים מודיע: „די לאַגע איז ערנסט. אין פּעטערבורג הערשט אַ אַנאַרכיע. עס איז נייטיק תּיכף צו באַפולמעכטיקן אַ פּערזאָן, וואָס האָט דעם צוטרוי פון לאַנד, אַז ער זאָל קאָנסטרואירן אַ נייע רעגירונג".

אָבער די דאָזיקע טעלעגראַמעס האָבן ווייניק געווירקט אויף דעם קיי־זער. אָנשטאָט אָנצוכאַפּן זיך פאַר דער האַנט, וואָס ראָדזיאַנקאָ האָט אים אויסגע־שטרעקט, האָט דער קייזער געענטפערט מיט אַן אַלערהעכסטן אוקאַז, אַז די דומע ווערט פונאַנדערגעלאָזן.

עס איז פריער אויך קלאָר געווען, אַז מען קאָן גאָרנישט ערוואַרטן פון קייזער, וועלכער וועט אויף קיין הנחות ניט גיין, דאָך האָבן די בירגערלעכע קרייזן, וועלכע האָבן זיך קאָנצענטרירט אַרום דעם פּראָגרעסיוון בלאָק פון דער גאָס. דומע, ביז דער לעצטער מינוט ניט געוועלט זיך אָנטזאָגן פון דער אילוזיע, אַז אפשר וועט נאָך מיגלעך זיין מיט געוויסע רעפאָרמען פון אויבן אויסמיידן די רעוואָלוציע פון אונטן, פאַר וועלכער זיי האָבן זיך שטאַרק געשראָקן און וועלכע האָט צו יענעם מאָמענט שוין אָנגענומען גאַנץ קאָנקרעטע פאָרמען.

דער ערשטער מאָמענט, ווען די גאַנצע באַוועגונג האָט געטראָגן אַן אויסשליסלעך סטיכישן כאַראַקטער, איז שוין געווען פאַרביי. די רעוואָלוציאָנע־רע פּאַרטיי־קרייזן זיינען אפילו געווען צו שוואַך אָנצופירן מיט אַזאַ אומגעריכ־טער מעכטיקער באַוועגונג, דאָך איז זיי געלונגען צו ווירקן אויף די מאַסן, זיי זאָלן אַרויסשטעלן וואָס רעוואָלוציאָנערע לאָזונגען. די פאָדערונג „נידער מיט דער מלחמה!" האָט געקלונגען אַלץ העכער און דווקא די דאָזיקע פאָדע־רונג האָט מער ווי אַלץ געשראָקן די גאָס. דומע, וועלכע איז געווען געשטימט העכסט פּאַטריאָטיש און קריגעריש און איר גאַנצע אָפּאָזיציאָנעלקייט האָט זי־

געקומען דערפון, וואָס די רעגירונג פירט שלעכט די מלחמה און קאָן ניט ברענגען צו אַ נצחון.

עס איז דעריבער ניט קיין וואונדער, וואָס ראָדזיאַנקאָ האָט ווידער גע־פרובט ווירקן אויף דעם קייזער, אַז ער זאָל ברעכן זיין עקשנות און זאָל אַרויסווייזן אַ וואונטש צו גיין אויף הנחות:

„די לאַגע ווערט ערגער. מען מוז תיכף אָננעמען מיטלען, ווייל מאָרגן איז שוין זיין שפּעט. עס איז געקומען די לעצטע שעה, ווען דער גורל פון פאָטערלאַנד און דער דינאַסטיע ווערט געשלאָסן!" האָט טעלעגראַפירט ראָדזיאַנ־קאָ פון פּעטערבורג צום קייזער.

פון צאַרסקאָיע סעלאָ, פון דער קייזערין, האָט מען אויך געשיקט אַזעל־כע וואָרנענדיקע טעלעגראַמעס.

„די רעוואָלוציע האָט זיך מוראדיק פאַרשפּרייט", טעלעגראַפירט די קייזערין און מיט עטלעכע שעה שפּעטער שיקט זי ווידער אַ טעלעגראַמע: „עס זיינען נייטיק הנחות", אָבער עס איז שוין געווען צו שפּעט. ווען ניקאָלאַי II זאָל שוין אפילו זיין גרייט אויף הנחות, וואָלט עס שוין אויך ניט געהאָלפן. אָבער אין אַ צייט, ווען יעדע רגע איז געווען אומגעהייער וויכטיק, לאָזט זיך ניקאָלאַי פאָרן קיין פּעטערבורג, כדי דאָרט צוזאַמען מיט דער קייזערין זיך מיישב זיין וועגן דער לאַגע. אָנצוקומען אַהין האָט ער שוין אָבער ניט באַוויזן, די רעוואָלוציע האָט שוין דאָרט געפייערט איר פולן נצחון.

איין פאָלק נאָך דעם צווייטן זיינען מיטן גאַנצן געווער אַריבערגעגאַנגען צו די פאָלקס־מאַסן. אַלע אַרסענאַלן און געווער־סקלאַדן האָבן זיך געעפנט, און ווער עס האָט נאָר געוואָלט, האָט געקאָנט באַקומען ביקסן און שווערדן צו קעמפן קעגן שונא, וועלכער האָט פאַקטיש שוין כמעט ניט עקסיסטירט.

אַלע פּאָליציי־צירקלען, פון וואַנען די באַאַמטע זיינען אַנטלאָפן, האָבן געברענט, די טורמעס און אויך די פּעטראָפּאַוולאָווסקער פעסטונג זיינען גע־עפנט געוואָרן און אַלע אַרעסטירטע זיינען באַפרייט געוואָרן. די אָכראַנקע, די הויפּט־פעסטונג פון דער רעגירונג, איז אויך אונטערגעצונדן געוואָרן און דער גאַנצער בנין פון דער זעלבסטהערשונג, וואָס האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ אומגעהייער־גרויסער מעכטיקער קראַפט, איז כהרף־עין חרוב געוואָרן אַזוי, אַז פון אים איז קיין שריד ופליט ניט געבליבן.

אמת, אויף די דעכער און אויף די ביידימער זיינען נאָך וואו־ניט־וואו געבליבן פאַרשטעקט פּאָליציאַנטן מיט קוילנשליידערס, וועלכע פלעגן נאָך פון צייט צו צייט באַשיסן די גאַסן, אָבער עס איז שוין געווען קלאָר פאַר אַלע־מען, אַז דער שטרייט איז געענדיקט און די גאַנצע מאַכט איז אַריבער אין די הענט פון פאָלק.

די פּעטערבורגער גאַסן האָבן דעמאָלט געהאַט אַ וואונדערבאַרן אויסזען. ניטאָ קיין טראַמוואַיען, ניטאָ קיין דראָשקעס, נאָר טויזנטער מענטשן, סאָלדאַטן אין ציווילע, פאַרפילן די שטאָט. עס טראַגט זיך אַווטאָמאָבילן, פון וועלכע מען

וואַרפט טויזנטער עקזעמפלאַרן פון די „ידיעות פון זשורנאַליסטן־קאָמיטעט", וועלכע פלעגן דעמאָלט ערשיינען אָנשטאָט אַלע פעטערבורגער פאַרשטרייקטע צייטונגען. די דאָזיגע ידיעות האָבן זיך געדרוקט אין אַלע צייטונגס־דרוקערייען אין אַ אומגעהייער־גרויסן צאָל עקזעמפלאַרן, דאָך אָבער האָבן זיי ניט געקאָנט אָנזע־טיקן דעם עולם, וועלכער איז געווען שרעקלעך להוט נאָך נייס.

אויף די גאַסן האָט געהערשט אַ מאָדנע ברידערלעכע שטימונג, עס איז פאַרשוואונדן געוואָרן די פעטערבורגער קאַלטקייט און פרעמדקייט, דער אונ־טערשייד צווישן רייכע און אָרימע, צווישן ייד און קריסט. אַלע זיינען געוואָרן באַפריינדעט און אַלע זיינען געוואָרן חברים. די ווערטער „הערר" (גאָספּאָדין) האָט מען מער ניט געהערט. אָנשטאָט דעם האָבן תּיכּף באַקומען די גרעסטע פאַרשפּרייטונג די טערמינען: „חבר און בירגער".

די סאָלדאַטן פון פאַרשיידענע פּאָלקן האָבן זיך אויסגעמישט צווישן זיך און צווישן דעם ציווילן המון. איבערן גאַס פלעגן זיך פון צייט צו צייט באַווייזן אַווטאָמאָבילן, פון וואַנען אומבאַקאַנטע מענטשן, ציווילע אָדער סאָלדאַטן, פלעגן געבן באַפעלן, וואָס דער עולם פלעגט מיט דער גרעסטער גרייטקייט תּיכּף אויספירן.

דער פּאָלקס־צאָרן קעגן דער פּאָליציי איז געווען אומגעהייער גרויס. די סיבּה דערפון איז געווען ניט נאָר, וואָס די פּאָליציאַנטן האָבן די לעצטע טעג באַנוצט זיך צום ערשטן מאָל מיט אַזאַ מיטל, ווי צו שיסן אויף אומבאַוואָפנטע פּאָלקס־מאַסן פון פאַרבאָרגענע ערטער מיט קוילן־שליידערס,—דער דאָזיקער צאָרן איז געווען אַ פּועל־יוצא פון דער פיליאָריקער שנאה פון די רוסישע פּאָלקמאַסן צו אַלע פּאָליציי־לייט, פון וועלכע די באַפעלקערונג האָט זיך אַזוי פיל אָנגעליטן.

עס איז דעריבער צו בעוואונדערן, וואָס עס זיינען דעמאָלט געפאַלן אַזוי ווייניק קרבנות פון די פּאָליציי־לייט. דער המון האָט מיט אַ באַזונדער פלייס באַמיט זיך צו פאַרברענען אַלע פּאָליציי־בנינים מיט אַלע פּאַפּירן און דאָקומענטן, אַפילו מיטן מעבל, עס זאָל קיין זכר ניט בלייבן פון די פאַרהאַסטע און דורך גאַנצע דורות פאַרשאָלטענע אינסטיטוציעס. דערהרגעט געוואָרן זיינען נאָר איייניקע פּאָליציי־באַאַמטע; דאָס רוב זיינען זיי אָפּגעקומען בלויז מיט אַרעסט; אין דער זעלבער צייט זיינען אויך אַרעסטירט געוואָרן אַלע מיניסטאָרן און אַ סך העכסטע באַאַמטע און ביוראָקראַטן. די דאָזיקע הויכגעשטעלטע אַרעסטירטע האָט מען געבראַכט אין טאַורישן פּאַלאַץ, וואו עס איז געווען די גאָס. דומע און וואו עס האָט זיך געשאַפן דער צענטער, וועלכער האָט צוגעצויגן די אויפ־מערקזאַמקייט פון דער גאַנצער באַפעלקערונג. דאָרט האָט אויך געמוזט אָרגאַ־ניזירט ווערן דער נייער מלוכה־אַפּאַראַט אָנשטאָט דעם אַלטן, וועלכער איז פולקום חרוב געוואָרן אין משך פון עטלעכע טעג.

## V.

דער סאַודישער פּאַלאַץ איז דעמאָלט טאַקע געווען דער איינציקער אָרט, וועלכער איז געווען אַלעמען באַקאַנט און וואוהין עס פּלעגן זיך ווענדן אַלע פּאָלקן, ווען זיי זיינען אויפגעשטאַנען קעגן דער אַלטער מאַכט, ווי אויך די פאַרשיידענע ברייטע שיכטן פון דער באַפעלקערונג, וועלכע זיינען אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.

די מערהייט פון דער גאָס. דומע איז קעגן אייגענעם ווילן אַריינגעצויגן געוואָרן אין דעם שטראָם פון דער רעוואָלוציע, פאַר וועלכער זי האָט אַזוי מורא געהאַט; אָבער די געוואַלדיקע היסטאָרישע געשעענישן, וועלכע האָבן זיך אָפּגעשפּילט מיט אַזאַ בליץ־שנעלקייט, זיינען געווען פיל שטאַרקער פון אַלערליי סימפּאַטיעס און וואונטשן פון דער אָדער יענער גרופּע.

די אומבאַהאָלפנקייט פון דער גאָס. דומע פון איין זייט און די אָפּוועזנ־קייט פון די לינקע, רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען, וועלכע האָבן דעמאָלט כמעט ניט עקסיסטירט. פון דער אַנדער זייט, האָבן געשאַפן אין די ערשטע טעג אַ בילד פון אַ פולקומער אומאָרדענונג, פון אַ כאַאָטישער סטיכיע.

אָבער ביסלעכווייז האָבן פון דעם דאָזיקן כאַאָס זיך אָנגעהויבן אויסצו־קריסטאַליזירן באַשטימטע גרופּן, מיינונגען און שאַטירונגען. דער בנין פון דער גאָס. דומע, וואָס איז פון 26־טן פעברואַר פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מיטינג, וועלכער האָט געדויערט 24 שעה אין מעת־לעת און אין וועלכן ס'האָבן אָנטייל גענומען טויזנטער און צענדליקער טויזנטער, סאָלדאַטן, אַרבע־טער און סתם בירגער, האָט פיל מיטגעהאָלפן אויסצוקריסטאַליזירן ביסלעכווייז די געזעלשאַפטלעכע מיינונג און האָט אין דער זעלבער צייט אויך געוואַלדיג געווירקט אויף די שטימונגען פון דער גאָס. דומע גופא. טראָץ ניקאָלאַיס אוי־קאַז זי פונאַנדערצולאָזן, איז זי זיך ניט פונאַנדערגעגאַנגען און האָט אונטער דעם איינדרוק פון די גאַסן־געשעענישן געהאַט דעם מוט צו פּראָקלאַמירן, אַז זי פונקציאָנירט ווייטער, און האָט דערביי אויסגעוויילט אַ „צייטווייליקן אויס־פיר־קאָמיטעט", וועלכער האָט גענומען אויף זיך אַלע רעכט פון אַ פּראָוויזאָ־רישער רעוואָלוציאָנערער רעגירונג.

און אַזאַ רעגירונג־אַפּאַראַט האָט שוין טאַקע געמוזט געשאַפן ווערן. די גרויסע טאָגטעגלעכע באַדערפעינישן פון פּעטערבורג, פון דער גרויסער אַרמיי און פונם גאַנצן לאַנד האָבן עס דרינגענד געפאָדערט.

אויף דעם ערשטן פּלאַן איז געשטאַנען פּעטערבורג, דער צענטער און פּאַקעל פון דער רעוואָלוציע.

די אַלטע רעגירונג האָט איבערגעלאָזן בירושה אַ שרעקלעכן אַפּראָוויזאַ־ציאָנעלן צושטאַנד מיט אומגעהייער־קליינע זאַפּאַסן. די באַפעלקערונג פון שטאָט האָט זיך פאַרגרעסערט דורך דעם, וואָס כמעט אַלע מיליטערישע אָפּ־

קיין צאַרסקאָיע סעלאָ. אָנקומען אַהינצו האָט ער שוין ניט באַוויזן. די באַן־אַרבעטער האָבן דעם קייזערלעכן צוג קיין פּעטערבורג ניט דורכגעלאָזן. דער צוג איז אומגעפאָרן פון איין אָרט אין צווייטן, זוכנדיק אַ וועג קיין פּעטערבורג. דערביי זיינען פאַרלאָרן געגאַנגען וויכטיקע שעהן און טעג אין אַזאַ מאָמענט, ווען יעדע רגע האָט געהאַט די גרעסטע באַדייטונג.

גענעראַל איוואַנאָוו האָט יאָ געפּרובט אַרויספאָרן מיט אַ שטראָף־עקספּעדיציע קיין פּעטערבורג, אָבער אַחוץ וואָס די אייזנבאַנער האָבן זיך מיט אַלע כוחות באַמיט, אַז די דאָזיקע עקספּעדיציע זאָל ניט קאָנען אַזוי גיך דערגרייכן אַהינצו, האָבן די סאָלדאַטן אַליין אויך ניט אַרויסגעוויזן קיין באַזונדער חשק צו קעמפן קעגן זייערע חברים פון דעם רויטן פּעטערבורג, און אַזוי האָט זיך די דאָזיקע עקספּעדיציע אויך מיט גאָרנישט אויסגעלאָזן. אָט די דאָזיקע פּרובן פון די צאַרישע מקורבים האָבן אויך געוויזן, ווי נייטיק עס איז צו שאַפן אַ וועלכן עס איז אָרגאַן, וואָס זאָל זאָרגן, אַז די רעגירונגס־מאַשין זאָל זיך ניט אָפּשטעלן אינגאַנצן.

דער „צייטווייליקער אויספיר־קאָמיטעט“ פון דער גאָס. דומע האָט באַשטימט קאָמיסאַרן אָנשטאָט די אַרעסטירטע מיניסטאָרן, און די קאָמיסאַרן האָבן תיכף אָנגעהויבן צו פירן ווייטער די גרויסע און דרינגלעכע אַרבעטן, וואָס זיינען איבערגעריסן געוואָרן דורך דער רעוואָלוציע.

דער צייטווייליקער דומע־קאָמיטעט (מיטגלידער פון די בירגערלעכע פּאַרטייען, ס. ד. און ס. ר.) האָט אויך פאַרעפנטלעכט אַן אויפרוף צו דער גאַנצער באַפעלקערונג, אויסדריקנדיק זיין איבערצייגונג, „אַז די באַפעלקערונג און די אַרמיי וועלן אים העלפן אין זיין שווערער אויפגאַבע צו שאַפן אַ נייע רעגירונג, וועלכע זאָל שטימען מיט די וואונטשן פון דער באַפעלקערונג און וועט געניסן איר צוטרוי“.

דער נוסח פון דעם אויפרוף האָט געוויזן, וואָס פאַר אַ קליינע הבטחות דער „צייטווייליקער דומע־קאָמיטעט“ האָט געגעבן דער באַפעלקערונג, וועלכע האָט געדאַרפט נאָך די גרויסע טעג פון דער רעוואָלוציע זיך באַנוגענען דערמיט, וואָס עס וועלן מקויים ווערן די אַלטע פאָדערונגען פון דער רעאַקציאָנערער גאָס. דומע וועגן אַ נייער רעגירונג, וועלכע וועט געניסן דעם צוטרוי פון פאָלק, ד. ה. לויט דער אַלטער טערמינאָלאָגיע, דעם צוטרוי פון דער גאָס. דומע מיט איר מערהייט פון רעכטע אָדער גאַנץ מעסיקע בירגערלעכע פּאַרטייען, וועלכע האָבן אַזוי מורא געהאַט פאַר רעוואָלוציעס און רעוואָלוציאָנערע מעשים.

פון דעם אויפרוף איז אויך קאָנטיק געווען, אַז דער „צייטווייליקער קאָמיטעט“ פון דער גאָס. דומע האָט אויף זיך געקוקט ווי אויף דער אייבערשטער מאַכט, וואָס קאָן באַשטימען די העכסטע רעגירונגס־לייט און ריידן אפילו וועגן רעגירונגס־פאָרמען. עס איז קלאָר געווען, אַז די גאָס. דומע וויל אויסנוצן די גרויסע צוציאונגס־קראַפט, וואָס זי האָט דערוואָרבן אין די הי־

סטאָרישע טעג, כּדי צו באַפעסטיקן איר פּאָזיציע און צוזאַמען דערמיט אויך איר פּאָזיציע און מאַכט פון יענע געזעלשאַפטלעכע קלאַסן, וועלכע זיינען געווען אין איר פּאַרטראָטן, ד. ה. די בורזשואַזע, פּריצישע און בכלל פּאַר־מעגלעכע קלאַסי

און ווער ווייס, אין וואָס פאַר אַ וועג די רוסישע רעוואָלוציע וואָלט אַוועק, ווען אויף דער פּאָליטישער אַרענע וואָלט זיך דעמאָלט ניט געוויזן אַ נייע מעכטיקע אָרגאַניזאַציע—דער „ראַט פון די אַרבעטער־און סאָלדאַטן־דע־פּוטאַטן", וועלכער האָט גלייך פאַרנומען לחלוטין אַן אַנדער פּאָזיציע בנוגע די אַלע פראַגן, וועלכע זיינען דעמאָלט אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויף דעם סדר־היום.

---

### VI.

עס איז שוין עטלעכע מאָל אָנגעוויזן געוואָרן, אַז די רעוואָלוציע איז געקומען גאַנץ אומגעריכט, הגם מען האָט אויף איר דורות־לאַנג געוואַרט. די אומלעגאַלע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען האָבן כּמעט ניט עקסיסטירט, אויב מען זאָל ניט רעכענען די קליינינקע קרייזלעך און גרופּקעלעך אַרבעטער, וועלכע האָבן געהאַט אַ שייכות צו די דאָזיקע פּאַרטייען. די וויכטיקסטע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי־טוער האָבן געשמאַכט אין די טורמעס און אויף קאַטאָרגע, געווען פאַר־וואָרפן אין די ווייטסטע העקן אין סיביר אָדער פאַרטריבן אַלס עמיגראַנטן קיין אויסלאַנד און צוליב די שווערע טראַנספּאָרט־פאַרהעלטעניסן, וואָס די מלחמה האָט געשאַפן, געהאַט זייער אַ שוואַכע פאַרבינדונג מיט רוסלאַנד. די אַרבעטער־באַוועגונג איז געווען כּמעט דערשטיקט און עס וועט ניט זיין קיין גוזמא, ווען מען וועט זאָגן, אַז כּמעט אין יעדער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־גרופּע זיינען געווען עטלעכע שפּיאָנען און פּראָוואָקאַטאָרן, וועלכע פלעגן וועגן יעדן טריט און שריט אירן געבן צו וויסן דער אכראַנקע.

די איינצלנע סאָציאַליסטישע טוער, וואָס זיינען פאַרבליבן אין פּעטער־בורג, האָבן געהאַט שוואַכע פאַרבינדונגען מיט די אַרבעטער־מאַסן און זייער חיניק געקאָנט ווירקן אויף זיי.

די רעוואָלוציע האָט אין אָנהייב געטראָגן אַ כּאַראַקטער פון אַ פּאָלקומער סטיכיע, וועלכע ווערט דורך קיינעם ניט רעגולירט. אָבער שוין אין די ערשטע טעג פון דער רעוואָלוציע, איידער עס איז נאָך קלאָר געוואָרן, אויף וועמעס צד וועט זיין דער נצחון, איז אויפגעשוואומען דער געדאַנק וועגן דער נייטי־קייט צו שאַפן ווידער די זעלבע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט געשפּילט אַזאַ גרויסע ראָלע אין יאָר 1905 און פאַראייניקט דעם גאַנצן פּעטערבורגער פּראָ־לעטאַריאַט—דעם ראַט פון די אַרבעטער־דעפּוטאַטן.

דער געדאַנק וועגן צונויפרופן דעם אַרבעטער־ראַט איז געוואָרן צייטיק

גאָר אין די ערשטע טעג פון דער רעוואָלוציע. שוין אין די ראַפּאָרטן וועגן דער אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס די אָכראַנקע פלעגט באַקומען אין די לעצטע טעג פון איר עקסיסטענץ, ווערט אָנגעוויזן, אַז די אַרבעטער הייבן שוין אָן צו ווילן דעפּוטאַטן אין אַרבעטער־ראַט. דער דאָזיקער געדאַנק איז אויפגעקומען אין די אַרבעטער־קוואַרטאַלן אָן אַ זייטיקער השפּעה און אַפילו אין די אָכ־ראַנע־ראַפּאָרטן ווערט אויך ניט אָנגעגעבן, ווער אָדער וועלכע אָרגאַניזאַציע עס רופט צו די איבערדערמאָנטע וואַלן אין די ראַטן.

אין יענע גרויסע היסטאָרישע טעג פלעגט אַלץ פאָרקומען מיט אַ מערק־ווירדיקער שנעלקייט און עס איז דעריבער קיין וואונדער ניט, וואָס שוין דעם 27 פעברואַר, שפּעט ביי נאַכט האָט זיך אָפיציעל אָרגאַניזירט דער ראַט פון די אַרבעטער־דעפּוטאַטן, וועלכער האָט דעם ס. ד. דעפּוטאַט פון דער גאָס. דומע טשכעאידזע אויסגעוויילט פאַר פאָרזיצער און דעם טרודאָוויק קערענסקי פאַר וויצע־פאָרזיצער.

די צאָל פון די אויסגעוויילטע דעפּוטאַטן איז נאָך געווען ניט איבעריקס גרויס, אָבער עס איז געשאַפן געוואָרן אַ צענטער פאַר די אַרבעטער־מאַסן, וועלכער האָט תיכף באַקומען אַ געוואַלדיקע באַדייטונג און מאַכט.

דער אַרבעטער־ראַט האָט תיכף אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אַן אייגענע צייטונג „ידיעות פון אַרבעטער־ראַט״, וואָס פלעגט ווערן פאַרשפּרייט אין טויזנטער עקזעמפּלאַרן.

די וואַלן אין די פאַבריקן און אין די קאַזאַרמעס זיינען פאָרגעקומען זייער גיך און אַזוי איז געשאַפן געוואָרן „דער ראַט פון די אַרבעטער־ און סאָלדאַטן־דעפּוטאַטן״, וואָס האָט זיך אָרגאַניזירט אין איין צייט מיט דעם צייטווייליקן דומע־קאָמיטעט, מיט וועלכן אים איז באַלד אויסגעקומען צו האַנדלען וועגן זייער פיל וויכטיקע ענינים.

דער דומע־קאָמיטעט איז געווען אַן אָרגאַניזאַציע פון אַ גאַנץ קליינער גרופּע מענטשן, וועלכע האָבן גוט געוואוסט, וואָס זיי ווילן און צו וואָס זיי שטרעבן, און נאָך בעסער פאַרשטאַנען, וואָס זיי ווילן נ י ט און פאַר וואָס זיי דאַרפן מורא האָבן. דער דומע־קאָמיטעט איז אויסגעוואַקסן פון דער גאָס. דומע, וועלכע איז דעמאָלט געווען אומגעהייער פּאָפּולער און האָט פאַקטיש פאַרכאַפּט אין איר האַנט דעם גאַנצן מלוכה־אַפּאַראַט.

דער אַרבעטער־ און סאָלדאַטן־ראַט איז באַשאַפן געוואָרן אין איילעניש. די צאָל דעפּוטאַטן איז געווען געוואַלדיק גרויס און דאָס רוב פון זיי זיינען ביז איצט געווען ווייט פון פּאָליטיק און פון מלוכה־פראַגן און האָבן זיך געקאָנט גאַנץ שוואַך אָריענטירן אין די פאַרשיידענע פראַגן, וואָס זיינען דע־מאָלט אַרויסגערוקט געוואָרן אויפן סדר־היום. באַזונדערס רוי פּאָליטיש זיינען געווען די סאָלדאַטישע דעפּוטאַטן, וועלכע האָבן מיט זייער צאָל איבערגע־וואויגן די אַרבעטער־דעפּוטאַטן.

בײ אַזאַ צוזאַמענשטעל האָט דער ראַט געמוזט פּראָוואַנדלען זיך אין אַ מיטינג, וואו די אײניקע רעדנער האָבן געהאַט די גאַנצע השפעה און וואו לויט דער אָדער יענער אַגיטאַציאָנעלער רעדע האָט מען אָפט אָנגענומען באַשלוסן, וואָס האָבן סותר געווען אײנער דעם צווייטן.

די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע האָט אָבער געהאַט אַ גרויסע מאַכט אַדאַנק דעם, וואָס זי איז געווען פאַרבונדן מיט יעדער פאַבריק און מיט יעדער מיליטער-גרופּע, וועלכע זיינען געווען פאָרגעשטעלט אין ראַט.

דער אַרבעטער-ראַט האָט אין די ערשטע מינוטן פון זיין עקסיסטענץ פאַרעפנטלעכט אַן אויפרוף צום פאָלק, וועלכער האָט זיך אָבער גאַנץ שטאַרק אָפּגעשיידט פון דעם אויפרוף, וואָס דער דומע-קאָמיטעט האָט אַרויסגעלאָזן.

„אַלע צוזאַמען, מיט בשותּפותדיקע כּוחות דאַרפן מיר קעמפן דערפאַר, אַז די אַלטע רעגירונג זאָל לחלוטין באַזייטיקט ווערן און אַז עס זאָל צונויפגערופן ווערן אַ גרינדונגס-פאַרזאַמלונג, אויסגעוויילט אויף דעם גרונד פון אַלגעמיינעם, גלייכן, דירעקטן און געהיימן וואַלרעכט“ — אַזוי האָט זיך געענדיקט דער אויפרוף פון דעם אַרבעטער-און סאָלדאַטן-ראַט.

שוין די דאָזיקע לאָזונגען אַליין, וועלכע זיינען אין דער ווענדונג פון דעם דומע-קאָמיטעט אינגאַנצן פאַרשוויגן געוואָרן, האָבן בולט געוויזן, אַז צווישן דעם אַרבעטער-און סאָלדאַטן-ראַט — דער רעפּרעזענטאַנץ פון דער דעמאָקראַטיע — און דעם צייטווייליקן דומע-קאָמיטעט — דער רעפּרעזענטאַנץ פון דער בורזשואַזיע — איז געלעגן אַ טיפער תּהום.

עס איז אויך קלאָר געווען, אַז בנוגע צו דער ערשטער פראַגע, וואָס איז דעמאָלט געשטאַנען אויף סדר-היום — בנוגע דער אָרגאַניזאַציע פון דער מאַכט, וועלן דיביידע אָרגאַניזאַציעס אַזוי לייכט און אַזוי גיך ניט קאָנען מושווה ווערן צו געפינען אַ געהעריקן קאָמפּראָמיס.

אָפיציעל איז די גאַנצע מאַכט געלעגן דעמאָלט אין די הענט פון דער גאָס. דומע און פון איר צייטווייליקן דומע-קאָמיטעט. דער גאַנצער גענעראַליטעט, אַלע שטאַבן, דער זשאַנדאַרמען-קאָרפּוס און אפילו די גרויספירשטן האָבן געהאַלטן פאַר נייטיק צו גיין אין גאָס. דומע און דעמאָנסטראַטיוו זיך ערקלערן איר אין ליבע און טרייהייט.

די גאָס. דומע און דער דומע-קאָמיטעט פלעגן גאַנץ גערן אויסהערן אַזעלכע ערקלערונגען, ווייל די דומע, די פאָרשטייערין פון דער בורזשואַזיע, האָט געשטרעבט צו באַקומען די מאַכט אין אירע הענט און האָט געזוכט יענע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזירטע גרופּעס, אויף וועלכע זי זאָל זיך קאָנען שטיצן.

דער אַרבעטער-און סאָלדאַטן-ראַט האָט זיך געפונען אין אַ גאַנץ אַנדערער לאַגע.

גלייך ווי דער ראַט האָט זיך אָרגאַניזירט און איינגעשלאָסן אין זיך די פאָרשטייער פון די מיליטער-טיילן, איז קלאָר געוואָרן, אַז די פּאַקטישע מאַכט

געפינט זיך ביי דעם ראַט. איבערהויפּט איז עס געקומען צום אויסדרוק, באַלד ווי דער ראַט, פּאַקטיש אָן דעם וויסן פון דעם גרעסטן רוב מיטגלידער פון ראַט און אפילו אָן דעם וויסן פון זיין אויספיר־קאָמיטעט, האָט אַלס ענטפער אויף דעם באַפעל פון דעם דומע־פּאָרזיצער ראָדזיאַנקאָ צו די סאָלדאַטן, אַז זיי זאָלן זיך אומקערן אין די קאַזאַרמעס און אָנהייבן ווידער פאָלגן די אָפיצירן, פאַרעפנטלעכט דעם באַרימטן „פּריקאַז № 1“, וועלכער האָט צום ערשטן מאָל געגעבן געוויסע רעכט די רוסישע סאָלדאַטן און אין אַ געוויסער מאָס רעגולירט די באַציאונגען צווישן די סאָלדאַטן און די אָפיצירן.

דער דאָזיקער פּריקאַז № 1, וואָס האָט נאָכדעם אַרויסגערופן אַזוי פיל פּראָטעסטן מצד די אָפיצירישע ספערן און דער בירגערלעכער פּרעסע, האָט געשאַפן דעם צעמענט, וואָס האָט פאַרבונדן די סאָלדאַטן־מאַסן מיט דעם אַרבעטער־און סאָלדאַטן־ראַט.

דער דאָזיקער ראַט האָט אַלזאָ שוין אין די ערשטע טעג פון דער רעוואָלוציע ערוואָרבן אַזאַ השפעה, אַז ער האָט געקאָנט אָן שום גרויסע שוועריקייטן אַריינגעמען אין זיינע הענט די פּאַקטישע מאַכט, אָבער... דער ראַט און באַזונדערס יענע פּאָליטישע גרופּן, וואָס האָבן דאַן באַקומען די אָנפירנדיקע ראָלע אין ראַט, האָבן ניט געוואָלט נעמען די מאַכט, אויס מורא, אַז די רוסישע דעמאָקראַטיע, וואָס איז אַזוי שוואַך אָרגאַניזירט, וועט ניט זיין אימשטאַנד אָנצופירן דעם גאַנצן מלוכה־אַפּאַראַט און וועט ניט קאָנען ערפילן די אַלע התחייבותן, וועלכע זי דאַרף לויט אַלע סאָציאַליסטישע טעאָריעס דורכפירן אין לעבן.

אָט אין אַזאַ לאַגע האָבן זיך געפונען ביידע אָרגאַניזירטע קרעפטן פון דער רוסישער געזעלשאַפט אין דעם מאָמענט, ווען די פראַגע וועגן דער מאַכט האָט געמוזט תיכף ערליידיקט ווערן, ווייל דער קאָלאָסאַלער מלוכה־אָרגאַניזם האָט מער ניט געקאָנט אויסקומען אָן דעם נייטיקן אָנפירנדיקן און רעגירנדיקן אַפּאַראַט.

## VII.

דעם 23־טן פעברואַר ביינאַכט האָט זיך געעפנט די געמיינזאַמע באַראַטונג פון די פאָרשטייער פון „ציטטווייליקן דומע־קאָמיטעט“ און דעם „פּעטערבורגער אַרבעטער־און סאָלדאַטן־ראַט“, וועלכע האָט געדאַרפט געפינען אַן אויסוועג, ווי אַזוי ביידע צדדים—פאָרשטייער פון פאַרשיידענע קלאַסן—זאָלן אין דעם גרויסן היסטאָרישן און פאַראַנטוואָרטלעכן מאָמענט מושווה ווערן בנוגע דער פראַגע וועגן דער מאַכט.

די בורזשואַזע פאָרשטייער האָבן פאַרשטאַנען גאַנץ גוט, אַז אויב די נייע רעגירונג, וואָס מ׳האָט געמוזט שאַפן, וועט ניט האָבן דעם צוטרוי און די־



אַ זיצונג פון פעטערבורגער אַרבעטער= און סאָלדאַטן=ראַט.

שטיצע פון דער דעמאָקראַטיע, וועט זי קיין ממשות ניט האָבן. די דעמאָ־קראַטיע פון איר זייט האָט מורא געהאַט צו נעמען אויף זיך די גאַנצע פאַר־אַנטוואָרטלעכקייט און אַליין אָרגאַניזירן אַ רעגירונג. ביי אַזאַ לאַגע האָט מען געמוזט געפינען אַ קאָמפּראָמיס, וועלכער זאָל אויף וויפיל ניט איז צופרידנ־שטעלןביידע צדדים. דער דאָזיקער קאָמפּראָמיס איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס דער דומע־קאָמיטעט וועט פון זיינע מיטגלידער שאַפן אַ רעגירונג, וועלכע וועט זיך מתחייב זיין צו פאַרווירקלעכן און דורכפירן אין לעבן יענע רעפאָר־מען, וואָס די דעמאָקראַטיע וועט פאָרלייגן.

די פאָרגעלייגטע פּראָגראַם פון די רעפאָרמען האָט ניט געדאַרפט באַ־רירן די פראַגן, וועגן וועלכע ביידע צדדים זיינען ניט געקומען צו אַ פולקומן הסכם. אין דער פּראָגראַם האָט געדאַרפט אַריינגיין דער מינימום פון די דע־מאָקראַטיש־פּאָליטישע רעפאָרמען, צו וועלכע אַלע פּאָליטישע פּאַרטייען האָבן געקאָנט מסכים זיין.

די דעמאָקראַטיע האָט פאַר זיך איבערגעלאָזן די קאָנטראָל־רעכט, איבער דער רעגירונג און האָט זיך מתחייב געווען צו שטיצן די נייע רעגירונג אויף וויפל די לעצטע וועט מקיים זיין אַלע אירע הבטחות.

די נייע רעגירונג האָט געדאַרפט זיין אַ ריין־בירגערלעכע, און דער פּעטערבורגער ראַט האָט אָנגענומען אַ בפירושן באַשלוס, אַז די פאָרשטייער פון דעם ראַט דאַרפן ניט אָנטייל נעמען אין דער דאָזיקער רעגירונג. פונדעסט־וועגן איז אין דער נייער רעגירונג אַריין אַלס יוסטיץ־מיניסטער דער וויצע־פאָרזיצער פון פּעטערבורגער ראַט, דער דומע־דעפּוטאַט קערענסקי, וועלכער האָט שוין נאָכדעם, ווי די רשימה פון דעם מיניסטאָרן־קאַבינעט איז צוזאַמענ־געשטעלט געוואָרן, זיך געווענדט מיט אַ בקשה צו דער אַלגעמיינער פאַרזאַמ־לונג פון דעם אַרבעטער־און סאָלדאַטן־ראַט צו באַשטעטיקן זיין קאַנדידאַטור. און ווי משונה דאָס זאָל ניט אויסזעען, האָט דער פּעטערבורגער ראַט נאָך די קלאָרע באַשלוסן, וואָס זיינען אָקאָרשט אָנגענומען געוואָרן, דאָך באַפולמעכ־טיקט קערענסקין אַריינצוטרעטן אין דעם מיניסטאָרן־קאַבינעט.

עס איז קיין ספק ניט, אַז קערענסקי, וואָס אים האָט זיך זייער געוואָלט אַריינטרעטן אין ערשטן רעוואָלוציאָנערן מיניסטעריום, האָט אויסגענוצט זיין פּאָפּולאַריטעט צווישן די ווייניק באַוואוסטזיניקע מיטגלידער פון ראַט און האָט מיט זיין רעדנער־קראַפט אָן גרויסע שוועריקייטן געפועלט ביי דעם ראַט צו ענדערן דעם נאָר־וואָס אָנגענומענעם באַשלוס.

אַחוץ קערענסקין זיינען אין נייעם קאַבינעט אַריין לוואָוו (דער געוו־וועזענער פאָרזיצער פון זעמסטוואָ־פאַרבאַנד) אַלס פאָרזיצער, מיליוקאָוו (דער באַוואוסטער קאַדעטישער פירער) אַלס מיניסטער פאַר אויסלענדישע ענינים, גוטשקאָוו (דער באַוואוסטער פירער פון דער רעאַקציאָנערער אָקטיאַבריסטישער פּאַרטיי) אַלס מיניסטער פאַר מלחמה און פלאָט, קאָנאָוואַלאָוו (אַ באַוואוסטער מעסיק־ליבעראַלער פאַבריקאַנט) אַלס מיניסטער פאַר האַנדל און אינדוסטריע,

מאַנואילאָוו (אַ באַוואוסטער מאָסקעווער פּראָפעסער), שינגאַריאָוו (אַ באַוואוסטער קאַדעטישער דעפּוטאַט), טערעשטשענקאָ, אַ קיעווער מיליאָנער, און אַנדערע.

די נייע „צייטווייליקע רעגירונג" האָט פאַרעפענטלעכט אַ דעקלאַראַציע, אין וועלכער זי האָט צוגעזאָגט קודם־כל דורכצופירן פאָלגנדיקע רעפאָרמען: 1) אַ פולקומע פּאָליטישע און רעליגיעזע אַמניסטיע, 2) די פרייהייט פון וואָרט, פּרעסע, פאַראיינען, פאַרזאַמלונגען און שטרייקן, 3) די אָפּשאַפונג פון אַלע סאָציאַלע, רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע באַגרעניצונגען, 4) אָרגאַניזירן אַ פאָלקס־מיליציע, אָנשטאָט דער פּאָליציי, 5) וואַלן אין אַלע אָרטיקע זעלבסטפאַרוואַלטונגען אויף דעם גרונד פון אַלגעמיינעם, גלייכן, דירעקטן און געהיימען וואַלרעכט, 6) ניט אַנטוואָפענען און ניט אַרויספירן פון פעטערבורג די רעוואָלוציאָנערע פּאָלקן, 7) אָפּשאַפן אַלע ציווילע באַגרעניצונגען, וואָס זיינען געווען חל אויף די סאָלדאַטן, 8) תיכף אָנהייבן די צוגרייטונגס־אַרבעט צונויפצורופן אויף דעם גרונד פון אַלגעמיינעם, גלייכן, דירעקטן און געהיימען וואַל־רעכט די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, וועלכע דאַרף פעסטשטעלן די רעגירונגס־פאָרם פון לאַנד און אויסאַרבעטן אַ קאָנסטיטוציע.

מיר זעען, אַלזאָ, אַז אין דער צייט, וואָס די פּראָגראַם פון דער נייער רעגירונג האָט באַרירט אַזעלכע ספּעציעלע פראַגן, ווי די באַציאונג צו דעם פעטערבורגער גאַרניזאָן, איז זי אינגאַנצן פאַרבייגעגאַנגען אַזעלכע קאַרדינאַלסטע ענינים, ווי די מלחמה־פראַגע און אויך די פראַגע וועגן דעם, צי וועט רוסלאַנד ווערן אַ רעפּובליק אָדער זי וועט פאַרבלייבן ווי פריער אַ מאָנאַרכיע.

די דאָזיקע מערקווירדיקע ערשיינונג ווערט אָבער דערקלערט גאַנץ איינפאַך, ווען מען נעמט אין אַכט די ספּעציעלע באַדינגונגען, אין וועלכע די פעטערבורגער פּאָליטישע און אָנפירנדיקע קרייזן האָבן זיך דעמאָלט געפונען.

די פראַגע וועגן דעם פעטערבורגער גאַרניזאָן איז געווען אַ ריין פּראַקטישע און פאַר דעם פעטערבורגער דעפּוטאַטן־ראַט איז דאָס געווען אַ פראַגע פון לעבן אָדער טויט...

אין יענעם מאָמענט איז פעטערבורג געווען דער צענטער און דער פאַקעל פון דער רוסישער רעוואָלוציע, וועלכע האָט געקאָנט גיין פאָרווערטס, ניט אָפּשטעלנדיק זיך ביי די ערשטע טריט, כל־זמן עס האָט עקסיסטירט דער רעפּרעזענטאַטיווער אָרגאַן פון די אַרבעטער און פויערים, וועלכע זיינען דעמאָלט געווען געקליידט אין סאָלדאַטישע שינעלן, ד. ה. דער אַרבעטער־און סאָלדאַטן־ראַט. דער ראַט פון זיין זייט האָט געקאָנט פונקציאָנירן, פאַרברייטערן און פאַרטיפן די רעוואָלוציע נאָר שטיצנדיק זיך אויף טויזנטער טרייע און איבערגעגעבענע באַוואָפנטע סאָלדאַטן פון דעם פעטערבורגער גאַרניזאָן. ביי קיינעם איז ניט געווען קיין ספק, אַז די בירגערלעכע קרייזן און דער גענעראַליטעט וועלן קאָנען געפינען אַזעלכע מיליטער־טיילן, וועלכע וועלן זיין גרייט צו באַשיצן די גאָס. דומע קעגן דעם אַרבעטער־ראַט. ביי אַזאַ לאַגע האָט דער פּעטערבורגער ראַט בשום־אופן ניט געקאָנט אַנטזאַגן זיך פון זיין פאָדערונג, אַז

דער פעטערבורגער גארניזאָן, וואָס האָט פאַקטיש די רעוואָלוציע דורכגעפירט, זאָל דאָרט ווייטער פאַרבלייבן, כדי צו פאַרטיידיקן די אינטערעסן פון דער רעוואָלוציע.

די דומע-קרייזן, ביי וועלכע די דאָזיקע פאָדערונג האָט ניט איבעריקס נושא-חן געווען, האָבן ניט געקאָנט אָפּן אַרויסזאָגן זייערע כוונות און נאָך וויניקער האָבן זיי געקאָנט אַרויסטרעטן קעגן דעם פעטערבורגער גאַרניזאָן. זיי האָבן געפּרובט געפינען פאָרמעלע און טאַקטישע טענות קעגן דער דאָזי-קער פאָדערונג; זיי האָבן, למשל, געפּרובט אָנווייזן, אַז אַזאַ דעקלאַראַטיווע ערקלערונג, אַז דער פעטערבורגער גאַרניזאָן בלייבט אין פעטערבורג, קאָן אַרויסרופן אַ געוויסע אומצופרידנקייט צווישן די מיליטער-טיילן, וואָס געפינען זיך אויפן פראָנט. אָבער די אַלע טענות האָבן ניט געקאָנט ווירקן אויף דעם אַרבעטער-ראַט, וועלכער האָט זיך פעסט געהאַלטן אָן זיין פאָדערונג.

אַקעגן-זשע, האָבן די פאָרשטייער פון אַרבעטער-ראַט געמוזט גיין אויף געוויסע הנחות אין די פראַגן פון מלחמה און רעגירונגס-פאָרם, ווייל עס איז קלאָר געווען פאַר אַלעמען, אַז בנוגע צו די דאָזיקע פראַגן וועלן די בירגער-לעכע קרייזן ניט אָפּטרעטן פון זייערע פאָזיציעס און אַ פאַרעקשנטע שטעלונג פון דער דעמאָקראַטיע קאָן באַשאַפן אַזאַ לאַגע, אַז די גאָס. דומע וועט זיך אָפּזאָגן צו שאַפן אַ רעגירונג, און די דעמאָקראַטיע אַליין וועט מוזן תיכף אי-בערנעמען די גאַנצע רעגירונגס-מאַשין, פאַרוואָס די דעמאָקראַטיע און דער אַרבעטער-ראַט האָבן זייער און זייער מורא געהאַט.

איינע פון די וויכטיקסטע פראַגן איז געווען, וואָס טוט מען מיט ניקאָלאַי II, מיט דער גאַנצער קייזערלעכער דינאַסטיע און בכלל מיט דער מאָנאַרכישער מלוכה-סיסטעם.

די בורזשואַזיע און די גאָס. דומע זיינען געווען גאָר קעגן ניקאָלאַי II, אָבער זיי האָבן בשום אופן ניט געוואָלט אינגאַנצן ליקווידירן די מאָנאַרכישע אָרדענונג. נאָך אין די ערשטע טעג פון דער רעוואָלוציע, ווען אין בנין פון דער דומע פלעגט זיין אַ שטענדיקער מיטינג, האָט דער קאַדעטישער אָנפירער מיליוקאָוו געפּרובט פירן אַ מאָנאַרכיסטישע אַגיטאַציע פאַר דעם גרויסן המון, וואָס האָט אָנגעפילט די זאַלן פון טאַווּרישן פאַלאַץ, און אויף אַ פראַגע פון פּובליקום, וואָס וועט זיין מיט ניקאָלאַי II, האָט ער געענטפערט, אַז דעם אַלטן דעספּאָט וועט מען פאָרלייגן אָפּצוזאָגן זיך פון טראָן, אַלס קייזער וועט אויסגערופן ווערן דאָס יינגל אַלעקסעי און אַלס רעגענט דעם קייזערס ברודער—מי-כאַאיל.

אין די ערשטע טעג פון דער אַלגעמיינער שפּאַנונג האָט מען אויף די דאָזיקע ווערטער מיליוקאָווס קיין באַזונדער אַכט ניט געלייגט, אָבער באַלד דערויף האָט ניקאָלאַי אַליין אַוועקגעשטעלט די פראַגע וועגן זיין פּערזאָן און וועגן דער גאַנצער קייזערלעכער פאַמיליע אויפן סדר-היום.

מיר האָבן שוין דערמאָנט, אַז ניקאָלאַי II איז אַוועקגעפאָרן פון מאָהי-

לעוו קיין צאַרסקאָיע סעלאָ נאָכן דערהאַלטן די אומרואיקע טעלעגראַמעס פון זיין פרוי. ווען די באַן=אַרבעטער האָבן אָבער ניט דורכגעלאָזן זיין צוג קיין צאַר=סקאָיע, האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט קיין פסקאָוו, וואו ער האָט געהאַפט אויף דער שטיצע פון די גענעראַלן און דער אַרמיי. אָבער דאָרט האָט מען אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז אַלע זיינע האָפענונגען זיינען אומזיסט און אַז ער דאַרף זיך אָפּזאָגן פון טראָן און קרוין. קיין פסקאָוו זיינען געקומען די שלוחים פון דער גאָס. דומע, די דעפּוטאַטן גוטשקאָוו און שולגין, וועלכע האָבן גאַנץ גיך געפועלט ביי דעם געוועזענעם זעלבסטהערשער, אַז ער זאָל אַבדיקירן. ניקאָלאַי האָט זיך אַנטזאָגט פון טראָן פאַר זיך אַליין און אויך פאַר זיין זון, „מיט וועלכן אים איז אוממעגלעך געווען זיך צו שיידן” און די קרוין האָט ער איבערגעגעבן זיין ברודער, מיכאַאיל, מיט אַ צוואה אין דעם מאַניפעסט וועגן דעם, אַז ער זאָל „רעגירן אין פולן הסכם מיט די פאָלקס=פאַרשטייער, אויף די יסודות, וועלכע זיי וועלן אוועקשטעלן”.

גוטשקאָוו און שולגין, די רעכטסטע צווישן די רעכטע דעפּוטאַטן, האָבן מיט אַ באַזונדער שמחה און פייערלעכקייט געבראַכט דעם דאָזיקן מאַניפעסט קיין פעטערבורג, ווייל דערמיט האָבן זיי דערגרייכט דאָס העכסטע פון זייערע צילן און האָפענונגען. אָבער די אַרבעטער און די פויערים=סאָלדאַטן האָבן ניט געוואָלט זיך באַטייליקן אין אַזאַ שמחה. די רעוואָלוציע, פאַר וועלכער דורות מענטשן האָבן מקריב געווען זייער לעבן, האָט ניט געקאָנט זיך באַנו=צענען דערמיט, וואָס די קרוין און אַלע מלוכה=רעכט וועלן איבערגיין פון איין ראָמאַנאָוו צו אַ צווייטן. די אַרבעטער און סאָלדאַטן האָבן איינמאָל פאַר אַלע מאָל געוואָלט פטור ווערן פון אַלערליי קייסאָרים און דעריבער האָט דער פעטערבורגער ראַט געפאָדערט, אַז ניט נאָר ניקאָלאַי, נאָר אויך מיכאַאיל זאָל זיך אָפּזאָגן פון טראָן, און מיכאַאיל האָט טאַקע אַזוי געטוט טאָן.

דעם 3 מערץ האָט ער אונטערגעשריבן אַ דעקלאַראַציע, אין וועלכער ער האָט בפירוש ערקלערט, אַז ער וועט נאָר אין דעם פאַל אָננעמען די קיי=זערלעכע רעכט, ווען דאָס גאַנצע פאָלק, דורך דער אויסגעווײלטער גרינדונגס=פאַרזאַמלונג, וועט אָננעמען אַזאַ באַשלוס וועגן דער קומענדיקער רעגירונגס=סי=סטעם אין רוסלאַנד.

אויב בנוגע דער פראַגע וועגן דער מלוכה=אָרדענונג איז ניט געקומען צו קיין קאָנפליקטן צווישן דער בורזשואַזיע און דער דעמאָקראַטיע, און זי איז אויב ניט יורידיש, איז פאַקטיש ערליידיקט געוואָרן לויט די פאָדערונגען פון דער דעמאָקראַטיע, קאָן מען עס ניט זאָגן וועגן דער צווייטער שטרייט=פראַגע, וועגן דער מלחמה.

די גאָס. דומע איז געווען געשטימט אָפּאָזיציאָנעל קעגן דער אַלטער רע=גירונג דערהויפּט צוליב דעם, וואָס די דומע האָט גערעכנט, אַז די פּאָליטיק פון דער רעגירונג קאָן צו קיין נצחון ניט ברענגען. די גאָס. דומע איז צוגע=שטאַנען צו דער רעוואָלוציע אין אַ געוויסער מאָס אויך צוליב דעם, וואָס עס

האָבן זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז דער קייזערלעכער הויף און די רעגירונג ווילן שליסן מיט דייטשלאַנד אַ סעפּאַראַטן שלום און אפילו עפּענען פאַר דעם שונא די מינסקער פראָנט־ליניע.

די פאָרשטייער פון די פרעמדע מלוכות, ווי ענגלאַנד, פראַנקרייך און אַנדערע, האָבן אָנערקענט די צייטווייליקע רעגירונג שוין דעם 3 מערץ, ד. ה. אויף מאָרגן, ווי די רעגירונג האָט זיך קאָנסטרואירט, אָנערקענט ניט צוליב די גרויסע סימפּאַטיעס פון די דאָזיקע מלוכות צו דער רעוואָלוציע, נאָר פּשוט צוליב דעם, ווייל זיי האָבן געהאָפט און געגלויבט, אַז די נייע רעגירונג וועט מיט מער ענערגיע פירן דעם קאַמף קעגן דעם שונא און וועט אַלנפאַלס קיין סעפּאַראַטן שלום מיט אים ניט שליסן.

די דומע־דעפּוטאַטן האָבן טאַקע די גאַנצע צייט געטענהט אויף אַלע מיטינגען, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין טאווריטשן פּאַלאַץ, אַז מען מוז שאַפן אַזאַ רעגירונג, וועלכע וועט דערפירן צו פולן און ענדגילטיקן נצחון. די צייטווייליקע רעגירונג, וואָס די וויכטיקסטע פּאָסטנס אין איר האָבן פאַרנומען אַזעלכע פאַרביטערטע און פאַרעקשנטע אימפּעריאַליסטן, ווי גוטשקאָוו און מיליוקאָוו, האָט אויך אַנדערש ניט געטראַכט און אין איינעם פון די ערשטע אויפרופן צו דער אַרמיי האָט די צייטווייליקע רעגירונג טאַקע געשריבן: „דער גורל פון פּאָטערלאַנד איז אין אייערע הענט. העלפט דער מאַכט, וואָס איר האָט געשאַפן, צו ברענגען אייך צו אַ נצחון“.

אָבער די פּעטערבורגער אַרבעטער און סאָלדאַטן האָבן געהאַט צו דער דאָזיקער פראַגע אַ גאַנץ אַנדער שטעלונג. די אַרבעטער זיינען אַרויס אויף די גאַסן, ווען דער גענ. כאַבאַלאָוו האָט צוגעזאָגט ניט שאַנעווען פאַר זיי קיין פּולווער און קיין קוילן, ניט צוליב דעם, אַז די מלחמה זאָל זיך פירן ווייטער אָן אַ סוף. נאָר טאַקע כדי צו מאַכן וואָס גיכער אַ סוף מיט איר. נאָך שאַרפער איז געווען די שטימונג קעגן דער מלחמה צווישן די סאָלדאַטן, וועלכע האָבן מער פאַר אַלעמען געליטן פון דער מלחמה און וועלכע האָבן געוואָלט וואָס גיכער זיך אומקערן אַהיים.

די סאָלדאַטן זיינען צוגעשטאַנען צו די אַרבעטער קודם־כל דערפאַר, ווייל דער לאָזונג „נידער מיט דער מלחמה!“ האָט ביי זיי געפונען דעם טיפסטן אָפּקלאַנג. און ווען גוטשקאָוו האָט נאָך אין די ערשטע טעג פון דער רעוואָלוציע געפּרובט אין אַ קאַזאַרמע האַלטן אַ רעדע פאַר די סאָלדאַטן און באַווייזן זיי, אַז מען מוז ווייטער פירן די מלחמה, האָבן אים די סאָלדאַטן שיר ניט צעריסן.

קלאָר איז געווען דעריבער, אַז דער ראַט פון די אַרבעטער־און סאָל־דאַטן־דעפּוטאַטן האָט בנוגע דער פראַגע וועגן דער מלחמה געקאָנט אָננעמען נאָר אַ נעגאַטיווע שטעלונג, האָט געמוזט קלאָר און שאַרף זיך אַרויסזאָגן קעגן דעם, אַז די מלחמה זאָל געפירט ווערן ווייטער.

אָבער ניט קוקנדיק אויף אַזאַ בולטער אַנטימיליטאַריסטישער פּאָזיציע

האָט דער אַרבעטער⸗ראַט פאַרשוויגן די גאַנצע פראַגע וועגן די צילן פון דער מלחמה און האָט ניט געפאָדערט פון דער צייטווייליקער רעגירונג, זי זאָל אין איר דעקלאַראַציע ריידן קלאָרע דיבורים וועגן דעם דאָזיקן ענין. די פאָרשטייער פון אַרבעטער⸗ראַט, וועלכע האָבן געפירט די אונטערהאַנדלונגען מיט דעם דומע⸗קאָמיטעט, האָבן פאַרשטאַנען, אז ווען זיי וועלן אויפשטעלן די מלחמה⸗פראַגע שאַרף, וועט דאָס בלי שום ספק ברענגען צו אַ קריזיס, וואָרים די בורזשואַזיע און אירע פאָרשטייער וועלן אין דעם אויף קיין קאָ־פראָמיסן ניט גיין און וועלן גיכער זיך אָנטזאָגן פון דער רעגירונג, איידער צו מינערן אָדער מילדערן די מלחמה⸗צילן, וועלכע האָבן זיך פאָרמולירט אין דעם הויפּט⸗לאָזונג: „מלחמה ביזן ענדגילטיקן נצחון!“

די פאָרשטייער פון דער דעמאָקראַטיע האָבן פאַרשוויגן די גאַנצע פראַגע און אין דער דעקלאַראַציע פון דער רעגירונג איז אַזאַ וויכטיקער ענין אינגאַנצן ניט דערמאָנט געוואָרן. די מלחמה⸗פראַגע האָט אָבער פאַרנומען אַ צו גרויסן אָרט אין לעבן און עס איז דעריבער קיין וואונדער ניט, וואָס באַלד איז זי ווידער אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויפן סדר⸗היום.

אין דער דעקלאַראַציע פון דער צייטווייליקער רעגירונג זיינען אויך אינגאַנצן פאַרשוויגן געוואָרן אַלע סאָציאַלע און עקאָנאָמישע פראַגן. אויף די בירגערלעכע גרופּעס איז אין דעם פרט זיך ניטאָ וואָס צו וואונדערן, ווייל זיי האָבן בכלל געקוקט אויף דער רעוואָלוציע ווי אויף אַ ריין פּאָליטישן ענין, און זיי האָבן גאָר ניט געוואָלט באַרירן און אויפוועקן די עקאָנאָמישע און סאָציאַלע פּראָבלעמען. אָבער ווי אַזוי האָבן די פאָרשטייער פון די אַרבעטער־ און פויערים געפועלט ביי זיך צו פאַרשווייגן די סאָציאַל⸗עקאָנאָמישע פראַגן, איז שווער צו פאַרשטיין, אויב מען זאָל ניט נעמען אין אַכט די גרויסע מורא זייערע, אַז די בורזשואַזיע זאָל, חלילה, ניט אָנטזאָגן זיך פון דער מאַכט און עס זאָל, חלילה, ניט פאַרווישט און מטושטש ווערן דער אויסגעשפּראָכן⸗בורזשואַזער כאַראַקטער, וואָס די דעמאָקראַטישע אָנפירער פון פעטערבורגער ראַט האָבן אומבאַדינגט געוואָלט צוגעבן דער גרויסער רוסישער רעוואָלוציע.

---

## VIII:

די שווערסטע טעג פון די חבלי⸗לידה זיינען פאַר דער רעוואָלוציע אַריבער. עס האָט זיך שוין געשאַפן אַ רעגירונגס⸗אַפּאַראַט, וועלכער האָט געדאַרפט מאַכן אַ סוף צו דעם געוואַלדיקן תוהו⸗ובוהו פון די ערשטע שטורים⸗און דראַנג⸗טעג. עס זיינען אָנגעקומען ידיעות, אַז אין מאָסקווע איז די איבערקערעניש אַריבער מיט אַזאַ פרייערלעכקייט און רואיקייט, אַז עס האָט זיך געקאָנט דוכטן, אַז מען האָט דאָ צו טאָן מיט אַ מיליטערישן פּאַראַד און ניט־

מיט אַ געשעעניש פון קאָלאָסאַלער היסטאָרישער באַדייטונג. דאָס אייגענע האָט מען געמאָלדן פון גאַנצן לאַנד; אומעטום איז די איבערקערעניש צוגעגאַנגען רואיק און פייערלעך, כּמעט אָן בלוטפאַרגיסונג. עס איז געווען קלאָר, אַז דאָס לאַנד איז שוין פון לאַנג אָן רייף פאַר אַ נייער אָרדענונג און אַז עס איז דע־ריבער שוין געקומען די צייט, ווען מען דאַרף עס איבערבויען אויף גאַנץ נייע יסודות, בהסכּם מיט די נייע לעבנס־פאָדערונגען, וואָס די רעוואָלוציע האָט אַרויסגעשטעלט.

אָבער איידער מען האָט געקאָנט אַריבערגיין צו די פּראַקטישע פראַגן, וואָס דאָס לעבן האָט אַרויסגערוקט, האָט מען קודם־כּל געמוזט אָפּגעבן דעם לעצטן כּבוד די מענטשן, וועלכע זיינען געפאַלן אַלס קרבנות אין די ערשטע, בלוטיקע טעג פון דער רעוואָלוציע און וועלכע האָבן ניט זוכה געווען צו זעען דאָס נייע און באַפרייטע רוסלאַנד.

אַלע הכנות צו דער דאָזיקער לוויה האָט אויף זיך גענומען דער פּעטער־בורגער ראַט, וועלכער האָט באַשטימט אַלס קבורה־אָרט דאָס מאַרס־פעלד, וואָס געפינט זיך אין צענטער שטאָט און וואו עס פלעגן תּמיד פאָרקומען די פייערלעכסטע מיליטערישע פּאַראַדן. דעם גאַנצן צערעמאָניאַל פון דער לוויה האָט אויך אויסגעאַרבעט דער פּעטערבורגער ראַט. אין דער לוויה האָט גע־דאַרפט אָנטייל נעמען אויך דער פּעטערבורגער גאַרניזאָן, צו דעמאָנסטרירן די אחדות פון דער ציווילער און מיליטערישער באַפעלקערונג.

די גרעסטע און אָנגעזעענסטע אַרכיטעקטן און אינזשענערן האָבן זיך פאַרנומען מיט צוגרייטן דעם ברידער־קבר פאַר אַלע קרבנות. עס וועט ניט זיין קיין גוזמא צו זאָגן, אַז ממש די גאַנצע פּעטערבורגער באַפעלקערונג האָט זיך געגרייט צו דער דאָזיקער לוויה. עס האָבן זיך שוין דעמאָלט אַרויסגעוויזן, אַז די ערשטע ידיעות וועגן דער קליינער צאָל קרבנות אין פּעטערבורג זיינען געווען ניט ריכטיקע, ווייל צו קבורה זיינען געקומען 266 מענטשן, וועלכע זיינען געפאַלן אין די גרויסע היסטאָרישע טעג. דאָס רוב זיינען דאָס געווען סאָלדאַטן און אַרבעטער, אומבאַוואוסטע און אומבאַקאַנטע פאַר דעם גרויסן עולם.

אָבער די לוויה פון די דאָזיקע אומבאַוואוסטע און אומבאַקאַנטע קרבנות פון דער פּאָליציי־אַישער הפקרות קאָן זיכער פאַררעכנט ווערן אַלס די גרעסטע און גראַנדיאָזסטע לוויה, וועלכע איז ווען עס איז פאָרגעקומען אין דער הויפּט־שטאָט פון רוסלאַנד.

די פּראָצעסיעס פון טויזנטער און צענדליקער טויזנטער מענטשן האָבן זיך אָנגעהויבן גאַנץ פרי און האָבן זיך געצויגן אין משך פון אַ גאַנצן טאָג ביז שפּעט ביינאַכט.

צענדליקער טויזנטער מענטשן זיינען געשטאַנען שעהן לאַנג אויף איין אָרט אין פראָסט און קעלט און רואיק געוואַרט, ביז וואַנען דער אומגעהייע־רער מענטשלעכער שטראָם וועט פאַרבייגיין און געבן די איבעריקע וואַרטנ־

דיקע אומענדלעכע רייען פון פאָרשטייער פון פאַבריקן, אָרגאַניזאַציעס און אַנ־שטאַלטן מיט אָרקעסטערס און פאָנען א מיגלעכקייט צו דורכגיין דאָס מאַרס־פעלד און פאַרנייגן זיך פאַר די ברידערלעכע קברים, וואו עס זיינען אין משך פון דעם גאַנצן טאָג געשטאַנען די מיטגלידער פון דער „צייטווייליקער רעגי־רונג", דער פעטערבורגער ראַט פון די אַרבעטער־און סאָלדאַטן־דעפוטאַטן, די פאָרשטייער פון די אויסלענדישע מלוכות, פאָרשטייער פון דער רוסישער און אינטערנאַציאָנאַלער פרעסע א. אַז. וו.

די צאָל פון די קרבנות איז געווען גענוג גרויס און מען האָט געמוזט אויסגראָבן פיר גרויסע מאַסן־קברים.

ביי די קברים זיינען געשטאַנען רעוואָלוציאָנערע סאָלדאַטן אַלס ערן־וואַך. די קרבנות האָבן אין רויט־דעקאָרירטע טרומנעס געטראָגן רעוואָלוציאָ־נערע אַרבעטער. בעת די דעמאָנסטראַנטן מיט די טרומנעס פלעגן דערגרייכן צום מאַרס־פעלד, פלעגן די פענער אַראָפּגעלאָזט ווערן.

באַלד ווי דער ערשטער ארון מיט דעם דערשאָסענעם אַפּאַנאַסי קובאַן איז אַראָפּגעלאָזט געוואָרן אין קבר, האָבן די האַרמאַטן פון פעטראָפּאַוולאָווער פעסטונג אויסגעשאָסן און דערמיט מודיע געווען דער גאַנצער שטאָט־באַפעלקע־רונג, אַז דער ערשטער פרייהייטס־קרבן איז צום קבר געבראַכט געוואָרן.

ניט אויף אַלע טרומנעס האָט מען געקאָנט אָנשרייבן זאָגאַר די נעמען פון די מענטשן, וועלכע זיינען אומגעקומען צוליב דער שרעקלעכער פּאָליציי־אישער הפקרות, ווייל קיינער האָט ניט געוואוסט, ווער זיי זיינען און ווי אַזוי מען רופט זיי.

בעת מען האָט פון דער פּעטראָפּאַוולאָווער פעסטונג געגעבן דעם ערשטן שאָס לכבוד דעם ערשטן קרבן, איז נאָך געווען גאַנץ פרי. אַזאַ קאַנאָנען־שאָס שאָס פלעגט געגעבן ווערן נאָך יעדער טרומנע, וואָס פלעגט אַראָפּגעלאָזט ווערן אין דעם ברידערלעכן קבר, און ווען פון דער פעסטונג איז געגעבן גע־וואָרן דער לעצטער שאָס, איז שוין געווען שפּעט ביינאַכט.

אין משך פון דעם גאַנצן טאָג האָט די דאָזיקע גראַנדיאָזע לוויה גע־מאַכט אַ געוואַלדיקן איינדרוק אויף אַלעמען, ווענען עס איז באַשערט געווען צו זען, ווי דאָס באַפרייטע פאָלק גיט אָפּ דעם לעצטן כבוד יענע מענטשן, וועלכע זיינען געפאַלן אַלס קרבנות אין לעצטן קאַמף מיט דער רוסישער צאַ־רישער אָרדענונג.

די שיסערייען פון די בוידימס און באַהעלטענישן זיינען נאָך געווען פריש ביי אַלעמען אין זכרון און מען האָט מורא געהאַט, אַז עס וועלן זיך ווידער געפינען בעלנים צו איבערחזרן די בלוטיקע נבלה. אָבער דער דאָזיקער פייערלעכער טאָג איז אַריבער רואיק, און ניט קוקנדיק דערויף, וואָס אין דער טרויער־פּראָצעסיע האָבן אָנטייל גענומען העכער פון אַ מיליאָן מענטשן, האָט זיך קיין איינציקער אומגליקלעכער צופאַל ניט געטראָפן; די אָרדענונג האָבן געהאַלטן די פאָלקס־מאַסן אַליין, וואָרים דעמאָלט איז נאָך בכלל אין פעטער־

בורג ניט געווען קיין שום פּאָליציע אָדער זשאַנדאַרמעריע. אָנשטאָט די צאַרישע, וועלכע מען האָט חרוב געמאַכט אין די ערשטע טעג פון דער רעוואָלוציע.

דעם גרעסטן, לעבעדיקסטן אָנטייל אין דער גראַנדיאָזער לוויה האָבּן גענומען די אַרבּעטער, וועלכע זיינען געגאַנגען פון די פאָרשטעט מיט זייערע פענער און אַרבּעטס-עמבּלעמען.

די מוסטערהאַפטע אָרדענונג, די רואיקייט און אָרגאַניזירטקייט פון דער טרויער-פּראָצעסיע זיינען געווען דער בעסטער באַווייז, אַז די רוסישע אַרבּעטערשאַפט פאַרמאָגט גענוג אָרגאַניזאַציאָנעלע קרעפטן און פעאיקייטן, וועלכע קאָנען אויסגענוצט ווערן אַצונד, ווען פאַר דעם באַפרייטן רוסלאַנד האָבּן זיך געעפנט אַזעלכע גרויסע מיגלעכקייטן, אַזעלכע ברייטע האָריזאָנטן.

מיט דער דאָזיקער לוויה האָבּן זיך געענדיקט די פייערלעכקייטן און די ימים-טובים פון דער רעוואָלוציע און עס האָבּן זיך אָנגעהויבן די פשוטע, וואָכעדיקע טעג פון נייעם לעבן און רעוואָלוציאָנערן שאַפן, ווען די נייע רעוואָלוציאָנערע רעגירונג האָט געדאַרפט באַווייזן, מיט וועלכע מיטלען זי רעכנט צו באַנייען דאָס לאַנד.

קודם האָט מען געדאַרפט אַ טראַכט טאָן וועגן יענע הונדערטער און טויזנטער קעמפער און מערטירער, וועלכע האָבּן מיט זייער אומפאַרמאַטערלעכער, מיט די גרעסטע סכנות און שווערקייטן פאַרבּונדענער רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט צוגעגרייט דעם גרויסן נצחון פון דער רעוואָלוציע. מען האָט זיך געמוזט דערמאָנען אָן דער געוואַלדיק גרויסער צאָל פּאָליטישע אַרעסטירטע, וועלכע האָבּן געשמאַכט אין אַלע טורמעס און קאַטאָרגעס, און אויך אָן די פאַרשיקטע, מיט וועלכע עס זיינען פול געווען די ווייטסטע און פאַרוואָרפנסטע העקן פון סיביר.

דער יוסטיץ-מיניסטער קערענסקי, וועלכער האָט נאָך אין זיין ערשטער מיניסטאָרן-רעדע צום המון אין טאַורישן פּאַלאַץ צוגעזאָגט קודם-כל זאָרגן פאַר די פאַרשיקטע און אַרעסטירטע, האָט דעם 5 מערץ פאַרעפנטלעכט אַ דעקרעט וועגן אַמניסטיע פאַר אַלע פּאָליטישע און רעליגיעזע חטאים. צוגלייך דערמיט האָט קערענסקי אָוועקגעשיקט אַ טעלעגראַמע צו דעם סיבירער גענעראַל-גובערנאַטאָר, אַז ער זאָל תיכף באַפרייען די באָבּע פון דער רוסישער רעוואָלוציע, יעקאַטערינאַ ברעשקאָ-ברעשקאָווסקאַיאַ און מיט אַ באַזונדער כבוד אויסריכטן איר קיין רוסלאַנד פון סיביר, וואו די דאָזיקע זקנה איז געווען פאַרשיקט, לעבּנדיק אין זייער שלעכטע באַדינגונגען.

פון סיביר קיין פּעטערבורג זיינען תיכף אָוועקגעגאַנגען גאַנצע צוגן מיט פּאָליטישע „פאַרברעכער". אין יעדער שטאָט פון באַפרייטן רוסלאַנד, אויף יעדער באַן-סטאַנציע, דורך וואַנען די צוגן זיינען דורכגעפאָרן, האָט די באַפעלקערונג מיט באַזונדערע פייערלעכקייטן מקבל-פנים געווען די קרבנות פון אַלטן רעזשים. אָבּער ניט נאָר קרבנות האָבּן געפירט די דאָזיקע סיבירער

זאָגן, נאָר אויך ענערגישע קעמפער, וועלכע זיינען דורך דער גרויזאַמער האַנט פון דער צאַרישער מאַכט אָפּגעריסן געוואָרן אין פאַרשיידענע צייטן פון דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעט, און וועלכע האָבן איצט, ביי די נייע באַדינגונגען, באַקומען אַ מיגלעכקייט צוריק אומקערן זיך צו דער דאָזיקער אַרבעט. יעדע שטאָט האָט באַקומען פרישע טויער, וועלכע זיינען אין די טורמעס און אין סיביר דורכגעגאַנגען אַ באַזונדער מוסטערהאַפטן און אָנשוילעכן פּאָליטישן חבר און וועלכע האָבן זייער פּאָליטישע ערפאַרונג געקאָנט אויסנוצן איצט ביי די בריימע מיגלעכקייטן, וואָס די רעוואָלוציע האָט פאַר זיי געשאַפן.

דער מיניסטער פאַר אינווייניקסטע ענינים, לוואָוו, האָט אין דער זעלבער צייט פונאַנדערגעשיקט אַ צירקולאַר, אַז אַלע גובערנאַטאָרן ווערן תיכף באַזייטיקט פון זייערע שטעלעס. צוזאַמען מיט די גובערנאַטאָרן זיינען אויך אָפּגעזאָגט געוואָרן אַלע זשאַנדאַרמען און פּאָליציי-באַאַמטע, און די דאָזיקע גרויסע מחנה פּאָליציי-לייט זיינען אַוועקגעשיקט געוואָרן אויפן פראָנט, זיי זאָלן איצט קעמפן קעגן דעם אויסווייניקסטן שונא, מיט דער זעלבער ענערגיע, ווי זיי האָבן פריער געקעמפט קעגן דעם אינווייניקסטן.

מיר קענען דאָ ניט מאריך זיין וועגן די אַלע פּאָליטישע רעפאָרמען, וואָס די צייטווייליקע רעגירונג האָט דורכגעפירט און בדעה געהאַט דורכצופירן. מיר וועלן נאָר זאָגן אַ פּאָר ווערטער וועגן דעם, ווי אַזוי די יידישע פראַגע איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן.

די צאַרישע רעגירונג האָט ביז דער לעצטער מינוט פון איר עקסיסטענץ ניט אָפּגעשטעלט די יידנפרעסערישע פּאָליטיק, איינע פון די זיילן, אויף וועלכע די גאַנצע זעלבסטהערשאַפט האָט זיך געהאַלטן. די שרעקלעכע רדיפות, וואָס די יידישע באַפעלקערונג איז זיך אויסגעשטאַנען אין דעם ערשטן יאָר פון דער מלחמה, זיינען אַלעמען גענוג באַוואוסט. די דאָזיקע רעפרעסיווע פּאָליטיק איז שפּעטער אַ ביסל שוואַכער געוואָרן, אָבער דאָך האָט די צאַרישע רעגירונג און אַלע אירע משרתים פון גרויס ביז קליין שטענדיק געפרובט מאַכן פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג אין רוסלאַנד און פון יעדן ייד באַזונדער דעם שעיר-לעזאזל, וואָס איז שולדיק אין אַלע צרות און אומגליקן, וואָס די רוסישע צאַרישע רעגירונג האָט געבראַכט אויף דעם רוסישן פאָלק.

די „יידישע שולד” האָט מען געזוכט צו געפינען ביי יעדער קלייניקייט. ווען מען האָט, צוגעשטעלט דעם הויפּט-קאָמאַנדיר פון מערב-פראָנט, דעם גענעראַל עווערט, אַ ראַפּאָרט וועגן די רעוואָלוציאָנערע שטימונגען אין דער אַרמיי, האָט דער דאָזיקער רעאַקציאָנערער גענעראַל, ווען מען האָט אין די טעג פון דער רעוואָלוציע באַשולדיקט, אַז ער איז געווען אַ בעלן צו עפענען דעם פראָנט פאַר דער דייטשער פיינדלעכער אַרמיי, כדי צו דערשטיקן די רעוואָלוציע, ניט געפונען קיין אַנדער מיטל, ווי צו פאָדערן, אַז מען זאָל תיכף אַנטזאָגן אַ יידישער פרוי, וואָס איז געווען פאַרוואַלטערין פון אַן אַרמיי-באָד אין דעם פראָנט-ראַיאָן.

די צרה מיט וואוינרעכט, פון וועלכער די יידישע באַפעלקערונג האָט אַזוי פיל געליטן, איז אויך כמעט געבליבן בתקפה, דערהויפט אין פּעטערבורג, וואו די פּאָליציי האָט באַזונדערס שטרענג נאָכגעשפּירט, אַז די דאָזיקע וויכטיקע הכנסה=צווייג אירע זאָל, חלילה, ניט אונטערגעבראָכן ווערן.

אייניקע העכערע ביוראָקראַטן, האָבן פאַרשטאַנען, ווי לעכערלעך און אומזיניק עס זיינען געוויסע באַגרעניצונגען קעגן יידן. אייניקע מיניסטאָרן האָבן אַפילו געזוכט מיטלען, ווי אַזוי די דאָזיקע באַגרעניצונגען אַרומצוגיין אָדער אויף וויפיל ניט איז זיי צו מילדערן, אָבער קיינער פון די דאָזיקע ליבעראַלן האָט זיך ניט דערוועקט אויפהויבן פּרינציפּיעל די יידישע פראַגע, ווייל אַלע האָבן זיי געוואוסט, אַז דער צ אַ ר איז אַן אויסגעשפּראָכענער שונא=ישראל און וועט אויך קיינע הנחות בנוגע די יידן בשום אופן ניט מסכים זיין.

דער מעכטיקער שטראָם פון דער רעוואָלוציע האָט מיט איין כוואַליע אַראָפּגעשווענקט אָט די אַלע מיטלעלטערישע גזירות אויף יידן. די ערשטע און וויכטיקסטע פראַגע, וואָס פלעגט טאָג=טעגליך אָנרירן הונדערטער און טויזנטער יידן, איז ערליידיקט געוואָרן שוין דורכדעם, וואָס אַלע פּאָליציי=צירקלען זיינען חרוב און פאַרברענט געוואָרן און צוזאַמען מיט אַלע פּאָליציי=דאָקומענטן זיינען אויך אומגעקומען אין פייער די ספּעציעלע ביכער, אין וועלכע עס זיינען איינגעשריבן געוועזן אַלע יידן און זייערע ספּעציעלע וואוינונג=רעכט.

דער הויפּט=צענטער פון די יידישע צרות, די פּעטערבורגער „גראַדאָנאַטשאַלסטוואָ", האָט ווייטער פונקציאָנירט, אָבער פון די אַלטע באַאַמטע איז דאָרט קיין זכר ניט געבליבן. אַלס „געזעלשאַפטליכער=גראַדאָנאַטשאַלניק" איז באַשטימט געוואָרן דער פּראָפעסאָר יורעוויטש און אַלס זיין געהילף דער דעמאָקראַטישער שריפטשטעלער סוואַטיקאָוו, וועלכע האָבן תיכף ערקלערט, אַז די יידן, ווי אַלע איבעריקע בירגער, האָבן פולע רעכט צו וואוינען, וואו זיי ווילן.

אָבער מיט אַזעלכע ערקלערונגען האָט מען, פאַרשטייט זיך, ניט געקאָנט זיך באַנוגענען. עס האָט זיך געפאָדערט אַ געזעץ, וואָס זאָל יורידיש פעסטשטעלן די יידישע גלייכבאַרעכטיקונג. אַזאַ געזעץ, וואָס האָט אָפּגעשאַפט אַלע נאַציאָנאַלע און רעליגיעזע באַגרעניצונגען, איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דעם 21 מערץ.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די אָפּשאַפונג פון די יידישע באַגרעניצונגען איז גאָר ניט געווען פאַרבונדן מיט אַזעלכע שוועריקייטן, ווי מען האָט עס געוואָלט פאָרשטעלן אין די שוואַרצע יאָרן פון צאַריזם. עס איז גענוג געווען צו באַפולמעכטיקן אַזאַ קענער פון דעם רוסישן קאָדעקס ווי פּראָפעסאָר מאָרדעכאַי=באָלטאָווסקי, ער זאָל צוזאַמענשטעלן אַ גענויע און אויספירלעכע רשימה פון אַלע געזעצן, וואו עס ווערן אָנגעוויזן און דערמאָנט יידישע באַגרעניצונגען, און אַזאַ אַרבעט האָט געדאַרפט געדויערן בלויז עטלעכע טעג,

און נאָכדעם צושרייבן אייניקע ווערטער, אַז די דאָזיקע באַגרענעצונגען ווערן אָפּגעשאַפט, כדי דער גאַנצער גרויזאַמער בנין פון יידישע צרות, פיזישע און מאָראַלישע עינויים, זאָל כהרף עין אַיינגעזונקען ווערן.

---

### .IX

אויב דאָס ברויזנדיקע לעבן פון באַפרייטן רוסלאַנד וואָלט זיך קאָנען באַנוגענען מיט פּאָליטישע רעפאָרמען, וואָלט די צייטווייליקע רעגירונג מיט איר פּאָליטיק אפשר געקאָנט צופרידנשטעלן און מען וואָלט אפשר געקאָנט אויסמיידן אַלע קומענדיקע סיכסוכים און קאַמפן.

עס האָט זיך אָבער גלייך אַרויסגעוויזן, אַז די פּאָליטישע רעפאָרמען זיינען ניט גענוג. יעדער טאָג האָט אַרויסגערופן וויכטיקע פראַגן, וועלכע האָבן געדראָט צו מאַכן אַ סוף מיט דעם כלומרשטיקן „בורג-פרידן“, וואָס איז געשלאָסן געוואָרן אין די ערשטע פייערלעכע טעג פון דער רעוואָלוציע.

די פייערלעכקייטן האָבן זיך ניט אַזוי גיך געענדיקט. דער טאַורישער פּאַלאַץ, וואו עס האָבן רעזידירט דער אַרבעטער-און סאָלדאַטן-ראַט און דער צייטווייליקער דומע-קאָמיטעט, האָט נאָך טאָג-טעגלעך צוגעצויגן צו זיך הונדערטער דעלעגאַציעס פון פאַרשיידענע שטעט, פון מיליטערישע אָפּטיילונגען און אָרגאַניזאַציעס, וועלכע פלעגן קומען פּראָקלאַמירן זייערע רעוואָלוציאָנער-פּאַטריאָטישע געפילן. די חלוקי-דעות צווישן די וויכטיקסטע צוויי פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס זיינען דעמאָלט נאָך ניט געווען אַזוי בולט, און דאָס רוב דעלעגאַציעס האָט צו גלייכער צייט גראַטולירט אי דעם אַרבעטער-און סאָלדאַטן-ראַט אי דעם צייטווייליקן דומע-קאָמיטעט. אָבער פון די תשובות, וואָס די אַלע דעלעגאַציעס אָדער גאַנצע פּאָלקן פלעגן באַקומען פון די פּעטערבורגער טוער, איז קאָנטיק געווען, אַז צווישן די פאָרשטייער פון דער דומע און דעם אַרבעטער-ראַט איז ניטאָ אַזאַ אחדות.

אין דער צייט, ווען די דומע-דעפּוטאַטן אָדער ראָדזיאַנקאָ פלעגן פאָדערן פון די סאָלדאַטן אַבסאָלוטע טריהייט דער צייטווייליקער רעגירונג, דיסציפּלין און קריגערישן גייסט, האָבן די פאָרשטייער פון פּעטערבורגער ראַט, געברויכנדיק נאָך די פּאַטריאָטישע מליצות, פון וועלכע עס איז דעמאָלט געווען אַ סכנה זיך אָפּצוזאָגן—געפאָדערט, אַז די סאָלדאַטן און די בירגער זאָלן מיט זיבן אויגן אַכטונג געבן אויף דער צייטווייליקער רעגירונג און אויף אירע מעשים און האַנדלונגען.

אונטער דער ווירקונג פון אַזאַ מין אינספּיראַציע און איבערהויפּט אַדאַנק די דרינגלעכע לעבנס-פאָדערונגען, איז קלאָר געווען נאָך דעמאָלט, אַז די ברייטע פאָלקסמאַסן וועלן מסתמא ניט יוצא זיין נאָר מיט פּאָליטישע רעפאָר-

מען און וועלן אַרויסרוקן אַ סך אַנדערע פאָדערונגען, וואָס ערפילן זיי וועט זיין פיל שווערער.

פון די האַרבע פראַגן, וועלכע זיינען ניט ערליידיקט געוואָרן דורך דער רעגירונגס־דעקלאַראַציע, האָט זיך קודם אַרויסגערוקט די פראַגע וועגן דעם געוועזענעם זעלבסטהערשער ניקאָלאַי II. די גאַס. דומע און די ציימווייליקע רעגירונג, וואָס איז אויסגעוואַקסן פון דער גאַס. דומע, זיינען געווען אַזוי איינגעלעבט אין די געפילן פון אונטערטעניקייט און יראת־הכבוד צו ניקאָלאַי II, אַז זיי האָבן זיך פון זיי ניט געקאָנט באַפרייען אפילו דעמאָלט, ווען ניקאָ־לאַי האָט זיך שוין אַנטזאַגט פון זיינע קייזערלעכע רעכט. די צייטווייליקע רע־גירונג איז געווען אַזוי קאָרעקט, אַז זי האָט געלאָזט ניקאָלאַיען אויף דער פריי, געגעבן אים די מעגלעכקייט אַרומצופאָרן פון איין שטאָט אין דער צווייטער און האָט אים אפילו ערלויבט דורכשרייבן זיך מיט זיין פרוי דורך שיפרירטע טעלעגראַמעס.

אַזאַ לאַגע האָט אָבער לאַנג ניט געקענט דויערן, ווייל מען האָט ניט געדאַרפט פאַרמאָגן קיין באַזונדער פאָרזיכטיקייט צו פאַרשטיין, אַז ניקאָלאַי II וועט ניט אויף שטענדיק בלייבן פאַסיוו צו די געוואַלדיקע ענדערונגען, אין וועלכע די רעוואָלוציע האָט אים אַוועקגעשטעלט, און אַז עס וועלן זיך געפי־נען געוויס בעלנים צו מאַכן פאַרשיידענע פרובן צוריק אַוועקצוזעצן ניקאָלאַיען אויפן טראָן. און ס׳איז געווען קלאָר, אַז אין דעם, וואָס ניקאָלאַי איז נאָך אַלץ נאָענט צו דער אַרמיי און צו די אַרמיי־שטאַבן, ליגט אַ גרויסע סכנה פאַר דער נייער מלוכה־אָרדענונג און פאַר דער רואיקייט פון לאַנד.

די צייטווייליקע רעגירונג האָט דעריבער אָנגעהויבן צו טראַכטן וועגן אַרויסשיקן ניקאָלאַיען מיט זיין פרוי קיין ענגלאַנד, וואו די רעגירונג איז גע־ווען שטאַרק אויפגעבראַכט קעגן דעם געוועזענעם קייזער פאַר זיין פּילאָפריי־סישער פּאָליטיק.

עס איז שווער צו זאָגן, צו דער דאָזיקער פּלאַן איז אויפגעשוואוּמען צוליב קנאַפּן פּאָליטישן פאַרשטאַנד אָדער קורצזיכטיקייט, אָדער מען געהאַט דאָ צו טאָן מיט אַ פאַרבאָרגענער כונה צוצונעמען קודם־כל ניקאָלאַייען פון אונטער דער השגחה פון דער רעוואָלוציע און אַוועקשיקן אים אין אַ זיכערן אָרט ביז דעם פּאַסיקן מאָמענט, ווען מען וועט קאָנען ווידער אַהיימרוקן ניקאָלייען אַיין פאָדערגרונד און אַוועקשטעלן אויף דער טאָג־אָרדענונג די פראַגע וועגן דער קייזערלעכער דינאַסטיע בכלל און דעם געוועזענעם צאַר בפרט. דער פעטער־בורגער ראַט האָט אָבער פאַרשטאַנען, אַז אַ חוץ אַלע קאָנטר־רעוואָלוציאָ־נערע און רעסטאַוראַטאָרישע סכנות, וועלכע זיינען פאַרבונדן מיט דער נסיעה פון ניקאָלאַי II קיין ענגלאַנד, באַקומט די ענגלישע רעגירונג אין האַנט אַ שטענדיקע און שרעקלעכע בייטש קעגן דער רוסישער רעוואָלוציע, וואָרים די ענגלישע רעגירונג וואָלט געהאַט די מיגלעכקייט אויסנוצן ניקאָלאַיען אויף צו פלעכטן אַ געפערלעכע מאָנאַרכיסטישע נעץ אַרום רוסלאַנד, אויב דאָס וועט

צאַר זיין "גינסטיק פאַר די אינטערעסן פון גרויסבריטאַניען אימפּעריאַליזם.

פאַרלאָזן זיך אין אַזאַ וויכטיקן און פאַרוויקלטן ענין אויף דעם יושר פון דעם אַליאירטן ענגלאַנד איז געווען צו ריזיקאַליש און דער פּעטערבורגער אַר־בעטער־און סאָלדאַטן־ראַט האָט געשטעלט אַ קאַטעגאָרישע פאָדערונג, אַז מען זאָל בשום אופן נים ערלויבן ניקאָלאַיען מיט זיין פאַמיליע אַרויסצופאָרן קיין ענגלאַנד און אַז מ'זאָל בכלל אָוועקנעמען ביי דעם געוועזענעם טיראַן די פריי־הייט, וועלכע האָט געקאָנט ברענגען צו אומגעריכטע און גאָר אומגעוואונטשענע רעזולטאַטן.

דער פּעטערבורגער ראַט האָט קאַטעגאָריש געפאָדערט, צו אַרעסטירן ניקאָלאַיען מיט זיין פאַמיליע, און די צייטווייליקע רעגירונג האָט ווילנדיק, נים ווילנדיק געמוזט מאַכן אַ פרום פנים און פאַרעפנטלעכן אַ דעקרעט, לויט וועלכן ביי ניקאָלאַיען און זיין פרוי ווערט צוגענומען די פרייהייט און ניקאָלאַי מוז צוגעשטעלט ווערן אין צאַרסקאָיע סעלאָ. די צייטווייליקע רעגירונג האָט באַ־פולמעכטיקט פיר דומע־דעפּוטאַטן צו פאָרן קיין מאָהיליאָוו, וואו ניקאָלאַי איז פאַרבליבן די גאַנצע צייט ביי דער הויפּטקוואַרטיר, און ברענגען אים קיין צאַרסקאָיע, וואו ער און זיין גאַנצע פאַמיליע זייגען אָוועקגעשטעלט געוואָרן אונטער אַ באַזונדער רעוואָלוציאָנערער שמירה.

דערמיט איז דער ענין וועגן דער קייזער'לעכער פאַמיליע ניט געווען ערליי־דיקט. עס איז נאָך געבליבן אַ וויכטיקערע פראַגע וועגן געוועזענעם אַלערהעכסטן אָנפירער פון דער רוסישער אַרמיי, דעם קייזערס פעטער, ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש.

בעת די רעוואָלוציע איז אויסגעבראָכן איז ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש געווען אויף קאַווקאַז, אַלס הויפּטקאָמאַנדיר פון דער קאַווקאַזער אַרמיי און קאַווקאַזער שטאַטהאַלטער, אָבער ווען ניקאָלאַי II האָט אין די ערשטע טעג פון דער רע־וואָלוציע אַבדיקירט און איז געוואָרן אויך אויס אַלערהעכסטער קאָמאַנדיר פון דער רוסישער אַרמיי, האָט ער אויף דעם דאָזיקן פּאָסטן באַשטימט ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטשן.

עס איז געווען אַ פראַגע, צי האָט דער אַבדיקירטער קייזער געהאַט רעכט צו באַשטימען עמיצן אויף אַזאַ הויכן און פאַראַנטוואָרטלעכן פּאָסטן, אָבער ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש האָט גאַנץ ערנסט ווידער אָנגענומען דעם אַמט, פון וועלכן דער קייזער האָט אים ניט לאַנג צוריק משלח געווען, און דער דאָזיקער גרויזאַמער טיראַן, וועלכער האָט אומגעבראַכט טויזנטער סאָלדאַטן, פאַריאָגט טויזנטער און צענדליקער טויזנטער פאַמיליעס פון זייערע איינגעזעסענע ערטער און האָט זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט מיט די גרושים פון גאַנצע יידישע קהילות, דער דאָזיקער רשע, וועלכער איז געווען באַוואוסט מיט זיין שרעקלע־כער שטעקן־דיסציפּלין, איז פּלוצלונג אַ ליבעראַל געוואָרן און האָט ניט געקאַרגט קיין טירחה און קיין צייט צו דערציילן יעדן צייטונגס־רעפּאָרטער וועגן זיינע ליבעראַלע און רעוואָלוציאָנערע שטימונגען און וועגן זיין טרייהייט צו דעם נייעם פרייען רעזשים.

די צייטווייליגע רעגירונג און דערהויפט דער קריגס־מיניסטער גוטשקאָוו זיינען געווען גאַנץ צופרידן מיט אַזאַ באַשטימונג און גאַנץ מעגלעך, אַז ניקאָלאַי II האָט באַשטימט ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטשן אויף אַזאַ הויכן פּאָסטן טאַקע לויט דעם פאָרשלאַג פון דעם זעלבן גוטשקאָוו, וועלכער האָט, אַלס שליח פון דער גאַס. דומע, געדאַרפט ביי ניקאָלאַי II אַרויסבאַקומען דעם אַקט וועגן זיין אַבדיקאַציע.

נאָר אויב אַזאַ רעאַקציאָנער, ווי גוטשקאָוו, איז ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש געווען צום הארצן, האָט אָבער דער פּעטערבורגער ראַט פון די אַרבעטער־און סאָלדאַטן־דעפּוטאַטן ניט געקאָנט דערלאָזן, אַז דער טיראַן, וואָס האָט געשמיסן און פאַרפייניקט סאָלדאַטן, ביי וועלכע זיין נאָמען איז געווען פאַרהאַסט און פאַרשאָלטן, זאָל ווידער באַקומען אַ אומבאַגרעניצטע ממשלה אויף דער אַרמיי.

אגב איז בכלל געווען אַ סכנה, אַז אַזאַ נאָענטער קרוב פון ניקאָלאַי II און טיכטיקער מיטגליד פון דער קייזערלעכער פאַמיליע זאָל באַקומען אַזאַ מאַכט אין זיינע הענט, און דער פּעטערבורגער ראַט האָט קאַטעגאָריש געפאָדערט, אַז ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש זאָל אַרויס אין דעמיסיע און ניט צוגעלאָזט ווערן צו דער אַרמיי.

די צייטווייליקע רעגירונג האָט געמוזט אויך די דאָזיקע פאָדערונג נאָכגעבן, און ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש האָט נאָך אונטערחתמעט באַקומען די בשורה, אַז ער האָט זיך ניט וואָס צו איילן, ווייל ער ווערט באַפרייט פון זיין הויכן פּאָסטן.

אָבער מיט דער דעמיסיע, אויף וועלכע גוטשקאָוו האָט געמוזט איינשטימען, איז נאָך די גאַנצע פראַגע וועגן דער אַרמיי בכלל ניט ערליידיקט געוואָרן. די רעוואָלוציע האָט, זעלבסטפאַרשטענדלעך, געמוזט שאַפן גאַנץ נייע באַדינגונגען פאַר דער רוסישער אַרמיי, וועלכע איז צוליב דער מלחמה און אויך צוליב די אומגעלומפּערטע און אָפטע מאָביליזאַציעס, וואָס פלעגן געמאַכט ווערן ניט אַזוי צוליב מיליטערישע צוועקן, ווי צוליב דיין־פּאָליטישע, געווען אומגעהייער גרויס.

דער פּעטערבורגער גאַרניזאָן איז צוגעשטאַנען צו דער רעוואָלוציע און האָט די וואַקלדיקע וואָגשאָל אַריבערגעצויגן אויף דער זייט פון דעם פאָלק נאָר צוליב דעם, ווייל די גרויסע סאָלדאַטן־מאַסע האָט מיטן גאַנצן האַרצן געשטרעבט צו מאַכן וואָס גיכער אַ סוף צו דער מלחמה און צו די גרויזאַמע דיסציפּלין־באַדינגונגען פון דער צאַרישער אַרמיי.

אָבער אַחוץ דעם פּעטערבורגער גאַרניזאָן זיינען געווען נאָך טויזנטער שטעט און שטעטלעך מיט צעוואָרפענע מיליטערישע טיילן, וועלכע האָבן איצט געדאַרפט קלאָר מאַכן זייער באַציאונג צו דער נייער מלוכה־אָרדענונג בכלל און צו זייערע נאָענטסטע מאַכט־פאָרשטייער — צו די אָפיצירן — בפרט. די ערשטע ידיעות, וואָס האָבן זיך באַקומען אין פּעטערבורג פון אייניקע ערטער, דער־

הויפט פון קראָנשטאַט, זיינען געווען ניט קיין פריילעכע. אין קראָנשטאַט האָבן די מאַטראָסן מער פון אַלע איבעריקע אַרמיי-גרופּעס געליטן פון דעם שרעק-לעכן דיסציפּלין-יאָך; אגב האָט אויך די העכסטע מיליטערישע מאַכט דאָרט אין די ערשטע מאָמענטן זיך פאַרלאָרן און געמאַכט איינציקע אומטאַקטישע טריט. דאָס אַלץ האָט געבראַכט דאָרטן צו אַן אמתער שחיטה פון אָפיצירן מיט דעם אַדמיראַל ווירען בראש,—אַזעלכע ידיעות האָבן געמוזט אַרויסרופן אַ אומרואיקע שטימונג ניט נאָר אין די קרייזן פון דער רעגירונג, נאָר אויך צווישן דעם אַרבעטער-און סאָלדאַטן-ראַט; מ׳האָט מורא געהאַט, אַז די גרויסע רעוואָלוציע זאָל זיך ניט פאַרוואַנדלען אין ווילדע און שרעקלעכע סאָלדאַטישע בונטן און מהומות.

דער צייטווייליקער קאָמיטעט פון דער גאָס. דומע און דער פּעטערבור-גער אַרבעטער-און סאָלדאַטן-ראַט האָבן באַשלאָסן אַרויסצושיקן אויף די פראָנטן, וואו עס זיינען געווען קאָנצענטרירט די הויפּט-מאַסן פון דער אַרמיי, באַזונדערע עמיסאַרן, וועלכע האָבן געדאַרפט דערקלערן די סאָלדאַטן די נייע באַדינגונגען און רופן זיי צו אָרדענונג און רו.

דער הויפּט-שטאַב מיט דעם הויפט-קאָמאַנדיר, גענעראַל אַלעקסעיעוו, האָבן באַגעגנט די שלוחים פון דער גאָס. דומע מיט דער גרעסטער פרייד, ווייל די גענעראַלן און די דומע-דעפּוטאַטן זיינען געווען אייגענע מענטשן, וואָס האָבן געהאַט אַלצאיינע מיינונגען און געשטרעבט צו איינע און די זעל-ביקע צילן—איינהאַלטן די גאַנצע אַרמיי אין דער דיסציפּלין און פירן זי ווי-טער אויף נייע שלאַכטן און בלוט-פאַרגיסונגען ביז... עס וועט ניט קומען דער „דער לאַנג געגאַרטער ענדגילטיקער נצחון״.

דערפאַר אָבער האָבן די עמיסאַרן פון פּעטערבורגער ראַט געהאַט גאָר אַן אַנדער קבלת-פּנים. אין דעם ערשטן מאָמענט, ווען דער גענ. אַלעקסעיעוו האָט זיך, משמעות, נאָך ניט געהאַט אָריענטירט אין די נייע באַדינגונגען, וואָס די רעוואָלוציע האָט געשאַפן, האָט ער אַריינגעשיקט אַ טעלעגראַמע קיין פּע-טערבורג און האָט געפּאָדערט, אַז דער פּעטערבורגער ראַט זאָל תיכף-ומיד אָפּרופן זיינע שלוחים, וועלכע האָבן אָנגעהויבן צו פירן אַן אַגיטאַציע צווישן די מיליטערישע מאַסן, און האָט געוואָרנט דערביי מיט כלערליי רעפּרעסיעס סיי קעגן די שלוחים, אויב זיי וועלן ניט אָפּגערופן ווערן, סיי קעגן דעם פּע-טערבורגער ראַט, וועלכער האָט די העזה צו שיקן אין דער אַרמיי זיינע מענטשן אָן דער ערלויבעניש פון דעם גענעראַל און זיין שטאַב.

עס פאַרשטייט זיך, אַז אין פּעטערבורג האָט זיך קיינער ניט דערשראָקן פאַר אַלעקסעיעוון און פאַר זיינע התראות, און דער גענעראַל האָט גאַנץ גיך פאַרשטאַנען, ווי לעכערלעך זיינע סטראַשונקעס זיינען געווען ביי די פּעטער-בורגער באַדינגונגען. די עמיסאַרן זיינען געפאָרן און האָבן אויפגערודערט די גרויסע אַרמיי-מאַסע, וועלכע איז ניט געווען ביכולת צו איבערדייען די גרויסע געשעענישן, וואָס זיינען געקומען מיט אַזאַ בליק-שנעלקייט.

אַלע עמיסאַרן, וועלכע האָבן געהאַט פאַרשיידענע צילן און אויף פאַר־שיידענע לשונות גערעדט צו די סאָלדאַטן, האָבן געבראַכט דערצו, אַז די גאַנ־צע אַרמיי האָט זיך גאָר אינגיכן באַדעקט מיט אַ נעץ פון פאַרשיידנאַרטיקע אַרמיי־קאָמיטעטן, צו וועלכע עס איז פאַקטיש איבערגעגאַנגען די גאַנצע מאַכט. די נייע אָרגאַניזאַציעס האָבן אָפּגעהיט די רו און אויסגעמיטן אַלערליי עקסצעסן, וואָס האָבן געקאָנט פּאָרקומען ביי די אָנגעשטרענגטע באַציאונגען צווישן די סאָלדאַטן און אָפיצירן. די סאָלדאַטן האָבן ניט געהאַט און ניט געקאָנט האָבן קיין צוטרוי צו יענע אָפיצירן, וועלכע האָבן מיט אַ קורצער צייט צוריק אַזוי שוידערלעך איבער זיי געוועלטיקט און זיי געפּייניקט. די גאַנצע מאַכט האָבן באַקומען די קאָמיטעטן פון פּאָלקן, דיוויזיעס, קאָרפּוסן און אַרמייען—; זיי האָבן געפירט די גאַנצע אויפקלערונגס־אַרבעט צווישן די פינסטערע סאָלדאַטי־שע מאַסן און האָבן פאַקטיש איבערגענומען די גאַנצע ממשלה פון די אָפיצירן און גענעראַלן.

אַזאַ לאַגע האָט, פאַרשטייט זיך, ניט געקאָנט באַזונדער צופרידנשטעלן דעם גענעראַליטעט און דעם קריגסמיניסטער גוטשקאָוו, וועלכער האָט זיך גע־קלאָגט, אַז צוליב די אַרמיי־קאָמיטעטן פאַרלירט די רוסישע אַרמיי איר מילי־טערישן כאַראַקטער און איר קריגספּעאיקייט.

גוטשקאָוו און אַלע אָפיצירישע עלעמענטן האָבן אָנגעהויבן אַ קאַמף קעגן די אַרמיי־אָרגאַניזאַציעס; טאָגטעגלעך פלעגט גוטשקאָוו אין דער הויפּט־שטאָט פאַרעפנטלעכן פאַרשיידענע ידיעות, אַז די סאָלדאַטן האָבן פאַרגעסן זייע־ערע מיליטערישע התחייבותן, אַז זיי לויפן מאַסנווייז פון די פּאָזיציעס און פון פראָנט, אַז זיי ווילן זיך ניט פאַרנעמען מיט די מיליטערישע אַרבעטן און אי־בונגען א. אַז. וו.

צווישן דער ציווילער באַפעלקערונג האָבן גוטשקאָוו און זיינע מיטהעלפער געפּרובט פאַרשפּרייטן אומגינסטיקע ידיעות וועגן דער אַרמיי. אין דער זעלבער צייט האָט די גאַנצע בירגערלעכע פּרעסע און די דומע־עמיסאַרן זיך באַמיט צו פאַרשוואַרצן אין די אויגן פון די גרויסע סאָלדאַטן־מאַסן די אַרבע־טער, וועלכע פאָדערן אַן אַכט־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג און וועלכע ווילן בכלל ניט אַרבעטן אינטענסיוו און דערמיט לאָזן זיי איבער די סאָלדאַטן אויף דעם פראָנט אָן געווער און אַמוניציע.

דעם אַלטן כלל: „צעטייל און געוועלטיק" האָט מען געפּרובט אויסנוצן מיט דער גרעסטער ענערגיע און געשיקטקייט, כדי צו צעריסן דעם מעכטיקן בונד צווישן די אַרבעטער און סאָלדאַטן. די דאָזיקע אַגיטאַציע, וואָס האָט זיך געפירט מיט גרויס ענערגיע, האָט געבראַכט אין אייניקע ערטער דערצו, אַז די סאָלדאַטן האָבן געשיקט באַזונדערע דעלעגאַציעס אויף די פאַבריקן, כדי נאָכצושפּירן, צי האָבן די אַרבעטער טאַקע געוואָרפן זייער אַרבעט. בכלל אָבער האָבן די אַלע באַמיאונגען פון דער צייטווייליקער רעגירונג, דעם גענעראַליטעט און דער בירגערלעכער פּרעסע ניט געבראַכט צום געוואונטשענעם רעזולטאַט

און די גאַנצע אַגיטאַציע האָט קיין באַזונדער ערפאָלג ניט געהאַט, און אויף גוטשקאָוון, אויף אָט דעם רעכטסטן צווישן די רעכטע מיניסטאָרן, איז אויסגע-פאַלן דער ביטערער גורל צו פאַרעפנטלעכן די „דעקלאַראַציע פון סאָלדאַטן-רעכט", וועלכע האָט געשאַפן אַ געזעצלעכן באָדן פאַר אַלע סאָלדאַטישע אָרגאַ-ניזאַציעס, קעגן וועלכע דער גאַנצער גענעראַליטעט האָט מיט אַזאַ איפּפעט פּראָטעסטירט און געקריצט מיט די ציין.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז דורכדעם, וואָס די בורזשואַזיע און דער גענע-ראַליטעט האָבן יורידיש נאָכגעגעבן די סאָלדאַטן, האָט זיך דער קאַמף נאָך ניט פאַרענדיקט. די אָנגעצויגענע באַציאונגען צווישן קריגס-מיניסטעריום און גענעראַליטעט פון איין זייט און דער גרויסער סאָלדאַטן-מאַסע פון דער צווייי-טער זיינען געבליבן און האָבן געדראָט מיט אַ קריזיס ביי דער ערשטער גע-לעגנהייט.

---

X.

די פראַגן וועגן דעם רעכט פון די סאָלדאַטן און וועגן דער אָרגאַניזאַציע פון דער גאַנצער אַרמיי, זייער האַרבע אַן און פאַר זיך, זיינען נאָך מער פאַרקאָמפּליצירט געוואָרן דורך דעם, וואָס זיי זיינען געווען פאַרבונדן מיט דער פראַגע וועגן דער מלחמה בכלל.

עס איז שוין אָנגעוויזן געוואָרן, ווי אַזוי ביידע צדדים, — דער צייטווייליקער דומע-קאָמיטעט און דער פעטערבורגער ראַט — האָבן מורא געהאַט אַוועקצו-שטעלן די דאָזיקע פראַגע אין די ערשטע טעג פון דער רעוואָלוציע און ווי אַלס אַ פועל-יוצא פון דער דאָזיקער מורא איז געשאַפן געוואָרן דער אָפּמאַך צווישן דער דומע און דעם פעטערבורגער ראַט, לויט וועלכן דער באַוואוסטער אימפּעריאַליסט, — דער קאַדעטישער אָנפירער מיליוקאָוו איז באַשטימט געוואָרן אַלס מיניסטער פאַר אויסלענדישע ענינים.

מיליוקאָווס נאָמען אַליין איז דעמאָלט געווען אַ פּאָליטישע פּראָגראַם. פאַר קיינעם איז קיין סוד ניט געווען, אַז אין משך פון דער גאַנצער מלחמה איז מיליוקאָוו געווען דער אָנפירער און באַגרינדער פון די עקסטע אימפּעריאַליסטישע טענדענצן און שטרעבונגען. מיליוקאָוו האָט טעאָרעטיש באַגרינדעט די פאָדערונג פון דער צאַרישער רעגירונג וועגן רוסלאַנדס רעכט אויף די דאַרדאַנעלן. מיליוקאָוו האָט געפאָדערט, אַז רוסלאַנד זאָל אויך באַקומען אַרמעניע, אַז די עסטרייך-אונגאַרישע מלוכה זאָל צעגלידערט ווערן אויף קליינע מדינות לטובת רוסלאַנד, וועלכע דאַרף באַקומען מזרח-גאַליציע, אַז דייטשלאַנד זאָל צאָלן גרויסע קאָנט-ריבוציעס א. אַז. וו. קורץ, מיליוקאָוו האָט געהאַלטן מיט יענער פּאָליטישער

שיטה, וועלכע האָט געפאָדערט, אַז רוסלאַנד זאָל פירן די מלחמה ביז אַ פולן ענדגילטיקן נצחון.

אויב די דומע־קרייזן האָבן מסכים געווען, צו אין דער רעגירונגס־פראָגראַם זאָל וועגן דער גאַנצער מלחמה־פראַגע פאַרשוויגן ווערן, איז דאָס, אייגנס־לעך, פון זייער זייט געווען ניט קיין איבעריקס גרויסער קרבן, וואָרים כל־זמן דאָס מיניסטעריום פאַר אויסלענדישע ענינים מיט דער גאַנצער אויסלענדישער פאָליטיק זיינען געלעגן אין מיליוקאָווס הענט, זיינען אַלע בירגערלעכע און קריגעריש־געשטימטע עלעמענטן געווען זיכער, אַז די פראַגע וועגן דער מלחמה וועט פאַרענטפערט ווערן אַזוי, ווי עס פאָדערן די אינטערעסן פון די עקסטע אימפּעריאַליסטן.

דער פעטערבורגער ראַט צוזאַמען מיט די אַלע גרופעס, וועלכע האָבן זיך קאָנצענטרירט אַרום אים, זיינען אָבער גאָר ניט געווען אַזוי זיכער בנוגע דער מלחמה־פראַגע. שטייענדיק אין נעענטערע באַציאונגען מיט די סאָלדאַ־טישע מאַסן, האָבן זיי אויסגעצייכנט געוואוסט, אַז ניט קוקנדיק אויף די פאַט־ריאָטישע פראַזן, איך וועלכע מען האָט איינגעוויקלט די פאַרשיידענע פראַגן פון יענער צייט און מיט וועלכע די בירגערלעכע פרעסע האָט פאַרטומלט די סאָלדאַטן, זיינען די סאָלדאַטן איבערצייגט, אַז די רעוואָלוציע מוז ברענגען צו אַ סוף פון דער מלחמה. די באַציאונג פון די גרויסע אַרבעטער־מאַסן צו דער פראַגע וועגן דער מלחמה האָט אויך ניט געקאָנט אַרויסרופן קיין ספקות. און דער פעטערבורגער ראַט האָט פאַרשטאַנען, אַז איינע פון די וויכטיקסטע אויפ־גאַבן, וואָס שטייען פאַר אים, איז די פראַגע וועגן דער שנעלסטער ליקווידאַ־ציע פון דער מלחמה. די דאָזיקע פראַגע איז געווען אַזוי ברענענדיק, אַז קיין לאַנגע שהיות האָט מען ניט געקאָנט מאַכן אין דעם פּרט, און אין גיכן טאַקע האָט דער פעטערבורגער ראַט הויך אויפגעהויבן די פאָן פון שלום, וועלכע איז אַזוי טיף געווען באַגראָבן פאַר דער גאַנצער צייט פון דער מלחמה.

דעם 14־טן מערץ האָט דער פעטערבורגער אַרבעטער־און סאָלדאַטן־ראַט פאַרעפנטלעכט אַן אויפרוף „צו די פעלקער פון דער וועלט“, דערמאָנענדיק זיי וועגן די אַלטע און אין דער מלחמה־צייט פאַרגעסענע לאָזונגען פון שלום און אינטערנאַציאָנאַלער אחדות.

„מיר ווענדן זיך צו אַלע פעלקער, וועלכע קומען אום און ווערן פאַר־אָרימט אין דער שוידערלעכער מלחמה—ווערט געזאָגט אין דעם היסטאָרישן אויפ־רוף—מיר ערקלערן, אַז עס איז שוין געקומען די צייט אָנצוהייבן אַ ענער־גישן קאַמף מיט די פאַרכאַפּערישע און אַנעקסיאָניסטישע שטרעבונגען פון די רעגירונגען פון אַלע לענדער. עס איז שוין געקומען די צייט, ווען די פעל־קער דאַרפן אַליין נעמען אין זייערע הענט צו באַשליסן די פראַגע וועגן מלחמה און שלום“. פון איר זייט, ערקלערט די רוסישע דעמאָקראַטיע דורך דעם אויפרוף, אַז „זי וועט זיך מיט אַלערליי מיטלען אַנטקעגנשטעלן דער אַנעקסיאָניסטישער פּאָליטיק פון די רוסישע הערשנדיקע קלאַסן“, און רופט דע־

ריבער די פעלקער פון אייראָפּע און קודם־כל דעם דייטשן פּראָלעטאַריאַט צו־זאַמען אַרויסצוטרעטן פאַר דער שלום־אַקציע.

דער דאָזיקער גלענצנדער אויפרוף האָט זיך געענדיקט מיט אַזעלכע היס־טאָרישע ווערטער:

„אַרבעטנדיקע פון אַלע לענדער! מיר שטרעקן צו אייך אויס די ברי־דערלעכע הענט איבער בערג פון מענטשלעכע קערפּערס, איבער טייכן אומ־שולדיק בלוט און טרערן, איבער חורבות פון שטעט און דערפער, איבער די חורבות פון די קולטור־אוצרות,—איבער דעם אַלעם רופן מיר אייך צוריקצו־שטעלן און פאַרשטאַרקן די אינטערנאַציאָנאַלע אחדות".

דער דאָזיקער אויפרוף האָט אַרויסגערופן אַ גרויסן טומל אין דער ביר־גערלעכער רוסישער פּרעסע, וועלכע האָט די גאַנצע צייט געפירט אַ געוואַלדיקע העצע קעגן דעם פּעטערבורגער ראַט, אויסנוצנדיק דערביי אַלערליי מיטלען. איצט האָט זיך די פּרעסע מיט אַ באַזונדער אימפּעט אַרויפגעוואָרפן אויף דעם פּעטערבורגער ראַט און אויף זיין שלום־אויפרוף. די צייטווייליקע רעגירונג איז אויך ניט געווען צופרידן מיט דעם אויפרוף. קודם, איז דער אויפרוף געווען אַ באַווייז, אַז דער פּעטערבורגער ראַט האָט זיך אַנטשלאָסן אַליין, אָן דער רעגירונג, אַרויסטרעטן מיט אַזאַ שלום־מאַניפעסטאַציע, וואָס דאָס האָט אייגענט־לעך געהערט צו די פּרעראָגאַטיוון פון דער רעגירונג. און צווייטנס, האָט דער גאַנצער טאָן און דער אינהאַלט פון דעם אויפרוף געוויזן, אַז דער פּעטערבורגער ראַט און די רעוואָלוציאָנערע דעמאָקראַטיע שטייען פעסט ביי דעם פּרינציפּ, אַז די מלחמה דאַרף זיך ענדיקן אָן שום אַנעקסיעס און קאָנטריבוציעס, וואָס האָט לחלוטין ניט געשמעקט דער צייטווייליקער רעגירונג.

דער אויפרוף וועגן שלום, וואָס האָט אַרויסגעשטעלט געוויסע פּרינציפּן און אַ גאַנץ קלאָרע שלום־פּראָגראַם, האָט געצוואונגען די צייטווייליקע רעגירונג זיך אָפּצוזאָגן פון איר שוויג־פּאָליטיק בנוגע דער דאָזיגער וויכטיקסטער פראַגע און אָפּן אָננעמען אַ געוויסע שטעלונג צו דער פראַגע וועגן שלום און מלחמה.

די צייטווייליקע רעגירונג האָט אפילו געוואָלט וואָס ווייטער פאַרבלייבן ביי דער שוויג־פּאָליטיק, אָבער די פאָדערונגען, אַז זי זאָל בנוגע דער שלום־פראַגע עפענען וואָס גיכער אירע קאָרטן, זיינען געוואָרן אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער, און די צייטווייליקע רעגירונג האָט סוף־כל־סוף פאַרעפנטלעכט אַן אויפרוף צום פאָלק, אין וועלכן זי האָט ערקלערט, אַז דאָס פרייע רוסלאַנד שטרעבט ניט צו געוועלטיקן איבער אַנדערע פעלקער, ניט צו פאַרכאַפּן מיט געוואַלד פרעמדע טעריטאָריעס, נאָר איינצושטעלן אַ פעסטן שלום אויף דעם גרונד פון פעלקער־זעלבסטבאַשטימונג פון די פעלקער.

הגם די דאָזיקע מלחמה־צילן זיינען אַרויסגעזאָגט געוואָרן אין גענוג אומ־קלאָרע ווערטער, באַזונדערס אין פאַרגלייך מיט דעם אויפרוף פון דעם אַרבע־טער־און סאָלדאַטן־ראַט, פונדעסטוועגן איז דער אויפרוף פון דער רעגירונג

געווען אַ געוויסער שריט פאָראויס, וואָס האָט נעענטער געמאַכט דעם געגאַרטן שלום, בפרט אַז מיט עטלעכע טעג צוריק איז אָנגעקומען אַ בריוו פון די דייטשע רעגירונגס-סאָציאַליסטן, וועלכע האָבן ערקלערט, אַז דייטשלאַנד וועט זיך ניט מישן אין די אינווייניקסטע רוסישע ענינים, און האָבן אַרויסגעזאָגט זייער וואונטש און האָפענונג, אַז דער ערפאָלג פון דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג וועט מיטהעלפן, עס זאָל קומען אַ גיכער דעמאָקראַטישער שלום.

מען האָט דעריבער געקאָנט מיינען, אַז די פראַגע וועגן מלחמה און שלום האָט זיך אַ ריר געטאָן פון איר טויטן פונקט און אַז די אָפן אַרויסגעזאָגטע שלום-ווערטער וועלן ברענגען צו וועלכע-עס-איז רעזולטאַטן. אָבער גאָר אינגיכן האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די צייטווייליקע רעגירונג האָט חרטה געהאַט אויף איר אָקאָרשט פאַרעפנטלעכטער שלום-דעקלאַראַציע און דעם 18-טן אַפּריל (1-טן מאַי), ווען אין פּעטערבורג און אין גאַנץ רוסלאַנד זיינען פאָרגעקומען צום ערשטן מאָל גראַנדיעזע מאַי-פייערונגען, און הונדערטער טויזנטער אַרבייטער און סאָלדאַטן זיינען אַרויס אויף די גאַסן מיט לאָזונגען „שלום און ברידערשאַפט צווישן די פעלקער!“, „נידער מיט דער מלחמה און מיט דער אומזיסטער בלוטפאַרגיסונג!“ — אין דעם זעלבן טאָג האָט דער מיניסטער פאַר אויסלענדישע ענינים פון דער רעוואָלוציאָנערער צייטווייליקער רעגירונג, מיליוקאָוו, געפונען פאַר נייטיק און פאַסיק אַרויסצושיקן צו אַלע בונד-מלוכות אַ דיפּלאָמאַטישע נאָטע און ערקלערן, אַז רוסלאַנד וועט פירן די מלחמה ווייטער ביז „אַ ענדגילטיקן נצחון און אַ פעסטן שלום“, און אַז זי וועט שטרענג אָפּהיטן און אויספירן אַלע התחייבותן, וואָס די צאַרישע רעגירונג האָט אויף זיך גענומען בנוגע דער מלחמה.

צי דאַרף מען נאָך מוסיף זיין, אַז אַזאַ דיפּלאָמאַטישע נאָטע האָט געמאַכט אַן אייגדרוק פון אַ דונער אין אַ שיינעם זומער-טאָג. די וואַקלדיקע און ניט גענוג קלאָרע פּאָליטיק פון דער צייטווייליקער רעגירונג האָט פריער אויך אַרויסגערופן גענוג פּראָטעסטן. די אַגיטאַציע דערפאַר, אַז די צייטווייליקע רעגירונג זאָל פאַרעפנטלעכן אַלע געהיימע דיפּלאָמאַטישע אָפּמאַכן און זאָל פעסטשטעלן פאַר דעם גאַנצן פאָלק, אין וואָס אייגנטלעך באַשטייען די מלחמה-צילן און וועלכע התחייבותן האָט אויף זיך גענומען די צאַרישע רעגירונג, — די דאָזיקע אַגיטאַציע האָט פון טאָג צו טאָג אָנגענומען אַלץ שאַרפערע און בולטערע פאָרמען. די ברייטע פאָלקסשיכטן, וואָס די רעוואָלוציע האָט אַריינגעצויגן אין קרייז פון די פּאָליטישע פראַגן און אינטערעסן, האָבן טאַקע געפאָדערט אַ קלאָרן ענטפער אויף דער בלוטיקער פראַגע, צוליב וואָס און ביז וואַנען וועט מען פירן די שרעקלעכע מלחמה, וואָס רואינירט דאָס לאַנד און שלינגט איין אַזויפיל מענטשלעכע קרבנות.

עס איז דעריבער קיין וואונדער ניט, וואָס תיכף ווי מיליוקאָווס נאָטע איז באַקאַנט געוואָרן אין פּעטערבורג, האָט זי אַרויסגערופן גרויסע דעמאָנסטראַציעס אין פּעטערבורג און אין מאָסקווע מיט טויזנטער אָנטיילנעמער פון אַרבעטער

און סאָלדאַטן, אונטער די לאָזונגען: נידער מיט מיליוקאָוון! לעבן זאָל דער שלום און די ברידערשאַפט פון די פעלקער! מיר פאָדערן אַ שלום אָן אַנעק־סיעס און קאָנטריבוציעס!

די דאָזיקע דעמאָנסטראַציעס האָבן געמאַכט אַ געוואַלדיקן איינדרוק אין די בירגערלעכע און פּאַטריאָטיש־קריגערישע קרייזן, און זיי האָבן תיכף אָרגאַ־ניזירט אַ קאָנטער־דעמאָנסטראַציע מיטן אָנטייל פון בירגערלעכע עלעמענטן, וועלכע זיינען אַרויס אויף די פעטערבורגער גאַסן און האָבן מאַניפעסטירט זייער פולן צוטרוי דער צייטווייליקער רעגירונג און איר שלום־פּאָליטיק.

די צוויי מאַניפעסטאַציעס האָבן זיך געמוזט באַגעגענען און ביי די אָנגע־צויגענע באַציאונגען, וועלכע האָבן שוין דעמאָלט עקסיסטירט צווישן די פאַר־שיידענע שיכטן פון דער פעטערבורגער באַפעלקערונג, איז כמעט געווען אומ־מיגלעך אויסצומיידן צוזאַמענשטויסונגען. אַזעלכע צוזאַמענשטויסונגען זיינען טאַקע דעם 20 אַפּריל פאָרגעקומען און אויף די פעטערבורגער גאַסן זיינען געבליבן ליגן די ערשטע בלוטיקע קרבנות פון דער בירגער־מלחמה, וואָס האָט זיך דעמאָלט אָנגעהויבן אין רוסלאַנד.

עטלעכע דעמאָנסטראַנטן זיינען דערהרגעט און פאַרוואונדעט געוואָרן. ביידע צדדים האָבן איינער דעם צווייטן באַשולדיקט אין די בלוטיקע צוזאַמענ־שטויסונגען, אָבער עס איז געווען ניט אַזוי וויכטיק צו דערגיין, ווער איז שול־דיק געווען אין דער בלוטפאַרגיסונג. דער עיקר זיינען דאָ געווען די פּאָליטישע רעזולטאַטן, וואָס די דאָזיקע צוזאַמענשטויסונגען האָבן אַרויסגערופן און וועלכע האָבן געוויזן, באַשיינבערלעך, אַז די צייטווייליקע רעגירונג פאַרמאָגט ניט די געהעריקע כוחות, אויף וועלכע זי זאָל זיך קאָנען אָנשפאַרן אין אַן עת־צרה.

אין דעם ערשטן מאָמענט, ווען די דעמאָנסטראַציעס האָבן זיך אָנגעהויבן, האָט דער קריגס־מיניסטער גוטשקאָוו און דער קאָמאַנדיר פון פעטערבורגער גאַרניזאָן, גענעראַל קאָרנילאָוו, געוואָלט זיי אויסנוצן, כדי צו ווייזן דעם המון און די קעגנערס פון דער רעגירונג, אַז די רעגירונג קאָן זיך אַן עצה געבן און קאָן באַנוצן רעפּרעסיווע מיטלען קעגן אירע קעגנער. קאָרנילאָוו האָט באַפוילן אַרויס־צופירן אויף דעם הויף־פּלאַץ די אַרטילעריע קעגן די דעמאָנסטראַנטן. ווען אַזאַ „פרומער" וואונטש פון גוטשקאָוו און קאָרנילאָוו וואָלט דורכגעפירט געוואָרן, וואָלט די רעגירונג מסתמא אָנגעהויבן באַנוצן אַ גאַנץ אַנדער שפּראַך אין אירע אונטערהאַנדלונגען מיט דעם פעטערבורגער ראַט. אָבער דער פּרוב אויסצונוצן די אַרמיי קעגן דעם פאָלק האָט זיך ניט איינגעגעבן.

די אַרטילעריסטע פאָלקן, וועלכע קאָרנילאָוו האָט אַרויסגעפאָדערט, האָבן זיך אָנגעפרעגט ביי דעם פעטערבורגער ראַט, צי זיי דאַרפן ערפילן דעם גע־נעראַלס באַפעל, און ווען דער פעטערבורגער ראַט האָט ניט געגעבן זיין הכשר אויף אַזאַ „שפּאַציר", וועלכער האָט געקאָנט זיך זייער טרויעריק ענדיקן, זיי־

נען די פאָלקן געבליבן ביי זיך אין די קאַזאַרמעס און גוטשקאָוו-קאָרנ., וואָס בשותפותדיקע פריקאַזן זיינען געבליבן אויפן פּאַפּיר.

דער דאָזיקער אינצידענט האָט נאָך אַמאָל געוויזן, אַז די פּאַקטישע מאַכט געפינט זיך נ י ט אין די הענט פון דער רעגירונג, נאָר ביי דעם פּע-טערבורגער ראַט, און אַז די אַרמיי וועט פאָלגן נאָר יענע מיליטערישע באַ-פעלן, וועלכע וועלן פון אים אַקצעפּטירט ווערן. גוטשקאָוו און גענעראַל קאָר-נילאָוו האָבן אָבער ניט געקענט באַנוגנען זיך מיט דער ראָלע פון סטאַטיסטן און מיט ריין-דעקאָראַטיווע פונקציעס, אין דער צייט, ווען די פּאַקטישע מאַכט איז גע-לעגן ביי די פאָרשטייער פון דער רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראַטיע—פון דעם פּע-טערבורגער ראַט. זיי האָבן גאַנץ ריכטיק אָפּגעשאַצט די לאַגע און זיינען טאַקע תיכף אַרויס אין דעמיסיע.

די איבעריקע מיטגלידער פון דער צייטווייליקער רעגירונג און אויך די פאָרשטייער פון דעם פּעטערבורגער ראַט האָבן אָבער ניט פאַרשטאַנען אָדער ניט געוואָלט פאַרשטיין, אַז די טרויעריקע גאַסן-געשעענישן זיינען אַן איבע-ריקע ראיה, אַז די לאַגע, ביי וועלכער די פאָרמעלע מאַכט—די צייטווייליקע רעגירונג האָט ניט קיין שפור פון אמתער מאַכט, איז אַן אוממיגלעכע און מוז ברענגען צו טרויעריגע רעזולטאַטן.

דער פּעטערבורגער ראַט האָט דעמאָלט געקאָנט זייער לייכט אַריבערנע-מען די גאַנצע מאַכט אין די אייגענע הענט, אָבער ער איז געבליבן אויף זיין אַלטער פּאָזיציע און האָט ניט געוואָלט איבערנעמען אויף זיך די גאַנצע פאַראַנט-וואָרטלעכקייט פאַר דער „בירגערלעכער רעוואָלוציע". עס האָבן זיך ווידער אָנ-געהויבן אונטערהאַנדלונגען צווישן דעם פּעטערבורגער ראַט און דער צייטווייי-ליקער רעגירונג. ביידע צדדים האָבן ניט געוואָלט פאַרשאַרפן די באַציאונגען און געשטרעבט צו אַ קאָמפּראָמיס.

דער קאָמפּראָמיס איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס מיליוקאָוו האָט מסכים געווען צו פאַרעפנטלעכן אַ צווייטע נאָטע און ערקלערן, אַז זיין ערשטע נאָטע פון 18 אַפּריל איז ניט סותר די רעגירונגס-דעקלאַראַציע פון 27 מערץ, און אַז די רעגירונג בלייבט ביי איר מיינונג בנוגע צו די מלחמה-צילן, לויט ווי זיי זיינען פאָרמולירט געוואָרן אין דער ערשטער דעקלאַראַציע.

אַזאַ פירוש האָט זעלבסטפאַרשטענדלעך קיינעם ניט געקענט צופרידנשטעלן און מיליוקאָוו איז טאַקע אינגיכן אַרויס אין דעמיסיע.

די דעמיסיע פון מיליוקאָוו און גוטשקאָוו, די צוויי וויכטיקסטע פאָרשטייער פון דער בירגערלעכער וועלט, האָט געמוזט אַרויסרופן אַ קריזיס אין דער רע-גירונג, וועלכע האָט זיך געדאַרפט גאָר אינגיכן פון דאָס ניי רעאָרגאַניזירן

## XI:

צווישן די אַלע פריער אָנגעוויזענע פּראָבלעמען, וואָס די רוסישע רעוואָ־לוציע האָט אַוועקגעשטעלט אויף דעם סדר־היום, איז געווען נאָך איין וויכטיקע פראַגע, וועלכע האָט אויך אַרויסגערופן גרויסע חלוקי־דעות צווישן דער רעוואָ־לוציאָנערער דעמאָקראַטיע און דער בורזשואַזיע, דהיינו: די אייביק־נייע אַרבע־טער־פּראַגע.

ווי עס איז שוין ניט איין מאָל אָנגעוויזן געוואָרן, האָט די רוסישע בור־זשואַזיע געוואָלט צוגעבן דער גאַנצער רעוואָלוציע אַן אויסשליסלעך פּאָליטישן כאַראַקטער. ווען די בורזשואַזיע זאָל געווען טאַקע האָבן די גאַנצע מאַכט, וואָלט זיך דאָס פאָלק געמוזט באַנוגענען מיט אייניקע פּאָליטישע רעפאָרמען. און אַלע וויכטיקע עקאָנאָמישע און סאָציאַלע פראַגן וואָלט מען אָפּגעלייגט אויף בעסערע צייטן, וועלכע האָבן געקאָנט קומען ניט פריער, איידער די מלחמה וועט זיך ענדיקן מיט אַן ענדגילטיקן נצחון. ס'איז גאַנץ פאַרשטענדלעך, אַז די אַרבעטער־מאַסן, וועלכע האָבן אין משך פון דער גאַנצער מלחמה גע־שמאַכט אונטער דעם שווערן עקאָנאָמישן יאָך און שרעקלעך געליטן פון דעם אַפּראָוויזאַציע־קריזיס און געוואַלדיקן יקרות, האָבן בשום אופן ניט געקאָנט תופס זיין, אַז די גאַנצע רעוואָלוציע באַשטייט נאָר אין דעם, וואָס אָנשטאָט די צאַ־רישע מיניסטאָרן זיינען געקומען נייע מיניסטאָרן, וועלכע שטאַמען אייגענטלעך פון דעם זעלבן געזעלשאַפטלעכן קלאַס, ווי די פריערדיקע. די אַרבעטער האָבן בשום אופן ניט געקאָנט דערלאָזן, אַז די גרויסע רוסישע רעוואָלוציע, אויף וועלכער ס'האָבן געוואַרט אַזוי פיל דורות, זאָל ניט באַרירן די שרעקלעכע באַ־דינגונגען, וועלכע זיינען געשאַפן געוואָרן פאַר דעם אַרבעטער אין דער מלחמה־צייט, ווען יעדער פּרוב פון די אַרבעטער אויסצוקעמפן בעסערע עקאָנאָמישע באַדינגונגען פלעגט אויסגעטייטשט ווערן פון פאַרשיידענע פּאַטריאָטיש־געשטימ־טע בירגערלעכע קרייזן אַלס בגידה קעגן דער מלוכה.

די אַרבעטער האָבן דעריבער תיכף אַרויסגערוקט די פראַגע וועגן אַן אַכט־שעהדיקן אַרבעטסטאָג. די בירגערלעכע פּרעסע האָט תיכף אויפגעהויבן אַ ליאַרים קעגן דעם דאָזיקן פּראָיעקט. עס האָבן זיך אויך געפונען לינקע צייַ־טונגען, וועלכע זיינען אויך אַרויסגעטראָטן קעגן אים, כדי די בירגערלעכע און פאַרמעגלעכע עלעמענטן זאָלן, חלילה, זיך ניט דערשרעקן פאַר די ברייטע עקאָנאָמישע פאָדערונגען און זאָלן זיך ניט אַנטזאָגן פון דער רעוואָלוציע, ווי דאָס איז געשען, למשל, אין יאָר 1905, ווען די פאָדערונגען פון די אַרבע־טער האָבן אַוועקגעיאָגט די גאַנצע בורזשואַזיע צו דער רעגירונג און דערמיט זי פאַרשטאַרקט און געגעבן איר די מיגלעכקייט איינגאַנצן צו ליקווידירן די רעוואָלוציע.

דער פּעטערבורגער אַרבעטער־ראַט האָט זיך אָבער פאַר אַלע אַזעלכע

התראות ניט דערשראָקן און דעם 10 מערץ האָט ער אָנגענומען אַ באַשלוס, לויט וועלכן אין פעטערבורג ווערט תיכף איינגעפירט דער אַכט-שעהדיקער אַר- בעטסטאָג. דער דאָזיקער באַשלוס איז אָנגענומען געוואָרן אין הסכם מיט דעם פעטערבורגער פאַבריקאַנטן-פאַרבאַנד, וועלכער האָט פאַרשטאַנען, אַז איצט איז ניט קיין צייט צו פירן אַ קאַמף קעגן אַזעלכע מינימאַלע פאָדערונגען פון די אַרבעטער.

מען האָט געקאָנט האָפן, אַז נאָכדעם ווי די גרעסטע פאַבריקאַנטן-אָרגאַ- ניזאַציע האָט מסכים געווען אויף דעם 8-שעהדיקן אַרבעטסטאָג, וועט די צייט- ווייליקע רעגירונג אַליין פאַרשפרייטן די דאָזיקע רעפאָרם אויף גאַנץ רוסלאַנד, אָבער די צייטווייליקע רעגירונג האָט זיך ניט געהאַלט מישן אין דער אַרבע- טער-פּאָליטיק, האַלטנדיק, אַז אַזאַ וויכטיגע פראַגע דאַרף אָפּגעלייגט ווערן, און ניט וועלנדיק פאַרשטיין, אַז דערמיט, וואָס זי פאַרשווייגט די אַרבעטער-פראַגע און פירט ניט דורך געוויסע אַרבעטער-רעפאָרמען, שטיצט זי פאַקטיש די פאַברי- קאַנטן און די אַרבעטגעבער, ביי וועלכע עס בלייבן די אַלטע מיגלעכקייטן פון עקספּלאָאַטאַציע.

דאָס זעלבע איז אויך געווען מיט דער אַגראַר-פראַגע. פאַר דער גרויסער מאַסע פויערים און סאָלדאַטן איז די פראַגע וועגן ערד — די ערשטע און די וויכטיקסטע. אַלע האָבן גאַנץ גוט פאַרשטאַנען, אַז די צוקונפט פון דער רע- וואָלוציע ווענדט אָפּ איבערהויפּט דערפון, צי וועט זיך איר איינגעבן צו ערליי- דיקן די האַרבע אַגראַר-פראַגע אַזוי, אַז דער גרעסטער טייל פון דער רוסישער באַפעלקערונג — דאָס פויערטום — זאָל צופרידנגעשטעלט ווערן. דערצו איז געווען נאָר איין מיטל, אַז דאָס פויערטום זאָל באַקומען ערד פון די גרויסע נחלאות, וואָס האָבן ביז אַהער געהערט צו פריוואַטע פריצים, צו דער מלוכה, צו די קלויסטערס א. אַז. וו.

דאָס האָבן פאַרשטאַנען ניט נאָר די פויערים, נאָר אויך די פריצים, וועלכע האָבן טאַקע תיכף אָנגעהויבן צו ספעקולירן געוואַלדיק מיט זייערע מאַ- יאָנטקעס, כדי בייצייטנס ווי ווייט מיגלעך זיך צו באַוואָרענען קעגן די היזקות, וואָס אַ ברייטע אַגראַר-רעפאָרמע וואָלט זיי געמוזט ברענגען.

די גאָס. דומע, הגם זי איז באַשטאַנען דאָס רוב פון פריצים, האָט אויך זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון אין דער לאַגע און אויף אַ זיצונג פון דעם דומע-קאָ- מיטעט האָט איינער פון די דומע-דעפּוטאַטן גאַנץ אָפן געזאָגט אַ הספד אויף דעם רוסישן פריצים-קלאַס, וועלכער מוז איצט גיין צו גרונד.

אַלע האָבן געוואַרט אויף דער אַגראַר-רעפאָרם און אַלע האָבן זיך גע- גרייט צו איר. די צייטווייליקע רעגירונג אַליין איז געבליבן טויב און שטום בנוגע דער דאָזיקער פראַגע און האָט כּלומרשט ניט באַמערקט די גרויסע ערד- ספעקולאַציע, וואָס האָט זיך פאַרשפרייט אַרום די ערד-נחלאות, האָט ניט גע- פונען פאַר נייטיק אָנצונעמען קעגן איר וועלכע עס איז מיטלען.

אַזוי איז די אַגראַר-פראַגע געבליבן אומבאַרירט אין דער צייט, ווען די

ציטוויילּיקע רעגירונג איז געווען ביי דער מאַכט. דאָסגלייכן זיינען אויך פאַר־שוויגן געוואָרן די פערשיידענע עקאָנאָמישע און פינאַנסיעלע פראַגן, וועלכע האָבן אויך געפאָדערט אַ שנעלן און קלאָרן ענטפער.

דער עקאָנאָמישער און פינאַנסיעלער קריזיס פון לאַנד, וועלכער האָט געשאַפן דעם באָדן פאַר דער רעוואָלוציע, האָט זיך ביי אַזאַ לאַגע פאַרשאַרפט אַלץ מער און מער. די אַלטע עקאָנאָמישע יסודות, אויף וועלכע עס האָט זיך געהאַלטן די צאַרישע אָרדענונג, זיינען חרוב געוואָרן, אָבער די ציטוויילּיקע רעגירונג האָט ניט פאַרשטאַנען אָדער ניט געקאָנט אויף זייער אָרט שאַפן נייע, און האָט ניט געפונען די וועגן און מיטלען, ווי אַזוי צו פאַרבעסערן די שלעכ־טע עקאָנאָמישע לאַגע פון לאַנד.

עס איז געווען קלאָר, אז דער עקאָנאָמישער חורבן וועט אומבאַדינגט אַרויסרופן אומרוען און איבערקערענישן, וועלכע האָבן סאַקע ניט געלאָזט לאַנג וואַרטן אויף זיך.

---

## XII.

צוליב די אומגעהייערע רעפּרעסיעס, וואָס די צאַרישע רעגירונג האָט אָנגעווענדט קעגן אַלע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען און טוער, האָט די רעוואָלוציע געטראָפן פּעטערבורג, מאָסקווע און אַלע אַנדערע שטעט פון רוסלאַנד ביי אַן אומגעהייערן מאַנגל אין רעוואָלוציאָנערע טוער. אין דער צייט,— ווען די בורזשואַזע עלעמענטן האָבן געקאָנט מאָביליזירן תיכף זייערע בעסטע אינטעלעקטועלע קרעפטן און אויסנוצן זיי פאַר די נייע אויפגאַבן, זיינען די אַרבעטער־שיכטן געבליבן צו דער צייט פון דער רעוואָלוציע כמעט אָן פירער, ווייל די בעסטע און סיכטיקסטע פון די אַרבעטער־טוער זיינען געווען פאַרשיקט אין פאַרשיידענע העקן פון סיביר אָדער פאַריאָגט אַלס עמיגראַנטן קיין אויסלאַנד. די געציילטע אַרבעטער־טוער, וואָס האָבן אויסגעמיידט די נעץ פון דער צאַרי־שער פּאָליציי, זיינען געווען באַוואוסט אַ גאַנץ קליינעם קרייז, דאָס רוב ניט מיט זייערע אמתע נעמען, נאָר אונטער פאַרשיידענע פּסעוודאָנימען.

די בירגערלעכע פּרעסע, וועלכע האָט פון דעם ערשטן טאָג פון דער רעוואָלוציע אָנגעפירט אַ סיסטעמאַטישע העצע קעגן דעם פּעטערבורגער אַר־בעטער־ראַט, האָט תיכף אויסגענוצט די דאָזיקע לאַגע, וואָס איז געווען אַן אומפאַרמיידלעכער רעזולטאַט פון דער צאַרישער רעפּרעסיווער פּאָליטיק, און האָט אָנגעהויבן אַ קאַמפּאַניע קעגן די פּסעוודאָנימען, וועלכע האָבן כּלומרשט באַקומען די גאַנצע מאַכט איבער רוסלאַנד. די דאָזיקע העצע איז אין אַ געווי־סער מאָס געווען אָנגעזאַפּט מיט אַנטיסעמיטיזם, ווייל עס איז געווען באַוואוסט, אַז צווישן די פאַרשיידענע אַזוי גערופענע פּסעוודאָנימען געפינען זיך אַ סך יידן,

וואָס האָבן געפירט ביז דער רעוואָלוציע אַ סאָציאַל-דעמאָקראַטישע אַגיטאַציע צווישן די אַרבעטער-מאַסן.

די פּאָליטישע אַמניסטיע, וואָס די ציטווייליקע רעגירונג האָט פאַרעפענטלעכט, האָט געעפנט די טירן פון אַלע טורמעס און האָט געשאַפן די מיגלעכקייט פאַר אַלע פּאָליטישע פאַרשיקטע צוריקצוקערן זיך אַהיים און אָנהייבן צו אַרבעטן צווישן די אַרבעטער-מאַסן. די וויכטיקסטע פּאָליטישע צענטערס פון די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען זיינען אָבער געווען אין אויסלאַנד און פאַר זיי איז די פראַגע וועגן צוריקקערן זיך אַהיים געווען אַ סך שווערער און פאַרפּלאָנטערטער. נאָר יענע רעוואָלוציאָנערע טוער, וועלכע האָבן געוואוינט אין די נייטראַלע צפון-לענדער, האָבן געקאָנט אָן באַזונדערע שוועריקייטן קומען צופאָרן קיין רוסלאַנד, וואָרים זיי האָבן ניט געדאַרפט דורכפאָרן דורך קיין מלוכה, וואָס זאָל זיין פאַרבונדן אין דער מלחמה. גאַנץ אַנדערש איז אָבער געשטאַנען די פראַגע וועגן צוריקקערן זיך פאַר יענע עמיגראַנטן, וואָס האָבן געוואוינט אָדער געדאַרפט דורכפאָרן פראַנקרייך און ענגלאַנד, ווייל די דאָזיקע לענדער האָבן געהאַט באַזונדערע רשימות פון די פּאָליטישע טוער, וועלכע זיינען קעגן דער מלחמה און במילא אויך קעגן דער אַנטאַנטע.

יעדער איינציקער עמיגראַנט, וואָס האָט געוואָלט אַוועקפאָרן קיין רוסלאַנד, האָט געמוזט באַקומען אַ באַזונדער ערלויבעניש פון דער אָדער יענער בונד-מלוכה. פאַרשטייט זיך, אַז אַזעלכע רייזע-ערלויבענישן האָבן באַקומען נאָר יענע רעוואָלוציאָנערע טוער, וועלכע זיינען געווען באַוואוסט אַלס אָנהענגער פון „פאַרטיידיקונג פונם פאָטערלאַנד” און אויף וועלכע מען האָט געקאָנט האָפן, אַז נאָכדעם ווי זיי וועלן זיך צוריקקערן קיין רוסלאַנד, וועלן זיי אַגיטירן פאַר דער מלחמה, פאַר דעם ווייטערדיקן קאַמף מיט דייטשלאַנד ביז דעם „ענדגילטיקן נצחון”.

אָבער אַחוץ די דאָזיקע „אָבאָראָנצעס” זיינען צווישן די רעוואָלוציאָנערע עמיגראַנטן-גרופּעס געווען אויסגעשפּראָכענע אָדער באַהאַלטענע „פּאָראַזשענצעס”, וואָס האָבן ניט נאָר געוואָלט, אַז רוסלאַנד זאָל האָבן אַ מפּלה אין דער מלחמה, נאָר האָבן אויך געהאַלטן, אַז מען מוז מיטווירקן דער דאָזיקער מפּלה, וואָרים טאָמער וועט די צאַרישע רוסלאַנד מנצח זיין, וועט דאָס אומגעהייער פאַרשטאַרקן די רעאַקציע ניט נאָר אין רוסלאַנד, נאָר אין גאַנץ אייראָפּע. זיי האָבן געהאַלטן, אַז עס איז אַלנפאַלס נייטיק וואָס גיכער די מלחמה צו ליקווידירן, וואָס ביי דער דעמאָלטיקער סטראַטעגישער סיטואַציע האָט עס געהייסן, אַז די מלחמה וועט זיך ענדיקן מיט דייטשלאַנדס נצחון.

צו אַזעלכע מפּלה-אָנהענגער האָבן זיך די בונד-מלוכות באַצויגן לחלוטין אַנדערש, אויס מורא, זיי זאָלן, קומענדיק קיין רוסלאַנד, ניט פאַרשטאַרקן דאָרט די שטימונגען קעגן דער מלחמה. ביי אַזאַ לאַגע האָבן קיין רוסלאַנד ניט געקענט צוריקקומען די אינטערנאַציאָנאַליסטישע גרופּעס און אויך די פאָרשטייער פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי.

ווען טראָצקי האָט זיך געפּרובט דורכרייסן פון אַמעריקע קיין רוסלאַנד, איז ער אונטערוועגס אַראָפּגענומען געוואָרן פון שיף און אינטערנירט געוואָרן אין אַ געפאַנגען-לאַגער צוזאַמען מיט דייטשע קריגס-געפאַנגענע. עס האָט זיך געמוזט אָנהייבן אַ געוואַלדיקע פּראָטעסט-באַוועגונג אין רוסלאַנד, כדי די ענגלישע רעגירונג זאָל באַפרייען טראָצקין פון לאַגער און ערלויבן אים פאָרן ווייטער קיין רוסלאַנד.

די אינטערנאַציאָנאַלע שפּיאָנען אין די אַנטאַנטישע לענדער האָבן צוגעשטעלט ספּעציעלע רשימות פון די אַלע עמיגראַנטן, וועלכע מ'האָט חושד געווען אין אַנטימיליטאַריסטישער שטימונג. אין די דאָזיקע רשימות זיינען, אגב, אויך אַריינגעפאַלן פּערזאָנען, ווי דער באַוואוסטער סאָציאַל-רעוואָלוציאָנערער פירער טשערנאָוו, וועלכער איז געקומען קיין רוסלאַנד מיט אַן אויסגעשפּראָכענער „פאַרטיידיגונגס-פּראָגראַם“.

אָבער די ישועה פאַר די אינטערנאַציאָנאַליסטן פון אַלערליי שיטות איז געקומען פון אַ גאַנץ אומגעריכטער זייט. ווען די שטעלונג פון די אַנטאַנטישע מלוכות צו דער פראַגע וועגן דעם צוריקקומען פון די אינטערנאַציאָנאַליסטישע אָנהענגער קיין רוסלאַנד איז קלאָר געוואָרן, האָבן זיך געפונען אייניקע שווייצאַרישע סאָציאַליסטן, וועלכע האָבן גאָר גיך געפועלט ביי דער דייטשער רעגירונג, זי זאָל ערלויבן די רוסישע עמיגראַנטן דורכפאָרן קיין רוסלאַנד דורך דייטשלאַנד.

די דייטשע רעגירונג האָט, פאַרשטייט זיך, געהאַט דערביי געוויסע פּניות. אַלענפאַלס, איז זי אָבער געווען אויף אַזוי פיל טאַקטיש, אַז זי האָט געגעבן פולקומע פרייהייט די רוסישע עמיגראַנטן צו אָרגאַניזירן די פאַרטיעס צוריקפערנדיקע לויט זייערע אייגענע וואונטשן און האָט זיך לחלוטין ניט געמישט אין די אינווייניקסטע באַציאונגען צווישן די עמיגראַנטן און אין זייערע פאַרטיי-אָנשויאונגען.

דער איינציקער תּנאי, וואָס די דייטשע רעגירונג האָט געשטעלט און וועלכן זי האָט שטרענג אָפּגעהיט, אַנז געווען, אַז די עמיגראַנטן זאָלן ניט אָפּשטייגן אין דייטשלאַנד—ווייזט אויס, אויס מורא, זיי זאָלן דאָרט ניט פירן קיין אַנטי-מיליטאַריסטישע אַגיטאַציע, אָדער אפשר—זיי זאָלן ניט קאָנען צופיל זען, וואָס עס טוט זיך אין לאַנד, וועלכעס האָט געפירט אַזאַ פאַרביסערטן קאַמף מיט דער אַנטאַנטע בכלל און מיט רוסלאַנד בפרט.

די ערלויבעניש פון דער דייטשער רעגירונג האָט אַרויסגערופן אַ געוואַלדיקן טומל אין די שווייצאַרישע עמיגראַנטן-קאָלאָניעס. אָבער ניט קוקנדיק אויף אַלע פּראָטעסטן פון די פּאַטריאָטיש-געשטימטע עמיגראַנטן, האָט זיך געפונען אַ גאַנץ היבשע צאָל בעלנים אויסצונוצן די „ליבנסווירדיקייט“ פון דער דייטשער רעגירונג און פאָרן קיין רוסלאַנד אָן באַזונדערע ערלויבענישן פון ענגלאַנד אָדער פראַנקרייך.

אין דעם ערשטן עמיגראַנטן-צוג, וועלכער איז דורכגעפאָרן דייטשלאַנד

אונטער אַ שטרענגער דייטשער שמירה, זיינען געווען די וויכטיקסטע באָלשעװיסטישע אָנפירער מיט לענינען בראש. די דאָזיקע ערשטע גרופּע עמיגראַנטן איז געקומען קיין פּעטערבורג דעם 3=טן אַפּריל, אין דעם טאָג, וואָס אַ סך רעכענען אים פאַר איינעם פון די וויכטיקסטע דאַטעס אין דער געשיכטע פון דער רוסישער רעוואָלוציע.

שוין ביים פינלענדישן וואָקזאַל, דורך וועלכן לענין איז געקומען קיין פּעטערבורג פון אויסלאַנד, האָט ער אויסגענוצט דעם פייערלעכן קבלת=פּנים, וואָס מען האָט אים געמאַכט, כדי פון אַ געפּאַנצערטן אַוטאָמאָביל צו ווענדן זיך צו דעם גרויסן עולם מיט אַן ערקלערונג, אַז עס איז געקומען די העכסטע און פּאַסנדיקסטע צייט, ווען מען קאָן און מען דאַרף אָנהייבן צו פירן אַ מלחמה קעגן דער מלחמה, ווען מען דאַרף אָנשטאָט דער אימפּעריאַליסטישער מלחמה אָנהייבן אַ בירגער=קריג, און ווען די אַרבעטער און פּויערים דאַרפן אַליין איבערנעמען די גאַנצע מאַכט אין זייערע הענט.

ווען לענין איז אין דעם זעלבן טאָג אַרויסגעטראָטן מיט אַ רעדע אין דעם פּעטערבורגער ראַט, האָט ער ווידער אַ מאָל און נאָך מיט מער קראַפט איבערגעחזרט די דאָזיקע געדאַנקען זיינע.

אויף מאָרגן איז פאָרגעקומען אַ זיצונג פון פאָרשטייער פון פאַרשיידענע סאָציאַליסטישע גרופּעס און פראַקציעס צו באַטראַכטן די פראַגע וועגן שאַפן אַן איינהייטלעכע סאָציאַל=דעמאָקראַטישע פּאַרטיי. לענין, וואָס זיין באַציאונג צו דער דאָזיקער פאַראייניקונגס=פראַגע האָט זייער פיל געהאַט צו זאָגן, האָט דאָרט ערקלערט, אַז עס איז בכלל ניטאָ וועגן וואָס צו ריידן, ווייל די גאַנצע סאָציאַל=דעמאָקראַטישע באַוועגונג אין אַלע לענדער איז אַ צעפּוילטער בר=מינן און עס איז דעריבער געקומען דער פּאַסנדיקסטער מאָמענט צו שאַפן אַ נייע פּאַרטיי פון קאָמוניסטן אָנשטאָט דער צעפּוילטער, פאַרשטונקענער סאָציאַל=דעמאָקראַטיע.

לענינס ערשטע אַרויסטרעטונגען האָבן געמאַכט אַ געוואַלדיקן רושם און אין דער ערשטער צייט האָט מען זיך צו זיינע טענות באַציגן ווי צו משונהדיקע פאָדערונגען פון ניט גאָר קיין קלאָרן מענטשן. וואָרים אויב די יחידים, וועלכע האָבן געהאַט אַ שייכות צו פּאַרטיי=אינטערעסן און צו אומלעגאַלער פּאַרטיי=אַרבעט, האָבן נאָך אפשר געוואוסט, אַז אַזעלכע מיינונגען וועגן אַ בירגער=קריג און וועגן ברידערן זיך אויף דעם פראָנט מיט דעם שונא זיינען פון די לעניניסטן אַרויסגעזאָגט געוואָרן נאָך אין יאָר 1915 אויף זייער פּאַרטיי=באַראַטונג און אין זייער אומלעגאַלער ליטעראַטור אין משך פון דער גאַנצער מלחמה=צייט, האָבן אָבער די ברייטע פאָלקס=שיכטן איצט צום ערשטן מאָל דערהערט, אַז אָנשטאָט צו פירן מלחמה מיט די דייטשע אַרבעטער, דאַרף מען זיך גאָר מיט זיי ברידערן אויפן פראָנט, אַז עס איז אַ סך וויכטיקער און נייטיקער צו פירן אַ מלחמה מיט די פאָרשטייער פון דער רוסישער בורזשואַזיע און מיט די פּריצים א. ד. ג. אויך דער אויסערגעוויינלעכער וועג, וואָס לענין האָט דורכגע-

מאכט אין א פארפלאָמבירטן וואגאָן דורך דייטשלאַנד, האָט פיל פארשטאַרקט דעם רושם פון לענינס אַרויסטרעטונגען און לענינס אידעען.

לענינס שטאַנדפונקט האָבן גלייך אָנגעהויבן צו פארשפרייטן פיל אָנהענגער פון דער באָלשעוויסטישער פארטיי, וועלכע איז שוין דעמאָלט אויך געווען גענוג שטאַרק און גרויס און איז פון טאָג צו טאָג אַלץ גרעסער און שטאַרקער געוואָרן.

דער באָלשעוויסטישער קאָמיטעט האָט פארנומען א פאלאַץ אין צענטער שטאָט, וועלכער האָט געהערט צו דער באַוואוסטער באַלעט-טענצערין קשעסינסקאַיא. דער זעלבער פאלאַץ, וואו פאר דער רעוואָלוציע פלעגן זיך צונויפזאַמלען און פראַווען בעלער די פאָרשטייער פון דער העכסטער אַריסטאָקראַטישער געזעלשאַפט צוזאַמען מיט די מיטגלידער פון דער קייזערלעכער פאַמיליע, איז איצט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א באָלשעוויסטישער פעסטונג, פון וועלכער מען פלעגט גאַנצע טעג און נעכט אַגיטירן. די דאָזיקע אַגיטאַציע האָט זיך געפירט מיט אַזאַ ענערגיע, אַז פיל פון די „ווילדע, משונהדיקע מיינונגען“ האָבן אַלץ מער און מער אַנגעשטעקט די אַרבעטער-מאַסן.

קשעסינסקאַס פאַלאַץ איז געוואָרן דער צענטער פון דער באָלשעוויסטישער אַגיטאַציע, טאָג-טעגלעך פלעגן פאַר דעם דאָזיקן פאַלאַץ אָפּגעהאַלטן ווערן טויזנטקעפּיקע מיטינגען און שטענדיק האָט מען דאָרט געקאָנט טרעפן גרופּעס מענטשן, וועלכע פלעגן פירן הייסע וויכוחים וועגן די אַלע פראַגן, וואָס האָבן דעמאָלט אַלעמען בלוטיק אינטערעסירט.

די בירגערלעכע פרעסע האָט אָנגעהויבן מיט א באַזונדער ענערגיע צו אַטאַקירן דעם דאָזיקן פאַלאַץ און דערמיט אפשר נאָך מער צוגעצויגן צו אים די אַלגעמיינע אויפמערקזאַמקייט. די באָלשעוויסטישע פעסטונג האָט זיך אָבער פאַר קיין זאַך ניט געשראָקן און האָט כסדר אַטאַקירט די צייטווייליקע רעגירונג און דעם פּעטערבורגער אַרבעטער-ראַט פאַר זיין פשרות-פאָליטיק און פאַר זיין שטיצן די רעגירונג. די דאָזיקע אַגיטאַציע האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג און פון טאָג צו טאָג האָט מען זיך געמוזט אַלץ מער און מער רעכענען מיט דער באָלשעוויסטישער ווירקונג אויף די פּעטערבורגער ברייטע פאָלקס-מאַסן.

---

.XIII

אין דער צייט ווען די באָלשעוויקעס האָבן אַרויסבאַוויזן אַזאַ ענערגיע און אין א קורצער צייט אויפגערודערט די גאַנצע געזעלשאַפטלעכע מיינונג אַרום דער פראַגע וועגן שלום, וואָס דאַרף געשלאָסן ווערן תיכף-ומיד, און וועגן דער מאַכט, וואָס די אַרבעטער-ראַטן דאַרפן איבערנעמען אין זייערע אייגענע הענט, האָט די בירגערלעכע צייטווייליקע רעגירונג איבערגעלעבט

LIBRARY OF THE
BUREAU OF JEWISH EDUCATION

אַ שווערן קריזיס, וועלכער האָט זיך אָנגעהויבן מיט דער דעמיסיע פון גוטשקאָוו און מיליוקאָוו.

דער אַלטער אָפּמאַך צווישן דער ציטווייליקער רעגירונג און דעם פּעטערבורגער ראַט, לויט וועלכן דער ראַט האָט זיך מתחייב געווען צו אונטערשטיצן די רעגירונג אויף אַזוי פיל, אויף וויפיל זי וועט דורכפירן אין לעבן די רעפאָרמען־פּראָגראַם,— האָט געפּלאַצט, וואָרים עס איז קלאָר געוואָרן, אַז דווקא יענע פּונקטן, וואָס מ׳האָט געפּרובט פאַרשווייגן און פאַרשטיקן, אַנטהאַלטן דעם גרעסטן אויפרייס־מאַטעריאַל.

די ציטווייליקע רעגירונג האָט אויך מער ניט געוואָלט פאַרבלייבן אין דער ראָלע פון אַ דעקאָראַטיווער רעגירונג אין דער צייט, ווען די גאַנצע מאַכט איז פאַקטיש געבליבן ביי דעם ארבעטער־ראַט. די ציטווייליקע רעגירונג האָט זיך געוואָלט פאַרפעסטיקן דורכדעם, וואָס אין קאַבינעט זאָלן אַריינטרעטן פאָרשטייער פון דער רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראַטיע. זי האָט דעריבער געפאָדערט, אַז די פאָרשטייער פון פּעטערבורגער ראַט זאָלן אומבאַדינגט נעמען אַן אָנטייל אין דער רעגירונג, אַניט וועט די גאַנצע ציטווייליקע רעגירונג אַרויס אין דעמיסיע.

דער „ערבניק פון דער דעמאָקראַטיע" אין דער ציטווייליקער רעגירונג, קערענסקי, האָט זיך דעמאָלט געווענדט אין פּעטערבורגער ראַט מיט אַ פאָרשלאָג, אַז דער ראַט זאָל שיקן זיינע פאָרשטייער אין דער רעגירונג. דער פּעטערבורגער ראַט האָט קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט און האָט מסכים געווען אויף אַ קאָאַליציאָנעלער רעגירונג, אין וועלכער עס זיינען אריין 9 פאָרשטייער פון דער בירגערלעכער וועלט און 6 סאָציאַליסטן (מענשעוויקעס, סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן און פאָלקס־סאָציאַליסטן). קערענסקי איז באַשטימט געוואָרן אַלס מיניסטער פאַר מלחמה און פלאָט, דאָס מיניסטעריום פאַר אויסלענדישע ענינים האָט באַקומען טערעשטשענקאָ, וועלכער איז נאָך אין די טעג פון דער רעוואָלוציע צום ערשטן מאָל אַריינגעטראָטן אין דער ציטווייליקער רעגירונג, גאָט ווייס פאַר וועלכע פאַרדינסטן (אויב מען זאָל ניט רעכענען פאַר אַ באַזונדער זכות זיין מיליאָנען־פאַרמעגן) און וועלכער האָט זיך מיט קיין זאַך ניט אויסגעצייכנט פאַר דער צייט, וואָס ער איז געווען אין דער ציטווייליקער רעגירונג, אויב מען זאָל ניט רעכענען פאַר אַ באַזונדער אויסצייכענונג דעם פאַקט, וואָס טערעשטשענקאָ האָט זיך ביי אַלע קומענדיקע קאַבינעט־קריזיסן געהאַלטן אויף זיין פּאָסטן און געבליבן מיניסטער ביז דער לעצטער מינוט פון דעם קיום פון דער ציטווייליקער רעגירונג.

אין נייעם מיניסטעריום האָבן די סאָציאַליסטן באַקומען אין זייער רשות די מיניסטעריומס פון לאַנדווירטשאַפט (טשערנאָוו), אַפּראָוויזאַציע (פּעשעכאָנאָוו), אַרבעט (סקאָבעלעוו) און פּאָסט און טעלעגראַף (צערעטעלי). אַזעלכע וויכטיקע מיניסטעריומס ווי פינאַנסן און האַנדל מיט אינדוסטריע זיינען געבליבן אין די הענט פון די בירגערלעכע פּאַרטייען.

די נייע קאָאַליציאָנעלע רעגירונג איז אַרויסגעטראָטן מיט אַ פּראָגראַם־דעקלאַראַציע, אין וועלכער עס זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן וועקסלען אויף זייער אַ סך וויכטיקע רעפאָרמען. בנוגע צו דער פראַגע וועגן מלחמה און שלום האָט די נייע רעגירונג צוגעזאָגט צו שטרעבן צו אַ שלום אָן אַנעקסיעס און קאָנטריבוציעס, אויף דעם גרונד פון זעלבסטבאַשטימונג פאַר די פעלקער; די פּויערים איז צוגעזאָגט געוואָרן צוצוגרייטן אַ רעפאָרם, אַז די ערד־נחלאות זאָלן איבערגיין אין זייערע הענט; בנוגע דער אַרבעטער־פראַגע האָט די רעגירונג מבטיח געווען צו זאָרגן, אַז די לאַגע פון די אַרבעטער־מאַסן זאָל פאַרבעסערט ווערן; די נייע רעגירונג האָט אויך צוגעזאָגט דורכצופירן אַ מלוכה־קאָנטראָל אויף דער אינדוסטריע און אַרויפלייגן אויף די פאַרמעגלעכע קלאַסן גרעסערע און שווערערע שטייערן.

כל־זמן די אַלע הבטחות זיינען געשריבן געוואָרן אויף פּאַפּיר, האָבן די פאַרשיידענע מיניסטאָרן געקאָנט ווי עס איז מושווה ווערן צווישן זיך און געפינען בייגעוודיקע פראַזן, וואָס יעדער צד האָט געקאָנט אויסטייטשן לטובתו. אָבער ווען עס איז געקומען די צייט, ווען די אַלע הבטחות האָבן געדאַרפט פאַרווירקלעכט ווערן, ווען מען האָט געדאַרפט צאָלן אויף די אַרויסגעגעבענע וועקסלען, האָט זיך תיכף אַרויסגעוויזן, אַז די וועקסלען זיינען „בראַנזען־וועקסלען“, וועלכע מ׳וויל ניט און מ׳רעכענט ניט צו דעקן.

דער קאַמף, וואָס האָט זיך פריער געפירט ניט אָפיציעל צווישן דער רעגירונג און דער רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראַטיע, איז לחלוטין ניט אָפגעשוואַכט געוואָרן איצט, ווען ביים מלוכה־רודער האָט זיך געשטעלט די בלאָק־רעגירונג. אַדרבא, דער דאָזיקער קאַמף איז איצט איבערגעטראָגן געוואָרן אין דער רעגירונג גופא, ווייל די בירגערלעכע מיניסטאָרן האָבן בשום אופן ניט געקאָנט און ניט געוואָלט מסכים זיין אויף קיין ראַדיקאַלע רעפאָרמען, וועלכע זיי האָבן געוואָלט אָפּלייגן עד־ימות־המשיח, ד. ה. ביז וואַנען עס וועט ניט צונויפגערופן ווערן די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג; דערביי האָבן זיי אגב ניט נאָר ניט געמאַכט קיין טריט צו דערנעענטערן דעם צונויפרוף פון דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, נאָר פאַרקערט, זיי האָבן טאָרמאָזירט און סאַבאָטירט די גאַנצע צוגרייטונגס־אַרבעט דערצו.

צום ערשטן האָט געפּלאַצט די געדולד ביי דעם מיניסטער פון האַנדל און אינדוסטריע, קאָנאָוואַלאָוו. דער דאָזיקער מיניסטער, וועלכער איז צוגלייך אויך געווען איינער פון די גרעסטע פאַבריקאַנטן אין רוסלאַנד, האָט געדאַרפט דורכפירן אין לעבן די מלוכה־קאָנטראָל אויף דער גאַנצער פּראָדוקציע און אינדוסטריע. אַזאַ קאָנטראָל איז געווען פאַרבונדן מיט פעסטע פּרייזן אויף פאַרשיידענע סחורות, מיט באַגרענצן די אומגעהייערע מלחמה־רווחים, און אויף דעם האָט זי געדאַרפט מאַכן אַ סוף פון דעם בירגערלעכן קדשי־קדשים, פון די קאָמערציעלע סודות, ווייל די מלוכה־קאָנטראָלערן האָבן געדאַרפט באַקומען די רעכט אַריינצוקוקן אין די האַנדלס־ביכער און מאַכן אַ סוף צו די שווינדלערישע

„בוכהאַלטערישע קונצן“. לויט וועלכע די וואָכערישע מלחמה־פאַרדינסטן ווערן גאַנץ קליין אין די האַגדלס־ביכער.

קאָנאָוואַלאָוו האָט אויף אַזאַ בירגערלעכן „כאַראַקירי“ ניט געקאָנט איינגיין און אין עטלעכע טעג נאָך דעם, ווי די קאָאַליציאָנעלע רעגירונג איז מיט גרויס מי צונויפגעשטעלט געוואָרן, איז ער אַרויס אין דעמיסיע. קיין אַנדער קאַנדי־דאַט אין האַנדלס־מיניסטעריום האָבן די מאָסקווער סוחרים און בערזן־ספעקולאַנטן ניט געוואָלט געבן, ווייל זיי האָבן בשום אופן ניט געוואָלט פאַר־ווירקלעכן אין לעבן די אַלע עקאָנאָמישע רעפאָרמען, וואָס די בלאָק־רעגירונג האָט אין איר דעקלאַראַציע צוגעזאָגט. די רעגירונג האָט פון איר זייט ניט גע־פּרובט אויפזוכן אַ מיניסטער צווישן אַנדערע קרייזן, ווייל לויט דעם אָפּמאַך צווישן די גרופּן, וואָס האָבן געשאַפן דעם בלאָק, האָט צו די מאָסקווער גרויסע סוחרים און פאַבריקאַנטן געהערט די פּרעראָגאַטיווע צוצושטעלן קאַנדידאַטן פאַר אַזאַ וויכטיקן מיניסטעריום, ווי האַנדל און אינדוסטריע.

אָן אַ מיניסטער איז די גאַנצע אַרבעט דורכצופירן די מלוכה־קאָנטראָל געבליבן שטיין. נאָך ערגער איז געווען די לאַגע בנוגע דער אויסלענדישער פּאָליטיק. נאָך דעם באַוואוסטן אויפרוף וועגן מלחמה און שלום האָט דער פּע־טערבורגער ראַט באַשלאָסן צונויפצורופן אין שטאָקהאָלם אַ קאָנפערענץ פון סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אין אַלע מלחמה־לענדער. כדי צו פאַרשטאַרקן די שלום־אַקציע, וואָס דער פּעטערבורגער ראַט האָט אָנגעהויבן צו פירן, איז באַ־שלאָסן געוואָרן צו שיקן קיין אויסלאַנד אַ ספּעציעלע דעלעגאַציע, וועלכע זאָל צוגרייטן און אָרגאַניזירן די סאָציאַליסטישע קאָנפערענץ. אָבער דער מיניסטער פאַר אויסלענדישע ענינים, וועלכער האָט געדאַרפט שטרעבן צו אַ שלום אָן אַנעקסיעס און קאָנטריבוציעס, האָט פּאַקטיש סאַבאָטירט די גאַנצע אַרבעט פון דער שלום־דעלעגאַציע. ניט קוקנדיק אויף דער שלום־פּאָליטיק, וואָס די בלאָק־רעגירונג האָט צוגעזאָגט צו פירן, האָט טערעשטשענקאָ ניט געפּרובט ווענדן זיך צו די בונד־מלוכות און ערקלערן זיי, צו וואָס פאַר אַ פּאָליטיק די נייע רעגירונג האָט זיך מתחייב געווען. אָנשטאָט צו ווירקן אויף די בונד־מלוכות אין זין פון שלום, איז די רוסישע אויסלענדישע פּאָליטיק, פאַרקערט, אַלץ מער און מער אַרונטערגעפאַלן אונטער דער שליטה פון די אַנטאַנטישע פּאַרשטייער און עס איז פאַר אַלעמען קלאָר געוואָרן, אַז די גוטע הבטחות וועגן אַ ענער־גישער שלום־פּאָליטיק זיינען געווען נאָר פּוסטע פראַזן, אָן אַ שום ממשות.

דאָס זעלבע איז אויך געווען מיט דער וויכטיקער אינווייניקסטער פראַגע — מיט דער אַגראַר־פראַגע. עס איז פאַר אַלעמען קלאָר געווען, אַז די דאָזיקע פראַגע, אין וועלכער עס איז בלוטיק פאַראינטערעסירט געווען דער רוב פון דער באַ־פעלקערונג און פון דער אַרמיי, האָט געמוזט וואָס גיכער פאַרענטפערט ווערן לטובת דעם פויערטום. מיניסטער פון לאַנדווירטשאַפט איז געווען דער אָנפירער פון דער סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי, וועלכע האָט שטענדיק אַרויסגע־שטעלט די עקסטע פראָגראַם פון אַגראַר־רעפאָרמען, — און דאָך איז דער סאָ־

באַטאַזש פון די בירגערלעכע מיניסטאָרן געווען אַזוי גרויס, אַז טשערנאָוו האָט בשום אופן ניט געקאָנט אַוועקשטעלן ראַדיקאַל די אַגראַר־פּראַגע און די רעגירונג האָט זיך באַנוגענט מיט פאַרשיידענע צוגרייטונגס־פּלענער, וועלכע האָבן אָבער קיינעם פון פויערטום ניט באַפרידיקט. עס איז דעריבער קיין חידוש ניט, וואָס אומעטום האָבן די פויערים אָנגעהויבן אַליין צו פאַרכאַפּן די פּריצישע ערד און אויף אַזאַ אופן אַליין צו לייזן די אַגראַר־פּראַגע.

גאַנץ פאַרשטענדלעך, אַז אַזאַ וואַקלדיקע פּאָליטיק האָט געגאָסן וואַסער אויף די באָלשעוויסטישע מילן, און די באָלשעוויסטישע אַגיטאַציע האָט מיט יעדן טאָג געהאַט אַלץ מער ערפאָלג, דערהויפּט צווישן די סאָלדאַטן, וועלכע זיינען געווען באַזונדערס אומצופרידן מיט דער פּאָליטיק פון דער רעגירונג, וועלכע ברענגט ניט צו קיין שלום. פון אַ סך שטעט האָבן זיך באַקומען ידיעות, אַז די סאָלדאַטן מאַכן אומרועןאון טרעטן אַרויס שאַרף קעגן דער רעגירונג און איר פּאָליטיק. אַ באַזונדערס שאַרפע פּאָזיציע האָט פאַרנומען קראָנשטאַט מיט דעם גאַרניזאָן, וואו מ'האָט ניט געוואָלט אָנערקענען די צייטווייליקע רעגירונג און וואו דער לאָזונג „די גאַנצע מאַכט די ראַטן" איז דורכגעפירט געוואָרן אין לעבן אַ סך פריער ווי אין אַנדערע שטעט פון רוסלאַנד. שטאַרק געדרודערט האָט זיך אויפן פראָנט. דער באָלשעוויסטישער רוף: „ברידערט זיך מיט דעם שונא!" האָט געפונען ביי די סאָלדאַטן־מאַסן זייער אַ הייסן אָפּקלאַנג און אויף אַ סך פונקטן פון פראָנט האָבן די סאָלדאַטן אַליין געשלאָסן אַ וואָפן־שטילשטאַנד, וועלכער איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס אין געוויסע מאָמענטן און אין געוויסע ערטער פלעגן זיך צונויפקומען רוסישע און דייטשע סאָלדאַטן אויף געמיינזאַמע מיטינגען און שמועסן וועגן פאַרשיידענע זאַכן, פלעגן זיך בייטן מיט פאַרשיידענע חפצים און בכלל פאַרברענגען געמיטלעך, אַזוי ווי דאָס וואָלט פאָרגעקומען ניט צווישן די אָקאָפּן־ליניעס, וואו אָקאָרשט איז פאַרגאָסן געוואָרן בלוט טייכנווייז, נאָר ערגעץ אין אַ גאַנץ פרידלעכער און היימישער סביבה.

די דייטשע מיליטערישע מאַכט האָט ערלויבט אַזעלכע „ברידערלעכע" באַגעגענישן, ווייל זי האָט געהאָפט אויף אַזאַ אופן צו דעזאָרגאַניזירן נאָך מער די רוסישע אַרמיי; אָבער די צוקונפט האָט באַוויזן, אַז די דאָזיקע באַגעגענישן האָבן אפשר געהאַט אויף דער דייטשער אַרמיי ניט קיין קלענערע רעוואָלוציאָנערע ווירקונג, ווי אויף דער רוסישער, וועלכע איז שוין דעמאָלט געווען גענוג דעזאָרגאַניזירט.

די רוסישע מיליטערישע מאַכט, וועלכע האָט זיך נאָך לחלוטן ניט אָנטזאָגט פון די האָפענונגען אויף אַ נצחון, האָט זייער בייז געקוקט אויף דעם ברידערן־זיך מיט די דייטשן. דער קריגס־מיניסטער קערענסקי, וועלכער האָט זיך שוין דעמאָלט געפונען אונטער אַ גענוג שטאַרקער השפּעה פון די מיליטער־לייט, האָט אויך אָנגעהויבן שיטן פּעך און שוועבל אויף די „בוגדים", וועלכע שוואַכן אָפּ און דעזאָרגאַניזירן די אַרמיי און דעם פראָנט. דער

פעטערבורגער ראַט האָט זיך אויך געווענדט מיט אַן אויפרוף צו דער אַרמיי, אַז עס זאָל געמאַכט ווערן אַ סוף צו דעם ברידערן=זיך, אָבער די אַלע אויפרופן האָבן נים געהאַט קיין שום ווירקונג.

די שטימונג אין דער אַרמיי איז געוואָרן אַזאַ, אַז יעדע מינוט האָט מען געקאָנט זיך ריכטן אויף גרויסע און וויכטיקע געשעענישן, די ציישווייליקע רעגירונג האָט זיך געמוזט באַשליסן אָנצונעמען שאַרפע מיטלען קעגן דעם, וואָס די דיסציפלין איז אַזוי געפאַלן אין דער אַרמיי, און פרובן אָפּרייניקן זי פון יענע עלעמענטן, וואָס זייער אַגיטאַציע ברענגט צו דעזאָרגאַניזאַציע און צומדיסציפּלינירטקייט.

די אַלע רעפּרעסיווע מיטלען זיינען געוואָרן באַזונדערס נייטיק צוליב דעם, וואָס די בלאָק=רעגירונג האָט אונטער דעם דרוק פון די בונד=מלוכות געמוזט אָננעמען מיטלען, כדי צוריק צו פּאַרפעסטיקן קעגן דעם שונא דעם רוסישן פראָנט, וועלכער איז צוליב דער רעוואָלוציע געבליבן די גאַנצע צייט אומטעטיק. די אַליאַנטן האָבן געפאָדערט, אַז די רוסישע אַרמיי זאָל ווידער אַקטיוו אַרויסטרעטן קעגן דעם שונא און אָנהייבן אַן אָפענסיווע. צו דער דאָזיקער אָפענסיווע האָט מען זיך אָנגעהויבן גרייטן דווקא אין דעם מאָמענט, ווען דער פעטערבורגער ראַט האָט באַקומען אַ דירעקטן פּאָרשלאָג פון דייטשלאַנד אָנצוהייבן אונטערהאַנדלונגען וועגן שלום.

דער פעטערבורגער ראַט און די בלאָק=רעגירונג האָבן אָפּגעוואָרפן דעם דאָזיקן פּאָרשלאָג און האבן אים אפילו נים אויסגענוצט, כדי צו ווירקן אין אַ געוויסער מאָס אויף די בונד=מלוכות, אַז זיי זאָלן ענדערן זייער האַרטנעקיקע שטעלונג צו דער שלום=פראַגע. נים קוקנדיק דערויף, וואָס פון פראָנט פלעגן זיך אַלץ אָפטער און אָפטער באַקומען ידיעות וועגן דעם, אַז די סאָלדאַטן האָבן גאָר קיין חשק נים צו פאַרגיסן זייער בלוט און גיין ווייטער אין שלאַכט, האָט זיך דער קריגס=מיניסטער קערענסקי אַוועקגעלאָזט אין דער אַרמיי, כדי צו פירן דאָרט אַ פאַטריאָטישע אַגיטאַציע און אויפהייבן די מלחמה=שטימונג צווישן די סאָלדאַטן, אַז זיי זאָלן ווידער גרייט זיין מקריב זיין זייער לעבן פאַר די צילן, וועלכע די רעגירונג האָט בשום אופן נים געוואָלט אַנטפּלעקן.

די שטימונג אין לאַנד איז געווען זייער אַן אָנגעשטרענגטע; גרויסע געשעענישן האָבן געדאַרפט פאָרקומען, און ביי אַזאַ געשפּאַנטער שטימונג האָט זיך געעפנט אין פעטערבורג דער ערשטער אַלרוסישער צוזאַמענפאָר פון די ראַטן פון די אַרבעטער= און סאָלדאַטן=דעפוטאַטן.

## XIV.

צוליב אַ גאַנצער ריי סיבות, וועלכע הייבן זיך נאָך אָן סוף 1914 יאָר, ווען דער פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט מיט דער הילף פון פּראָוואָקאַטאָר ראָמאַנאָוו האָט אַרעסטירט די באָלשעוויסטישע דעפּוטאַטן פון גאָס. דומע און די געריכטס־פּאַלאַטע האָט זיי דערנאָך פאַרשיקט קיין סיביר, האָבן די ברייטע פאָלקס־שיכטן, וואָס זיינען ניט געווען צריינגעצויגן אין דער אומלעגאַלער פּאַרטיי־באַוועגונג, געהאַט אַ גאַנץ קנאַפּע פאָרשטעלונג וועגן די באָלשעוויסטישע שטרעבונגען בכלל און וועגן זייער באַציאונג צו דער מלחמה בפרט.

ווען די רעוואָלוציע האָט די דומע־דעפּוטאַטן געגעבן אַ מיגלעכקייט צו ריידן דירעקט צו די מאַסן אָן דער השגחה פון דעם דומע־פּאָרזיצער ראָדזיאַנקאָ און פון דער רעגירונגס־צענזור, זיינען די באָלשעוויסטישע דומע־דעפּוטאַטן און די וויכטיקסטע באָלשעוויסטישע אָנפירער געווען גאַנץ ווייט פון פּעטערבורג. צעוואָרפן איבער די טורמעס, פאַרשיקט גאַנץ ווייט אין סיביר, האָבן זיי קיין שום מיגלעכקייט ניט געהאַט צו ווירקן וויפיל עס איז אויף דעם גאַנג פון די גרויסע געשעענישן.

די גאַנצע פּאָפּולאַריטעט, וואָס די לינקע דעפּוטאַטן האָבן באַקומען צוליב זייערע אַרויסטרעטונגען קעגן דער רעגירונג אין דער דומע, איז מעכאַניש אַריבער אויף יענע פּאַרטייען, צו וועלכע זיי האָבן געהערט, ד. ה. צו די מענשעוויקעס (טשכעאידזע, סקאָבעלעוו א. א.) און צו די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן (קערענסקי). אין די ערשטע טעג פון דער רעוואָלוציע, ווען די ברייטע פאָלקס־מאַסן האָבן אפשר צום ערשטן דערהערט קלאָרע ווערטער וועגן דער עקסיסטענץ און טעטיקייט פון רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען, האָבן זיך אין באַוואוסטזיין פון די ווייניק באַוואוסטזיניקע מאַסן די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען אידענטיפיצירט מיט יענע פּאָפּולערע דעפּוטאַטן, וועלכע מ'האָט אַלע טאָג געקאָנט הערן אויף די פּילצאָליקע מיטינגען, וואָס פלעגן דעמאָלט פאָרקומען און וועגן וועלכע מען האָט געקאָנט לייענען אין אַלערליי צייטונגען.

באַזונדערס גרויס איז געווען די פּאָפּולאַריטעט פון דער סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי, וועלכע האָט ניט געפאָדערט פון אירע אָנהענגער און מיטלויפער אַזאַ אויסגעהאַלטענע פּרינציפּיעלקייט, ווי, למשל, די סאָציאַל־דעמאָקראַטן, און האָט געהאַט אַזאַ פּאָפּולערן און פאַר די ברייטסטע פויערים־מאַסן פאַרשטענדלעכן לאָזונג ווי איר אַגראַר־פּראָגראַם.

אַחוצדעם האָט זיך דעמאָלט משונהדיקערווייז צונויפגעפלאָכטן דער שטאַרקער ווילן צו שלום מיט הייסע פּאַטריאָטישע געפילן צום לאַנד, וועלכעס איז איצט געוואָרן אַלעמען אַזוי נאָענט און ליב; צו אַזאַ שטימונג האָט אויך זייער גוט געפּאַסט די פּראָגראַם פון די ס. ר., וועלכע איז געווען צונויפגעזעצט פון פּאַטריאָטישע און אינטערנאַציאָנאַליסטיש־אַנטימיליטאַריסטישע פּראַגן.

ביי אזא לאגע האָט די פאַרטיידיקונגס־פּאָליטיק, וואָס די מענשעוויקעס און די ס. ר. האָבן געפּריידיקט, געפונען זייער אַ סך אָנהענגער דערהויפּט צווישן יענע שיכטן, וואָס האָבן איצט צום ערשטן מאָל אָנגעהויבן צו טראַכטן און פונאַנדערקלייבן זיך אין פּאָליטישע פראַגן. די פּאָפּולאַריטעט פון טשכע־אידזע און קערענסקי איז אין די ערשטע טעג פון דער רעוואָלוציע אויסגע־וואַקסן אומגעהייערן הויך און די מענשעוויסטישע און סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערע פאַרטייען האָבן דערפון זייער פיל געוואונען. ווען קיין פּעטערבורג האָבן אָנגעהויבן צו קומען פון סיביר די פאַרשיקטע רעוואָלוציאָנערן, האָבן די מענ־שעוויקעס באַקומען אַזאַ גרויסע קראַפט, ווי דער דעפּוטאַט פון דער 2־ער דומע, צערעטעלי, וואָס אַחוץ זיין וואונדערלעכן רעדנער־טאַלענט, האָט ער נאָך פאַרמאָגט דעם צויבער, וואָס אים האָט צוגעגעבן די קאַטאָרגע, וואוהין ער איז פאַרשיקט געוואָרן פון דער 2־ער גאָס. דומע אַלס אַ קרבן פון דער פּאָליציייאישער פּראָוואָקאַציע.

די ווירקונג פון די דאָזיקע פּאָפּולערע פּערזענלעכקייטן אויף דעם פּע־טערבורגער ראַט איז געווען אין דער ערשטער צייט ממש אומבאַגרעניצט, בפרט אויף די סאָלדאַטן־דעפּוטאַטן, וועלכע פלעגן מיט זייער גרויסער צאָל ממש פאַרדעקן די מער באַוואוסטזיניקע אַרבעטער־דעפּוטאַטן. צערעטעלי׳ס אַ וואָרט איז געווען געזעץ, אַז דער אַרבעטער־ראַט זאָל אָננעמען באַשלוסן, וועלכע האָבן גאַנץ אָפּט דירעקט סותר געווען די באַשלוסן, וואָס זיינען אָנגע־נומען געוואָרן מיט עטלעכע טעג צוריק.

די באָלשעוויסטישע פראַקציע איז נאָך דעמאָלט געווען גאַנץ שוואַך און פלעגט פאַרנעמען אַ גאַנץ קליינעם ווינקל אין די גרויסע זאַלן, וואו עס פלעגן פאַרקומען די זיצונגען פון פּעטערבורגער ראַט מיט זיין גרויסער מענ־שעוויסטיש־ס.־ר.־שער מערהייט. די דאָזיקע מערהייט איז געווען געהאָרכזאַם צו אַלע רעזאָלוציעס, וואָס פלעגן שטאַמען פון פּרעזידיום, אין וועלכן עס זיינען דעמאָלט געווען פאַרטראָטן אַזעלכע פּאָפּולערע פּערזענלעכקייטן, ווי טשכע־אידזע, צערעטעלי, טשערנאָוו, קערענסקי א. אַנד.

ווען עס האָט זיך קאָנסטרואירט די ערשטע בלאָק־רעגירונג און אייניקע מיניסטאָרן זיינען געקומען לאחר המעשה צום פּעטערבורגער ראַט בעטן אַ הכשר אויף אַ בלאָק־רעגירונג, האָט דער ראַט דעם הכשר געגעבן, הגם דער זעלבער ראַט האָט זיך שוין עטלעכע מאָל קאַטעגאָריש אַרויסגעזאָגט קעגן אַ בלאָק מיט דער בורזשואַזיע.

אויף דער זעלבער זיצונג איז צום ערשטן מאָל אַרויסגעטראָטן טראָצקי, וועלכער איז אָקאָרשט געקומען פון אַמעריקע נאָך זיין אַרעסט אונטערוועגנס. טראָצקי האָט זיך געווענדט צו דער אומגעהייער גרויסער פאַרזאַמלונג מיט אַ גלענצנדער רעדע און האָט דערציילט די אַרבעטער און סאָלדאַטן, ווי אַזוי די דייטשע סאָלדאַטן, מיט וועלכע ער איז עטלעכע טעג געווען צוזאַמען אַרעסטירט אין קאָנצענטראַציאָנעלן לאַגער, האָבן זיך באַצויגן מיט דער גרעסטער סימפּאַטיע

צו זיין אינטערנאַציאָנאַליסטיש-אַנטימיליטאַריסטישער אַגיטאַציע, און ווי אַזוי די דייטשע אָפיצירן, די פאָרשטייער פון די פאַרמעגלעכע קלאַסן, האָבן צוזאַ-מען מיט זייערע גרעסטע שונאים — די ענגלישע אָפיצירן, אָנגענומען שטרענ-גע מיטלען, אַז טראָצקי זאָל ניט קאָנען ווייטער פירן זיין אַגיטאַציע צווישן די דייטשע סאָלדאַטן.

דער קליינער בײַשפּיל, וועלכער האָט בולט באַוויזן, ווי אַזוי פאָרשטיי-ער פון איינע און די זעלבע קלאַסן קאָנען זיך גאַנץ גוט פאַרשטיין, הגם זיי געפינען זיך אין אַ צושטאַנד פון אַ בלוטיקער מלחמה, האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם, בפרט אַז ער איז איבערגעגעבן געוואָרן דורך אַזאַ טאַלענטפולן רעד-נער, ווי טראָצקי.

און דאָך איז געווען גענוג, אַז טראָצקי זאָל שליסן זיין רעדע מיט אַ פּראָטעסט קעגן די נײַע סאָציאַליסטישע מיניסטאָרן, קעגן דער וואַקלדיקער פּאָליטיק פון די פּאָפּולערע אָנפירער פון פּעטערבורגער ראַט, כדי דער גאַנצער רושם זאָל אָפּגעשוואַכט ווערן, און טראָצקי זאָל פאַר זיין באמת גלענצנדער רעדע באַשאָנקען ווערן מיט אַפּלאָדיסמענטן בלויז פון דעם קליינעם הייפל באָלשעוויקעס און אינטערנאַציאָנאַליסטן.

נאָך אַן ערגערן קבלת-פּנים האָט געהאַט לענין אויף דעם אַלרוסישן פּויערים-צוזאַמענפאָר.

דער דאָזיקער צוזאַמענפאָר איז געווען אַזוי פּאַטריאָטיש און ס.ר.-יש גע-שטימט, אַז ער האָט זיך לחלוטין אַנטזאָגט אויסצוהערן לענינס אַ רעדע, ווען ער איז דעם 20-סטן מאַי געקומען אויף אַ זיצונג פון צוזאַמענפאָר און געוואָלט אַרויסטרעטן פאַר די פּויערים מיט זיינע ערקלערונגען בנוגע צו די פראַגן וועגן מאַכט, שלום און ערד. די פּויערים-דעפּוטאַטן האָבן ניט געוואָלט אויס-הערן לענינען, ווייל פון זיין אויפרוף, וועלכער איז פאַרשפּרייט געוואָרן אויף דעם זעלבן צוזאַמענפאָר, האָבן די פּויערים זיך שוין געהאַט באַקאָנט אַ ביסל מיט לענינס „משונהדיקע מיינונגען”.

די אומגעהייערע ענערגיע, וואָס די באָלשעוויקעס האָבן אַרויסגעוויזן אין זייער אַגיטאַציע קעגן די מענשעוויקעס און ס. ר. פון איין זייט, די ניט-גענוג-קלאָרע שלום-פּאָליטיק און בכלל די וואַקלדיקע טאַקטיק פון דער בלאָק-רעגירונג, וואָס דער פּעטערבורגער ראַט האָט געשטיצט, פון דער אַנדער זייט, האָבן געבראַכט דערצו, אַז די פּאָפּולאַריטעט פון דעם פּעטערבורגער ראַט צווישן די אַרבעטער און סאָלדאַטן איז פון טאָג צו טאָג געפאַלן.

צוליב דעם יקרות, וואָס איז כסדר געוואַקסן, האָט זיך איבערן גאַנצן לאַנד און דערהויפּט אין פּעטערבורג און מאָסקווע צעגאָסן אַ גרויסע שטרייק-כוואַליע. די אַרבעטער פון פאַרשיידענע אינדוסטריעלע צווייגן און מלוכה-אונ-טערנעמונגען האָבן אַרויסגעשטעלט עקאָנאָמישע פאָדערונגען צו די פּריוואַטע בעלי-בתים אָדער צו דער רעגירונג.

כדי ווי עס איז צו רעגולירן די עקאָנאָמישע קאָנפליקטן, האָט די רע-

גירונג געגרינדעט אַ ספּעציעלע קאָמיסיע אונטערן פאָרזיץ פון דעם באַוואוסטן אַרבעטער־פירער און גרינדער פון דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, פּלעכאַנאָוו. די באַשלוסן פון דער דאָזיקער קאָמיסיע, וועלכע האָט זיך גערעכנט ניט נאָר מיט די פאָדערונגען פון די אַרבעטער, נאָר אויך מיט דער קאַטאַסטראָפאַלישער לאַגע פון די מלוכה־פינאַנסן, האָבן נים באַפרידיקט די אַרבעטער און אָנגעשטעלט. „פּלעכאַנאָווס הוספות״ זיינען געוואָרן אַ שלאָגוואָרט און אַ געווער אין די הענט פון די באָלשעוויסטישע אַגיטאַטאָרן, וואָס האָבן אָן אויפהער אַטאַקירט די רעגירונג און, במילא, אויך דעם פּעטערבורגער ראַט, וועלכער האָט די רעגירונג געשטיצט.

אַ באַזונדערס פרוכטבאַרן באָדן פאַר אַגיטאַציע האָט געשאַפן די שלום־פּאָליטיק. קעגן דער פּאָליטיק האָבן פּראָטעסטירט מיט אַ באַזונדער קראַפט די סאָלדאַטן פון פּעטערבורגער גאַרניזאָן, וועלכער האָט לויט דעם ערשטן אָפּ־מאַך פון דער צייטווייליקער רעגירונג מיט דעם פּעטערבורגער ראַט, געמוזט פאַרבלייבן אין פּעטערבורג. די פּאָלקן פון פּעטערבורגער גאַרניזאָן האָבן קיין באַזונדערס גרויסע דינסט־פליכטן ניט געהאַט און האָבן זיך דערהויפּט פאַרנו־מען מיט פּאָליטיק, אַרונטערפאַלנדיק אַלץ מער און מער אונטער דער ווירקונג פון דער באָלשעוויסטישער אַגיטאַציע.

די באָלשעוויסטישע פראַקציע אין אַרבעטער־ראַט, וועלכע האָט לכתחילה געהאַט אַ קנאַפּע באַדייטונג און ווירקונג, איז זייער שנעל געוואַקסן אין צאָל און אין איינפלוס. די סכנה פון אַן אינערלעכער איבערקערעניש אין פּעטער־בורגער ראַט האָט שוין אָנגעהויבן צו שוועבן פאַר די אויגן. די דאָזיקע סכנה איז נאָך גרעסער געוואָרן דערמיט, וואָס דער פּעטערבורגער ראַט, הגם ער איז געווען אַן אָרטיקער אָרגאַן און האָט יורידיש ניט געהאַט מער רעכט פון יעדן אַנדערן שטאָט־ראַט, האָט אָבער פאַקטיש געשפּילט די ראָלע פון דער העכסטער מלוכה־אינסטאַנץ, מיט וועמען די רעגירונג האָט געפירט אונטער־האַנדלונגען און וועלכע האָט פון דעם ערשטן טאָג פון דער רעוואָלוציע גע־ווירקט אויף דעם צוזאַמענשטעל פון דער רעגירונג און אויף דער אַנטשיידונג פון די וויכטיקסטע מלוכה־פראַגן.

די סכנה, אַז די באָלשעוויקעס זאָלן פאַרכאַפּן די מאַכט אין פּעטער־בורגער ראַט און במילא אויך די השפּעה אויף דעם גאַנצן מלוכה־אַפּאַראַט, איז געווען גענוג גרויס, כּדי צו ווירקן אויף די אָנפירער פון ראַט, אַז זיי זאָלן זוכן אַ וועג, ווי אַזוי צוצונעמען ביי דעם ראַט די רעכט, וועלכע קומען אים ניט און וועלכע ער פאַרמאָגט נאָר לויט דער רעוואָלוציאָנערער טראַדיציע.

אַחוץ דעם איז אַלץ קלאָרער געוואָרן די נייטיקייט צו שאַפן אַן אַלגעמיי־נעם צענטער, וועלכער זאָל בכלל רעגולירן די אַרבעט פון אַלע ראַטן, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן אין אַלע שטעט און שטעטלעך, און וועלכער זאָל באַ־קומען די צענטראַלע מלוכה־רעכט, וואָס ביז איצט האָט זיי געהאַט דער פּע־טערבורגער ראַט.

אַזאַ צענטער האָט געקאָנט געשאַפן ווערן נאָר אויף דעם אַלרוסישן צו־זאַמענפאָר פון די ראַטן, וועלכער האָט זיך צום ערשטן מאָל צונויפגעקליבן דעם 3־טן יוני אין פעטערבורג.

---

XV.

ווען די רעוואָלוציע האָט געזיגט אין גאַנץ רוסלאַנד, זיינען אין אַלע שטעט און שטעטלעך אָרגאַניזירט געוואָרן אַרבעטער־און סאָלדאַטן־ראַטן. קיין פעסטגעשטעלטע קאָנסטיטוציע האָבן די דאָזיקע ראַטן ניט געהאַט און עס זיינען אפילו ניט באַשטימט געווען די גרעניצן פון זייער קאָמפעטענץ. יעדע שטאָט האָט אָרגאַניזירט איר ראַט לויט איר אייגענעם שטייגער. און אין פאַרשיידענע שטעט האָבן די ראַטן געהאַט פאַרשיידענע רעכט און קאָמפעטענץ־גרעניצן. אין אייניקע שטעט האָבן די ראַטן זיך באַנוגנט מיט ריין פראָפעסיאָנעלע אינטע־רעסן פון די אַרבעטער אָדער סאָלדאַטן און האָבן אפילו ניט פרעטענדירט אויף וועלכער עס איז ווירקונג בנוגע די יעניקע פראַגן, וועלכע האָבן ניט קיין די־רעקטע שייכות צו די אָדער יענע פראָפעסיאָנעלע אינטערעסן. אַקעגן־זשע זיינען געווען אַזעלכע ראַטן, וועלכע האָבן תיכף פאַרכאַפּט די גאַנצע מאַכט אין זייערע הענט און האָבן אין אַ געוויסער מאָס איינגעפירט די דיקטאַטור פון פראָלעטאַריאַט אַ סך פריער, איידער דער דאָזיקער לאָזונג איז פראָקלאַ־מירט און אָנגענומען געוואָרן אין אַלרוסישן מאַסשטאַב.

אַזעלכע שטעט, ווי קראָנשטאַט, סעוואַסטאָפּאָל אָדער צאַריצין האָבן פאַרווירקלעכט דעם לאָזונג: „די גאַנצע מאַכט די ראַטן!” נאָך אין יענער צייט, ווען די גאַנצע מאַכט איז געווען אין די הענט פון דער רעגירונג און ווען דער פעטערבורגער ראַט, וועלכער האָט געשפּילט די אָנפירנדיקע ראָלע, איז בפירוש געווען קעגן אַזאַ פּאָליטיק.

די צאָל פון אַזעלכע דיקטאַטאָר־ראַטן איז געווען גאַנץ קליין און זייער פּאָליטיק האָט נאָר געגעבן שטאָף פאַר דער בירגערלעכער פרעסע, וועלכע האָט געקאָנט דערציילן שרעקלעכע געשיכטעס וועגן די מעשים, וואָס ווערן אָפּגעטאָן אין קראָנשטאַט אָדער צאַריצין, און שרעקן אירע לעזער מיט דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור. דאָס רוב פּראָווינציעלע ראַטן האָט זיך געפירט מיט אַזאַ טאַקט, אַז אפילו די בירגערלעכע פרעסע האָט קעגן זיי ניט פּראָטעסטירט, און ווען עס האָט זיך צום ערשטן מאָל פאַרזאַמלט דער אַלרוסישער צוזאַמענפאָר פון די ראַטן, איז דער גרעסטער רוב דעלעגאַטן שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן יעדן פרוב צו פאַרברייטערן זייער קאָמפּעטענץ און שאַפן פון זיי אַ מלוכה אָרגאַן. די פּאַרטיי־פאַרהעלטעניש פון דעם צוזאַמענפאָר איז געווען אַ קלאָרע: פון 1090 דעלעגאַטן זיינען געווען 285 סאָציאַל רעוואָלוציאָנערן 248 מענשעוויקעס, 105 באַלשעוויקעס, 32 אינטערנאַציאָנאַליסטן א. אַ. וו.

די מערהייט אויף דעם צוזאַמענפאָר האָבן אַלזאָ געהאַט יענע פּאַרטייען, וועלכע האָבן געשטיצט די בלאָק־רעגירונג און געשיקט זייערע פאָרשטייער און דער דאָזיקער רעגירונג. די סאָציאַליסטישע מיניסטאָרן האָבן געהאַלטן פאַר זייער חוב צו קומען אויף דעם צוזאַמענפאָר אָפּגעבן אַ דין־וחשבון וועגן זייער טעטיקייט און בעטן אָנווייזונגען אויף להבא. דער צוזאַמענפאָר האָט דעבאַטירט וועגן דער אַרבעט פון די מיניסטאָרן און האָט אַרויסגעטראָגן וועגן דעם גע־ווּיסע רעזאָלוציעס. דאָס אַלץ האָט געמאַכט דעם איינדרוק, אַז דער אַלרוסישער ראַטן־צוזאַמענפאָר איז אַזאַ הויכער אָרגאַן פון פאָלקס־פאָרשטייערשאַפט, פאַר וועלכן די מיניסטאָרן זיינען פאַראַנטוואָרטלעך אין זייערע מעשים. אָבער די בירגערלעכע מיניסטאָרן האָבן אינגאַנצן באַיקאָטירט דעם צוזאַמענפאָר און ניט געהאַלטן פאַר נייטיק אַרויסצוווייזן אַ וועלכע עס איז שייכות צו אים.

די פראַגע וועגן דער קאָמפּעטענץ פון צוזאַמענפאָר און די אַלגעמיינע פראַגע וועגן דער קאָמפעטענץ פון די ראַטן בכלל איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן גאַנץ שאַרף אויף דעם צוזאַמענפאָר דורך לענינען און אַנדערע באָלשעוויקעס. הגם די אַנטי־באָלשעוויסטישע מערהייט האָט זיך דייטלעך אַרויסגעזאָגט קעגן דעם, אַז דער אַלרוסישער צוזאַמענפאָר זאָל זיך אָנערקענען פאַר דעם העכסטן מלוכה־אָרגאַן און פּראָקלאַמירן די ראַטנמאַכט אין רוסלאַנד. הגם די בירגער־לעכע מערהייט פון מיניסטאָרן־ראַט האָט פולקום איגנאָרירט דעם צוזאַמענפאָר און כלומרשט זיך ניט אינטערעסירט מיט זיינע באַשלוסן, דאָך איז קלאָר גע־ווען פאַר אַלעמען, אַז אַלע באַשלוסן און רעזאָלוציעס פון דעם אַלרוסישן ראַטן־צוזאַמענפאָר וועלן האָבן די גרעסטע ווירקונג אויף דעם ווייטערדיקן גאַנג פון די געשעענישן.

די צייט, ווען דער צוזאַמענפאָר האָט געאַרבעט, איז געווען זייער אַ וויכטיקע; עס איז קיין סוד ניט געווען, אַז עס גרייט זיך אַ אָפענסיווע פון דער רוסישער אַרמיי און אַז די רעזולטאַטן פ.ון דער דאָזיקער אָפּענסיווע וועלן האָבן אַ קאָלאָסאַלע באַדייטונג פאַר דער גאַנצער צוקונפט פון רוסלאַנד.

די אַליאירטע מלוכות, וואָס האָבן אַזוי גיך זיך אַנטזאָגט פון ניקאָליי II נאָך דערפאַר, ווייל זיי האָבן מורא געהאַט, אַז ער וועט שליסן אַ סעפּאַראַטן שלום מיט די שונאים, האָבן ניט געקאָנט רואיק צוזעען, ווי די גרויסע רוסישע אַרמיי איז נאָך דער רעוואָלוציע געבליבן לחלוטין אומטעטיק און האָט דורכדעם געשאַפן פאַר די דייטשן אַ מיגלעכקייט איבערצוואַרפן זייערע אַרמייען פון דעם מזרח־פראָנט אויף דעם מערבדיקן. די דיפּלאָמאַטישע פאָרשטייער פון די אַלירטע מלוכות האָבן זיך באַמיט אויסצונוצן אין פּעטערבורג זייער גאַנצע ווירקונג, כדי צו פועלן ביי דער צייטווייליקער רעגירונג, אַז זי זאָל אַוועקרירן די רוסישע אַרמיי פון דעם טויטן פונקט, ביי וועלכן זי איז געבליבן שטיין נאָך די ערשטע טעג פון דער רעוואָלוציע.

דער קריגס־מיניסטער קערענסקי האָט זיך געלאָזט איבעררייַדן און איז אַוועקגעפאָרן אויף דעם פראָנט, כדי אויסצונוצן זיין גאַנצע פּאָפּולאַריטעט און

רעדנער־קראַפט, אַז די סאָלדאַטן זאָלן זיין גרייט אַרויסצוטרעטן קעגן דעם שונא; קערענסקי איז געפאָרן פון איין פראָנט־טיילצו דעם אַנדערן, האָט אומעטום גע־האַלטן פּאַטריאָטישע רעדעס און אומעטום באַמיט זיך אויפצוהייבן די מלחמה־שטימונגען צווישן די זעלנערישע מאַסן. צוזאַמען מיט דער אַגיטאַציע, וואָס האָט געדאַרפט ווירקן אויף די בּאַזאָנדערע עלעמענטן פון דער אַרמיי, האָט די רעגירונג אָנגענומען אַ גאַנצע רייע רעפּרעסיווע מיטלען קעגן די פחדנים און דעזערטירן פון איין זייט און קעגן אַלערליי גרופּן פון ברידערן זיך מיט דעם שונא פון דער צווייטער.

סאָג־טעגלעך פלעגט די רעגירונג פאַרעפנטלעכן דעקרעטן, געווענדט ספּעציעל קעגן דעזערטירן און קעגן די אומגעהאָרכזאַמע און ניט־דיסציפּלינירטע סאָלדאַטן; די דעקרעטן האָבן געדראָט מיט קאַטאָרגע, מיט אָפּנעמען אַלע בירגער־רעכט, רעכט אויף ערד א. אַז. וו. הכלל, די רעגירונג האָט זיך גענומען דורכפירן אַן אייזערנע דיסציפּלין אין דער רעוואָלוציאָנערער אַרמיי, וועלכע האָט אָקאָרשט געהאַט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם יאָך פון דער דיסציפּלין.

אַלע הכנות צו דער אָפענסיווע זיינען שוין געמאַכט געוואָרן און קע־רענסקי איז געקומען פון פראָנט אויף דעם צוזאַמענפאָר, כדי צו באַקומען אַ הכשר אויף די פּלענער פון די אָפענסיוויסטן. עס פאַרשטייט זיך, אַז אַן אָפּע־נער צוזאַמענפאָר מיט העכער טויזנט דעלעגאַטן האָט ניט געקענט באַטראַכטן בּפרהסיא אַזאַ דעליקאַטן סטראַטעגישן ענין, ווי די געפּלאַנטע אָפענסיווע, אָבער די אַלגעמיינע פראַגע וועגן מלחמה און שלום האָט דער צוזאַמענפאָר באַהאַנדלט און האָט אָנגענומען אַ קלאָרע און שאַרפע רעזאָלוציע קעגן אַ סעפּאַראַטן שלום. די באָלשעוויקעס, וועלכע האָבן אַלס מיעוט געקאָנט נאָר פּראָטעסטירן און קרי־טיקירן, האָבן זיך אַנטשלאָסן אָפן אַרויסצוטרעטן קעגן דער געפּלאַנטער אָפענ־סיווע, וועלכע מוז ברענגען צו נייע בלוט־פאַרגיסונגען און צו אַ פאַרשטאַרקונג פון די פאַרשיידענע אימפּעריאַליסטישע כוחות אין אייראָפּע. נאָך דעם באָלשעוויק פאָזערן, וועלכער האָט קאַטעגאָריש געפאָדערט ערקלערונגען וועגן דער אָפענ־סיווע, איז אַרויסגעטראָטן צערעטעלי און האָט ערקלערט, אַז בנוגע אַזעלכע סטראַטעגישע פראַגן קאָן ער קיין שום ענטפער ניט געבן, ווייל יעדער וואָרט קאָן צו טייער קאָסטן טויזנטער רוסישע סאָלדאַטן, וועלכע שטייען אויפן שלאַכט־פעלד אַנטקעגן דעם שונא.

הגם צערעטעלי האָט זיך אַנטזאָגט צו ענטפערן אויף פאָזערנס פראַגעס, אָבער פון דעם טאָן און פון צערעטעליס ווערטער האָט מען געקאָנט גאַנץ לייכט פאַרשטיין, אַז די אָפענסיווע איז שוין אַ באַשלאָסענע זאַך און אַז די בלאָק־רעגי־רונג האָט זיך געלאָזט שפּילן „וואַ באַנק“. די רעגירונג האָט זיך אַנטשלאָסן אויף אַזאַ מוראדיק ריזיקאַלישן טריט, ווייל עס איז קלאָר געווען, אַז זי האָט שוין ניט וואָס צו פאַרלירן. די לאַגע אינעווייניק אין לאַנד איז געווען שוין אַזוי קריטיש, אַז נאָר דורך אַרויסגעוויינלעכע מיטלען האָט זי געקאָנט געפינען אַ אויסוועג. אַזאַ מיטל איז געווען די אָפענסיווע. שטיצנדיק די ריזיקאַלישע אַוואַנטיורע, צו וועלכער די רעגירונג

האָט זיך געגרייט, האָבן מיט זייער גאַנצן אויטאָריטעט די מערהייטס־פּאַרטייען פון דעם ראַטן צוזאַמענפאָר, די מענשעוויקעס און ס. ר., דערמיט אויך געשטיצט די אַלע מעטאָדן, מיט וועלכע די בלאָק־רעגירונג האָט געוואָלט איינהאַלטן די אַרמיי אויף דעם פראָנט.

ווי אומגעלומפּערט און ניט צוועקמעסיק די דאָזיקע מעטאָדן זיינען געווען האָט מען געקאָנט זען פון דעם ענין מיט די באַיאָרנטע (40־יאָריקע) סאָלדאַטן, וואָס האָט אַ ביסל צייט און נערוון אָפּגענומען ביי דעם צוזאַמענפאָר: די דאָזיקע סאָלדאַטן זיינען געקומען צו דעם צוזאַמענפאָר בעטן, מען זאָל זיי באַפרייען פון מיליטער־דינסט, מאָטיווירנדיק זייער בקשה דערמיט, וואָס זיי זיינען אַלט און מיד, און אויך דערמיט, וואָס אין זייער הילף און אַרבעטס־קראַפט נייטיקט זיך דער דאָרף זייער שטאַרק.

פאַר יעדערן איז קלאָר געווען, אַז אַזעלכע עלטערע מענטשן זיינען לחלוטין ניט פעאיק צו דינען אין דער אַרמיי און אַז זייער מיליטער־דינסט קאָן ברענגען זייער ווייניק נוצן. עס איז אויך קלאָר געווען, אַז סיי פאַר דער אַרמיי סיי פאַר דער דאָרף־ווירטשאַפט וועט זיין אַ סך נוצלעכער, ווען די דאָזיקע זקנים וועלן זיך קאָנען צוריקקערן אַהיים. אָבער די מורא דערפאַר, אַז אַזאַ דעמאָביליזאַציע קען אַרויסרופן נייע פאָדערונגען פון יינגערע סאָלדאַטן און דערמיט פאַרשטאַרקען די געוואַלדיקע שטרעבונג פון די סאָלדאַטן אַהיים, האָט אַזוי געווירקט אויף די דעלעגאַטן פון די מערהייט־פראַקציעס, אַז זיי האָבן ניט געוואָלט צוהערן זיך צו די בקשות פון די עלטערע סאָלדאַטן און אָן רחמנות, קעגן יעדער לאָגיק, זיי אָפּגעוואָרפן, הגם אַלע האָבן פאַרשטאַנען, אַז אַזאַ רעזאָלוציע איז נאָר מסוגל צו גיסן וואַסער אויף די באָלשעוויסטישע מילן און וועט אַ סך פאַרקלענערן די פּאָפּולאַריטעט פון די מערהייטס־פּאַרטייען, וועלכער איז שוין אַזוי אויך געפאַלן.

די מערהייטס־פראַקציעס פון צוזאַמענפאָר האָבן אַזוי געמוזט טאָן, ווייל דער בלאָק מיט די בירגערלעכע פּאַרטייען האָט זיי געצוואונגען צו אַזאַ אַוואַנטיוריסטישער און ניט אויסגעהאַלטענער פּאָליטיק בנוגע צו דער פראַגע וועגן מלחמה און שלום. דער זעלביקער יאָך פון דער בלאָק־פּאָליטיק האָט זיך אָבער געלאָזט פילן אין פיל אַנדערע פראַגן, וועלכע האָבן קיין שום שייכות ניט געהאַט צו דער אויסלענדישער פּאָליטיק און בנוגע צו וועלכע די ראַטן האָבן געקאָנט פירן אַ מער זעלבשטענדיקע און אָנשטענדיקע פּאָליטיק, איידער די רעגירונג, מיט וועלכער זיי האָבן זיך קאָמפּראָמעטירט און במילא אויך קאָמפּראָמעטירט דעם אַלרוסישן צוזאַמענפאָר פון די אַרבעטער־און סאָלדאַטן־ראַטן.

אין דער צייט פון אַלרוסישן צוזאַמענפאָר פון די ראַטן האָט זיך געטראָפן נאָך אַ קליינער אינצידענט, וועלכער האָט בולט באַוויזן, ווי ווייט די רעגירונג און צוזאַמען מיט איר די מערהייטס־פּאַרטייען פון ראַטן־צוזאַמענפאָר זיינען פאַרקראָכן אין דער נעץ פון בירגערלעכע השגות און „הייליקייטן“.

די אַנאַרכיסטן, וואָס האָבן אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען אַ גרויסע אַגיטאַ־

ציע צווישן די פעטערבורגער מאַסן, האָבן פאַרכאַפּט אַ זומערוואוינונג, וואָס האָט זיך געפונען אין סאַמע צענטער פון אַרבעטער־קוואַרטאַל אויף דער ווי־באָרגער זייט, אַרום וועלכן דער אייגנטימער, דער באַוואוסטער געוועזענער רעאַקציאָנערער מיניסטער דורנאָוואָ, האָט פאַרפלאַנצט אַ גרויסאַרטיקן גאָרטן. די אַנאַרכיסטן האָבן פון פּאַלאַץ געמאַכט אַן אַרבעטער־הויז, וואו זיי פלעגן אַגיטירן, לייענען לעקציעס פאַר די אַרבעטער וכדומה. דעם גאָרטן האָבן די אַנאַרכיסטן אָפּגעגעבן פאַר די אַרבעטער און זייערע קינדער צום שפּאַצירן.

קיין גרויסער אומגליק האָט ניט געקאָנט זיין דערפון, וואָס די אַרבע־טער פון דער ווינבאָרגער זייט, וואו עס זיינען נאָר פאַראַן פאַבריק־קוימענס און קיין גרעזל איז אויף אַ רפואה ניטאָ, זאָלן באַקומען אַ מיגלעכקייט צו טעמען פרישע לופט אין דורנאָוואָס גאָרטן. אָבער די בירגערלעכע פּרעסע, וועלכע האָט פּראָוואָצירט קעגן די לינקע פּאַרטייען און קעגן יעדן רעוואָלו־ציאָנערן אַקט, האָט געמאַכט אַ געוואַלדיקן טומל: סטייטש, די אַנאַרכיסטן האָבן פאַרשוועכט דעם הייליקן בירגערלעכן פּרינציפּ פון אייגנטום!

מיט דער באַזונדערער געשיקטקייט און קונסט, וואָס די בירגערלעכע פּרעסע פאַרמאָגט, האָט מען טאָג־טעגלעך גענומען פּראָוואָצירן די רעגירונג קעגן די אַנאַרכיסטן פון דורנאָוואָס דאַטשע און קעגן דער אומגעהערטער פאַר־שוועכונג פון דעם הייליקן פּרינציפּ פון אייגנטום. די פּראָוואָצירטע רעגירונג האָט זיך געפּרובט מיט גוטן פועלן ביי די אַנאַרכיסטן, זיי זאָלן אָפּרייניקן די דאַטשע. אָבער יענע האָבן ניט געוואָלט מסכים זיין דערצו. די פּראָוואָקאַ־ציע פון דער בירגערלעכער פּרעסע, וועלכע האָט פון דעם דורנאָוואָ־ענין געמאַכט אַ טאָג־טעגלעכן מאכל פאַר אירע לעזער, האָט געבראַכט דערצו, אַז די רע־גירונג האָט באַשלאָסן מאַכן פון דעם דאָזיקן לעכערלעכן אינצידענט אַ קאַבי־נעט־פראַגע און באַוויזן, אַז זי פאַרמאָגט גענוג מאַכט און קראַפט. זי האָט געוואָלט באַנוצן געווער און מיליטער, אַבי נאָר אַרויסצוטרייבן די אַנאַרכיסטן פון דורנאָוואָס דאַטשע, אָבער 20—30 טויזנט אַרבעטער פון ווינבאָרגער זייט זיינען געקומען פאַרטיידיקן די אַנאַרכיסטן, און די פאָרשטייער פון דער רע־גירונג, וועלכע האָבן זיך ניט געקאָנט ערלויבן צו מאַכן אַ בלוטבאָד צוליב דעם אייגנטום פון אַ געוועזענעם רעאַקציאָנער, האָבן געמוזט אָפּטרעטן פון שלאַכטפעלד.

מערקווירדיק איז, וואָס דער ראַטן־צוזאַמענפאָר האָט געפונען פאַר ניי־טיק צו באַשיצן אפילו אין דער פראַגע דעם אַוטאָריטעט פון דער רעגירונג און אָננעמען אַ רעזאָלוציע, וואָס באַרעכטיקט פולקום די רעגירונגס־פּאָליטיק אין דעם ענין־דורנאָוואָ. מיט אַזאַ מאַנדאַט האָט די רעגירונג געפונען פאַר צוועקמעסיק צו אָרגאַניזירן אַ גאַנצע מיליטערישע עקספּעדיציע קעגן די אַנאַר־כיסטן פון דורנאָוואָס דאַטשע און דערביי ניט אויסגעמיטן קיין בלוט־פאַרגי־סונג. אויף וויפיל די אַרבעטער האָבן זיך געפונען באַליידיקט פון אַזאַ עק־ספּעדיציע, קאָן מען זעען דערפון, וואָס אַלס ענטפער דערויף האָבן תיכף

פאַרשטרייקט אַ גאַנצע ריי פאַבריקן אין פעטערבורג. עס וואָלט זיך ניט געלוינט אָפּצושטעלן אויף אַזאַ קליינלעכן אינצידענט, אָבער די גאַנצע מעשה־דורנאָוואָ האָט באַוויזן, וואָס פאַר אַ געוואַלדיקע ווירקונג עס האָבן דעמאָלט געהאַט די בירגערלעכע השגות און פּרינציפּן און ווי אַזוי די נאַציאָנאַליסטישע פּאַרטייען, וואָס האָבן געהאַט אַזאַ גרויסע השפּעה אויף דער רעגירונג, האָבן זיך ניט געקאָנט באַפרייען פון די דאָזיקע השגות און פּרינציפּן און פאַרטיידיקט זיי מיט דעם גאַנצן אַווטאָריטעט, וואָס זיי האָבן נאָך געהאַט, און מיט דער הילף פון דעם מלוכה־אַפּאַראַט, מיט וועלכן זיי האָבן זיך נאָך געקאָנט באַנוצן.

---

## XVI.

די פראַגע וועגן די צילן פון דער מלחמה איז געווען זייער אַקטועל אין רוסלאַנד נאָך פאַר דער רעוואָלוציע. אַפילו די צאַרישע רעגירונג און די פּריציש־בירגערלעכע גאַס. דומע האָבן פאַרשטאַנען, ווי וויכטיק איז, אַז די גרויסע פאָלקס־מאַסן, וועלכע ברענגען אַזוי פיל קרבנות אויפן מזבח פון דער מלחמה, זאָלן פאַרשטיין, צוליב וואָס ווערט פאַרגאָסן אַזוי פיל בלוט און צוליב וועמעס אינטערעסן ווערט חרוב און רואינירט דאָס גאַנצע לאַנד.

אין דער צייט פון דעם צאַרישן רעזשים, ווען גאַנץ רוסלאַנד איז גע־ווען געשמידט אין קייטן און קיינער האָט ניט געהאַט קיין מיגלעכקייט פריי אַרויסצוזאָגן אַ מיינונג וועגן דער מלחמה, האָט דער קאַדעטישער אָנפירער מיליוקאָוו געקאָנט זיך ערלויבן צו ערקלערן, אַז די גאַנצע רוסישע געזעל־שאַפטלעכע מיינונג פאָדערט, אַז קאָנסטאַנטינאָפּאָל און די דאַרדאַנעלן זאָלן איבערגיין צו רוסלאַנד און אַז אָט צוליב דעם וועט רוסלאַנד זיין גרייט צו פירן מלחמה אַן אומבאַגרעניצטע צייט, ביז וואַנען עס וועט קומען די געגאַרטע מינוט, ווען מען וועט קאָנען נייטן דעם שונא אונטערצושרייבן דעם שלום־אָפּמאַך מיט די קאָנסטאַנטינאָפּאָלער פונקטן.

אַזעלכע ערקלערונגען אין נאָמען פון דעם גאַנצן רוסישן פאָלק האָט מען געקאָנט מאַכן נאָר, ווען דאָס פאָלק אַליין האָט ניט געהאַט קיין שום מיג־לעכקייט אַרויסצוזאָגן זיינע וואונטשן און פאַרלאַנגען.

ווען די רעוואָלוציע אָבער האָט צעבראָכן אַלע קייטן און אַלע שיכטן פון דעם רוסישן פאָלק האָבן באַקומען די פולקומע מיגלעכקייט פראַנק און פריי אַרויסצוזאָגן זייערע שטרעבונגען, איז די פראַגע וועגן די צילן פון דער מלחמה געוואָרן באַזונדערס אַקטועל.

אַלע פראַגן וועגן די רעכט פון רוסלאַנד אויף קאָנסטאַנטינאָפּאָל און די דאַרדאַנעלן, וועלכע האָבן געקאָנט האָבן ערפאָלג אין דער רעאַקציאָנערער גאַס. דומע, האָבן אינגאַנצן פאַרלאָרן זייער חן אין די אויגן פון די ברייטע פאָלקס־מאַסן, וועלכע האָבן בשום אופן ניט געקאָנט משיג זיין, פאַר וואָס איז

די טערקישע הויפט־שטאָט געוואָרן אַזאַ וויכטיקע לעבנס־פראַגע פאַר רוס־לאַנד, צוליב וועלכער עס לוינט פאַרגיסן ימען בלוט און חרוב מאַכן אַזוי פיל רוסישע בליענדיקע און רייכע שטעט.

באַזונדערס אַקטועל איז געוואָרן די פראַגע וועגן די מלחמה־צילן ביי די גרויסע אַרמיי־מאַסן, וועלכע האָבן זיך איצט באַפרייט פון דעם געוואַלדיקן דיסציפלין־יאָך, און וועלכע מען האָט שוין איצט ניט געקאָנט טרייבן ווי שעפסן מיט געוואַלד צו דער שחיטה.

די סאָלדאַטן האָבן געפאָדערט, אַז מען זאָל זיי ערקלערן, צוליב וואָס דויערט אַזוי לאַנג די מלחמה און וועלכע מיטלען וועלן אָנגענומען ווערן, כדי צו מאַכן אַ סוף פון דער גרויזאַמער שחיטה.

אָט די אַלע פאָדערונגען זיינען ניט גאָר קלאָר געווען אין די ערשטע טעג פון דער רעוואָלוציע, ווען אַלע, בפרט די סאָלדאַטן, זיינען געוואָרן פאַט־ריאָטיש געשטימט און ווען אונטער דעם דרוק פון דער דאָזיקער פאַטריאָטי־שער שטימונג האָט אפילו דער צ. ק. פון דער באָלשעוויסטישער פארטיי גע־פונען פאַר נייטיק אָראָפצונעמען פון דער אַגיטאַציע דעם לאָזונג „נידער מיט דער מלחמה!“, וואָס די מאַסן האָבן דעמאָלט נאָך ניט געקאָנט תופס זיין און פאַרשטיין.

גאַנץ מיגלעך, אַז ווען די הויפט־קאָמאַנדע פון דער רוסישער אַרמיי זאָל אין די ערשטע פייערלעכע טעג פון דער רעוואָלוציע אָנהייבן אַן אָפענ־סיווע קעגן דעם שונא, וואָלט די דאָזיקע אָפענסיווע געהאַט דעם גרעסטן ער־פאָלג און די באַפרייטע רוסישע פויערים און אַרבעטער וואָלטן טאַקע מיט דעם גרעסטן מסירת־נפש געקעמפט פאַר דער פרייהייט פון רוסלאַנד.

די רוסישע הויפט־קאָמאַנדע האָט אָבער וועגן אַזעלכע פלענער ניט גע־קאָנט טראַכטן, ווייל שוין דעמאָלט האָבן זיך אָנגעהויבן די רייבונגען צווישן די אָפיצירן און סאָלדאַטן, וועלכע האָבן געוואַלדיק אָפגעשוואַכט די קאַמפס־פעאיקייט פון דער רוסישער אַרמיי און האָבן זאָגאַר אַרויסגערופן אין אייניקע ערטער גרויזאַמע טראַגעדיעס און מאַסן־הריגות פון אָפיצירן.

די פאַטריאָטישע שטימונג האָט אָבער ניט לאַנג געדויערט. מיט די פראַגן פון מלחמה און שלום האָבן זיך פאַראינטערעסירט אַלץ ברייטערע פאָלקס־שיכטן, וועלכע האָבן געשטרעבט דערצו, אַז עס זאָל נעמען אַ סוף צו די אַלע צרות און פלאָגן, וואָס זיינען געקומען אַלס ביטערער רעזולטאַט פון דער מלחמה און וועלכע, ווי מען האָט דעמאָלט געהאָפט, וועלן פאַרשוואונדן ווערן תיכף, ווי נאָר די מלחמה וועט זיך ענדיקן.

ביי אַזאַ שטימונג האָט די וואַקלדיקע שלום־פּאָליטיק פון דער רעגירונג ניט געקאָנט נושא חן זיין ביי דעם פאָלק, און די אַנטימיליטאַריסטישע אַגיטאַ־ציע, וואָס די באָלשעוויקעס האָבן מיט גרויס ענערגיע אַנטוויקלט, האָט צוגע־צויגן די גרעסטע סימפּאַטיעס פון די ברייטסטע שיכטן.

דער באָלשעוויסטישער לאָזונג: „אַ סוף צו די דיפּלאָמאַטישע סודות און צו דער געהיימער דיפּלאָמאַטיע!“ איז געוואָרן אומגעהייער פּאָפּולער, דער־הויפּט אין דער צייט, ווען די ווירקונג און השפּעה פון די ענגלענדישע דיפּלאָמאַטן אויף דער צייטווייליקער רעגירונג איז געוואַקסן פון טאָג צו טאָג און האָט סוף־כל־סוף געבראַכט דערצו, אַז די רעוואָלוציאָנערע רעגירונג, וועלכע האָט גאַנץ גוט געוואוסט די שטימונג פון דעם גרעסטן רוב רוסישע סאָלדאַטן, האָט אונטער דעם דרוק פון דער ענגלענדישער דיפּלאָמאַטיע באַשלאָסן אָנ־צוהייבן אַ גרויסע אָפענסיווע אויף דעם גאַנצן דייטשן פראָנט, הגם אַלע האָבן געוואוסט, אַז אַזאַ אָפענסיווע איז פאַרבונדן מיט מוראדיקע סכּנות פאַר דעם גאַנצן קיום פון דער רעוואָלוציע.

עס איז שוין געווען דערמאָנט די אַגיטאַציאָנעלע רייזע, וואָס דער קריגס־מיניסטער קערענסקי האָט געמאַכט אויף דעם פראָנט מיט דעם ציל אויפצוהייבן די מלחמה־שטימונג צווישן די סאָלדאַטן. דערמיט האָבן זיך די מי־ליטאַריסטישע קרייזן ניט באַנוגנט. מען האָט אָנגעהויבן אָרגאַניזירן באַזונדערע שטורים־באַטאַליאָנען פון אַזעלכע סאָלדאַטן, וועלכע זיינען געווען באַזונדערס פּאַטריאָטיש און קריגעריש געשטימט און וועלכע האָבן געדאַרפט פאַרנעמען די פאָדערשטע פּאָזיציעס און אַרויסווייזן אַזאַ העלדישקייט אין שלאַכט, וואָס זאָל ווירקן אויף אַלע איבעריקע סאָלדאַטן, כדי זיי זאָלן אויך באַקומען מער תשוקה צו פירן מלחמה.

אַחוצדעם האָט מען אָנגעהויבן צו אָרגאַניזירן פרויען־באַטאַליאָנען, וועלכע האָבן געדאַרפט זיין אַ לעבעדיקער מוסר פאַר אַלע סאָלדאַטן און באַ־ווייזן זיי, אַז אפילו שוואַכע פרויען זיינען גרייט מקריב צו זיין זייער לעבן פאַרן פאָטערלאַנד, אין דער צייט, ווען די סאָלדאַטן ווילן ניט מלחמה האַלטן און פאַרטיידיקן דאָס לאַנד פון שונא.

אָבער די אַלע מיטלען פון אַגיטאַציע האָבן ווייניק געווירקט אויף די סאָלדאַטן.

אויף אַלע הויך־פּאַטריאָטישע רעדעס, וואָס קערענסקי האָט פאַר זיי גע־האַלטן, אויף אַלע פאָדערונגען, וואָס ער האָט זיי געשטעלט אין נאָמען פון אַ גליקלעכער צוקונפט פאַר דעם באַפרייטן רוסלאַנד, האָט אים אַ סאָלדאַט גע־געבן אַ פּשוטן, גראָבן, אָבער פאַרשטענדלעכן ענטפער: „צו וואָס טויגן מיר אַלע צוקונפטס־גליקן, וואָס די פרייהייט וועט מיר געבן, אַז איך אַליין וועל פון זיי ניט קאָנען געניסן, אַז איך וועל אין דער שלאַכט דערהרגעט ווערן?“

ביי אַזאַ לאַגע איז קלאָר געווען, ווען אַגיטאַציע וועט האָבן מער ער־פאָלג ביי די גרויסע סאָלדאַטן־מאַסן: קערענסקיס מוסר צו „די קנעכט, וואָס האָבן גענומען די לייבעס אין זייערע הענט“, ווי ער האָט מיט פאַראַכטונג אָנ־גערופן די סאָלדאַטן, וואָס האָבן זיך אַנטזאָגט צו פאַרגיסן בלוט אויף די פראָנטן פאַר אַ זאַך, וואָס איז זיי געווען אומבאַקאַנט, אָדער די אַגיטאַציע פון די באָלשעוויקעס, וועלכע האָבן געשאַפן אַ טעאָרעטישן באָדן אונטער דעם

אומבאַוואוסטזיניקן, אָבער פעסטן רצון צו שלום און צום אָפּשטעלן די בלוט־פאַרגיסונג און וועלכע האָבן אַלע אינסטינקטיווע עגאָאיסטישע געפילן פון פּשוטן סאָלדאַט באַפּוצט מיט פראַזן פון אינטערנאַציאָנאַליסטישער און ברידער־לעכער סאָלידאַריטעט פון אַלע אַרבעטנדיקע אין פאַרשיידענע לענדער.

די אַנטימיליטאַריסטישע שטימונג צווישן די סאָלדאַטן פלעגט ווייער אָפּט אַרויסרופן בונטן צווישן די סאָלדאַטן אין פאַרשיידענע שטעט; אָבער דאָס אַלץ האָט ניט אָפּגעהאַלטן די רעגירונג פון אירע פלענער וועגן אַ אָפענסיווע. און ווי נאָר דער אַלרוסישער צוזאַמענפאָר האָט זיך אַנטזאָגט צו פאָלגן די באָל־שעוויקעס און האָט אָנגענומען אַזאַ רעזאָלוציע, וועלכע האָט אין דער פראַגע וועגן דער אָפענסיווע געגעבן דער רעגירונג פרייע הענט, האָט די רעגירונג תּיכּף אָנגעהויבן די אָפענסיווע.

דעם 18־טן יוני האָט די רוסישע אַרמיי מיט ערפאָלג אָנגעהויבן די אָפענסיווע און אין משך פון עטלעכע טעג פלעגן אָנקומען ידיעות וועגן נצחונות. די שמחה, וואָס די דאָזיקע ידיעות האָבן אַרויסגערופן אין פעטער־בורג אין די בירגערלעכע און רעכט־סאָציאַליסטישע קרייזן, איז אומבאַשרייב־לעך. עס זיינען פאָרגעקומען גרויסע מאַניפעסטאַציעס און בראש פון די דאָ־זיקע מאַניפעסטאַציעס איז געגאַנגען דער וועטעראַן פון רוסישן סאָציאַליזם פּלע־כאַנאָוו מיט זיינע עטלעכע חסידים, וועלכע זיינען געווען אָרגאַניזירט אין דער קליינער פאַרטיי „אחדות" (יעדינסטוואָ"). די דאָזיקע פאַרטיי האָט דאָן ניט גע־שפּילט כּמעט קיין שום ראָלע אין פּאָליטישן לעבן און פון איר עקזיסטענץ האָבן געוואוסט נאָר יחידים. איצט איז זי אַרויס אויף די גאַסן און אונטער איר פאָן האָבן מאַניפעסטירט טויזנטער מענטשן. דער אַלטער פּלעכאַנאָוו אליין איז אויך כּמעט צום ערשטן מאָל אַרויסגעטראָטן אויף גאַסן־מיטינגען מיט פייערלעכע רעדעס לכּבוד די נצחונות, וואָס די רוסישע רעוואָלוציאָנערע אַרמיי האָט אָפּגעהאַלטן.

די התפּעלות פון די נצחונות איז געווען גרויס אויך אין די רעגירונגס־קרייזן. און די רעגירונג האָט באַפוילן אָנצורופן אַלע פּאָלקן, וועלכע האָבן אָנטייל גענומען אין דעם נצחון־מאַרש מיט דעם נאָמען: „די פּאָלקן פון 18־טן יוני".

די שמחה אָבער האָט ניט לאַנג געדויערט. די אינערלעכע צעפוילטקייט פון דער רוסישער אַרמיי, וועלכע עס איז געלונגען אויף אַ געוויסער צייט צו פאַרדעקן מיט פּאַטריאָטישע פראַזן און התפּעלות, האָט זיך אינגיכן ווידער געלאָזט פילן, ווען די דייטשע אַרמיי האָט אויף דער רוסישער אָפענסיווע גע־ענטפערט מיט אַ קאָנטער־אַטאַקע. די העלדישע פּאָלקן פון 18־טן יוני האָבן אַ ציטער געטאָן און אָנגעהויבן צו לויפן. די מפּלה פון דער רוסישער אַרמיי איז געוואָרן אַזוי גרויס, אַז זי האָט אין אַ גאַנץ קורצער צייט געמוזט אָפּרייניקן ניט נאָר די עטלעכע שטעט, וואָס זי האָט אָקאָרשט געהאַט איינגענומען, נאָר אויך גאַנץ גאַליציע און אַ גרויסן שטח לאַנד אין דרום־מערב פון רוסלאַנד,

איבערלאָזנדיק פאַר דעם שונא קאָלאָסאַלע זאַפּאַסן פּראָוויאַנט, אַמוניציע און געווער.

די רוסישע אַרמיי איז פון דער מפּלה געוואָרן מוראַדיק דעזאָרגאַניזירט, אייניקע פּאָלקן האָבן געמאַכט שרעקלעכע פּאָגראָמען אין עטלעכע שטעטלעך, וועלכע זיינען געלעגן אויף דער פראָנט-ליניע. די סאָלדאַטן האָבן צעראַבירט און בדלות געשטעלט אַ סך פאַמיליעס, דערהויפּט יידישע.

דער איינדרוק פון דער דאָזיקער מפּלה אויף דער גאַנצער רוסישער געזעלשאַפט איז געווען מוראַדיק און האָט געוויזן, ווי אומבאַגרינדעט און אילוזאָריש עס זיינען געווען אַלע חלומות און האָפענונגען אויף נצחונות און ווי פאַלש זיינען געווען די מיינונגען, אַז מיט פּאַטעטישע און פּאַטריאָטישע פראַזן קאָן מען שאַפן אַ מלחמה-שטימונג און אַ גרייטקייט צו מקריב זיין דאָס לעבן.

די נידערגעשלאָגענע שטימונג, וואָס די מפּלות אויף דעם פראָנט האָבן אַרויסגערופן, וואָלט נאָך ניט געבראַכט צו אַזעלכע טרויעריקע רעזולטאַטן, ווען ניט די וויכטיקע געשעענישן, וואָס האָבן זיך צו יענער צייט אָפּגעשפּילט אין פּעטערבורג גופא און וועלכע האָבן באַוויזן, ווי שוואַך עס איז בכלל דער פונדאַמענט, אויף וועלכן די צייטווייליקע רעגירונג האָט זיך געהאַלטן.

## XVII.

די פראַגע וועגן די פאַרהעלטעניש פון די כוחות צווישן די רעוואָלוציאָנערע פאַרטייען איז שוין לאַנג געשטאַנען אויפן סדר-היום. די צייט, ווען די מענשעוויקעס און די ס. ר. האָבן געהאַט די גאַנצע סימפּאַטיעס פון די אַרבעטער און סאָלדאַטן, איז שוין לאַנג אַוועק און ס׳איז געווען צו מערקן, אַז די באָלשעוויסטישע פאַרטיי מיט אירע ראַדיקאַלע פאָדערונגען באַקומט אַלץ מער און מער חן ביי די ברייטע פאָלקסמאַסן.

ווען אין פּעטערבורג זיינען פאָרגעקומען די זיצונגען פון אַלרוסישן צוזאַמענפאָר פון די אַרבעטער-און סאָלדאַטן-ראַטן און די פראַגע וועגן די כוחות-פאַרהעלטעניש איז דורך די אָפּשטימונגען ערליידיקט געוואָרן לטובת די רעכטע פאַרטייען, האָבן די באָלשעוויקעס געוואָלט מאַכן דעם 10-טן יוני אַ באַוואָפנטע דעמאָנסטראַציע פאַר דער פאָדערונג, אַז די גאַנצע מאַכט זאָל אַריבערגיין צו די אַרבעטער-און סאָלדאַטן-ראַטן מיט דעם לאָזונג: „נידער מיט דער מלחמה!“, „נידער די מיניסטאָרן-קאַפּיטאַליסטן!“

ביי דער אָנגעשטרענגטער שטימונג, וועלכע האָט שוין דעמאָלט געהערשט צווישן די פּעטערבורגער אַרבעטער און סאָלדאַטן, האָט אַזאַ באַוואָפנטע דעמאָנסטראַציע, אין וועלכער עס וואָלטן זיך בלי שום ספק באַטייליקט צענדליקער טויזנטער מענטשן, געקאָנט אַרויסרופן אַ פּרוב צו מאַכן אַ מלוכה-איבערקערעניש און שאַפן פאַר דעם אַלרוסישן צוזאַמענפאָר

ז זאַ לאַגע, אַז ער זאָל מוזן איבערקוקן זיין רעזאָלוציע וועגן אַ בלאָק=רעגי=רונג און אפשר טאַקע איבערנעמען די מאַכט. עס וואָלט אויך געוויס געקומען צו בלוט=פאַרגיסונג און צו צוזאַמענשטויסונגען צווישן פאַרשיידענע גרופּן פון דער פּעטערבורגער באַפעלקערונג.

עס איז דעריבער קיין וואונדער ניט, אַז בעת מ'האָט געבראַכט אויף דעם אַלרוסישן צוזאַמענפאָר די קאָרעקטור=בויגנס פון דער באָלשעוויסטישער צייטונג „פּראַוודאַ" מיט אַרשין=גרויסע אויפרופן צו דער דעמאָנסטראַציע, וואָס דאַרף פאָרקומען מיט אַ טאָג שפּעטער, האָט עס אַרויסגערופן אַ געוואַלדיקע מהומה. דער צוזאַמענפאָר האָט תּיכּף אָנגענומען אַ רעזאָלוציע קעגן דער דע=מאָנסטראַציע און קעגן דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי, וועלכע רופט די פאָלקס=מאַסן אויף די גאַסן. „אין דעם איצטיקן אומרואיקן מאָמענט,—האָט זיך די דאָזיקע רעזאָלוציע געווענדט צו די אַרבעטער,—רופט מען אייך אויף די גאַסן, כּדי אַראָפּצוואַרפן די צייטווייליקע רעגירונג, וואָס דער אַלרוסישער צוזאמענפאָר האָט איר אָקאָרשט אויסגעדריקט זיין צוטרוי און צוגעזאָגט זיין שטיצע".

דער צוזאַמענפאָר האָט אוועקגעלייגט אָן אַ זייט די גאַנצע אַרבעט זיינע אין האָט זיך צעטיילט אויף קליינע גרופּן, וועלכע זיינען תּיכּף אַוועקגעגאַנגען אין אַלע פאַבריקן און קאַזאַרמעס צו אַגיטירן קעגן דער באָלשעוויסטישער דעמאָנסטראַציע. די גאַנצע נאַכט פון 9=טן אויף 10=טן יוני האָבן די אַרבעטער=קוואַרטאַלן און די קאַזאַרמעס ניט געשלאָפן. דער פּעטערבורגער ראַט און דער ראַטן=צוזאַמענפאָר האָבן אויסגענוצט זייער גאַנצן אַפּאַראַט, כּדי צו צעשטערן די באָלשעוויסטישע פּלענער און צעברעכן די געפּלאַנטע דעמאָנסטראַציע.

די באָלשעוויקעס אַליין האָבן זיך אויך דערשראָקן, וואָס זייערע פּלענער זיינען פאַר דער צייט אויפגעדעקט געוואָרן. זיי האָבן גאַנץ גוט פאַרשטאַנען, אַז ווען די דעמאָנסטראַציע זאָל צוגעגרייט ווערן שטילערהייט אָן שטערעניש און קאָנטר=אַגיטאַציע, וואָלט זי אפשר געווען גראַנדיאָז און באַדייטונגספול, אָבער נאָכדעם ווי דער אַלרוסישער ראַטן=צוזאַמענפאָר האָט זיך קאַטעגאָריש אַרויסגעזאָגט קעגן דער דעמאָנסטראַציע און האָט מאָביליזירט אַלע זיינע כּוחות צו דעזאָרגאַניזירן און צעשטערן די באָלשעוויסטישע פּלענער, וועט די געפּלאַנ=טע דעמאָנסטראַציע ניט דורכגיין אַזוי, ווי זיי האָבן זי זיך פאָרגעשטעלט. די פּראַקטישע באָלשעוויסטישע רעדלפירער האָבן ניט געוואָלט צוליב אַ קליינע דעמאָנסטראַציע אַרויסטרעטן תּיכּף קעגן דעם אַלרוסישן ראַטן=צוזאמענפאָר און ריזיקירן מיט אַ גרויסן דורכפאַל.

אויף מאָרגן איז די „פּראַוודאַ" אַרויס מיט אַ גרויסן בלויז אויף דעם אָרט, וואו עס האָט געדאַרפט שטיין דער אויפרוף צו דער דעמאָנסטראַציע; דער צ. ק. פון דער פּאַרטיי האָט אָפּגעשאַפט די דעמאָנסטראַציע אַזוי שפּעט ביינאַכט, אַז עס איז שוין געווען אוממעגלעך צו פאַרשטאָפּן מיט עפּעס די גרויסע לאָך אין דער צייטונג.

אויב אָבער די באָלשעוויקעס זיינען מיט דעם 10־טן יולי דורכגעפאַלן, האָט דער פּעטערבורגער ראַט אינגיכן זיי באַזאָרגט מיט אַ גוטער קאָמפּענסאַציע. דער פּעטערבורגער ראַט האָט געוואָלט מפּצה זיין די אַרבעטער־און סאָלדאַטן־מאַסן פאַר דער צעשטערטער דעמאָנסטראַציע און האָט באַשלאָסן אַליין צו אָרגאַניזירן אַ מאַניפעסטאַציע, צו דעמאָנסטרירן, אַז דער פּעטערבורגער ראַט און זיינע לאָזונגען האָבן נאָך געניג חן ביי די אַרבעטער און סאָלדאַטן. די דאָזיקע דעמאָנסטראַציע האָט אָבער אויף דעם בולטסטן אופן געוויזן דעם היפוך: צווישן די הונדערטער פאָנען מיט קלאָרע באָלשעוויסטישע אויפשריפטן און פאָדערונגען האָט מען קוים־קוים געקאָנט באַמערקן אייניקע פּלאַקאַטן מיט אויפשריפטן פאַר דעם פּעטערבורגער ראַט. די צייטווייליקע רעגירונג האָט שוין כמעט גאָר ניט געהאַט דאַמאָלסט אַזעלכע פאָלקס־גרופּן, וועלכע זאָלן אָפן פאַר איר דעמאָנסטרירן. נאָר די פּעטערבורגער אָרגאַניזאַציע פון „בונד״ האָט אַרויסגעוויזן אַ באַזונדער דרייסטקייט און מוט, מאַניפעסטירנדיק צווישן די אויפגערייצטע סאָלדאַטן־מאַסן מיט אַ פאָן, אויף וועלכער עס איז געווען די אויפשריפט: „שטיצט די צייטווייליקע רעגירונג״. דאָס האָט אַרויסגערופן אַזאַ אויפרעגונג צווישן די סאָלדאַטן, וועלכע זיינען שוין דעמאָלט געווען שרעקלעך אויפגערייצט קעגן דער רעגירונג, אַז אויף דעם מאַרס־פעלד, ביי די קברים פון די מאַרטירער פון דער רעוואָלוציע, איז פאָרגעקומען אַזאַ טרויעריקער צופאַל, אַז די רויטע בונדישע פאָן האָבן די אויפגערעגטע סאָלדאַטן צעריסן און די פאָנטרעגער געשלאָגן.

די דאָזיקע מאַניפעסטאַציע האָט דייטלעך באַוויזן, אַז די פּעטערבורגער אַרבעטער און דערהויפּט דער פּעטערבורגער גאַרניזאָן געפינען זיך אינגאַנצן אונטער דער השפּעה פון די באָלשעוויקעס און זיינען שאַרף קעגן דער צייטווייליקער רעגירונג. די דאָזיקע שטימונג האָט זיך פון טאָג צו טאָג געשטאַרקט, און ווען אין פּעטערבורג האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַקומען ידיעות וועגן די מפּלות אויף דעם פראָנט פון איין זייט,—און די קאַדעטישע מיניסטאָרן זיינען אַרויס אין דעמיסיע כלומרשט צוליב אַ סיכסוך בנוגע דער אוקראַינישער פראַגע פון דער אַנדער זייט, זיינען אין פּעטערבורג אויסגעבראָכן אומרוען.

באַוואָפנטע סאָלדאַטן זיינען אַרויס פון זייערע קאַזאַרמעס און, ווי מען האָט פריער פאָראויסגעזעען, האָבן תיכּף די ביקסן אַליין אָנגעהויבן צו שיסן און די פּעטערבורגער גאַסן האָבן זיך באַגאָסן מיט ברידערלעכן בלוט.

דעם 3־טן יולי, ווען די דאָזיקע געשעענישן האָבן זיך אָנגעהויבן, האָט מען בשום־אופן ניט געקאָנט פאַרשטיין, ווער האָט אָרגאַניזירט די דאָזיקע באַוואָפנטע און בלוטיקע מאַניפעסטאַציעס און ווער פירט מיט זיי אָן. צו די סאָלדאַטן זיינען אויך צוגעשטאַנען היבשע אַרבעטער־שיכטן און פון די אַרבעטער־קוואַרטאַלן האָבן זיך גלייך אָנגעהויבן ציען גרעסערע און קלענערע, דאָס רוב באַוואָפנטע, אַרבעטער־גרופּעס, וועלכע האָבן זיך באַלד אויסגעמישט מיט די סאָלדאַטן.

די דאָזיקע גאַסן־באַוועגונג האָט זיך אָנגעהויבן דעם 3־טן יולי אינאָוונט און אין משך פון דער דאָזיקער נאַכט האָט זי זיך באַדייטנדיק פאַרשטאַרקט.

אויף די פעטערבורגער גאַסן האָבן זיך ווידער באַוויזן די אַווטאָמאָבילן מיט די ביקסן און קוילנשליידערס, אָנגעפּאַקטע מיט אַרבעטער און סאָלדאַטן, וועלכע זיינען אומגעלאָפן ווי טייוואָלים און געשאָסן אָן אַ צוועק און אָן אַ זין.

דער אונטערשייד צווישן די יולי־טעג און די פאַרגאַנגענע פעברואַר־טעג איז אָבער געווען אַ קאָלאָסאַלער: אין פעברואַר האָבן אַלע פאַרשטאַנען, צוליב וואָס די אַלע מיט מענטשן אָנגעפּאַקטע און באַוואָפנטע אַווטאָמאָבילן לויפן אום און וואָס זיי פאַרטיידיקן. איצט איז קיינעם ניט קלאָר געווען, ווער האָט די דאָזיקע גרויסע מאַסן אַרויסגעשלעפּט אויף די גאַסן און צוליב וואָס און אויף וועמען שיסן זיי.

אַלע פאַרטייען האָבן געלייקנט זייער שייכות צו דער דאָזיקער באַוועגונג, אָבער די באָלשעוויסטישע פאַרטיי און די אינטערנאַציאָנאַליסטישע גרופּן האָבן שוין דעמאָלט ערקלערט, אַז וויבאַלד די אַרבעטער און די סאָלדאַטן זיינען אַליין אַרויס אויף די גאַסן, קאָנען די דאָזיקע פאַרטייען ניט בלייבן אָן אַ זייט און מוזן פּרובן רעגולירן די באַוועגונג און גיין צוזאַמען מיט די מאַסן.

די דאָזיקע הילף האָט אָבער ווייניק געווירקט און די גאַנצע באַוועגונג האָט ביז דער לעצטער מינוט געטראָגן אַ משונהדיקן כאַראַקטער.

דער טאַורישער פּאַלאַץ, וואו עס איז געזעסן דער פעטערבורגער ראַט און דער אַלרוסישער אויספיר־קאָמיטעט, איז אין משך פון גאַנצן טאָג געווען באַלאַגערט פון טויזנטער באַוואָפנטע אַרבעטער און סאָלדאַטן, וועלכע האָבן אָבער ניט געהאַט גענוג מוט אַריינצורייסן זיך אין פּאַלאַץ גופא און אָננעמען וועלכע עס איז מיטלען קעגן די מיטגלידער פון ראַט און אויספיר־קאָמיטעט, קעגן וועלכע עס האָבן זיך אין המון געהערט זייער פיינדלעכע קולות.

דער געוועזענער ליבלינג פון דעם פעטערבורגער פּראָלעטאַריאַט, צערע־טעלי, האָט בשום אופן ניט געוואָלט אַרויסגיין צום המון, הגם מען האָט אים ניט איין מאָל אַרויסגעפאָדערט.

דער צווייטער ליבלינג פון די פויערים און סאָלדאַטן, טשערנאָוו, איז יאָ אַרויס מיט אַ רעדע צו דעם באַוואָפנטן המון, אָבער די שנאה צו אַלע מי־ניסטאָרן איז שוין געווען אַזוי גרויס, אַז מען האָט טשערנאָוון שיר ניט צעריסן, ווען ניט טראָצקי, וואָס האָט מיט עטלעכע ווערטער באַוויזן צו באַרואיקן דעם צערייצטן עולם.

דער פיל־טויזנטיקער המון איז געווען צערייצט, אָבער לחלוטין ניט דיס־ציפּלינירט. עס איז געווען גענוג, אַז עמיצער זאָל אויסשיסן, כדי אַלע טויזנ־טער באַוואָפנטע סאָלדאַטן און אַרבעטער, וואָס זיינען געשטאַנען אויף דעם

הויף פון טאַווריטשן פּאַלאַץ, זאָלן צעלויפן און צעפּאַלן אויף דער ערד אין דער גרעסטער שרעק און מהומה.

אַזעלכע שוידערלעכע סצענעס זיינען פּאָרגעקומען אויך אויף די גאַסן, וואו יעדער איינציקער שאָס פלעגט אַרויסרופן אַ שרעקלעכע מהומה ביי הונ־דערטער פון קאָפּ ביז די פיס באַוואָפנטע מענטשן, וועלכע פלעגן תיכף אַוועק־וואַרפן זייערע ביקסן און לויפן, וואוהין די אויגן טראָגן.

די געשעענישן פון 4 יולי האָבן באַוויזן, אַז די צייטווייליקע רעגירונג און דער פּעטערבורגער ראַט האָבן פאַרלאָרן אַלע כוחות, אויף וועלכע זיי זאָלן זיך קאָנען אָנשפּאַרן.

פון דעם גאַנצן פּעטערבורגער גאַרניזאָן זיינען אין די ערשטע מינוטן געבליבן געטריי דער רעגירונג און דעם ראַט נאָר די יונקער־שולן, די קאָזאַקן און די אָפיצירן.

אין דער ערשטער מינוט האָט זיך דער פּעטערבורגער ראַט אינגאַנצן פאַרלאָרן; אָבער ווען ער איז שוין געקומען אַ ביסל צו זיך און איז אַרויסגע־טראָטן קעגן די אומרוען, איז קלאָר געוואָרן, אַז די גאַנצע קראַפט פון דער רעגירונג באַשטייט נאָר אין דער געוואַלדיקער אומאָרגאַניזירטקייט פון די מאַסן.

דער אַלרוסישער אויספיר־קאָמיטעט פון די אַרבעטער־און סאָלדאַטן־ראַטן האָט פאַרעפנטלעכט אַן אויפרוף, וועלכער האָט אויפן בולטסטן אופן באַוויזן, ווי שוואַך ער איז און ווי אַזוי ער איז ניט אימשטאַנד צו רעאַגירן אויף די געשעענישן, וואָס שפּילן זיך אָפּ.

„אומבאַוואוסטע מענטשן רופן אייך אויף די גאַסן מיט געווער אין האַנט — האָט געטענהט דער דאָזיקער אויפרוף, — אייניקע מיליטער־טיילן זיינען מיט געווער אַרויס אויף דער גאַס און האָבן געפּרובט פאַרכאַפּן די שטאָט, צונע־מען אַוטאָמאָבילן און אַרעסטירן פאַרשיידענע מענטשן. די דאָזיקע לייט זיינען געקומען אין טאַווריטשן פּאַלאַץ, וואו דער אַלרוסישער אויספיר־קאָמיטעט האָט באַ־טראַכט די לאַגע, וואָס איז געשאַפן געוואָרן צוליב דער דעמיסיע פון די קאַ־דעטישע מיניסטאָרן, און האָבן געפאָדערט, אַז דער אויספיר־קאָמיטעט זאָל איבערנעמען די גאַנצע מאַכט אין זיינע הענט. דער אַלרוסישער אויספיר־קאָמיטעט וואַרפט אָפּ מיט פאַראַכטונג יעדן פּרוב צו ווירקן אויף זיין רצון מיט גוואַלד. עס פּאַסט ניט מיט באַוואָפנטע דעמאָנסטראַציעס אָנצוּוואַרפן אויף גאַנץ רוסלאַנד דעם רצון פון אייניקע מיליטערישע טיילן פון איין שטאָט".

דער טאַווריטשער פּאַלאַץ איז געווען אַרומגערינגלט פון די דאָזיקע ווי־דערשפּעניקע מיליטערישע טיילן און עס איז ניט געווען שווער צו אַרעסטירן דעם גאַנצן אויספיר־קאָמיטעט צוזאַמען מיט די סאָציאַליסטישע מיניסטאָרן און פאַרכאַפּן דעם גאַנצן רעגירונגס־אַפּאַראַט.

קערענסקי, וועמען מען האָט יאָ געוואָלט אַרעסטירן אויף דעם וואָקזאַל, איז באַצייטנס אָפּגעפאָרן אויף דעם פראָנט, און ווען ער איז געקומען צוריק,

איז שוין די גאַנצע באַוועגונג געווען ליקווידירט, און קערענסקי האָט געקאָנט אַרויסווייזן זיין גרויסע גבורה קעגן איר.

די באָלשעוויקעס האָבן די יולי־באַוועגונג ניט אָרגאַניזירט און ניט פּראָקלאַמירט. עס זיינען אפשר געווען איינצלנע באָלשעוויסטישע היצקעפּ, וואָס האָבן מיטגעהאָלפן אַרויסצושלעפּן אויף די גאַסן די אומצופרידענע סאָל־דאַטן און אַרבעטער, אָבער די גאַנצע באָלשעוויסטישע פּאַרטיי מיט אירע אָנ־פירנדיקע אָרגאַנען זיינען צוגעשטאַנען צו דער באַוועגונג ערשט ווען די מאַסן זיינען שוין אַרויס אויף די גאַסן מיט די באָלשעוויסטישע פאָדערונגען: „נידער מיט דער קאָנטער־רעוואָלוציאָנערער רעגירונג! די גאַנצע מאַכט די ראַטן!".

די יולי־באַוועגונג איז ניט געווען אָרגאַניזירט און צוגעגרייט. די לאָזונ־גען, וואָס זיינען אַרויסגעשטעלט געוואָרן, זיינען נאָך ניט געווען פאַרשטענדלעך און פּאָפּולער. דאָך אָבער זיינען צו דער דאָזיקער באַוועגונג סטיכיש צוגע־שטאַנען גאַנץ היפּשע כוחות אין פּעטערבורג. די פּעטערבורגער אומצופרידע־נע מאַסן זיינען תיכף געקומען צו הילף באַוואָפנטע מחנות פון קראָנשטאַט, אָבער די אַלע כוחות זיינען געווען ניט אָרגאַניזירט, און די רעגירונג, וועלכע האָט אויף איר צד געהאַט נאָר די יונקערס מיט די קאָזאַקן־פּאָלקן, האָט גאַנץ לייכט דערשטיקט די גאַנצע באַוועגונג, בפרט ווען די רעגירונג האָט אויסגע־נוצט די שענדלעכסטע קאַמפּס־מיטלען, ווי די שמוציקע און אומבאַגרינדעטע פּאַסקווילן קעגן דער אָנפירערין פון דער יולי־באַוועגונג, דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי, און אירע לידערס; קעגן זיי האָט מען אין די דאָזיקע שרעקלעכע טעג אַרויסגעשטעלט אַ באַשולדיקונג, אַז זיי זיינען אונטערגעקויפט דורך דער דייטשער רעגירונג מיט דער בייזער כוונה צו אָרגאַניזירן אומרוען און אויף אַזאַ אופן אָפּשוואַכן און דעזאָרגאַניזירן די מיליטערישע כוחות פון רוסלאַנד.

ווען דער געוועזענער באָלשעוויק און איצטיקער מיטגליד פון פּלעכאַ־נאָווס פּאַרטיי „יעדינסטוואָ", אַלעקסינסקי, איז געקומען אין זשורנאַליסטן־קלוב ביי דער צייטווייליקער רעגירונג און האָט צוגעשטעלט די זשורנאַליסטן די סענסאַציאָנעלע אַנטדעקונגען וועגן דער באָלשעוויסטישער שפּיאָנאַזש־אַרבעט, האָבן זיך אַלע גענוג סקעפּטיש באַצויגן צו דער דאָזיקער סענסאַציע. קיין שום אָנשטענדיקע צייטונג, זאָגאַר אַזאַ רעכטע, ווי די קאַדעטישע „רעטש", האָט אַלעקסינסקיס „דאָקומענטן" ניט אָפּגעדרוקט, ווייל דער מקור, פון וואַ־נען זיי האָבן געשטאַמט, איז געווען ניט זייער קיין כשר'ער און ווייל זיי האָבן פאַקטיש קיין זאַך ניט ערקלערט און קיין ממשות'דיקע פאַקטן ניט גע־בראַכט. צווישן די פילצאָליקע פּעטערבורגער צייטונגען האָט זיך געפונען נאָר איין שמוציק גאַסן־בלעטל, וואָס האָט די דאָזיקע אומגעלומפּערט־פאַבריצירטע „דאָקומענטן" אָפּגעדרוקט אונטער אַ שרייענדיק קעפּל קעגן די באָלשעוויקעס, וועלכע זיינען שפּיאָנען, אונטערגעקויפט דורך דייטשלאַנד.

אפילו די מיטגלידער פון דער רעגירונג, צווישן וועלכע עס זיינען גע־וועזן געוועזענע באוואוסטע יוריסטן, האָבן גאַנץ גוט פאַרשטאַנען, אַז אַלעקסינס־קיס דאָקומענטן האָבן קיין שום ווערט ניט. אָבער אין אַזאַ היציקער צייט, ווען די באָלשעוויקעס האָבן זיך געשטעלט בראש פון דער באַוועגונג קעגן דער רעגירונג, האָט די לעצטע ניט געפונען פאַר גייטיק אַרויסצווייזן צו פיל איידל־קייט צו אירע קעגנער, די באָלשעוויקעס, און האָט אויסגענוצט דעם גאַנצן רעגירונגס־אַפּאַראַט, כּדי צו באַשמוצן די באָלשעוויקעס און צוזאַמען מיט זיי די גאַנצע באַוועגונג, מיט וועלכער זיי האָבן אָנגעפירט.

די מיטלען זיינען געווען ניט אַזוי כּשר, אָבער דעם ציל האָבן זיי דער־גרייכט. דער איינדרוק פון די פאַלסיפיצירטע דאָקומענטן איז אין די ערשטע מינוטן געווען געוואַלדיק און האָט אין אַ געוויסער מאָס מיטגעהאָלפן צו דעז־אָרגאַניזירן די גאַנצע יולי־באַוועגונג.

אַלע מפּלות אויף דעם פראָנט, פון וועלכע מען האָט שוין דערמאָלט געוואוסט, האָט מען פאַרשריבן אויפן חשבון פון דער באָלשעוויסטישער אַגי־טאַציע. אַלע פּאַרטייען, פון די רעכטע און רעאַקציאָנערסטע ביז די לינקע, האָבן געמאַכט יד־אחת און אָנגעהויבן צו פירן אַ העץ־קאַמפּאַניע קעגן די באָל־שעוויקעס. די רעגירונג מיט דער הילף פון די קאָזאַקן, יונקערס און ספּע־ציעל־געבראַכטע פון פראָנט מיליטערישע טיילן האָבן פולקום דערשטיקט די באַוועגונג אין פּעטערבורג. אַ סך אָנגעזעענע אַרבעטער־טוער און באָלשעווי־סטישע פּאַרטיי־מיטגלידער זיינען אַרעסטירט געוואָרן, אייניקע אַרבעטער־צייַ־טונגען זיינען אָפּגעשטעלט געוואָרן. עס זיינען פאַרמאַכט געוואָרן אפילו איי־ניקע פּראָפעסיאָנעלע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, אויף וועלכע עס איז געווען אַ חשד, אַז זיי האָבן אַ שייכות צו די באָלשעוויקעס.

די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע סכנה, וועגן וועלכער מען האָט פריער גע־רעדט נאָר טעאָרעטיש, האָט זיך איצט אַרויסגעוויזן באַשיינפּערלעך און בולט. די יונקערס און די קאָזאַקן, וועלכע האָבן אין דער סכנה־צייט געראַטעוועט די אומבאַהאָלפענע רעגירונג, האָבן איצט אויפגעהויבן דעם קאָפּ קעגן די פאַר־שטייער פון אַלרוסישן אויספיר־קאָמיטעט, וואָס זיי האָבן אים כּלומרשט גע־שיצט קעגן די באָלשעוויקעס.

דער אַלרוסישער אויספיר־קאָמיטעט האָט אין זיינע רעזאָלוציעס געפאָ־דערט, אַז מען זאָל ניט אָנגעמען קיין באַזונדערע קאַמפּס־מיטלען קעגן גאַנצע פּאַרטייען, אָבער די פאַרשיידענע מיליטער־גרופּן, וועלכע האָבן „געראַטעוועט" די רעוואָלוציע פון די באָלשעוויקעס, האָבן זיך גאַנץ ווייניק גערעכנט מיט די טענות פון א. א. ק. זיי האָבן אָנגעהויבן צו אַרעסטירן אומעטום די באָלשע־וויסטישע אָנפירער און אָנהענגער, חרוב צו מאַכן אַלע רעוואָלוציאָנערע מילי־

טער־אָרגאַניזאַציעס און בכלל צו פירן אַ פּאָליטיק פון רעפּרעסיעס און פּאָלי־
טישע רדיפות, וועלכע האָט געבראַכט צו דעם טרויעריקן קאַפּיטל אין דער
געשיכטע פון דער רוסישער רעוואָלוציע, צו דעם קאַפּיטל, וואָס איז פאַרבונדן
מיט דעם נאָמען פון גענעראַל קאָרנילאָוו און מיט זיין אויפשטאַנד.

---

## XVIII.

דער יולי־אויפשטאַנד איז דערשטיקט געוואָרן מיט דער הילף פון די רעּ
אַקציאָנערע אָפיצירן און קאָזאַקן, וועלכע האָבן פאַר זייער גרויסער גבורה
געוואָלט תיכף באַקומען שכר. קודם־כל האָט מען זיך גענומען צו יענע סאָל־
דאַטן, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין אויפשטאַנד. לענגער פון אַלע איבע־
ריקע אַרמיי־טיילן האָט זיך געהאַלטן דער גאַרניזאָן פון דער פעטער־פּאַוול־
פעסטונג, קעגן וועלכער דאָס רעגירונגס־מיליטער האָט אָנגעהויבן אַ פאָרמעלע
באַלאַגערונג. צום גליק איז געלונגען אויסצומיידן בלוט־פאַרגיסונג, אָבער די
זיגער האָבן אומבאַדינגט געוואָלט דערנידעריקן דעם כבוד פון די באַזיגטע
סאָלדאַטן, אַנטוואָפענען זיי און אַוועקשיקן אין די קאַזאַרמעס און אין זייערע
אָפּטיילונגען. אַזוי אַרום האָט מען געוואָלט פסיכאָלאָגיש נידערשלאָגן די רע־
וואָלוציאָנערע סאָלדאַטן, דערהויפּט די קרוינשטאַטער, וועלכע זיינען שוין
לאַנג געווען ווי אַ ביין אין האַלז ביי די רעאַקציאָנערן פון כל־המינים.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה אַרעסטן פון פאַרשיידענע באָלשעווי־
סטישע פירער, אויף וועלכע מ׳האָט שוין לאַנג געשאַרפט די ציינער. אַזוי האָט
מען אַרעסטירט לונאַטשאַרסקין, טראָצקין, קאַמעניעוון, פרוי קאָלאָנטאַי און אַ
סך אַנדערע. לענין און זינאָוויעוו האָבן זיך באַהאַלטן אין די אַרבעטער־קוואַר־
טאַלן, וואו מען האָט זיי ניט געקאָנט אויפזוכן. די בירגערלעכע פרעסע האָט
געפאָדערט, אַז דיביידע רעוואָלוציאָנערן זאָלן זיך אַליין מעלדן צום געריכט,
אָבער לענין און זינאָוויעוו האָבן, ווייזט אויס, ניט געהאַט אַזאַ יראת־הכבוד
פאַר דעם רוסישן געריכט, וועלכער איז געבליבן ביי די זעלביקע מענטשן, ווי
אין די צאַרישע צייטן; זיי זיינען בעסער געבליבן אויף דער פריי און ווייטער
געפירט די רעוואָלוציאָנערע אַרבעט צווישן די אַרבעטער־מאַסן.

די רעדאַקציע פון דער באָלשעוויסטישער „פּראַוודאַ" האָט מען ממש חרוב
געמאַכט, אַלע געשעפטס־ביכער האָט מען אַוועקגעשלעפּט צום געריכט און אי־
בערגעגעבן צו ספּעציעלע עקספּערטן, וועלכע האָבן געדאַרפט דאָרט געפינען
די אויסלענדישע און געהיימע געלט־קוועלן, פון וואַנען די באָלשעוויקעס האָבן
געשעפּט אויף זייער גראַנדיעזער אַגיטאַציע; אָבער די אַלע זוכענישן האָבן פאַר
דער רעגירונג צו די געוואונטשענע רעזולטאַטן ניט געבראַכט.

די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען און אַלע אַנדערע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס

דערהויפּט די, וועלכע זיינען חשוד געווען אין סימפּאַטיעס צום באָלשעוויזם, האָבן אויך געהאַט דעם זעלבן מזל, ווי די באָלשעוויסטישע רעדאַקציעס.

אויב די אָפיצירן האָבן בנוגע זייערע קעגנער באַקומען אַזעלכע פרייע הענט אפילו אין פּעטערבורג, האָבן זיי אויפן פראָנט געהאַט נאָך אַ סך אַ ברייטערע פרייהייט, דערהויפּט דערפאַר, ווייל צוליב די שרעקלעכע מפּלות פון דער אַרמיי, אין וועלכע מ'האָט באַשולדיקט די סאָלדאַטן, איז די שטימונג צווישן די סאָלדאַטן געווען אַ שלעכטע און די ברייטע געזעלשאַפט האָט זיך צו זיי באַצויגן מיט אַ באַזונדער שנאה.

דער גענעראַל קאָרנילאָוו, וועלכער האָט געמוזט פריער אַוועקפאָרן פון פּעטערבורג, וואו ער האָט זיך ניט געקאָנט צופּאַסן צו די נייע באַדינגונגען, האָט איצט געפונען אַ שעה-הכושר דורכצופירן די פּאָליטיק פון דיסציפּלין און געהאָרזאַמקייט, קעגן וועלכער דער פּעטערבורגער גאַרניזאָן האָט פּראָטעסטירט. איצט, אַלס הויפּט-קאָמאַנדיר פון דרום-מערבדיקן פראָנט, וואו די רוסישע אַרמיי האָט געליטן די גרעסטע מפּלות, האָט ער אָנגעהויבן צו פאָדערן, עס זאָל צוריק איינגעפירט ווערן טויט-שטראָף פאַר דעזערטירן, מאַראָדערן און אויך פאַר די, וואָס הע‏צן צו אומגעהאָרזאַמקייט.

די נייע רעגירונג, וועלכע איז דעמאָלט קאָנסטרואירט געוואָרן כמעט העלפט אויף העלפט פון סאָציאַליסטן און קאַדעטן מיט קערענסקין אַלס פּרעמיער-מיניסטער, האָט זיך ניט געלאָזט לאַנג דינגען און האָט אויף אַלע קאָרנילאָווס פאָדערונגען מסכים געווען. אויף דעם פראָנט זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן נייע מיליטערישע פעלד-געריכטן, וועלכע האָבן אויף אַ נייעם קאָן גענומען פאַר-משפטן סאָלדאַטן צו טויט-שטראָף.

די נייע רעגירונג באַקומט פון אַלרוסישן אויספיר-קאָמיטעט אומבאַגרעניצטע רעכט און אפילו אַזאַ שיינעם טיטל, ווי „די רעגירונג צו ראַטעווען די רעוואָלוציע"; אָבער אין דער ווירקלעכקייט פירט די רעגירונג אַן אמתע קאָנטר-רעוואָלוציאָנערע און רעפּרעסיווע פּאָליטיק, וועלכע איז ספּעציעל אויסן אָפּצושוואַכן דעם אַרבעטער-קלאַס, וואָס נאָר ער האָט פאַרמאָגט די נייטיקע כוחות צו שטופּן די רעוואָלוציע פאָראויס און ניט צו דערלאָזן, אַז די פינסטערע קרעפטן זאָלן באַקומען די אויבערהאַנט.

די פינסטערע קרעפטן, וואָס זייער עקסיסטענץ האָט מען געגלויבט אינגאַנצן לייקענען, האָבן זיך אָנגעהויבן צו אָרגאַניזירן. די פּערטע גאָס. דומע האָט זיך אַריבערגעטראָגן קיין מאָסקווע און האָט דאָרט אָנגעהויבן צו פאַרעפּענטלעכן אירע רעזאָלוציעס, וועלכע האָבן געהאַט איין ציל: צו באַווייזן, אַז אַלע וויכטיקסטע רעפאָרמען מוזן אָפּגעלייגט ווערן ביז עס וועט צונויפגערופן ווערן די גרינדונגס-פאַרזאַמלונג, וואָס נאָר זי אַליין האָט די רעכט צו פאַרענטפערן אַלע האַרבע פראַגן פון עקאָנאָמישן, געזעלשאַפטלעכן און פּאָליטישן לעבן.

אין דער זעלבער צייט אָבער האָבן די קאַדעטישע מיניסטאָרן און די

קאַדעטישע פּאָרשטייער אין דער קאָמיסיע פאַר דעם צונויפרוף פון דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג טאָרמאָזירט מיט אַלע מיגלעכקייטן דעם דאָזיקן צונויפרוף, פּאָראַויסזעענדיק לויט די שטימונגען פון דער גאַנצער באַפעלקערונג, אַז זיי קענען זיך ריכטן נאָר אויף אַן אומבאַטייטנדיקער מינדערהייט אין דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג.

אַחוץ דער גאַס, דומע, אַרום וועלכער עס האָבן זיך קאָנצענטרירט אַלע פּריצישע עלעמענטן, האָבן די סוחרים און פאַבריקאַנטן אויך גענומען הויך אַרויסזאָגן זייערע טענות און פאָדערונגען.

דער עקאָנאָמישער קאַמף האָט זיך דעמאָלט שוין געפירט מיט אַן אומגעהייערן טעמפּ. די אַרבעטער האָבן געפאָדערט ניט נאָר אַ העכערן לוין און אַ קירצערן אַרבעטס־טאָג, אויך וואָס די אונטערנעמער וואָלטן אפשר איינגעגאַנגען; דער הויפּט־שטרייט איז געווען די פראַגע וועגן אַרבעטער־קאָנטראָלע און וועגן די פאַבריק־קאָמיטעטן, וועלכע זאָלן באַקומען געוויסע רעכט בנוגע דער קאָנטראָלע אויף דער גאַנצער געשעפטס־פירונג פון אַלע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען.

די פאַבריקאַנטן און אינדוסטריעלער האָבן בשום אופן ניט געוואָלט צולאָזן די אַרבעטער צו די געשעפטס־ביכער, זיי זאָלן, חלילה, ניט געוואָר ווערן פון די געשעפטס־סודות און די געשעפטס־קאָמבינאַציעס, אויף וועלכע עס האַלט זיך די בירגערלעכע וועלט. אין קאַמף מיט די אַרבעטער האָבן די פאַבריקאַנטן שוין דעמאָלט אָנגעהויבן צו באַנוצן דעם סאַבאָטאַזש, וועלכער האָט זיך באַזונדערס שטאַרק אַנטוויקלט שפּעטער. שוין דעמאָלט האָבן זיך אַ סך פאַבריקן צוגעמאַכט, כלומרשט, צוליב דעם, וואָס זיי האָט געפעלט רויוואַרג אָדער קוילן. אין אמתן אָבער דערפאַר, ווייל די פאַבריקאַנטן האָבן ליבערשט געוואָלט אינגאַנצן אָפּשטעלן די אַרבעט, איידער אויפדעקן פאַר די אַרבעטער די געשעפטס־סודות און די ספּעקולאַטיווע מיטלען, מיט וועלכע מען האָט געמאַכט די גרויסע מלחמה־פאַרדינסטן.

דער האַנדלס־אינדוסטריעלער צוזאַמענפאָר, וואָס איז אין יענער צייט פאָרגעקומען, האָט קלאָר און בולט אַרויסגעוויזן אַלע שטרעבונגען און וואונטשן פון די קאַפּיטאַליסטן און פאַרמעגלעכע שיכטן. דער באַוואוסטער מאָסקווער מיליאָנער און ליבעראַל, ריאַבושינסקי, האָט אין עטלעכע ווערטער פאָרמולירט די גאַנצע סאַבאָטאַזש־פּראָגראַם, וועלכע מען האָט דעמאָלט אָנגעהויבן צו פאַרווירקלעכן און וועלכע האָט געהאַט איין ציל — אומצוקערן דעם רעוואָלוציאָנערן וואָגן צוריק. זיינע באַרימטע ווערטער וועגן דער „ביינערדיקער האַנט פון הונגער“, וועלכע וועט מאַכן אַ סוף צו אַלע זיסע חלומות פון די אַרבעטער, זיינען געוואָרן אַ פאַראָלע פאַר אַלע אונטערנעמער, וועלכע האָבן זייער געוואָלט אַרויסרופן דעם הונגער אַלס אַ קאַמפס־מיטל קעגן די אַרבעטער און זייערע „עזותדיקע“ פאָדערונגען.

פון טאָג צו טאָג איז קלאָרער און בולטער געוואָרן, אַז די קלאַסן־די־

פערענצן ווערן אַלץ שאַרפער און שאַרפער און אַז די בלאָק-רעגירונג, וועלכע מאַכט זיך ניט וויסנדיק פון דעם דאָזיקן אַנטאַגאָניזם און וועלכע וויל צופרידנ-שטעלן ביידע צדדים, וועט פון ביידע קעמפנדיקע קלאַסן קיין גרויס נחת ניט האָבן.

די בירגערלעכע קלאַסן האָבן געפאָדערט אייזערנע דיסציפלין און טויט-שטראָף, אָפּליינגן אַלע וויכטיקסטע עקאָנאָמישע רעפאָרמען, אָפּשאַפן אַלע „אומ-פאַראַנטוואָרטלעכע" אָרגאַניזאַציעס, וואָס ווילן פאַרכאַפּן די מאַכט (ד. ה. די אַרבעטער-און סאָלדאַטן-ראַטן). אַלס ענטפער דערויף האָט זיך אין לאַנד צעגאָסן אַ מבול פון עקאָנאָמישע שטרייקן, אַגראַרישע-אומרוען און אויפשטאַנדן פון סאָלדאַטן. קעגן די אַלע אויסדרוקן פון אומצופרידנקייט ווערן אָנגענומען די שטרענג-סטע רעפּרעסיעס, אַלע אומרוען ווערן דערשטיקט אָן צערעמאָניעס, אָן שום הענטשקעס, וועלכע דער גענעראַליטעט האָט אויסגעטאָן, זינט גענעראַל קאָר-נילאָוו איז באַשטימט געוואָרן אַלס העכסטער הויפּט-קאָמאַנדיר פון דער גאַנצער אַרמיי.

צווישן די צוויי קעמפנדיקע צדדים איז געשטאַנען די רעגירונג, וועלכע האָט זיך געוואָרפן אויף רעכטס און לינקס, וועלכע האָט געוואָלט נושא-חן זיין צוגלייך אי ביי די אַרבעטער און סאָלדאַטן-ראַטן, אי ביי די מאָסקווער מיליאָ-נערן און ביי די גענעראַלן. ביי אַזאַ אויסערגעוויינלעך-שווערער לאַגע האָט די רעגירונג ניט געפונען קיין אַנדער ברירה, ווי צונויפרופן אין מאָסקווע אַ מלוכה-באַראַטונג, אין וועלכער עס האָבן געדאַרפט אָנטייל נעמען אַלע אַרבעטער-און סאָלדאַטן-ראַטן, די נייע דעמאָקראַטישע געווײלטע שטאָט-דומעס און זעמ-סטוועס, אַלע פיר גאָס. דומעס, סוחרים, אָפיצירן, גענעראַלן, קאָזאַקן א. אַז. וו.

די דאָזיקע באַראַטונג האָט געזאָלט רעפּרעזענטירן אַלע פאָלקס-שיכטן און צייכענען דעם וועג, אויף וועלכן די רעגירונג זאָל גיין, אָנווייזן די פּאָליטישע ריכטליניע, וואָס די רעגירונג זאָל פירן.

עס זיינען געווען אפילו אַזעלכע פאַנטאַסטן, וועלכע האָבן געהאָפט, אַז דער שווערער צושטאַנד, אין וועלכן דאָס לאַנד איז דעמאָלט געווען, וועט צווינגען אַלע פאַרטייען און גרופּן צו געפינען דעם געגאַרטן כישוף-וואָרט, וואָס וועט אַלעמען פאַראייניקן און וועט מאַכן אַ סוף צו אַלע שטרייט-פראַגן, אָבער די ביטערע ווירקלעכקייט האָט גאַנץ גיך באַוויזן, אַז זייערע חלומות האָבן אין רעאַלן לעבן קיין שום ממשות ניט געהאַט.

## XIX.

אין דער ערשטער דעקלאַראַציע, וואָס די צייטווייליקע רעגירונג האָט פאַרעפנטלעכט, איז צווישן פיל אַנדערע פראַגן אויך אינגאַנצן פאַרשוויגן גע-וואָרן די נאַציאָנאַלע פראַגע. אָבער די פאַרשיידענע פעלקער און נאַציאָנאַ-

ליטעטן, וואָס האָבן זיך געפונען אין דער גרויסער רוסישער מדינה אין פאַר־שיידנאַרטיקע באַדינגונגען, האָבן ניט געקאָנט לאָזן, אַז די פראַגע וועגן די נאַציאָנאַלע רעכט זאָל אָפּגערוקט ווערן אָן אַ זייט און זאָל פאַרגעסן ווערן.

די צייטווייליקע רעגירונג האָט אַליין אויך פאַרשטאַנען די גרויסע וויכ־טיקייט פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע אין דעם באַפרייטן רעוואָלוציאָנערן רוסלאַנד.

די ריכטיקע לעזונג פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע אין רוסלאַנד איז גע־ווען וויכטיק ניט נאָר פאַר דעם פרידלעכן צוזאַמענלעבן פון אַלע רוסלענדישע פעלקער, נאָר זי האָט אויך געהאַט אַ גרויסע אינטערנאַציאָנאַלע באַדייטונג, ווייל די מלחמה האָט געשאַפן אַזאַ לאַגע, ביי וועלכער ביידע קעמפנדיקע צדדים האָבן געפרובט אויסנוצן צו זייערע צוועקן דעם נאַציאָנאַלן אַנטאַגאָניזם און די סיכסוכים צווישן די אַלע פעלקער, וועלכע זיינען אריינגעשלעפט גע־וואָרן אין דער מלחמה און וועלכע האָבן אין אַ געוויסער מאָס געקאָנט ווירקן אויף דעם בלוטיקן סך־הכל, וואָס די מלחמה האָט געזאָלט מאַכן.

אָפּשאַצנדיק גאַנץ ריכטיק די דאָזיקע לאַגע, האָט די צייטווייליקע רעגי־רונג אין די ערשטע טעג פון איר עקסיסטענץ (דעם 16 מערץ 1917) טאַקע פאַר־עפנטלעכט אַן אויפרוף צום פוילישן פאָלק, וואו עס ווערט אָנערקענט די פולקומע אומאָפּהענגיקייט פון פוילן.

די צייטווייליקע רעגירונג, ווערט ערקלערט אין אויפרוף, האַלט, אַז אַן אומאָפּהענגיקע פוילישע מלוכה פון אַלע לענדער, וואו עס איז פאַראַן אַ פוילי־שע מערהייט, וועט זיין אַ זיכערע און פעסטע גאַראַנטיע פאַר דעם שלום פון דער קומענדיקער באַנייטער אייראָפּע.

די צייטווייליקע רעגירונג איז געווען אַזוי ליבנסווירדיק, אַז זי האָט ערקלערט, דאָס די נייע פוילישע מלוכה דאַרף בויען דאָס פוילישע פאָלק אַליין דורך דער פוילישער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, וועלכע וועט, מסתמא, צונויפגע־רופן ווערן אין וואַרשע; דערביי האָט די צייטווייליקע רעגירונג געגעבן אַ הבטחה אין נאָמען פון דער קומענדיקער רוסישער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, וועל־כע וועט סאַנקציאָנירן אַלע טעריטאָריאַלע שינויים, וואָס זיינען נייטיק, כדי די פוילישע מלוכה זאָל זיך קאָנסטרואירן אין די געהעריקע עטנאָגראַפישע גרעניצן.

אַזעלכע ברייטע הבטחות האָט די צייטווייליקע רעגירונג געגעבן בנוגע צו פוילן, וועלכע איז אָבער דעמאָלט פאַקטיש געווען אויסער די גרעניצן פון רוסלאַנד אונטער דער אָקופּאַציע פון דער דייטשער מיליטער.

כדי די דאָזיקע דעקלאַראַציע מיט אַזעלכע ברייטע הבטחות זאָל ניט האָבן דעם כאַראַקטער פון אַ טובה אויף אַ פרעמדנס חשבון, האָט די צייטוויי־ליקע רעגירונג געדאַרפט אויך די פראַגע וועגן די איבעריקע נאַציאָנאַליטעטן פון רוסלאַנד פרובן ערליידיקן אין דעם זעלבן גייסט און לויט דעם זעלבן ברייטן מאַסשטאַב.

אינגיכן אָבער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז בנוגע צו די נאַציאָנאַליטעטן, וואָס האָבן זיך געפונען אין גבול פון רוסלאַנד גופא, פאַרמאָגט ניט די צייט־ווייליקע רעגירונג אַזאַ ברייטקייט און אַזאַ ליבנסווירדיקייט, ווי בנוגע צו פוילן, קעגן וועלכער מען האָט דערווייל געקאָנט יוצא זיין בלויז מיט ווער־טער און צוזאָגן, וועלכע מען האָט תיכף ניט געדאַרפט רעאַליזירן.

דאָס איז באַזונדערס קלאָר געוואָרן פון דער באַציאונג פון דער צייט־ווייליקער רעגירונג צו פינלאַנד.

פינלאַנד האָט נאָך אונטער דעם צאַרישן רעזשים געהאַט געוויסע אַווּ־טאָנאָמע רעכט. אין די לעצטע יאָרן פון דער רוסישער זעלבסטהערשאַפט האָבן די רעאַקציאָנערע רעגירונגען און די גאָס. דומע געפרובט דורכפירן אַ ריי געזעצן, וועלכע האָבן געדאַרפט גאַנץ היבש פאַרשמעלערן די אַווטאָנאָמיע פון פינלאַנד, אָבער אפילו די דרייסטע רוסישע רעגירונגס־רעאַקציאָנערן האָבן ניט געהאַט די העזה צווּקצושטעלן פינלאַנד אין אַזעלכע באַדינגונגען, אין וועלכע עס איז געווען פוילן.

די צייטווייליקע רעגירונג האָט דעריבער געקאָנט גאַנץ לייכט פאַרשטיין, אַז אויב זי האָט געפונען פאַר נייטיק און מיגלעך אַרויסצווייזן אַזאַ גרייטקייט בנוגע צו פוילן, קאָן זי בשום אופן ניט צוטרעטן צו דער פינלענדישער פראַגע מיט אַן אַנדער וואָג און מיט אַן אַנדער מאָס.

די פינלענדישע פראַגע איז אָבער געשטאַנען אַזוי, אַז באַנוגענען זיך מיט פרומע וואונטשן און מיט בראָנזן־ווערטלען האָט מען בשום־אופן ניט גע־קאָנט, ווייל דער פינלענדישער סיים און דאָס גאַנצע פינלענדישע פאָלק האָבן געפאָדערט, אַז די אַווטאָנאָמיע פון לאַנד, וועלכע איז דורך דער צאַרישער רעגירונג אויף פאַרשיידענערליי אופנים פאַרקירצט און פאַרשמעלט געוואָרן, זאָל תיכף רעסטאַווּרירט ווערן.

און די זעלביקע צייטווייליקע רעגירונג, וועלכע האָט זיך געהאַלטן פאַר גענוג פולמעכטיק צו אָנערקענען די פולקומע אומאָפּהענגיקייט פון פוילן, האָט בנוגע די פינלענדישע פאָדערונגען ניט געפונען קיין אַנדער מיטל, ווי צו פאַרעפנטלעכן דעם 16־טן מאַי אַ דעקלאַראַציע צום פינלענדישן פאָלק מיטן צוזאָג, אַז די פראַגע וועגן דער פינלענדישער אַווטאָנאָמיע וועט ערליידיקט ווערן דורך דעם גאַנצן רוסישן פאָלק אין דער קומענדיקער רוסישער גרינ־דונגס־פאַרזאַמלונג.

די צייטווייליקע רעגירונג האָט אפילו ערקלערט אין איר דעקלאַראַציע, אַז „דאָס פינלענדישע פאָלק דאַרף זיין רואיק פאַר זיין אַווטאָנאָמיע“, אָבער, משמעות, אַז דאָס פינלענדישע פאָלק האָט געהאַט אַ גאַנץ אַנדער מיינונג וועגן זיין צוקונפט, ווייל דער פינלענדישער סיים האָט אַליין געפרובט פאַר־ווירקלעכן די פינלענדישע אַווטאָנאָמיע, און די צייטווייליקע רעגירונג איז גע־ווען אַזוי אומטאַקטיש, אַז זי האָט געפונען פאַר מיגלעך פונאַנדערצולאָזן דעם

סיים, מאָטיווירנדיק עס דערמיט, וואָס דער סיים שטרעבט אָפּצושפּאַלטן פינ־לאַנד פון רוסלאַנד.

די דאָזיקע פּאָליטיק פון דער צייטווייליקער רעגירונג האָט אַרויסגערופן אַ געוואַלדיקע אויפרעגונג אין פינלאַנד, וועלכע האָט זיך אויסגעדריקט אין גרויסע פּראָטעסט־דעמאָנסטראַציעס און אַלגעמיינע שטרייקן.

די דאָזיקע באַוועגונג קעגן דער צייטווייליקער רעגירונג איז געווען באַ־זונדערס געפערלעך דערמיט, וואָס איפן צד פון די אומצופרידענע פינלענדער האָבן זיך געשטעלט די רוסישע סאָלדאַטן און מאַטראָסן, וואָס זיינען געווען אין פינלאַנד, און עס האָט זיך געשאַפן אַזאַ לאַגע, אַז די פּעטערבורגער צייט־ווייליקע רעגירונג האָט לחלוטין ניט געהאַט קיין כוחות, וועלכע זאָלן שטיצן און פאַרטיידיקן איר פּאָליטיק אין פינלאַנד.

ניט קוקנדיק אָבער דערויף, האָט זיך די צייטווייליקע רעגירונג ערלויבט צו מאַכן אַזעלכע טריט, וואָס האָבן מער געפּאַסט פאַר דעם צאַריזם און וואָס האָבן באַוויזן, אַז צו דער טאַקטלאָזיקייט פון דער צייטווייליקער רעגירונג איז טאַקע ניטאָ קיין גרעניץ.

ווען דער פונאַנדערגעלאָזענער סיים האָט אַלס פּראָטעסט באַשלאָסן ווי־דער צונויפצוקלייבן זיך, האָט די צייטווייליקע רעגירונג אַרומגערינגלט דעם בנין פון סיים אין העלסינגפאָרס מיט סאָלדאַטן, וועלכע האָבן ניט אַריינגעלאָזן אַהינצו די דעפּוטאַטן פון דעם פינלענדישן פאָלק.

דער דאָזיקער „דרייסטער" שריט פון דער צייטווייליקער רעגירונג איז געווען נאָך מער צו באַוואונדערן, ווייל ביז דער לעצטער מינוט האָט זי ניט געהאַט די פעסטע איבערצייגונג, אַז אין העלסינגפאָרס וועלן זיך געפינען אַזעל־כע סאָלדאַטן, וועלכע וועלן בסכים זיין צו מקיים זיין אַזאַ באַפעל פון פּעטער־בורג.

די דעמאָנסטראַטיווע זיצונג פון פינלענדישן סיים האָט זיך אָבער דאָך געענדט. צו דער דאָזיקער זיצונג זיינען געקומען נאָר די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע דעפּוטאַטן און נאָך 35 מינוט זיינען זיי זיך פונאַנדערגעגאַנגען, באַנוגענענדיק זיך נאָר דערמיט, וואָס זיי האָבן אונטערגעשטראָכן, אַז צווישן דעם דעמאָקראַ־טישן פינלאַנד און דער צייטווייליקער רעגירונג ליגט שוין אַ טיפער תהום, וועלכן עס וועט זיין אוממיגלעך צו פאַרדעקן מיט באַגנעטן פון די רוסישע סאָלדאַטן.

די זעלבע וואַקלדיקע און פּרינציפּיעל ניטאויסגעהאַלטענע פּאָליטיק פון דער צייטווייליקער רעגירונג האָט זיך אויך אַרויסגעוויזן אין די באַציאונגען צו אוקריאַנע.

די אויטאָנאָמישע באַוועגונג אין אוקראינע איז געווען גענוג שטאַרק נאָך אונטער דער צאַרישער רעגירונג, וועלכע האָט מיט אַ באַזונדער ענערגיע גע־קעמפט קעגן אַלע „סעפּאַראַטיסטישע" שטרעבונגען און טענדענצן און איז אין דעם

דאָזיקן קאַמף דערגאַנגען אפילו דערצו, אַז זי האָט פאַרבאָטן אוקראַינישע צייטונגען און האָט ניט ערלויבט צו לערנען אויף אוקראַיניש אין די פאָלקסשולן.

ווען די אַבסאָלוטיסטישע אָרדענונג אין רוסלאַנד האָט געפּלאַצט, האָבן זיך די נאַציאָנאַל־אַווטאָנאָמישע שטרעבונגען אין אוקראַינע באַזונדערס שטאַרק פאַרשפּרייט און באַקומען אַ גרויסע פּאָליטישע באַדייטונג.

אין קיעוו האָט זיך זייער שנעל אָרגאַניזירט די אוקראַינישע ראַדע, אַ מין רעפּרעזענטאַנץ פונם אוקראַינישן פאָלק. די דאָזיקע ראַדע האָט מיט יעדן טאָג באַקומען אַלץ מער וואָג און האָט געשטרעבט צו פאַרווירקלעכן פּראַקטיש און יורידיש די אוקראַינישע אַווטאָנאָמיע אין לעבן.

די צענטראַלע רעגירונג אין פּעטערבורג האָט מיט גרויס חשד געקוקט אויף דער גאַנצער טעטיקייט פון די קיעווער אַווטאָנאָמיסטן און איז געווען זייער און זייער אומצופרידן מיט דער פּאָליטיק פון דער קיעווער ראַדע.

באַזונדערס בולט האָט זיך די דאָזיקע אומצופרידנקייט אַרויסגעוויזן, ווען די קיעווער ראַדע האָט צוגעשטעלט אין פּעטערבורג אַ פּראָיעקט פון דער אוקראַינישער אַווטאָנאָמיע, וועלכן די צייטווייליקע רעגירונג האָט אָן לאַנגע ישוב־הדעתן אָפּגעוואָרפן.

אַזאַ באַציאונג פון די פּעטערבורגער צענטראַליסטן צו דער אַווטאָנאָמיע פון אוקראַינע האָט ניט געקאָנט שטאַרק בושא־חן זיין אין קיעוו. די אוקראַינישע ראַדע האָט פאָרגעלייגט דעם אַלאוקראַינישן צוזאַמענפאָר אָנצונעמען אַ באַשלוס וועגן דער אַווטאָנאָמיע פון אוקראַינע און דער צוזאַמענפאָר האָט מיט גרויס פייערלעכקייט פאַרעפנטלעכט דעם באַוואוסטן „אוניווערסאַל" וועגן דער אַווטאָנאָמיע פון אוקראַינע, וועלכער האָט טאַקע אַרויסגערופן אין פּעטערבורג אין די קרייזן פון דער צייטווייליקער רעגירונג און דערהויפּט אין דער בירגערלעכער פּרעסע זייער אַ גרויסע אומצופרידנקייט.

נאָך מער אומצופרידן איז מען געווען אין פּעטערבורג מיט דעם באַשלוס פון דער אוקראַינישער ראַדע צו אָרגאַניזירן אין קיעוו אַ גענעראַל־סעקרעטאַריאַט (אַ מין מיניסטאָרן־ראַט) ספּעציעל פאַר די אוקראַינישע ענינים.

אין פּעטערבורג איז שוין דעמאָלט קלאָר געוואָרן, אַז קיעוו מאַכט ניט קיין שפּאַס און אַז די אוקראַינישע אַווטאָנאָמיע איז ניט קיין שפּיצל פון אייניקע אינטעליגענטן. עס איז קלאָר געווען, אַז די קיעווער ראַדע האָט געוויסע סימפּאַטיעס אין די געזעלשאַפטלעכע קרייזן פון אוקראַינע און אַז מען מוז מיט די קיעווער אַווטאָנאָמיסטן וואָס גיכער מושווה ווערן, אויב מען וויל ניט צו פיל פאַרשאַרפן די דיפערענצן צווישן פּעטערבורג און קיעוו.

די צייטווייליקע רעגירונג האָט דעריבער באַשלאָסן צו שיקן קיין קיעוו אַ ספּעציעלע דעלעגאַציע צו פירן אונטערהאַנדלונגען מיט די אוקראַינישע פּאָליטיקער וועגן אַ קאָמפּראָמיס; וואָס זאָל אַלעמען צופרידנשטעלן.

אין דער דעלעגאַציע זיינען אויסגעוויילט געוואָרן דער מיניסטער פאַר אויסלענדישע ענינים טערעשטשענקאָ, אַליין אַ קיעווער, וואָס זיין האַרץ האָבן

געדאַרפט זיין נאָענט די אינטערעסן פון אוקראַינע, און צערעטעלי, דער ליבלינג פון דער דעמאָקראַטיע און דער טיכטיקסטער און סאַלענטפולסטער מיטגליד פון דער צייטווייליקער רעגירונג.

די פעטערבורגער שלוחים איז ניט שווער געווען מושווה צו ווערן מיט די קיעווער פאָליטיקער, בפרט אַז זיי זיינען אַוועקגעגאַנגען אויף גאַנץ ברייטע הנחות בנוגע דער אוקראַינישער אַווטאָנאָמיע. אָבער ווען די דעלעגאַציע איז צוריקגעקומען קיין פעטערבורג און האָט פאָרגעלייגט דער צייטווייליקער רעגירונג דעם פראָיעקט פון אָפּמאַך, וואָס זי האָט געשלאָסן מיט דער אוקראַינישער ראַדע, וועלכע האָט לויט דעם אָפּמאַך באַקומען דאָס רעכט צו שאַפן אַן אוקראַינישע אַרמיי פון די פאַרשיידענע אוקראַינישע פאָלקן, וואָס זיינען געווען צעוואָרפן איבער דער גאַנצער רוסישער אַרמיי, האָט דער דאָזיקער פראָיעקט אַרויסגערופן אַזאַ פראָטעסט מצד דער בירגערלעכער פרעסע און די בירגערלעכע פאַרטייען, אַז די צייטווייליקע רעגירונג האָט זיך דערשראָקן פאַר איר אייגענער דרייסטקייט.

די שרעק פון דער צייטווייליקער רעגירונג איז געוואָרן נאָך גרעסער דערמיט, וואָס די קאַדעטישע מיניסטאָרן, וועלכע זיינען די גאַנצע צייט ניט געווען צופרידן מיט דער פאָליטיק פון דער צייטווייליקער רעגירונג, האָבן איצט אויסגענוצט די נאַציאָנאַליסטישע העצע, וואָס די בירגערלעכע פרעסע האָט אויפגעהויבן אין צוזאַמענהאַנג מיטן אוקראַינישן אָפּמאַך, און זיינען אַלע אַרויס אין דעמיסיע אַלס פראָטעסט קעגן דער אוקראַינעפילישער פאָליטיק פון דער צייטווייליקער רעגירונג.

מיט דער דאָזיקער דעמיסיע, פון וועלכער עס הייבן זיך אָן די טרויעריקע יולי־טעג, האָט זיך די אוקראַינישע פראַגע ניט געענדיקט. דער סיכסוך צווישן פעטערבורג און קיעוו האָט זיך אַלץ מער און מער פאַרשאַרפט און ווען נאָך לאַנגע וויכוחים און שטרייטן האָט די צייטווייליקע רעגירונג פרינציפיעל געמווט אייננשטימען אויף דער אוקראַינישער אַווטאָנאָמיע, האָט זי געפרובט איר פרינציפיעלע מפלה קאָמפּענסירן דערמיט, וואָס זי האָט אָנגעהויבן אַ נייע פּאָלעמיק מיט דער ראַדע וועגן די גרעניצן פון דער אַווטאָנאָמער אוקראַינע און וועגן די מיטלען, ווי אַזוי די „געגעבענע“ אַווטאָנאָמיע זאָל דורכגעפירט ווערן.

די צייטווייליקע רעגירונג האָט אויסגעאַרבעט אַ ספּעציעלע אינסטרוקציע פאַר דעם אוקראַאינישן גענעראַל־סעקרעטאַריאַט. די דאָזיקע אינסטרוקציע האָט געדאַרפט באַשטימען די רעכט פון גענעראַל־סעקרעטאַריאַט און זיינע באַציאונגען צו דער אַלרוסישער צייטווייליקער רעגירונג. די דאָזיקע אינסטרוקציע האָט, קאָנטיק, ניט געגעבן קיין צו גרויסע רעכט דעם סעקרעטאַריאַט, און ער איז אַרויס אין דעמיסיע אַלס פראָטעסט.

ניט קוקנדיק אָבער דערויף, האָט דער סענאַט אין פעטערבורג זיך אַנטזאַגט צו פאַרעפנטלעכן אפילו די דאָזיקע אינסטרוקציע, ווייל דער סענאַט האָט אָנערקענט, אַז די צייטווייליקע רעגירונג האָט בכלל ניט דאָס רעכט צו אָנער־

קענען די אַווטאָנאָמיע פון אוקראַינע, וואָס דאָס קאָן טאָן נאָר די קומענדיקע גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, און לויט די אַלטע געזעצן, וועלכע זיינען געבליבן נאָך דער רעוואָלוציע אין פולקומער קראַפט, האָט קיין געזעץ ניט געהאַט קיין שום גילטיקייט, כל־זמן דער סענאַט האָט אים ניט פאַרעפנטלעכט.

ביי אַזאַ לאַגע האָט זיך דער לאַנגער שטרייט צווישן דער צענטראַלער צייטווייליקער רעגירונג און אוקראַינע געענדיקט מיט גאָרנישט און די אַווטאָנאָמישע רעכט פון אוקראַינע זיינען טאַקע ניט אָנערקענט געוואָרן.

די זעלבע פּאָליטיק האָט די צייטווייליקע רעגירונג געפירט אויך בנוגע די אַנדערע קאַנטן, וועלכע האָבן געפאָדערט פאַר זיך אַווטאָנאָמיע. די צענטראַלע רעגירונג האָט בשום אופן ניט געוואָלט אָנערקענען די נאַציאָנאַלע אווטאָנאָמישע שטרעבונגען און אין אייניקע פאַלן, ווי למשל, בנוגע צו טאַשקענט, איז די צייטווייליקע רעגירונג געווען אפילו גרייט אַרויסצוטרעטן מיט געווער, כדי צו דערשטיקן די „סעפּאַראַטיסטישע" מענדענצן.

ס'איז גאַנץ פאַרשטענדלעך, אַז אַזאַ צענטראַליסטיש־נאַציאָנאַליסטישע פּאָליטיק פון דער צייטווייליקער רעגירונג האָט ניט געקאָנט איר שאַפן זייער גרויסע סימפּאַטיעס ביי די פאַרשיידענע פעלקער, וועלכע האָבן געשמאַכט אונטער דעם צאַרישן יאָך און וועלכע האָבן נאָך דער רעוואָלוציע געשטרעבט צו פאַרזיכערן זייערע נאַציאָנאַלע רעכט. אַלע טענות, אַז די צייטווייליקע רעגירונג איז ניט פולמעכטיק צו ערליידיקן די נאַציאָנאַלע פראַגן און אַז זיי וועלן געלייזט ווערן דורך דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, האָבן ניט געקאָנט איבערציינן, ווייל אין אַנדערע פאַלן האָט זיך די זעלבע רעגירונג געהאַלטן פאַר גענוג קאָמפּעטענט צו געבן אַליין אַ תשובה אויף זייער שווערע און קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען.

די נאַציאָנאַלע פּאָליטיק, וואָס די צייטווייליקע רעגירונג האָט געפירט, האָט נאָך מער אונטערגעגראָבן די פּאָזיציעס פון דער צייטווייליקער רעגירונג, וועלכע האָט קיינעם ניט געקאָנט צופרידנשטעלן און האָט מיט איר וואַקלדיקער טאַקטיק געשאַפן אַן אַטמאָספערע פון אַלגעמיינער אומצופרידנקייט, וואָס איז געקומען צום אויסדרוק אויף יעדן טריט און שריט.

---

## XX.

צו דער מאָסקווער „מלוכה־באַראַטונג" זיינען געקומען צוויי צדדים, וועלכע האָבן געדאַרפט געפינען אַן אויסגלייך, כדי אָפּצושוואַכן וויפיל ניט איז דעם פייער פון דער בירגער־מלחמה, וועלכער האָט שוין דעמאָלט געפלאַקערט מיט גרויס קראַפט אין גאַנצן לאַנד. די בורזשואַזע עלעמענטן, וואָס זיינען געקומען קיין מאָסקווע, זיינען געווען פאַראייניקט און פעסט פאַרבונדן דורך זייערע קלאַסן־אינטערעסן און מיט זייער אַלגעמיינע שנאה צו דער רעוואָלוציאָנערער

דעמאָקראַטיע, וואָס וויל בײַ זיי אַוועקנעמען די מאַכט און צעברעכן די גאַנצע מלוכה־אָרדענונג מיט די אַלע פּריוועלעגיעס, צו וועלכע די בירגערלעכע און פּאַרמעגלעכע קלאַסן זײַנען געווען אַזוי צוגעוויינט און פון וועלכע זיי האָבן זיך בשום אופן ניט געוואָלט אָפּזאָגן.—

די רעוואָלוציאָנערע דעמאָקראַטיע, ווידער, איז גאָר ניט געווען איינהייט־לעך, ווייל אין אירע רייען האָבן געקעמפט אויף לעבן און טויט צוויי שיטות, וועלכע האָבן אפשר געשטרעבט צו איין און דעם זעלבן ענד־ציל, זיינען זיך אָבער לחלוטין פונאַנדערגעגאַנגען אין די וועגן און מיטלען, וואָס פירן צום ענד־ציל. די־יעניקע דעמאָקראַטישע שיכטן — די מענשעוויקעס און ס. ר. — וועלכע האָבן נאָך צו יענער צייט געשפּילט די הויפּט־ראָלע אין דער גאַנצער בעוועגונג, האָבן געשטרעבט ניט אַזוי צו שלום מיט זייערע חברים פון לינקס, ווי צו אַן אויסגלייך מיט די פּאַרמעגלעכע און רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן. כדי ניט צו פאַרשאַרפן צו פיל די באַציאונגען מיט דער בורזשואַזיע, האָבן די רעכטע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען געגייט די באָלשעוויקעס אונטערצוגעבן זיך דער מער־הייט און בשום אופן ניט פאַרטיידיקן זייערע באַזונדערע פּאָזיציעס אויף דער מלוכה־באַראַטונג און ניט אַרויסטרעטן מיט באַזונדערע דעקלאַראַציעס.

אָבער די אַלע פּרובן צו פאַרגלעטן די געוואַלדיקע סתירות, וועלכע האָבן זיך געוואָרפן אַלעמען אין די אויגן, האָבן ניט געהאָלפן, און די מאָסקווער מלוכה־באַראַטונג האָט זיך געעפנט בײַ זייער שלעכטע סימנים.

דעם 12 אַווגוסט, ווען אין מאָסקווער גרויסן טעאַטער האָט זיך געעפענט די גרויסע אסיפה, וועלכע האָט געזאָלט רעפּרעזענטירן דאָס גאַנצע רוסישע פאָלק, האָבן די מאָסקווער אַרבעטער אָרגאַניזירט אַן אַלגעמיינעם פּאָליטישן שטרייק אונטער די לאָזונגען: נידער מיט דער קאָנטר־רעוואָלוציאָנערער „מלוכה־באַראַטונג!" די גאַנצע מאַכט די ראַטן.

דאָס איז געווען דער מזל־טוב, מיט וועלכן דער מאָסקווער פּראָלעטאַריאַט האָט באַגריסט די מלוכה־באַראַטונג. אָבער נאָך אַ באַדייטונגספולערן מזל־טוב האָבן אָפּגעגעבן דער באַראַטונג די רעכטע און קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן.

צו דער מלוכה־באַראַטונג האָט געזאָלט קומען דער העכסטער הויפּט־קאָמאַנדיר, דער גענעראַל קאָרנילאָוו, וועלכער האָט זיך געשאַפן אַ געוואַלטיקע פּאָפּולאַריטעט אין די בירגערלעכע קרייזן מיט זיינע „ענערגישע" פאָדערונגען צוריק איינצופירן טויט־שטראָף אין דער אַרמיי. די גאַנצע בורזשואַזיע, וועלכע האָט נאָר געחלומט וועגן אַ שטאַרקער מאַכט און אַ אייזערנער דיסציפּלין, האָט אָנגעהויבן צו קוקן אויף גענעראַל קאָרנילאָוו ווי אויף אַ משיח, וועלכער איז אימשטאַנד צו שאַפן די דאָזיקע געגאַרטע אייזן־שטאַרקע מאַכט.

קאָרנילאָוו האָט טאַקע ניט געוואָלט מאַכן קיין איבעריקע מחזקות. ער האָט אָנגעהויבן ריידן מיט דער רעגירונג ניט ווי אַ מענטש, וואָס האָט פון איר זיין גאַנצע מאַכט, נאָר ווי איינער, וואָס איז באַפולמעכטיקט צו האָבן השגחה

אויף איר און אויף איר אַרבעט. די באַציאונגען צווישן קאָרנילאָוון און דער רע־גירונג זיינען געווען זייער אָנגעצויגענע און מען האָט זיך יעדן טאָג געקאָנט ריכטן אויף אַ קריזיס. ווען קאָרנילאָוו האָט געדאַרפט קומען אויף דער מאָסקווער באַראַטונג, האָבן זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז ער האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל צו עטלעכע קאָזאַקן־פּאָלקן פון פראָנט אַרויסצופאָרן קיין מאָסקווע, אַרעסטירן דאָרט די רעגירונג מיט אַלע פאָרשטייער פון די ראַטן און אַזוי אַרום מאַכן אַ סוף צו דער גאַנצער ראַטן־קאָמעדיע. זיין פאַרשווערונג האָט זיך אָבער ניט איינגעגעבן, ווייל די אייזנבאַן־אַרבעטער האָבן זיך אַנטזאָגט צו פירן די קאָזאַקן און האָבן וועגן דעם גאַנצן פּלאַן מודיע געווען באַצייטנס אין מאָסקווע.

אָבער ווען קאָרנילאָוו איז געקומען צו דער מלוכה־באַראַטונג, האָט אים די בירגערלעכע מאָסקווע באַגעגענט ווי אַ געקרוינטן מושל. פון וואָקזאַל איז ער, לויט דעם מנהג פון אַלע רוסישע זעלבסטהערשער, אַוועקגעפאָרן מתפלל זיין אין דעם אַלטן איווערסקי קלויסטער; דער גאַנצער וועג פון וואָקזאַל ביזן קלויסטער איז געווען באַשאָטן מיט בלומען, אויף וועלכע די מאָסקווער סוחרים האָבן ניט געקאַרגט קיין געלט און קיין מי. אויף דער באַראַטונג גופא האָט אים דער רעכטער פליגל באַגעגנט מיט דעם זעלבן ענטוזיאַזם, ווי דאָס מאָסקווער בירגערטום אָקאָרשט אויף די גאַסן, און אפילו קערענסקי, וועלכער האָט מסתמא גאַנץ גוט געוואוסט פון קאָרנילאָווס פּלענער, האָט וואַרים באַגריסט „דעם ערשטן סאָלדאַט פון דער רוסישער רעוואָלוציע", דעם הויפּט־קאָמאַנדיר פון דער רוסישער אַרמיי, קאָרנילאָוו.

נאָך אַזאַ גרויסאַרטיקן קבלת־פּנים איז קיין חידוש ניט, וואָס קאָרנילאָוו האָט זיך ערלויבט צו ריידן צו דער גאַנצער באַראַטונג ווי אַ גענעראַל צו זיינע אונטערטעניקע און דיסציפּלינירטע סאָלדאַטן. ער האָט געפאָדערט, אַז די רעגירונג זאָל אַרויסווייזן אַ שטאַרקע מאַכט, אַז די אַלע דיסציפּלינאַרע שטראָפן, וואָס זיינען איינגעפירט געוואָרן אויף דעם פראָנט, זאָלן חל זיין אויף דער גאַנצער אַרמיי אויך הינטערן פראָנט, אַז די אַרמיי־קאָמיטעטן, וועלכע זיינען געשאַפן געוואָרן נאָך דער רעוואָלוציע, זאָלן צעטריבן ווערן, און אַז דער גענעראַליטעט און די אָפיצירן זאָלן ווידער באַקומען די גאַנצע מאַכט, וואָס די רעוואָלוציע האָט ביי זיי אָן רחמנות אַרויסגעריסן.

קאָרנילאָוו האָט געפאָדערט, אַז די אַלע רעפּרעסיווע מיטלען זאָלן פאַר־ווירקלעכט ווערן תיכף, אַגיט,—האָט ער געדראָט,—וועט דאָס ברענגען צו נייע צרות און צו נייע מפּלות אויפן פראָנט.

קאָרנילאָוון האָבן געשטיצט די איבעריקע רעאַקציאָנערע גענעראַלן, דער קאָזאַקן־אַטאַמאַן קאַלעדין, דער געוועזענער העכסטער הויפּט־קאָמאַנדיר אַלעק־סעיעוו און אויך די ציווילע פאָרשטייער פון די פאַרמעגלעכע קלאַסן.

וואָס־זשע האָט אַרויסגעשטעלט די דעמאָקראַטיע קעגן אַזאַ קלאָרער און דייטלעכער פּראָגראַם? קערענסקי, וועלכער האָט גערעדט אין נאָמען פון דער רעגירונג, האָט מיט אַ היסטערישן טאָן פאַרלאַנגט קרבנות פון אַלעמען, ער

האָט אפילו געשריען, אַז ער וועט ניט ערלויבן קיינעם צו פּרעטענדירן אויף דער מאַכט, וואָס דאָס פאָלק האָט אים געגעבן; אָבער אין דערזעלבער טעאַטער־געביידע, וואו די מלוכה־באַראַטונג האָט געפירט אירע זיצונגען, זיינען געווען צו פיל פּרעטענדענטן אויף דער דאָזיקער מאַכט, וועלכע האָבן זיך קנאַפּ־וואָס אָפּגעשראָקן פאַר קערענסקי'ס היסטערישע קולות. קערענסקי האָט געטענהט, אַז אויף „דעם טויטן־באַל וועלען מיר ביז לעצט בלייבן טריי אונזערע בונד־חברים", אָבער עס איז קלאָר געווען, אַז ווען צווישן די גענעראַלן און סאָלדאַטן געפינט זיך אַזאַ טיפער תהום, ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן פון די פאַרשיידענע פּאָזיציעס, וואָס די פאָרשטייער פון דער אַרמיי און פון די קאָמאַנדירן האָבן פאַרנומען אויף דער באַראַטונג, זיינען אַלע רעשדיקע הבטחות וועגן מלחמה־טרייהייט צו די אַליאַנטן נאָר פּוסטע פראַזן און בראָנזן־וועקסלען, וועלכע האָבן קיין שום ווערט ניט.

די רעוואָלוציאָנערע דעמאָקראַטיע, אין וועמעס נאָמען עס האָט גערעדט טשכעאידזע, האָט איבערגעלייענט אַ גאַנצע רשימה פון סאָציאַלע און עקאָנאָמישע רעפאָרמען, קעגן וועלכע די רעכטע האָבן אפילו ניט געפּרובט פּאָלעמיזירן, ווייל די עיקר־פראַגע איז געווען ניט וועגן דער נייטיקייט פון די אָדער יענע רעפאָרמען, נאָר וועגן דער אייזערנער מאַכט, וועלכע דאַרף דיסציפּלינירן די „צופיל־צעלאָזענע" פאָלקס־מאַסן.

די דעמאָקראַטיע מיט טשכעאידזען בראש האָט ניט געוואָלט צערייסן מיט די רעכטע, ווייל זי האָט ניט אויפגעהערט צו חלומען וועגן אַ קאָאַליציע מיט דער בורזשואַזיע. טשכעאידזע האָט דעריבער אין זיין דעקלאַראַציע אויך ערקלערט, אַז מען דאַרף אָפּגרעניצן און רעגולירן די רעכט פון די אָפיצירן־קאָמאַנדירן, קאָמיסאַרן און אַרמיי־אָרגאַניזאַציעס, אָבער אַלס שכר דערפאַר האָט ער פאַרלאַנגט, אַז מען זאָל באַזייטיקן פון דער אַרמיי אַלע קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע קאָמאַנדירן.

אויף אַלע טענות פון די רעכטע קעגן די „אומפאַראַנטוואָרטלעכע אָרגאַניזאַציעס", וועלכע האָבן בשעת דער רעוואָלוציע פאַרכאַפּט די מאַכט, האָט טשכעאידזע אָנגעוויזן, אַז די אַלע ראַטן, קאָמיטעטן און עקזעקוטיוו־קאָמיטעטן זיינען נאָר אַ צייטווייליקע ערשיינונג אין דער רעוואָלוציאָנערער איבערגאַנגס־צייט און זיי וועלן בטל ווערן, ווי נאָר עס וועלן אויסגעוויילט ווערן אויף די ערטער די דעמאָקראַטישע פאַרוואַלטונגען.

דריי טעג האָבן געדויערט די זיצונגען אין מאָסקווער גרויסן טעאַטער און די גאַנצע מלוכה־באַראַטונג וואָלט זיך צעגאַנגען אָן שום רעזולטאַטן, ווען צום סוף, נאָך די לאַנגע וויכוחים צווישן די רעכטע און לינקע, זאָל ניט געווען פאָרקומען דער דעמאָנסטראַטיווער תקיעת־כף צווישן דעם קאַדעט בובליקאָוו און דעם סאָציאַליסט צערעטעלי, וואָס אַ סך זיינען נוטה געווען אויסצוטייטשן אַלס אַן התחלה פון אַ שלום צווישן די רעכטע און די לינקע, נאָך וועלכן דער

גאַנצער קאָנפליקט צווישן די פאַרמעגלעכע און אַרבעטנדיקע קלאַסן וועט קאָנען ליקווידירט ווערן אויף אַ פרידלעכן וועג.

די ווייטערדיקע געשעענישן האָבן אָבער באַוויזן, אַז די אַלע זיסע האָפענונגען האָבן קיין שום גרונד ניט. די פעטערבורגער אַרבעטער האָבן תיכף נאָך דער באַראַטונג אײַנגעאָרדענט אַ גרויסע דעמאָנסטראַציע קעגן דער רעגירונג, און ווען צערעטעלי האָט אויף דער פלענאַרער זיצונג פון דעם פעטערבורגער אַרבעטער- און סאָלדאַטן-ראַט אָפּגעגעבן אַ באַריכט וועגן דער מאָסקווער מלוכה-באַראַטונג, האָבן די אָפּטע צווישנרופן „בובליקאָוו!‟ באַוויזן, אַז די פעטערבורגער אַרבעטער זײַנען לחלוטין ניט צופרידן מיט דעם מאָסקווער תקיעת-כף. וואָלאָדאַרסקי, דער באָלשעוויסטישער פאָרשטייער, וואָס האָט זיך נאָך די אַרעסטן אַרויסגערוקט אַלס איינער פון די וויכטיקסטע אָנפירער פון דער באָלשעוויסטישער פראַקציע, האָט געהאַט אפשר צום ערשטן מאָל אַזאַ גרויסן ערפאָלג אין דעם פעטערבורגער ראַט מיט זײַנע פראָטעסטן קעגן דער האַנדלונג פון דער מערהייט פון ראַט אויף דער מאָסקווער באַראַטונג.

די רעזאָלוציע, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן, האָט אפילו געשטיצט צערעטעליס טאַקטיק, אָבער די שטימונג איז געווען אַזאַ, אַז נאָך עטלעכע אַזעלכע נצחונות וועט די ביז איצטיקע געשלאָסענע מערהייט פון פעטערבורגער ראַט צעבראָכן ווערן.

ניט מער צופרידן מיט די רעזולטאַטן פון דער מאָסקווער מלוכה-באַראַטונג זײַנען אויך געווען די רעכטע, און גאָר אינגיכן האָט די דאָזיקע אומצופרידנקייט אָנגענומען די פאָרם פון זייער וויכטיקע מעשים, וועלכע האָבן געהאַט אַן אומגעהייער גרויסע באַדייטונג אויף דעם ווייטערדיקן גאַנג פון דער רוסישער רעוואָלוציע.

---

## XXI.

אויף דער מאָסקווער מלוכה-באַראַטונג האָט דער גענעראַל קאָרנילאָוו געסטראַשעט מיט גרויסע מפּלות, אויב זײַן פּראָגראַם פון רעפּרעסיעס וועט ניט אָנגענומען ווערן. די דעלעגאַטן פון דער באַראַטונג האָבן נאָך ניט צייט געהאַט פונאַנדערצופאָרן זיך פון מאָסקווע, ווי קאָרנילאָווס נביאות איז שוין מקוים געוואָרן. אויף דעם ריגער פראָנט האָט די דייטשע אַרמיי אָנגעהויבן דעם 19 אַווגוסט אַן אָפענסיווע און דעם 21 אַווגוסט האָבן די דייטשן פאַרנומען ריגע. די דאָזיקע שוין צו גיכע פאַרווירקלעכונג פון קאָרנילאָווס נביאות האָט שוין דעמאָלט זיך אויסגעוויזן פאַרדעכטיק, בפרט, אַז תיכף האָט די גאַנצע בירגערלעכע פרעסע אָנגעהויבן אַ נייע אַטאַקע קעגן דער רוסישער אַרמיי, וואָס באַשטייט פון לויטער דעזערטירן און פחדנים, וועלכע ווילן נאָר פירן פּאָליטיק און ניט מלחמה. שוין דעמאָלט האָבן אייניקע אָנגעוויזן, אַז קאָרנילאָוו האָט

מיט אַ כּיוון אָפּגעגעבן דעם שונא די שטאָט ריגע, אַבי נאָר צו פּועלן ביי דער רעגירונג, זי זאָל וואָס גיכער דורכפירן זיין פּראָגראַם פון רעפּרעסיעס, און כּדי צו ווירקן אויף דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג, זי זאָל געבן רעכט די גענעראַלן, וועלכע ווילן זיך באַנוצן מיט רעפּרעסיווע מיטלען קעגן די סאָלדאַטן, וואָס האָבן פאַרגעסן אַלע זייערע התחייבותן און אַנטלויפן פון דעם שונא.

די רעגירונג, וועלכע האָט איבערגעלעבט איין קריזיס נאָך דעם אַנדערן, האָט ניט געהאַט גענוג מוט אָפּצוּוואַרפן קאָרנילאָווס פאָדערונגען און נאָך ווייניקער דרייסטקייט זיי אָנצונעמען. די רעגירונג האָט זיך געשאָקלט, געפירט אונטערהאַנדלונגען מיט די רעכטע און מיט די לינקע און האָט ניט געוואוסט, ווי אַזוי אַרויסצודרייען זיך פון דער „זאַק־גאַס“, אין וועלכער זי האָט זיך פאַרהאַקט.

אָבער אין דער צייט, ווען די רעגירונג האָט זיך אַזוי געוויגט, האָבן די רעכטע געפירט אַ דרייסטע און ענערגישע פּאָליטיק קעגן איר און דער דעמאָקראַטיע, וואָס האָט נאָך אַלץ געשטיצט די רעגירונג.

די בירגערלעכע פּרעסע האָט געפירט אַ מוראדיקע העץ־קאַמפּאַניע קעגן די באָלשעוויקעס, וועלכע האָבן, כלומרשט, נאָר געפּלאַנט אַטענטאַטן און איבערקערענישן. די רעגירונג איז געווען אינגאַנצן אונטער דער השפּעה פון די דאָזיקע בירגערלעכע צייטונגען און האָט דעריבער איר גאַנצע אויפמערקזאַמקייט אָפּגעגעבן דעם קאַמף קעגן די לינקע און האָט, באַוואוסטזיניק אָדער אומבאַוואוסזיניק, קיין שום אַכט ניט געלייגט אויף אַלע הכנות פון די רעכטע צו אַן איבערקערעניש, וועלכע זאָל מאַכן אַ סוף צו די רעוואָלוציאָנערע פראַזן, מיט וועלכע קערענסקיס רעגירונג האָט געפּרובט היילן אַלע צרות.

ביי דעם יוסטיץ־מיניסטער פלעגן פאָרקומען כּמעט פּערמאַנענטע באַראַטונגען וועגן די מיטלען, וואָס מען דאַרף אָננעמען אין קאַמף קעגן די באָלשעוויקעס און זייער אַגיטאַציע. עס איז געווען קלאָר, אַז אין דעם פּעטערבורגער גאַרניזאָן, וואָס איז דעמאָלט אינגאַנצן געווען אונטער דער באָלשעוויסטישער השפּעה, קען זיך די רעגירונג ניט פאַרלאָזן אין איר קאַמף מיט די באָלשעוויקעס און דעריבער האָט מען געפּלאַנט צו ברענגען קיין פּעטערבורג פרישע מיליטערישע אָפּטיילונגען פון פראָנט, וועלכע זיינען נאָך ניט געווען אַזוי באָלשעוויסטיש געשטימט. די רעגירונג האָט זיך וועגן דעם געווענדט צו דעם גענעראַל קאָרנילאָוו, וועלכער האָט גאַנץ גיך מסכּים געווען אויף אַזאַ עקספּעדיציע קיין פּעטערבורג. דער גענעראַל האָט דערביי געפירט זיין אייגענע פּאָליטיק, וועלכע האָט, ווי עס האָט זיך גאַנץ גיך אַרויסגעוויזן, גאָר ניט געשטימט מיט דער רעגירונגס־פּאָליטיק. די בירגערלעכע פּרעסע האָט ניט אויפגעהערט צו פּראָוואָצירן און צו העצן קעגן די באָלשעוויקעס, וועלכע פּלאַנעווען אַ ליאַדע טאָג אויפשטאַנדן און האָבן בדעה צו אַרעסטירן די רעגירונג.

אַזעלכע קלאַנגען האָט מען פאַרשפּרייט אַלץ מער און מער, און איצטער־

קען שוין מער קיין ספק ניט זיין, אַז דער דאָזיקער גאַנצער טומל איז געמאַכט געוואָרן מיט פּראָוואָקאַטאָרישע צוועקן, כּדי די אָנגעשראָקענע באַפעלקערונג זאָל מיט שמחה באַגעגענען קאָרנילאָווס פּאָלקן, ווען זיי וועלן אַריין אין שטאָט צו מאַכן דאָרט „אָרדענונג".

ביינאַכט, דעם 26 אווגוסט, האָט זיך די רעגירונג פאַרזאַמלט אין ווינטער־פּאַלאַץ אויף אַ זיצונג וועגן אָננעמען מיטלען קעגן דעם אויפשטאַנד און די באַוואָפנטע דעמאָנסטראַציעס, וואָס די באָלשעוויקעס אָרגאַניזירן, און אין דערזעלבער נאַכט איז צו קערענסקין געקומען קאָרנילאָווס שליח, דער דומע־דעפּוטאַט און געוועזענער מיטגליד פון דער צייטווייליקער רעגירונג, פירסט לוואָוו, און האָט געשטעלט דער רעגירונג אַ פאָדערונג, אַז זי זאָל איבערגעבן די גאַנצע מאַכט קאָרנילאָוון.

קאָרנילאָוו האָט ריכטיק געצילט. ער האָט געוואוסט פון דער גאַנצער פּראָוואָקאַציע, וואָס האָט זיך געפירט אין פּעטערבורג בנוגע די אויסגעטראַכטע אויפשטאַנדן און רעוואָלוציעס. ער האָט אויך געוואוסט וועגן די אָנגעצויגענע באַציאונגען צווישן דער רעגירונג און דעם פּעטערבורגער גאַרניזאָן, וועלכן די רעגירונג האָט געפּלאַנט משלח צו זיין פון שטאָט. קאָרנילאָוו האָט דעריבער געגלויבט, אַז די רעגירונג וועט ניט האָבן קיין אַנדער ברירה ווי נאָכצוגעבן זיין פאָדערונג. ער האָט אָבער זיך אַביסל צוגעאיילט און געעפנט זיינע קאָרטן, איידער זיינע מיליטער־טיילן זיינען אַריין אין פּעטערבורג און איידער ער האָט נאָך געהאַט די מאַכט ביי זיך אין די הענט.

קערענסקי, וועלכער האָט גענומען אַ לעבעדיקן אָנטייל אין די אונטערהאַנדלונגען וועגן קאָרנילאָווס עקספּעדיציע קעגן דעם פּעטערבורגער גאַרניזאָן און קעגן די באָלשעוויקעס, איז געוואָרן זייער אויפגעבראַכט, ווען קאָרנילאָוו האָט ניט געהאַלטן וואָרט און האָט אַרויסגעשיקט זיינע טרייע קאַווקאַזער בערג־לייט קעגן קערענסקין גופא. די רעגירונג האָט תּיכּף ערקלערט, אַז קאָרנילאָוו ווערט באַזייטיקט פון זיין פּאָסטן. די סכּנה פון דער קאָנטער רעוואָלוציע איז אָבער דורך דעם דאָזיקן רעגירונגס־אוקאַז ניט ליקווידירט געוואָרן, וואָרים צוזאַמען מיט קאָרנילאָוון זיינען אין דעם בונט קעגן דער רעגירונג געווען פאַרבונדן נאָך אַנדערע גענעראַלן, ווי, למשל, דער גענעראַל קלעמבאָווסקי און גענעראַל דעניקין, וועלכע האָבן געהאַט אונטער זייער קאָמאַנדע גאַנצע פראָנטן. ניט קענענדיק ערוואַרטן קיין הילף פון דעם גענעראַליטעט האָט קערענסקי זיך געמוזט ווענדן נאָך אונטערשטיצונג צו דעם פּעטערבורגער ראַט און צו דעם פּעטערבורגער גאַרניזאָן, קעגן וועלכן עס איז געווען געווענדט קאָרנילאָווס עקספּעדיציע. אינגיכן איז קלאָר געוואָרן, אַז קאָרנילאָוו און זיין גאַנצער קאָרפּוס האָבן קיין שום ממשות ניט קעגן דעם רצון פון דעם פּעטערבורגער פּראָלעטאַריאַט, וועלכער האָט תּיכּף פאַרשטאַנען, ווער איז זיין שונא, און איז אַרויסגעטראָטן קעגן קאָרנילאָוון און זיין אַרמיי.

דער פּעטערבורגער ראַט האָט קודם־כּל זיך געווענדט מיט אַ בקשה צו

די אַרבעטער פון אַייזענבאַן, פּאָסט און טעלעגראַף, זיי זאָלן ניט ערלויבן קאָרנילאָוון אויסנוצן די טעכנישע מיטלען, וואָס ער האָט געהאַט גייסטיק צו זיינע צוועקן. קאָרנילאָוו איז תיכּף אָפּגעשניטן געוואָרן פון דער גאַנצער וועלט און זיינע דעמאַגאָגישע אויפרופן, אין וועלכע ער האָט געטענהט, אַז ער שטאַמט פון אַ פויערשער פאַמיליע און ווייס גוט אַלע פויערשע באַדערפעניש, האָבן ניט געקאָנט פאַרשפּרייט ווערן צווישן דער באַפעלקערונג.

הגם די קאַווקאַזער בערגלייט פון קאָרנילאָווס קאָרפּוס, וואָס איז געגאַנגען אויף פּעטערבורג, האָבן כּמעט ניט געקאָנט זיך צונויפרייידן מיט די אַיינוואוינער פון דער פּעטערבורגער גובערניע, האָבן זיי דאָך פאַרשטאַנען, צו וואָס פאַר אַ שענדלעכע צוועקן מען האָט זיי געפירט. דערצו נאָך זיינען די פאָרשטייער פון דער מוחמד־נישער קאָלאָניע אין פּעטערבורג תיכּף אַוועק אויף קאָרנילאָווס פראָנט דערקלערן די סאָלדאַטן, אַז מען וויל זייער אומוויסנהייט אויסנוצן קעגן די אינטערעסן פון דעם פּעטערבורגער פּראָלעטאַריאַט און פון גאַנצן רוסישן פאָלק.

די גענעראַלן, וואָס זיינען צוגעשטאַנען צו קאָרנילאָוון, האָבן אים ניט געקאָנט העלפן, ווייל די אַרמייען, איבער וועלכע זיי האָבן קאָמאַנדירט, האָבן, פאַרשטייט זיך, ניט געוואָלט אַרויסטרעטן אין קאַמף קעגן די פּעטערבורגער אַרבעטער און פאַרטיידיקן די גענעראַלן. דער קאָמיסאַר פון דרום־מערבדיקן פראָנט, דער רעכטער סאָציאַליסט נ. יאָרדאַנסקי, האָט ניט געדאַרפט אָנווענדן צו פיל מי, כּדי צו אַרעסטירן דעם גענעראַל דעניקין, וועלכער האָט אָפן ער־קלערט, אַז ער גייט צוזאַמען מיט קאָרנילאָוון.

קאָרנילאָוו איז אַזוי אַרום געבליבן אַליין מיט זיינע נאָענטע שטאַב־גע־נעראַלן און עטלעכע דומע־דעפּוטאַטן, און ווען עס איז קלאָר געוואָרן זיין אומבאַהאָלפענע לאַגע, האָבן זיך תיכּף געפונען „ערלעכע מעקלערס", ווי מיליו־קאָוו, מאַקלאַקאָוו און גענעראַל אַלעקסעיעוו, וועלכע האָבן געפּרובט דערווייזן, אַז דער גאַנצער סיכסוך צווישן קאָרנילאָוון און דער צייטווייליקער רעגירונג איז נאָר אַ מיספאַרשטייעניש, וואָס קאָן גאַנץ לייכט ערליידיקט ווערן אָן בזיון און שאָדן פאַר ביידע צדדים.

גאַנץ מעגלעך, אַז דער סיכסוך צווישן קאָרנילאָוו און קערענסקי, וועל־כע זיינען ביידע געווען פאַרמישט אין דער גאַנצער אַוואַנטיורע, וואָלט זיך טאַקע געענדיקט מיט אַ שלום, ווען דערביי וואָלט ניט געהאַט צו זאָגן זיין אַוטאָריטעטיש וואָרט דער פּעטערבורגער פּראָלעטאַריאַט און דער פּעטערבור־גער גאַרניזאָן, וועלכע האָבן זיך ביי דער ערשטער ידיעה וועגן קאָרנילאָווס עקספּעדיציע תיכּף מאָביליזירט, באַוואָפנט און אַרויסגעטראָטן קעגן קאָרנילאָווס קאָרפּוס, וואָס איז אונטער דער דירעקטער קאָמאַנדע פון גענעראַל קרימאָוו געגאַנגען אויף פּעטערבורג.

קאָרנילאָווס עקספּעדיציע האָט באַוויזן, אַז די אַלע קולות און יללות וועגן דער געפאַר פון לינקס, וועגן די באַוואָפנטע אַרויסטרעטונגען פון די

באָלשעוויקעס זיינען געווען נאָר פּראָוואָקאַטאָרישע מיטלען, מיט וועלכע מען האָט געוואָלט פאַרבלענדן די אויגן און אָפּווענדן אַלעמען פון דער אמתער סכנה. עס האָט דעריבער געמוזט אויפשווימען די פראַגע וועגן די פּאָליטישע אַרעסטירטע, די לינקע, וועלכע האָבן אגב פון טורמע צוגעשיקט אַ בריוו און שאַרף פּראָטעסטירט קעגן זייער אַרעסט אין דער צייט, ווען זייער הילף קאָן נוצן ברענגען אין קאַמף קעגן דער אמתער קאָנטר-רעוואָלוציאָנערער סכנה פון רעכטס.

די רעגירונג, וועלכע האָט זיך ערב קאָרנילאָווס אַוואַנטיורע געקליבן מאַכן נייע אַרעסטן צווישן די לינקע, האָט געמוזט אונטער דעם דרוק פון דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג אָנהייבן באַפרייען די באָלשעוויקעס און בתוכם אויך טראָצקין.

קאָרנילאָווס אַוואַנטיורע האָט זיך געענדיקט מיט זיין אַרעסט. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַן אויספאָרשונג, וועלכע האָט אויפגעדעקט גרויסע און ווייטע פעדים, וועלכע האָבן זיך פון קאָרנילאָוון געצויגן כמעט צו אַלע בירגערלעכע פּאַרטייען און באַזונדערס צו די קאַדעטן. ניט אינגאַנצן ריין איז פון דער אויספאָרשונג אַרויס קערענסקי אַליין. אַלס פועל-יוצא פון דער קאָרנילאָוויאַדע איז געקומען די אַלגעמיינע איבערצייגונג, אַז אַלע האָפענונגען אויף אַ בלאָק צווישן די רעכטע און לינקע, צווישן סאָציאַליסטישע און בירגערלעכע פּאַר-טייען זיינען פוסטע חלומות, פון וועלכע מען מוז זיך וואָס גיכער באַפרייען.

ביי אַזאַ איבערצייגונג איז קלאָר געוואָרן, אַז די מאָסקווער מלוכה-באַ-ראַטונג האָט מיט אירע אַלע דעבאַטן און מיט איר היסטאָרישן תקיעת-כף צווישן בובליקאָוו און צערעטעלי גאָרנישט געגעבן און אַז די רעגירונג איז איצט ווידער געקומען צו דעם זעלבן טויטן פונקט און צו דער זעלבער צע-בראָכענער מולטער, וואו זי איז געשטאַנען פאַר דער מאָסקווער באַראַטונג.

מען האָט געמוזט אַלזאָ אָנהייבן פונדאָסנייע די חקירות וועגן דעם פאַר-בישופטן קרייז פון דער מאַכט-אָרגאַניזאַציע — די חקירות, וועלכע האָבן זיך שוין געפירט זינט די ערשטע טעג פון דער רעוואָלוציע און פון וועלכע מען האָט זיך בשום אופן ניט געקאָנט אַרויספּלאָנטערן.

---

XXII.

קאָרנילאָווס אַוואַנטיורע האָט געהאַט איין וויכטיקע פּעולה: די אַרבעטער-מאַסן האָבן זיך אויפגעוועקט צו אַקטיווע מעשים; זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז די גאַנצע רעוואָלוציע שטייט אין סכנה מצד יענע שיכטן, מיט וועלכע מען האָט די גאַנצע צייט געוואָלט שליסן בלאָקן און אָרגאַניזירן קאָאַליציע-רעגי-רונגען.

די אַרבעטערשאַפט האָט זיך אַ קער געטאָן אויף לינקס און דער ערשטער

פועל־יוצא דערפון איז געווען דער גרויסער וואוקס פון דער צאָל באָלשעוויסטישע שטימען ביי די וואַלען אין מאָסקווער און פעטערבורגער שטאָט־און ראיאָן־דומעס. דעם זעלבן וואוקס פון דער באָלשעוויסטישער ווירקונג האָט מען געקאָנט מערקן אין אַ סך פּראָווינציעלע דומעס. דאָס וויכטיקסטע איז פאָרגעקומען אין פעטערבורג, ווען דער אָרטיקער אַרבעטער־און סאָלדאַטן־ראַט האָט צום ערשטן מאָל אָנגענומען דעם 31 אווגוסט אַ רעזאָלוציע מיט אַן אויסגעשפּראָכענעם באָלשעוויסטישן אינהאַלט.

דער פעטערבורגער ראַט, אין וועלכן עס האָבן ביז איצט אומבאַגרעניצט געוועלטיקט די פאַרטייען פון דער בלאָק־שיטה—די מענשעוויקעס און ס. ר.— האָט אין זיין רעזאָלוציע געפאָדערט, אַז עס זאָל געשאַפן ווערן „אַ מאַכט פון דעם רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט און פּויערטום“, אַז עס זאָל תּיכף אָפּגעשאַפט ווערן ערד־אייגנטום און אַז אַלע ערד־נחלאות זאָלן אָן אויסקויף־געלט איבערגעגעבן ווערן די פּויערים א. אַז. וו.

די פאָרשטייער פון די רעכטע פאַרטייען, וועלכע זיינען ביז איצט געווען אין פרעזידיום פון ראַט, האָבן נאָך דער דאָזיקער רעזאָלוציע תּיכף זיך אָנגעגעבן אין דעמיסיע; די וואַלן פון נייעם פרעזידיום האָבן ענדגילטיק געדאַרפט באַווייזן, צי דער פעטערבורגער ראַט בלייבט אויף זיינע אַלטע פּאָזיציעס און ביי זיינע אַלטע אָנפירער, אָדער ער טרעט אַרויף אויף גאַנץ נייע וועגן. ביידע צדדים—די רעכטע סאָציאַליסטן און די באָלשעוויקעס—האָבן מאָביליזירט זייערע קרעפטן צו דער וויכטיקער זיצונג פון 8 סעפּטעמבער, ווען עס האָבן געדאַרפט פאָרקומען די וואַלן פון פרעזידיום. מערקווירדיק איז געווען, אַז אַ סך קעגנער פון די באָלשעוויקעס, דערהויפּט צווישן די סאָלדאַטן־דעלעגאַטן, האָבן געשטימט פאַר די באָלשעוויסטישע קאַנדידאַטן, ווייל אַזוי זיינען געווען די קלאָרע דירעקטיוון, וואָס זיי האָבן באַקומען אין די קאַזאַרמעס פון די סאָלדאַטן. די וואַלן האָבן זיך געענדיקט מיט אַ נצחון פון די באָלשעוויקעס, וועלכע האָבן אין פרעזידיום באַקומען 6 ערטער קעגן 3 ס.־ר. און 2 מענשעוויקעס. דער נצחון איז נאָך געווען גרעסער דערמיט, וואָס אין רעכטן צעטל זיינען געווען אַזעלכע פּאָפּולערע נעמען, ווי טשכעאידזע, צערעטעלי, טשערנאָוו א. אַנד.

ביז איצט זיינען אין פרעזידיום געווען פאָרגעשטעלט אַלע פאַרטייען, איצט אָבער, ווען די באָלשעוויקעס האָבן באַקומען די מערהייט, האָבן זיך די מענשעוויקעס און די ס. ר. אַנטזאַגט אָנטיילצונעמען אין דער אַרבעט פון פרעזידיום צוזאַמען מיט די באָלשעוויקעס און זיינען אינגאַנצן אַוועק פון פרעזידיום, איבערלאָזנדיק דאָרט די באָלשעוויקעס, וועלכע האָבן באַקומען אין זייער רשות אַזאַ וויכטיקן אַפּאַראַט ווי דער פעטערבורגער ראַט, ניט געבונדן מיט קיין שום קאָנטראָל מצד אַנדערע פאַרטייען.

דער דאָזיקער באַיקאָט פון די רעכטע פאַרטייען איז געווען די ערשטע התחלה פון דעם סאַבאָטאַזש, וועלכער האָט זיך באַזונדערס אַנטוויקלט און

פאַרשפּרייט שפּעטער. ער האָט קודם־כּל געבראַכט שאָדן די יעניקע, וואָס האָבן זיך מיט דעם דאָזיקן געפערלעכן כּלי־זיין באַנוצט און אינגאַנצן באַזייטיקט זיך אַליין פון דעם פּעטערבורגער ראַט, וואָס זיין השפּעה איז נאָך געווען זייער גרויס צווישן די אַרבעטער און סאָלדאַטן.

די דעמאָקראַטיע, וואָס איז באַזייטיקט געוואָרן פון דעם פּעטערבורגער ראַט, האָט אָבער נאָך ניט געוואָלט זיך אונטערגעבן. קעגן דעם פּעטערבורגער ראַט, וועלכער איז אַוועק לינק און האָט זיך געשטעלט אויף דער באָלשעוויסטישער פּלאַטפאָרם פון „אַן אַרבעטער־און פּויערים־רעגירונג", האָט מען געפּרובט אַקעגנשטעלן די מיינונג פון דער גאַנצער דעמאָקראַטיע איז לאַנד און צוליב דעם האָט דער אַלרוסישער צענטראַלער אויספיר־קאָמיטעט באַשלאָסן צונויפרופן אין פּעטערבורג אַ דעמאָקראַטישע באַראַטונג, אין וועלכער עס האָט געדאַרפט נעמען אַן אָנטייל גאָר דער ליכקער טייל פון דער מאָסקווער „מלוכה־באַראַטונג", ד. ה. די פאָרשטייער פון די דעמאָקראַטישע זעמסטוואָס, אַר־בעטער־ און סאָלדאַטן־ראַטן, קאָאָפּעראַטיוון א. אַז. וו.

אַ גאַנצע וואָך (14—22 סעפּטעמבער) האָט די דאָזיקע דעמאָקראַטישע באַראַטונג, מיטן אָנטייל פון העכער 1000 דעלעגאַטן, געאַרבעט אין פּעטער־בורג, אָבער צו קיין וויכטיקן רעזולטאַט איז די דאָזיקע באַראַטונג ניט געקומען.

קאָרנילאָווס אויפשטאַנד, אין וועלכן עס זיינען דירעקט אָדער אומדי־רעקט געווען פאַרמישט אַלע בירגערלעכע פּאַרטייען, האָט געמאָגט כאָטש אויף אַזוי פיל אָנלערנען די אָנהענגער פון בלאָק־רעגירונגען, אַז זיי זאָלן איינזעען, ווי אומבאַגרינדעט זיינען זייערע האָפענונגען אויף אַזעלכע קאָאַליציעס, וואָס באַשטייען פון מענטשן מיט אַזעלכע פאַרשיידענע מיינונגען, אַז אין בעסטן פאַל ווערט די אַרבעט פון איין צד אומבאַוואוסטזיניק טאָרמאָזירט דורך דעם צווייטן. פונדעסטוועגן האָט זיך די דעמאָקראַטישע באַראַטונג ווידער אַוועקגע־לאָזט אין לאַנגע און היציקע וויכּוחים וועגן בלאָק־רעגירונגען. די לאַנגע ווער־טער־טורנירן צווישן די הויפּט־העלדן פון דער באַראַטונג קערענסקי, טראָצקי און צערעטעלי האָבן באַוויזן, אַז די דעמאָקראַטיע אַליין האָט ניט וועגן דער דאָזיקער קאַרדינאַלסטער און וויכטיקסטער פראַגע קיין פעסטע און איינהייט־לעכע מיינונג. די באָלשעוויקעס, אין וועמעס נאָמען עס איז אַרויסגעטראָטן טראָצקי, האָבן ניט געפּרובט אַנטדעקן נייע אַמעריקעס. טראָצקי האָט נאָך אַ מאָל איבערגעחזרט די אַלטע באָלשעוויסטישע פאָדערונג, אַז מען מוז מאַכן אַ סוף צו אַלע בלאָק־קאָמבינאַציעס און אַז די גאַנצע מאַכט מוז איבערגיין צו די אַרבעטער און פּויערים דורך זייערע ראַטן.

אַקעגן־זשע, די פּאָזיציע פון די בלאָק־אָנהענגער איז ניט געווען אַזאַ קלאָרע און אויסגעהאַלטענע. עס זיינען געווען אַזעלכע, וועלכע האָבן פון די אַלע פאָרגעקומענע געשעענישן קיין זאַך ניט געלערנט און האָבן פון זייער אַל־טער תּורה קיין אות ניט פאַרגעסן. צו דער דאָזיקער פאַרעקשנטער שיטה האָבן

געהערט די ס.-ר. און אַ טייל מענשעוויקעס מיט צערעטעלי, ליבער, דאַן א. אנד. די דאָזיקע גרופּע האָט געפאָדערט, צו בלייבן ביי דער אַלטער סיסטעם פון בלאָק-רעגירונגען. זיי האָבן געשטרעבט צו אַ קאָאַליציע מיט „אַלע לעבעדיקע כּוחות פון לאַנד", ד. ה. מיט אַלע, אפילו די רעכטסטע, בירגערלעכע גרופּן. עס האָט זיך אָבער אויף דער דעמאָקראַטישער באַראַטונג געשאַפן נאָך א גרופּע, וועלכע האָט אויך געשטרעבט צו א בלאָק-רעגירונג, נאָר מיט אַ באַגרעניצונג, אַז אין דער קאָאַליציע זאָלן ניט אַריינגענומען ווערן קאַדעטן, וועלכע האָבן זיך קאָמפּראָמעטירט אין קאָרנילאָווס אַוואַנטיורע.

די אָפּשטימונג וועגן דער דאָזיקער וויכטיקסטער פראַגע האָט געגעבן משונהדיקע רעזולטאַטן: ווען עס איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן צום אָפּשטימען די אַלגעמיינע פראַגע וועגן אַ קאָאַליציע-רעגירונג, האָבן פ א ר געשטימט 366, ק ע ג ן 633. באַלד איז אויך אָנגענומען געוואָרן אַ הוספה, וועלכע האָט אויסגעשלאָסן פון דער קאָאַליציע די קאַדעטישע פּאַרטיי. אָבער ווען די גאַנצע רעזאָלוציע מיט דער הוספה איז געשטעלט געוואָרן צו דער אָפּשטימונג, האָט די באַראַטונג זי אינגאַנצן אָפּגעוואָרפן מיט א געוואַלדיקער מערהייט פון 813 שטימען קעגן 133, און אַזוי אַרום געמאַכט צו גאָרנישט אַלע וויכּוחים וועגן דער דאָזיקער פראַגע.

די באַראַטונג האָט זיך אָבער ניט געקאָנט פאַרמאַכן מיט אַזאַ טראַגיקאָמישן סוף און איז אויף מאָרגן איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז זי טיילט אויס פון זיך א באַזונדער רעפּרעזענטאַנץ-ראַט, אין וועלכן עס קאָנען אַריינגיין אויך פאָרשטייער פון בירגערלעכע גרופּן און פּאַרטייען, אָבער די מערהייט אין ראַט דאַרף זיין געזיכערט פאַר דער דעמאָקראַטיע.

ווי קליין עס זיינען ניט געווען די רעזולטאַטן פון דער דעמאָקראַטישער באַראַטונג, אָבער אַלענפאַלס איז קלאָר געווען, אַז די דעמאָקראַטיע איז קעגן דעם, אַז אין דער נייער רעגירונג זאָלן אַריינטרעטן פאָרשטייער פון דער קאַדעטישער פּאַרטיי. ניט קוקענדיק אָבער אויף אַזאַ קלאָרער אַנטי-קאַדעטישער שטימונג פון דער גאַנצער דעמאָקראַטיע, וועלכער קערענסקי האָט די גאַנצע צייט געשוואָרן טרייהייט, האָט ער נאָך אין די טעג, ווען די באַראַטונג האָט געאַרבעט, געפירט אונטערהאַנדלונגען מיט די קאַדעטן וועגן דעם, אַז זייערע פאָרשטייער זאָלן אַריין אין קאַבינעט, און איידער די מיטגלידער פון דער דעמאָקראַטישער באַראַטונג זיינען זיך צעפאָרן, האָט ער פאַרעפנטלעכט אַ נייע רשימה פון דער רעגירונג מיט אַ גאַנצן פעקל בירגערלעכע און קאַדעטישע מיניסטאָרן, וועלכע האָבן אַ׳ב באַקומען די זייער וויכטיקע פּאָרטפעלן פון מיניסטעריום פאַר אויסלענדישע ענינים, פינאַנסן, האַנדל און אינדוסטריע, אין די הענט פון די בירגערלעכע פאָרשטייער איז אַריינגעפאַלן אויך דער נייער זייער וויכטיקער „עקאָנאָמישער ראַט", וועלכער האָט געדאַרפט רעגולירן און אָרגאַניזירן די גאַנצע פאָלקס-ווירטשאַפט.

דער נייער מיניסטאָרן-קאַבינעט איז געווען אַ סך רעכטער פון די פרי-

ערדיקע. דאָס מיניסטעריום פאַר לאַנדווירטשאַפט, וועלכער איז על־פּי טראַדי־ציע ביז אַהער געווען שטענדיק אין די הענט פון די ס.־ר., האָט דאָס מאָל באַקומען דער רעכטער ס.־ר. מאַסלאָוו, וועלכער איז תּיכּף צוגעטראָטן איבער־צואַרבעטן טשערנאָווס פּראָיעקט וועגן אַגראַר־געזעץ אויף אַזאַ אופן, אַז ער זאָל ווערן ווײַס לײַכטער אָננעמען פאַר די בירגערליכע מיניסטאָרן. די אי־בעריקע סאָציאַליסטישע מיטגלידער פון דער רעגירונג זײַנען אויך געווען אַזוי רעכט געשטימט, אַז דער צ. ק. פון דער מענשעוויסטישער פּאַרטיי האָט גע־מוזט ערקלערן, אַז די אַלע מיניסטאָרן זײַנען ניט קיין פּאַרטיי־קאַנדידאַטן און פאַר זייערע מעשׂים איז די פּאַרטיי ניט פאַראַנטוואָרטלעך.

דער פּעטערבורגער ראַט האָט תּיכּף ערקלערט מלחמה דער נייער „רעגירונג פון בירגער־קריג, בירגערליכער גלמאַכט און קאָנטר־רעוואָלוציאָנע־רער געוואַלט“ (אַזוי האָט די רעזאָלוציע פון דעם פּעטערבורגער ראַט כאַראַק־טעריזירט די נײַע רעגירונג).

קעגן דער דאָזיקער רעגירונג טרעטן תּיכּף אַרויס די וויכטיקסטע און גרעסטע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, ווי די פּאָסט־און טעלעגראַף־אָנגעשטעלטע, די באַן־אַרבעטער, וועלכע האָבן אַרויסגעשטעלט אַ ריי עקאָנאָמישע פאָדערונגען און פאַרשטרייקט. די רעגירונג פּרובט זיך שטעלן קעגן די דאָזיקע מעכטיקע אָרגאַניזאַציעס, אָבער זי מוז זיך אונטערגעבן און גיין אויף הנחות. די באַצי־אונגען צווישן דעם פּעטערבורגער אַרבעטער־און סאָלדאַטן־ראַט און דער רע־גירונג ווערן אויך אַלץ מער און מער אָנגעצויגן.

די רעגירונגס־דעקלאַראַציע פון סעפּטעמבער, אַז רוסלאַנד ווערט פּראָ־קלאַמירט אַלס רעפּובליק נאָך דעם, ווי ניקאָלאַי איז נאָך מיט אַ חודש צוריק פאַרשיקט געוואָרן מיט זײַן גאַנצער פאַמיליע אונטער אַ שטאַרקער און אַ שטרענ־גער שמירה קיין טאָבאָלסק, האָט קיינעם ניט געקאָנט איבערראשן און נאָך ווייניקער האָט זי געקאָנט אַרויסרופן התפּעלות. דאָסגלייכן האָבן די קעגנער פון דער רעגירונג ניט געקאָנט באַקומען קיין באַזונדערע התפּעלות פון דעם פּראָיעקט וועגן אַ ציטווייליקן רעפּובליקאַנישן ראַט מיט דעם אָנטייל פון אַלע פּאַרטייען, וועלכער זאָל האָבן דאָס רעכט נאָר צו באַטראַכטן געזעץ־פּראָיעקטן אָבער ניט באַשליסן זיי, שטעלן אָנפראַגעס דער רעגירונג, אָבער אָן דער גאַראַנטיע, אַז די רעגירונג דאַרף אויף די אָנפראַגעס ענטפערן.

עס איז געווען לעכערלעך צו טראַכטן, אַז אַזאַ נייער רעפּרעזענטאַנץ־אָרגאַן לויט דעם רעצעפּט פון בוליגינס אַלטן פּראָיעקט וועגן אַ גאָס. דומע מיט ראַטגעבערישע רעכט, וועט זײַן אימשטאַנד צו באַרואיקן די געזעלשאַפט־לעכע מיינונג און די אַרבעטער־מאַסן, בײַ וועלכע די פראַגע וועגן דער ראַטן־מאַכט איז שוין געשטאַנען מיט דער גאַנצער שאַרפקייט. די נאָענטסטע טעג האָבן טאַקע באַוויזן, אַז די אַלע אָפּשפּרעך־ווערטער און אָפּשפּרעך־פּאַרלאַ־מענטן האָבן טאַקע גאָרנישט געפּועלט און די געשעענישן האָבן זיך אַנטוויקלט

זוייטער מיט דעם וואונדערלעכן אימפעט, וואָס נאָר אַן אמתע רעוואָלוציאָנערע באוועגונג פאַרמאָגט.

## XXIII.

די אָפּענסיווע, וואָס די דייטשן האָבן אָנגעהויבן ביי ריגע, האָט זיך מיט דעם איינגעמען פון דער דאָזיקער וויכטיקער שטאָט ניט געענדיקט. אין אָנהייב אָקטאָבער האָט דער רוסישער פלאָט געהאַט אַ מפלה ביי דעם אינזל עזעל, וועלכער איז פאַרנומען געוואָרן דורך די דייטשן. דורכדעם איז אַנטשטאַנען אַ געוויסע סכנה פאַר פעטערבורג גופא.

די בירגערלעכע פרעסע האָט אָנגעהויבן שרעקן דעם עולם מיט דייטשע לופט-שיפן, מיט דייטשע קאַנאָנען, וואָס שיסן פון פאַנטאַסטיש-ווייטע שטרעקעס און בכלל מיט דעם מאַרש פון דער דייטשער אַרמיי אויף פעטערבורג. עס איז ניט דאָ דער אָרט אַריינצוגיין אין סטראַטעגישע חקירות וועגן דעם, צי די אַלע שרעק-מעשיות האָבן געהאַט אַ וועלכן עס איז באָדן, אָבער די רעגירונג, וואָס איז באַשטאַנען פון רעכטע אומפּאַרטייאישע סאָציאַליסטן און אויסגעשפּראָכענע קאָנטער-רעוואָלוציאָנערע קאַדעטן און מאָסקווער סוחרים, האָט געפּרובט אויסנוצן די דאָזיקע אומרואיקע שטימונגען פאַר אירע צוועקן.

די רעגירונג האָט זיך געפילט ניט גאָר זיכער אין פעטערבורג, וואו דער גאַרניזאָן און די אַרבעטער האָבן זיך איינגאַנצן אָפּגעזאָגט פון דער פשרה-דיקער קאָאַליציע-פּאָליטיק און זיינען שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן דער רעגירונג. אַלע האָבן פאַרשטאַנען, אַז די באַציאונגען צווישן דעם גאַרניזאָן און דער רעגירונג זיינען שוין צו פיל אָנגעשטרענגט און מען מוז מאַכן אַ סוף צו אַזאַ געפערלעכער לאַגע. די רעגירונג האָט געהאַט פאַר זיך איין ברירה: אָדער צונעמען פון פעטערבורג די פּאָלקן, וועלכע זיינען געוואָרן צו פיל באָלשעוויסטיש געשטימט, אָדער אַליין אַריבערפאָרן אין אַן אַנדער שטאָט, וואו די רעגירונג זאָל זיך קאָנען אָנשפּאַרן אויף טרייערע מיליטער-אָפּטיילונגען.

די מפלה ביי דעם אינזל עזעל האָט געשאַפן אַזאַ שטימונג, ביי וועלכער די רעגירונג האָט באַקומען מוט אויסצופּרובן ביידע מיטלען. עס האָבן זיך אָנגעהויבן צו פאַרשפּרייטן קלאַנגען, אַז צוליב דער געפערלעכער לאַגע, אין וועלכער פעטערבורג געפינט זיך, מוז די הויפּטשטאָט מיט אַלע וויכטיקע רעגירונגס-אינסטיטוציעס אַריבערגעטראָגן ווערן אין אַ זיכערן אָרט, וואו די פאַראַנטוואָרטלעכע און וויכטיקע מלוכה-אַרבעט זאָל קאָנען געפירט ווערן אָן שום שטערונגען און מניעות.

די געפערלעכע מיליטערישע לאַגע האָט געגעבן דער רעגירונג אַ מיגלעכקייט צו פאָדערן פון די פעטערבורגער פּאָלקן, זיי זאָלן פאַרלאָזן זייער רואיקן און זיכערן אָרט און גיין אויפן פראָנט, וואו די דייטשן שאַפן אַ סכנה

פאַר דעם גאַנצן קיום פון דער רוסישער רעפובליק און פון דער רוסישער רע־וואָלוציע.

די רעגירונג האָט זיך דערמיט ניט באַנוגנט. איר האָט זיך פאַרגלוסט מיט איין קלאַפּ שלאָגן אַלע האָזן, און זי האָט אָנגעהויבן צו פּלאַנעווען אַ גרויסע עוואַקואַציע פון דער פעטערבורגער אינדוסטריע און במילא אויך פון דעם פעטערבורגער רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט.

דער קאַדעטישער מיניסטער קישקין, וועלכער האָט איבערגענומען די גאַנצע עוואַקואַציע־אַרבעט, האָט אויסגעאַרבעט אַ ברייטן פּלאַן, לויט וועלכן די פעטערבורגער מלחמה־אינדוסטריע און די פעטערבורגער אַרבעטער האָבן געדאַרפט צעזייט און צעשפּרייט ווערן איבער גאַנץ רוסלאַנד.

די אַלע דריי פּראָיעקטן, וועלכע זיינען שפּעטער פאַרווירקלעכט געוואָרן אין דער ברייטסטער מאָס דורך דער באָלשעוויסטישער רעגירונג, האָבן אָבער איצט אַרויסגערופן די שאַרפסטע פּראָטעסטן ביי דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי, וועלכע האָט אין איר קאַמף קעגן דער רעגירונג אויסגענוצט אַלע מיטלען. די באָלשעוויקעס האָבן באַשולדיקט קערענסקין און זיין רעגירונג, אַז זיי ווילן אַנטלויפן פון דעם רעוואָלוציאָנערן פעטערבורג, צונעמען פון דאָרט די רעוואָלוציאָנערע פּאָלקן און צעשפּרייטן אין פאַרשיידענע פּונקטן דעם פּע־טערבורגער פּראָלעטאַריאַט, כדי אָפּצושוואַכן זיין רעוואָלוציאָנערע קאַמפּס־ענערגיע.

אַרום די אַלע פּראָיעקטן האָט זיך אָנגעהויבן אַ שאַרפער קאַמף צווישן דעם פעטערבורגער ראַט און דער רעגירונג און די באַציאונגען צווישן די דאָ־זיקע צוויי אינסטיטוטן, וועלכע האָבן שוין גאַנץ אָפן געפירט דעם קאַמף פאַר מאַכט, האָבן זיך נאָך מער פאַרשאַרפט

אין אַזאַ מאָמענט האָט זיך געעפנט „דער ראַט פון דער רוסישער רע־פּובליק" (דער פּאָרפּאַרלאַמענט) מיט זיינע אומקלאָרע רעכט און זאָגאַר מיט זיין אומקלאָרן צוזאַמענשטעל. אין דעם דאָזיקן „רעפּובליקאַנישן ראַט" האָבן געדאַרפט זיין 555 מיטגלידער, איינגעלאַדענע דורך דער רעגירונג לויט די אָנווייזונגען פון פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס. ביי אַזאַ קאָנ־סטרוקציע פון דעם ראַט האָט די רעגירונג געהאַט די מיגלעכקייט צונויפצו־שטעלן אים אַזוי, אַז ער זאָל קענען זיין אַ ווערקצייג ביי איר אין די הענט, בפרט, אַז די רעגירונג האָט זאָגאַר געהאַט רעכט אויסצושליסן די אָדער יענע מיטגלידער פון ראַט. די רעכט פון „רעפּובליקאַנישן ראַט" זיינען געווען זייער פאַרקירצטע און פאַרשמעלטע, ווייל אַלע זיינע רעזאָלוציעס זיינען לחלוטין ניט גע־ווען קיין מוז־זאַך פאַר דער רעגירונג, וועלכע האָט מיט אַ גאַנץ פרייען געמיט זיי פולקום געקאָנט איגנאָרירן; ווען מען זאָל נאָך מוסיף זיין, אַז אין דער צייט, ווען דער „ראַט פון דער רעפּובליק" האָט אָנגעהויבן זיין אַרבעט, האָבן זיך שוין אָנגעהויבן די וואַלן אין דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, וועט זיין קלאָר, אַז די דאָזיקע נייע כלומרשט רעפּרעזענטאַנטיווע אינסטאַנציע האָט געקאָנט נאָר פאַר־

וואַנדלט ווערן אין אַ מין „שפּרעכאַרניע״, וואו פאַרשטייער פון פאַרשיידענע פּאָליטישע ריכטונגען האָבן געפירט ווערטער-טורנירן, אָבער וועלכע האָבן קיינע ממשותדיקע זאַכן ניט געקאָנט שאַפן.

„דער ראַט פון דער רוסישער רעפּובליק״ האָט זיך געעפנט דעם 17-טן אָקטאָבער און די ערשטע זיצונג האָט שוין געוויזן, אַז די דאָזיקע נייע אָרגאַניזאַציע וועט ניט זיין איבערשטאַנד לייזער צו מאַכן די אָנגעצויגענע באַציאונגען צווישן די פּאַרטייען און פאַרבעסערן די לאַגע. שוין אויף דער ערשטער זיצונג פון דעם „פּאָרפּאַרלאַמענט״ איז אין נאָמען פון דער באָלשעוויסטישער פראקציע אַרויסגעטראָטן מיט אַ דעקלאַראַציע טראָצקי, וועלכער האָט ערקלערט, אַז די באָלשעוויקעס וועלן זיך ניט באַטייליקן אין דער אַרבעט פון דעם דאָזיקן ראַט, ווייל דורך דער שאַפונג פון דעם דאָזיקן נייעם אָרגאַן וויל די רעגירונג פועלן, אַז די גאַנצע דעמאָקראַטיע זאָל זיך אָנטזאָגן פון אַלע אירע רעוואָלוציאָנערע רעכט אויף דער מאַכט און אָנערקענען די אומפאַראַנטוואָרטלעכקייט פון קערענסקיס רעגירונג. דער דאָזיקער ראַט איז אויסן צו זיין אַ אילוסטראַציע פון בורג-פרידן און פון דער קאָאַליציע מיט די בירגערלעך-קאַדעטישע עלעמענטן, קעגן וועלכער די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי פירט אַזאַ פאַרביטערטן קאַמף.

נאָך טראָצקיס דעקלאַראַציע האָבן די באָלשעוויקעס פאַרלאָזן די זיצונג און האָבן דערמיט באַוויזן נאָכאַמאָל, אַז זיי זיינען ניט נוטה צו קיין שום פשרות און אַז זיי וועלן ווייטער פירן דעם קאַמף מיט דער רעגירונג פאַר דער מאַכט מיט דער זעלבער, אויב ניט מיט אַ גרעסערער שאַרפקייט. די איבערגעבליבענע מיטגלידער פון ראַט האָבן זיך צעטיילט אויף צוויי לאַגערן — אויף פאָרשטייער פון דער דעמאָקראַטיע און פון רעכטע בירגערלעכע עלעמענטן. אָבער אין דער צייט, ווען אַלע בירגערלעכע גרופּן האָבן געוואוסט קלאָר אין דייטלעך, צו וואָס זיי שטרעבן און קעגן וועמען זיי קעמפן, האָט אין דעם פאַרבליבענעם לינקן פליגל געהערשט אַ פולקומער מישמאַש און פּלאָנטער.

דער רעכטער טייל פון רעפּובליקאַנישן ראַט האָט געשטרעבט צו אָרדענונג, וועלכע זאָל באַשיצן דעם גענעראַל קאָרנילאָוו, וועלכער איז פון זיין אַרעסט-הויז נאָך מער באַליבט געוואָרן ביי אַלע בירגערלעכע און פאַרמעגלעכע קרייזן. ביי די לינקע איז אָבער ניט געווען אַזאַ קלאָרע פּראָגראַם און אַזאַ צענטראַלע פיגור. קערענסקי האָט פאַרלאָרן זיין פּאָפּולאַריטעט און זיינע לעצטע פּאָליטישע טריט, זיינע אונטערהאַנדלונגען מיט די קאַדעטן קעגן דעם ווילן פון דער דעמאָקראַטיע האָבן געבראַכט דערצו, אַז זאָגאַר זיינע אָנהענגער האָבן אָנגעוואָרן דעם צוטרוי צו אים. בנוגע די פּראָגראַם-פראַגן איז די לאַגע געווען נאָך ערגער. די געוואַלדיקע סתירות צווישן פאַרשיידענע גרופּן פון דער דעמאָקראַטיע גופא זיינען געווען צו גרויס און צו בולט, כדי מען זאָל קאָנען האָפן, אַז עס וועט געלינגען ווי עס איז זיי צו פאַרגלעטן.

צווישן די ס.-ר. האָט זיך שוין דעמאָלט אויסגעטיילט אַ לינקע גרופּע, וועלכע איז געווען פיל נעענטער צו די באָלשעוויקעס איידער צו די איבעריקע פאַרשטייער פון דער סאָציאַל-רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי. די מענשעוויקעס האָבן זיך אויך צעטיילט אויף פאַרשיידענע גרופּן, וועלכע האָבן געהאַט גאַנץ אַנדערע תשובות אויף אַלע וויכטיקסטע פראַגן, וואָס דאָס ביטערע און גרויזאַמע לעבן פלעגט אַרויסרוקן. נאָך ווייניקער געמיינזאַמעס האָבן די אַלע אָנגעוויזענע גרופּן געהאַט מיט די פאָלקס-סאָציאַליסטן אָדער קאָאָפּעראַטאָרן, וועלכע זיינען אין ראַט געווען אַ סך נענטער צו די קאַדעטן, איידער צו די לינקע.

די וויכטיקסטע פראַגע, אויף וועלכער דער ראַט האָט זיך געמוזט אָפּ-שטעלן, איז געווען די פראַגע וועגן שלום און וועגן די באַציאונגען צו די בונד-מלוכות. די לעצטע פראַגע איז געווען באַזונדערס אַקטועל, ווייל פון פּע-טערבורג האָט געזאָלט אָפּפאָרן קיין פּאַריז אויף דער קאָנפערענץ פון די אַליאירטע מלוכות דער געוועזענער אַרבעטס-מיניסטער סקאָבעלעוו מיט אַ באַ-שטימטער אינסטרוקציע פון דעם צענטראַלן אויספיר-קאָמיטעט בנוגע דער פראַגע וועגן מלחמה און שלום. אַטקעגן דער דאָזיקער אינסטרוקציע איז אַרויס-געטראָטן די גאַנצע בירגערלעכע פּרעסע און נאָכדעם איז די פראַגע וועגן דער אינסטרוקציע אריבערגעטראָגן געוואָרן אויך אין דעם ראַט פון דער רעפּובליק, וואו דער קאַדעטישער פּובליציסט סטרובע האָט זי באַזונדערס ענערגיש אַטאַ-קירט, ווי בכלל די דייטשע פּאָליטיק, וואָס די אַרבעטער-ראַטן פירן כלומרשט.

די פראַגע וועגן מלחמה און שלום איז מיט אַ באַזונדער שאַרפקייט אויך אַוועקגעשטעלט געוואָרן אין דער ספּעציעלער קאָמיסיע, וואָס האָט געזאָלט באַטראַכטן די מלחמה-פראַגע אין איר גאַנצער ברייט און טיף. די זיצונגען פון דער דאָזיקער קאָמיסיע זיינען געווען פאַרמאַכטע, און דעריבער האָבן די פאָרשטייער פון דער רעגירונג געקאָנט ריידן דאָרט אָפענע דיבורים. דער קריגס-מיניסטער ווערכאָווסקי האָט געשילדערט פאַר דער קאָמיסיע אַזאַ בילד וועגן דעם צושטאַנד פון דער אַרמיי און איר קאַמפּס-פעאיקייט, אַז פאַר די מיטגלידער פון דער קאָמיסיע האָט אפילו ניט געקאָנט שטיין די פראַגע, צי די מלחמה זאָל נאָך ווייטער געפירט ווערן; פאַר זיי אַלעמען איז קלאָר גע-וואָרן, אַז די מלחמה קאָן ניט דויערן אפילו איין מינוט לענגער און אַז די אַרמיי מוז תיכף דעמאָביליזירט ווערן.

אויב ביז איצט פלעגן אַזעלכע ערקלערונגען געמאַכט ווערן נאָר אין פּע-טערבורגער ראַט דורך פאַרשיידענע סאָלדאַטן-דעפּוטאַציעס, האָט איצט אַזאַ קלאָרע ערקלערונג געגעבן אין אַ העכסטער רעגירונגס-אינסטיטוציע דער קריגס-מיניסטער אַליין. די קאָנסעקווענצן דערפון זיינען געווען אַזוי קלאָר, אַז הגם די קאָמיסיע האָט פאָרמעל נאָך ניט אָנגענומען קיין באַשלוס וועגן דער דאָ-זיקער פראַגע, איז דער באַוואוסטער בורצעוו, וועלכער האָט זיך אַזוי קונה שם געווען אין דער רעוואָלוציאָנערער וועלט מיט זיינע אַנטדעקונגען פון פאַר-שיידענע פּראָוואָקאַטאָרן און האָט איצט אויסגענוצט זיין גאַנצע פּאָפּולאַרי-

שעט, צו פירן אַ מוראדיקע העצע קעגן אַלע מלחמה־קעגנער, ארויסגעטראָטן אין זיין ציימונג מיט אַ געוואַלדיקן פּראָטעסט קעגן דער „בגידה" פון דער קאָמיסיע, וועלכע איז נוטה צו אַ שלום מיט דעם שונא קעגן די אַליאירטע.

בורצעוס פּראָטעסט האָט אונטערגעכאַפּט די איבעריקע בירגערלעכע פּרעסע, וועלכע האָט ניט געוואָלט נעמען אין אַכט אַלע פאָדערונגען פון לעבן און זיך בשום אופן ניט געוואָלט אָפּזאָגן פון דער קריגערישער פּאָליטיק.

אָט אַזוי האָט יעדע פראַגע באַזונדער, וואָס איז באַטראַכט געוואָרן אין דעם ראַט פון דער רעפּובליק, געבראַכט ביי די דעמאָלטיקע פּאַרטיי־פאַרהעלטעגישן צו אַ פאַרכישופטן קרייז, פון וועלכן עס איז געווען אוממיגלעך אַרויסצודרייען זיך.

די עקשנות פון די בירגערלעכע עלעמענטן פון איין זייט און די שטרעבונגען פון דער דעמאָקראַטיע צו פּשרות און בלאָק־אָפּמאַכן מיט דער פּאַרעקשנטער בורזשואַזיע פון דער צווייטער, האָט געשאַפן דעם פּלאָנטער, וואָס נאָר אַן אויסערלעכער שטאַרקער כוח האָט געקאָנט אים צערייסן. און אָט דער דאָזיקער כוח, אויף וועלכן מען האָט געוואַרט שוין פון לאַנג, איז געקומען כמעט ווי אומגעריכט און האָט צעבראָכן דעם פאַרכישופטן קרייז.

## XXIV.

פון דעם מאָמענט, ווען די באָלשעוויקעס מיט טראָצקין בראש האָבן פאַרלאָזן דעם זיצונגס־זאַל פון דעם פאָרפּאַרלאַמענט, איז קלאָר געוואָרן, אַז זיי האָבן באַשלאָסן איבערצוגיין פון ווערטער צו מעשים, וואָרים ביז אַהער האָבן די באָלשעוויקעס ניט געהאַלטן פון באָיקאָט־פּאָליטיק און האָבן יעדע עפנטלעכע פאַרזאַמלונג אויסגענוצט צו פּראָפּאַגאַנדע, ניט דורכלאָזנדיק די מינדסטע געלעגנהייט צו אַגיטירן זייערע אידעען צווישן די ברייטע פאָלקס־מאַסן, וועלכע פלעגן זיך צוהערן צו אַלץ, וואָס קומט פאָר אין די הויכע רעפּרעזענטאַנץ־אָרגאַנען. איצט אָבער, ווען די באָלשעוויקעס האָבן שוין מאָביליזירט גענוג כוחות און ווען די פראַגע וועגן דער נייטיקייט פון אַן אויפשטאַנד קעגן דער צייטווייליקער רעגירונג איז שוין באַשלאָסן געוואָרן פּאָזיטיוו אין די באָלשעוויסטישע צענטראַלע אָרגאַנען,—האָבן זיי שוין ניט געפונען פאַר נייטיק צו פאַרלירן צייט און ענערגיע אין דעם רעפּובליקאַנישן ראַט און זיינען פון דאָרט אַוועק, כדי צוצוגרייטן זיך צו יענעם מאָמענט, ווען מען וועט מוזן אָנהייבן צו ריידן מיט דער שפּראַך פון מעשים.

און די הכנות צו דעם מאָמענט זיינען געמאַכט געוואָרן מיט אַ וואונדערלעכער אויסגעהאַלטנקייט און סיסטעמאַטישקייט פון אמתע רעוואָלוציאָנערע פאַכמענער. שוין פון אָנהייב אָקטאָבער אָן איז קלאָר געווען, אַז די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי האָט באַשלאָסן פאַרמעסטן זיך מיט אירע כוחות קעגן דער רעגירונג.

וועגן דעם געפּלאַנטן אויפשטאַנד האָבן געוואוסט איינצלנע פּאַרטיי־טוער, וועלכע האָבן אָנגעפירט מיט דער גאַנצער אַרבעט: פאַר די גרויסע אַרבעטער־און סאָלדאַטן־מאַסן האָט מען גערעדט דערווייל נאָר וועגן דעם, אַז מען מוז אָרגאַניזירן אַ ווידערשטאַנד דער רעגירונג, וועלכע וויל משלח זיין די פּעטערבורגער רעוואָלוציאָנערע פּאָלקן פון שטאָט. דער קריגס־רעוואָלוציאָנערער קאָמיטעט, וואָס דער פּעטערבורגער ראַט האָט באַשלאָסן צו אָרגאַניזירן, איז געשאַפן געוואָרן אָפיציעל, כּדי צו פּאַרטיידיקן פון שונא פּעטערבורג, וועלכן דער שטאַב און די מיליטערישע פאַרוואַלטונג ווילן כּלומרשט ניט באַשיצן.

כּדי צוצוגרייטן די גאַרניזאָנען און די אַרבעטער־מאַסן פון די אַרומיקע שטעט און שטעטלעך, האָט דער פּעטערבורגער ראַט צונויפגערופן דעם 10־טן אָקטאָבער אַ צוזאַמענפאָר פון די ראַטן פון צפונדיקן ראַיאָן, און אָט דער צוזאַמענפאָר האָט אָנגענומען אַ קלאָרע רעזאָלוציע, אַז די מאַכט דאַרף איבערגעגעבן ווערן צו די ראַטן, וואָס נאָר זיי זיינען פעאיק צו פאַרטיידיקן דאָס לאַנד פון מפּלות אויף דעם פראָנט און פון אַן אינערלעכער אַנאַרכיע.

דער זעלבער ראַיאָן־צוזאַמענפאָר האָט צעשיקט איבער גאַנץ רוסלאַנד אַ ראַדיאָגראַמע, אין וועלכער ער איז מודיע, אַז עס ווערט צונויפגערופן אויף דעם 20־סטן אָקטאָבער דער אַלרוסישער ראַטן־צוזאַמענפאָר, וואָס זיין אויפגאַבע דאַרף זיין תּיכּף צו שליסן אַ וואָפנשטילשטאַנד, איבערגעבן די ערד די פּויערים און באַוואָרענען, אַז די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג זאָל צונויפגערופן ווערן.

דער פּעטערבורגער ראַט אַרבעט סיסטעמאַטיש און אָן אויפהער. ביי דעם ראַט בילדעט זיך אַ רעוואָלוציאָנערער שטאַב, וועלכער דאַרף אָרגאַניזירן אַלע רעגירונגס־פיינדלעכע כּוחות. די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי מאָביליזירט אַלע אירע קרעפטן און גרייט זיך צום קאַמף, וועלכער דאַרף שוין זיין אַן ענדגילטיקער; וואָרים אויך די רעגירונג זאַמלט אירע כּוחות און הייבט אָן צו שיקן קיין פּעטערבורג פרישע קאָזאַקן־פּאָלקן קעגן דעם פּעטערבורגער גאַרניזאָן.

די פראַגע וועגן דער ראַטן־מאַכט ווערט שוין אַלזאָ אַ פּראַקטישע, און אין דעם דאָזיקן וויכטיקן מאָמענט האָבן די באָלשעוויסטישע רייען, וועלכע זיינען ביז איצט געווען אַזוי פעסט געשלאָסן, אַ ביסל אַ ציטער געטאָן. אַ סך באָלשעוויקעס, צווישן זיי אַזעלכע אָנגעזעענע און אַלטע טוער, ווי זינאָוויעוו, האָבן זיך אין דער לעצטער מינוט דערשראָקן, אַז די ראַטן־מאַכט וועט ניט קאָנען לאַנג עקסיסטירן, און זיי זיינען אַרויסגעטראָטן קעגן דעם אויפשטאַנד, וועלכער וועט אפילו ביי דעם גלענצנדסטן ערפאָלג מוזן באַנקראָטירן.

לענין אָבער איז געבליבן פעסט. לעבנדיק אומלעגאַל צוליב די רדיפות פון דער רעגירונג, וועלכע האָט צענדליקער מאָל באַפוילן אים צו אַרעסטירן, האָט ער אָנגעפירט מיט דער גאַנצער אַגיטאַציאָנער און אָרגאַניזאַטאָרישער אַרבעט, געשטאַרקט די שוואַכמוטיקע און באַגריסט די דרייסטערע.

אַחוץ לענינען האָבן די גאַנצע צוגרייטונגס־אַרבעט געפירט טראָצקי, סטאַלין, דזערזשינסקי און קאָמפּאַניע, וועלכע האָבן פּאַקטיש צוגעגרייט דעם אָקטאָבער־אויפשטאַנד, וועלכער איז טאַקע דורכגעפירט געוואָרן וואונדערבאַר סיסטעמאַטיש און אָרגאַניזירט.

דעם 20־סטן אָקטאָבער האָבן לויט דעם באַפעל פון דער רעגירונג געדאַרפט אַרויסגעפירט ווערן פון פּעטערבורג די ערשטע מיליטער־עשעלאָנען, אָבער צו יענער צייט האָט שוין עקסיסטירט דער קריגס־רעוואָלוציאָנערער קאָמיטעט, וועלכער האָט פּאַקטיש געהאַט די גאַנצע מאַכט אין זיינע הענט און וועלכער האָט, פאַרשטייט זיך, ניט ערלויבט, אַז די דאָזיקע עוואַקואַציע פון די באָלשעוויסטישע מיליטער־טיילן זאָל דורכגעפירט ווערן. אין יעדן אייבציקן פּאָלק זיינען אויסגעקליבן געוואָרן קאָמיסאַרן פון קריגס־רעוואָלוציאָנערן קאָמיטעט און דעם 22־סטן אָקטאָבער ווערט אַרויסגעגעבן אַ צירקולאַר, אַז קיין שום באַפעלן פון שטאַב טאָרן ניט ערפילט ווערן, אויב זיי זיינען ניט באַשטע־טיקט פון דעם רעוואָלוציאָנערן קאָמיטעט און דורך זיינע קאָמיסאַרן.

אַזאַ באַפעל איז שוין געווען די התחלה פון דעם אויפשטאַנד, אָבער ווען די דעלעגאַטן פון קריגס־רעוואָלוציאָנערן קאָמיטעט זיינען געקומען אין שטאַב און האָבן ערקלערט, אַז זיי מוזן קאָנטראָלירן אַלע באַפעלן און מעשים פון שטאַב, איז דאָס שוין געווען אַ פאָרמעלער אויפשטאַנד.

קערענסקי האָט, אפנים, ביז דער לעצטער מינוט געגלויבט, אַז די באָלשעוויקעס וועלן זיך ניט דערוועגן אויף אַזעלכע מעשים און וועלן ניט אַרויסטרעטן קעגן דער רעגירונג, בפרט אַז אָקאַרשט האָט דער קריגס־רעוואָ־לוציאָנערער קאָמיטעט אָנגענומען אַ רעזאָלוציע, אַז ער שטרעבט ניט צו פאַרכאַפּן די מאַכט, נאָר ער וויל בלויז פאַרטיידיקן דעם פּעטערבורגער גאַר־ניזאָן און די דעמאָקראַטיע פון קאָנטער־רעוואָלוציע און פּאָגראָמען.

איצט אָבער האָט קערענסקי שוין פאַרשטאַנען, אַז עס שמעקט מיט פּולווער און בלוט, און ער איז געקומען אין דעם ראַט פון דער רעפּובליק בעטן אַ פולמאַכט אויף די שטרענגסטע מיטלען קעגן די מורדים: דערביי האָט ער ערקלערט, אַז דער באַפעל צו אַרעסטירן אַלע מורדים פון פּעטערבורגער ראַט איז שוין דורך אים אַרויסגעגעבן געוואָרן.

דער ראַט פון דער רעפּובליק האָט זיך אָבער ניט דערוועגט אויף אַזעל־כע ענערגישע טריט. ער האָט אָנגענומען רעזאָלוציעס וועגן מאַכט און וועגן דעם, אַז מען זאָל תיכף צוטרעטן צו אונטערהאַנדלונגען וועגן שלום, אָבער פון די אַלע רעזאָלוציעס איז שוין גאָרנישט אַרויסגעקומען.

אַלע פולמאַכטן, וואָס קערענסקי האָט באַקומען, און אַלע התראות, וואָס ער האָט געמאַכט, זיינען גאָרנישט ווערט געווען, ווייל עס איז שוין קלאָר גע־וואָרן, אַז אין פּעטערבורג האָט די רעגירונג ניט קיין שום כוחות, וועלכע זאָלן איר שטיצן און אַז דער גאַנצער גאַרניזאָן איז אַריבער צו די „מורדים", קערענסקי האָט דעריבער געמוזט באַצייטנס אָפּטראָגן זיך אויפן פראָנט, כדי

צו פרובן פון דאָרט נאָכאַמאָל, אַזוי ווי אין די יולי־טעג, אָרגאַניזירן אַ ווידער־שטאַנד קעגן די באָלשעוויקעס.

די רעזאָלוציע וועגן שלום האָט אויך קיין ממשותדיקן רעזולטאַט ניט געהאַט, ווייל מען האָט וועגן איר קיינעם ניט געקאָנט געבן צו וויסן. – דער טעלעגראַף, אַזוי ווי אַלע איבעריקע רעגירונגס־אינסטיטוציעס זיינען אין דער זעלבער נאַכט פאַרנומען געוואָרן דורך די באָלשעוויקעס, וועלכע האָבן אויף מאָרגן, דעם 25־סטן אָקטאָבער אַרומגערינגלט דעם גאַנצן מאַריע־פּאַלאַץ, וואו דער ראַט פון דער רעפּובליק האָט רעזידירט, און צעטריבן פון דאָרטן אַלע זיינע מיטגלידער. ביינאַכט האָט מען אַרעסטירט די גאַנצע צייטווייליקע רעגירונג און אויף אַזאַ אופן האָט זיך געענדיקט די מאַכט פון דער בלאָק־רעגירונג. די גאַנצע מאַכט איז איבערגעגאַנגען צו דעם קריגס־רעוואָלוציאָנערן קאָמיטעט, וועלכער האָט זי איבערגעגעבן דעם ראַט פון די פאָלקס־קאָמיסאַרן מיט לענינען אַלס פאָרזיצער.

עס האָט זיך אָנגעהויבן די עפּאָכע פון דער „אַרבעטער־און פויערים־רעגירונג“, וועלכע האָט זיך געשטעלט ביים מלוכה־רודער און גענומען דורכ־פירן אין לעבן די „דיקטאַטור פון דעם פּראָלעטאַריאַט“.

---

## XXV.

דער אַלטער רעזשים, האַלטנדיק פון דעם כלל „צעטייל און הערש“, האָט געשטרעבט צו שאַפן אַ וואַנט צווישן די פאַרשיידענע פעלקער און רע־ליגיאָנס־גרופּן, וועלכע האָבן זיך געפונען אין רוסלאַנד, שטעלנדיק יעדע איינ־ציקע גרופּע אין אַ באַזונדער רעכטלעכער לאַגע און אַזוי אַרויסרופנדיק אַ קנאה־שנאה צווישן די פאַרשיידענע נאַציאָנאַלע און רעליגיעזע קיבוצים פון דער אימפּעריע.

די געזעצן וועגן די „אינאָראָדצעס“, וועגן די פאַרשיידענע „פרעמדע“ נאַציאָנאַליטעטן, וואָס האָבן געלעבט אין רוסלאַנד, זיינען געווען אומגעהייער גרויס אין צאָל. עס איז ניט געבליבן קיין איינציקער ווינקל פון געזעלשאַפט־לעכן, עקאָנאָמישן און מלוכהשאַפטלעכן לעבן, וואו די צאַרישע געזעצגעבער זאָלן ניט פּרובן אַ גאַנצע רייע באַגרעניצונגען פאַר דער אָדער יענער נאַציאָנאַ־לער אָדער רעליגיעזער גרופּע.

אויב אַזוי איז געווען די אַלגעמיינע נאַציאָנאַלע פּאָליטיק פון דער צאַ־רישער רעגירונג, האָט זי זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט בנוגע צו דער יידישער פראַגע. אין משך פון הונדערטער יאָרן איז געשאַפן געוואָרן אַזאַ יורידישער צוים אַרום דער יידישער באַפעלקערונג, אין גבול פון וועלכן די יידישע פאָלקסמאַסן האָבן זיך געשטיקט סיי פיזיש סיי מאָראַליש.

אין די לעצטע יאָרן פון דער רוסישער זעלבסטהערשאַפט און דערהויפט אין די מלחמה-יאָרן האָט זיך די יידישע לאַגע נאָך פיל מער פאַרערגערט.

די מערדערישע פּאָליטיק פון דעם הויפּט-קאָמאַנדיר ניקאָלאַי ניקאָלאַיע-וויטש האָט געבראַכט דערצו, אַז פון הונדערטער יידישע שטעטלעך אין פּוילן, ליטע און גאַליציע זיינען ארויסגעטריבן געוואָרן אין דער גרעסטער נויט טויזנטער יידישע פאַמיליעס, וועלכע האָבן געמוזט לאָזן זייער האָב און גוטס אויף הפקר. די יידישע פּרעסע איז דערשטיקט געוואָרן און אַלע גזרות בנוגע וואוינרעכט און בילדונג זיינען אָפּגעהיט געוואָרן מיט דער גאַנצער שטרענגקייט.

ווען עס האָט זיך ארויסגעוויזן, אַז די שרעקלעכע רדיפות אויף דער יידישער באַפעלקערונג האָבן ניט פאַרהיט די רוסישע ארמיי פון די מוראדיקע מפּלות אויף די שלאַכט-פעלדער, און אַז די גרושים מיט דער קאָלאָסאַלער צאָל אַנטרונענע און הייכלאָזע האָבן נאָר געבראַכט דערצו, אַז די דעזאָרגאַניזאַציע פון לאַנד און דער טראַנספּאָרט-קריזיס האָט זיך נאָך מער פאַרשאַרפט,— דעמאָלט איז די רוסישע ביוראָקראַטיע געוואָרן אַ ביסל מילדער אין אירע רעפּרעסיעס בנוגע די יידישע בירגער.

פאַר די היימלאָזע האָט מען געמוזט עפענען אייניקע גובערניעס פון טיף-רוסלאַנד און אזוי איז צום ערשטן מאָל דורכגעבראָכן געוואָרן אַ ברעש אין דעם הייליקן צוים, וואָס האָט אָפּגעטיילט די אינווייניקסטע רוסישע גובערניעס פון דער יידישן „תחום“.

די דאָזיקע הנחה איז געווען נאָר בנוגע צו די שטעט, אָבער פאַר די דערפער זיינען די אַלטע יידישע באגרעניצונגען געבליבן אין פולער קראַפט.

אזוי איז אויך געווען מיט די באגרעניצונגען בנוגע דער בילדונג. דער ליבעראַלער בילדונגס-מיניסטער, גראַף איגנאַטיעוו, האָט זיך ניט געקאָנט ערלויבן אָפּצושאַפן די דאָזיקע באַגרעניצונגען, ווייל דער צאַר, וואָס איז געווען באוואוסט מיט זיין אויסגעשפּראָכענעם אַנטיסעמיטיזם, וואָלט קיינמאָל דערויף ניט אַיינגעגאַנגען. כדי אָבער צו באַפרידיקן כאָטש וויפיל ניט איז די גערעכטע פאָדערונגען פון דער יידישער באַפעלקערונג בנוגע צו בילדונג, האָט איגנאַטיעוו אויסגעטראַכט א גאַנצע קאָמבינאַציע מיט זכיות פאַר די יידישע יונגע-לייט, וועלכע האָבן קרובים סאָלדאַטן, וואָס אויף זייער חשבון און מיט זייער שטיצע וועלן זיי זיך לערנען אין די מיטעלע און הויכע שולן.

די דאָזיקע קאָמבינאַציע מיט די „איזשדיווענצעס“ איז געווען ממש לעכערלעך, וואָרים וועלכער סאָלדאַט, וואָס געפינט זיך אויף דעם פראָנט, וואָלט עס ביכולת זיין צו שטיצן וועמען עס איז, וואָס איז פריי פון מיליטער-דינסט? פונדעסטוועגן האָבן די אַלע יידישע יונגעלייט, וואָס האָבן געוואָלט אָנקומען אין אוניווערסיטעט אָדער גימנאַזיע, געמוזט צושטעלן ראיות און עדות, באַשטעטיקט פון רב, אַז זיי האָבן קרובים אויף דער מלחמה און אַז זיי געפינען זיך

אונטער דער השגחה און באַקומען שטיצע פון זייערע קרובים—די מלוחמה־אַנטיילנעמער.

דער אויפטו מיט די „איזשדיווענצעס“ וואָלט געווען געגנוג קאָמיש, ווען ער זאָל ניט געווען ווייזן, אַז עס איז ניטאָ וואָס צו האָפן אויף אַ גינסטיקער ווענדונג אין דער פראַגע וועגן דער שרעקלעכער יידישער רעכטלאָזיקייט.

די רעוואָלוציע האָט מיט איין מאַך געמאַכט אַ סוף צו די אַלע משונהדיקע און שענדלעכע גזרות, וועלכע האָבן זיך אָנגעזאַמלט אין משך פון גאַנצע דורות. די יידישע רעכטלאָזיקייט איז פאַרשוואונדן נאָך איידער די רעוואָלוציאָנערע מאַכט האָט געפונען פאַר מיגלעך יורידיש צו באַפעסטיקן די יידישע גלייכבאַרעכטיקונג.

אין די ערשטע טעג פון דער רעוואָלוציע האָבן די פאָלקס־מאַסן מיט אַ באַזונדער סיסטעמאַטישקייט פאַרברענט אַלע פּאָליציי־צירקלען מיט אַלע פּאַפירן און דאָקומענטן, וועלכע זיינען דאָרט געווען. צוזאַמען מיט דער גאַנצער פּאָליציי־שאַפונג זיינען אויך אַוועק מיטן פייער אַלע יידישע ביכער, וואו עס פלעגן פאַרשריבן ווערן די וואוינונגס־רעכט פון יעדן איינציקן פעטערבורגער יידישן איינוואוינער. דער גאַנצער פּאָליציי־אַפּאַראַט איז חרוב געוואָרן; די פּאָליציי־באַאַמטע—די העכערע און די נידעריקע זיינען זיך צעלאָפן און באַהאַלטן פון דעם פאָלקס־צאָרן, וועלכער איז געווען באַזונדערס גרויס קעגן די פאַרהאַסטע פּאָליציי־לייט. מען האָט געמוזט תיכף שאַפן אַ נייעם שוץ־אַפּאַראַט אָנשטאָט דער פּאָליציי און אין דער דאָזיקער נייער מיליציע־פאַרוואַלטונג האָבן פאַרשיידענע יידישע אַדוואָקאַטן און אינטעליגענטע מענטשן באַקומען גלייך אַרבעט, און אַזוי האָבן יידן אָנגעהויבן צו אַרבעטן אין די זעלביקע אינסטיטוציעס, פון וועלכע זיי האָבן פריער אַזוי מוראדיק געליטן.

דער יידישער פאָלקס־הומאָר, וועלכער איז געווינט יעדע יידישע צרה אָדער שמחה פאַרוואַנדלען אין אַ גלייכווערטל און אַנעקדאָט, האָט תיכף כאַראַקטעריזירט די ניי־געשאַפענע יידישע רעכטלעכע לאַגע און אַ מעשה מיט אַן אַלטן יידן, וועלכער איז צופעליק אַריינגעפאַלן אין פעטערבורג אין די ערשטע טעג פון דער רעוואָלוציע, ווען אַלע וועגן ווי אַזוי דורכצושוואַרצן דאָס וואוינרעכט זיינען פאַרשוואונדן. דער ייד האָט זיך געלאָזט אין פּאָליציי־צירקל אַריין צו דערגיין, צי ער קאָן אויף עטלעכע טעג בלייבן אין פעטערבורג. די באַאַמטע, וועלכע ער האָט זיין פראַגע געשטעלט, האָבן אים קאַטעגאָריש ערקלערט, אַז איצט איז אַ רעוואָלוציע און אַלע—סיי יידן סיי קריסטן—זיינען גלייך. דער אַלטער ייד האָט ניט געקאָנט איינהאַלטן זיין התפעלות און האָט הויך אויף אַ קול געמאַכט די ברכה: „שהחיינו וקיימנו והגיענו לזמן הזה“, אויף וואָס דער גאַנצער פּאָליציי־צירקל האָט אים אין דעם זעלבן טאָן געענטפערט: אמן!

ס׳איז גאַנץ פאַרשטענדליך, אַז מיט אַזאַ פאַקטישער גלייכבאַרעכטיקונג האָט מען ניט געקאָנט זיך באַנוגענען; מען האָט געמוזט שאַפן אַ יורידישן באָדן פאַר די אַלע רעכט, פון וועלכע די יידישע באַפעלקערונג האָט שוין דע פאַקטאָ

גענאָסן. אָבער בעת מען איז צוגעטראָטן צו דער דאָזיקער פראַגע, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער ענין פון דער יידישער גלייכבאַרעכטיקונג איז אַ גענוג קאָמפּליצירטער: קודם איז אויפגעשוואומען די פראַגע, צי דאַרף פאַרעפנטלעכט ווערן אַ געזעץ, וואָס זאָל באַרירן נאָר די באַגרעניצונגען בנוגע יידן, אָדער דער דאָזיקער געזעץ זאָל צוזאַמען מיט די יידישע אָפּשאַפן אויך אַלע אַנדערע באַגרעניצונגען, וואָס זיינען געווען הל אויף די פויערים, אויף די פרויען, און בכלל מבטל זיין אַלע פריווילעגיעס, וואָס עס האָט געהאַט דער פריצים-און אדל-שטאַנד.

קורץ, עס איז געשטאַנען די פראַגע, צי זאָל די רעגירונג אַרויסגעבן איין אַלגעמיינעם געזעץ וועגן גלייכהייט פון רעליגיע, נאַציע, שטאַנד און געשלעכט, אָדער עס זאָל קודם-כל אויסגעטיילט ווערן באַזונדער דער געזעץ וועגן די יידן, וועלכע האָבן מער כאָר אַלעמען געליטן פון די באַגרעניצונגען.

די יידישע געזעלשאַפטלעכע גרופן זיינען געווען פאַראינטערעסירט, אַז די רעוואָלוציאָנערע רעגירונג זאָל זיך באַנוצן מיט דעם צווייטן וועג און זאָל ניט וואַרטן, ביז וואַנען עס וועט אויסגעאַרבעט ווערן דער אַלגעמיינער געזעץ וועגן גלייכהייט, וואָס האָט געפאָדערט פיל מער צייט און צוגרייטונג. מען איז קודם-כל נאָך ניט געווען פולקום איבערצייגט אין דעם ענטגילטיקן נצחון פון דער רעוואָלוציע און מען האָט זיך געוואָלט באַוואָרענען, אַז אויב, חלילה, די שוואַרצע כוחות וועלן צוריק באַקומען די ממשלה, זאָל, לכל-הפחות, בלייבן אַ געזעץ וועגן דער יידישער גלייכבאַרעכטיקונג, אַלס אויסדרוק פון פאָלקס-ווילן בנוגע דער יידישער פראַגע.

קיין כח מי האָט מען ניט געדאַרפט אָנווענדן, כדי צו איבערצייגן אין דעם קערענסקין, וואָס האָט אַלס יוסטיץ-מיניסטער געהאַט אין זיין רשות די דאָזיקע פראַגע.

דער געזעץ ספּעציעל וועגן דער יידישער גלייכבאַרעכטיקונג האָט ניט לאַנג געלאָזט אויף זיך וואַרטן און גאָר אין גיכן איז זי טאַקע יורידיש פראָקלאַמירט געוואָרן.

אָבער דערמיט האָט זיך נאָך די פראַגע ניט געענדיקט. • נאָכדעם, ווי די אַלטע גזרות און באַגרעניצונגען, וועלכע זיינען נאָר געווען אין רוסישן געזעץ-קאָדעקס בנוגע יידן, זיינען אינגאַנצן אָפּגעשאַפט געוואָרן, איז אין געוויסע יידישע קרייזן אויפגעשטאַנען אַן אַנדער פראַגע: צי דאַרף די יידישע באַפעלקערונג תיכף אויסניצן אַלע רעכט, אָדער זי דאַרף זיין „טאַקטיש" און ניט וואַרפן זיך צו פיל דער איבעריקער באַפעלקערונג אין די אויגן דערמיט, וואָס די אָדער יענע יידן וועלן פאַרנעמען הויכע מלוכה-פּאָסטנס און פאַראַנטוואָרטלעכע שטעלעס.

פאַקטיש איז די דאָזיקע פראַגע געשטאַנען נאָר פאַר די יידישע בירגערלעכע און פאַרמעגלעכע קרייזן. די יידישע דעמאָקראַטיע, וועלכע האָט אין דער צייט פון רוסישן צאַריזם און רעאַקציע געאַרבעט אין די רייען פון די אומלע-

גאַלע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען, האָט איצט, ווען די אַרבעטער=באַוועגונג איז געוואָרן שטאַרק און איינפלוסרייך, ניט פאַרלאָזן אירע פּאָנסטנס צוליב דער מוראָ, אַז די רוסישע אַרבעטער וועלן ניט טרויען די יידישע אָנפירער, מיט וועלכע זיי האָבן פריער צוזאַמען געאַרבעט ביי די אומגעהייער=שווערע באַדינגונגען פון רדיפות, רעפּרעסיעס, שפּיאָנאַזש א. ד. ג.

אין דעם אַרבעטער=און סאָלדאַטן=ראַט, וועלכער איז געוואָרן די וויכטיקסטע רעפּרעזענטאַנץ פון די ברייטע פאָלקס=מאַסן, האָבן דעריבער די יידישע פּאַרטיי=טוער באַקומען פון ערשטן טאָג אָן אַ גרויסע ווירקונג און באַדייטונג.

שוין ניט ריידנדיק וועגן סטעקלאָוו, וואָס פאַר אַ יידן האָבן אים געהאַלטן נאָר אַזעלכע רעאַקציאָנערן, ווי שולגין א. ד. ג., וועלכע האָבן שוין אין די ערשטע טעג פון דער רוסישער רעוואָלוציע אָנגעהויבן קריצן מיט די ציינער קעגן דער גרויסער ווירקונג, וואָס אַזאַ „ייד", ווי סטעקלאָוו, האָט באַקומען אויף די סאָלדאַטן=מאַסן, — האָבן אין דעם פּעטערבורגער ראַט פון די ערשטע טעג פון זיין עקסיסטענץ יידן טאַקע פאַרנומען זייער אַ וויכטיקן אָרט און געשפּילט זייער אַן אָנגעזעענע ראָלע.

עס איז גענוג צו דערמאָנען די נעמען פון גאָץ (ס. ר.), ליבער („בונד") און דאַן (מענשעוויק), וועלכע האָבן געהאַט די גרעסטע אָנפירנדיקע באַדייטונג אין דעם פּעטערבורגער ראַט, וואָס זייער מיינונג איז אין משך פון דער גאַנצער צייט, ווען דער פּעטערבורגער ראַט איז נאָך ניט געווען באָלשעוויסטיש געשטימט, געווען דעצידירנד כמעט אין אַלע פראַגן, וועלכע פלעגן שטיין אויף דעם סדר=היום.

די יידישע בורזשואַזיע און אַ געוויסער טייל פון דער יידישער נאַציאָנאַליסטישער אינטעליגענץ האָבן פאַרנומען אַ גאַנץ אַנדער שטעלונג בנוגע די גרעניצן פון טאַקט און טאַקטלאָזיקייט, וואָס די יידישע באַפעלקערונג דאַרף אָפּהיטן, כדי ניט צופיל צו וואַרפן זיך אין די אויגן פון דער רוסישער געזעלשאַפט.

די ערשטע פראַגע אויף דעם געביט איז געווען די פראַגע וועגן יידישע סענאַטאָרן.

קערענסקי, אַלס יוסטיץ=מיניסטער, האָט געוואָלט באַנייען דעם סענאַט, באַשטימען דאָרט נייע מיטגלידער, כדי די אַלטע פּאָרט זאָל בלייבן די זעלביקע, אָבער די נייע מענטשן זאָלן שאַפן אַ נייע שטימונג און נייע יורידישע פאָרשטעלונגען און קאָנצעפּציעס, ווי עס פּאַסט פאַר דער רעוואָלוציאָנערער צייט.

צווישן די פאַרשיידענע אָנגעזעענע רוסישע יוריסטן, וועלכע זיינען דעמאָלט באַשטימט געוואָרן אין דעם באַנייטן סענאַט, האָט קערענסקי אויך באַשלאָסן צו באַשטימען אַלס סענאַטאָרן אייניקע באַוואוסטע און חשובע יידישע יוריסטן, ווי ווינאַווער, גרוזנבערג א. אַנד.

עס איז דעמאָלט דעריבער אויפגעשוואומען די פראַגע, צי עס איז פּאַ=

סיק און צוועקמעסיק, אַז אין דער העכסטער יורידישער אינסטאַנץ פון לאַנד־זאַלן אַריינטרעטן יידן, וועלכע זיינען אָקאָרשט געווען אַזוי באַגרעניצט. אַ גע־וויסע צייט האָט מען זיך געקווענקלט וועגן דער פראַגע; אָבער פון איין זייט האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די רוסישע געזעלשאַפטלעכע מיינונג קען גאָר ניט תופס זיין אַזעלכע משונהדיקע ספקות, און פון דער צווייטער זייט איז צוגעקו־מען דער מאָמענט פון געוויסע פערזענלעכע אמביציעס און יאָגעניש נאָך כבוד, און די דאָזיקע טאַקט־פראַגע האָט זיך געענדיקט דערמיט, וואָס יידישע סע־נאַטאָרן זיינען באַשטימט געוואָרן און האָבן פאַרנומען אַ גאַנץ בכבודיקן אָרט אין רוסישן סענאַט.

די רעוואָלוציע האָט דערהויפּט אין די ערשטע טעג בכלל געהאַט אַן אומגעהייער גוטע ווירקונג אויף די מענטשלעכע מידות. די געהויבענע יום־טוב־שטימונג ביי די ברייטע פאָלקס־מאַסן האָט אַרויסגערופן אַלע גוטע אייגנ־שאַפטן, וואָס דער מענטש פאַרמאָגט. די באַציאונגען צווישן מענטשן זיינען געוואָרן אַ כך איידעלער און ברידערלעכער. אַזאַ שטימונג האָט געשאַפן אַ באַ־זונדערס־גוטע און פריינדלעכע באַציאונג צו די יידישע בירגער, ביי וועלכע מען האָט אָנגעהויבן צו געפינען אַ'לע מעלות און בנוגע צו וועלכע ס'האָט זיך געשאַפן דער איינדרוק, אַז כמעט אַלע זיינען אָנטקעגן זיי שולדיק און די דאָזיקע שולד מוז פאַרגלעט ווערן.

עס פאַרשטייט זיך, אַז אַזאַ יום־טובדיקע שטימונג האָט לאַנג ניט גע־קאָנט דויערן. ווי נאָר די ערשטע פייערלעכע טעג זיינען אַריבער און עס זיי־נען געקומען די וואָכעדיקע און טרויעריקע טעג פון פאַרטיי־קאַמף און בירג־גער קריג, האָט מען ניט געקאָנט אויסמיידן אַזאַ אויסגעפרובט געווער, ווי דער אַנטיסעמיטיזם, מיט וועלכן מען האָט טאַקע זיך באַלד אָנגעהויבן צו באַנוצן.

אַרויסטרעטן אָבער אָפן קעגן די יידן האָבן דעמאָלט ניט געקאָנט זיך ערלויבן אַפילו אַזעלכע אַנטיסעמיטן, ווי שולגין, וועלכער האָט נאָך אין די ערשטע טעג פון דער רעוואָלוציע געפרובט אויסנוצן סטעקלאָווס „יידישקייט“ אַלס געווער קעגן דעם פעטערבורגער אַרבעטער־ראַט, וואו סטעקלאָוו האָט דאַן געהאַט זייער אַ גרויסע ווירקונג.

שולגינס פרוב האָט געפונען גענוג נאָכפאָלגער. סטעקלאָווס אמתע פאַ־מיליע איז געווען נאַכאַמקעס, און אַרום דעם דאָזיקן עכט־יידישלעכן פאַמיליע־נאָמען האָט זיך אָנגעהויבן אַ גאַנצע באַקכאַנאַליע, וועלכע האָט געטראָגן אַ בולט־אַנטיסעמיטישן כאַראַקטער. הגם אין דער דאָזיקער קאָמפּאַניע האָבן אָנטייל גענומען זאָגאַר ליבעראַלע צייטונגען.

מען האָט זיך אָבער מיט סטעקלאָוון ניט באַנוגענט. עס האָט זיך אָנגע־הויבן אַן אמתע אָפענסיווע אין דער בירגערלעכער פרעסע קעגן די פסעוודאָ־נימען, מיט וועלכע עס האָבן זיך באַנוצט פאַרשיידענע פאָרשטייער פון פע־טערבורגער ראַט, און די דאָזיקע אָפענסיווע האָבן מיט אַ באַזונדער חשק אונ־

טערגעשטיצט די אַלע אַנטיסעמיטישע צייטונגען, וועלכע האָבן נאָך ניט גע־
האַט געגנוג מוט אַרויסצוטרעטן אָפן קעגן יידן בכלל.

די דאָזיקע העצע קעגן די פסעוודאָנימען איז געוואָרן באַזונדערט שטאַרק,
ווען אויף דער פּאָליטישער סצענע האָבן זיך באַוויזן די באָלשעוויקעס, צווישן
וועלכע עס איז אויך געווען גענוג יידן מיט אַ לאַנגן רעוואָלוציאָנערן עבר און
מיט פאַרשיידענע פאַרטיי־פסעוודאָנימען.

צו דער דאָזיקער העצע זיינען צוגעשטאַנען ניט נאָר די גאַסן־בלעטלעך,
וועלכע זיינען דעמאָלט ערשינען אין פּעטערבורג, נאָר אויך גאַנץ ערנסטע
צייטונגען, וועלכע האָבן אין קאַמף מיט דעם באָלשעוויזם זיך ניט אָפּגעשטעלט
פאַר אַזאַ געפערלעכן כלי־זיין, ווי דער אַנטיסעמיטיזם.

מען מוז אָבער זאָגן, אַז די דאָזיקע קאַמפּאַניע האָט קיין גרויס ערפאָלג
ניט געהאַט. און אויב זי האָט יאָ געהאַט אַ וועלכע עס איז ווירקונג, איז עס
געווען נאָר אין די קליין־בירגערלעכע, „מעשטשאַנישע" קרייזן, אָבער בשום
אופן ניט אויף די אַרבעטער־מאַסן, וועלכע זיינען געבליבן טריי זייערע פירער
און האָבן זיך ניט אונטערגעגעבן דער שעדלעכער און שענדלעכער ווירקונג פון
דער פאַרשטעלטער אַנטיסעמיטישער העצע.

אַ שיינע דעמאָנסטראַציע פאַר דער אחדות און ברידערלעכקייט צווישן
די רוסישע אַרבעטער־מאַסן און די יידישע איז געווען די ערשטע עפנטלעכע
קאָנפערענץ פון „בונד", וואָס איז פאָרגעקומען אין פּעטערבורג אין חודש
אַפּריל.

די פייערלעכע באַגריסונגס־רעדע, וואָס עס האָט געהאַלטן דער ס. ד.
דעפּוטאַט פון דער גאָס. דומע סקאָבעלעוו, האָט אין עטלעכע וואַרימע ווער־
טער אויסגעדריקט דעם אַלגעמיינעם געפיל פון ברידערלעכקייט און גלייכקייט,
מיט וועלכע די רוסישע אַרבעטער־מאַסן האָבן זיך באַצויגן צו די יידישע מאַסן,
וואָס די רעוואָלוציע האָט זיי באַפרייט פון אַלע באַגרעניצונגען און ליידן.

די גאַנצע קאָנפערענץ, וואָס איז אייגנטלעך געווען די ערשטע עפנט־
לעכע גרויסע יידישע פאַרזאַמלונג אין פּעטערבורג, איז אַריבער ביי זייער
אַ געהויבענער שטימונג. אַלע אויסלענדישע געסט, די פראַנצויזישע און ענגלישע
אַרבעטער־פאָרשטייער, האָבן געהאַלטן פאַר זייער חוב צו קומען אויף דער
קאָנפערענץ, באַגריסן די יידישע אַרבעטער מיט זייער באַפרייאונג און דע־
מאָנסטרירן די גלייכקייט, וואָס די יידן האָבן אין דעם באַפרייטן רעוואָלוציאָ־
נערן רוסלאַנד.

דער אַלגעמיינער ציוניסטישער צוזאַמענפאָר, וואָס איז פאָרגעקומען אין
פּעטערבורג אין חודש מאַי, האָט אויך געקאָנט דינען אַלס באַווייז, אַז די יידי־
שע גלייכבארעכטיקונג און פרייהייט איז שוין אַזאַ זאַך, וואָס איז דורך אַלע־
מען אָנערקענט.

דער דאָזיקער צוזאַמענפאָר איז אויף דעם ציוניסטישן שטייגער פאָרגע־
קומען מיט גרויס פאַראַד, אין איינעם פון די גרעסטע פּעטערבורגער טעאַטערן,

וועלכער איז געווען באַפּוצט מיט ציוניסטישע פאָנען. די וויכטיקסטע און אָנגעזעצטע מלוכה=מענטשן האָבן געפונען פאַר נייטיק צו שיקן באַגריסונגען צו דעם צוזאַמענפאָר און אונטערשטרייכן די יידישע פרייהייט און גלייכקייט אין דעם נייעם רוסלאַנד.

די וואַלן, וואָס זיינען פאָרגעקומען צו די דעמאָקראַטישע שטאָט=דומעס אין פעטערבורג, מאָסקווע און גאַנץ רוסלאַנד, האָבן אויך באַוויזן, אַז כמעט אַלע פאַרטייען באַטראַכטן די יידישע גלייכבאַרעכטיקונג גאַנץ ערנסט און אויפריכטיק: כמעט אַלע פאַרטייען האָבן אַרויסגעשטעלט יידישע קאַנדידאַטן אין זייערע וואַל=ליסטעס; דער פולקומער אומגעהערטער נצחון פון די סאָציאַליסטישע וואַל-ליסטעס, אין וועלכע עס זיינען געווען ניט ווייניק יידישע קאַנדידאַטן, האָט באַוויזן, אַז די ברייטע פאָלקס=מאַסן, וועלכע זיינען געגאַנגען צו די וואַל-אורנעס אין אַ צאָל, וואָס איז פאַר אייראָפּע אויסערגעוויינלעך, האָבן זיך אבסאָלוט ניט אינטערעסירט מיט די יידישע פאַמיליעס פון די אָדער יענע קאַנדידאַטן.

די רעכטע פאַרטייען זיינען לחלוטין פאַרשוואונדן פון דער פּאָליטישער אַרענע, און יענע רעכטע פאַרטייען, וואָס האָבן געפּרובט קעמפן פאַר זייער פּאָליטישער עקסיסטענץ, האָבן געמוזט צופאַסן זיך צו די נייע פאַרהעלטענישן און אַרויסשטעלן פאָדערונגען פון נאַציאָנאַלער און רעליגיעזער גלייכבאַרעכטיקונג.

די יידישע באַפעלקערונג אין רוסלאַנד האָט ווי געהעריק אָפּגעשאַצט די נייע לאַגע. די פּאַטריאָטישע שטימונג צווישן די יידן איז אומגעהייער אויסגעוואַקסן. אַלע צרות און רדיפות זיינען פאַרגעסן געוואָרן און די יידישע באַפעלקערונג האָט אַרויסגעוויזן אַ גרויסע גרייטקייט צו געבן קרבנות פאַר רוסלאַנד, וועלכע איז איצט געוואָרן זיין אמת פאָטערלאַנד און ניט אַ שטיף=מוטער, ווי ביז אַהער.

ווען די צייטווייליקע רעגירונג האָט פאַרעפנטלעכט איר אויפרוף וועגן דער נצחון=הלוואה, האָט די יידישע באַפעלקערונג, פון אָרים ביז רייך, אַרויסגעוויזן אַ גרייטקייט ביים צייכענען די הלוואה, וואָס האָט אַלעמען באַוואונדערט.

די יידישע יונגעלייט, וועלכע האָבן פריער געזען אויסצומיידן מיליטער=דינסט, האָבן זיך איצט פרייוויליק געשטעלט צום דינסט.

אין דער אַרמיי גופא, וואו די צאַרישע רעגירונג האָט מיט אַ באַזונדער חשק געשטיצט דעם אַנטיסעמיטיזם, זיינען די יידן אויך געוואָרן פולקום גלייכבאַרעכטיקט.

עס האָבן זיך באַוויזן יידישע אָפיצירן פון יענע סאָלדאַטן, וועלכע האָבן פריער אויך געהאַט דאָס רעכט דערויף, און נאָר צוליב די באַגרעניצונגען האָבן זיי ניט פאַרנומען די פּאָסטנס, וואָס האָט זיי געקומט.

די יידישע דאָקטוירים, וואָס ניט קוקנדיק אויף זייער סטאַזש און קענטע=

ניש, האָבן זיי פאַרנומען נאָר די נידעריקסטע מעדיציניִשע פּאָסטנס, האָבן איצט אויך באַקומען די מיגלעכקייט צו זיין אויף דעם געהעריקן פּלאַץ, פון וואָס די רוסישע אַרמיי האָט נאָר געוואונען.

יידישע באַאַמטע האָבן אָנגעהויבן צו אַרבעטן אין אַלע מיניסטעריומס און מלוכה-אַנשטאַלטן און די יידישע גלייכבאַרעכטיקונג איז געוואָרן פאַרווירקלעכט פולקום, אָן שום באַגרעניצונגען און פאַרקירצונגען.

די יידישע פּרעסע, וועלכע איז ביז די לעצטע מינוטן פון צאַרישן רעזשים געווען שטרענג פאַרבאָטן, האָט אויפגעלעבט. אין פּעטערבורג, מאָסקווע, קיעוו האָבן זיך באַוויזן יידישע טעגלעכע און וועכנטלעכע צייטונגען, עס זיינען געשאַפן געוואָרן פאַרלאַגן, וועלכע האָבן אַנטוויקלט אַ גאַנץ היבשע טעטיקייט.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַן אַרבעט צו אָרגאַניזירן יידישע קהילות אויף דעם גרונד פון 5-פאַכיקן וואַל-געזעץ, און די ערשטע דעמאָקראַטישע קהילות זיינען אויסגעוויילט געוואָרן אין פּעטערבורג און אין מאָסקווע, וואו ביז איצט האָבן די יידישע קהילות קוים געהאַט אַ יורידישן באַזיס.

עס האָבן זיך אויך אָנגעהויבן די הכנות צוגויפצורופן אַן אַלרוסישן צוזאַמענפאָר פון דער יידישער באַפעלקערונג, וועלכער זאָל אויסאַרבעטן די יידישע נאַציאָנאַלע פאָדערונגען צו דער אַלרוסישער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג; מען האָט אָנגעהויבן צו ריידן וועגן אַ צוזאַמענפאָר פון אַלע קהילות פון רוסלאַנד.

אָבער די אַלע פּראָיעקטן זיינען פאַרווירקלעכט געוואָרן נאָר טיילוויז, ווייל עס האָט זיך צו יענער צייט אָנגעהויבן דער געוואַלדיקער בירגער-קריג, וועלכער האָט צעבראָכן דעם גרויסן בנין פון דער רוסישער רעפּובליק אויף שטיקער און האָט צוגלייך אויך צעשניטן דעם יידישן קיבוץ פון רוסלאַנד אויף אָפּגעזונדערטע טיילן.

אָבער וועגן די אַלע זאַכן וועט גענויער דערציילט ווערן אין צווייטן טייל.

# אינהאלט.


זייט

פאָרוואָרט.

5 .I

די שטימונג אין אָנהויב 1917 יאָר.—די מפּלות אויף דעם פראָנט.—ראַספּוטין און די הויף־קליקע.—עס מוז קומען אַן איבערקערעניש.—די קאַדעטן און זייער מורא פאַר דער רעוואָלוציע.

9 .II

די גאָס. דומע און דער פּראָגרעסיווער בלאָק.—פּראָטאָפּאָפּאָווס קאַמף קעגן דער גאָס. דומע.—אַ הויף־איבערקערעניש אָדער אַ רעוואָלוציע.—דער שטרייק פון 14 פעברואַר.—די רעגירונג גרייט־צו אַ בלוט־באָד.

14 .III

דער ברויט־מאַנגעל און די ערשטע שטרייקן.—דער נייטראַליטעט פון מיליטער.—די גרויסע שטרייק־באַוועגונג און די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען.—די קאָזאַקן שטייען צו און די פּאָליציי ווערט פאַרשוואונדן.—כאַבאַלאָווס בליטיקער פּריקאַז און די מפּלה פון דער רעגירונג.

19 .IV

די בירגערלעכע פּאַרטייען ווילן שלום מיט ניקאָלאַיען.—ראָדזיאַנקאָס טעלעגראַמען און ניקאָלאַיס עקשנות.—די גאָסן־שיסערייען און די גאַסן־שטימונג.—דער כאַאָס איבער גאַס און דער כאַאָס אין גאָס.־דומע.—די ירושה פון דער אַלטער רעגירונג.

24 .V

דער טאַווּרישער פּאַלאַץ—צענטער פון רעוואָלוציע.—די עקספּעדיציע פון גען. איוואַנאָוו און זיין מפּלה.—די גאָס.־דומע—די העכסטע מאַכט.

27 .VI

דער סטיכישער כאַראַקטער פון דער באַוועגונג.—דער אַרבעטער־ און סאָלדאַטן־ראַט.—דער דומע־קאָמיטעט און דער אַרבעטער־ראַט.—די אָפּיציעלע און די פּאַקטישע מאַכט.

30 .VII

די ריבונגען צווישן דומע־קאָמיטעט און אַרבעטער־ראַט.—די ערשטע רעוואָליוציאָנערע רעגירונג און איר פּראָגראַם.—מיליוקאָווס מאָנאַרכיסטישע אַגיטאַציע און ניקאָלאַיס אַבדיקאַציע.—די צייטוויליקע רעגירונג און די אַנטאַנטע.

36 .VIII

די גראַנדיעזע לויה פון די מלחמה־קרבנות.—די פּאָליטישע אַמניסטיע.—די אַרבעט פון דער רעגירונג.—די יידישע גלייכבאַרעכטיקונג.

42 .IX

פּאָליטישע רעפאָרמען אָדער סאָציאַלע רעפאָרמען.—ניקאָלאַי און דער גורל פון ראָמאַנאָוום דינאַסטיע.—ניקאָלאַיס אַרעסט און ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטשעס רעזיגנאַציע.—אַלטע גענעראַלן און נייע באַדערפעניששן.—די דעקלאַראַציע פון סאָלדאַטן־רעכט.

זייט

48 .X

די מלחמה־צוועקן.—די ליקווידאַציע פון דער מלחמה אָדער אַ מלחמה ביז ענטגילטיקן נצחון.—דער שלום־אויפרוף פון פעטערבורגער ראַט און דאָס שלום־פּראָגראַם פון דער צייטווייליקער רעגירונג. —מיליוקאָוו פאַרטייטשט דאָס שלום־פּראָגראַם און די אַרבעטער מאַכן פּראָטעסט־דעמאָנסטראַציעס.—די ערשטע קרבנות פון בירגער־קריג.—קאָרנילאָוום ערשטע מפּלה.—די דעמיסיע פון מיליוקאָוו און גוטשקאָוו.

54 .XI

די אַרבעטער־פראַגע און דער 8־שעהדיקער אַרבעטס־טאָג.—די אַגראַר־פראַגע און די פּריצישע גאָס־דומע.—דער עקאָנאָמישער חורבן און די הילפלאָזיקייט פון דער רעגירונג.

58 .XII

די העצע קעגן אַרבעטער־ראַט.—די מלחמה־פּאָליטיק און די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען.—די רוסישע עמיגראַנטן און די רייזע דורך דייטשלאַנד.—לענינס ערשטע אַרויסטרעטונג.—די באָלשעוויסטישע אַגיטאַציע און די פּרעסע־העצע.

60 .XIII

דער רעגירונגס־קריזיס און די ערשטע קאָאַליציע־רעגירונג.—די אינערלעכע ריי‏בונגען אין דער רעגירונג.—די שלום־פּאָליטיק פון פּעטערבורגער ראַט און דער רעגירונגס־סאַבאָטאַזש.—דאָס ברידערן זיך פון די אַרמייען און די רעפּרעסיעס פון דער רעגירונג.

65 .XIV

די פּאָליטישע פּאַרטייען און די פאָלקס־מאַסן.—טראָצקי און זיין ערשטער אַרויסטריט קעגן דער פּשרות־פּאָליטיק פון פּעטערבורגער ראַט.—די באָלשעוויסטישע ווירקונג אין פּעטערבורגער ראַט און אויף דער גאַס.

70 .XV

דער ערשטער אַלרוסישער ראַטן־צוזאַמענפאָר און זיין אַנטיבאָלשעוויסטישע מערהייט.—די קאָמפּעטענץ פון צוזאַמענפאָר.—די רעגירונג גרייט זיך צו אָפענסיווע.—די אַנאַרכיסטן און זייערע אַקציעס.

75 .XVI

די מלחמה־שטימונג ביי די גענעראַלן און דער שלום־דורשט ביי די סאָלדאַטן.—געהיימע אָפּמאַכן און באָלשעוויסטישע שלום־אַגיטאַציע.—די ערשטע נצחונות און די גיכע מפּלה.

78 .XVII

דער אינערלעכער קאַמף צווישן די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען.—דער ערשטער פּרוב פון אַ באָלשעוויסטישער איבערקערעניש.—די מאַניפעסטאַציעס און די באָלשעוויסטישע השפּעה.—דער יולי־אויפשטאַנד און זיין מפּלה.

85 .XVIII

אַנטיבאָלשעוויסטישע רעפּרעסיעס און רעאַקציע.—אַ נייע רעגירונג און אַ נייע פּאָליטיק.—קאָרנילאָווס פאָדערונגען און די רעאַקציאָנערע פּאַרטייען.—די פאָדערונגען פון די בירגערלעכע קלאַסן און די וואַקלדיקע רעגירונג.

89 .XIX

די נאַציאָנאַלע פראַגע אין רוסלאַנד.—דער אויפרוף צו פּוילן.—פינלאַנדס פאָדערונגען און די עקשנות פון דער רעגירונג.—דער רוסיש־פינלענדישער קריזיס.—די אוקראַיִנישע אויטאָנאָמיע און דער סענאַט.—די סעפּאַראַטיסטישע טענדענצן פון די נאַציעס און די צענטראַליסטישע שטרעבונגען פון דער רעגירונג.

95 .XX

די מאָסקווער מלוכה־באַראַטונג.—דער פּראָטעסט־שטרייק פון די מאָסקווער אַרבעטער.—קאָרנילאָווס פייערלעכער אָנקומען קיין מאָסקווע.—דער תהום צווישן די בירגערלעכע און סאָציאַליסטישע פּאַרטייען.—די פעסטקייט פון די רעאַקציאָנערן און די שוואַכקייט פון דער דעמאָקראַטיע.—דער דעמאָנסטראַטיווער תקיעת־כּף צווישן צערעטעלי און בובליקאָוו.

זייט

99 .XXI

נייע מפלות אויף דעם פראָנט.—קערענסקים אונטערהאַנדלונגען מיט קאָרנילאָוון.—קאָרנילאָווס עקספּעדיציע.—דער פּעטערבורגער ראַט און זיין אַקציע.—גענעראַלן אַן אַרמייען און זייער מפּלה.—וואו איז די קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע סכנה?

103 .XXII

אַ קער אויף לינקס.—דער באָלשעוויסטישער נצחון אין פּעטערבורגער ראַט.—אַ התחלה פון סאַבאָטאַזש.—די דעמאָקראַטישע באַראַטונג אין פּעטערבורג.—די באַשלוסן פון דער דעמאָקראַטישער באַראַטונג און קערענסקים מעשים.—אַ נייער רעגירונגס־קריזיס און אַ נייע רעגירונג.—דער פּראָיעקט פון אַ ראַט פון דער רוסישער רעפּובליק.

106 .XXIII

די עוואַקואַציע־פּלענער פון דער רעגירונג.—נייע מפּלות אויף דעם פראָנט און די סכנה פאַר פּעטערבורג.—דער ראַט פון דער רעפּובליק און זיין רעזולטאַטן.—די באָלשעוויקישע דעקלאַראַציע און די התראה צו אַן אויפשטאַנד.—דער קריגס־מיניסטער ווערכאָווסקי און זיינע סענסאַציאָנעלע שלום־ערקלערונגען.

112 .XXIV

די הכנות צום אויפשטאַנד.—נייע רעזאָלוציעס און נייע לאָזונגען.—די רייבונגען צווישן די באָלשעוויקעס.—דער קריגס־רעוואָלוציאָנערער קאָמיטעט.—קערענסקים דראָאונגען און די באָלשעוויסטישע מעשים—אַ פּערשפּעקטיווע רעזאָלוציע וועגן שלום.—דער באָלשעוויסטישער נצחון.—קערענסקים פּליטה.—די צייטווייליקע רעגירונג אין פּעטראָפּאַוולאָווער פעסטונג און דער ראַט פון די פאָלקס־קאָמיסאַרן ביי דער מאַכט.

115 .XXV

די נאַציאָנאַלע פּאָליטיק פון דער צאַרישער רעגירונג.—די מלחמה און די יידישע רדיפות.—צי זיינען יידישע צרות אַ סגולה צו נצחונות?—די יידישע גלייכבאַרעכטיקונג.—אַ פראַגע וועגן רעכט און אַ פראַגע וועגן טאַקט.—די יידן און די אַרבעטער־פאַרטייען.—יידן און די דעמאָקראַטישע שטאָט־דומעס.

---

# בילדער און פּאָרטרעטן:

דער טאַורישער פּאַלאַץ.

אַ זיצונג פון פּעטערבורגער אַרבייטער־ און סאָלדאַטן־ראַט.

א. ראָדזיאַנקאָ.

א. גוטשקאָוו.

פּ. מיליוקאָוו.

נ. טשכעאידזע.

א. פ. קערענסקי.

א. צערעטעלי.

דער שער און די בילדער געצייכנט דורך נ. קאָרזשען.

י. בעקער

די גרויסע

# רוסישע רעוואלוציע

צווייטער באנד

פון אקטאבער 1917 ביז יולי 1918

דרוקעריי ב. ציונסאן און קאמפ. ווילנע, טראָקער 13.

1921

## I.

נאָך די ערשטע האָניק=טעג פון דער פעברואַר=רעוואָלוציע האָבן זיך תיכּף אַרויסגעוויזן די גרויסע און שאַרפע מיינונגס=אונטערשיידן צווישן די פאַרשיידענע רוסישע פאַרטייען, וועלכע האָבן זיך געמוזט שטעלן ביי דעם מלוכה=רודער. דער דאָזיקער אידעען=קאַמף האָט זיך אַנטפּלעקט ניט נאָר צווישן די בירגערלעכע און סאָציאַליסטישע פאַרטייען, נאָר איבערהויפּט אין די רייען פון די לעצטע.

דער גרויסער אידעען=קאַמף, וואָס די רוסישע סאָציאַליסטישע פאַרטייען האָבן געפירט צווישן זיך נאָך פאַר דער מלחמה און אין משך פון די מלחמה=יאָרן, האָט זיך איצט, נאָך דעם נצחון פון דער רעוואָלוציע, אויסקריסטאַליזירט איבערהויפּט אין צוויי וויכטיקסטע שטרייט=פראַגן; אַרום דער פראַגע וועגן דער מאַכט אין דעם גאַנג פון דער רעוואָלוציע און אַרום דער פראַגע וועגן מלחמה אָדער שלום.

אויב די ערשטע פראַגע האָט אין אַ געוויסער צייט געקאָנט, איבערהויפּט, אין די ערשטע צייטן, אַרויסווייזן זיך פאַר אַ ריין=טעאָרעטישע, מיט וועלכער, ווי עס האָבן געטענהט פאַרשיידענע פראַקטיקער, קאָנען זיך פאַרנעמען נאָר פּראָפעסיאָנעלע רעוואָלוציאָנערן און פאַרטיי=סעקטאַנטן, איז די צווייטע פראַגע שוין צופיל געווען פאַרבונדן מיט די בלוטיקע אינטערעסן פון מיליאָנען מענטשן, וועלכע האָבן זיך מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט צוגעהערט צו אַלע תשובות, וואָס די פּאָליטישע פאַרטייען האָבן געגעבן אויף דער פראַגע וועגן מלחמה און שלום.

עס פאַרשטייט זיך, אַז די גרויסע מיליאָנען, וועלכע די רעוואָלוציע האָט אַריינגעשלעפּט אין פּאָליטישן לעבן, האָבן אויף אַלע פּאָליטישע און סאָציאַלע פראַגן, וועלכע זיינען פאַר זיי איצט אַוועקגעשטעלט געוואָרן, געהאַט תשובות אין צוזאַמענהאַנג מיט די סאָציאַלע און קלאַסן=פאַרהעלטענישן, אין וועלכע זיי זיינען געשטאַנען און אין צוזאַמענהאַנג מיט יענע סאָציאַלע גרופּן, צו וועלכע זיי האָבן געהאַט אַ שייכות.

די געבילדעטע און שטאַרקסטע גרופּן, דער בירגערלעכער קלאַס און יענע אינטעליגענץ, וואָס האָט דעם דאָזיקן קלאַס טריי געדינט, האָבן פון די

ערשטע רעוואָלוציע-טעג פארשטאנען, אז מיט דער רעוואָלוציע האָבן זיי זיך איינגאנצן אָפּגעגעבן, ווייל אַלע האָפענונגען, אז די רעוואָלוציע וועט זיך באַנוגענען מיט אייניקע פּאָליטישע רעפאָרמען און וועט ניט דערוועגן זיך ארויסטרעטן קעגן די קדשי-קדשים פון דער קאפּיטאַליסטישער אָרדענונג, קעגן דעם פּרינציפּ פון אייגנטום, זיינען ניט מקוים געוואָרן.

שוין אין די ערשטע טעג האָט די רוסישע רעוואָלוציע אָנגענומען די עקסטרעמסטע פאָרמען און די בירגערלעכע קלאסן האָבן תיכף פארשטאנען, אז די פעברואר-רעוואָלוציע וועט זיך ניט באַנוגענען מיט פּאָליטישע רעפאָרמען און וועט בלי שום ספק באַקומען א סאָציאַלן כאראקטער.

פאר דעם בירגערטום איז אַלזאָ געווען קלאָר איר אויפגאַבע: אָפּהאַלטן דעם צושנעלן גאַנג פון דער רעוואָלוציע און, עס פארשטייט זיך, אז די בעסטע מיטלען דערצו זיינען געווען — פירן ווייטער די מלחמה און בלייבן פעסט ביי די אימפּעריאַליסטישע און אנעקסיאָניסטישע פּלענער, מיט וועלכע די צארישע רעגירונג האָט מיט א געוויסן ערפאָלג אָפּערירט אין די ערשטע מלחמה-יאָרן.

ווען די רוסישע בורזשואזיע זאָל זיין שטארק, וואָלט זי אפשר געקאָנט אויסנוצן די ערשטע פּאַטריאָטישע שטימונגען, וועלכע די רעוואָלוציע האָט ארויסגערופן אין די ברייטע פאָלקס-און סאָלדאטן-מאסן און פּרובן תיכף אין די ערשטע פייערלעכע רעוואָלוציאָנערע טעג מאַכן אָפענסיווע קעגן דעם שונא און, ווער ווייס, אפשר טאקע מיט א געוויסן ערפאָלג. אָבער די רוסישע פארמעגלעכע קלאסן האָבן דעם דאָזיקן פּסיכאָלאָגישן מאָמענט ניט פארשטאנען אויסצונוצן, און וואָס ווייטער האָט אין די מחות פון די ברייטע פאָלקס-מאסן אַלץ מער און מער מנצח געווען דער געדאנק, אז „רעוואָלוציע — איז שלום“, און יעדער פּרוב זיך קעגנשטעלן דעם דאָזיקן געדאנק האָט מיט יעדן טאָג באַגעגנט אַלץ מער ענערגישערן ווידערשטאנד.

קיינע נייע מלחמה-צילן האָט די רעוואָלוציע ניט אנטפּלעקט און ניט געקאָנט אנטפּלעקן, און ביי אזא לאגע האָט די ווייטערדיקע פירונג פון דער מלחמה געקאָנט ארויסרופן נאָר אומצופרידנהייט אין אונטערגראָבן דעם באָדן אונטער יענע גרופּן און קלאסן, וועלכע האָבן די מלחמה-שטרעבונגען געשטיצט, און פארגרעסערן די ווירקונג פון יענע גרופּן, וועלכע זיינען אמשאַרפסטן ארויסגעטראָטן קעגן דער מלחמה.

עס זיינען געווען נאָך וויכטיקע סיבות, וועלכע האָבן געהאָלפן צו פארשטארקן די ווירקונג און באדייטונג פון דער עקסטרעמסטער סאָציאַליסטישער און אויסגעשפּראָכענער אַנטי-מיליטאַריסטישער פארטיי.

דער רוסישער פּראָלעטאריאט קאָן זיך ניט באַרימען מיט אזא אָרגאַניזירטקייט און שטארקייט, ווי די אייראָפּעאישע. דער צארישער רעזשים מיט די שרעקלעכע רעפּרעסיעס קעגן יעדער פּרוב און סימן פון ארבעטער-באַוועגונג האָבן ניט געגעבן דעם יונגען רוסישן ארבעטער-קלאס קיין מעגלעכקייט צו אנטוויקלען זיינע כוחות און דערגרייכן צו אזא שטופע פון קלאסן-באַוואוסטזיין,

קולטור און אָרגאַניזירטקייט, ווי עס האָבן באַוויזן די אייראָפּעאישע אַרבעטער.

אָבער דער זעלביקער צאַרישער רעזשים, וואָס האָט ניט געגעבן קיין מעגלעכקייט פאַר אַ ברייטע אַרבעטער באַוועגונג, האָט אַרויסגערופן ביי די בעסערע, באַוואוסטזיניקערע און ענערגישע גרופּן פון אַרבעטער-קלאַס אַ גרויסן ווידערשטאַנד-קראַפט און האָט גורם געווען דערצו, אַז בכלל זאָלן זיך אַנטוויקלען אין רוסישן אַרבעטער-קלאַס מאַקסימאַליסטישע טענדענצן און רעוואָלוציאָנערע ענערגיע אין אַזאַ מאָס, פון וועלכן דער אייראָפּעאישער באַוואוסטזיניקער אַרבעטער האָט זיך שוין לאַנג אָפּגעוויינט.

אין די מלחמה-יאָרן, ווען פיל קוואַליפיצירטע אַרבעטער זיינען אוועק אויף דעם פראָנט און דאָרט אומגעקומען, האָבן זיך אָנגעשטאָפּט אַזעלכע באַוואוסטזיניקע, ריין פּראָלעטאַרישע עלעמענטן, אָנגעפילט די פאַבריקן מיט פאַרשיידענע נייע אַרבעטער גרופּן, וועלכע זיינען געקומען אין די פאַבריקן נאָר צופעליק, ווייל די גרויסע קריגס-אינדוסטריע האָט געפאָדערט נייע און נייע אַרבעטער וועלכע האָבן זיך געיאָגט נאָך פּריווילעגיעס, וואָס די צאַרישע רעגירונג האָט געגעבן די פאַבריק-אַרבעטער באַפרייענדיק זיי פון מיליטער דינסט. די קליינע רייען פון די באַוואוסטזיניקע, ריין פּראָלעטאַרישע עלעמענטן האָט זיך באַדייטנד פאַרקלענערט אין די פאַבריקן. די דאָזיקע פרישע אַרבעטער, וועלכע האָבן זיך אין גרעסטן מאָס רעקרוטירט פון קליין-בירגערלעכע גרופּן, האָבן נאָך בעסער פאַרטונקלט דעם קלאַסן-באַוואוסטזיין און האָבן געשאַפן נאָך אַ בעסערן באָדן פאַר פאַרשיידענע מאַקסימאַליסטישע לאָזונגען. די אַנטי-מיליטאַריסטישע אַגיטאַציע צוזאַמען מיט דער אַגיטאַציע קעגן דער רעגירונג, וועלכע איז ניט פעאיק צו ענדיקן די מלחמה, פאַרבעסערן די שלעכטע עקאָנאָמישע לאַגע פון לאַנד און מאַכן אַ סוף צום חורבן, האָט באַגעגנט אויף אַלע פאַבריקן די בעסטע און גרעסטע סימפּאַטיע.

דער צווייטער וויכטיקער עלעמענט, ביי וועמען די עקסטרעמע אַגיטאַציע האָט געהאַט דעם גרעסטן ערפאָלג, איז געווען די אַרמיי, צו וועלכער אין דער מלחמה-צייט זיינען אַריינגעצויגן געוואָרן מיליאָנען פּויערים.

דעם ערפאָלג פון דער פעברואַר-רעוואָלוציע האָט געזיכערט די אַרמיי, די זעלביקע אַרמיי האָט אויך געמאַכט צו גאַרנישט אַלע רעאַקציאָנערע און קאָנטער-רעוואָלוציאָנערע פּלענער פון קאָרנילאָוו און אַלע איבעריקע גענעראַלן, וועלכע האָבן געשטרעבט אומקערן דעם רעוואָלוציאָנערן וואָגן צוריק און מאַכן אַ סוף פון אַלע „משוגענע פּלענער" פון רעוואָלוציע און סאָציאַליזם.

די דאָזיקע אַרמיי — די רוסישע פּויערים — איז געווען נאָך ווייניקער באַוואוסטזיניק און פּאָליטיש אַנטוויקלט פון די רוסישע אַרבעטער און בעת דער רעוואָלוציאָנערער שטראָם האָט זיי אַריינגעצויגן אינם ברויזנדן פּאָליטישן לעבן און האָט פאַר זיי געשטעלט די אויפגאַבע אָנטייל נעמען און ווירקן דורך די געשאַפענע אַרבעטער-און סאָלדאַטן ראַטן אויף דעם ווייטערדיקן גאַנג פון דער רעוואָלוציע, האָט די דאָזיקע פּאָליטיש ווייניק-אַנטוויקלטע מאַסע

געפונען זיך אין זייער אַ שווערן צושטאַנד, ווייל זי איז בשום אופן ניט געווען אימשטאַנד פונאַנדערצוקלייבן זיך אין די געשעענישן און פאַרשטיין אירע אייגענע וואונטשן און באַדערפענישן.

די אַרמיי איז צוגעשטאַנען צו דער רעוואָלוציע און געזיכערט איר ערפאָלג, ווייל די אַרמיי האָט געשטרעבט צו שלום און געוואָלט מאַכן אַ סוף פון דער מלחמה. אָבער דער דאָזיקער אַנטי-מלחמה-תּוך איז געווען אָפטמאָל אַזוי באַדעקט און באַפּוצט מיט פּאַטריאָטישע פּראַזן, אונטער וועלכע מען האָט ניט געקאָנט באַמערקן די אמתע שטרעבונגען פון די סאָלדאַטן-מאַסן.

די רעוואָלוציע האָט אַרויסגעשטעלט פאַר דער דאָזיקער גרויסער סאָלדאַטן-מאַסע אַן אויפגאַבע אָנטיילנעמען אין די ראַטן, און גאַנץ פאַרשטענדלעך, אַז די ערשטע אויסגעוויילטע דעלעגאַטן האָבן געקאָנט זיין נאָר יענע אינטעליגענטע מענטשן, וועלכע די מלחמה און די מאָביליזאַציעס האָבן אַריינגעשלעפּט אין דער אַרמיי און וויפל ניט איז פאַרבונדן מיט די סאָלדאַטן.

דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן, אינזשענערן און סתם אינטעליגענטן, וועלכע זיינען געווען אין דער אַרמיי און וועלכע האָבן געקאָנט קלאָר און דייטלעך ערקלערן פאַר דער פינסטערער סאָלדאַטן-מאַסע די געשעענישן, זיינען געוואָרן פאַרשטייער פון די סאָלדאַטן און פון זייערע בולטע פוילישע אינטערעסן, הגם די קלאַסן-אינטערעסן פון די אויסגעוויילטע און זייערע באַציאונגען צו די וויכטיקסטע פּראָבלעמען פון יענעם היסטאָרישן מאָמענט זיינען געווען אין אַ פולקומען היפוך פון די וועהלער.

אַזאַ מיש-מאַש האָט געקאָנט פאָרקומען נאָר אין די ערשטע טעג, ווען די ברייטע פאָלקס-מאַסן האָבן ניט געהאַט קיין באַגריף וועגן דעם, וואָס עס טוט זיך אַרום זיי, און ווען די סאָציאַלע סתירות זיינען נאָך ניט געווען אַזוי שאַרף אַרויסגערוקט.

דער מיש-מאַש איז אויך געווען מעגלעך, ווייל די גרויסע סאָלדאַטן-מאַסן זיינען נאָך ניט געקומען צו דער פעסטער איבערצייגונג, אַז די רעוואָלוציע דאַרף ברייננען אומבאַדינגט צו שלום און דאַרף גרינדלעך ערליידיקן די וויכטיקסטע פּראָבלעמען.

אָבער מיט יעדן טאָג זיינען די אַלע ביטערע פראַגן וואָס שאַרפער געשטעלט געוואָרן.

די זעלביקע אינטעלי... און יענע גרופן, וואָס זיינען בכלל געווען קעגן דער מלחמה, האָבן ניט געפונען ביי זיך גענוג דרייסטקייט, כדי אַלע אַנטימיליטאַריסטישע וואונטשן און שטרעבונגען צו פאַרווירקלעכן אין לעבן און מאַכן אַ סוף צו דער מלחמה.

יענע גרופן, וועלכע די רעוואָלוציע האָט אַרויסגעשטעלט אין דער שפּיץ, זיינען געבליבן ביי פראַזן אפילו דעמאָלט, ווען זיי האָבן געקאָנט און געדאַרפט טאָן עפּעס ממשותדיקס פאַר דעם שלום, און די אַלע גרויסע סאָלדאַטן-מאַסן, וועלכע האָבן געמאַכט אַ סוף צו דעם צאַרישן רעזשים, האָבן ניט געקאָנט

בלייבן רואיק, ווען זיי האָבן באַמערקט, אַז די נייע מענטשן, וועלכע זיינען געקומען אָנשטאָט די אַלטע, טראָגן נאָר נייע נעמען, אָבער פירן אין אמתן די זעלביקע מלחמה־פּאָליטיק, פאַרציען ווייטער די מלחמה און פרובן אפילו ניט איבערבייטן דעם כאַראַקטער פון דער מלחמה און אַוועקשטעלן פאַר די ברייטע סאָלדאַטן־מאַסן נייע צילן און נייע אידעען, וועלכע זאָלן פאַר זיי מאַכן פאַר־שטענדלעך די אומענדלעכע מלחמה־פאַרשלעפּעניש.

אַזאַ לאַגע האָט געמוזט אַרויסרופן אַ געוואַלדיקע אויפרעגונג אין די סאָלדאַטן־מאַסן און אַן אומגעהייערע אומצופרידנהייט.

די צאַרישע אַרמיי האָט געהאַט אַ שטרענגע דיסציפּלין, וועלכע האָט צו־בויפגעבונדן די סאָלדאַטן. איצט איז פון דער אַלטער דיסציפּלין קיין זכר ניט געבליבן. די דעזאָרגאַניזאַציע פון דער אַרמיי איז געוואַקסן פון טאָג צו טאָג, און די גרויסע מיליאָנען־אַרמיי איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אומאָרגאַניזירטע סאָלדאַטן־יחידים, וועלכע זיינען געווען גרייט אַלץ צו פאַרקויפן, אַלץ אָפּ־צוגעבן, אַבי נאָר דער שלום זאָל געשלאָסן ווערן און עס זאָל באַשאַפן ווערן אַ מעגלעכקייט פאַר זיי אומצוקערן זיך אַהיים און ווערן מענטשן מיט מענטשן גלייך.

אָט דעם געזונטן מענטשלעכן געפיל, דעם פאָלקס־אינסטינקט, האָבן ניט געוואָלט פאַרשטיין יענע גרופן, וועלכע זיינען געשטאַנען ביים רעגירונגס־רודער און וועלכע האָבן זיך נאָר געקליגט, ווי אַזוי צו אויסטראַכטן רעפּ־רעסיווע און שטראָף־מיטלן קעגן די דעזערטירן און „באַפרייטע קנעכט“, ווי קערענסקי האָט אָנגערופן די שלום־דורשטיקע סאָלדאַטן.

דער דאָזיקער אַנטאַגאָניזם צווישן די סאָלדאַטן און רעגירונגס־פאַרטייען האָט געשאַפן אַ גוטן באָדן פאַר די באָלשעוויסטישע אַגיטאַטאָרן, וועלכע האָבן אין די סאָלדאַטן־מאַסן געפונען אַ געוואַלדיקע אָנשפּאַרונגס־קראַפט אין זייער קאַמף קעגן דער רעגירונג.

עס איז געווען נאָך איין גרופּע, וועלכע איז באַזונדער טריי געווען די באָלשעוויקעס און וועלכע האָבן זיי אַמבעסטן געדינט און געהאָלפן. דאָס זיינען געווען די מאַטראָסן.

די מאַטראָסן פלעגן גענומען ווערן צום דינסט מער פון דער שטאָט־באַפעלקערונג, איידער פון דאָרף, און דעריבער זיינען די מאַטראָסן געווען אייגנטלעך אַ טייל פון שטאָטישן פּראָלעטאַריאַט און זיינען מער פון די סאָל־דאַטן געווען פאַרבונדן מיט דעם שטאָט־פּראָלעטאַריאַט. די דינסט אויף די גרויסע קריגס־שיפן האָט אויך געפאָדערט מער ספּעציעלע קענטעניש, איידער די דינסט אין דער אַרמיי, און אין דעם פּרט זיינען די מאַטראָסן אויך נענ־טער געווען צו די אַרבעטער.

די מאַטראָסן זיינען געווען אייגנטלעך אַרבעטער, וועלכע זיינען אַרויס־

געריסן געוואָרן מיט געוואַלד פון זייער קלאַס און צווישן אַזעלכע דעקלאַ־סירטע עלעמענטן קאָן מען שטענדיק באַמערקן אַ נטיה צו עקסטרעמע אידעען און מאַקסימאַליסטישע שטרעבונגען. די דאָזיקע נטיה האָט נאָך מער געדאַרפט פאַרשפרייט ווערן צווישן די מאַטראָסן, וועלכע האָבן ביים צאַרישן רעזשים אַמאַטאַרקסטן געליטן פון דער שרעקלעכער דיסציפלין און פון די רעפרעסיעס, וועלכע ס'האָבן אויף זיך ניט געהאַט די סאָלדאַטן־מאַסן.

די רעוואָלוציע האָט געמוזט אַרויסרופן אַ קאָנטראַסט ביי די מוראדיק־אונ־טערדריקטע מאַטראָסן, וועלכע האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן צו די באָלשעוויקעס מיט זייערע עקסטרעמע לאָזונגען און מיט זייער אויסגעשפראָכענער אַנטי־מי־ליטאַריסטישער אַגיטאַציע.

אָט אויף די עלעמענטן, וועלכע די רעוואָלוציע האָט אַרויסגעריסן פון זייער נאָרמאַלן לעבן־שטייגער, האָבן די באָלשעוויקעס אָנגעהויבן צו ווירקן אין די רעוואָלוציאָנערע שטימונג, וועלכע שאַפט תמיד אַ גוטן באָדן פאַר עקסטרעמיסטן און מאַקסימאַלע שטרעבונגען, האָט דעם דאָזיקן באָדן נאָך מער צוגעגרייט און אויסגעפּיטערט.

די פעברואַר־רעוואָלוציע האָט ניט אַריינגעטראָגן קיינע גרונד־שנויים אין סאָציאַלן לעבן פון רוסלאַנד. ביי דער מאַכט זיינען געבליבן די זעלביקע הערשנדיקע קלאַסן, ווי אין די פריערדיקע צאַרישע צייטן. די רעגירונג אין די רעגירונגס־פּאַרטייען האָבן ניט געטרעבט צו קיינע גרינדלעכע שנויים, ווייל זיי אַלע האָבן געהאַלטן, אַז עס איז פאָרגעקומען נאָר אַ בירגערלעכע רעוואָלוציע און בשום אופן ניט קיין סאָציאַלע.

די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי האָט דאַגעגן פון דער ערשטער מינוט גע־טענהט, אַז אין רוסלאַנד, וואו דער בירגערלעכער קלאַס איז שוואַך און וואו דער קאַפּיטאַליזם האָט נאָך ניט געלאָזן אַזעלכע טיפע וואָרצלען, ווי אין איי־ראָפּע אָדער אַמעריקע, וועט די פּאָליטישע רעוואָלוציע מוזן אומבאַדינגט ברענגען צו דער ממשלה פון פּראָלעטאַריאַט און פויערטום.

די דאָזיקע מיינונג, וועלכע די באָלשעוויקעס האָבן נאָך אַרויסגעזאָגט אין 1905 יאָר, האָבן זיי איצט אָנגעהויבן מיט דער גרעסטער קראַפט צו פאַר־שפרייטן צווישן די ברייטע פאָלקס־שיכטן.

און די דאָזיקע טעאָרעטישע מיינונג מיט אַלע פּראַקטישע קאָנסעקווענצן, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן, האָט טאַקע גאַנץ גיך געפונען דעם גרעסטן אָפּ־קלאַנג ביי די ברייטע פאָלקס־שיכטן, וועלכע זיינען געווען אומצופרידן מיט דער אומקלאָרער און וואַקלדיקער פּאָליטיק פון אַלע רעגירונגען, וועלכע די רעוואָלוציע האָט אַרויסגערופן צום לעבן.

## II.

די אומצופרידנהייט פון די ברייטסטע פאָלקס־מאַסן האָט זיך געלאָזט פילן אין יעדער געביט און אין יעדער ווינקל פון לאַנד. די רעגירונגס־פּאָליטיק האָט אינגאַנצן באַנקראָטירט און די פאָלקס־מאַסן האָבן אינגאַנצן פאַרלאָרן די האָפענונג, אַז די פשרה־פּאָליטיק פון דער בלאָק־רעגירונג קאָן אַרויסשלעפּן דאָס לאַנד פון דער שווערער לאַגע, צו וועלכער רוסלאַנד איז געקומען צוליב דער לאַנגער און שווערער מלחמה.

די סימנים פון אומצופרידנהייט זיינען געווען גענוג בולט און יעדער גרופּע און קלאַס פון דער באַפעלקערונג האָט אויף זיין שטייגער די דאָזיקע אומצופרידנהייט אויסגעדריקט.

אין די גרעסטע און קולטורעלסטע צענטערן פון לאַנד, אין פּעטערבורג און מאָסקווע, האָט זיך די אַלגעמיינע אומצופרידנהייט אויסגעדריקט אין די רעזולטאַטן פון די וואַלן פון די שטאָט־דומעס: אין פּעטערבורג האָט איין רעגירנדיקע פאַרטיי, די ס.־ר., פאַרלאָרן כמעט אַ העלפט פון אירע וויילער, און די צווייטע, די מענשעוויקעס, האָט אויך באַקומען זייער אַ נישטיקע צאָל שטימען ביי די דאָזיקע וואַלן.

אין מאָסקווע האָבן די ס. ר. און די מענשעוויקעס געהאַט ביי די וואַלן אין דער צענטראַלער שטאָט־דומע ביז 70% פון אַלע שטימען. אין סענטיאַבר אָבער ביי די וואַלן אין די ראַיאָן־דומעס ביי דעם זעלביקן וואַל־געזעץ האָבן שוין פאַר די זעלביקע פאַרטייען געשטימט ניט מער פון 18 פּראָצענט וויילער.

סיי אין פּעטערבורג און סיי אין מאָסקווע האָבן זיך אומגעהייער פאַרשטאַרקט די באָלשעוויקעס פון לינקס. פון רעכטס האָבן זיך פאַרשטאַרקט די קאַדעטן.

אויב אין די הויפּט־שטעט האָט זיך די אַלגעמיינע אומצופרידנהייט געקאָנט אויסדריקן דורך וואַל־ביולעטענעס, האָט אין פּראָווינץ, וואו די באַפעלקערונג איז געווען ווייניקער קולטורעל און אָרגאַניזירט, די זעלביקע שטימונג געמוזט באַקומען אַנדערע פאָרמען, כדי זי זאָל זיך אַרויסווייזן אויף דער גרויסער וועלט.

אין פאַרשיידענע שטעט און שטעטלעך האָבן זיך אָנגעהויבן גרויסע אומרוען, וועלכע פלעגן דאָס רוב פאָרקומען צוליב דער שלעכטער אַפּראָוויזאַציע־לאַגע און צוליב דעם, וואָס דער יקרות האָט געהאַלטן אין איין שטייגן.

די דאָזיקע אומרוען, אָדער די „אַנאַרכיע“, ווי מען פלעגט אין די רעגירונגס־קרייזן און אין דער בירגערלעכער פּרעסע פאַרצייכענען די דאָזיקע סימנים פון אומצופרידנהייט, האָבן זיך איבערגעוואָרפן פון איין שטאָט אין אַ צווייטער און פון איין קאַנט אין אַ צווייטן.

דער המון פלעגט ראַבעווען געשעפטן און גאַנץ אָפט פלעגן די דאָזיקע אומאָרדענונגען ברענגען צו בלוט-פאַרגיסונג אין אַזאַ מאָס, אַז די חדשים אַווגוסט און סענטיאַבער פון 1917 יאָר קאָנען געוויס פאַררעכנט ווערן פאַר די בלוטיקסטע אין דעם פעריאָד, ווען די קאָאַליציע-רעגירונג האָט געהאַט די ממשלה איבער רוסלאַנד.

חוץ די אומאָרדענונגען אין די שטעט האָט זיך אויך אָנגעהויבן אַ שטאַרקע און פיל געכערלעכע אַגראַר-באַוועגונג אין דאָרף. די קאָאַליציע-רעגירונג האָט גאַנץ ווייניק געטאָן, כדי צו רעגולירן די אַגראַרע באַציאונגען אין דאָרף און ראַדיקאַל ערליידיקן די דאָזיקע וויכטיקסטע פראַגע פונם רוסישן לעבן. די פויערים האָבן שוין אָנגעהויבן צו פאַרלירן די אמונה, אַז די נייע רעגירונג וועט ערפילן זייערע שטאַרקסטע און דרינגנדיקסטע וואונטשן און פאָדערונגען בנוגע צו די ערד-נחלאות.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה פון אגראַר-אומרוען, וועלכע האָבן זיך אויסגעדריקט אין דעם, וואָס די פויערים פלעגן חרוב מאַכן די פריצישע מאַיאָנטקעס, טיילן צווישן זיך די פריצישע ערד און דערביי פאַרניכטן דאָרט דעם גאַנצן לעבעדיקן אינווענטאַר.

די רעגירונג האָט, פאַרשטייט זיך, ניט געקאָנט רואיק בלייבן ביי אַזאַ הורבן פון די לאַנד-רייכטימער און האָט געשיקט שטראָף-עקספּעדיציעס, כדי איינשטילן די באַוועגונג, אָבער די אַלע מיליטערישע עקספּעדיציעס האָבן ווייניק געהאָלפן, בפרט, ווען די סאָלדאַטן, די זעלביקע פויערים אין מיליטערישע קליידער, זיינען אויך ניט געבליבן גלייכגילטיק צו אַלץ, וואָס קומט פאָר אין לאַנד, און האָבן אמשאַרפסטן פּראָטעסטירט קעגן דער פּאָליטיק פון דער רעגירונג און קעגן דעם, וואָס זי איז ניט אימשטאַנד דורכפירן אַלע נייטיקע רעפאָרמעס אין לאַנד און ברענגען פאַר די סאָלדאַטן אַ שלום און אַ מיגלעכקייט צוריקקערן זיך צו נאָרמאַלע לעבנס-באַדינגונגען.

די סאָלדאַטן פון פראָנט און איבערהויפּט פון „טיל" זיינען קיין מאָל ניט געווען באַזונדער צופרידן מיט זייערע קאָמאַנדירן און אָפיצירן, וועלכע האָבן אין די צאַרישע צייטן דורכגעפירט די שטרענגסטע דיסציפּלין. די פּאָליטיק פון דער בלאָק-רעגירונג האָט געבראַכט דערצו, אַז דער געוואַלדיקער תהום צווישן די סאָלדאַטן און זייערע קאָמאַנדירן זאָל ווי עס איז פאַרגלעט ווערן. מיט דער דאָזיקער לאַגע זיינען ניט געווען צופרידן ביידע צדדים, ניט די אָפיצירן, וועלכע האָבן געטענהט, אַז די דיסציפּלינלאָזיקייט ברענגט דערצו, אַז די גרויסע סאָלדאַטן-מאַסן פאַרלירן אינגאַנצן זייער מיליטערישע באַדייטונג און ווערן פאַרוואַנדלט אין אַ פינסטערן אַנאַרכיסטיש-געשטימטן המון, וועלכער איז אַ סכנה פאַר דער פרידלעכער באַפעלקערונג.

די סאָלדאַטן פון זייער זייט האָבן מיט דעם געזונטן חוש פון פאָלקס-מאַסן פאַרשטאַנען, אַז זייער איצטיקע לאַגע פון ליידיק-גייענדיקע מענטשן, וואָס לעבן על חשבון פון דער געזעלשאַפט, איז ניט נאָרמאַל, און האָבן מיט זייער

גאַנצן האַרצן געשטרעבט צוריקקערן זיך צו די פעלדער, פון וואַנען מען האָט זיי אָפּגעריסן, און צום נאָרמאַלן לעבן און אַרבעט.

די פּאָדערונגען פון גענעראַליטעט, אַז עס זאָל ווידער איינגעשטעלט ווערן די דיסציפּלין, האָבן די סאָלדאַטן געטייטשט אַזוי, אַז די אָפיצירן ווילן צוריק אומקערן די אַלטע שטעקן־אָרדענונגען אין דער אַרמיי און פאַרשלעפּן די מלחמה, און דאָס האָט געמוזט געוואַלדיק פאַרשאַרפן די באַציאונגען צווישן ביידע טיילן פון דער אַרמיי.

באַזונדער שאַרף זיינען געוואָרן די באַציאונגען צווישן די סאָלדאַטן און אָפיצירן נאָך קאָרנילאָווס אַוואַנטורע, וואָס כמעט דער גאַנצער אָפיצירן־קאָרפּוס האָט איר אָפן סימפּאַטיזירט. אין פאַרשיידענע אַרמיי־גרופּן זיינען פיל אָפיצירן פון פאַרשיידענע ראַנגען דערשאָסן געוואָרן און אין פיל ערטער זיינען פאָר געקומען בלוטיקע צוזאַמענשטויסונגען צווישן סאָלדאַטן און אָפיצירן, וואָס האָט געוואַלדיק פאַרשטאַרקט די דעזאָרגאַניזאַציע פון דער רוסישער אַרמיי.

די שנאה פון די סאָלדאַטן צו די אָפיצירן און גענעראַלן נאָך דער קאָרנילאָווס אַוואַנטורע האָט זיך אַמבולטסטן אַרויסגעוויזן, בעת מען האָט געדאַרפט איבערפירן פון בערדיטשעוו קיין ביכאָוו דעם אַרעסטירטן גענעראַל דעניקין און זיינע חברים, וועלכע האָבן זיך געשטעלט אָפן אויף קאָר־נילאָווס צד.

די סאָלדאַטן האָבן געפאָדערט, אַז מען זאָל די גענעראַלן פירן אומבאַ־דינגט צופוס צום וואָקזאַל און אין משך פון דעם גאַנצן וועג האָבן מחנות סאָלדאַטן באַליידיקט די אַרעסטירטע גענעראַלן און דער הויפּטקאָמאַנדיר פון דעם דרום־מערב־פראָנט, גען. וואָלאָדטשענקאָ, האָט געמוזט אַליין באַגלייטן די אַרעסטירטע גענעראַלן, כדי די סאָלדאַטן זאָלן זיי ניט צורייסן אויף שטיקער.

די רעגירונג האָט ניט געקאָנט גלייכגילטיק זען, ווי דער אָפיצירן־קאָרפּוס ווערט פאַרניכטעט, און האָט דעריבער גענומען די אָפיצירן אונטער איר שוץ, וואָס האָט נאָך מער פאַרשאַרפט דעם צאָרן קעגן דער רעגירונג.

די שנאה צו די אָפיצירן און דער אומצוטרוי צו זיי האָט זיך מוראדיק פאַרשטאַרקט איבערהויפּט, ווען עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין די גרויסע מפּלות פון דער רוסישער אַרמיי ביי ריגע זיינען אין אַ גרויסער מאָס געווען שולדיק דער הויפּט־קאָמאַנדיר קאָרנילאָוו און אַלע איבעריקע גענעראַלן, וועלכע האָבן אָבער בעגאָסן מיט שמוץ און בלבולים די גאַנצע רוסישע אַרמיי, וואָס איז, לויט זייער מיינונג, באַשטאַנען נאָר פון דעזערטירן און פאַררעטער.

יעדער פּשוטער סאָלדאַט האָט פאַרשטאַנען, אַז ביי אַזעלכע באַציאונגען צווישן די קאָמאַנדירן און סאָלדאַטן וועט זיין אוממיגלעך צו האָפן אויף וועלכע עס איז נצחונות, בפרט ווען פיל פון די רעאַקציאָנערן האָבן גאַנץ אָפן אָנגעהויבן צו ריידן וועגן דעם, אַז עס וואָלט ניט שאַדן, ווען די דייטשן זאָלן קומען קיין פּעטערבורג, צעטרייבן דאָרט אַלע ראַטן און איינפירן דאָרט די

זעלביקע אָרדענונגען, ווי זיי האָבן געטאָן אין ריגע און אין די אַנדערע דורך זיי פאַרנומענע שטעט.

דערצו איז נאָך געקומען די שווערע אַפּראָוויזאַציע-לאַגע פון דער אַרמיי. די סאָלדאַטן פלעגן צוליב דעם שלעכטן טראַנספּאָרט-צושטאַנד בלייבן אָן שפּייז און אָן דערנערונג און דאָס האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט די דעזאָרגאַניזאַציע און די מוראדיקע שנאה צו דער מלחמה, וואָס ווערט, צוליב סבות, אומבאַוואוסטע פאַר די סאָלדאַטן, פאַרשלעפּט.

ביי אַזאַ שטימונג איז ניט צו באַוואונדערן, וואָס יעדער געדאַנק וועגן אַ נייע ווינטער-קאָמפּאַניע האָט געדאַרפט אויסזען ביי די סאָלדאַטן פאַר אומדערטרעגלעך.

דער האַרבסט האָט זיך אָבער אָנגעהויבן צו דערנעענטערן און די סאָלדאַטן האָבן מורא געהאַט, אַז זיי וועלן מוזן ווידער פאַרברייננען אַ האַרבסט און אפשר נאָך אַ גאַנצן ווינטער אין די אָקאָפּעס אָן אַ ציל און אָן אַ האָפענונג.

די סאָלדאַטן האָבן באַמערקט, אַז זייערע אויסגעווײלטע אָרגאַניזאַציעס זיינען ניט אימשטאַנד אָדער ווילן ניט באַפרייען זיי פון אָקאָפּען-יאָך און פון דער פאַרהאַסטער מלחמה, און זיי האָבן זיך גענומען אַליין אויפזוכן מיטלען, ווי אַזוי צו מאַכן אַ סוף פון דער מלחמה. די סאָלדאַטן האָבן אָנגעהויבן צו פאַרניכטן אַלע פאַרשיידענע מלחמה-און אַמוניציע-זאַפּאַסן, כדי כאָטש אויף אַזאַ אופן דערנענטערן דעם סוף פון דער מלחמה און כדי עס זאָל ניט קענען פאָרקומען קיין נייע ווינטער-קאַמפּאַניע. די צאָל דעזערטירן איז פון טאָג צו טאָג געוואַקסן און יעדער פּאָלק און אַרמיי-גרופּע האָט טאָג-טעגלעך געשיקט קיין פּעטערבורג דעלעגאַטן, וועלכע פלעגן דעם פּעטערבורגער ראַט שטעלן האַרבע קשיות און שטרענגע פאָדערונגען: ווען וועט קומען אַ סוף צו דער מלחמה, ווען וועלן די אַרבעטער און סאָלדאַטן נעמען די מאַכט אין זייערע הענט און פאַרווירקלעכן אַלע שטרעבונגען און וואונטשן פון די אַרבעטער, פּויערים און סאָלדאַטן.

די דעלעגאַטן פון פאַרשיידענע אַרמיי-גרופּן, וועלכע פלעגן קומען קיין פּעטערבורג, האָבן אָנגעהויבן צו פאָדערן, אַז די פּעטערבורגער פירער זאָלן מאַכן אַ סוף צו די רייד און זאָלן איבערגיין צו מעשים, ווייל אויב די לאַגע וועט זיך ניט ענדערן תיכף ראַדיקאַל, וועט אומבאַדינגט פאָרקומען אַ קאַטאַסטראָפע.

די דעלעגאַטן פון פראָנט האָבן געפאָדערט, אַז פּעטערבורג זאָל מער ניט שווייגן און אַרויסזאָגען זיין ענטגילטיקן וואָרט, אויף וועלכן די אַרמיי וואַרט מיט דעם גרעסטן אומגעדולד.

---

## .III

פעטערבורג האָט טאַקע דעמאָלט ניט געשוויגן. די פעטערבורגער לופט איז צו יענער צייט שוין געווען געבוג אָנגעזעטיקט מיט פולווער-און אויפרייס-מאַטעריאַלן און עס האָט געפעלט נאָר איין צינד-העלצל, כדי עס זאָל פאָרקומען דער גרויסער אויפרייס, אויף וועלכן אַלע האָבן טאַקע געוואַרט.

אַזאַ צינד-העלצל האָט אויף זיך לאַנג ניט געלאָזט וואַרטן און, ווי עס קומט אָפט פאָר, איז דער לעצטער סכסוך, וועלכער האָט געבראַכט צו דעם באַוואָפנטן אַרויסטריט פאָרגעקומען צוליב אַ פאַרהעלטענישמעסיק קליינווירדיקער פראַגע—צוליב דער פראַגע וועגן דעם פעטערבורגער גאַרניזאָן, וועלכן די צייטווייליקע רעגירונג האָט געוואָלט אַרויספירן פון פעטערבורג אויף דעם נאָענטסטן פראָנט, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן באַלד, ווי די דייטשן האָבן פאַרנומען די אינזלען דאַגאָ, עזעל און מאָאָן, און געשאַפן דערמיט אַ דירעקטע סכנה פאַר פעטערבואַג.

די צייטווייליקע רעגירונג האָט שוין דעמאָלט אינגאַנצן פאַרלאָרן דעם אַווטאָריטעט אין לאַנד. די רעכטע גרופן האָבן זיך אָרגאַניזירט אין מאָסקווע און האָבן אָפן און קלאָר ערקלערט זיך פאַר אָנהענגער פון דעם גענעראַל קאָרנילאָוו, וועלכער איז געווען אַרעסטירט און איבערגעגעבן צום געריכט פאַר זיין באַוואָפנטן אַרויסטריט קעגן דער רעגירונג. קיינע קאָאַליציע-פשרות פון קערענסקי האָבן די דאָזיקע גרופן ניט געקאָנט צופרידנשטעלן, ווייל זיי זיינען געווען קודם-כל קעגן קערענסקין אַליין און זיי האָבן געשטרעבט צו אַ שטאַרקער מאַכט, צו אַ דיקטאַטור, וועלכע זאָל מאַכן אַמשנעלסטן אַ סוף צו אַלע מאַכט-וואַקלענישן פון לינקס אויף רעכטס און פון רעכטס אויף לינקס, מיט וואָס ס׳האָט זיך אויסגעצייכנט קערענסקיס רעגירונג.

די דעמאָקראַטישע און סאָציאַליסטישע גרופן, וועלכע האָבן ביז איצט געשטיצט אָן שום תנאים קערענסקין, האָבן אויך פאַרלאָרן צו אים דעם צוטרוי, איבערהויפט, ווען ער האָט קעגן דעם דייטלעכן באַשלוס פון דער פעטערבורגער דעמאָקראַטישער באַראַטונג אָרגאַניזירט אַ נייע קאָאַליציע-רעגירונג צוזאַמען מיט די קאַדעטן, וועלכע זיינען געווען פולקום קאָמפּראָמעטירט נאָך קאָרנילאָווס עקספעדיציע אויף פעטערבורג.

דער ראַט פון דער רעפובליק, וועלכער איז דעמאָלט געעפנט געוואָרן, און אין וועלכן ס׳האָבן געזאָלט אָנטייל נעמען אַלע פאַרטייען פון רעכטס ביז לינקס, האָט פאַקטיש קיין שום מאַכט ניט געהאַט און לויט זיין צוזאַמענשטעל און זיינע רעכט האָט ער מיט קיין זאַך ניט געקאָנט העלפן קערענסקיס רעגירונג.

דער פעטערבורגער אַרבעטער-און סאָלדאַטן-ראַט, אַרום וועלכן ס׳האָט זיך

קאָנצענטרירט דער גאַנצער פעטערבורגער גאַרניזאָן און דאָס גרעסטע רוב פון פעטערבורגער אַרבעטערשאַפט איז צו יענער צייט אינגאַנצן געווען אונ־טער דער פולקומער השפּעה פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי מיט אירע עקסטרעמע לאָזונגען וועגן דער נויטיקייט תיכף צו פאַרכאַפּן די מאַכט און מאַכן אַ סוף צו דער וואַקלדיקער פּאָליטיק פון קערענסקיס קאָאַליציאָנעלע רעגירונגען.

ביי אַזאַ שטימונג פון דעם פעטערבורגער ראַט און ביי אַזאַ אומצוטרוי־צו אַלע קערענסקיס פּלענער און מעשים איז ניט צו באַוואונדערן, וואָס דער פעטערבורגער ראַט האָט זיך באַזונדער שטאַרק באַאומרואיקט, ווען צו אים זיינען געקומען פאָרשטייער פון דעם פעטערבורגער מיליטער־שטאַב און האָבן ערקלערט, אַז עס האַט זיך באַקומען אַ באַפעל, אַז ⅔ פון דעם פעטערבורגער גאַרניזאָן דאַרפן תיכף אַרויסגעפירט ווערן פון שטאָט אויפן פראָנט.

דער שטאַב האָט געפאָדערט, אַז דער פעטערבורגער ראַט זאָל באַשטע־טיקן דעם דאָזיקן באַפעל, אָבער דער ראַט האָט זיך ניט געאיילט צולייגן זיין שטעמפּל אויף דעם דאָזיקן באַפעל. אדרבה, דער דאָזיקער באַפעל האָט אַרויס־גערופן זייער פיל ספקות ביי דעם פעטערבורגער ראַט.

מען האָט נאָך ניט פאַרגעסן, אַז איידער קאָרנילאָוו האָט אַרויסגעשיקט זיין מיליטער קעגן פעטערבורג, האָט מען אויך פון העכסטן שטאַב אַרויסגע־רופן צוליב וויכטיקע „סטראַטעגישע" מאָטיוון פינף פעטערבורגער פּאָלקן. עס האָט זיך במילא געשטעלט אַ באַאומרואיקנדיקע פראַגע: אפשר האָט די רעגירונג איצט אויך דערביי אַ פאַרבאָרגענע כונה און וויל אַרויספירן פון פעטערבורג די באָלשעוויסטיש־געשטימטע פּאָלקן, כדי צושפּרייטן זיי אויף דעם גאַנצן פראָנט און איינציקווייז אָפּרעכענען מיט זיי זיך פאַר אַלע אומאָנגענעמלעכקייטן, וואָס די רעגירונג האָט געמוזט פון זיי אויסשטיין אין פעטערבורג, און באַפרייען גלייכצייטיק פעטערבורג פון די באָלשעוויסטיש־געשטימטע סאָלדאַטן.

דער דאָזיקער באַפעל האָט באַזונדער שטאַרק אינטערעסירט די פעטער־בורגער סאָלדאַטן, אָבער די אַרבעטער זיינען אויך ניט געבליבן גלייכגילטיק צו דער דאָזיקער פראַגע, ווייל זיי האָבן אויך מורא געהאַט, אַז נאָכדעם ווי קערענסקי וועט אָפּריייניקן די שטאָט פון די רעוואָלוציאָנערע און באָלשעוויס־טישע פּאָלקן, וועט זיך אָנהייבן אַ קאַמף מיט די אַרבעטער, אויף וועלכע די רעאַקציאָנערע אָפיצירן און יונקערס האָבן שוין לאַנג געוואָרפן אַ בייז אויג.

חוץ דעם, האָט די פראַגע וועגן די פעטערבורגער פּאָלקן געהאַט ניט נאָר אַ לאָקאַלן כאַראַקטער, נאָר אַ פיל גרעסערע אַלגעמיין־פּאָליטישע באַדייטונג:

נאָך לאַנגע דעבאַטן און מאַטערניש איז די באָלשעוויקעס געלונגען פועלן ביי דעם מענשעוויסטישן צ. א. ק., אַז עס זאָל דעם 25 אָקטאָבער צו־נויפגערופן ווערן דער צווייטער אַלרוסישער ראַטן־צוזאַמענפאָר. לויט די אַלגע־מיינע שטימונגען אין לאַנד איז ניט געווען קיין שום ספק, אַז דער דאָזיקער צוזאַמענפאָר וועט האָבן אַ באָלשעוויסטישע מערהייט. די באָלשעוויקעס האָבן

זיך ניט געשעמט צו ערקלערן, אַז זיי וועלן אויף דעם צווייטן צוזאַמענפאָר אויעקשטעלן אין דער גאַנצער ברייט און שאַרפקייט די פראַגע וועגן דער מאַכט און וועגן דעם, אַז די מאַכט זאָל איבערגיין צו די ראַטן. עס איז אויך קיין ספק ניט געווען, אַז דער קומענדיקער צוזאַמענפאָר וועט זיך אַרויסזאָגן פאַר דער ראַטן-מאַכט, וואָס, לויט דער באָלשעוויסטישער קאָנצעפּציע, האָט עס געהייסן, אַז די מאַכט דאַרף פּראַקטיש תיכף ומיד איבערגיין צו די אַרבעטער און פּויערים און גלייכצייטיק מוז קומען אַ סוף צו אַלע בלאָק-רעגירונגען.

עס איז געווען לייכט צו פאַרשטיין, אַז כדי די באַשלוסן פון צווייטן צוזאַמענפאָר זאָלן האָבן אַ פּראַקטישע באַדייטונג און זאָלן קאָנען פאַרווירקלעכט ווערן אין לעבן, מוז דערביי זיין אַ געוויסע קראַפט, וועלכע זאָל זיין אימשטאַנד מיטהעלפן ביי דער פאַרווירקלעכונג פון די דאָזיקע באַשלוסן. מיט אַנדערע ווערטער, צו דעם צווייטן ראַטן-צוזאַמענפאָר האָט געדאַרפט זיין אין פּעטערבורג אַ גענוגנדע מיליטערישע קראַפט, וועלכע זאָל קאָנען מיט געוואַלד דורכפירן די באַשלוסן פון צוזאַמענפאָר, אויב די קעגנער וועלן ניט זיין גרייט מיט גוטן צו אַנטזאַגן זיך פון דער מאַכט.

ביי אַזאַ לאַגע האָט דער אויבנדערמאָנטער באַשלוס פון שטאַב געקאָנט אַרויסרופן גענוג חשד, און עס איז געווען שווער צו פאַרשטיין, פאַרוואָס האָט קערענסקיס שטאַב פּלוצלונג אָנגעהויבן פילן אַזאַ דרינגנדע נויטיקייט אין די פּעטערבורגער פּאָלקן, וועלכע, ווי אַלע האָבן געוואוסט, האָבן אין דער גאַנצער רעוואָלוציאָנערער צייט צופיל פאַרנומען זיך מיט פּאָליטיק און גאָר ווייניק מיט מיליטערישע ענינים און וועלכע האָבן דעריבער אין מיליטערישן זין געהאַט דעם קלענסטן ווערט.

ביי די אָנגעשטרענגטע באַציאונגען, וועלכע זיינען געווען צווישן דעם פּעטערבורגער ראַט און קערענסקין, האָט גאַנץ לייכט געקאָנט אַרויפשווימען אַ פאַרדאַכט, אַז קערענסקי וויל מיט אַ כונה צונעמען פון פּעטערבורג ביז דעם 25 אָקטאָבער אַלע באָלשעוויסטיש-געשטימטע פּאָלקן, כדי ער זאָל קאָנען מיט עטליכע הונדערט קאָזאַקן אָדער יונקערס צוטרייבן דעם אַלרוסישן ראַטן-צוזאַמענפאָר, אויב נאָר ער וועט אַרויסטרעטן קעגן אים און וועט פּרובן דעקלאַרירן די ראַטן-מאַכט אין רוסלאַנד.

עס איז קיין שום ספק ניט געווען, אַז די באָלשעוויקעס וועלן באַשטימט פּרובן אויסנוצן דעם קומענדיקן צוזאַמענפאָר צו זייער צוועק און צופּאַסן צו אים אַלע זייערע געפּלאַנטע אַרויסטרעטונגען קעגן דער רעגירונג. די באָלשעוויסטישע פּרעסע, די באָלשעוויסטישע פאַרזאַמלונגען און מיטינגען האָבן געגעבן גענוג מאַטעריאַל פאַר יעדער איינציקן, וואָס האָט זיך נאָר אינטערעסירט מיט דער פראַגע, וואָס פּלאַנעווען די באָלשעוויקעס אין נאָענטסטן צוקונפט.

אין דער באָלשעוויסטישער פּרעסע האָט זיך צו יענער צייט אָנגעהויבן אַ שאַרפע פּאָלעמיק קעגן די שוואַכע און ווייכלייביקע, וועלכע האָבן זיך,

קאָנטיק, דערשראָקן פאַר די קאָנסעקווענצן פון זייער אייגענער אַגיטאַציע און האָבן אָנגעהויבן פּרובן ציען דעם באָלשעוויסטישן רייט־וואָגן צוריק. קעגן אַזעלכע שוואַכע איז אַרויסגעטראָטן לענין מיט זייער שאַרפע, לויט זיין שטייגער, אַרטיקלען, און פאַר אַלעמען, וועלכע האָבן געהאַט כאָטש אַ קליינע השגה אין די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי־מנהגים, איז קלאָר געווען, אַז די מערהייט פון דער פּאַרטיי וועט גיין מיט די פירער, ביי וועמען די פראַגע פון אַ באַוואָפנטן אַרויסטריט איז געווען אַ פראַגע פון טעג.

אין די קרייזן, וועלכע האָבן געהאַט אַ שייכות צו די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי־גרופּן, איז אויך געווען באַוואוסט, אַז דעם 10 אָקטאָבער איז פאָרגעקומען אַ זיצונג פון דעם באָלשעוויסטישן צ. ק. מיטן אָנטייל פון לענינען אַליין, וועלכער האָט געפונען פאַר נייטיק צו באַווייזן זיך פון זיין באַהעלטעניש און פּועלן ביי דעם צ. ק., אַז ער זאָל אַוועקוואַרפן אַלע ספקות און מיט דער גאַנצער ענערגיע, וועלכע די באָלשעוויקעס האָבן שטענדיק אַרויסגעוויזן, נעמען זיך תיכף צו צוגרייטן אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד, וועלכער וועט מאַכן אַ סוף פון דער קאָאַליציע־רעגירונג און וועט איבערגעבן די גאַנצע מאַכט אין לאַנד די אַרבעטער־און סאָלדאַטן־ראַטן.

ביי אַזאַ אַ לאַגע איז געווען קלאָר, אַז די באָלשעוויקעס און דער פּעטערבורגער ראַט, וועלכער איז שוין געווען אינגאַנצן אין די הענט פון די באָלשעוויקעס, וועט אַזוי לייכט ניט אונטערגעבן זיך דער רעגירונג בנוגע צו דער פראַגע וועגן אַרויסשיקן די פּעטערבורגער פּאָלקן און וועט זיך מיט דער גאַנצער ענערגיע שטעלן קעגן דער רעגירונג.

---

## IV.

די פראַגע וועגן דעם פּעטערבורגער גאַרניזאָן האָט באַאומרואיקט ניט נאָר די באָלשעוויקעס אַליין.

די מענשעוויסטישע פראַקציע פון פּעטערבורגער ראַט, וועלכע האָט שוין אויך קיין באַזונדער צוטרוי צו קערענסקין ניט געהאַט, האָט אויף דער זיצונג פון אויספיר־קאָמיטעט פון דעם פּעטערבורגער ראַט, אויף וועלכער די פראַגע וועגן דער סכנה פאַר פּעטערבורג איז געשטאַנען, האָט גאַנץ אָפן ערקלערט, אַז די פאָדערונג פון דעם מיליטער־שטאַב וועגן דעם פּעטערבורגער גאַרניזאָן איז גענוג פאַרדעכטיק און די מענשעוויקעס האָבן דעריבער פאָרגעלייגט, אַז ביי דעם קאָמאַנדיר פונם פּעטערבורגער מיליטער־ראַיאָן זאָל אָרגאַניזירט ווערן אַ באַזונדער קאָלעגיע פון פאָרשטייער פון פּעטערבורגער ראַט און נאָך אייניקע אָרגאַניזאַציעס, און די דאָזיקע קאָלעגיע דאַרף אַכטונג געבן, וועלכע פּאָלקן ווערן אַרויסגעפירט פון פּעטערבורג און צוליב וועלכע צילן ווערט דאָס געטאָן.

די מענשעוויקעס און די ס. ר. האָבן פאָרגעלייגט דעם פּראָיעקט פון אַזאַ

קאָנטראָל־קאָלעגיע, ווייל זיי האָבן מורא געהאַט צו שאַפן אַ באַזונדערן רעוואָלוציאָנערן שטאַב ביי דעם מיליטערישן שטאַב, כדי די דאָזיקע צוויי אינסטיטוציעס זאָלן צווישן זיך ניט אָנהייבן צו פירן אַ קאַמף, וועלכער וועט פאַרשאַרפן די באַציאונגען צווישן דעם פעטערבורגער ראַט און דעם מיליטערישן שטאַב, וואָס קאָן ברייגען צו ערנסטע און געפערלעכע קאָנפליקטן.

די באָלשעוויקעס אָבער האָבן פאַר אַזעלכע קאָנפליקטן ניט געשראָקן זיך, אַדרבא, זיי האָבן געוואָלט זיי פאַרטיפן און וואָס גיכער אַרויסרופן און עס איז דעריבער ניט צו באַוואונדערן, וואָס אין עטלעכע טעג אַרום, נאָכדעם ווי עס איז אָנגענומען געוואָרן די מענשעוויסטישע רעזאָלוציע וועגן דער קאָנטראָל־קאָלעגיע, טראָגן אַריין די באָלשעוויקעס אויף דער פלענאַר־זיצונג פון דעם פעטערבורגער ראַט אַ נייע רעזאָלוציע וועגן דעם, אַז ביי דעם פעטערבורגער ראַט זאָל געשאַפן ווערן אַ קריגס־רעוואָלוציאָנערער שטאַב קעגן דעם מיליטערישן שטאַב, וועלכער וויל פטור ווערן פון די פעטערבורגער מיליטער־טיילן. לויט דער רעזאָלוציע, וואָס די באָלשעוויקעס האָבן פאָרגעלייגט און וועלכע איז אָנגענומען געוואָרן, האָט דער דאָזיקער רעוואָלוציאָנערער שטאַב אָדער קריגס־רעוואָלוציאָנערער קאָמיטעט געהאַט זייער ברייטע רעכט, ווייל ער, און נאָר ער, האָט געדאַרפט האָבן די רעכט צו באַשטימען, וויפיל מיליטער איז נייטיק איבערצולאָזן אין פעטערבורג און וויפל אַמוניציע און געווער דאַרפן פאַרבלייבן דאָרט. דער דאָזיקער קאָמיטעט האָט געדאַרפט אויך אויסאַרבייטן אַלע פלענער, ווי אַזוי צו פאַרטיידיגן פעטערבורג, און האָט אויך געדאַרפט זאָרגן וועגן דער דיסציפלין פון אַלע פעטערבורגער פאָלקן.

עס איז געווען קלאָר, אַז אַזאַ נייע אינסטיטוציע מיט אַזעלכע ברייטע רעכט האָט געמוזט אַרויסרופן אַ קאָנפליקט מיט דעם אַלטן אָפיציעלן שטאַב, ווייל דער נייער שטאַב האָט אייגנטלעך צוגענומען פאַר זיך אַלע רעכט און אַלע אויפגאַבן פון דעם אַלטן, און עס איז געווען פאַרשטענדלעך, אַז דער רעגירונגס־שטאַב מיט דעם גאַנצן גענעראַליטעט, וואָס האָט אין שטאַב געאַרבעט, צוזאַמען מיט קערענסקין, וועלכער האָט זיך אָפיציעל גערעכענט פאַר דעם קאָמאַנדיר פון אַלע מיליטערישע כוחות, וועלן ניט ערלויבן אַזאַ „מאַכט־פאַרכאַפונג" פון דעם פעטערבורגער ראַט.

די אָפּאָזיציאָנעלע גרופן פון דעם פעטערבורגער ראַט, די מענשעוויקעס און די ס. ר., האָבן דאָך אָנגעוויזן, אַז מיט דעם נייעם שטאַב ווילן די באָלשעוויקעס אַרויסרופן אַ קאָנפליקט און שאַפן אַ פאַסענדיקן באָדן פאַר זייער געפּלאַנטן אַרויסטריט קעגן דער רעגירונג.

אָבער ווי קליין איז שוין דעמאָלט געווען די ווירקונג פון די דאָזיקע אָפּאָזיציאָנעלע גרופן אין פעטערבורגער ראַט, קאָן מען זען דערפון, וואָס בעת די באָלשעוויסטישע רעזאָלוציע וועגן דעם קריגס־רעוואָלוציאָנערן קאָמיטעט איז געוועגשטעלט געוואָרן צו דער אָפּשטימונג, איז זי אָנגענומען געוואָרן מיט אַלע שטימען קעגן דריי.

די מענשעוויקעס און די ס. ר. האָבן געמאַכט נאָך אַ פּרוב מבטל צו מאַכן דעם באָלשעוויסטישן פּראָיעקט פון דעם ק.־ר. קאָמיטעט. אין פּעטער־גער ראַט האָבן די דאָזיקע פּאַרטייען שוין דעמאָלט ניט געהאַט כמעט קיין שום ווירקונג, אָבער דער צענטראַלער אויספיר־קאָמיטעט פון די ראַטן־צוזאַ־מענפאָרן איז כמעט אינגאַנצן געווען ביי די דאָזיקע פּאַרטייען. דער צ. א. ק. האָט דעריבער באַשלאָסן צונויפרופן אַ ספּעציעלע פאַרזאַמלונג פון דעם פּע־טערבורגער גאַרניזאָן, כדי צו ערקלערן דאָרט די גרויסע סכנה, וואָס איז פאַר־בונדן מיט דעם באָלשעוויסטישן פּראָיעקט וועגן דעם ק. ר. ק., און פועלן, אַז די פאָרשטייער פון אַלע מיליטער־טיילן זאָלן ניט ערלויבן, אַז דער דאָזיקער פּראָיעקט זאָל פאַרווירקלעכט ווערן אין לעבן.

אויף דער דאָזיקער גאַרניזאָן־פאַרזאַמלונג זיינען געקומען די בעסטע כוחות פון דעם צ. א. ק., אָבער די באָלשעוויסטישע השפעה איז שוין געווען אזוי גרויס אין די כאָלדאַטן־רייען, אַז די דאָזיקע פאַרזאַמלונג, וועלכע איז באַשטאַנען דאָס רוב פון אַנטי־באָלשעוויקעס, האָט זיך ניט געקאָנט ערלויבן אָננעמען וועלכע עס איז רעזאָלוציעס און האָט באַשטימט, אַז די דאָזיקע פאַרזאַמלונג איז בכלל ניט רעכטמעסיק אָנצונעמען וועלכע עס איז באַשלוסן.

דאָס איז שוין געווען א פולקומע מפּלה פאַר דעם צ. א. ק., וועלכע האָט זיך נאָך בולטער אַרויסגעוויזן, ווען מיט צוויי טעג שפּעטער האָט די עקסטרע־פאַרזאַמלונג פון די פּעטערבורגער פּאָלקן־קאָמיטעטן אָנגענומען מיט אַ גרויסער מערהייט אַ רעזאָלוציע, וועלכע באַגריסט די אָרגאַניזאַציע פון דעם ק. ר. ק. און זאָגט אים צו פולקומע שטיצע און הילף.

די דאָזיגע רעזאָלוציע איז שוין געווען געווענדעט ניט נאָר קעגן קערענסקיס רעגירונג, נאָר אויך קעגן דעם העכסטן אַנשטאַלט, וואָס די דעמאָקראַטיע האָט געשאַפן, קעגן דעם צענטראַלן אויספיר־קאָמיטעט פון די ראַטן־צוזאַמענ־פאָרן. דערמיט אָבער האָבן זיך די באָלשעוויקעס ניט באַנוגנט. אין יעדער פּאָלק און אין יעדער מיליטער־אינסטיטוציע זיינען געווען קאָמיסאַרן פון צ. א. ק. איצט תּאַט דערק. ר. ק. באַשטימט אומעטום זייערע אייגענע קאָמיסאַרן, וועלכע די סאָלדאַטן האָבן געהאַט מער חשק צו פאָלגן. אויף אַזאַ אופן זיינען אַלע קאָמיסאַרן פון צ. א. ק. פאַקטיש באַזייטיקט געוואָרן פון זייערע אַמטן, ווייל קיינע זייערע פּראָטעסטן קעגן די באַפעלן פון די ניי־באַשטימטע קאָמי־סאַרן האָבן ניט געווירקט אויף די סאָלדאַטן. אָט אַזוי, צ. ב. ש., האָבן ניט געהאָלפן קיינע פאַרבאָטן און פּראָטעסטן קעגן טראָצקיס באַפעל צו די אַרבע־טער פון דעם סעסטראָרעצקער געווער־פאַבריק, אַז זיי זאָלן אַרויסגעבן 5000 ביקסן פאַר דער רויטער גוואַרדיע, וועלכע האָט זיך דעמאָלט אָרגאַניזירט און וועלכע איז באַשטאַנען אויסשליסלעך פון באָלשעוויסטיש־געשטימטע אַרבעטער. די אַרבעטער פון דער סעסטראָרעצקער געווער־פאַבריק האָבן פּינקטלעך און צו דער צייט ערפילט דעם באַפעל און באַוואָפנט די רויטע גוואַרדיע מיט די ביקסן, וועלכע זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן פון דער רעגירונגס פאַבריק־סקלאַדן.

צוזאַמען מיט דער אָרגאַניזאַטאָריש-מיליטערישער פּאָרבערייטונג האָט די באָלשעוויסטישע אָרגאַניזאַציע גלייכצייטיק אַרויסגעוויזן אַ מוראדיקע פּראָפּאַגאַנדע-און אַגיטאַציע-ענערגיע. אין פאַרשיידענע פּאָלקן, אויף פאַרשיידענע פאַבריקן פלעגן טאָג-טעגלעך פּאָרקומען גרויסע מיטינגען, וואו די באָלשעוויסטישע רעדנער האָבן צוגעגרייט די אַרבעטער און סאָלדאַטן צו די קומענדיקע געשעענישן און האָבן געזאַמלט כוחות. אייניקע גרויסע זאַלן, ווי צ. ב. ש. דער צירק „מאָדערן", איז אינגאַנצן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ באָלשעוויסטישן אַגיטאַציע-פּונקט, וואו טאָג-טעגלעך פלעגן פּאָרקומען מיטינגען מיטן אָנטייל פון טויזנטער מענטשן. טאָמער האָט דער צירק ניט געקאָנט אריינגעמען אַלע נייגעריקע צו די באָלשעוויסטישע דרשות, איז אויף דער גאַס אַרום צירק געווען אַ פּערמאַנענטער מיטינג, וואו עס איז געפירט געוואָרן אַ באָלשעוויסטישע אַגיטאַציע און וואו טויזנטער אַרבעטער, סאָלדאַטן און מאַטראָסן האָבן מיט אַ געוואַלדיקן חשק געפירט פּאָליטיש-סאָציאַלע וויכּוחים.

אָבער די דאָזיקע אַגיטאַציע האָט דערגרייכט איר העכסטע שטופע דעם 22 אָקטאָבער אין „טאָג פון פּעטערבורגער ראַט", ווען די באָלשעוויקעס האָבן צונויפגעזאַמלט אַלע זייערע כוחות און געמאַכט די לעצטע פּרוב-מאָביליזאַציע פאַר זייער געפּלאַנטן ענדגילטיקן אַרויסטריט.

דער דאָזיקער טאָג איז באַשטימט געוואָרן נאָך מיט עטלעכע וואָכן צוריק צוליב אַגיטאַציע-צוועקן און כדי צו זאַמלען געלט-מיטלען, אין וועלכע די באָלשעוויסטישע אָרגאַניזאַציע האָט זיך זייער געניייטיקט. אָבער „דער טאָג פון פּעטערבורגער ראַט" איז אויסגעפאַלן דווקא אין יענעם מאָמענט, ווען אַלעס איז שוין געשטעלט געוואָרן אין קאָן און ווען מען האָט געוואַרט, אַז יעדע מינוט איז מעגלעך דער לעצטער אויפרייס פון די אַלע ברען-מאַטעריאַלן, וועלכע האָבן זיך צונויפגעזאַמלט ביי ביידע צדדים אין אַ גענוגנדער מאָס.

דער גרויסער עולם האָט ערוואַרט, אַז דעם 22 אָקטאָבער וועט פּאָרקומען די לאַנג-ערוואַרטעטע רעוואָלוציע און אַז אויף די פּעטערבורגער גאַסן וועט ווידער פאַרגאָסן ווערן בלוט. אָבער דער דאָזיקער טאָג איז אַריבער פולקום רואיק, קיינע בלוט-פאַרגיסונגען און צוזאַמענשטויסונגען זיינען לחלוטין ניט פּאָרגעקומען, אָבער אין מאָביליזאַציאָנעם זין האָט ער זיך גלענצנד איינגעגעבן. אַלע גרויסע און קליינע זאַלן פון שטאָט און אומגעגנט זיינען געווען איבערפולט ביז דעם העכסטן גראַד מיט מענטשן, וועלכע זיינען געווען נייגעריק צו וויסן, וואָס זאָגן די באָלשעוויקעס איצט, ווען די לאַגע איז אָנגעשטריינגט אינערלעך און אויסערלעך, און וועלכע מיטלען לייגן זיי פאָר, כדי צו דער אומדערטרעגלעכער לאַגע, אין וועלכער דאָס לאַנד געפינט זיך, זאָל קומען אַ סוף.

די באָלשעוויסטישע רעדנער האָבן קיין נייע ווערטער ניט געזאָגט און קיינע נייע עצות ניט געגעבן. די זעלביקע שאַרפקייט, מיט וועלכער זיי זיינען

אַרויסגעטראָטן די גאַנצע צייט קעגן דער פּשרה־פּאָליטיק, די זעלביקע פּראָ־טעסטן קעגן דער קאָאַליציע־רעגירונג און קעגן דער פאַרשלעפּעניש פון דער בלוטיקער מלחמה האָבן זיי איצט אויך אָנגעגריפן קעגן דער רעגירונג, וועלכע איז געבליבן ביי איר אַלטער ליניע און ביי איר אַלטער טאַקטיק.

דער „טאָג פון דעם פּעטערבורגער ראַט" איז אַריבער מיט גרויס ערפאָלג און ענטוזיאַזם. באַזונדער אימפּאָזאַנט איז געווען דער מיטינג אין דעם גרעס־טען פּעטערבורגער זאַל, אין פאָלקס־הויז, וואו טראָצקי האָט פאַר אַ פיל טויזנ־דיקן עולם געהאַלטן אַ רעדע און האָט מיט זיין גלענצנדער רעדנער־קראַפט אַזוי באַציבערט דעם גרויסן עולם, אַז אַלע ווי איין מענטש האָבן אויפגעהויבן די הענט און פייערלעך געשוואָרן, אַז זיי וועלן זיך וואַרפן אין קאַמף מיט אַלע שונאים פון דער ראַטן־מאַכט לויט דעם ערשטן רוף פון דעם פּעטער־בורגער אַרבעטער־און סאָלדאַטן־ראַט.

די באָלשעוויסטישע קעגנער פלעגן זיך ניט באַווייזן אויף די אַלע גרוי־סע מיטינגען, ווייל דער מיטינג־עולם איז שוין געווען פולקום באָלשעוויסטיש־געשטימט און פלעגט שוין ניט ערלויבן קיינע מענשעוויסטישע אָדער ס. ר.־ישע רעדנער אַרויסצוטרעטן. דער גרויסער המון, וועלכער איז מיט אַ קורצע צייט צוריק געווען גרייט צוריסן די „באָלשעוויסטישע פּאַרטעטער און די דייטשע שפּיאָנען", איז איצט אינגאַנצן איבערגעגאַנגען אויף דעם צד פון די זעלביקע „שפּיאָנען" און איז געווען גרייט צו קעמפן צוזאַמען מיט זיי אויף לעבן און טויט.

די באָלשעוויקעס זיינען אָבער געווען גענוג פּאָרזיכטיק און האָבן זיך ניט געוואָלט פאַרלאָזן אויף דעם דאָזיקן המון, וועלכער, ווי די יולי־געשעענישן האָבן באַוויזן, איז מסוגל זייער לייכט איבערצובייטן זיינע שטימונגען און וועל־כער איז בכלל פיל מער מסוגל צו געבן אַלערליי פייערלעכע הבטחות, אָבער איז לחלוטין ניט פעאיק זיי צו מקיים זיין.

די באָלשעוויסטישע פירער האָבן געשטרעבט צו געווינען די סימפּאַטיעס פון די מיליטער־גרופּן, איבערהויפּט פון יענע פּאָלקן, וועלכע, ווי עס איז גע־ווען באַוואוסט, זיינען נאָך טריי געבליבן קערענסקין און זיינען נאָך געווען נוטה אים צו פאַרטיידיקן.

צווישן דעם גרויסן פּעטערבורגער גאַרניזאָן זיינען געווען עטלעכע קאָ־זאַקן־פּאָלקן, וועלכע האָבן פּאַקטיש געבראַכט קערענסקין אַזאַ לייכטן נצחון אין די יולי־טעג. עס איז אויך דאָרט פאַרבליבן די מיליטערישע וועלאָסיפּע־דיסטן־גרופּע, וועלכע איז געקומען אין די יולי־טעג פון פראָנט צו פאַרטיידיקן קערענסקין און זיין רעגירונג. פון די שטענדיקע פּעטערבורגער פּאָלקן זיינען אויך געווען אייניקע, וועלכע האָבן זיך נאָך געוואַקלט און בשום אופן ניט געקאָנט אַנטשליסן זיך איבערצוגיין צו די באָלשעוויקעס.

אָט אויף די אַלע מיליטערישע גרופּן, וועלכע האָבן געקאָנט ווידער מאַכן צו גאָרנישט אַלע באָלשעוויסטישע אויפשטאַנד־פּלענער און ברענגען

זיי ווידער אַ שרעקלעכע מפּלה, האָבן די באָלשעוויקעס געווענדעט איצט זייער גאַנצע אויפמערקזאַמקייט.

די קאָזאַקן זיינען געווען זייער אומצופרידן מיט קערענסקין, ווייל ער האָט זיי צו ווייניק באַדאַנקט פאַר די יולי-טעג. די קאָזאַקישע רעדל-פירער, די אויסגעשפּראָכענע קאָנטר-רעוואָלוציאָנערן, וועלכע האָבן געהאַט אַ געוויסע ווירקונג אויף דעם קאָזאַקן-פאַרבאַנד, האָבן בכלל פיינט געהאַט קערענסקין, וועלכער איז פאַר זיי געווען צו לינק, און זיי האָבן אַלע זייערע פּלענער אין האָפענונגען געבויט אויף די גענעראַלן דעניקין און קאַלעדין. עס איז דעריבער געווען שווער צו האָפן, אַז זיי זאָלן ווידער וועלן אַרויסראַטעווען קערענסקין פון אַ צרה, אויב ער וועט אין אַזאַ לאַגע אַריינפאַלן.

די קאָזאַקן גופא זיינען שוין גאַנץ היבש דעזאָרגאַניזירט געוואָרן אין פּעטערבורג אונטער דער ווירקונג פון אַלע איבעריקע פּאָלקן. און עס איז דעריבער געווען שווער צו גלויבן, אַז זיי זאָלן אַרויסטרעטן קעגן די באָלשעוויסטישע פּאָלקן, אויב יענע וועלן זיך אַנטשליסן אויף אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד קעגן דער רעגירונג.

דער סעמיאָנאָווער פּאָלק, וועלכער איז געווען פאַררעכנט אַלס אַנטי-באָלשעוויסטישער, איז אין די לעצטע טעג ניט בייגעשטאַנען דעם נסיון און איז אויך אַריבער צו די באָלשעוויקעס. די דאָזיקע איבערקערעניש איז פאָרגעקומען אויף אַ ספּעציעלן מיטינג, אויף וועלכן די בעסטע אַנטי-באָלשעוויסטישע כוחות האָבן דאָך ניט געקאָנט זובר זיין טראָצקין, וועמען ס'איז געלונגען צו פועלן ביי די סאָלדאַטן, אַז זיי זאָלן אָננעמען אַ קלאָרע און דייטליכע באָלשעוויסטישע רעזאָלוציע. די וועלאָסיפּעדיסטן-גרופּע, וועלכע איז געשטאַנען אויף דעם וויכטיקסטן סטראַטעגישן פּונקט פון פּעטערבורג, אין דער פּעטראָפּאַוולאָווער פעסטונג, האָט אויך אָנגענומען אַ באָלשעוויסטישע רעזאָלוציע און האָט מיט דעם גרעסטן כבוד מקבל פּנים געווען דעם קאָמיסאַר, וועלכן דער קריגס-רעוואָלוציאָנערער קאָמיטעט האָט אַריינגעשיקט צו איר אין פעסטונג.

עס איז אַלזאָ געווען קלאָר, אַז די הילף און די סימפּאַטיעס פון דעם פּעטערבורגער גאַרניזאָן זיינען געזיכערט פאַר די באָלשעוויקעס. ביי אַזאַ שטימונג האָבן די באָלשעוויסטישע פירער ניט געקאָנט מאַכן קיין לאַנגע שהיות און זיי זיינען טאַקע אַריבער צו אַנטשלאָסענע טריט, וועלכע האָבן געבראַכט גאַנץ גיך צו דעם לאַנג ערוואַרטעטן קאָנפליקט.

---

## V.

מיר האָבן שוין דערציילט, אַז דער ק. ר. ק. האָט באַשטימט קאָמיסאַרן אין אַלע מיליטער-טיילן, וויכטיקע מיליטער-אַנשטאַלטן און מיליטער-סקלאַדן.

ווען די דאָזיקע פאַרבעררייטונגס־אַרבעט האָט זיך שוין געענדיקט, האָט דער ק. ר. ק. געמאַכט די ווייטערדיקע שריט. אין דער נאַכט פון 22 אָקטאָבער זיינען אייניקע מיטגלידער פון ק. ר. ק. געקומען אין שטאַב פון פעטערבורגער מיליטער־ראַיאָן און האָבן דערלאַנגט אַ פאָדערונג, אַז דער ק. ר. ק. זאָל באַקומען אַ מעגלעכקייט צו קאָנטראָלירן אַלע באַשלוסן פון שטאַב. דער הויפּט־קאָמאַנדיר פון דעם פעטערבורגער גאַרניזאָן האָט זיך קאַטעגאָריש אַנטזאָגט צו ערפילן די דאָזיקע פאָדערונג, וועלכע האָט געזאָלט אַרויסשטעלן דעם גאַנצן שטאַב אונטער דער פולקומער השגחה פון דעם פעטערבורגער ראַט און זיין קריגס־רעוואָלוציאָנערן קאָמיטעט.

די דאָזיקע פאָדערונג פון ק. ר. ק. איז נאָך מער געווען „חוצפהדיק", ווען מען זאָל זיך דערמאָנען, אַז די דאָזיקע פאָדערונג פון קאָנטראָל־רעכט איז געווען געווענדעט ניט נאָר קעגן אַזאַ הויכן מיליטערישן אָרגאַן, ווי דער שטאַב פון פעטערבורגער מיליטער־שן ראַיאָן, נאָר אויך קעגן דעם צענטראַלן אויספיר־קאָמיטעט, וועלכער האָט שוין צו יענער צייט געהאַט ביי דעם שטאַב זיין אייגענעם קאָמיסאַר.

די פאָדערונג, אַז עס זאָל באַשטימט ווערן נאָך אַ קאָמיסאַר פון ק. ר. ק., האָט אַלזאָ געשאַפן אַ קאָנפליקט ניט נאָר מיט דער רעגירונג, נאָר אויך מיט דעם צ. א. ק., קעגן וועלכן די באָלשעוויסטישע קרייזן האָבן נאָך ביז איצט אַזעלכע שאַרפע קאַמפס־מיטלען ניט אָנגענומען.

דער קאָמאַנדיר פון פעטערבורגער מיליטערישן ראַיאָן פּאָלק. פּאָלקאָוו־ניקאָוו האָט קאַטעגאָריש אַנטזאָגט צו ערפילן אַזאַ פאָדערונג און דאָס האָט, פאַרשטייט זיך, ניט דערשראָקן די באָלשעוויקעס, וועלכע האָבן אַזאַ ענטפער ערוואַרט. זיי האָבן תיכף צונויפגערופן פאָרשטייער פון אַלע פּאָלקן וועלכע האָבן אָנגענומען אַ באַשלוס, אַז היות ווי דער שטאַב האָט זיך אַנטזאָגט צו ערפילן די פאָדערונג פון ק. ר. ק., ווערט ער דערמיט דער צענטער פון אַלע קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע כוחות און דריבער טאָרן קיינע באַפעלן פון שטאַב ניט ערפילט ווערן, כל־זמן זיי וועלן ניט באַשטעטיקט ווערן דורך דעם ק. ר. ק.

דער דאָזיקער באַשלוס איז תיכף איבערגעגעבן געוואָרן אין אַלע פּאָלקן און וועגן דעם האָט מען אויך גלייך מודיע געווען דער גאַנצער באַפעלקערונג דורך באַזונדערע אויפרופן, וועלכע האָבן אויפגעפאָדערט די בירגער פאָלגן און ערפילן נאָר יענע באַפעלן און פאַראָרדענונגען, וועלכע ווערן אַרויסגעגעבן דורך דעם ק. ר. ק.

עס פאַרשטייט זיך, אַז אַזאַ אויפרוף און אַזאַ פאָדערונג האָט די צייט־ווייליקע רעגירונג ניט געקאָנט באַטראַכטן אַנדערש, ווי אַ התחלה צו אַ רעוואָ־לוציאָנערן אַרויסטריט קעגן זיך, און האָט געמוזט אָנווענדן אַלע אירע כוחות, כדי צו פּאַראַליזירן די ווירקונג פון דעם דאָזיקן רעוואָלוציאָנערן אויפרוף און מבטל מאַכן אים.

קערענסקי האָט באַפוילן דעם נאַטשאַלניק פון פעטערבורגער שטאַב, באַגראַטוני, אולטימאַטיוו פאָדערן פון דעם ק. ר. ק., אַז יענער זאָל תיכף אָפּשאַפן זיין באַפעל, לויט וועלכן אַלע מיליטערישע טיילן האָבן געדאַרפט אינגאַנצן איבערגיין אין רשות פון ק. ר. ק.

אַזאַ אולטימאַטיווע פאָדערונג האָט געמוזט אַוועקשטעלן די גאַנצע שווערע פראַגע וועגן די כוחות־פאַרהעלטענישן פון דער רעגירונג און פון דעם ק. ר. ק. און האָט געמוזט ברענגען צו דעם קאָנפליקט, וועלכער זאָל מאַכן אַ סוף צו אַלע וואַקלענישן און סוף־כל־סוף באַווייזן, ווער האָט פאַקטיש די מאַכט אין זיינע הענט.

דער צ. א. ק. האָט אָבער מיט אַלע מעגלעכקייטן באַמיט זיך אויסצומיידן אַזאַ קאָנפליקט און האָט געפּרובט צו ווירקן אויףביידע צדדים, אַז זיי זאָלן זיך אַנטזאָגן פון אַזעלכע שאַרפע וועגן און ווידער פרובן רעגולירן בשלום דעם גאַנצן סכסוך.

דער קאָמיסאַר פון צ. א. ק. ביי דעם פעטערבורגער שטאַב האָט זיך געווענדט מיט אַן אויפרוף צו דעם פעטערבורגער גאַרניזאָן און אויפגעפאָדערט, אַז אַלע מיליטער־טיילן זאָלן בלייבן רואיק אויף זייערע ערטער און זאָלן זעען אויסמיידן בלוטיקע סכסוכים אין אַזאַ צייט, ווען עס דאַרפן זיך אָנהייבן די וואַלן אין דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג.

אָבער אַזעלכע פרומע וואונטשן זיינען שוין צו יענער צייט געווען אינגאַנצן אומנוצלעך. ביידע צדדים האָבן געמאַכט די לעצטע הכנות און האָבן מאָביליזירט זייערע כוחות.

די צייטווייליקע רעגירונג האָט געוואָלט אויסניצן דעם אַלטן מיטל פון די יולי־טעג און אַראָפּברענגען פון פראָנט איניקע טרייע אַנטי־באָלשעוויסטישע טיילן, וועלכע זאָלן מאַכן אַ סוף צו אַלע באָלשעוויסטישע אויפשטאַנדס־פלענער. די וויכטיקסטע מיליטערישע קאָמיטעטן פון פראָנט האָבן געשיקט טעלעגראַמעס, וועלכע האָבן געדראָט מיט דעם גרעסטן צאָרן פון די סאָלדאַטן־מאַסן קעגן „די פאַררעטער און אומרו־שאַפער“, אָבער די באָלשעוויסטישע אָנפירער האָבן זיך ווייניק געשראָקן פאַר אַזעלכע סטראַשונקעס, ווייל אַלע דעלעגאַטן, וואָס פלעגן קומען פון פאַרשיידענע פראָנט־פונקטן קיין פעטערבורג, פלעגן איבערגעבן, אַז די ברייטע און גרויסע סאָלדאַטן־מאַסן האָבן שוין ניט קיין צוטרוי צו זייערע קאָמיטעטן, און אַז זיי וועלן שטיצן ניט די רעגירונג, נאָר דווקא די באָלשעוויקעס אין אַלע זייערע אַרויסטרעטונגען קעגן דער רעגירונג.

די ערשטע מיליטערישע טיילן, וואָס קערענסקי האָט אַרויסגערופן פון פראָנט, האָבן אויך צוגעשיקט אַ דעלעגאַציע צו דעם פעטערבורגער ראַט, כדי צו דערוויסן זיך, צוליב וואָס שלעפּט מען זיי קיין פעטערבורג, און ווען די דעלעגאַטן האָבן זיך דערוואוסט, אין וואָס, אייגנטלעך, באַשטייט דער סכסוך צווישן דעם פעטערבורגער ראַט און דער רעגירונג, האָבן זיי גאַנץ קלאָר און

דייטלעך ערקלערט, אַז זיי וועלן צושטיין צו דעם ק. ר. ק. אין זיין קאַמף קעגן דער רעגירונג.

דער פעטערבורגער ראַט און דער ק. ר. ק. זיינען אָבער דאָך ניט גע־ווען זיכער אין זייער ערפאָלג און האָבן דעריבער אָנגעהויבן צו פירן אונטער־האַנדלונגען מיט דעם שטאַב וועגן זיין אולטימאַטום.

פון אַלע קאָביטאַרן, וואָס דער ק. ר. ק. האָט באַשטימט אין די מיליטער־רישע טיילן, אינסטיטוציעס און אויף אַלע וואָקזאַלן, פלעגט דער ק. ר. ק. באַקומען גענויע ידיעות וועגן אַלע הכנות, וואָס די רעגירונג מאַכט, און האָט דעריבער געקאָנט האָבן אַ באַגריף וועגן די כוחות, וואָס די רעגירונג פאַרמאָגט.

דער ק. ר. ק. איז געווען געגוג פאָרזיכטיק און, כדי ניט פאַרברענען פאַר דער צייט אַלע בריקן, האָט ער דעם 24 אָקטאָבער, ד. ה. מיט אַ טאָג פריער, איידער דער אויפשטאַנד איז פאָרגעקומען, פאַרעפנטלעכט אַן אָפיציעלע ערקלערונג, אַז דער ק. ר. ק. איז באַזאַמפן געוואָרן און עקזיסטירט, ניט כדי צונעמען די מאַכט, נאָר אויסשליסלעך כדי צו פאַרטיידיקן די אינטערעסן פון דעם פעטערבורגער גאַרניזאָן און פון דער פעטערבורגער דעמאָקראַטיע פון אַלע קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע און פאָגראָם־אַרויסטרעטונגען.

די זעלביקע ערקלערונג האָט געמאַכט טראָצקי אויף דער זיצונג פון פעטערבורגער ראַט, ווען ער האָט געזאָגט, אַז דער ק. ר. ק. איז אַנטשטאַנען ניט ווי אַן אויפשטאַנד־אָרגאַן, נאָר כדי צו פאַרטיידיקן די רעוואָלוציע און צוזעקשטעלן אין רשות פון דעם אַלרוסישן ראַטן־צוזאַמענפאָר אַזאַ קראַפט, וועלכע זאָל זיין אימשטאַנד מאַכן צו גאָרניש די רעגירונג־פּראָוואָקאַציע.

אויב אַזעלכע ערקלערונגען האָבן ווייניק געקאָנט באַרואיקן די רעגירונג, האָט טראָצקי נאָך געפונען פאַר נייטיק מוסיף צו זיין, אַז בכלל איז געבליבן פאַר דער רעגירונג אַ גאַנץ קורצע צייט צום לעבן, און אויב זי וועט פרובן אין משך פון די 24 אָדער 48 שעה, וואָס זיינען נאָך געבליבן אין איר רשות, אַריינשטעכן אַ מעסער אין נאַקן פון דער רעוואָלוציע, דאַרף זי וויסן, אַז „די פאָדערשטע קאָלאָנע פון דער רעוואָלוציע וועט געבן נאָר איין ענטפער! אויף אַ קלאַפּ — אַ קלאַפּ! אויף אייזן — שטאָל“.

עס איז קלאָר געווען, אַז קערענסקי און די צייטווייליקע רעגירונג וועלן ניט קאָנען רואיק אויסהערן אַזעלכע ווערטער און אַז אַלע פאָרמעלע ערקלע־רונגען וועגן די פרידלעכע אויפגאַבן פון דעם ק. ר. ק. קאָנען ניט האָבן קיין שום ווערט, כל זמן די הכנות צו דעם אויפשטאַנד ווערן געמאַכט מיט דער גרעסטער אָנשטרענגונג און פלאַנמעסיקייט.

די צייטווייליקע רעגירונג האָט דעריבער באַשלאָסן ניט וואַרטן ביז וואַ־נען די באָלשעוויסטישע כוחות וועלן זיך פולקום אָרגאַניזירן צו דעם אויפ־שטאַנד, נאָר אַרויסטרעטן באַצייטנס קעגן זיי און פרובן פאַרכאַפּן אַלע באָל־שעוויסטישע פּאָזיציעס, איידער זיי האָבן נאָך געהאַט צייט און מעגלעכקייט זיי צו באַפעסטיקן.

קודם כּל האָט די רעגירונג באַפוילן צו פאַרמאַכן די באָלשעוויסטישע צייטונגען „סאָלדאַט“ און „אַרבעטער=וועג“ און פאַרחתמענען זייערע דרוקערייען. דעם באַפעל האָט אויסגעפירט אַ גרופּע יונקערס, וועלכע איז געווען אין רשות פון דער רעגירונג.

די ציטווייליקע רעגירונג האָט ווייטער באַפוילן, אַז דער יוסטיץ=מיניס= טער זאָל תּיכּף אָנקלאָגן צום געריכט די רעדאַקטאָרן פון די פאַרמאַכטע צײַ= טונגען און אויך אַלע מיטגלידער פון ק. ר. ק., וועלכע רופן די באַפעלקערונג צום אויפשטאַנד.

דער יוסטיץ=מיניסטער פון זיין זייט האָט באַפוילן תּיכּף צו אַרעסטירן אַלע באָלשעוויקעס, וועלכע זיינען נאָך די יולי=געשעענישן באַפרייט געוואָרן פון טורמע און וועלכע האָבן זיך ווידער פאַרנומען מיט אַגיטאַציע קעגן דער רעגירונג.

חוץ די דאָזיקע פאַראָרדענונגען, וואָס ס'האָט געמאַכט די צענטראַלע רעגירונג, האָט דער קאָמאַנדיר פון פעטערבורגער מיליטער=ראַיאָן פונאַנדער= געשיקט אין אַלע מיליטערישע טיילן אַ שטרענגען באַפעל, אַז די סאָלדאַטן מוזן פאַרבלייבן רואיק אין די קאַזאַרמעס.

די רעגירונג האָט אָבער געוואוסט, אַז אַזאַ פאַרבאָט וועט ווייניק ווירקן אויף די סאָלדאַטן און האָט דעריבער מוסיף געווען, אַז אויב די סאָלדאַטן וועלן ניט זיין געהאָרכזאַם און וועלן דאָך אַרויס רעטן, מוזן לכל=הפּחות די אָפיצירן פאַרבלייבן אין די קאַזאַרמעס און בשום אופן ניט אָנטייל נעמען אין אַזעלכע אומגעזעצלעכע באַוואָפנטע אַרויסטרעטונגען.

אַ צווייטער פּריקאַז האָט באַפוילן צו באַזייטיקן אַלע קאָמיסאַרן פון דעם ק. ר. ק. און אָנהייבן צו פירן אַן אויספאָרשונג וועגן זייערע אומגעזעצלעכע מעשים.

דער צענטראַלער אויספיר=קאָמיטעט און זיינע קאָמיסאַרן האָבן זיך אויך געשטעלט אין רשות פון דער ציטווייליקער רעגירונג און דער קאָמיסאַר פון פעטערבורגער שטאַב האָט אַפילו פאַרשפּרייט אַן אויפרוף צו די סאָלדאַטן און האָט זיי אויפגעפאָדערט, אַז זיי זאָלן זיך ניט דערוועגן אַרויסטרעטן קעגן דער רעגירונג, ווייל יעדער, וואָס ערלויבט זיך ערב דעם אַלרוסישן ראַטן= צוזאַמענפאָר און ערב די וואַלן אין גרינדונגס=פאַרזאַמלונג, צו מאַכן באַוואָפנ= טע אַרויסטרעטונגען, איז אַ פאַרברעכער קעגן דער רעוואָלוציע און אַ מיטהעל= פער פון אַלע קאָנטר=רעוואָלוציאָנערן און פאָגראָמטשיקעס“.

— „די רעוואָלוציע איז אין געפאַר — און נאָר רו און אָרדענונג קאָנען איר ראַטעווען“ — אַזוי האָט געטענהט דער קאָמיסאַר פון צ. א. ק.

אָבער ניט קוקנדיק אויף אַזאַ אויפרוף און אויף אַלע שטרענגע באַפעלן, האָט די רעגירונג דאָך ניט געהאַט קיין שום בטחון אין די פעטערבורגער סאָלדאַטן און האָט דעריבער אַרויסגערופן אַ באַזונדער שטורם=באַטאַליאָן (וועל= כער איז געווען באַוואוסט מיט זיינע אַנטי=באָלשעוויסטישע טענדענצן) פון

צאַרסקאָיע סעלאָ, אַ יונקער־שול פון פעטערהאָף און אַרטילעריע פון פּאַוו־לאָווסק. חוץ דעם האָבן אַלע יונקערס באַקומען אַ באַפעל פאַרבלייבן אין זייערע שולן און זיין יעדע מינוט גרייט אַרויסצוטרעטן.

כדי איזאָלירן דעם ק. ר. ק. פון דער גאַנצער וועלט, האָט די רעגירונג באַפוילן אויסשליסן אַלע טעלעפאָנען פון סמאָלני אינסטיטוט, וואו עס איז געווען דער לאָקאַל פון דעם פּעטערבורגער ראַט און פון דעם ק. ר. ק.; כדי אָפּטיילן סמאָלני פון די אַרבעטער־קוואַרטאַלן, האָט דער שטאַב באַפוילן פונאַנ־דערצונעמען אַלע בריקן איבער דעם טייך נעוואַ, כדי די אַרבעטער און די סאָלדאַטן זאָלן ניט קאָנען קומען פון די פאָרשטעט אין צענטער־שטאָט צו העלפן די באָלשעוויסטישע אָנפירער. עס איז געבליבן נאָר איין בריק ביי דעם ווינטער־פּאַלאַץ, וואו עס איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אַ זיכערע יונקער־וואַך. אויף אַלע גאַסן זיינען צושטעלט געוואָרן באַזונדערע יונקער־פּאַטרולן, וועלכע האָבן געדאַרפט קאָנטראָלירן אַלע דורכפאָרנדיקע אווטאָמאָבילן.

ביי אַלע וויכטיקע רעגירונגס־אינסטיטוציעס איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אַ פאַרשטאַרקטע שמירה פון טרייע יונקערס. צו דעם ווינטער־פּאַלאַץ, וואו עס האָט געוואוינט קערענסקי און וואו עס האָט זיך געפונען די צייטווייליקע רע־גירונג, זיינען געקומען אַ יונקער־גרופּע און אַ פרויען־באַטאַליאָן. די דאָזיקע טרייע מיליטערישע אָפּטיילונגען האָבן געדאַרפט פאַרטיידיקן דעם הויפּט־צענטער פון דער רעוואָלוציאָנערער צייטווייליקער רעגירונג.

און ווען די אַלע וויכטיקע הכנות זיינען שוין געמאַכט געוואָרן און ביי קערענסקין איז שוין, משמעות, געווען אַ זיכערע איבערצייגונג, אַז אויך היינ־טיקס־מאָל וועט ער אַרויס מיט נצחון פון זיין קאַמף מיט די באָלשעוויקעס, וועלכע וועלן איצט באַקומען נאָך אַ גרעסערע מפּלה, ווי אין די יולי־טעג,— דעמאָלט איז קערענסקי דעם 24 אָקטאָבער אין אָוונט געקומען אין „ראַט פון דער רוסישער רעפּובליק" און האָט געפאָדערט אַ הכשר פאַר אַלע זיינע מעשים קעגן די באָלשעוויקעס.

---

## .VI

די דעמאָקראַטישע באַראַטונג און דער דעמאָקראַטישער ראַט, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אויף דער דאָזיקער באַראַטונג, האָט אָנגענומען קלאָרע באַ־שלוסן קעגן יעדער בלאָק מיט די קאַדעטן, וועלכע האָבן זיך פולקום קאָמפּראָ־מעטירט אין קאָרנילאָווס ניט־געלונגענער עקספּעדיציע. די דאָזיקע באַראַטונג האָט אויך געפאָדערט, אַז די קומענדיקע רעגירונג זאָל זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם דעמאָקראַטישן ראַט, כדי עס זאָל קומען אַ סוף צו די אומפאַראַנט־וואָרטלעכע און באָנאַפּאַרטישע שטרעבונגען און מעשים פון קערענסקין, וועל־

כער האָט באַקומען אַ באַזונדער תשוקה צו זעלבסטהערשונג, אין דער צייט, וואָס זיין אַווטאָריטעט און פּאָפּולאַריטעט איז געוואָרן אַלץ קלענער און קלענער.

די דעמאָקראַטישע באַראַטונג האָט אָבער אין איר גאַנצער אַרבעט באַוויזן אַזאַ שוואַכקייט און קראַפטלאָזיקייט, אַז קערענסקי האָט געהאַט די פולקומע מעגלעכקייט ניט צו רעכענען זיך לחלוטין מיט אַלע אירע באַשלוסן און טאָן אַלץ, וואָס אים האָט געלוסט און געלוסט זיך.

קערענסקין האָט שוין צו יענער צייט די מאַכט אַזוי פאַרבלענדט, אַז אים האָט זיך נאָך אַלץ געדוכט, אז ער האָט אַ געוואַלדיקע השפעה סיי אויף די רעכטע און סיי אויף די לינקע עלעמענטן, אין דער צייט, ווען די לינקע און נאָך מער די רעכטע האָבן זיך אַנטוישט אין זיינע מלוכה-פעאיקייטן און האָבן צו אים בכלל פאַרלאָרן יעדן צוטרוי.

אָבער פון דער הויך, וואו די רעוואָלוציע האָט אַרויפגעטראָגן קערענסקין, האָט ער שוין גאָרניט געזעען און גאָר ניט באַמערקט. פאַרבלענדט פון זיין שנאה צו די באָלשעוויקעס, וועלכע האָבן געפירט קעגן אים אַ געוואַלדיקע אַגיטאַציע, האָט קערענסקי ניט געוואָלט זיך אַנטזאָגן פון אַ קאָאַליציע מיט די רעכטע געזעלשאַפטלעכע עלעמענטן, קעגן וואָס די לינקע רוסישע דעמאָקראַ-טיע האָט פּראָטעסטירט.

די סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פּאַרטיי האָט ניט געוואָלט נעמען אָנטייל אין אַ מיניסטאָרן-קאַבינעט מיט די קאַדעטן — און דעריבער האָט קערענסקי געמאַכט אַ שפּיצל, ווי אַזוי גובר צו זיין די עקשנות פון דער ס. ד. פּאַרטיי, און האָט איינגעלאַדן אין רעגירונג אומפּאַרטייאישע סאָציאַליסטן, ווי צ. ב. ש. דעם מאָסקוער אַדוואָקאַט מאַליאַנטאָוויטש, דעם שריפטשטעלער פּראָקאָפּאָוויטש און דעם אַרבעטער גוואָזדעוו, אָבער די דאָזיקע סאָציאַליסטישע מיניסטאָרן זיינען ניט געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער פּאַרטיי און די ס. ד. פּאַרטיי איז דעס-גלייכן ניט געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיי.

די גאַנצע דעמאָקראַטיע, ניט אויסגעשלאָסן די רעכטע מענשעוויקעס און ס. ר., זיינען געווען קעגן אַ בלאָק מיט די קאַדעטן, אָבער קערענסקי האָט זיך דאָ אויך אַן עצה געגעבן: ער האָט איינגעלאַדן אין מיניסטאָרן-קאַבינעט צ. ב. ש. אַזאַ באַוואוסטן קאַדעט ווי דער מאָסקווער קאָמיסאַר קישקין, אָבער ער האָט אים איינגעלאַדן ניט אַלס פאָרשטייער פון דער קאַדעטישער פּאַרטיי, נאָר אַלס מאָסקווער כלל-טוער. חוץ דעם האָט נאָך קערענסקי איינגעלאַדן פאָר-שטייער פון דער פּראָגרעסיווער פּאַרטיי, וועלכע האָט אין לאַנד בכלל קיין שום אָרט ניט פאַרנומען און וועלכע איז נאָר געבליבן אַלס אַ זכר פון די געקינס-טעלטע און אומנאַטירליכע פּאַרטיי-גרופּירונגען, וועלכע ס'האָט אַרויסגערופן סטאָליפינס רעאַקציאָנערער וואַל-געזעץ צו דער דריטער גאָס. דומע, וועלכע האָט געגעבן די פאַרמעגלעכע קלאַסן אַ מעגלעכקייט צו שפּילן אַ גרויסע פּאָליטישע ראָלע.

כדי מאַכן דעם בנין גאַנץ און פולקום איז נאָך אין קערענסקיס לעצטע רעגירונג אַריינגעטראָטן דער פאָרזיצער פון דעם מאָסקווער בערזע־קאָמיטעט, דער פאָרשטייער פון די מאָסקווער מיליאָנערן און קאַפּיטאַליסטן, טרעטיאַקאָוו, וועלכער איז באַשטימט געוואָרן אַלס פאָרזיצער פון עקאָנאָמישן ראַט, וואָס האָט געדאַרפט רעאָרגאַניזירן די גאַנצע רוסישע אינדוסטריע לויט די פאָדערונגען און באַדערפעניש, וואָס די מ. המה און די רעוואָלוציע האָט אַרויסגעשטעלט.

דערמיט האָט זיך נאָך קערענסקיס פאָליטישער שפּיל ניט געענדיקט. די דעמאָקראַטישע באַראַטונג האָט געפאָדערט, אַז עס זאָל קומען אַ סוף צו דער אומפאַראַנטוואָרטלעכקייט פון דער רעגירונג און אַז די רעגירונג צוזאַמען מיט קערענסקין זאָלן זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם דעמאָקראַטישן ראַט, וועלכער ביי זיין געקינסטעלטן צוזאַמענשטעל האָט דאָך געהאַט אַ מערהייט פון דעמאָקראַטישע עלעמענטן.

אָנשטאָט דעם דאָזיקן דעמאָקראַטישן ראַט האָט קערענסקיס נייע רעגירונג פאַרעפנטלעכט אַ געזעץ וועגן דעם „ראַט פון דער רוסישער רעפּובליק“, וועלכער האָט געזאָלט פאַרבייטן דעם דעמאָקראַטישן ראַט, אָבער אין וועלכן די אַלע אַנטי־דעמאָקראַטישע כוחות האָבן באַקומען אַזאַ גרויסן אָרט, וועלכן זיי האָבן להלוטין ניט געקאָנט האָבן לויט די פּאָליטישע שטימונגען און סימפּאַטיעס, וועלכע מען האָט געקאָנט באַמערקן אין לאַנד און וועלכע האָבן זיך אַרויסגעוויזן ביי די פאַרשיידענע וואַלן אין טויזנטער שטעט און דערפער, וואו אַלע רעכטע עלעמענטן פלעגן באַקומען די גרעסטע מפּלות.

לויט דעם דאָזיקן געזעץ, האָט דער „ראַט פון דער רוסישער רעפּובליק“ אָדער „פאָרפּאַרלאַמענט“ געדאַרפט זיין צוזאַמענגעשטעלט פון 555 מיטגלידער, איינגעלאַדענע דורך דער צייטווייליקער רעגירונג, לויט די אָנווייזונגען פון געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס.

עס פאַרשטייט זיך, אַז ביי אַזאַ אומקלאָרן און אומדייטלעכן מאָדוס פון דעם צוזאַמענשטעל פון דעם דאָזיקן פאָרפּאַרלאַמענט האָט די רעגירונג געהאַט אַ פולקומע מעגלעכקייט צו ווירקן אויף דעם צוזאַמענשטעל פון דער דאָזיקער נייער רעפּרעזענטאַנץ־אינסטיטוציע, וועלכע האָט אגב ניט געהאַט אַפילו קיינע רעכט צו אַריינטראָגן אינטערפּעלאַציעס. די רעגירונג האָט חוץ דעם זיך אַזוי באַוואָרנט, אַז לויט דעם געזעץ איז זי ניט געוועזן אַפילו מחויב אַריינטראָגן אין פאָרפּאַרלאַמענט אַלע געזעץ־פּראָיעקטן, וועלכע זי האָט בדעה געהאַט צו פאַרעפנטלעכן.

אָט אַזאַ סוראָגאַט פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט און רעפּרעזענטאַנץ האָט די צייטווייליקע רעגירונג באַשאַפן און האָט דערביי געמיינט, אַז מיט אַזאַ ערזאַץ־פּאַרלאַמענט וועט מען קאָנען עמיצן באַפרידיקן און איינשטילן דעם פייער פון בירגער־קריג, וועלכער האָט שוין גאַנץ דייטלעך אָנגעהויבן צו פלאַקערן אין לאַנד.

אין פאָרפּאַרלאַמענט האָבן געדאַרפט אַריין פאָרשטייער פון געזעלשאַפט־לעכע און פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס, אָבער די רעגירונג האָט אַריינגע־זעצט אַהין פאָרשטייער פון אַזעלכע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן אין לאַנד קיין שום ווירקונג און ממשות ניט געהאַט און פון וועלכע גאַנץ אָפט האָט קיינער ניט געוואוסט און געהערט.

אין דעם פאָרפּאַרלאַמענט האָט די מערהייט געדאַרפט זיין ביי די לינקע, ביי דער אַזויגערופענער דעמאָקראַטיע, אָבער די רעגירונג האָט באַצייטנס פאַר־וואָרנט זיך פון דער דאָזיקער דעמאָקראַטיע־דערמיט, וואָס זי האָט באַשטימט אין פאָרפּאַרלאַמענט אַזעלכע פאַרשיידנאַרטיקע דעמאָקראַטישע פאָרשטייער, וועלכע האָבן מיט זייערע אינערלעכע רייבונגען געבראַכט דערצו, אַז די גענוי־כערטע דעמאָקראַטישע מערהייט זאָל ווערן נאָר אַ פיקציע און ניט קיין ווירקלעכע קראַפט. אין פאָרפּאַרלאַמענט זיינען געווען צ. ב. ש. פאַרטראָטן די פאָרשטייער פון דער קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג, וועלכע זיינען שוין דעמאָלט געווען אין אַ סך פּרטים נעהענטער צו די בירגערלעכע פּאַרטייען, איידער צו די לינקע.

די שטאַרקסטע און גרעסטע פּאַרטיי איז דעמאָלט געווען די פּאַרטיי פון די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן, וועלכע איז ביז איצט ביי אַלע וואַלן געגאַנגען פאָראויס און באַקומען אומעטום די גרעסטע צאָל שטימען.

פויערים, סאָלדאַטן, אָפיצירן, קליין־בירגערליכע עלעמענטן און אפילו אַרבעטער — אַלע האָבן געשטימט פאַר דער ס. ר. פּאַרטיי, וועלכע האָט אַליין ניט ערוואַרט אַזאַ אומגעהויער־גרויסן ערפאָלג. דערצו האָט גורם געווען פון איין זייט קערענסקיס פּאָפּולאַריטעט, וועלכע ער האָט נאָך ער־וואָרבן אין דער גאָס. דומע און אין די ערשטע רעוואָלוציע־טעג. די ווייניק־באַוואוסטזיניקע עלעמענטן, וועלכע זיינען ניט געווען אימשטאַנד פונאַנ־דערצוקלייבן זיך אין פּאָליטישע פראַגן און פּאַרטיי־פּראָגראַמען, האָבן געשטימט פאַר קערענסקין און פאַר זיין פּאַרטיי.

די ס. ר. פּאַרטיי האָט זיך אַזוי פונאַדערגעוואַקסן, אַז די פּאַרטיי־פירער האָבן זיך אַליין אָנגעהויבן שרעקן אַז די פּאַרטייען זאָלן ניט ליידן פון דעם צוגרויסן מענטשן־צופלוס, וועלכן האָט בשום אופן ניט געקאָנט איבערדייען.

די אַלטע פּאַרטיי־מיטגלידער, וועלכע האָבן איבערגעלעבט און דורכגע־מאַכט די העלדן־געשיכטע פון דער דאָזיקער פּאַרטיי, האָבן מיט אַ גרויס אומחן געקוקט אויף די אַלע פּריש־געבאַקענע סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן, וועלכע האָבן באַקומען אַזעלכע סימפּאַטיעס צו דער דאָזיקער פּאַרטיי ערשט נאָך דעם נצחון פון דער רעוואָלוציע און נאָכדעם ווי קערענסקי, דער קריגס־מיניסטער און פּרעזידענט־מיניסטער, האָט זיך עפנטלעך ערקלערט אַלס סאָציאַ־ליסט־רעוואָלוציאָנער.

אָבער דער דאָזיקער גרויסער מענטשן־צופלוס האָט געמוזט ווירקן אויף דעם אינערלעכן צושטאַנד פון דער פּאַרטיי און פאַרשאַרפן די אַלע אידעאישע

און פרינציפיעלע סתירות פון דער דאָזיקער פּאַרטיי, וועלכע האָט געוואָלט אין איין און דערזעלבער צייט בלייבן אַ פּאַרטיי פון שטאָט-פּראָלעטאַריאַט און פון דאָרפישן פויערטום.

פון איין זייט איז געשטאַנען באָריס סאַווינקאָוו, דער געוועזענער אָר-גאַניזאַטאָר פון די וויכטיקסטע און שווערסטע טעראָריסטישע אַקטן אין דער צארישער צייט און איצט דער אָנהענגער פון טויט-שטראָף אויפן פראָנט און איינער פון די וויכטיקסטע מיטהעלפער פון קאָרנילאָוון, מיט וועמען סאַווינקאָוו האָט פריער אויסגעאַרבעט דעם גאַנצן פּלאַן פון דער פּעטערבורגער עקספּע-דיציע.

אמת, צו דער לעצטער מינוט האָט זיך סאַווינקאָוו דערשראָקן פאַר קאָר-נילאָווס נצחון און איז צוגעשטאַנען צו קערענסקין און פיל מיטגעהאָלפן קאָרנילאָווס מפּלה, אָבער זיין גאַנצע צווייזייטיקע פּאָליטיק האָט אים פולקום קאָמפּראָמעטירט.

נאָך סאַווינקאָוון איז געשטאַנען אַ באַזונדערע גרופּע פון רעכטע ס. ר., אָן שפּיץ מיט אַזעלכע באַוואוסטע פּאַרטיי-לייט, ווי ברעשקאָ-ברעשקאָווסקאַיאַ א. א., אויסגעשפּראָכענע אָנהענגער פון א מלחמה ביז אַ ענדגילטיקן נצחון, פון אַ קאָאַליציע מיט די בירגערלעכע עלעמענטן, וועלכע האָבן אין זייער באַ-זונדערער פרעסע געפירט אַ פאַרביטערטן קאַמף ניט נאָר קעגן די באָלשעוויקעס, נאָר אויך קעגן זייערע אייגענע לינקערע פּאַרטיי-חברים, וועלכע האָבן ניט גע-וואָלט טאַנצן צוזאַמען מיט זיי אויף דער פּאַטריאָטישער און קאָאַליציאָנערער שמחה צוזאַמען מיט די קאַדעטן און אַנדערע רעאַקציאָנערע גרופּן.

אין דער זעלביקער ס. ר. פּאַרטיי איז אין דער זעלביקער צייט אויך געווען אַ לינקע גרופּע, אויסגעשפּראָכענע אינטערנאַציאָנאַליסטן און מלחמה-קעגנער, וועלכע זיינען לויט זייערע אַלע אידעען-קאָנצעפּציעס געווען אַ סך נעענטער צו די באָלשעוויקעס, איידער צו פיל פון זייערע אייגענע פּאַרטיי-חברים.

אין צענטער פון דער ס. ר. פּאַרטיי איז געשטאַנען דער אָנערקענטער פּאַרטיי-פירער, וויקטאָר טשערנאָוו, וועלכער האָט מיט אַלע מיגלעכקייטן גע-וואָלט פאַרהיטן די איינקייט פון דער פּאַרטיי און האָט זיך דעריבער געוואָרפן אויף רעכטס און אויף לינקס, באַמיט זיך אויסמיידן אַלע קאַטעגאָרישע און פּראַנטוואָרטלעך-קלאָרע באַשלוסן, כדי אַלע צדדים, די רעכטע און לינקע, זאָלן זיין צופרידן מיט די צענטראַלע פּאַרטיי-אינסטיטוציעס און, איבערהויפּט, מיט טשערנאָוון אַליין און ניט שפּאַלטן די פּאַרטיי.

די אַלע באַמיאונגען האָבן אָבער ניט געהאָלפן און אין פּאָרפּאַרלאַמענט זיינען די סתירות צווישן אַלע דריי גרופּן פון דער ס. ר. פּאַרטיי געוואָרן אַזוי בולט, אַז גאַנץ אָפט פלעגן די דאָזיקע גרופּן פון איין און דערזעלביקער פּאַרטיי שטימען איינע קעגן די אַנדערע.

אין דער זעלביקער לאַגע איז אויך געווען די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי (מענשעוויקעס), וועלכע האָט אויך איבערגעלעבט אַ מוראדיקן קריזיס: פון איין זייט זיינען געשטאַנען די „אָבאָראָנצעס״, די אָנהענגער פון אַ פּאַר־טיידיקונגס־מלחמה און די אָנהענגער פון דער קאָאַליציע־סיסטעם מיט צרעטעלי, דאַן און ליבער בראש, וועלכע זיינען געשטאַנען אָן שפּיץ פון דעם צ. א. ק. און וועלכע האָבן געפירט די גאַנצע פּאָליטיק און געשאַפן דעם טעאָרעטישן באָדן צו אַלע רעגירונגס־קאָמבינאַציעס און רעגירונגס־בלאָקן. די זעלביקע פּאַרטיי־גרופּע האָט אויך געפירט די אומגעלומפּערטע שלום־פּאָליטיק פון דער רעגירונג און פון די ראַטן און עס איז קיין וואונדער ניט, וואָס די פאַראַנטוואָרטליכקייט פאַר דער גאַנצער רעגירונגס־פּאָליטיק איז געפאַלן אויף דער דאָזיקער פּאַרטיי־גרופּע, וועלכע האָט אָפיציעל רעפּרעזענטירט די גאַנצע מענשעוויסטישע ס. ד. פּאַרטיי.

קעגן די דאָזיקע גרופּע פּאַרטיי־פירער האָט געקעמפט אַ קליינע גרופּע פון אינטערנאַציאָנאַליסטן מיט מאַרטאָוון בראש. די דאָזיקע אינטערנאַציאָ־נאַליסטן זיינען געקומען צופאָרן נאָך דער רעוואָלוציע פון די אויסלענדישע עמיגראַנטן־קאָלאָניעס און זיינען געשטאַנען צווישן די באָלשעוויקעס און די מענשעוויקעס.

די דאָזיקע גרופּע האָט ניט געהאַט קיין גרויסע ווירקונג אויף די ברייטע אַרבעטער־מאַסן, אָבער איר השפּעה איז געווען קאָנטיק אויף די אינטעלי־גענטע קרייזן פון די אַרבעטער און פון די ראַטן־אָנגעשטעלטע. מאַרטאָווס גרופּע פלעגט שאַרף אַרויסטרעטן קעגן דער פשרהדיקער און קאָאַליציאָנעלער פּאָליטיק פון צרעטעליס חברה און אויך קעגן איר מלחמה־פּאָליטיק.

עס איז נאָך געווען אַ קליינע גרופּע פון ס.־ד. אינטעליגענטן, וועלכע האָט קיינע וואָרצלען ניט געהאַט אין די אַרבעטער־מאַסן, אָבער וועלכע האָט געהאַט אין אירע הענט די פּאַרשפּרייטסטע, אין יענער צייט, צייטונג „נאָ־וואיאַ זשיזן״. די דאָזיקע קליינישקע גרופּע איז אויך אַרויסגעטראָטן מיט אַ קלאָרע אינטערנאַציאָנאַליסטישע, אַנטי־מלחמה־פּראָגראַם און אויך קעגן דער קאָאַליציע מיט די בירגערלעכע עלעמענטן.

דער שטרייט צווישן די אַלע ס.־ד. גרופּן האָט אָנגענומען אַזעלכע שאַרפע פאָרמען, אַז ביי די וואַלן צו דער פּעטערבורגער שטאָט־דומע זיינען אַרויסגע־שטעלט געוואָרן צוויי קאַנדידאַטן־ליסטעס פון צוויי קעמפנדיקע גרופּן פון איין און זעלביקער ס.־ד. פּאַרטיי.

עס פאַרשטייט זיך, אַז די דאָזיקע קעמפנדיקע צדדים זיינען אויך אַרייג־געטראָטן אין פּאָרפּאַרלאַמענט, און דאָרט האָט זיך דער קאַמף צווישן זיי ניט אָפּגעשטעלט, נאָר, אדרבה, פיל שאַרפער און שאַרפער געוואָרן.

אין פּאָרפּאַרלאַמענט האָבן אויך געדאַרפט זיין די באָלשעוויקעס, אָבער זיי האָבן זיך שוין צו יענער צייט אַנטזאָגט פון פּאַרלאַמענטאַרישע קאָמפּס־מעטאָדן

און האָבן שוין באשלאָסן אין זייער קאַמף פאַר דער מאַכט באַנוצן זיך מיט אַ באַוואָפנטן אַרויסטריט, און די קאַטעדרע פון דעם פאָרפאַרלאַמענט האָט שוין ביי זיי ניט געקענט שפּילן אַזאַ גרויסע ראָל.

די באָלשעוויקעס האָבן דעריבער באַשלאָסן אַרויסגיין פון פאָרפאַרלאַמענט און האָבן פאָרגעלייגט זייערע נאָענטסטע שכנים פון לינקס, די גרופּע לינקע ס.-ר., אַז יענע זאָלן אויך אַזוי טאָן און צוזאַמען מיט זיי פאַרלאָזן דעם פאָרפאַר-לאַמענט. די לינקע ס.-ר. האָבן זיך אָבער קאַטעגאָריש אָנטזאָגט פון אַזאַ טריט און האָבן דערביי אפילו מתרה געווען די באָלשעוויקעס, אַז אויב זיי קליבן זיך, אַרויסגייענדיק פון פאָרפאַרלאַמענט, אָנהייבן דעם קאַמף אויפן גאַס, זאָלן זיי ניט האָפן אויף דער מיטהילף פון די לינקע ס.-ר., וועלכע וועלן צוזאַמען מיט זיי אַזוי ווייט ניט גיין.

די באָלשעוויקעס האָבן זיך פאַר אַזאַ התראה ניט דערשראָקן און נאָכ-דעם ווי טראָצקי האָט איבערגעלייענט די דעקלאַראַציע פון דער באָלשעוויסטי-שער פראַקציע מיט אַ ערקלערונג, פאַרוואָס זי וויל ניט פאַרבלייבן אין אַזאַ פאַלסיפיצירטער רעפּרעזענטאַנץ-אינסטיטוציע, זיינען די באָלשעוויקעס אַוועק און איבערגעלאָזן די איבעריקע לינקע גרופּן אַנטקעגן דעם געשלאָסענעם און פיינדלעכן פראָנט פון די בירגערלעכע גרופּן, וועלכע האָבן צו יענער צייט אויף אַ באַראַטונג פון די געזעלשאַפטלעכע טוער אין מאָסקווע אָפן ערקלערט, אַז זיי שטעלן זיך אונטער דער פאָן פון דער „אָרדנונגס-פּאַרטיי בראש מיט דעם גענ. קאָרנילאָוו" קעגן דער „פּאַרטיי פון צעפאַלנקייט, וואו עס שטייט קע-רענסקי אָן שפּיץ.

די גאַנצע אַרבעט פון פאָרפאַרלאַמענט האָט ניט געהאַט קיין שום ממשות. די לאַנגע דעבאַטן וועגן דער פאַרטיידיקונג פון לאַנד האָבן זיך געענדיקט מיט גאָרנישט, ווייל קיין שום רעזאָלוציע האָט ניט געקאָנט צונויפקלייבן אַ מער-הייט. די פראַגע וועגן דער אויסערלעכער פּאָליטיק האָט געהאַט דעם זעלביקן מזל, ווייל די אַלע פּאַרטייען, וועלכע זיינען געווען פאָרמעל פאַרבונדן מיט דער קאָאַליציע-רעגירונג, האָבן בנוגע צו דער אויסערלעכער פּאָליטיק פון דער רעגירונג אַרויסגעוויזן אַזאַ פאַרשיידנאַרטיקע שטעלונג, אַז דער גאַנצער בלאָק-בנין האָט יעדע מינוט געקאָנט פּלאַצן אין חרוב ווערן.

די ווירטיקסטע פראַגע וועגן דער מלחמה האָט אויך ניט געקאָנט ערליי-דיקט ווערן, ווייל צווישן די פּאַרטייען, וואָס זיינען געווען פאַרטראָטן אין פאָר-פאַרלאַמענט, האָט געהערשט אַזאַ מוראדיקע חלוקי-דעות בנוגע צו דער דאָ-זיקער פראַגע, אַז עס האָט גאָר קיין שום רייד ניט געקאָנט זיין, אַז עס זאָל קאָנען אויסגעאַרבעט ווערן אַ וועלכע עס איז רעזאָלוציע וועגן דער דאָזיקער פראַגע.

די קאָמיסיע פאַר פאַרטיידיקונג האָט געפּרובט אויף אירע געהיימע זיצונגען ערנסט צוטרעטן צו דער דאָזיקער פראַגע און אויסהערן עטלעכע ביטערע פּע-

סימיסטישע ווערטער פון דעם קריגס-מיניסטער ווערכאָווסקי וועגן דער טרויע-ריקער לאַגע אויף דעם פראָנט, אָבער עס איז גענוג געווען, אַז דער באַ-וואוסטער רעוואָלוציאָנערער שערלאָק-כאָלמס און זשורנאַליסט בורצעוו, וועלכער איז צו יענער צייט געוואָרן מוראדיק פאַטריאָטיש געשטימט, זאָל אויפהייבן אין זיין צייטונג אַ גוואַלד קעגן די פאַררעטער, וואָס ווילן פאַרענדיקן די מלחמה און שליסן שלום, כּדי דער קריגס-מיניסטער ווערכאָווסקי, וועלכער האָט זיך ערלויבט זאָגן, אַז מען מוז וואָס גיכער שליסן שלום, זאָל תּיכּף מוזן אַרויס אין דעמיסיע.

די רעגירונג האָט געוואָלט טאָן אַ נחת-רוח די לינקע און אויף דער באַראַטונג פון אַלע קאָאַליציע-מלוכות, וועלכע האָט אין יענער צייט געזאָלט פאָרקומען אין פּאַריז און וועלכע האָט געדאַרפט באַטראַכטן די פראַגע וועגן שלום, איז דעלעגירט געוואָרן דער מענשעוויק סקאָבעלעוו, פון וועמען דער צענטראַלער אויספיר-קאָמיטעט האָט אויסגעאַרבעט אַ ספּעציעלן „נאַקאַז“.

דער דאָזיקער „נאַקאַז“ האָט אויך אַרויסגערופן שטורמישע דעבאַטן אין פאָרפּאַרלאַמענט און קעגן אים זיינען אַרויסגעטראָטן ניט נאָר אַזעלכע רעדנער, ווי דער קאַדעט סטרובע, וועלכער האָט אפילו אין דעם סטיל פון נאַקאַז גע-פרובט געפינען ראיות, אַז דאָס איז אַ דייטשער שפּיצל, נאָר אויך דער מיניס-טער פאַר אויסלענדישע ענינים, טערעשטשענקאָ, וועלכער איז שטאַרק אָנגעפאַלן אין פאָרפּאַרלאַמענט אויף סקאָבעלעווס נאַקאַז און האָט פאַרטיידיקט די אויסער-לעכע פּאָליטיק פון דער רעגירונג.

טערעשטשענקאָס רעדע האָט ניט נושא חן געווען ביי דעם לינקן זייט פון פאָרפּאַרלאַמענט, אָבער דער לינקער סעקטאָר האָט ניט געפונען קיין מעו-ווירקזאַמע תּשובה אויף טערעשטשענקאָס דרשה, ווי דער אַלטער, נאָך פון די גאָס. דומע-צייטן, פּאָפּולערער אויפרוף: „אין דעמיסיע“!

עס איז קלאָר געווען, אַז קערענסקין און זיין רעגירונג רינגעלט אַרום אַ מוראדיקע פוסטקייט און אַז די רעגירונג האָט ניט קיינע כּוחות, אויף וועל-כע זי זאָל זיך קאָנען אָנשפּאַרן, און אַז די גאַנצע עקזיסטענץ פון דעם רעגירונג האַלט זיך נאָר אויף דער אינערציע, און ביי יעדן אויסערלעכן שטויס, קאָן די גאַנצע רעגירונגס-מאַשין הרוב ווערן. און טאַקי ווען קערענסקי איז געקומען אין פאָרפּאַרלאַמענט און האָט זיך געווענדעט צו דער דאָזיקער העכסטער רעגירונגס-אינסטיטוציע מיט אַ בקשה, אַז זי זאָל העלפן דער רעגי-רונג אין איר אַרויסטריט קעגן „דעם מלוכה-פאַרברעכער אוליאַנאָוו-לענין, וועלכער שטעלט זיך ניט צום געריכט און גרייט צו פון זיין באַהעלטעניש אַ מלוכה-פאַרשווערונג“, האָבן קערענסקיס אַלע היסטערישע טענות ניט געהאָלפן.

קיין שום פראַקציע האָט ניט געהאַט דעם צוטרוי צו קערענסקין און צו זיין רעגירונג און אפילו קערענסקיס פּאַרטיי אַליין, די ס.-ר., האָט אויף איר פראַקציע-זיצונג באַשלאָסן, אַז מען דאַרף ניט געבן קערענסקין קיין באַוואָפנטע הילף אין זיין קאַמף קעגן די באָלשעוויקעס.

ביי אַזאַ באַשלוס פון דער גרעסטער און פריינדלעכסטער צו קערענסקין פראַקציע פון פאָרפאַרלאַמענט, איז קלאָר געווען, אַז קערענסקיס פאָדערונג וועט ניט ערפילט ווערן און אַז די רעגירונג וועט אין איר קאַמף מיט די באָלשעוויקעס בלייבן איינזאַם. אָבער קערענסקיס רעגירונג איז געווען אין דעם דאָזיקן וויכטיקן, דעצידירנדיקן מאָמענט בלינד ווי אַלע רעגירונגען, און אין דער צייט, ווען אַלע פראַקציעס פון פאָרפאַרלאַמענט האָבן אָפּגעהאַלטן ביחידות זייערע זיצונגען, כדי צו באַטראַכטן דעם ענטפער, וואָס דאַרף געגעבן ווערן קערענסקין, איז אין די קולואַרן פון פאָרפאַרלאַמענט געשטאַנען דער אויסערן-מיניסטער טערעשטשענקאָ מיט איניקע זשורנאַליסטן און מיטגלידער פון פאָרפאַרלאַמענט און האָט זיך געוויצלט און אויסגעלאַכט די באָלשעוויקעס און זייערע אוואַנטוריסטישע ארויסטרעטונגען, וועלכע וועלן, ווי אין יולי, לויט טערעשטשענקאָס הבטחות, ליקווידירט ווערן מיט דער גרעסטער שנעלקייט און אכזריות.

דער דאָזיקער מיניסטער, וועלכער איז, לויט אַ בלינדן צופאַל, ארויסגעשוואומען אויף דער פּאָליטישער וועלט, האָט ניט געוואוסט, אַז אין דעם זעלביקן מאָמענט, ווען ער האָט זיך אזוי געוויצלט, איז שוין כמעט האַלב פעטערבורג און אַ טייל פון די וויכטיקסטע רעגירונגס-אינסטיטוציעס געווען אין די הענט פון די באָלשעוויקעס, וועלכע זיינען גאָר ניט נוטה געווען צו וויצלען זיך און צו פירן שפּאַס אין יענער צייט.

די פראַקציע-באַראַטונגען האָבן זיך געענדיקט און ווען עס האָט זיך געעפנט די פּלענאַרע זיצונג פון דעם פאַרפאַרלאַמענט, האָט דער מענשעוויק דאַן, לויט זיין שטייגער, געגעבן, ווי אַלעמאָל, אַ צווייזייטיקע, דיפּלאָמאַטישע ערקלערונג, וועלכע האָט אָבער דער רעגירונג ניט געקאָנט גוט שמעקן.

אויף קערענסקיס פאָדערונג, אַז דער פאָרפאַרלאַמענט זאָל אים געבן אַ הכשר „צו ליקווידירן תיכף, ענערגיש און ענדגילטיק אַלע גרופּן און פּאַרטייען, וועלכע ווילן מאַכן אַ פרוב אויפצוהויבן דעם המון קעגן דער עקזיסטירנדיקער אָרדענונג, אויפרייסן די גרינדונגס-פאַרזאַמלונג און עפענען דעם פראָנט פאַר ווילהעלמען”, האָט דאַן אין נאָמען פון דעם דעמאָקראַטישן פליגל געענטפערט, אַז „הגם מיר ווילן קעמפן מיט די באָלשעוויקעס, נאָר מיר ווילן אָבער ניט אַריינפאַלן אין די הענט פון דער קאָנטר-רעוואָלוציע, וועלכע וויל דורך דער דערשטיקונג פון דעם אויפשטאַנד געווינען איר שפּיל. „כדי קיין קאַטאַסטראָפע זאָל ניט פאָרקומען, האָט געפאָדערט דאַן, מוז דער קאָנפליקט ליקווידירט ווערן אויף אַ פרידלעכן אופן.

דאַן האָט אויך דערמאָנט קערענסקין און זיין רעגירונג, אַז אַ גאַנצע ריי וויכטיקסטע רעפאָרמען איז ניט דורכגעפירט געוואָרן און אַז די אַרבעטער און סאָלדאַטן קאָנען דעריבער ניט זיין זיכער, אַז די רעגירונג גייט מיט דעם ריכטיקן וועג.

די רעזאָלוציע, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן, איז געווען פאַר דער רעגירונג נאָך אַן ערגערער קלאַפּ. די רעזאָלוציע האָט זיך אָנגעהויבן מיט עטלעכע מוכר=ווערטער קעגן די באָלשעוויקעס, וועלכע שאַפן מיט זייער באַוואָפנטן אַרויסטריט אַ פּאַסנדיקן באָדן פאַר פּאָגראָם=אַגיטאַציע און קאָנען אויפרייסן די גרינדונגס=פאַרזאַמלונג, אָבער דער באָדן פאַר דעם ערפאָלג פון דער באָלשעוויסטישער אַגיטאַציע איז געשאַפן געוואָרן דורך דעם, וואָס די רעגירונג האָט ניט דורכגעפירט בייצייטנס די נייטיקע רעפאָרמען און איז ניט אַרויסגעטראָטן קאַטעגאָריש מיט אַ שלום=פּאָליטיק האָט געזאָגט די רעזאָלוציע.

די דאָזיקע רעזאָלוציע פון דעם פאָרפּאַרלאַמענט האָט נאָך בולטער אַרויסגעוויזן דעם אומצוטרוי פון דער רעגירונג דערמיט, וואָס זי האָט ניט געגעבן דער רעגירונג פרייע הענט אין קאַמף מיט די באָלשעוויקעס, נאָר האָט אַרויסגעשטעלט אַ פאָדערונג צו שאַפן אין פּעטערבורג אַ באַזונדער „קאָמיטעט פון געזעלשאַפטלעכער רעטונג" פון פאָרשטייער פון פּעטערבורגער מוניציפּאַליטעט און דער דעמאָקראַטיע. אַזאַ ניי=געשאַפענער קאָמיטעט האָט געדאַרפט אין קאָנטאַקט מיט דער צייטווייליקער רעגירונג אָננעמען מיטלען צו ליקווידירן „די אַקטיווע אַנאַרכישע אַרויסטרעטונגען און די פּאָגראָם=באַוועגונג".

ווען די דאָזיקע זיצונג פון פאָרפּאַרלאַמענט האָט זיך געענדיקט, איז שוין געווען שפּעט אין אָוונט. אַלע האָבן פאַרשטאַנען, אַז די קומענדיקע נאַכט וועט ברענגען פיל נייס, אָבער קיינער האָט זיך ניט געקאָנט ריכטן, אַז די נייס וועלן אויף אַזויפיל זיין דעצידירנדיק און איבעראַשנדיק, אַז אפילו די נאָענטע זיצונג פון פאַרלאַמענט, וואָס איז באַשטימט געוואָרן אויף מאָרגן פרי, וועט שוין אויך ניט קאָנען פאָרקומען.

די אָקאָרשט אָנגענומענע רעזאָלוציע האָט אַפילו געשאַפן אַרום דער רעגירונג אַ פולקום פוסטן אָרט, אָבער קיינער האָט ניט געקאָנט זיך פאָרשטעלן, אַז די צייטווייליקע רעגירונג זאָל זיין אַזוי מאַכטלאָז, אַז אין משך פון איין נאַכט זאָל מען קאָנען הרוב מאַכן דעם גאַנצן רעגירונגס=בנין, וועלכן מען האָט מיט אַזוי פיל מי און ענערגיע געבויט פון פעברואַר ביז אָקטאָבער.

די לעצטע אַרויסטרעטונגען פון קערענסקיס רעגירונג און די אַנטשלאָסענע טאַקטיק פון איבערקערעניש, וועלכע די באָלשעוויקעס האָבן דורכגעפירט, האָבן קלאָר באַוויזן, אַז עס קאָן מער קיין רייד ניט זיין וועגן דעם, אַז דער קאָנפליקט זאָל ערליידיקט ווערן אויף אַ פרידלעכן אופן.

ווען די רעגירונג האָט פאַרמאַכט די באָלשעוויסטישע צייטונגען „סאָלדאַט" און „אַרבעטער־וועג" האָט דער קריגס־רעוואָלוציאָנערער קאָמיטעט תיכף אַלס ענטפער אויף דעם באַפעל פונאַנדערגעשיקט אַ טעלעפאָנאָגראַמע אין אַלע פאָלקן מיט אַ באַפעל, אַז דער גאַנצער פעטערבורגער גאַרניזאָן זאָל אַוועקגעשטעלט ווערן אין קריגס־צושטאַנד און זאָל וואַרטן אויף ווייטערדיקע באַפעלן, „ווייל די קאָנטער־רעוואָלוציע וויל אַרויסטרעטן".

די דאָזיקע צייטונגען זיינען תיכף געעפנט געוואָרן ווידער און די „בכבודיקע פליכט צו אָפּהיטן די רעוואָלוציאָנערע דרוקערייען איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף די העלדישע סאָלדאַטן פון צוויי פאָלקן".

דער קריגס־רעוואָלוציאָנערער קאָמיטעט האָט זיך דערמיט אָבער ניט באַגנוגנט: ער האָט אַרויסגעלאָזן אַ ספּעציעלן אויפרוף צו דער באַפעלקערונג וועגן דעם, אַז די רעגירונג האָט אָנגעהויבן די אָפענסיווע, זי האָט פאַרמאַכט צייטונגען, אַרויסגערופן קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע מיליטערישע טיילן און שטרעבט אויפרייסן דעם צווייטן ראַטן־צוזאַמענפאָר, די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג א. א. וו.

דער דאָזיקער אויפרוף האָט אָבער דערביי ערקלערט, אַז דער פעטערבורגער אַרבעטער־ראַט וועט אַליין אָפּהיטן די רעוואָלוציאָנערע אָרדנונג פון אַלע קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע און פּאָגראָם־פּרובן.

„די רעוואָלוציע געפינט זיך אין זיכערע הענט און אַלע פינסטערע עלעמענטן וועלן אָפּגעווישט ווערן פון דער ערד" — אָט מיט אַזעלכע ענערגישע ווערטער האָט דער ק. ר. ק. מודיע געווען, אַז ער הויבט אָן די מלחמה מיט דער „צייטווייליקער רעגירונג".

אָבער אַפילו אין דעם דאָזיקן מאָמענט, ווען טויזנטער אויפרופן און פּראָקלאַמאַציעס האָבן קאַטעגאָריש ערקלערט, אַז צווישן דער צייטווייליקער רעגירונג און דעם ק. ר. ק. האָט זיך שוין אָנגעהויבן אַ מלחמה און אַז נאָר די כוחות־פאַרהעלטענישן וועלן אַנטשיידן די פראַגע וועגן דער מאַכט, האָבן זיך געפונען רודף־שלומניקעס, וועלכע האָבן אַפילו איצט געפּרובט מאַכן נאָך אַ פּרוב צו ערליידיקן די אַלע שטרייט־פראַגן דורך שלום־מיטלען.

צו טראָצקין, אַלס פאָרזיצער פון פעטערבורגער ראַט, איז געקומען אַ דעפּוטאַציע פון שטאָט־פאַרוואַלטונג, כלומרשט, צו אינפאָרמירן זיך וועגן דער לאַגע.

טראָצקי האָט ערקלערט, אַז דער פעטערבורגער ראַט האָט ניט געגעבן קיין שום באַפעל וועגן וועלכע עס איז אַרויסטרעטונגען צו פאַרכאַפּן די מאַכט, ווייל די מאַכט־פראַגע דאַרף ערליידיקט ווערן אויף דעם ראַטן־צוזאַמענפאָר און דער פעטערבורגער ראַט וועט זיך אונטערגעבן, אויב אַפילו דער ראַטן־צוזאַמענ־

פאַר וועט זיך אַרויסזאָגן קעגן דער ראַטן־מאַכט, הגם, האָט תיכף צוגעגעבן טראָצקי, „עס איז שווער צו גאַראַנטירן אַזאַ גאַנג פון די געשעענישן״. די רעגירונג פראָוואָצירט דעם פּעטערבורגער ראַט מיט איר׳ע געוואַלד־מעשים, קעגן וועלכע דער פּעטערבורגער ראַט וועט מוזן פירן אַ באַוואָפנטן קאַמף אָן רחמנות.

עס פאַרשטייט זיך, אַז אַזאַ ענטפער האָט ניט געקענט צופרידנשטעלן די דעלעגאַציע, וועלכע איז באַשטאַנען פון באָלשעוויסטישע קעגנער, און די דעלעגאַציע האָט געפרעגט טראָצקין, וואָס פאַר אַ מיטלען וועט דער פּעטערבורגער ראַט אָננעמען, אויב די פּעטערבורגער זעלבסט־פאַרוואַלטונג, וועלכע איז דער איינציקער רעכטמעסיקער אָרגאַן אין שטאָט, וועט אַרויסטרעטן קעגן דעם פּעטערבורגער ראַט.

אויף אַזאַ דיפּלאָמאַטישע פראַגע פון מענטשן, וועלכע האָבן געדאַרפט בלי שום ספק נעמען דעם אַקטיווסטן אָנטייל אין קאַמף קעגן די באָלשעוויקעס, האָט טראָצקי געגעבן ניט קיין ווייניקער דיפּלאָמאַטישן ענטפער: אַז קעגן דער דומע וועט אויסגענוצט ווערן דער קאָנסטיטוציאָנעלער מעטאָד, ד. ה. מען וועט די שטאָט־דומע פשוט פונאַנדערלאָזן.

עס א״ז, אַלזאָ, קלאָר געווען, אַז די באָלשעוויסטישע פאַרטײ האָט באַשלאָסן ניט אָפּשטעלן זיך פאַר קיינע שריט אין קאַמף פאַר דער מאַכט, און אַז ס׳איז שוין געקומען די לעצטע מינוט, ווען דער שווערד באַקומט דאָס וואָרט.

די שטימונג איז געווען אַזאַ געשפּאַנטע, אַז עס איז ממש געווען אוממיגלעך צו פאַרלירן צייט אויף זיצונגען און ווערטער. אין אָוונט האָט געזאָלט פאַרקומען אַ פּלענאַרע זיצונג פון דעם פּעטערבורגער ראַט, אָבער די פאַרזאַמלונג האָט באַשלאָסן, אַז עס איז ניט קיין צייט פאַר ווערטער און מען מוז זיך תיכף פונאַנדערגיין.

דער צענטראַל אויספיר־קאָמיטעט האָט אָבער געפּרובט נאָך אַ מאָל ווירקן אויף די באָלשעוויקעס און אָפּשטעלן זיי, איידער זיי האָבן נאָך געמאַכט דעם לעצטן טריט.

שפּעט ביי נאַכט פון 24־טן אויף 25 אָקטאָבער האָט זיך געעפנט די זיצונג פון דעם צ. א. ק., און דער הויפּט־רעדנער פון יענער צייט, דער מענשעוויק דאַן האָט לויט זיין שטייגער געהאַלטן זייער אַ לאַנגע רעדע, אין וועלכער ער האָט געמאַכט די לעצטע התראות די באָלשעוויקעס.

ערקלערנדיק, אַז אַ באַוואָפנטער אַרויסטריט פון די באָלשעוויקעס וועט ברענגען אַ טובה נאָר פאַר די אמתע שוואַרצמאהניקעס, וועלכע וועלן אויסנוצן די מהומה, כדי פּטור צו ווערן פון דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג און פון אַלע ראַטן, האָט דאַן נאָכדעם נביאות געזאָגט, אַז פּעטערבורג וועט אינגיכן אָפּגעשניטן ווערן פון דער פּראָווינץ און וועט בלייבן אָן ברויט און שפּייז. די אַרבעטער, וואָס גייען איצט מיט די באָלשעוויקעס, וועלן זיך פון זיי אַנטזאָגן און די באָלשעוויקעס וועלן נאָך זייער קורצן ערפאָלג האָבן אַ געוואַלדיקע מפּלה.

ווען די אַלע טענות האָבן ניט געווירקט, האָט דאַן אַרויסגעשטעלט אַ נייעם מאָטיוו און געפּרובט ווירקן אויף די באָלשעוויקעס, אַז זיי זאָלן זיך ניט יאָגן נאָך דער מאַכט, ווייל בכלל רעגירן איצט איבער רוסלאַנד איז אַ קאַטאָרגע־

אַרבעט, און קיין מאַכט, ניט קערענסקיס
און ניט די ראַטן־מאַכט, וועט ניט זיין
אימשטאַנד צו ערפילן ווי געהעריק אַזאַ
איפגאַבע.

די אַלע טענות זיינען געווען געווענ־
דעט צו די באָלשעוויקעס, אָבער דאַן
האָט זיך דערמיט ניט באַנוגנט און האָט
איצט געוואָלט געבן אין נאָמען פון דעם
מענשעוויסטיש־ס. ר.־ישן צ. א. ק. אַזעל־
כע הבטחות, פון וועלכע ער האָט די
גאַנצע צייט פון זיין עקזיסטענץ ניט גע־
וואָלט אַפילו וויסן.

ביז איצט, האָט געטענהט דאַן, האָבן
מיר געוואָלט, אַז דאָס רעוואָלוציאָנערע
רוסלאַנד זאָל באַקומען אַ שלום, וועל־
כער זאָל ניט ברענגען קיין אומגליק
פאַר אונזער לאַנד, אָבער איצט, ווען מיר
האָבן זיך איבערצייגט, אַז די פאָלקס־
מאַסן זיינען מער ניט אומשטאַנד צו
וואַרטן אויף אַזאַ שלום, זיינען מיר שוין
גרייט אויסנוצן אַנדערע, גיכערע מיטלען
אין קאַמף פאַר דעם שלום.

אין פאָרפאַרלאַמענט, האָט ווייטער
דערציילט דאַן, האָבן מיר היינט דורכ־
געפירט אַ רעזאָלוציע, וועלכע פאָדערט
פון דער רעגירונג, אַז עס זאָל תיכף
פאַרעפנטלעכט ווערן אַ געזעץ, לויט וועלכן
אַלע פריוואַטע ערד־אייגנטימער דאַרפן
איבערגיין צו די ערד־קאָמיטעטן און מיט
אַזאַ וויכטיקן באַשלוס מוז מען זיך רע־
כענען, האָט דאַן געפרובט איבערצייגן.

אָבער די אַלע גוטע הבטחות האָבן
פאַרשפּעטיקט. קיינער האָט שוין ניט גע־
גלויבט, אַז די זעלביקע רעגירונג, וואָס
האָט חדשים־לאַנג געפירט אַזאַ אומגע־
לומפּערטע שלום־פּאָליטיק און אַזאַ אומ־
פאַרשטענדלעכע, איבערהויפּט פאַר אַ
ס. ר.־ישע רעגירונג, אַגראַר־פּאָליטיק,
וועט איצט די אַלע גוטע הבטחות פאַר־
ווירקלעכן אין לעבן. נאָך ווייניקער האָבן
געוואָלט גלויבן די באָלשעוויקעס, וועל־
כע זיינען אַוועק פון דער דאָזיקער זי־
צונג, כדי ניט פאַרלירן מער צייט אויף
טענות און מענות אין דער גרויסער
היסטאָרישער נאַכט, ווען דער גורל פון
דער רוסישער רעוואָלוציע האָט געדאַרפט
באַשלאָסן ווערן.

אין דער צייט, ווען דער צ. א. ק. האָט
פאַרלאָרן צייט אויף דעבאַטן, האָבן די
באָלשעוויסטישע פירער פון איין זייט און
קערענסקי פון דער צווייטער, מאָבילי־
זירט זייערע כוחות, כדי צו געבן די
לעצטע און אַנטשלאָסענע שלאַכט.

חוץ דעם פעטערבורגער גאַרניזאָן, וועלכער
איז געווען אינגאַנצן געשטימט באָלשע־
וויסטיש, האָבן די באָלשעוויסטישע פירער
אָרגאַניזירט נאָך אַ רויטע גוואַרדיע פון
אַרבעטער, ווייל די באָלשעוויקעס האָבן
גאַנץ גוט געוואוסט, אַז דער פעטערבור־
גער גאַרניזאָן איז דעזאָרגאַניזירט און
דעמאָראַליזירט און אַז אויף אים אַליין
קאָן מען זיך בשום אופן ניט פאַרלאָזן.

צווישן די אַרבעטער האָבן זיך געפו־
נען גענוג אָנהענגער פון דעם אויפ־
שטאַנד, וועלכע זיינען אַריין אין דער
רויטער גוואַרדיע, אָבער עס איז געווען
נויטיק די דאָזיקע אַרבעטער צו באַוואָ־
פענען און כדי צו באַקומען געווער האָט
מען געמוזט באַקומען די פעטער־פּאַוועל־
פעסטונג, וואו ס'איז געווען דער הויפּט־
אַרסענאַל. די דאָזיקע פעסטונג, אַלס וויכ־
טיקסטער סטראַטעגישער פונקט פון פע־
טערבורג, האָט בכלל געדאַרפט שפּילן
אַ גרויסע ראָל אין אויפשטאַנד און דער
ק. ר. ק. האָט דעריבער באַטראַכט ספּעציעל
די פראַגע וועגן דער דאָזיקער פעסטונג.

עס האָבן זיך געפונען היציקע קעפּ, וועלכע האָבן פאָרגעלייגט אַריינפירן אין פעסטונג מיט געוואַלד אייניקע באָלשעוויסטיש-געשטימטע מיליטערישע טיילן און פאַרכאַפּן איר, אָבער דער ק. ר. ק. האָט באַשלאָסן אויסנוצן קודם אַגיטאַציע-מיטלען און האָט איינגעאָרדנט אין פעסטונג אייניקע מיטינגען, אויף וועלכע עס איז אַרויסגעטראָטן טראָצקי אַליין, און וועלכע האָבן זיך געענדיקט דערמיט, וואָס דער פעסטונג-גאַרניזאָן האָט זיך אינגאַנצן אונטערגעגעבן דעם קאָמיסאַר פון ק. ר. ק., וועלכער האָט אויף אַזאַ אופן באַקומען די פולקומע מיגלעכקייטן אויסנוצן די גרויסע געווער-און אַמוניציע-עשירות, וועלכע איז דאָרט געלעגן.

די באַוואָפנטע רויטע גוואַרדיע האָט אויך זיך גענומען צו פאַרטיידיקן דעם צענטער פון דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע, דעם סמאָלני אינסטיטוט, וואו עס האָט געאַרבעט דער ק. ר. ק. און וואו אין דער נאַכט פון 23 אויף 24 איז געקומען לענין אַליין, וועלכער האָט זיך ביז איצט באַהאַלטן פון דער רעגירונג, כדי צו נעמען דעם אַקטיווסטן אָנטייל אין דעם אויפשטאַנד.

דער ק. ר. ק. האָט אין סמאָלני געאַרבעט טאָג און נאַכט, עס איז מיט דער גרעסטער פּינקטלעכקייט אויסגעאַרבעט געוואָרן דער פּלאַן, ווי אַזוי צו פירן דעם קאַמף מיט דער צייטווייליקער רעגירונג, וועלכע האָט צו יענער צייט אַרויסגערופן פון צאַרסקאָיע סעלאָ און פון דער ווייַטערער פּראָווינץ רעגירונגס-טרייַע מיליטערישע טיילן, שטורם-באַטאַליאָנען און יונקער-שולן. דער ק. ר. ק. האָט צעטיילט אַלע זייַנע מיליטערישע קרעפטן אויף דריי גרופּעס: איין גרופּע האָט געדאַרפט אַרומרינגלען דעם ווינטער-פּאַלאַץ, וואו עס איז געווען די צייטווייליקע רעגירונג, און אויך די שטאַבן, וועלכע געפינען זיך אויף דעם זעלבן פּלאַץ ביי דעם ווינטער-פּאַלאַץ, אַ צווייטע מיליטערישע גרופּע האָט געדאַרפט אָפּהיטן און באַשיצן די פּאָרשטעט פון פּעטערבורג, כדי ניט צולאָזן אין שטאָט קיין נייַע מיליטערישע טיילן, וואָס די רעגירונג האָט געקאָנט אַרויסרופן. די דריטע גרופּע, צוזאַמענגעשטעלט פון אויסגעקליבענע מענטשן, האָט געדאַרפט פאַרטיידיקן דעם צענטער פון דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע, דעם סמאָלני אינסטיטוט.

אַ חוץ דעם „פּינפער" (לענין, טראָצקי, סטאַלין, קאַמענעוו, דזשערזשינסקי), וועלכער איז אויסגעקליבן געוואָרן אויף די זיצונגען פון דעם באָלשעוויסטישן צ. ק. און וועלכער האָט געדאַרפט אָנפירן מיט דער גאַנצער פּאָליטישער אַרבעט פון דער באַוועגונג, האָט דער ק. ר. ק. אויסגעקליבן אַ ספּעציעלע מיליטעריש-אָפּעראַטיווע קאָמיסיע פון 3 מענטשן, (אַנטאָנאָוו, לאַשעוויטש, פּאָדוואָיסקי), וועלכע האָבן געדאַרפט אָנפירן מיט די מיליטערישע אָפּעראַציעס קעגן דער צייטווייליקער רעגירונג און אירע מיליטערישע כוחות.

אין משך פון אַ קורצער צייט פון דער היסטאָרישער נאַכט איז דעם ק. ר. ק. געלונגען צו פאַרנעמען אַלע וואָקזאַלן, בריקן, די עלעקטרישע סטאַנציע, דעם טעלעגראַף און די טעלעגראַף-אַגענטור.

אָבער די צייטווייליקע רעגירונג מיט קערענסקין בראש האָט זיך נאָך ניט געוואָלט אונטערגעבן און מודה זיין אין איר מאַכטלאָזיקייט. דאָסגלייכן האָט זיך ניט געוואָלט אונטערגעבן דער אַלטער צ. א. ק., וועלכער האָט צו יענער צייט

פאַרלאָזן דעם סמאָלני אינסטיטוט, וואו ער איז ביז איצט געזעסן, און האָט זיך איבערגעקליבן אין דעם בנין פון שטאַב. אַהין איז אויך שפּעט ביינאַכט געקומען קערענסקי, וועלכער האָט אין ווינטער־פּאַלאַץ איבערגעלאָזן אַלע איבעריקע מיניסטאָרן.

אין שטאַב האָט מען תּיכּף צונויפגערופן אַ באַראַטונג, אויף וועלכער עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַלע פּעטערבורגער מיליטערישע טיילן זיינען אַריבער צו די באָלשעוויקעס, און די רעגירונג קאָן אויף זיי להלוטין ניט האָפן. עס איז נאָך געווען אַ האָפנונג, אַז די קאָזאַקן וועלן בלייבן טריי דער רעגירונג און וועלן אַרויסטרעטן קעגן די באָלשעוויקעס. צו די דריי קאָזאַקן־פּאָלקן איז תּיכּף אַרויסגעשיקט געוואָרן אַ באַפעל, אַז זיי זאָלן אַרויסטרעטן „פאַרטיידיקן דעם צ. א. ק., די רעוואָלוציאָנערע דעמאָקראַטיע, די צייטווייליקע רעגירונג און ראַטעווען רוסלאַנד“.

אָבער די קאָזאַקן האָבן אָפּגענאַרט די האָפענונגען, זיי האָבן זיך אַנטזאָגט צו ערפילן דעם באַפעל אין אַרויסטרעטן קעגן די באָלשעוויקעס:

די קאָזאַקן זיינען בכלל געווען ברוגז, וואָס די רעגירונג האָט זיי צו וויניק באַדאַנקט פאַר זייער הילף אין די יולי־טעג. אַ חוץ דעם האָט דער קאָזאַקן־פאַרבאַנד, אין וועלכן די הויפּט־ראָלע האָבן געשפּילט אַזעלכע רעאַקציאָנערן, ווי דוטאָוו, קאַלעדין א. א., געהאָפט כאַפּן אַ געווינס אין דעם ברודער־קאַמף צווישן דער דעמאָקראַטיע, און האָט דעריבער ניט געוואָלט העלפן קערענסקין אין זיין שווערער לאַגע.

—זאָלן די באָלשעוויקעס איינשלינגען די מענשעוויקעס מיט די ס. ר. צוזאַמען מיט קערענסקין. לאַנג אָבער וועלן די באָלשעוויקעס ניט געוועלטיקן. זיי וועלן גאַר אינגיכן אונטערגיין און דאַן וועט קומען די צייט, ווען די רעאַקציאָנערן פון אַלע שאַטירונגען וועלן קאָנען פאַרנעמען דעם פרייען פּלאַץ,—אַזוי האָבן געטראַכט די רעכטע און דעריבער האָבן זיי געווירקט אויף די קאָזאַקן, אַז זיי זאָלן אין דער איצטיקער שלאַכט צווישן דער דעמאָקראַטיע בלייבן אינגאַנצן נייטראַל.

די נאָענטע צוקונפט האָט באַוויזן, אַז אַלע האָפענונגען פון די שוואַרצע אויף דער גיכער מפּלה פון די באָלשעוויקעס, זיינען געווען פאַלש, אָבער אין יענעם וויכטיקן מאָמענט זיינען קערענסקי און דער צ. א. ק. נאָך דעם אָפּזאָג פון די קאָזאַקן געבליבן עלנט און איינזאַם.

די טעלעפאָן־סטאַנציע איז אין אָנהויב נאַכט געווען נאָך אין רשות פון דער רעגירונג און דעריבער איז געלונגען אויסצושליסן אַלע טעלעפאָנען פון דעם סמאָלני אינסטיטוט, אָבער אינדערפרי איז שוין די טעלעפאָן־סטאַנציע אויך פאַרנומען געוואָרן דורך דעם ק. ר. ק. סמאָלני איז צוריק איינגעשלאָסן געוואָרן אין דער טעלעפאָן-סטאַנציע און איז ווידער פאַרבונדן געוואָרן מיט דער גאַנצער שטאָט.

קערענסקי איז אויף אַן אווטאָמאָביל אַרויסגעפאָרן פון שטאָט צום פראָנט, די גאַנצע הויפּט־שטאָט איז אַריבער אונטער דער ממשלה פון קריגס־רעוואָלוציאָנערן קאָמיטעט און ווען די פּעטערבורגער באַפעלקערונג האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף און אַרויס אין גאַס, האָט זי שוין געקאָנט אויף אַלע גאַסן און אויף אַלע הייזער איבערלייענען דעם אויפרוף פון ק. ר. ק., אין וועלכן עס איז שוין ער־

קלערט געוואָרן, אַז די גאַנצע מאַכט איז אַריבער צו אים.

„די זאַך, פאַר וואָס דאָס פאָלק האָט געקעמפּט, אומגעזאַמטער פאָרשלאָג פון אַ דעמאָקראַטישן שלום, אָפּשאַפן דעם פריצישן ערד־באַזיץ, אַרבעטער־קאָנטראָל און ראַטן־מאַכט — דאָס אַלץ איז שוין געזיכערט! — איז ערקלערט געוואָרן אין אויפרוף צו אַלע בירגער. און אין דעם ספּעציעלן אויפרוף צו דעם פראָנט האָט דער ק. ר. ק. פאַרזיכערט, אַז די נייע רעוואָלוציאָנערע מאַכט, וועלכע האָט אָן שום בלוט־פאַרגיסונג מנצח געווען, וועט תיכף פאָרלייגן אַ גערעכטיקן שלום, איבערגעבן אַלע ערד־נחלאות צו די פּויערים און וועט צונויפרופן די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג.

ניט קוקנדיק אָבער דערויף, וואָס די אַלע אויפרופן האָבן געמאָלדן, אַז די אַלטע ציטווייליקע רעגירונג עקסיסטירט שוין ניט, איז נאָך אין פּעטערבורג געווען דער פאָרפאַרלאַמענט, וועלכער האָט אויף דעם זעלביקן טאָג באַשטימט אַ זיצונג און עס האָט נאָך עקסיסטירט די ציטווייליקע רעגירונג, הגם קערענסקי אַליין איז אַוועקגעפאָרן צום פראָנט.

עס איז אַלזאָ קלאָר געווען, אַז דער קאַמף האָט זיך נאָך ניט געענדיקט, און אַז דער נאָענטסטער טאָג דאַרף אַנטשיידן, ווער האָט געזיגט און אין וועמעס הענט וועט בלייבן די רעוואָלוציאָנערע מאַכט.

## VIII.

די לעצטע זיצונג פון דעם פאָרפאַרלאַמענט האָט בולט באַוויזן, אַז די דאָזיקע „הויכע פאַרזאַמלונג" גלויבט אַליין ניט אין אירע אייגענע כוחות און ניט אין די כוחות פון דער רעגירונג.

מיר האָבן שוין דערציילט, אַז די רעזאָלוציע, וועלכע איז אָנגענומען געוואָרן אין פאָרפאַרלאַמענט אַלס אַ תשובה אויף קערענסקיס ווענדונג נאָך שטיצע, האָט אָנגעוויזן אויף דער נויטיקייט צו שאַפן אַ נייעם מאַכט־אָרגאַן, אַ קאָמיטעט פון געזעלשאַפטלעכע רעטונג, אין וועלכן עס האָבן אייגנטלעך געדאַרפט אַרייַנטרעטן פאָרשטייער פון די זעלביקע פּאַרטייען און גרופּן, וועלכע זיינען געווען גענוג פאַרטראָטן אין פאָרפאַרלאַמענט גופא, דער נייער אָרגאַן האָט געקאָנט האָפן אויף אַ בעסערן מזל אפשר נאָר צוליב דעם שנוי השם, אָבער ניט אַ דאַנק די נייע כוחות, וועלכע זיינען אין אים ניט איינגעפלאָסן. עס איז געווען קלאָר, אַז דער פאָרפאַרלאַמענט האָט ניט גערעכנט, אַז דערמיט, וואָס עס וועט באַשאַפן ווערן אַ נייער מאַכט־אָרגאַן, ווערן אויסגעשעפּט די אויפגאַבן פון פאָרפאַרלאַמענט גופא, ווייל די נאָענטסטע זיצונג פון דעם פאָרפאַרלאַמענט איז באַשטימט געוואָרן אויף מאָרגן פרי.

אָבער ווען די מיטגלידער פון דעם פאָרפאַרלאַמענט האָבן זיך אָנגעהויבן אינדערפרי צונויפקלייבן אין מאַריען־פּאַלאַץ, וואו דער פאָרפאַרלאַמענט האָט געאַרבעט, האָבן זיי שוין געקאָנט באַמערקן, אַז דער גאַנצער אומגעגנד אַרום דעם פּאַלאַץ און אַרום דעם גאַנצן פּלאַץ, אויף וועלכן דער מאַריען־פּאַלאַץ שטייט, איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ אייגנאַרטיקע מיליטערישע פּאָזיציע; אויף אַלע גאַסן

וואָס האָבן אַרומגערינגלט דעם דאָזיקן
פּאַלאַץ זיינען אַוועקגעשטעלט געוואָרן
מיליטערישע פּאָסטנס, וועלכע האָבן פאַר-
באַריקאַדירט אַלע ראָגעס און דורכגענג
און דורכגעלאָזן נאָר איינצלנע דורכגייער
נאָך אַ שטרענגער חקירה ודרישה.

די דאָזיקע פּאָסטנס זיינען מיט יעדער
שעה אַלץ נעענטער און נעענטער צוגע-
גאַנגען צו דעם פּאַלאַץ גופא און האָבן אים
אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן. אין דער
ערשטער צייט האָבן די סאָלדאַטן נאָך
דורכגעלאָזט אַ געוויסע גרופּע מיטגלידער
פון פאָרפּאַרלאַמענט אין פּאַלאַץ, אָבער
אינגיכן איז דער אַריינגאַנג פאַרמאַכט
געוואָרן און אַלע מיטגלידער פון פאָר-
פּאַרלאַמענט, וועלכע האָבן עטוואָס פאַר-
שפּעטיקט, האָבן שוין ניט געהאַט די
מיגלעכקייט אַריינגיין אין פּאַלאַץ, ווייל
די וואַך ביים טיר האָט שוין קיינעם ניט
אַריינגעלאָזט.

אין אַזאַ לאַגע איז צ. ב. ש. געוועזן
דער באַוואוסטער גענעראַל אַלעקסעיעוו,
דער געוועזענער נאַטשאַלניק פון הויפּט-
שטאַב. אין ניקאָלאַיס צייטן און דער גע-
וועזענער הויפּט-קאָמאַנדיר פון דער גאַנ-
צער רוסישער אַרמיי אין די ערשטע
רעוואָלוציע-טעג.

גענ. אַלעקסעיעוו האָט געפאָדערט,
אַז מען זאָל אים אַריינלאָזן אין פּאַלאַץ,
וואו אויף אים, אַלס אַ מיטגליד פון פאָר-
פּאַרלאַמענט, ליגט אַ חוב צו זיין און
נעמען אַן אָנטייל צוזאַמען מיט אַלע
איבעריקע חברים אין די אַלע געשעענישן,
וואָס קומען דאָרט פאָר.

דער יונגער פּאָרוטשיק, אויף וועמען
ס'איז אויסגעפאַלן דער גורל צו אַוועק-
שטעלן זיך קעגן דעם געוועזענעם אַלער-
העכסטן קאָמאַנדיר, האָט מיט אַ ציטער-
דיקן קול געפּרובט צו ערקלערן, אַז ער
האָט אַ שטרענגן פאַרבאָט קיינעם ניט
אַריינלאָזן, און אַז בכלל קיינע געשעענישן
און קיינע זיצונגען קומען ניט פאָר אין
פּאַלאַץ.

אַלעקסעיעוו האָט געפּרובט ווייטער
איבערצייגן דעם פּאָרוטשיק, אָנווייזנדיק
אַפילו אויף זיין טיטול א. ד. ג. אָבער
דער יונגער פּאָרוטשיק, וועמען עס האָט
געוואָרפן אין היץ און קעלט, איז גע-
בליבן פעסט און האָט אַלעקסעיעוון אין
פּאַלאַץ ניט אַריינגעלאָזט. דער גענעראַל
האָט געמוזט אַוועקגיין, און ער האָט גוט
געטאָן, ווייל מיט עטלעכע מינוט שפּע-
טער, ווען פון פּאַלאַץ איז אַרויס טשוד-
נאָווסקי, וועלכער האָט אָנגעפירט מיט די
גאַנצע אָפּעראַציעס אַרום דעם מאַריינ-
פּאַלאַץ, און האָט זיך דערוואוסט וועגן
דעם אינצידענט מיט דעם גענעראַל,
האָט ער אויסגעדריקט זיין פאַרדרוס,
פאַרוואָס מען האָט דעם גענעראַל, אַזאַ
טיכטיקן מענטש פון דעם קעגנערס לאַ-
גער, ניט אַרעסטירט תיכף און אויף אַזאַ
אופן ניט באַזייטיקט אים פון קאַמפּס-
פּלאַץ.

אַרום פּאַלאַץ האָבן זיך געזאַמלט מי-
ליטערישע כוחות, וועלכע האָבן געשאַפן
אַ רינג אַרום אים. מען האָט אַפילו גע-
בראַכט צו אים געפּאַנצערטע אַווטאָמאָ-
בילן, כדי צו פאַרגרעסערן די כוחות פון
די מיליטערישע גרופּן, וועלכע האָבן
געזאָלט איינגעמען דעם פּאַלאַץ און צו-
טרייבן מיט געוואַלד דעם פאָרפּאַרלאַמענט.
אָבער אין דעם פּאַלאַץ גופא איז פאָר-
געקומען אַ טראַגי-קאָמישע סצענע, וועל-
כע האָט באַוויזן, ווי שוואַך ס'זיינען די
כוחות, מיט וועמען די באָלשעוויקעס פירן
דעם קאַמף.

אין פּאַלאַץ איז אַריין טשודנאָווסקי מיט עטלעכע סאָלדאַטן און האָט פּאָרגעלייגט, אַז אַלע מיטגלידער פון דעם פּאָרפּאַרלאַמענט צוזאַמען מיט די באַאַמטע זאָלן תּיכּף פאַרלאָזן דעם פּאַלאַץ.

אַלס ענטפער אויף אַזאַ פאָדערונג איז צונויפגערופן געוואָרן אין קאַבינעט פון פּאָרזיצער אַווקסענטיעוו אַ באַראַטונג פון סעניאָרן-קאָנווענט, וועלכע האָט אָן לאַנגע דעבאַטן באַשלאָסן, אַז די באַשטימטע זיצונג זאָל ניט פאָרקומען, און ערקלערן עפנטלעך, אַז דער „ראַט פון רעפּובליק" האָט נאָר צייטווייליק איבערגעריסן זיין טעטיקייט, ווייל עס איז ניט מיגלעך איצט פירן די אַרבעט און צונויפרופן די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון רעפּובליק-ראַט".

דער סעניאָרן-קאָנווענט האָט אויך באַשלאָסן אַריינצוטרעטן אין דעם קאָמיטעט צו ראַטעווען דאָס פאָטערלאַנד און די רעוואָלוציע און, פאַרשטייט זיך, ווענדן זיך צו דער גאַנצער באַפעלקערונג מיט אַן אויפרוף וועגן דער לאַגע אין הויפּט-שטאָט.

אין פּאַלאַץ איז צו יענער צייט געווען אַ גאַנץ היבשע צאָל מיטגלידער פון פּאָרפּאַרלאַמענט, און ווען זיי האָבן אויסגעהערט די באַשלוסן פון סעניאָרן-קאָנווענט, האָבן זיי אויך באַשלאָסן פּראָטעסטירן קעגן דעם געוואַלד, וועלכן מען איז באַגאַנגען בנוגע צו זיי און פאַרמאַכן די זיצונג, וועלכע האָט אינגאַנצן געדויערט עטלעכע מינוט.

מערקווירדיק איז, וואָס צווישן ד מיטגלידער פון פּאַרפּאַרלאַמענט (אַרום 100 מיטגלידער זיינען אין פּאַלאַץ דאָך געווען) האָט זיך געפונען נאָר איינער, וועלכער האָט פּראָטעסטירט קעגן דעם, וואָס דער פּאָרפּאַרלאַמענט ערלויבט זיך אַזוי לייכט צוטרייבן און ווייזט ניט אַרויס קעגן די באָלשעוויקעס קיין שום ווידערשטאַנד. און נויטן זיי לכה"פ צו באַנוצן זיך מיט געוואַלד-מיטלען. נאָך מער כאַראַקטעריסטיש איז, וואָס דעם דאָזיקן פּראָטעסט האָט געמאַכט אַ מיטגליד פון אַזאַ „מעכטיקער רוסישער רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי", ווי דער פאָרשטייער פון דער יידישער פּאַראייניקטער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, ה' גוטמאַן.

עס פאַרשטייט זיך, אַז דער פּראָטעסט פון אַזאַ פּאַרטיי האָט קיינעם ניט געקאָנט איבערצייגן און אויף קיינעם ניט געקאָנט ווירקן, און טשודנאָווסקין מיט זיינע סאָלדאַטן איז לחלוטין ניט אויסגעקומען צו באַנוצן זיך מיט קיינע געוואַלד-מיטלען, כּדי צו מאַכן אַ סוף פון דעם „צייטווייליקן ראַט פון דער רוסישער רעפּובליק".

איינציקווייז, האָבן אַלע מיטגלידער פאַרלאָזן דעם פּאַלאַץ און די פּחדנות פון אייניקע מיטגלידער איז געווען אַזוי גרויס, אַז אַרויסגייענדיק פון פּאַלאַץ אויפן גאַס דורך די סאָלדאַטן-שפּאַלערן, האָבן אייניקע געפונען פאַר נויטיק אַרויסנעמען די באָלשעוויסטישע צייטונגען, און האַלטן די דאָזיקע צייטונגען אָפן, קאָנטיק, אַלס אַ פּאַנצער קעגן די באָלשעוויסטיש-געשטימטע סאָלדאַטן.

אָט אַזוי האָט זיך געענדיקט דאָס לעבן פון דעם פּאָרפּאַרלאַמענט, אויף וועלכן מען האָט מיט אַ קורצער צייט צוריק געלייגט אַזעלכע גרויסע האָפענונגען.

עס איז געבליבן נאָך איין וויכטיקע רעגירונגס-אינסטיטוציע, אויף וועלכער מען האָט אויך געלייגט גרויסע האָפענונגען, דאָס איז דער שטאַב, מיט זיין

אויסגעצייכנטן מיליטעריש־אינפאָרמאַטיוון אַפּאַראַט, מיט זיין גרויסער צאָל שטאַב־אָפיצערן, שטאַב־באַאַמטע און סאָלדאַטן, וועלכע האָבן געקאָנט אַרויסווייזן אַ ווידערשטאַנד די באָלשעוויקעס אין זייער שטרעבונג צו פאַרנעמען די דאָזיקע וויכטיקסטע מיליטערישע און רעגירונגס־אינסטיטוציע.

אין גיכן אָבער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַלע האָפענונגען אויף דעם שטאַב זיינען פולקום גרונדלאָז. קודם־כל האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די נידעריקערע מיטגלידער פון דעם גרויסן שטאַב־פערזאָנאַל, די סאָלדאַטן, זיינען אויך פיל מער נוטה צו די באָלשעוויקעס און זיי וועלן זיך בשום־אופן ניט מוסר־נפש זיין פאַר קערענסקין און זיין רעגירונג.

די שטאַב־אָפיצערן זיינען בכלל געווען אין גרעסטן רוב אַפּאָליטיש, אָדער זאָגאַר געשטימט קעגן קערענסקין און דער נייער רעוואָלוציאָנערער רעגירונג, און האָבן אויך ניט געהאַט קיין שום כוונה צו אַרויסטרעטן אין קאַמף כדי צו פאַרטיידיקן די רעגירונג. חוץ דעם, האָבן די אַלע שטאַב־אָפיצערן בכלל זיך ניט געוואָלט מישן אין דעם קאַמף צווישן די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען צו וועלכע זיי האָבן, לויט זייער עבר און ערציאונג, ניט געהאַט קיין שום נטיה און צוטרוי. זיי זיינען זיך צולאָפן איינציקווייז און האָבן איבערגעלאָזט דעם שטאַב אַליין נאָך איידער עס איז קלאָר געוואָרן, אויף וועמענס צד ס'וועט זיין דער נצחון.

תיכף, ווי די באָלשעוויקעס האָבן פאַרנומען די טעלעפאָן־סטאַנציע און אָפּגעשניטן דעם שטאַב פון דער גאַנצער שטאָט און פון אַלע איבעריקע רעגירונגס־אינסטיטוציעס, האָט דאָס־רוב באַאַמטע פּאַרלאָזן דעם שטאַב אויף גאָטס־גנאָד און עס איז קלאָר געוואָרן, אַז דער שטאַב וועט פאַרנומען ווערן דורך די באָלשעוויקעס אָן שום ווידערשטאַנד.

די באָלשעוויקעס האָבן אָבער דערפון ניט געוואוסט און ווען דער מאַריענ־פּאַלאַץ איז באַפרייט געוואָרן פון דעם פּאַר־פּאַרלאַמענט, איז געקומען אין שטאַב אַ דעלעגאַציע פון פּעטער־פּאַוול־פעסטונג מיט אַ פאָרשלאָג איבערגעבן אין רשות פון דער באָלשעוויסטישער מאַכט די גאַנצע שטאַב־געביידע. דערביי איז געגעבן געוואָרן אַ התראה, אַז אויב אין משך פון 20 מינוט וועט דער פאָרשלאָג ניט אָנגענומען ווערן, וועלן די האַרמאַטן פון פעסטונג און פון די קריגס־שיפן, וואָס שטייען אויף דער נעווא, אָנהויבן צו פייערן אויף דעם שטאַב און אויף אַלעמען, וואָס וועלן דאָרט זיין.

אין שטאַב זיינען צו יענער צייט געווען דער הויפּט־קאָמאַנדיר פון פּעטערבורגער מיליטערישן ראַיאָן, געג. באַגראַטוני און דער באַפולמעכטיקטער צו איינשטעלן אָרדענונג אין שטאָט, דער קאַדעטישער מיניסטער קישקין מיט זיין קאַנצעלאַריע.

די אַלע זיינען אַוועק אין ווינטער־פּאַלאַץ, וואָס געפינט זיך קעגנאיבער. דאָרט זיינען אויך געווען די איבעריקע מיניסטאָרן, מיט וועלכע מען האָט זיך געוואָלט באַראַטן וועגן דעם באָלשעוויסטישן אולטימאַטום.

20 מינוט זיינען אַריבער און פון דעם ווינטער־פּאַלאַץ איז קיין שום תשובה ניט אָנגעקומען, פון פּעטער־פּאַוול־פעסטונג האָט מען געגעבן נאָך 10 מינוט צייט אויף אַ תשובה, אָבער ווען נאָך דעם דאָזיקן טערמין איז פון דעם ווינטער־

פּאַלאַץ און פון דער ציטווייליקער רע=
גירונג קיין שום תשובה ניט אָנגעקומען,
האָט דער גענעראַל=קוואַרטירמייסטער
פון שטאַב פּאַראַדעלאָוו ניט געפונען
קיין אַנדער ברירה, ווי צו אונטערגעבן
זיך און איבערגעבן אין רשות פון די
באָלשעוויסטישע קאָמיסאַרן דעם שטאַב.
און ווען אין שטאַב זיינען אריין די
פאָרשטייער פון ק. ר. ק. האָבן זיי דאָרט
געפונען חוץ דעם גענ. פּאַראַדעלאָוו,
עטלעכע דערשראָקענע אָפיצערן, וועלכע
האָבן ניט געוואוסט, ווי צו האַלטן זיך
מיט די פאָרשטייער פון דער נייער
מאַכט און וועלכע האָבן נאָר געוואָלט
וואָס גיכער פאַרלאָזן די געביידע און
באַפרייען זיך פון יעדער פאַראַנטוואָרט=
לעכקייט פאַר וועלכער עס איז קומענדי=
קער מאַכט.

אָט אזוי זיינען איינציקווייז, אָן שום
ווידערשטאנד, געפאלן די פעסטונגען פון
דער צייטווייליקער רעגירונג.

איצט זיינען נאָך געבליבן צוויי הויפּט=
פונקטן, וועלכע האבן צווישן זיך גע=
פירט דעם קאמף, דאס זיינען געווען
דער סמאלני אינסטיטוט פון איין זייט
און דער ווינטער=פּאלאץ פון דער צוויי=
טער, און אהין וועלן מיר זיך איבער=
טאקע ווענדן.

## XI.

דער מיניסטער=פּרעזידענט קערענסקי
האָט דערקלערט אויף דער טריבונע פון
פּאָרפּאַרלאַמענט, אַז די רעגירונג וועט
אָננעמען די שאַרפסטע מיטלען קעגן יע=
נע, וואָס וועלן זיך דערוועגן אַרויסטרעטן
קעגן דער צייטווייליקער רעגירונג. נאָך
דער דאָזיקער דרשה האָט קערענסקי ניט
געמאַכט קיין לאַנגע שהיות און איז אָפּ=
געפאָרן פון פּעטערבורג צום פראָנט, כדי
דאָרט געפינען טרייע מיליטערישע אָפּ=
טיילונגען, מיט וועלכע ער וועט קאָנען,
ווי אין די פאָריקע יולי—טעג, קומען אלס
זיגער קיין פעטערבורג און דאָרט פייערן
זיין נצחון.

דער וויצע=פּאָרזיצער קאָנאָוואלאָוו,
וועלכער איז געבליבן אָנשטאָט קערענ=
סקין, האָט גאַנץ פרי געעפנט די זיצונג
פון דער צייטווייליקער רעגירונג און ער=
קלערט, אַז צוליב דער וויכטיקייט און
ערנסטקייט פון מאָמענט, וועלן די זיצונ=
גען געפירט ווערן אָן אַן אויפהער. די
רעגירונג האָט קודם כל באשטימט דעם
קאַדעטישן מיניסטער קישקין אַלס אַ באַ=
פולמעכטיקטן פון דער רעגירונג „צו
איינשטעלן אָרדענונג אין פעטערבורג און
פאַרטיידיקן די שטאָט פון אַלע אַנאַר=
כישע אַרויסטרעטונגען“.

אַלס געהילף צו קישקינען זיינען באַ=
שטימט געוואָרן פּאַלטשינסקי, וועלכער
האָט געהאַט אַ שלעכטן נאָמען צווישן
די פעטערבורגער אַרבעטער צוליב זיינע
עוואַקואַציע—פּראָיעקטן און אינזש. רו=
טענבערג, וועלכער איז געווען באַוואוסט
נאָך פון 1905 יאָר, ווען ער האָט גענו=
מען אַ גרויסן אָנטייל אין דער רעוואָלו=
ציאָנערער באַוועגונג און האָט לויט אַ
פּאַרטיי—באַפעל דערהרגעט אין אָזערקי
(ביי פעטערבורג) דעם גלח גאַפּאָן.

אָט די דריי ענערגישע מענטשן האָבן
געדאַרפט קעמפן מיט דער באָלשעוויס=
טישער באַוועגונג און איינשטעלן אָרדענונג
אין דער שטאָט, וועלכע איז שוין כמעט

געוועזן אין דעם געגנערס הענט. די צייטווייליקע רעגירונג האָט באַפוילן, אַז אַלע מיליטערישע און ציווילע מאַכט־אָרגאַנען גייען איבער אין קישקינס רשות, אָבער דער דאָזיקער באַשלוס האָט שוין ניט געקענט האָבן קיינע פּראַקטישע רעזולטאַטן, ווייל כמעט דער גאַנצער פּעטערבורגער גאַרניזאָן איז שוין איבערגעגאַנגען צו די באָלשעוויקעס און די אַלטע צייטווייליקע רעגירונג האָט ניט געהאַט אין איר רשות אַזעלכע כוחות, אויף וועלכע זי זאָל זיך קאָנען אָנשפּאַרן.

די טעלעגראַף־און טעלעפאָן סטאַנציעס זיינען שוין געוועזן פאַרנומען דורך די באָלשעוויקעס, אָבער די צייטווייליקע רעגירונג, וואָס איז געווען אין ווינטער־פּאַלאַץ, האָט נאָך געהאַט אין איר רשות אַ באַזונדער טעלעגראַף–דראָט, דורך וועלכן דער אינערן מיניסטער האָט פאַנאַנדערגעשיקט אין גאַנץ רוסלאַנד אַ טעלעגראַמע, אין וועלכער די רעגירונג האָט מודיע געווען וועגן די פּעטערבורגער געשעענישן און האָט ערקלערט, אַז די צייטווייליקע רעגירונג קאָן איר מאַכט איבערגעבן נאָר דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג און ניט דעם ק. ר. ק., וועלכער שטרעבט צו פאַרכאַפּן די מאַכט. די צייטווייליקע רעגירונג האָט געבעטן שטיצע פאַר זיך און גערופן צו אַ ווידערשטאַנד קעגן יענע אַלע אָרגאַניזאַציעס, וואָס ווילן מיט זייערע אַנאַרכישע אַרויסטרעטונגען אונטערגראָבן די רעוואָלוציע און די פרייהייט.

אין אַ צווייטן אויפרוף צו דער באַפעלקערונג האָט די צייטווייליקע רעגירונג אויך מודיע געווען, אַז זי בלייבט אויף איר פּאָסטן, קאָן איבערגעבן איר מאַכט נאָר דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג און האָט אויך גערופן, אַז אַלע בירגער זאָלן זיך אָרגאַניזירן אַרום איר און געבן אַ ווידערשטאַנד יענע משוגעים, וואָס ווילן אויפרייסן די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג און פאַרניכטן אַלע עראָבערונגען, וואָס די רעוואָלוציע האָט געבראַכט.

אַ דריטער אויפרוף איז געווען געווענדעט צום פראָנט. דער אויפרוף האָט אויך ערקלערט די סבות, פאַרוואָס די צייטווייליקע רעגירונג בלייבט שטיין אויף איר פּאָסטן און וויל זיך ניט אָנטזאָגן פון איר מאַכט, די צייטווייליקע רעגירונג האָט גאַנץ גוט פאַרשטאַנען, אַז מיט אַזעלכע אַלגעמיינע ווערטער קאָן מען ניט נושא חן זיין ביי די סאָלדאַטן, וואָס ווילן קודם כל אַן ענטפער אויף דער מלחמה־פראַגע און האָט דעריבער אויפגעוואָרפן די באָלשעוויקעס, אַז זיי שטערן איר דיפּלאָמאַטישע אַרבעט, וואָס שטרעבט צו דערנעענטערן דעם שלום.

אויב די אַלע ראיות האָבן ניט געקאָנט ווירקן, האָט די צייטווייליקע רעגירונג געפּרובט אַרויסרופן אַ שנאה ביי די פראָנט־סאָלדאַטן צו די טייל־אָפּטיילונגען און האָט פּראָוואָצירט די פראָנטאָוויקעס וואָס האַלטן אין די אייזערנע חיילות פון שונא, קעגן די פּעטערבורגער מיליטערישע אָפּטיילונגען, וועלכע לאָזן איבער דעם פראָנט אָן הילף.

די צייטווייליקע רעגירונג האָט פּראָדוצירט באַפעלן און אויפרופן, וועלכע האָבן אָבער קיין באַדייטונג ניט געקאָנט האָבן און וועלכע האָבן ניט געקאָנט ענדערן די טרויעריקע לאַגע, אין וועלכער די רעגירונג איז שוין געווען.

די גאַנצע האָפענונג איז געווען אויף קערענסקין, וועלכער דאַרף ברענגען פון פראָנט נייע מיליטער־אָפּטיילונגען, אָבער

די גאַנצע רעגירונג האָט ניט געהאַט קיין שום אַנונג, צי אַלע הבטחות פון קערענסקין האָבן אַ וועלכע עס איז ממשות, אָדער זיי זיינען פּוסטע פראַזן אָן קיין שום ווערט.

די צייטווייליקע רעגירונג איז געווען אַזוי בלינד, אַז זי האָט אַפילו ניט געוואוסט, צו קאָן זי זיך פאַרלאָזן אויף די מיליטערישע אָפּטיילונגען, וועלכע האָבן פאַרטיידיקט דעם ווינטער-פּאַלאַץ און וועלכע זיינען געשטאַנען אויף דער וואַך ביי דעם פּאַלאַץ.

אין גיכן האָט זיך טאַקע אַרויסגעוויזן אַז די דאָזיקע מיליטערישע אָפּטיילונגען קאָנען ניט זיין קיין געניגנדער שוץ-מיטל, ווייל ביסלעכוויז זיינען די סאָלדאַטן-רייען, וואָס האָבן אָפּגעהיט דעם ווינטער-פּאַלאַץ, צערונען געוואָרן און אין רשות פון דער צייטווייליקער רעגירונג זיינען געבליבן אַרום טויזנט יונקערס מיט עטלעכע האַרמאַטן און פּאַנצער-מאַשינען און אַ פרויען-באַטאַליאָן. מיט אַזעלכע קליינע כוחות האָט זיך די צייטווייליקע רעגירונג געדאַרפט אַוועקשטעלן קעגן דעם גאַנצן פּעטערבורגער גאַרניזאָן מיט דער פּעטער-פּאַול-פעסטונג און קרייצער שיף „אַווראָראַ“, וועלכע איז אויך געשטאַנען אויף נעוואַ אינגאַנצן אין רשות פון סמאָלני קעגן דער רעגירונג.

עס איז געווען קלאָר, אַז די מינוטן פון דער צייטווייליקער רעגירונג זיינען געציילטע, אָבער די דעזאָרגאַניזאַציע און ניט אַנטשלאָסנקייט צווישן די מיליטערישע אָנפירער פון דער איבערקערעניש זיינען געווען גענוג גרויס, אויב די צייטווייליקע רעגירונג האָט זיך מיט אירע קליינע קרעפטן געקאָנט האַלטן אַ גאַנצן טאָג ביז שפּעט ביי נאַכט, שאַפנדיק דערמיט אַ מיראַזש, אַז די כוחות פון דער צייטווייליקער רעגירונג זיינען נאָך גענוג גרויס.

דער ווינטער-פּאַלאַץ האָט געהאַט אין זיין רשות נאָר איין טעלעפאָן, און וועלכן, קאָנטיק, די טעלעפאָן-סטאַנציע האָט, באַוואוסטזיניק אָדער צופעליק, פאַרגעסן. אַלע איבעריקע טעלעפאָנען זיינען אויסגעשלאָסן געוואָרן, אַ זייגער זעקס אינאָוונט האָט דער ק. ר. ק פאַרבונדן זיך טעלעפאָניש מיט דעם ווינטער-פּאַלאַץ און האָט פאָרגעלייגט, אַז די צייטווייליקע רעגירונג זאָל זיך אונטערגעבן.

די רעגירונג האָט קאַטעגאָריש אָפּגעוואָרפן אַלע אולטימאַטומס און דעמאָלט האָבן די אָנפירער מיט די מיליטערישע אָפּעראַציעס, פּאָדוואָיסקי און אַנטאָנאָוו אָנגעהויבן צו מאַכן די לעצטע הכנות צו באַשיסן דעם פּאַלאַץ פון דער פעסטונג און פון „אַווראָראַ“. ווען אַלע הכנות זיינען שוין דורכגעפירט געוואָרן, זיינען אין פּאַלאַץ געקומען ספּעציעלע פאַרלאַמענטיאָרן נאָך אַ מאָל פאָרלייגן דער רעגירונג אונטערגעבן זיך.

בראש פון די דאָזיקע פאַרלאַמענטיאָרן איז געווען טשודנאָווסקי, וועלכער האָט אינדערפרי גענומען דעם מאַריען-פּאַלאַץ. די צייטווייליקע רעגירונג האָט זיך קאַטעגאָריש אַנטזאָגט צו פירן אונטערהאַנדלונגען מיט די פאַרלאַמענטיאָרן, און דער צייטווייליקער פּעטערבורגער גענעראַל-גובערנאַטאָר, פּאַלטשינסקי, האָט אַפילו געדראָט, אַז ער וועט די פאַרלאַמענטיאָרן אַרעסטירן און דערשיסן.

דער וויזיט פון די פאַרלאַמענטיאָרן האָט אַלזאָ ניט געבראַכט צו די געוואונשטע רעזולטאַטן: די רעגירונג האָט זיך ניט אונטערגעגעבן, אָבער דאָך איז דער

וויזיט ניט געבליבן אינגאַנצן אָן רעזולטאַטן, ווייל טשודנאָווסקין איז געלונגען ווירקן אויף איינִיקע רעגירונגס-טרייע אָפּטיילונגען, אַז זיי זאָלן פאַרלאָזן די רעגירונג אין איר לעצטע פעסטונג און אַוועקלייגן דאָס געווער.

דער וויכוח צווישן טשודנאָווסקין און פּאַלטשינסקין האָט געדויערט אַ היבשע צייט און ווען די פּאַרלאַמענטיאָרן זיינען געקומען צוריק מיט דעם נעגאַטיוון ענטפער, האָבן די מיליטעריטע אָפּטיילונגען, וואָס האָבן באַלאַגערט דעם ווינטער-פּאַלאַץ, אָנגעהויבן צו באַשיסן דעם פּאַלאַץ.

די יונקערס און די רעגירונגס-טרייע באַטאַליאָנען האָבן געענטפערט מיט פייער און אַזוי האָט דער ערשטער צוזאַמענשטויס געדויערט מער פון 5 שעה און צו קיין ענדגילטיקע רעזולטאַטן ניט געבראַכט. דער פּאַלאַץ איז געבליבן אין רשות פון דער רעגירונג, וועלכע האָט תיכּף פאַרעפנטלעכט אַ נייע ווענדונג צו דער באַפעלקערונג, אין וועלכער ס'איז דערציילט געוואָרן וועגן דעם באַוואָפנטן אָבער רעזולטאַטלאָזן אָנפאַל און אין וועלכן ס'איז נאָך אַ מאָל איבערגעחזרט געוואָרן, אַז די צייטווייליקע רעגירונג שטייט פעסט אויף איר פּאָסטן און וועט די מאַכט איבערגעבן נאָר דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג. די ווענדונג האָט אויך מודיע געווען, אַז די הויפּט-קוואַרטיר שיקט אַרויס אַן אַרמיי-אָפּטיילונג קעגן די באָלשעוויקעס.

די ידיעה וועגן דער שיסעריי האָט זיך פאַרשפּרייט תיכּף איבער דער גאַנצער שטאָט און האָט געמאַכט אַ גוואַלדיקן איינדרוק. די שטאָט-דומע, וועלכע האָט געהאַט דעמאָלט פּערמאַנענטע זיצונגען, האָט באַשלאָסן צו שיקן תיכּף אַ דעפּוטאַציע צום ווינטער-פּאַלאַץ און ווירקן אויף די סאָלדאַטן, אַז זיי זאָלן אָפּשטעלן די ברודער-מלחמה און די בלוט-פאַרגיסונג. דער דאָזיקער באַשלוס איז אָנגענומען געוואָרן ביי אַ געהויבענער שטימונג און די רעזאָלוציע איז רעדאַגירט געוואָרן מיט זייער הויכע פראַזן און מליצות.

די דעפּוטאַציע, וואָס איז אויסגעוויילט געוואָרן בראש מיט דעם שטאָט-גאָלאָוואַ, האָט באַקומען אַ צוואה פון דער דומע און פון גאַנצן פּובליקום, וואָס האָט פאַרפילט דעם בנין, אַז זיי זאָלן שטעלן זייער לעבן אין געפאַר און גיין צוגעבן מוט דער רעגירונג און אין דער זעלבער צייט ווירקן אויף די באַפאַלער, אַז זיי זאָלן אָפּשטעלן זייער „פאַרברעכערישע אַרבעט".

די דעפּוטאַציע איז אַוועקגעגאַנגען אין אַ געהויבענער שטימונג, אָבער איר הבטחה און די צוואה פון די פאַרזאַמלטע האָט זי ניט אויסגעפירט. די דעפּוטאַציע האָט געמוזט דורכגיין אַ שטיק נעווסקי פּראָספּעקט, כּדי צו קומען צום ווינטער-פּאַלאַץ, אָבער אונטערוועגס האָט זי אָפּגעשטעלט אַ באָלשעוויסטישער פּאַטרול, וועלכער האָט ניט געוואָלט אויסהערן קיינע טענות און האָט בשום אופן ניט צוגעלאָזט די דעפּוטאַציע צום ווינטער-פּאַלאַץ און צו דער באַלאַגערטער רעגירונג. די דעפּוטאַציע האָט באַשלאָסן אויספּרובן אַנדערע מיטלען און דורכרייסן זיך צום ווינטער-פּאַלאַץ דורך זייטיקע געסלעך און אַרומיקע בנינים, אָבער דאָס איז איר אויך ניט געלונגען.

די שיסעריי האָט זיך ווידער אָנגעהויבן. אין סמאָלני האָט זיך שוין צו יענער צייט

געעפֿנט די זיצונג פֿון דעם צווייטן אַל־רוסישן ראַטן־צוזאַמענפֿאָר און פֿאַר די אָנפֿירער פֿון דער גאַנצער באַוועגונג איז געווען אַ לעבנס־פֿראַגע צו פֿאַרענדיקן מיט דער צייטווייליקער רעגירונג, איידער די ערשטע זיצונג איז געשלאָסן געוואָרן, כדי צו ווירקן אויף יענע דעלעגאַטן פֿון צוזאַמענפֿאָר, וועלכע האָבן זיך נאָך געוואַקלט און ניט געהאַט קיין פֿעסטע און קלאָרע מיינונג בנוגע די געשעענישן, וואָס האָבן אַלעמען, איבערהויפּט די פּראָווינץ־דעלעגאַטן, פֿאַרכאַפּט אַזוי אומגעריכט.

דער צווייטער אָנפֿאַל אויף דעם ווינטער־פּאַלאַץ האָט זיך אָנגעהויבן אַרום 11 ביינאַכט. דער ווידערשטאַנד פֿון די רעגירונגס־אָפּטיילונגען איז געוואָרן שוואַכער, איבערהויפּט פֿון יענעם מאָמענט, ווען די רעגירונגס־אַרטילעריע איז פֿאַרכאַפּט געוואָרן דורך די באָלשעוויסטישע מיליטער־טיילן. די איינציקע אָפּטיילונגען פֿון ק. ר. ק. איז שוין געלונגען אַריינצורייסן זיך אין פּאַלאַץ, אָבער די רעגירונגס־טרייע סאָלדאַטן האָבן זיך נאָך ניט אונטערגעגעבן איינגאַנצן.

די רעגירונג איז איבערגעגאַנגען אין די הינטערשטע צימערן, וועלכע מען האָט נאָך געקאָנט איינהאַלטן. די זיצונג פֿון דער צייטווייליקער רעגירונג האָט זיך פֿאַרגעזעצט.

דער דראָט, וואָס האָט פֿאַרבונדן די רעגירונג מיט דער גאַנצער וועלט, איז נאָך געווען אין איר רשות און די רעגירונג שיקט אַרויס אַ נייעם קאָמוניקאַט מיט אַ ידיעה, אַז זי איז נאָך אויפֿן פּאָסטן, די שטאָט־דומע און דער ראַט פֿון די פּויערים־דעפּוטאַטן זיינען פֿאַר דער רעגירונג, דער שונא איז שוואַך, פֿון פֿראָנט גייען מיליטערישע טיילן דער רעגירונג צו הילף, איין פּאָלק ווערט ערוואַרט ביינאַכט און עטלעכע אינדערפֿרי.

דער דאָזיקער קאָמוניקאַט איז שוין אָבער געווען דער לעצטער. די אמתע לאַגע פֿון דער רעגירונג איז גאָר ניט געווען אַזוי גלענצענד, ווי דער קאָמוניקאַט האָט געשילדערט. פֿון וואַנען זיינען געקומען די ידיעות וועגן דער הילף איז שווער צו פֿאַרשטיין, ווייל פֿאַקטיש זיינען די אַלע הבטחות ניט מקוים געוואָרן. ניט ביינאַכט און ניט אויף מאָרגן פֿרי זיינען קיין הילפֿס־באַטאַליאָנען ניט געקומען און די רעגירונג איז געבליבן אַליין אָפּגעשניטן פֿון שטאָט און ניט האָבנדיק די מיגלעכקייט צונויפֿריידן זיך אַפֿילו מיט יענע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע זיינען געווען גרייט צו שטיצן די רעגירונג, אָבער וועלכע האָבן אויך קיין כוחות ניט געהאַט אין זייער רשות.

דאַגעגן. דער „שוואַכער שונא” האָט נאָך געהאַט גענוג קרעפֿטן צו באַנייען זיינע אַטאַקעס. ווען אַלע אולטימאַטומס האָבן ניט געווירקט, אויף דער צייטווייליקער רעגירונג איז געגעבן געוואָרן אַ באַפֿעל, אַז די האַרמאַטן פֿון דער פּעטער־פּאַול־פֿעסטונג זאָלן אָנהויבן צו באַשיסן דעם ווינטער־פּאַלאַץ. די אין ווינטער־פּאַלאַץ באַלאַגערטע יונקערס און רעשטלעך פֿון דעם פֿרויען־באַטאַליאָן האָבן תיכף ערקלערט, אַז זיי גיבן זיך אונטער און האָבן אַוועקגעוואָרפֿן דאָס געווער.

די אַטאַקירנדיקע סאָלדאַטן און מאַטראָסן פֿאַרכאַפּן תיכף דעם ווינטער־פּאַלאַץ. קודם הויבט מען אָן צו זוכן די צייטווייליקע רעגירונג, און מען געפֿינט זי אין אַ צימער פֿון פּאַלאַץ.

די גאַנצע רעגירונג, אַ חוץ קערענסקי,

וועלכער איז באַצייטנס אָפּגעפּאָרן, און פּראָקאָפּאָוויטש, וועלכער איז צופעליק אַרעסטירט געוואָרן נאָך בייטאָג, ווערט אָפּגעשיקט אונטער אַ שטאַרקער וואַך אין פּעטער־פּאַול־פעסטונג.

אַנטאָנאָוו־אָווסעיענקאָ, איינער פון די וויכטיקסטע אָנטיילנעמער פון דער אַטאַקע אויף דעם ווינטער־פּאַלאַץ, דערציילט ווי אַזוי ער האָט אַרעסטירט די צייטווייליקע רעגירונג:

„אין אַ צימער האָבן מיר געפונען אַ גאַנצע גרופּע מענטשן, וועלכע האָבן געזאָלט זיין די צייטווייליקע רעגירונג.

— אין נאָמען פון דעם קריגס־רעוואָלוציאָנערן קאָמיטעט ערקלער איך, אַז איר זייט אַרעסטירט! — בין איך זיי מודיע.

די געוועזענע מיניסטאָרן גיבן אָפּ די פּאַפּירן, וואָס זיינען ביי זיי געווען, און דאָס געווער. מיט גרויס מי שטעל איך אַוועק ביי זיי אַ וואַך, עס העלפן מיר די מאַטראָסן, וואָס זיינען געקומען פון פינלאַנד. טשודנאָווסקי מאַכט אַ רשימה פון די אַרעסטירטע, וועלכע מיר אַלע שרייבן אונטער. אַלע מיניסטאָרן, 16 מאַן, זיינען דאָ, נאָר קערענסקי איז ניטאָ. לויט דער ערקלערונג פון איין מיניסטער, איז ער נאָך אַ זייגער 11 אָפּגעפאָרן פון פּעטערבורג. די דאָזיקע ידיעה רופט אַרויס ביי דער אַרומיקער סאָלדאַטן־מאַסע אויפגערעקטע קולות, מען שרייט:

— תּיכּף דערשיסן אַלע מיטגלידער פון דער צייטווייליקער רעגירונג. נאָר אונזער געגנוואַרט און פון די פּאַרטייאישע מאַטראָסן האָבן געראַטעוועט די מיניסטאָרן פון טויט.

עס בלייבט נאָך אָפּצושיקן די רעגירונג אין פּעטער־פּאַול־פעסטונג. קיין אַוטאָמאָביל איז ניטאָ, מען מוז זיי פירן צופוס.

עס איז שוין צוויי אַ זייגער, אַן אויסגעוויילטע קאָמאַנדע רינגלט אַרום די מיניסטאָרן, מיר גייען אַרויס פון פּאַלאַץ אויף דעם פינסטערן פּלאַץ.

פּלוצלונג דערהערט זיך אַ שיסעריי פון קעגנאיבער, די וואַך צעשפּרייט זיך, עס גייען אַריבער עטלעכע מינוט, איידער עס ווערט איינגעשטעלט די אָרדענונג, אָבער 5 מיניסטאָרן זיינען שוין ניטאָ.

— וואָס קוקט איר אויף זיי, דערשטעכט זיי אַלעמען, אַניט וועלן זיי אַלע צעלויפן — הערן זיך קולות פון אַלע זייטן.

די מאַסע דרינגט אָן, אָבער די שמירה האַלט זיך פעסט און שטייסט אָפּ די דורכגייענדיקע צום ברעג. שנעל דערגרייכן מיר צו דעם טראָאיצקי־בריק; מיר גייען אַרויף אויף דעם בריק. פּלוצלונג באַמערקן מיר אַן אַוטאָמאָביל, וואָס פליט גלייך אויף אונז.

— שטייט, שטייט...

דער אַוטאָמאָביל שטעלט זיך אָפּ און עמיצער פון דאָרט האָט אָנגעהויבן צו שיסן. די מיניסטאָרן און די שמירה וואַרפן זיך אויף דער ערד, מען ענטפערט מיט פייער צוריק. פון יענער זייט בריק האָט מען אויך אָנגעהויבן שיסן: קאָנטיק, אַז די אַרבעטער־גוואַרדיע נעמט אויך אַן אָנטייל אין שלאַכט, איך גיב זיך אַ וואָרף צום אַוטאָמאָביל מיט קולות: אונזערע, אונזערע...

די מאַטראָסן זידלען זיך און די זאַך ווערט קלאָר: עס זיינען טאַקע אַלץ אייגענע מענטשן. דעם אָרימען שאָפער

האָט מען שיר ניט צעבראָכן די ביינער, מיר גייען ווייטער און קומען צו דער פּעסטונג. ביי די טויערן שטייען שוין די פינף פּאַרלאָרענע מיניסטאָרן מיט זייער שמירה.

אַלזאָ, די גאַנצע צייטווייליקע רעגי־רונג, אַ חוץ קערענסקין, איז פאַראַן. די מיניסטאָרן פירט מען אַריין אין גאַרני־זאָן־קלוב. אַלע פילן זיך שוין בעסער און זיכערער, אַלע זיינען גאַנץ, נאָר ביי טערעשטשענקאָ איז אַ וואונד, מען מאַכט אַ פּראָטאָקאָל.

דער מיניסטער ניקיטין דערלאַנגט מיר אייניקע פּאַפּירן.

— דאָס האָט זיך באַקומען פון דער אוקראַינער צענטראַלער ראַדע. איצט וועט איר שוין מוזן פונאַנדערקלייבן זיך אין דעם.

די מיניסטאָרן צעשיקט מען אין די קאַמערן״.

אַזוי האָט זיך געענדיקט אין פּעטער־פּאַוול־פעסטונג די ממשלה פון דער צייט־ווייליקער רעגירונג. פריי איז געבליבן נאָר קערענסקי, וועלכער איז שוין צו יענער צייט געווען אין פּסקאָוו, וואו ער האָט פאַרעפנטלעכט אַ באַפעל צו דער גאַנצער אַרמיי. דער ראש פון דער גע־פאַלענער רעגירונג האָט קודם־כל ער־קלערט, אַז ער בלייבט אויף זיין פּאָסטן אַלס העכסטער אייבער־קאָמאַנדיר פון דער אַרמיי און אַלס אַזעלכער באַפעלט ער די קאָמאַנדירן און קאָמיסאַרן, אַז זיי זאָלן אויך פאַרבלייבן אויף זייערע ער־טער, ביז וואַנען עס וועט ניט פאַרעפנט־לעכט ווערן וועגן דעם אַ נייער באַפעל פון דער צייטווייליקער רעגירונג.

דער נצחון איז אַלזאָ ניט געווען קיין פולקומער, ווייל דער הויפּט־שונא, דער אָפּיציעלער פאָרשטייער פון דער געווע־זענער רעגירונג, קערענסקי, איז געבליבן אויף זיין פּאָסטן און האָט נאָך דערווייל געהאַט גענוג ווירקונג, כדי צו אויסנוצן זיינע אָפּיציעלע רעכט.

אין פּעטערבורג, אָבער, האָט מען אין די ערשטע מינוטן ניט אָפּגעשאַצט ווי געהעריק דעם דאָזיקן מאָמענט און די שמחה פון דעם נצחון איז געווען גרויס אין די רייען פון די באָלשעוויקעס.

## X.

און אין סמאָלני אינסטיטוט האָט גע־רוישט און געקאָכט. די דאָזיקע פּראַכט־פולע און קאָלאָסאַלע געביידע, וואו אין די צאַרישע יאָרן האָבן זיך ערצויגן די טעכטער פון די גרעסטע אַריסטאָקראַ־טישע רוסישע פאַמיליעס און וואו עס זיינען אָפּט פאָרקומען בעלער מיטן אָנ־טייל פון מיטגלידער פון דער צאַרישער פאַמיליע, איז איצט געוואָרן דער הויפּט־צענטער פון דער רעוואָלוציע.

דער טאַורישער פּאַלאַץ, די ציטאַ־דעל פון דער פעברואַר־רעוואָלוציע, האָט זיך איצט רעמאָנטירט און רעסטאַווי־רירט, כדי דאָרט זאָלן קאָנען פאָרקומען זיצונגען פון דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, און אַלע אינסטיטוציעס פון דעם פּעטער־בורגער ראַט און פון צ. א. ק. האָבן זיך איבערגעטראָגן אין דעם אַריסטאָקראַטישן סמאָלני אינסטיטוט.

און איצט, ווען אַלע הכנות צו דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע זיינען שוין פאַרענדיקט געוואָרן, ווען עס איז שוין

געווען אין פולן גאַנג די פּאַרווירקלעכונג
פון אַלע פּלענער, וועלכע זיינען מיט אַ
וואונדערבאַרער פּלאַנמעסיקייט און פּאָר-
זיכטיקייט אויסגעאַרבעט געוואָרן אין משך
פון אַ גאַנץ לאַנגער צייט, — איצט איז
סמאָלני געוואָרן דער הויפּט-נערוו פון
אַלע געשעענישן, וועלכע זיינען פּאָרגע-
קומען אין שטאָט.

דער הויפּט-אָנפירער פון דער גאַנ-
צער באַוועגונג, לענין, האָט שוין מער
ניט געקאָנט פאַרבלייבן אויסער דעם
סמאָלני, און איז געקומען באַהאַלטענער-
הייט אין אינסטיטוט, אין צימער 36, וואו
עס זיינען געזעסן דעמאָלט די הויפּט-
אָנפירער פון דער גאַנצער באַוועגונג, די
מיטגלידער פון דעם באָלשעוויסטישן
צ. ק. און די וויכטיקסטע טוער פון פּע-
טערבורגער און מאָסקווער ראַטן, כדי
אָנפירן די באַוועגונג און „זיגען אָדער
אונטערגיין“, ווייל קלאָר איז געווען פאַר
יעדן איינציקן, אַז דער איצטיקער
אַרויסטריט קעגן דער צייטווייליקער רע-
גירונג מוז פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ
אַנטשיידן-קאַמף, ביי וועלכן דער זיגער
וועט גאַנץ וויניק פירן צערעמאָניעס מיט
דעם קעגנער און וועט שטרעבן צו פאַר-
ניכטן און באַפרייען זיך פון אים, לכל-
הפּחות אויף, אַ לענגערע צייט.

און דער סמאָלני אינסטיטוט האָט
טאַקע אויסגעזען, ווי אַ באַוואָפּנטע און
באַלאַגערטע פעסטונג. דער הויף ביים
אַריינגאַנג איז געווען אָנגעפּאַקט מיט
פּאַנצער-אַווטאָמאָבילן, וועלכע פלעגן יעדע
מינוט, ווי מלאכי-חבלה, אַוועקלויפן פון
סמאָלני אין פאַרשיידענע ריכטונגען. ביים
אַריינגאַנג זיינען געשטאַנען עטלעכע
אָנגעלאָדענע זעניט-האַרמאַטן מיט דעם
נויטיקן פּערסאָנאַל—און אַמוניציע.

ביי די טירן זיינען געשטאַנען באַ-
וואָפּנטע פון קאָפּ ביז די פיס סאָלדאַטן,
מאַטראָסן און רויטע גוואַרדייצעס, וועל-
כע פלעגן מיט דער גרעסטער אויפמערק-
זאַמקייט דורכקוקן די „פּראָפּוסקן“ וועל-
כע האָבן געגעבן דאָס רעכט צו אַריינ-
טרעטן אינווייניק פון דער רעוואָלוציאָ-
נערער ציטאַדעל.

אין אינסטיטוט האָט געקאָכט ווי אין
אַ קעסל, אַלע קאָרידאָרן און צימערן
זיינען געווען געפּאַקט מיט באַוואָפּנטע
אַרבעטער און סאָלדאַטן, ווייל דאָ, אין
די קאָרידאָרן, פלעגן זיך אָרגאַניזירן
גאַנצע מיליטערישע גרופּן, וואָס פלעגן
אַרויסגעשיקט ווערן צו פאַרנעמען דעם
אָדער יענעם פּונקט.

אין דעם אונטערשטן גאָרן איז אויך
געווען די באַרימטע אין יענע טעג סמאָלני-
קיך, וואו אין משך פון אַ גאַנצן טאָג
האָבן צענדליקע מענטשן געטיילט עסן אַלע-
מען, וואָס האָט נאָר געהאַט אַ רצון אַוועק-
שטעלן זיך אין ריי און אויסשטרעקן אַ
האַנט צו באַקומען אַ שטיק ברויט און
אַ פּאָרציע געקעכץ.

דעמאָלט האָבן נאָך אין סמאָלני גע-
הערשט דעמאָקראַטישע מנהגים, פון איין
און זעלביקן קעסיל האָבן זיך געשפּייזט
די טיכטיקסטע און אָנגעזעענסטע מיטגלי-
דער פון צ. א. ק. און פּשוטע סאָלדאַטן
פון וואַך.

אויף דעם צווייטן עטאַזש איז געווען
דער באַוואוסטער זאַל פאַר די פריִענע-
רע זיצונגען פון פּעטערבורגער אַרבעטער-
ראַט; דאָרט איז איצט אויך פּאָרגעקו-
מען ניט קיין צענויפגערופענע, נאָר
כמעט אַ פּערמאַנענטע זיצונג פון פּעטער-
בורגער אַרבעטער-ראַט, צו וועלכן עס
פלעגן זיך אָפּרייסן פון דער גרויסער

און נערוועזער אַרבעט די וויכטיקסטע אָנפירער פון דער באַוועגונג, כּדי אויפצומונטערן דעם גרויסן אַרבעטער-עולם, באַלויכטן די סטראַטעגישע אָדער פּאָליטישע לאַגע, ווייל פאַר דער גרויסער און ברייטער אַרבעטער-מאַסע זיינען די אַלע גאַסן-געשעענישן און צוזאַמענשטויסונגען פאָרגעקומען כּמעט אומערוואַרטעט.

אויף דער דאָזיקער פלענאַרער און פערמאַנענטער זיצונג איז אויך געקומען טראָצקי, וועלכער האָט אין דעם מאָמענט, ווען די לאַגע איז נאָך לחלוטין ניט געווען קלאָר, דאָך געפונען פאַר מיגלעך פייערלעך צו ערקלערן אין נאָמען פון קריגס-רעוואָלוציאָנערן קאָמיטעט, אַז די צייטווייליקע רעגירונג עקזיסטירט שוין מער ניט. אייניקע מיניסטאָרן זיינען שוין אַרעסטירט און די איבעריקע וועלן אַרעסטירט ווערן אין די נאָענטסטע שעהן אָדער טעג.

טראָצקי האָט מיט אַ באַזונדער גאווה ערקלערט, אַז דער מאָמענט פון מאַכט-איבערגאַנג איז דורכגעגאַנגען אָן קרבנות און אין שטילקייט און רואיקייט, אַז דער געווייגטלעכער בירגער האָט אַפילו ניט געוואוסט, אַז אין דער צייט, ווען ער שלאָפט רואיק אויף זיין בעט, קומט פאַר אַזאַ גרויסע היסטאָרישע ערשיינונג.

די מאַכט האָט זיך איבערגעביטן און טראָצקי האָט דעריבער געפונען פאַר נויטיק צו ערקלערן כאָטש אין אַלגעמיינע שטריכן, אַז די נייע מאַכט וועט ניט וויסן קיינע אַנדערע באַדערפענישן אַ חוץ די באַדערפענישן פון די אַרבעטער, סאָלדאַטן און פויערים און אַז דער מלוכה-אַפּאַראַט מוז ווערן אַ ווערק-צייג ביי די מאַסן אין זייער קאַמף פאַר באַפרייאונג פון יעטווידער קנעכטשאַפט. די ערשטע טריט פון דער נייער מאַכט דאַרפן זיין: תּיכּף אַ וואָפנשטילשטאַנד אויף אַלע פראָנטן, דער איבערגאַנג פון די ערד-נחלאות צו די פויערים און דער צענויפרוף פון אַן אמת-דעמאָקראַטישער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג.

די פּראָגראַם-רעדע פון דער נייער רעגירונג האָט געהאַלטן לענין וועלכער האָט זיך צום ערשטן מאָל, נאָך די יולי-טעג, באַוויזן אָפן אויף אַ גרויסער פאַרזאַמלונג. לענין האָט צום ערשטן מאָל דייטלעך ערקלערט די שטרעבונגען און צילן פון דער נייער מאַכט.

„דער אַלטער מלוכה-אַפּאַראַט מוז גרינדלעך צעבראָכן ווערן, האָט קאַטעגאָריש ערקלערט לענין, עס וועט באַשאַפן ווערן אַ נייער אַפּאַראַט, וועלכער מוז אין רעזולטאַט ברענגען צו דער סאָציאַליסטישער אָרדענונג.

„עס מוז תּיכּף ליקווידירט ווערן די מלחמה, האָט ערקלערט ווייטער לענין, אָבער כּדי צו ליקווידירן די מלחמה, וועלכע איז ענג פאַרבונדן מיט דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג, מוז מען מנצח זיין דעם קאַפּיטאַליזם. אין דער אַרבעט וועט אונז העלפן די אַלוועלטלעכע אַרבעטער-באַוועגונג, וועלכע וועט זיך איבערצייגן אין אונזער אויפריכטיקייט, ווען מיר וועלן פאָרלייגן יושרדיקע שלום-באַדינגונגען און וועלן תּיכּף פאַרעפנטלעכן די געהיימע דיפּלאָמאַטישע דאָקומענטן.

„מיר הויבן אָן צו בויען אַ פּראָלעטאַרישע סאָציאַליסטישע מלוכה, האָט מיט גרויס התפעלות מודיע געווען לענין און האָט זיין רעדע געענדיקט מיט דעם לאָזונג, וועלכער איז צום ערשטן מאָל אַרויסגעזאָגט געוואָרן: לעבן זאָל די

אַלוועלטלעכע סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע״ שטאַנען פון פעטערבורג.

די דאָזיקע פראָגראַם=רעדע האָט גע=
געבן אַ טאָן דער גאַנצער באַוועגונג און
האָט געשאַפן אַ פעסטע וואַנד צווישן די
באָלשעוויקעס, וועלכע האָבן פון דעמאָלט
אָן קיינמאָל ניט פאַרגעסן, אַז זיי זיינען
די בויער פון דער סאָציאַליסטישער רע=
וואָלוציע, וואָס האָט זיך שוין פאַקטיש
אָנגעהויבן, און צווישן אַלע איבעריקע
סאָציאַליסטישע פאַרטייען, וועלכע האָבן
פון דער פעברואַר=רעוואָלוציע אָן ניט
אויפגעהערט צו טענהן, אַז די רעוואָ=
לוציע איז אַ ריין בירגערלעכע און אַז
עס קאָן קיין רייד נאָך ניט זיין וועגן
אַ סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע.

דער פעטערבורגער ראַט האָט, פאַרשטייט
זיך, אַוועקגעשטעלט זיך אויף לענינס
פאָזיציע און אין דער רעזאָלוציע, וואָס
איז אָנגענומען געוואָרן, איז אונטערגע=
שטרייכט געוואָרן, אַז די נייע ראַטן=
רעגירונג וואָס איז געשאַפן געוואָרן דורך
דער רעוואָלוציע, וועט אַוועק צום סאָציאַ=
ליזם, צו דעם איינציקן מיטל, וואָס קאָן
אַרויסראַטעווען דאָס לאַנד פון די אומ=
געהערטע צרות און מלחמה=אומגליקן.

עס איז קיין ספק ניט געווען קיינמאָל,
אַז דער פעטערבורגער ראַט וועט אַוועק=
לייגן זיין חתימה אויף די אַלע געשעע=
נישן, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין פע=
טערבורג, אָבער פאַר אַלע מוער און
אָנטיילנעמער פון דער פעטערבורגער רע=
וואָלוציע איז געשטאַנען אַ האַרבע שאלה,
וואָס וועט זאָגן דער פראָנט אויף אַלע
פעטערבורגער געשעענישן און איבער=
הויפט, וואָס וועט זאָגן דאָס גאַנצע לאַנד,
די אַלע שטעט, שטעטלעך און דערפער,
וועלכע זיינען געווען אַזוי ווייט פון פע=
טערבורג און וועלכע זיינען אַזוי אָפּגע=

ניט קוקנדיק אויף די פייערלעכע
שטימונג, וואָס האָט געהערשט אויף דער
פלענאַר זיצונג פון פעטערבורגער ראַט,
האָבן זיך געפונען אומרואיקע סקעפּ=
טיקער, וועלכע האָבן געפרעגט ביי
טראָצקין, ווי אַזוי באַציט זיך דער פראָנט
צו די פעטערבורגער געשעענישן, אויף
וואָס טראָצקי האָט ניט געקאָנט געבן
קיין דייטלעכן ענטפער.

און כדי צו ערקלערן דעם פראָנט,
וואָס אין פעטערבורג איז פאָרגעקומען,
האָט טאַקע טראָצקי פאָרגעלייגט תיכף
פונאַנדערשיקן ספּעציעלע דעלעגאַציעס
אויף די פראָנטן און איבערן לאַנד, וועל=
כע זאָלן געבן צו וויסן וועגן דער רע=
וואָלוציע, וואָס איז פאָרגעקומען אין פע=
טערבורג.

אַזאַ באַשלוס איז אָנגענומען געוואָרן
נאָך איידער דער אַלרוסישער ראַטן=
צוזאַמענפאָר, די העכסטע ראַטן=אינסטאַנץ,
האָט געהאַט די מעגלעכקייט אַרויסזאָגן
זיין וואָרט וועגן די אַלע געשעענישן.
און אויף דער זעלביקער זיצונג פון דעם
פעטערבורגער ראַט האָט זיך טאַקע געפונען
אַ היטער פון קאָנסטיטוציאָנעלער כשרות,
וועלכער האָט אויפמערקזאַם געמאַכט
טראָצקין אויף דעם חטא קעגן דער
באָלשעוויסטישער קאָנסטיטוציאָנעלער
קאָנצעפּציע. אָבער טראָצקי האָט זיך ניט
דערשראָקן און האָט ערקלערט, אַז דער
רצון פון דעם אַלרוסישן ראַטן=צוזאַמענ=
פאָר איז שוין פאָראויסגעזען דורך דעם
פאַקט אַליין, וואָס די פעטערבורגער אַר=
בעטער און סאָלדאַטן האָבן דעם אויפ=
שטאַנד דורכגעפירט, און איצט, נאָך דעם
ווי דער אויפשטאַנד איז שוין מיט הצלחה
געענדיקט געוואָרן, בלייבט נאָר צו אַנט=

וויקלען ווייטער דעם נצחון און ניט פאַרנעמען זיך מיט קאָנסטיטוציאָנעלע חקירות.

און דער רצון פון דעם אַלרוסישן ראַטן־צוזאַמענפאָר איז קלאָר געווען פון דעם דעלעגאַטן־צוזאַמענשטעל, ווייל צווישן די 562 דעלעגאַטן, וואָס זיינען געווען אויף דעם צוזאַמענפאָר, זיינען 382 געווען באָלשעוויקעס, 31 אומפּאַרטייאישע סימפּאַטיקער צו באָלשעוויזם און 70 לינ־קע ס. ר. וועלכע זיינען אַפילו ניט גע־גאַנגען אינגאַנצן מיט די באָלשעוויקעס, אָבער וועלכע זיינען געווען אַ סך נעענ־טער צו זיי, ווי צו זייערע געוועזענע חברים פון דער ס. ר. פּאַרטיי, וואָס האָט אַזוי פיל פאַרלאָרן דעם חן אין די אַר־בעטער און סאָלדאַטן־מאַסן, אַז זי האָט אויף דעם צוזאַמענפאָר געהאַט קנאַפּע 60 דעלעגאַטן.

די זיצונג פון צוזאַמענפאָר האָט זיך געדאַרפט עפענען ביי טאָג, אָבער עס איז אַריבער אַ שעה נאָך אַ שעה און די זי־צונג האָט זיך נאָך אַלץ ניט געעפנט.

די באָלשעוויסטישע דעלעגאַטן זיינען געווען אַ סך מער פאַרנומען מיט דער אַרבעט אַרום דעם אויפשטאַנד, ווי מיט דעם צוזאַמענפאָר. ביי זיי איז די לאַגע געווען קלאָר: דער אויפשטאַנד איז שוין פאָרגעקומען, די סאָציאַליסטישע רעוואָ־לוציע האָט זיך אָנגעהויבן און מען דאַרף ווייטער פירן די אַרבעט.

אין אַ פולקום אַנדערער לאַגע זיינען געווען די איבעריקע פּאַרטייען. די ס. ר. פּאַרטיי, וואָס האָט געהאַט פריער אַזאַ גרויסע ווירקונג אויף די ראַטן און אויף די אַרבעטער און סאָלדאַטן־מאַסן, איז געקומען צום צוזאַמענפאָר אַן אָפּגעשוואַכ־טע פון די אינערלעכע רייבענישן מיט די לינקע גרופּן, וועלכע האָבן זיך אָרגאַני־זירט אין פּאַרטיי גופא זעלבשטענדיק און דערפון, וואָס די וואַקלדיקע פּאָליטיק פון די פירער מיט טשערנאָוון בראש האָט פאַרלאָרן דעם חן ביי די ברייטע מאַסן. די דאָזיקע פראַקציע האָט געמוזט באַ־שליסן איר טאַקטיק אויף דעם צוזאַמענ־פאָר און דאָס איז געווען אויסערגעוויינ־לעך שווער: דער רעכטער פליגל פון דער פּאַרטיי האָט געטענהט, אַז מען דאַרף באָיקאָטירן דעם צוזאַמענפאָר מיט דעם באָלשעוויסטישן רוב און אַז בכלל איז שוין געקומען די צייט, ווען מען דאַרף אָנהויבן פירן מיט די באָלשעווי־קעס אַ ויכוח ניט מיט ווערטער, נאָר מיטן שווערד. דער לינקער פליגל האָט, פאַרקערט, געפאָדערט, אַז מען דאַרף בלייבן אויף דעם צוזאַמענפאָר און מען דאַרף בכלל אַרבעטן מיט די באָלשעווי־קעס און ניט קעמפן קעגן זיי.

דער דאָזיקער ויכוח האָט געדויערט זייער לאַנג און האָט זיך אויסגעצייכנט מיט גרויס ליידנשאַפט, ווייל ביידע פליגלען האָבן גאַנץ גוט פאַרשטאַנען, אַז איצט איז געקומען די שעה, ווען די דאָזיקע פּאַרטיי, וואָס האָט געהאַט אַזאַ שיינע און ראָמאַנטישע רעוואָלוציאָנערע געשיכ־טע, קאָן צושפּאָלטן ווערן.

אָבער ניט קוקנדיק אויף אַלע באַמי־אונגען צו פאַרגלעטן אַלע שאַרפקייטן און אויסמיידן די שפּאַלטונג, האָט מען דאָך קיין קאָמפּראָמיס־רעזאָלוציע ניט געקאָנט געפינען און די שפּאַלטונג איז דאָך פאָרגעקומען.

די מערהייט פון די ס. ר. פראַקציע האָט באַשלאָסן אין דעם ראַטן־צוזאַמענ־פאָר קיין אָנטייל ניט נעמען און אַוועק־גיין פון אים, און די מינדערהייט, די־

לינקע ס. ר. האָט באַשלאָסן פון צוזאַמענפאָר ניט אַוועקגיין און וואַרטן ביז וואַנען די סיטואַציע וועט קלאָר ווערן.

אין דער זעלביקער לאַגע איז אויך געווען די מענשעוויסטישע פראַקציע. די רעכטע גרופּן, צוזאַמען מיט דאַן, ליבער, באָגדאַנאָוו א. א. האָבן אומבאַדינגט געוואָלט באָיקאָטירן דעם באָלשעוויסטישן צוזאַמענפאָר, דאַגעגן, די לינקע מענשעוויקעס מיט די אינטערנאַציאָנאַליסטן פון דער צייטונגס-רעדאַקציע „נאָוו. זשיזן“, האָבן געטענהט, אַז מען טאָר ניט איזאָלירן די באָלשעוויקעס און מען דאַרף בלייבן צוזאַמען מיט זיי אויף דעם צוזאַמענפאָר.

סוף-כל-סוף האָט זיך דער אַלרוסישער ראַטן-צוזאַמענפאָר געעפנט אַ זייגער 11 ביי נאַכט ביי זייער אַן אָנגעשטרענגטער שטימונג.

דער גרויסער און פּרעכטיקער זאַל פון סמאָלני איז געווען געפּאַקט ביז איבער יעדער מיגלעכקייט, ביי דעם זשורנאַליסטן-טיש איז געווען אַזאַ דערשטיקעניש, צו וועלכער מען איז נאָך ניט צוגעוויינט געוואָרן. אַלע האָבן געוואוסט, אַז בעת אין זאַל עפנט זיך די זיצונג, האָט זיך נאָך דער קאַמף ניט געענדיקט און אַז דער ווינטער-פּאַלאַץ מיט דער צייטווייליקער רעגירונג ווערט באַלאַגערט און באַשאָסן.

געעפנט די זיצונג האָט דער פאָרשטייער פון דעם אַלטן צ. א. ק. דאַן, וועלכער האָט דאָס מאָל ניט מאריך געווען און האָט נאָר ערקלערט, אַז בעת „אונזערע חברים אין ווינטער-פּאַלאַץ ווערן באַשאָסן“ איז ניט קיין אָרט פאַר פּאָליטישע דרשות. ער האָט פאָרגעלייגט אויסקלייבן אַ פּרעזידיום.

די וואַלן פון פּרעזידיום האָבן שוין באַוויזן די ריכטונג, אין וועלכער עס וועט גיין די אַרבעט פון צוזאַמענפאָר. די גרעסטע פּאַרטייען, די מענשעוויקעס און די ס. ר., האָבן זיך אַנטזאָגט צו נעמען אַן אָנטייל אין די וואַלן צום פּרעזידיום און דאָס איז געווען די ערשטע התחלה פון דעם קומענדיקן באָיקאָט.

עס הויבן זיך נאָכהער אָן די אויסעראָרדנטלעכע ערקלערונגען און די שטימונג ווערט אַלץ אָנגעשטרענגטער און אָנגעשטרענגטער.

עס טרעטן אַרויס איינער נאָך דעם צווייטן פאָרשטייער פון גרויסע אַרמיי-אָרגאַניזאַציעס, וועלכע ערקלערן קאַטעגאָריש, אין נאָמען פון זייערע אָרגאַניזאַציעס, אַז זיי פּראָטעסטירן שאַרף קעגן דער באָלשעוויסטישער אַוואַנטיורע, נאָך די אַרמיי-פאָרשטייער זיינען אַרויסגעטרעטן פאָרשטייער פון פּאַרטייען, וואָס האָבן נעכטן געשפּילט אַזאַ גרויסע ראָל, און פּראָטעסטירן אויך און זאָגן שלעכטע נביאות, אַז דער אויפשטאַנד וועט ברענגען צו צרות און אומגליקן, צו פּאָגראָמען און קאָנטר-רעוואָלוציע, אָבער אויף דעם באָלשעוויסטישן רוב פון צוזאַמענפאָר ווירקן די אַלע בייזע נביאות גאַנץ ווייניק.

מען הערט זיך ניט צו אַזוי פיל צו די רעדעס אין זאַל, ווי צו די ידיעות, וואָס קומען פון גאַס. וואו עס קומען פאָר די לעצטע געשעענישן, וועלכע האָבן אַ סך אַ גרעסערע באַדייטונג, ווי די אַלע רעדעס.

וועגן די געשעענישן אויסער סמאָלני דערציילן ניט נאָר די אָנטיילנעמער, וואָס רייסן זיך אָפּ אויף עטלעכע מינוט, כדי צו ברענגען אַ באַריכט דעם צוזאַמענ-

פאַר וועגן די נייע נצחונות און קרבנות; צום צוזאַמענפאָר דערגרייכן ידיעות אַפילו פון די באַלאַגערטע מיניסטאָרן=סאָציאַליסטן, וועלכע האָבן פון ווינטער=פּאַלאַץ צוגעשיקט אַ קללה זייערע פּאַרטיי=חברים וועלכע האָבן זיי געשיקט אין מיניסטעריום און ראַטעווען זיי ניט אַרויס פון דעם צרהדיקן צושטאַנד, אין וועלכן זיי געפינען זיך איצט. דער באַקאַנטער מענשעוויק=אינטערנאַציאָנאַליסט, מאַרטאָוו האָט אַריינגעטראָגן אַ פאָרשלאָג, אַז דער קריזיס זאָל בשלום ליקווידירט ווערן, אָבער דער דאָזיקער פאָרשלאָג האָט ניט געקאָנט ערנסט באַטראַכט ווערן אין דער צייט, ווען אויפן גאַס האָט מען זיך באַנוצט ניט מיט טעאָרעטישע חקירות, נאָר מיט האַרמאַטן פון דער קרייצער=שיף „אַווראָראַ“ און פון דער פּעטער=פּאַוול=פעסטונג. עס איז אוממיגלעך געווען צו ריידן וועגן שלום, ווען די אַרמיי=דעלעגאַטן האָבן שאַרף און קלאָר ערקלערט, אַז דער בירגער=קריג הויבט זיך אָן און אַז דער קאַמף ווערט איבערגעטראָגן פון צוזאַמענפאָר אויף די ערטער גופא.

אָבער ווען נאָכדעם, ווי אין זיצונגס=זאַל איז געקומען אַנטאָנאָוו און האָט דערציילט, אַז דער ווינטער=פּאַלאַץ איז שוין פאַרנומען און די מיניסטאָרן זיינען אַרעסטירט, זיינען אַלע טעאָרעטישע חקירות געוויס געוואָרן איבעריק, ווייל דער נצחון ביי דעם ווינטער=פּאַלאַץ און דער אַרעסט פון די מיניסטאָרן האָט פּראַקטיש שוין געגעבן אַן ענטפער אויף די אַלע פראַגן, אויף וועלכע דער צוזאַמענפאָר האָט זיך ערשט געקליבן צו געבן אַן ענטפער.

עס איז דעריבער ניט קיין וואונדער, וואָס יענע פּאַרטייען, וועלכע זיינען געווען ענג פאַרבונדן מיט די אַרעסטירטע מיניסטאָרן, האָבן מער ניט געפונען פאַר מיגלעך צו פאַרבלייבן אויף דעם צוזאַמענפאָר, און די ס. ר. די מענשעוויקעס (צוזאַמען מיט דעם בונד) און אַ גרויסער טייל פון די פראָנט=גרופּעס האָבן פאַרלאָזן די זיצונג און דעם צוזאַמענפאָר.

דער צוזאַמענפאָר האָט די אַוועקגייענדיקע פּאַרטייען נאָכגעשיקט אַ רעזאָלוציע, אין וועלכער דער אַוועקגאַנג איז אויסגעטייטשט געוואָרן אַלס אַ וואונטש צו אויפרייסן דעם אַלרוסישן ראַטן=צוזאַמענפאָר אין דעם מאָמענט, ווען דער אַרבעטער=אַוואַנגאַרד פּאַרטיידיקט דעם דאָזיקן צוזאַמענפאָר מיט געווער אין האַנט. „דערמיט, וואָס די פּשרה=פּאַרטייען האָבן פאַרלאָזן דעם צוזאַמענפאָר, האָבן זיי ניט אָפּגעשוואַכט די ראַטן, זאָגט ווייטער די דאָזיקע רעזאָלוציע, נאָר פאַרשטאַרקט זיי, ווייל זיי ווערן איצט אָפּגערייניקט פון אַלע קאָנטער=רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן“.

דערמיט אָבער האָבן זיך ניט אויסגעלאָזן אַלע פּרובן אויסצומיידן אַ קאָנפליקט צווישן די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען און דער פאָרשטייער פון די מענשעוויקעס=אינטערנאַציאָנאַליסטן, מאַרטאָוו האָט נאָכאַמאָל פאָרגעלייגט, אַז דער צוזאַמענפאָר זאָל אָננעמען אַ באַשלוס וועגן דעם, אַז עס איז נויטיק בשלום צו ליקווידירן דעם קריזיס, און שאַפן אַ רעגירונג נאָר פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען.

מאַרטאָוו האָט דעריבער פאָרגעלייגט, אַז דער צוזאַמענפאָר זאָל אויסקלייבן אַ ספּעציעלע דעלעגאַציע, וועלכע זאָל וועגן אַזאַ רעגירונג תיכף אָנהויבן פירן אונטערהאַנדלונגען מיט אַלע סאָציאַליסטי-

שע פאַרטייען און ביז וואַנען די רעזולטאַטן פון די דאָזיקע אונטערהאַנדלונגען וועלן ניט קלאָר ווערן, זאָל דער צוזאַמענפאָר אינגאַנצן אָפּשטעלן זיין אַרבעט.

עס איז קלאָר געווען, אַז די באַלשעוויקעס האָבן ניט געקאָנט ערנסט באַטראַכטן אַזאַ פאָרשלאָג, וועלכער האָט אַנולירט אַלע נצחונות פון דעם פאַרגאַנגענעם טאָג און אַלע קרבנות, וואָס זיינען געפאַלן אין נאָמען פון דער פּראָקלאַמירטער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע. דער צוזאַמענפאָר האָט מאַרטאָווס פאָרשלאָג אַפילו ניט באַטראַכט. און מאַרטאָוו מיט זיין פראַקציע צוזאַמען מיט עטלעכע פועלי־ציוניסטישע דעלעגאַטן, וואָס זיינען געווען, האָבן אויך פאַרלאָזן דעם צוזאַמענפאָר.

געבליבן זיינען נאָר, חוץ די באַלשעוויקעס און די לינקע ס. ר., אויך אַ קליינע גרופּע פון די פאַראייניקטע אינטערנאַציאָנאַליסטן, פ.פ.ס. און עטלעכע דעלעגאַטן פון דער פאַראייניקטער יידישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי.

נאָך די אַלע דעקלאַראַציעס פון די באַיקאָט־פּאַרטייען האָט דער צוזאַמענפאָר אָנגענומען אַ ווענדונג צו דער באַפעלקערונג, אין וועלכער ס'איז ערקלערט געוואָרן, אַז דער צוזאַמענפאָר נעמט איבער די גאַנצע מאַכט אין זיינע הענט.

די ווענדונג האָט נאָך אַמאָל איבערגעחזרט, אַז די נייע מאַכט וועט תיכף פאָרלייגן אַ דעמאָקראַטישן שלום און אַ וואָפנשטילשטאַנד אויף אַלע פראָנטן, די נייע מאַכט וועט גאַראַנטירן דעם אומזיסטן איבערגאַנג פון אַלע ערד־נחלאות צו די פויערים, גאַראַנטירן די רעכט פון די סאָלדאַטן, וועט דורכפירן די פולקומע דעמאָקראַטיזאַציע פון דער אַרמיי, וועט איינשטעלן אַרבעטער־קאָנטראָל איבער דער פּראָדוקציע, וועט פאַרזיכערן, אַז די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג זאָל צו דער צייט צונויפגערופן ווערן, וועט זאָרגן, אַז די שטעט זאָלן זיין באַזאָרגט מיט ברויט און די דערפער מיט נויטיקע פּראָדוקטן און וועט גאַראַנטירן אַלע פעלקער, וואָס געפינען זיך אין רוסלאַנד, אמתע רעכט אויף זעלבסטבאַשטימונג.

זעקס פאַרטאָג האָט זיך די ערשטע זיצונג פון דעם ראַטן־צוזאַמענפאָר געענדיקט. ניט קוקנדיק אויף דער שפּעטער צייט, און אויף דער שרעקלעכער מידקייט זיינען די דעלעגאַטן פונאַנדערגעגאַנגען זיך אין אַ געהויבענער שטימונג.

עס האָט זיך אַלעמען געדוכט, אַז נאָכדעם, ווי די ערשטע מניעות זיינען אַזוי לייכט באַזייטיקט געוואָרן און די הויפּט־שטאָט מיט דעם גאַנצן רעגירונגס־אַפּאַראַט איז אַזוי שנעל איבערגעגאַנגען צו דער נייער מאַכט, וועלן אַלע קומענדיקע מניעות נאָך לייכטער און שנעלער באַזייטיקט ווערן, און אַז קודם אויף רוסלאַנד און דערנאָך אויף דער גאַנצער וועלט וועט אין גיכן אָנהויבן שיינען די סאָציאַליסטישע זון און דער סוף פון אַלע צרות וועט באַלד קומען.

די נאָענטסטע צוקונפט האָט אָבער באַוויזן, אַז די אַלע זיסע האָפענונגען זיינען געווען פריצייטיק און אַז דער בירגער־קריג, וועלכער איז אָפיציעל פּראָקלאַמירט געוואָרן אַקאָרשט, קאָן ברענגען מיט זיך אַ סך מער עינויים און צרות, ווי די אויסערלעכע מלחמה, צו וועלכער מען האָט אויף דעם צוזאַמענפאָר צוגעזאָגט מאַכן תיכף אַ סוף.

XI.

ווען די פאַרשטייער פון די ס. ר. און מענשעוויקעס האָבן שפעט ביי־נאַכט פאַרלאָזן אַלס פּראָטעסט קעגן דער נייער מאַכט די זיצונג פון דעם אַלרוסישן ראַטן־צוזאַמענפאָר, האָט קיינער ניט געקאָנט זיך פאָרשטעלן, אַז די נייע מאַכט וועט שוין מאָרגן גאַנץ פרי אָנהייבן צו פילן די טרויעריקע רעזול־טאַטן פון דעם דאָזיקן קאָמיטעט.

אָבער ווען די פאַרשטייער פון דער מאַכט, וועלכע האָבן געטאָגט און געשיקט דעמאָלט אין סמאָלני, זיינען אויפגעשטאַנען מאָרגן פרי, איז די גרויסע געביידע פון סמאָלני געווען פוסט און וויסט. דער גאַנצער פּערסאָנאַל, וואָס האָט געאַרבעט אין דעם פּעטערבורגער ראַט און אין דעם ערשטן צ. א. ק., האָט צוזאַמען מיט די פּאַרטייען פון ערשטן צ. א. ק. פאַרלאָזן סמאָלני און צוגענומען מיט זיך אַלע דאָקומענטן, פּאַפּירן, שרייב־מאַשינען און געלד־קאַסע. קורץ, אַלץ, וואָס איז געווען אין זייערע הענט.

אין סמאָלני איז געבליבן נאָר דער אַפּאַראַט פון ק. ר. ק., וועלכער איז אָרגאַניזירט געוואָרן אָקאָרשט און וועלכער איז געווען צו קליין, כדי צו ערפילן די גרויסע אויפגאַבן, וועלכע די לעצטע נצחונות האָבן אַוועקגעשטעלט פאַר דעם ק. ר. ק.

אין סמאָלני אינסטיטוט האָט זיך אָנגעהויבן די באַוואוסטע סאַבאָטאַזש־באַוועגונג, וועלכע האָט זיך נאָכהער פאַרשפּרייט איבער אַלע איבעריקע רעגי־רונגס־אינסטיטוציעס און וועלכע האָט פּאַקטיש אַוועקגעשטעלט די נייע מאַכט אין אַ שרעקלעך־שווערע און טראַגישע לאַגע.

אויסערלעך איז די לאַגע פון דער נייער מאַכט געווען גלענצנד: כמעט אַלע מלוכה־אינסטיטוציעס זיינען אַריבער אין איר רשות און נאָך דעם אַרעסט פון דער צייטווייליקער רעגירונג האָט זיך קיינער ניט געפּרובט שטעלן קעגן דער נייער מאַכט, אָבער די זעלביקע זיגערישע מאַכט האָט ניט געהאַט אין איר רשות קיין מענטשן, וועלכע זאָלן קאָנען באַוועגן די מלוכה־מאַשין. וואָס די באָלשעוויקעס האָבן מיט אַזאַ מסירת־נפש ערוואָרבן.

עס איז גענוג צו באַמערקן, אַז אין סמאָלני גופא, אין הויפּט־ציטאַדעל פון דער נייער מאַכט, איז כמעט ניט געווען איין פרייע מאַשיניסטין, וועלכע זאָל קאָנען איבערשרייבן די אַלע דעקרעטן, וועלכע די נייע מאַכט האָט אָנגע־נומען און געוואָלט פאַרשפּרייטן.

דער דוחק אין טעכנישן מענטשן־פּערסאָנאַל איז געווען אַזוי גרויס, אַז איניקע דעקרעטן, וועלכע האָבן געהאַט די גרעסטע באַדייטונג, האָבן געקאָנט באַווייזן זיך אַפילו אין פּעטערבורג נאָר אַדאַנק דעם זשורנאַליסטן־קלוב ביי סמאָלני, וועלכער האָט געליען זיין שרייב־מאַשין מיט דער מאַשיניסטין דער

נייער מאַכט, ווייל זי האָט אַזאַ „גרויסן פאַרמעגן“ ניט געהאַט אין איר גאַנצן רשות.

דער סאַבאָטאַזש איז געווען ניט נאָר אין סמאָלני, נאָר אין אַלע איבעריקע אינסטיטוציעס, מיט וועמענס אַפּאַראַט די נייע מאַכט האָט זיך שוין געדאַרפט באַנוצן.

אַלע אויפרופן און דעקרעטן פון דער נייער מאַכט האָבן ניט געקאָנט דערגרייכן צו דער פּראָווינץ, ווייל הן די פּאָסט און טעלעגראַף און הן די פּעטערבורגער טעלעגראַף־אַגענטור האָבן זיך קאַטעגאָריש אַנטזאַגט צו דינען דער נייער מאַכט אין פאַרשפּרייטן אירע אויפרופן.

די לאַגע פון דער נייער מאַכט איז נאָך געווען טראַגישער דערמיט, וואָס די גרויסע פּעטערבורגער אַרבעטער־מאַסע איז אויך געשטאַנען פון דערווייטנס און האָט נאָך ניט איבערגעלעבט פּסיכאָלאָגיש די אַלע־געשעענישן און דעם נייעם צושטאַנד, ווען איין סאָציאַליסטישע גרופּע באַנוצט זיך מיט געווער קעגן אַ צווייטער און זעצט אַריין אין פעסטונג מיניסטאָרן, פאָרשטייער און שלוחים פון די זעלביקע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, פאַר וועלכע די גרויסע אַרבעטער־מאַסע האָט אָקאָרשט געגעבן אין אַ גרויסער צאָל די וואַל־צעטלען.

אין אַלע געשעענישן, וואָס זיינען פאָרגעקומען די לעצטע טעג, האָט די אַרבעטער־מאַסע קיין שום אָנטייל ניט גענומען, ווייל דאָס זיינען געווען ריין־מיליטערישע אָפּעראַציעס, אין וועלכע ס'האָבן געקאָנט אָנטייל נעמען נאָר סאָלדאַטן, מאַטראָסן און יענע קליינע גרופּע באַוואָפנטע אַרבעטער, וועלכע האָבן זיך אָרגאַניזירט אין די אַזויגערופענע אָפּטיילונגען פון רויטע גוואַרדיסטן.

דער סאַבאָטאַזש האָט געגעבן די נייע מאַכט זיך ווענדן וואָס גיכער נאָך הילף צו דער אַרבעטער־מאַסע און די דאָזיקע ווענדונג האָט טאַקי פאַרבונדן די נייע מאַכט מיט דער אַרבעטער־מאַסע, וועלכע האָט זיך אינסטינקטיוו געפונען באַליידיקט, וואָס די זעלביקע אינטעליגענץ, וואָס האָט טריי געדינט און געאַרבעט אַפילו אין די פינסטערסטע ציימן פון דעם צאַרישן רעזשים, באָיקאָטירט און סאַבאָטירט מיט אַזאַ מוראדיקן אימפּעט די נייע מאַכט, וואָס ווייל דינען נאָר די אינטערעסן פון דעם אַרבעטער־קלאַס און פון דער אַלוועלטלעכער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע.

אונטער דעם זעלביקן איינדרוק פון סאַבאָטאַזש זיינען געגאַנגען די אונטערהאַנדלונגען וועגן דער אָרגאַניזאַציע און קאָנסטרואירונג פון דער נייער מאַכט.

נאָך איידער עס איז קלאָר געווען, אַז די באָלשעוויקעס האָבן געוואונען דעם שלאַכט און אַז דער פולקומער נצחון איז אויף זייער זייט, נאָך ווען אויף די פּעטערבורגער גאַסן האָט געדויערט דער קאַמף און די נייע מאַכט האָט געמוזט איינגעמען איין פּאָזיציע נאָך דער צווייטער, זיינען שוין דערמאָלט געזעסן אין אונטערשטן עטאַזש פון סמאָלני, אין צימער 36, די באָלשעוויסטישע

גדולים, די מיטגלידער פון צ. ק. מיט נאָך איייניקע אָנגעזעענסטע פּאַרטיי־טוער און .האָבן זיך באַשעפטיקט מיט טעאָרעטישע מאַכט־פראַגן: ווי אַזוי דאַרף צ. ב. ש. אָנגערופן ווערן די נ״יע מאַכט, ווי אַזוי דאַרפן אָנגערופן ווערן די איינצלנע טרעגער פון דער נייער מאַכט, ווייל די אָרגאַניזאַטאָרן פון דעם אָקטאָבער־אויפשטאַנד האָבן אַפילו אויסערלעך ניט געוואָלט איבערלאָזן קיין זאַך, וואָס זאָל זיין ענלעך צו דעם אַלטן, אָקאָרשט צובראָכענעם מלוכה־אַפּאַראַט.

אָנשטאָט „צייטווייליקע רעגירונג״, וואָס האָט באַוויזן, אַז די מאַכט קוקט איוף זיך אַליין, ווי אויף אַ צייטווייליקע ערשיינונג, ביז וואַנען עס וועט קומען דער „אמתר בעל־הבית פון דער רוסישער לאַנד״, די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, האָט זיך די נייע מאַכט אָנגערופן די „אַרבעטער־און פויערים־רעגירונג״, אָבער דער אַווטאָריטעט פון דער קומענדיקער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג איז געווען גע־נוג גרויס און די נייע מאַכט האָט אויך ניט געהאַט די דרייסטקייט אויסצומעקן דאָס וואָרט „צייטווייליקע״, וועלכע האָט גאַנץ לאַנג פיגורירט אין אַלע אָפיצי־עלע אַקטן און דאָקומענטן פון דער נייער אָקטאָבער־רעגירונג.

אָנשטאָט „מיניסטאָרן״, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט די צאַרישע צייטן און מיט דער רעגירונג פון קערענסקי, האָט מען אין דעם צימער 36 באַ־שלאָסן, אַז די טרעגער פון דער מאַכט זאָלן זיך אָנרופן פאָלקס_קאָמיסאַרן, וואָס האָט נעענטער געמאַכט די איצטיקע באַוועגונג צו דער גרויסער פראַנצוי־זישער רעוואָלוציע און צו דער פּאַריזער קאָמונע, וועלכע ווערט פון איצט אַ מוסטער פאַר דער נייער רעגירונג.

אָבער עס איז אַ סך לייכטער געווען צו געבן אַ נאָמען דעם נייעם באַ־שעפעניש, וואָס האָט געדאַרפט באַווייזן זיך אויף דער גרויסער וועלט, איידער דעם זעלביקן אָרגאַניזם צו באַשאַפן.

קודם האָט זיך אַוועקגעשטעלט די פראַגע, פון וועלכע פאַרטייען און געזעלשאַפטלעכע גרופן דאַרף זיך די נייע רעגירונג אָרגאַניזירן. עס איז געווען קלאָר, אַז די גרעסטע דעה און דעם גרעסטן וואָג אין דער נייער רעגירונג דאַרף האָבן די באָלשעוויסטישע פאַרטיי, וועלכע האָט אויף אירע אייגענע פּלייצעס מיט דער גרעסטער ענערגיע דורכגעפירט די גאַנצע קאַמפּאַניע און געוואונען אַזאַ גלענצנדן נצחון.

עס איז אָבער געווען אַ סכנה, אַז די באָלשעוויסטישע פאַרטיי, וואָס האָט די באַוועגונג אַזוי גוט אָרגאַניזירט און געבראַכט צו אַזעלכע גוטע און גלענצנדיקע רעזולטאַטן, וועט ניט זיין אימשטאַנד מיט אייגענע כוחות אייצו־האַלטן די מאַכט און וועט אפשר פאַלן אונטער דעם שווערן לאַסט פון דער מאַכט, וועלכע זי האָט מיט אַזאַ מסירת־נפש ערוואָרבען.

עס איז דאָך פאַר קיינעם קיין סוד ניט געווען, אַז אין דער באָלשע־וויסטישער פאַרטיי גופא זיינען ביז דעם לעצטן טאָג געווען אַ סך סקעפּטיקער, וועלכע האָבן בכלל ניט געגלויבט אין ערפאָלג פון דער גאַנצער באַוועגונג

און אַז די באָלשעוויקעס וועלן זיין בכוח לאַנג איינהאַלטן די מאַכט, אויב אפילו די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג וועט זיי געבן די מאַכט אין די הענט.

עס איז געווען באַוואוסט, אַז אפילו אַזאַ באָלשעוויסטישער גדול, ווי זינאָוויעוו, וואָס האָט אין משך פון זיין גאַנצן פּאָליטישן לעבן ניט אָפּגע-טראָטן פון לענינען, איז געווען איינער פון אַזעלכע סקעפּטיקער, קעגן וועלכע לענין האָט געמוזט אין די לעצטע טעג פאַר דער רעוואָלוציע אָנווענדן זיין גאַנצע פּאָלעמישע קראַפט און אויסבעזימען זיי אויף דעם שאַרפסטן און גראָבסטן אופן.

די באָלשעוויקעס האָבן, אַלזאָ, געשטרעבט צו באַקומען שותפים, וועלכע זאָלן צוזאַמען מיט זיי טראָגן די לאַסט פון דער מאַכט און די גרויסע פאַר-אַנטוואָרטלעכקייט. אָבער די צאָל גרופּן און פּאַרטייען, וועלכע האָבן געקאָנט גיין צוזאַמען מיט די באָלשעוויקעס, איז געווען זייער קליין און באַגרעניצט.

פאַרשטייט זיך, אַז מיט די באָלשעוויקעס האָבן ניט געקאָנט גיין יענע פּאַרטייען, וועלכע האָבן געהאַט די הויפּט-שליטה אין דעם ערשטן צ. א. ק. און וועלכע האָבן אַזוי פעסט פאַרבונדן זייער פּאָליטישן גורל מיט קערענסקיס רעגירונג. אָט די פּאַרטייען, וועלכע האָבן ביז איצט געפירט אַזאַ פאַרביטערטן קאַמף מיט די באָלשעוויקעס, האָבן ניט געקאָנט איצט אפילו פּסיכאָלאָגיש מוחל זיין זייער אייגענע ירידה. צושטיין צו די באָלשעוויקעס תיכף נאָך זייער נצחון, וואָלט אייגנטלעך געהייסן אַרויסגעבן זיך אַליין testimonium paupertatis (אַ שיין פון אָרימקייט) און צו אַזאַ אַקט פון זעלבסטמאָרד איז קיינער ניט געווען מסוגל.

עס זיינען געווען איינציקע פּאָליטישע גרופּן, סיי ביי די מענשעוויקעס און סיי ביי די ס. ר., וועלכע האָבן פריער געפירט אַ קאַמף אין זייערע פּאַר-טייען גופא און וועלכע זיינען ביז דעם 25 אָקטאָבער געווען זייער נאָענט צו די באָלשעוויקעס.

פון איין זייט זיינען געווען די אינטערנאַציאָנאַליסטישע ס. ד. עלע-מענטן, וועלכע האָבן זיך געטיילט, אייגנטלעך, אויף צוויי גרופּן: אויף מאַר-טאָווס גרופּע און אויף דער גרופּע פון דער צייטונג „נאָוו. זשיזן", און פון דער צווייטער — די לינקע ס. ר.

מאַרטאָווס גרופּע איז געווען ניט קיין גרויסע און האָט ניט געהאַט קיין גרויסע באַדייטונג, מאַרטאָוו איז אפילו ניט אַרויסגעטראָטן פון דער ס. ד. פּאַרטיי, וועלכע איז אין איר גרעסטן רוב געשטאַנען דעמאָלט אויף דעם שטאַנדפּונקט פון פאָטערלאַנד-פּאַרטיידיקונג און פון אַ בלאָק מיט די בירגערלעכע פּאַרטייען. מאַרטאָוו האָט געקעמפט אין די רייען פון דער ס. ד. פּאַרטיי גופא מיט די רעכטע שטימונגען און האָט געהאַט אַ געוויסע ווירקונג אויף די פּראָווינציעלע פּאַרטיי-אָרגאַניזאַציעס. מאַרטאָוו פלעגט אויסקומען אפשר אָפטער אַרויס-טרעטן עפנטלעך קעגן זיין אייגענער פּאַרטיי, איידער קעגן די באָלשעוויקעס, בעהויפּט נאָך די יולי-טעג, ווען די רעגירונגס-פּאַרטייען האָבן געפירט אַ

מוראדיקע העצע קעגן „די באָלשעוויסטישע פאַררעטער", וועלכע זיינען, לויט דער אָפיציעלער קאָנצעפּציע, געווען שולדיק אין אַלע צרות און אומגליקן, וואָס זיינען געקומען אויף רוסלאַנד.

אָבער ווען עס איז געקומען דער 25 אָקטאָבער און די באָלשעוויקעס האָבן גענומען פּאַרווידקלעכן זייערע פּלענער און דורכגעפירט דעם אויפשטאַנד, וועגן וועלכן מען האָט פריער נאָר גערעדט, איז מאַרטאָוו שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן די באָלשעוויקעס, וועלכע האָבן „מיט אַ טאָג פאַר דעם אַלרוסישן ראַטן־צוזאַמענפאָר אָרגאַניזירט דעם אויפשטאַנד, וואָס טראָגט אַ ריין מיליטערישן כאַראַקטער".

מאַרטאָוו איז ניט אַוועקגעגאַנגען פון צוזאַמענפאָר צוזאַמען מיט אַלע מענשעוויקעס, ער איז אויך ניט צוגעשטאַנען צו דער ברוגז־רעזאָלוציע פון דער מענשעוויסטישער פאַרטיי, וועלכע האָט געפאָדערט פון די באָלשעוויקעס, אַז זיי זאָלן נאָך זייער נצחון איבער דער צייטווייליקער רעגירונג פירן ווייטער מיט איר אונטערהאַנדלונגען וועגן אָן אָרגאַניזאַציע פון אַ נייער מאַכט. מאַרטאָוו האָט פאָרגעלייגט אַן אייגענע רעזאָלוציע, לויט וועלכער די באָלשעוויקעס האָבן געדאַרפט פירן אונטערהאַנדלונגען מיט אַלע דעמאָקראַטישע גרופן וועגן שאַפן אַזאַ דעמאָקראַטישע מאַכט, וועלכער די צייטווייליקע רעגירונג זאָל קאָנען איבערגעבן די מאַכט אָן שום בלוט־פאַרגיסונגען און צוזאַמענשטויסונגען.

ווען די דאָזיקע רעזאָלוציע און מאַרטאָווס פאָרשלאָג, אַז דער צוזאַמענפאָר זאָל באַשטימען אַ דעלעגאַציע, וואָס זאָל תיכּף פירן אונטערהאַנדלונגען מיט די דעמאָקראַטישע פאַרטייען, איז אפילו ניט אַוועקגעשטעלט געוואָרן צו אָפּשטימונג, האָט מאַרטאָווס גרופּע מיט די „פּועלי ציון", וועלכע זיינען ביז איצט געווען אַזאַ נאָענט צו די באָלשעוויקעס, אויך פאַרלאָזן דעם צוזאַמענפאָר.

עס זיינען געווען נאָך גרעסערע מקורבים צו די באָלשעוויקעס, וועלכע זיינען ביז דעם אויפשטאַנד געגאַנגען כמעט אין אַלע פראַגן האַנט ביי האַנט מיט זיי און וועלכע האָבן זיי אויך פאַרלאָזן נאָך זייער נצחון, — דאָס איז געווען די אינטערנאַציאָנאַליסטישע גרופּע פון דער רעדאַקציע „נאָוואַיאַ זשיזן".

אין דער דאָזיקער רעדאַקציע, בראש פון וועלכער איז אָפיציעל געשטאַנען אַזאַ באַקאַנטע און פּאָפּולערע פּערזענלעכקייט, ווי מאַקסים גאָרקי, האָבן זיך צענויפגעזאַמלט איניקע געוועזענע באָלשעוויקעס, וועלכע זיינען איצט אָפיציעל אַרויסגעטראָטן פון פאַרטיי, אָבער וועלכע זיינען אין אַ סך פראַגן, וואָס האָבן דאַמאָלסט געהאַט די גרעסטע באַדייטונג, ווי צ. ב. ש., די פראַגן וועגן מלחמה און שלום, וועגן דער אָרגאַניזאַציע פון מאַכט, געשטאַנען זייער נאָענט צו די באָלשעוויקעס.

די דאָזיקע נאָענטקייט האָט זיך באַזונדער בולט אַרויסגעוויזן נאָך די יולי־טעג, ווען די צייטונג „נאָוו. זשיזן" איז געווען די איינציקע אין רוסלאַנד, וועלכע האָט ניט געפירט קיין העצע קעגן די באָלשעוויקעס און וועלכע האָט, אדרבה, זיי פאַרטיידיקט מיט דער גרעסטער ענערגיע קעגן אַלע

שונאים, און דערפאַר ניט ווינציקער, און אפשר נאָך מער פון די באָלשעוויקעס אַליין געווען פאַרהאַסט ביי אַלע פאַרטייאישע גרופּעס, וועלכע האָבן ניט גע־שאַנעוועט קיין זידלעריי און עיבּוּף-ווערטער קעגן גאָרקיס „שיק־יינגלעך", קעגן די „באָלשעוויסטישע ווידער־קולס" א. אַז. וו.

די טעאָרעטישע אונטערשיידן צווישן די באָלשעוויקעס און די „נאָווא־זשיזנצעס" זיינען געווען ניט אַזוי גרויס.

די רעדאַקציע פון „נאָוו. זשיזן" האָט פון איין זייט ניט מסכים געווען, אַז די איצטיקע רוסישע רעוואָלוציע איז אַ ריין־בורזשואזע, און האָט דעריבער ניט געקאָנט מאַכן דערפון די אַלע קאָנסעקווענצן, ווי עס האָבן געטאָן די רעכטע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען. פון דער צווייטער זייט אָבער האָבן די אָפּ־געריסענע פון די ברייטע פאָלקס־מאַסן אינטעליגענטן פון „נאָוו. זשיזן" ניט געוואָלט אָנערקענען, אַז די רוסישע רעוואָלוציע קאָן שוין אין דעם דאָזיקן היסטאָרישן מאָמענט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ סאָציאַלע רעוואָלוציע, ווי עס האָבן געטענהט די באָלשעוויקעס. די גרופּע פון „נאָוו. זשיזן" האָט געהאַט נאָך טענות קעגן דער באָלשעוויסטישער פּאָליטיק און, איבערהויפּט, טאַקטיק און האָט געהאָפט צו שאַפן אַ נייע צענטראַלע אינטערנאַציאָנאַליסטישע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע, אַרום וועלכער זאָלן זיך קאָנען קאָנצענטרירן די רעכטע עלעמענטן פון די באָלשעוויקעס און די לינקערע פון די מענשעוויקעס און אויף אַזאַ אופן שאַפן אַ פאַראייניקטע ס. ד. פּאַרטיי, וועלכע זאָל שפּילן די וויכטיקסטע ראָלע אין די געשעענישן.

די אַלע האָפענונגען זיינען אָבער ניט פאַרווירקלעכט געוואָרן און ווען די באָלשעוויקעס, ניט קוקנדיק אויף אַלע עצות פון זייערע גוטע פריינד פון דער רעדאַקציע „נאָוו. זשיזן", האָבן אָרגאַניזירט דעם אויפשטאַנד און האָבן מיט גרויס פייערלעכקייט דורך לעניגען פּראָקלאַמירט די סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע, זיינען די דאָזיקע מקורבים פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי ניט צוגעשטאַנען צו די זיגער, מיט וועלכע זיי האָבן פריער צוזאַמען געקעמפט און זיינען איצט אַרויסגעטראָטן קעגן די באָלשעוויקעס.

אמת, די „נאָוואָזשיזנצעס" זיינען ניט אַוועק פון דעם אַלרוסישן ראַטן־צוזאַמענפאָר און זיינען דאָרטן געבליבן אַלס אָפּאָזיציע, אָבער די דאָזיקע אָפּאָ־זיציע פון די נעכטיקע פריינד און מיטקעמפער איז פאַר די באָלשעוויקעס גע־ווען אפשר פילבאַרער, ווי דער באָיקאָט פון זייערע אַלטע שונאים און קעגנער.

עס איז נאָך געווען איין לינקע גרופּע, אויף וועלכע די באָלשעוויקעס האָבן געקאָנט האָפן, אַז זי וועט זיי ניט פאַרלאָזן. דאָס זיינען געווען די לינקע ס. ר., וועלכע האָבן אויך געפירט אַ אינטערנאַציאָנאַליסטישע פּאָליטיק און וועלכע האָבן אין די רייען פון דער גרויסער ס. ר. פּאַרטיי געפירט אַ קאַמף קעגן דער פּשרות־פּאָליטיק פון די פּאַרטיי־פירער מיט טשערנאָוון בראש.

אָבער די האָפענונגען אויף די לינקע ס. ר. האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר פאַלשע.

בעת די באָלשעוויקעס האָבן צווישן זיך באַטראַכט די פראַגע וועגן דער אָרגאַניזאַציע פון דער נייער מאַכט און וועגן די ערשטע דעקרעטן, וואָס דאַרפן פּובליקירט ווערן, איז צו זיי געקומען אַ דעלעגאַציע פון די לינקע ס. ר. מיט אַ פראַגע, וואָס רעכענען די באָלשעוויקעס ווייטער צו טאָן. די באָלשעוויקעס האָבן קיין אַנדער ענטפער ניט געקאָנט געבן ווי דעם, אַז זיי ווילן און וועלן אָרגאַניזירן אַ ראַטן-מאַכט פון יענע פאַרטייען, וועלכע זיינען מסכּים אויף אַזאַ מאַכט. ביי דער שטימונג פון יענער צייט, ווען אַלע פאַרטייען האָבן זיך אַרויסגעזאָגט קעגן אַזעלכע פּלענער, האָט אַזאַ נייע מאַכט געקאָנט זיין צוזאַמענגעשטעלט נאָר פון מיטגלידער פון דער באָלשעוויסטישער פאַרטיי. די באָלשעוויקעס האָבן פאַרשטאַנען די סכּנה, וואָס אַזאַ קאָמבינאַציע קאָן ברענגען, און האָבן פאָרגעלייגט צו געבן די לינקע ס. ר. אייניקע ערטער אין דער קומענדיקער רעגירונג.

דער שדוך מיט די לינקע ס. ר. האָט קיין באַזונדער גרויסע גליקן ניט געקאָנט ברענגען די באָלשעוויקעס, ווייל די דאָזיקע גרופּע איז דעמאָלט געווען גענוג קליין און שוואַך און די גאַנצע גרופּע האָט נאָך אפילו קיין צייט ניט געהאַט אויסצוקריסטאַליזירן זיך און אָפּצוזונדערן זיך פון די רעכטע ס. ר., מיט וועלכע די לינקע זיינען נאָך געווען אפילו אָרגאַניזאַציאָנעל פאַרבונדן.

די באָלשעוויקעס אָבער האָבן געזוכט שותּפים צו זייער גרויסן שפּיל. זיי זיינען געווען גענוג פראַקטיש און האָבן פאַרשטאַנען, אַז עס איז ניט זייער באַקוועם, ווען די זעלביקע מענטשן, אויף וועמען ס'איז ביז דעם לעצטן טאָג געלעגן אַ באַשולדיקונג, אַז זיי זיינען מלוכה-פאַררעטער, זאָלן אַליין נעמען אויף זיך די גאַנצע פאַראַנטוואָרטלעכקייט און זאָלן אַליין מיט אייגענע כּוחות שאַפן אַ רעגירונג.

זיי זיינען דעריבער געווען גרייט צו פאַראייניקן זיך מיט אַזאַ שוואַכע גרופּע, ווי די לינקע ס. ר., וועלכע וואָלטן אגב צוליב זייער שוואַכקייט ניט געקאָנט שטערן די באָלשעוויקעס דורכפירן אינגאַנצן זייער ליניע.

אָבער די לינקע ס. ר. האָבן מורא געהאַט צו פאַרבינדן זיך מיט דער באָלשעוויסטישער פאַרטיי און נעמען אויף זיך אַ טייל פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר אַלע געשעענישן, וואָס זיינען פאָרגעקומען, און דעריבער האָבן זיי אויף דעם פאָרשלאָג פון די באָלשעוויקעס אַריינצוטרעטן אין דער רעגירונג געגעבן אַ דיפּלאָמאַטישן ענטפער: קודם, האָבן זיי געפונען, אַז די מאַכט דאַרף זיין אַ קאָאַליציאָנעלע מיט דעם אָנטייל פון אַלע סאָציאַליסטישע ראַטן-פאַרטייען און חוץ דעם האָבן די לינקע ס. ר. ערקלערט, אַז זיי ווילן נאָך דערווייל ניט אָפּרייסן זיך פון די איבעריקע ס. ר. און צושפּאַלטן די פאַרטיי, ווייל זיי האָפן נאָך, אַז זיי וועט געלינגען איבערצושלעפן די גאַנצע ס. ר. פאַרטיי

אויף דעם ראַטן־פּרינציפּ און צוועקשטעלן די גאַנצע ס. ר. פּאַרטיי אונטער דער פאָן: די גאַנצע מאַכט דאַרף געהערן צו די ראַטן.

די באָלשעוויקעס האָבן, אַלזאָ, ניט געקאָנט באַקומען קיין שטיצע און מיטהילף אפילו פון די לינקע ס. ר. און זיי האָבן געמוזט דעריבער, ווילנדיק־ניט־ווילנדיק, איבערנעמען אויף זיך די גאַנצע אחריות און פאָרזעצן ווייטער דעם קאַמף, וועלכן זיי האָבן מיט אַזאַ ענערגיע אָנגעהויבן.

---

## XII.

די נייע מאַכט האָט געדאַרפט אין די ערשטע טעג פון איר עקסיסטענץ אָנהייבן צאָלן לויט די וועקסלען, וועלכע זי האָט אַרויסגעגעבן פריער, אין יענער צייט, ווען זי האָט געפירט די אַגיטאַציע קעגן דער צייטווייליקער רע־גירונג.

דער וויכטיקסטער שווער־פּונקט פון דער באָלשעוויסטישער אַגיטאַציע איז געווען די פראַגע וועגן שלום פון איין זייט און די פראַגע וועגן ערד פאַר די פויערים פון דער צווייטער.

די צייטווייליקע רעגירונג האָט די ביידע פראַגן אַוועקגעשטעלט און האָט אַפילו געגעבן אויף די ביידע וויכטיקסטע פּראָבלעמען פונם רוסישן לעבן געוויסע הבטחות, אָבער זי האָט ניט געפּרובט אירע הבטחות צו רעאַליזירן אין לעבן.

דער לאָזונג „אַ שלום אָן אַנעקסיעס און קאָנטריבוציעס“, וואָס איז אַרויס־געזאָגט געוואָרן נאָך אין די ערשטע טעג פון דער פעברואַר־רעוואָלוציע, איז געבליבן אָן אַ לעבעדיקן אינהאַלט און די צייטווייליקע רעגירונג האט זיך גע־לאָזט פירן בנוגע צו די פראַגן פון אויסערלעכער פּאָליטיק דורך די אַנטאַנטע־פּאָליטיקער, וועלכע האָבן געמאַכט חוזק פון דעם גאַנצן רעוואָלוציאָנערן לאָ־זונג און האָבן גאָר ניט געטראַכט וועגן דעם, אַז די מלחמה זאָל אָפּגעשטעלט ווערן אין דער נאָענטסטער צוקונפט.

כמעט די זעלביקע פּאָליטיק האָט די צייטווייליקע רעגירונג געפירט בנוגע צו דער אַגראַר־פּאָליטיק. דער אַלגעמיינער לאָזונג איז געווען: אַלע ערד־נחלאות דעם פויער, אָבער אין דער ווירקלעכקייט האָט די צייטווייליקע רעגירונג ניט געהאַט קיין רצון און קיין מוט די דאָזיקע הבטחה צו פאַרווירקלעכן.

די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי, וועלכע האָט אויף דעם בעסטן אופן אויס־געניצט די דאָזיקע שוואַכקייטן פון דער צייטווייליקער רעגירונג, האָט געמוזט תיכף ומיד רעאַליזירן אירע הבטחות בנוגע צו שלום און צו ערד און שוין אויף דער צווייטער זיצונג פון דעם אַלרוסישן ראַטן־צוזאַמענפאָר, וואָס איז פאָרגע־קומען ביינאַכט דעם 26 אָקטאָבער, האָט לענין אַריינגעטראָגן צוויי דעקרעטן וועגן שלום און וועגן ערד, וועלכע האָבן געדאַרפט דינען אַלס באַווייז, אַז די

נייע מאַכט וויל ניט נאַרן די פאָלקס־מאַסן, צוזאָגן זיי הרים וגבעות און קיין זאַך ניט מקיים זיין.

צו דער דאָזיקער צווייטער זיצונג פון אַלרוסישן ראַטן־צוזאַמענפאָר זיי־נען שוין די אָפּאָזיציאָנעלע גרופּן ניט געקומען. ביי אַזאַ לאַגע, ווען עס איז געבליבן כמעט נאָר איין פּאַרטיי, זיינען אַלע דעבאַטן געוואָרן איבעריק. אַלע רעדנער האָבן באַקומען אַ רעכט צו ריידן נאָר דריי מינוט און אַזאַ וויכטיקער דעקרעט, ווי „די ווענדונג צו אַלע רעגירונגען און פעלקער וועגן שלום“, האָט אָפּגענומען ביים צוזאַמענפאָר זייער ווייניק צייט און איז אָנגענומען געוואָרן איינשטימיק.

דער דאָזיקער דעקרעט האָט ערקלערט אַלע רעגירונגען און לענדער, אַז די נייע מאַכט, די מאַכט פון אַרבעטער און פויערים, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן דורך דער רעוואָלוציע פון 24—25 אָקטאָבער, לייגט פאָר תיכף אָנצו־הייבן אונטערהאַנדלונגען וועגן אַ יושרדיקן דעמאָקראַטישן שלום.

דער דעקרעט דערקלערט, אַז דער שלום דאַרף זיין געשלאָסן אויף דעם יסוד פון יושר, און אַז קיינע אַנעקסיעס און קאָנטריבוציעס טאָרן ניט דער־לאָזט ווערן, אָבער אין דער זעלביקער צייט איז דער דעקרעט מודיע, אַז די נייע רוסישע אַרבעטער־און פויערים־רעגירונג שטעלט ניט אַרויס קיינע אולטי־מאַטיום, ווייל זי וויל ניט געבן קיין שום רעגירונג אַ פּתחון־פּה צו זאָגן, אַז צוליב דער עקשנות פון דער רעוואָלוציאָנערער רעגירונג קאָן דער שלום ניט פאַרווירקלעכט ווערן. די נייע מאַכט האָט זיך אויך אַנטזאַגט פון דער ביז איצטיקער באָלשעוויסטישער פּאָליטיק, לויט וועלכער מען האָט בכלל געדאַרפט ריידן וועגן שלום ניט מיט די אימפּעריאַליסטישע רעגירונגען, נאָר מיט די פאָלקס־מאַסן.

דער דעקרעט וועגן שלום איז, אמת, געווען אַדרעסירט ניט נאָר צו די רעגירונגען, נאָר אויך צו די פעלקער, אָבער לענין האָט גאַנץ אָפן ערקלערט אויף דעם צוזאַמענפאָר גופא, אַז „מיר קאָנען ניט איגנאָרירן די רעגירונגען, ווייל אַזאַ איגנאָרירן וועט נאָר אָפּשלעפן און פאַרציען דעם שלום, צו וועלכן מיר שטרעבן. מיר שטרעבן צו אַ שלום אָן אַנעקסיעס און קאָנטריבוציעס, אָבער מיר קאָנען זיך ניט פאַרבינדן מיט אַזאַ פּראָגראַם און מיר זאָגן דעריבער, אַז מיר זיינען גרייט צו באַטראַכטן יעדן שלום־פאָרשלאָג. באַטראַכטן הייסט נאָך ניט אָננעמען. מיר וועלן אַלע אַזעלכע פאָרשלאָגן אַריינטראָגן אין גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, וועלכע וועט שוין האָבן די ברירה אָנצונעמען זיי אָדער אָפּצוואַרפן“.

אַזוי האָט געטענהט לענין. און הגם די אַלע פּראַקטישע טענות האָבן ווייניק האַרמאָנירט מיט די אַלע פאָדערונגען, וועלכע די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי האָט אַרויסגעשטעלט מיט אַ קורצער צייט צוריק, ווען זי איז נאָך געווען אין אָפּאָזיציע, דאָך האָט דער באָלשעוויסטישער ראַטן־צוזאַמענפאָר דעם דאָ־זיקן דעקרעט אָנגענומען.

די זעלביקע פראַקטישקייט האָט די באָלשעוויסטישע פאַרטיי אַרויסגעוויזן אויך בנוגע צו דער צווייטער וויכטיקסטער פראַגע—צו דער אַגראַר-פראַגע.

די באָלשעוויסטישע פאַרטיי האָט ניט געהאַט קיין פעסטע און קלאָר-אויסגעאַרבעטע אַגראַר-פּראָגראַם, ווייל די אַגראַר-פראַגע איז בכלל געווען שטענדיק דער שוואַכסטער פּונקט פון די רוסישע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פאַרטיי-פּראָגראַמען.

די באָלשעוויסטישע פאַרטיי האָט געהאַט אַ געוויסע אַגראַר-פּראָגראַם, לויט וועלכער די רוסישע אַגראַר-פּראָבלעם האָט געדאַרפט ערלייזט ווערן דורך נאַציאָנאַליזאַציע פון אַלע ערד-נחלאות. די דאָזיקע נאַציאָנאַליזאַציע האָט, לויט דער אַלטער באָלשעוויסטישער פּראָגראַם, געדאַרפט דורכגעפירט ווערן דורך „פויערים-קאָמיטעטן" אָדער דורך די „ראַטן פון די דאָרף-אַרבעטער-(באַטראַקעס) דעפּוטאַטן", אָבער איצט, ווען די באָלשעוויסטישע פאַרטיי האָט באַקומען די גאַנצע מאכט אין אירע הענט און האָט געקאָנט אָננעמען אַ דעקרעט וועגן דער דאָזיקער נאַציאָנאַליזאַציע, האָט דער פּראַקטיציזם גובר געווען אויף אַזוי פיל, אַז די רעגירנדיקע פאַרטיי האָט אינגאַנצן פאַרגעסן וועגן איר אייגענער פּראָגראַם און האָט באַשטעטיקט אַ דעקרעט וועגן דער אַגראַר-רעפאָרם, וועלכער איז געווען דורך און דורך דורכגעדרונגען מיט די ס. ר.-ישע אַגראַר-פּראָיעקטן, וועלכע האָבן אינגאַנצן סותר געווען אַלע אַלטע באָלשעוויסטישע פּראָגראַמען.

דער געזעץ-פּראָיעקט, וואָס איז פאָרגעלייגט געוואָרן דעם צוזאַמענפאָר און וועלכער איז טאַקי אָנגענומען געוואָרן, איז געווען אַ גענויע קאָפּיע פון דעם אַגראַר-פּראָיעקט, וואָס די רעדאַקציע פון די ס. ר.-שע „ידיעות פון דעם ראַט פון די פויערים-דעפּוטאַטן" האָט אויסגעאַרבעט אויף דעם סמך פון 242 פויערשע ערד-נאַקאַזן, וועלכע זיינען צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן לויט דעם ס. ר.-ישן פאַרטיי-טייטל.

דער דאָזיקער דעקרעט וועגן דער אַגראַר-רעפאָרם איז באַשטאַנען נאָר פון אַלגעמיינע פּרינציפּן, און דאָס איז געווען, לויט לענינס מיינונג, זיין גרעסטע מעלה, ווייל ער האָט געדאַרפט נאָר באַווייזן די פויערים, אַז עס עקסיסטירן מער ניט קיינע פריצים, און געדאַרפט געבן די ברייטע פויערשע מאַסן די אומבאַגרענצטע מעגלעכקייטן צופּאַסן דעם דאָזיקן דעקרעט צו די אָרטיקע באַדינגונגען.

— דאָס לעבן איז דער בעסטער לערער,—האָט געטענהט לענין פאַר דעם צוזאַמענפאָר, און קעגן די באַפעלן פון לעבן האָט קיין שום באַדייטונג ניט די פראַגע, וועלכע פאַרטיי האָט צוזאַמענגעשטעלט דעם פּראָיעקט. דער עיקר איז נאָר, וואָס דער פּראָיעקט איז אַ פּראָדוקט פון פאָלקס-שאַפן און מיט אַזאַ פּראָיעקט מוזן מיר מסכים זיין, ווען אַפילו ער שטימט ניט מיט אונזער אייגענער פּראָגראַם.

דער עיקר איז דעמאָלט געווען צו געפינען אַזעלכע מיטלען, וואָס זאָלן

באַפרידיקן די ברייטע פּאָלקס-מאַסן און פאַרבינדן זיי מיט דער נייער מאַכט און צוליב דעם איז די נייע מאַכט געווען גרייט אויף אַ געוויסע צייט צו אָנטזאָגן זיך פון איר אַגראַר-פּראָגראַם און דעקרעטירן די אַגראַר-פּראָגראַם פון אירע קעגנער—די ס. ר., כדי אַרויסצורייסן פון זייערע הענט אַזאַ כלי-זין, ווי די מעגלעכקייט אויסצונוצן די שווערע אַגראַר-פראַגע קעגן דער נייער מאַכט.

די נייע מאַכט האָט זיך אינטערעסירט ניט נאָר מיט די פּויערים פון דאָרף, נאָר פיל מער מיט די פּויערים אין די סאָלדאַטן-שינעלן, וואָס זיינען געשטאַנען אויף די פראָנטן. כדי צו געווינען די סימפּאַטיעס פון די סאָלדאַטן, האָט דער צוזאַמענפאָר אָנגענומען אַ דעקרעט, אַז די טויט-שטראָף, וואָס קערענסקי האָט ווידער איינגעפירט אויף דעם פראָנט, ווערט אָפּגעשאַפט, און אַז דער פראָנט באַקומט פולקומע פרייהייט פון אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע.

אויב די באָלשעוויקעס זיינען געווען גרייט אויף די גרעסטע הנחות און קאָמפּראָמיסן, כדי צו געווינען די סימפּאַטיעס פון די ברייטע פּאָלקס-שיכטן אין שאַפן אַ מעגלעכקייט פאַר די מאַסן צו פאַרשטיין אין פונאַנדערקלייבן זיך אין די פאַרגעקומענע געשעענישן, האָבן זיי אַרויסגעוויזן די גרעסטע עקשנות און האַרטנעקיקייט, ווען מען האָט ביי זיי געפאָדערט קאָמפּראָמיסן און הנחות, כדי צו פאַרשטענדיקן זיך מיט דער אָדער יענער פּאַרטיי, ווען אפילו אַזעלכע פּאַרטייען האָבן ביז דעם לעצטן טאָג געשפּילט די גרעסטע ראָלע אין לאַנד.

די פראַגע וועגן דער מאַכט איז געווען זייער ענג פאַרבונדן מיט דער פראַגע וועגן אַ געוויסער פּשרה-פּאָליטיק מיט יענע פּאַרטייען, מיט וועלכע די באָלשעוויקעס האָבן ביז איצט געפירט אַזאַ אָנגעשטרענגטן קאַמף.

דער אַלרוסישער ראַטן-צוזאַמענפאָר האָט די דאָזיקע האַרבע פראַגע ניט געקאָנט דורכלאָזן און האָט איר געמוזט גאַנץ גענוי באַטראַכטן.

אויף דעם צוזאַמענפאָר זיינען געבליבן גאַנץ קליינע אָפּאָזיציאָנעלע גרופּן, אָבער פאַר דער מערהייט איז די דאָזיקע אָפּאָזיציע געווען זייער וויכטיק, כדי די איזאָלירטקייט פון דער נייער מאַכט זאָל ניט זיין צופיל בולט. די דאָזיקע אָפּאָזיציע, די פאַראייניקטע אינטערנאַציאָנאַליסטן פון „נאָוואַיאַ זשיזן" און די לינקע ס. ר. האָבן ווידער אַוועקגעשטעלט די פראַגע וועגן אַ בלאָק מיט יענע סאָציאַליסטישע ראַטן-פּאַרטייען, וועלכע זיינען אַוועקגעגאַנגען פון דעם צוזאַמענפאָר אין וועלכע מען מוז צוציען צוריק, כדי ניט צו פאַרשאַרפן די קאַמף-שטימונג און ניט שאַפן קיין באָדן פאַר אַ ברודער-בירגער-קריג צווישן די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען גופא.

די אָפּאָזיציע האָט מתּ־ה געווען די נייע מאַכט, אַז זי זאָל ניט פאַרגעסן וועגן די גרויסע און מוראדיקע שוועריקייטן, וועלכע שטייען אויף איר וועג און זי זאָל זיך ניט צופיל פאַרלאָזן אויף דער הילף פון די אייראָפּעאישע אַרבעטער-מאַסן, ווייל די דאָזיקע הילף איז זייער פּראָבלעמאַטיש און איז אַ פראַגע פון צוקונפטס-מוזיק, און אָפּשטויסנדיק פון זיך אַלע רוסישע סאָציאַ-

ליסטישע פּאַרטייען, ווערט די נייע מאַכט תיכּף איזאָלירט און וועט דעריבער קיין תקומה ניט האָבן.

— עס איז אמת, — האָט געענטפערט טראָצקי, — אַז אונזער גאַנצע האָפענונג באַשטייט אין דעם, אַז די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד וועט פונאַנדערבינדן די אייראָפּעאישע רעוואָלוציע. אויב די פעלקער פון אייראָפּע וועלן ניט אויפשטיין און וועלן ניט דערשטיקן דעם אימפּעריאַליזם, וועלן מיר אַליין דערשטיקט ווערן. עס איז קיין ספק ניט, אַז אָדער די רוסישע רעוואָלוציע וועט אויפהייבן דעם שטורם פון קאַמף אין גאַנץ אייראָפּע, אָדער די קאַפּיטאַליסטן פון אַלע לענדער וועלן אונז דערשטיקן.

אָבער כדי די רוסישע רעוואָלוציע זאָל קאָנען אָנצינדן אַ פייער אין גאַנץ אייראָפּע, טאָר זי ניט גיין אויף פשרות און קאָמפּראָמיסן מיט יענע פּאַרטייען, וועלכע האָבן זיך שוין אינגאַנצן קאָמפּראָמעטירט און האָבן מיט זייער פּאָליטיק קאָמפּראָמעטירט די רוסישע רעוואָלוציע אין די אויגן פון די אַרבעטער אין דער גאַנצער וועלט.

ניט מיר זיינען איזאָלירט, האָט ווייטער געטענהט טראָצקי, נאָר יענע פּאַרטייען, וואָס שטייען קעגן אונז. מיר האָבן געשאַפן אַ קאָאַליציע מיט די אַרבעטער, סאָלדאַטן און פויערים און ביי אַזאַ קאָאַליציע האָבן מיר קיין מורא ניט, אויב די אָדער יענע פּאַרטיי וועט אונז באָיקאָטירן.

עס פאַרשטייט זיך, אַז ביי אַזאַ באַציאונג צו אַלע איבעריקע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען האָט ניט געקאָנט זיין קיין רייד וועגן אַ בלאָק מיט זיי, און די רעגירונג, וועלכע דער ראַטן־צוזאַמענפאָר האָט אויסגעוויילט, איז באַשטאַנען אויסשליסלעך פון באָלשעוויקעס, דעלעגירטע דורך דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי.

די רעגירונג האָט לויט דעם באַשלוס פון דעם צוזאַמענפאָר געדאַרפט זיין אַ צייטווייליקע, ביז וואַנען עס וועט ניט צונויפגערופן ווערן די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג. די דאָזיקע צייטווייליקע אַרבעטער־און פויערים־רעגירונג דאַרף זיך רופן דער ראַט פון פאָלקס־קאָמיסאַרן.

דער צוזאַמענפאָר האָט באַשלאָסן, אַז בראש פון איינצעלנע מיניסטעריומס, אָדער קאָמיסאַריאַטן, דאַרפן שטיין קאָמיסיעס, וועלכע דאַרפן דורכפירן דאָס פּראָגראַם אין ענגען קאָנטאַקטמיט די מאַסן־אָרגאַניזאַציעס פון די אַרבעטער, סאָלדאַטן, מאַטראָסן, פויערים און אָנגעשטעלטע.

דער קאָנטראָל אויף דער טעטיקייט פון די פאָלקס־קאָמיסאַרן און דאָס רעכט צו באַפרייען זיי פון זייערע פּאָסטנס געהערט דעם אַלרוסישן ראַטן־צוזאַמענפאָר און אין אויספיר־אָרגאַן, דעם צענטראַלן אויספיר־קאָמיטעט.

אין דעם צענטראַלן אויספיר־קאָמיטעט, וועלכער האָט באַקומען אַזעלכע גרויסע רעכט, זיינען אויסגעקליבן געוואָרן 100 דעלעגאַטן (70 באָלשעוויקעס און 30 לינקע ס.ר., אינטערנאַציאָנאַליסטן און אַלע איבעריקע פּאַרטייען). חוץ דעם, האָט דער צוזאַמענפאָר געגעבן רעכט צו קאָאָפּטירן דעם צ.א.ק. מיט די פאָרשטייער פון יענע גרופּן, וועלכע זיינען אַוועק פון דעם צוזאַמענפאָר

אויב זיי וועלן קומען צוריק, און אויך מיט פאָרשטייער פון פאַרשיידענע דעמאָ־קראַטישע גרופּן אין מיליטער־טיילן.

גאַנץ פאַרשטענדלעך, אַז ביי אַזאַ אומקלאָרן צוזאַמענשטעל און ביי אַזעלכע גרויסע רעכט, וואָס דער צ. א. ק. האָט באַקומען לויט די באַשלוסן פון דעם אַלרוסישן צוזאַמענפאָר, האָט די גאַנצע פּאַקטישע מאַכט געמוזט איבערגיין צו יענע קאָלעגיעס, וועלכע האָבן געדאַרפט אָנפירן מיט די פאַרשיידענע צווייגן פון מלוכה־לעבן און צו די פּרעזיצער פון די דאָזיקע קאָלעגיעס, וועלכע האָבן געבילדעט „דעם ראַט פון די פאָלקס־קאָמיסאַרן".

און אַזוי איז טאַקע געשעען.

עס איז געשאַפן געוואָרן אַ ראַט פון פאָלקס־קאָמיסאַרן פון די פאָלגנ־דיקע פּערזאָנען:

פּרעזיצער: וולאַדימיר אוליאַנאָוו (לענין).
פאָלקס־קאָמיסאַר פון אינערלעכע ענינים — א. ריקאָוו
„ „ „ לאַנדווירטשאַפט — ב. פּ. מיליוטין
„ „ „ אַרבעט — א. שליאַפּניקאָוו
„ „ „ מיליטער און פלאָט — וו. אַוודעיענקאָ (אַנטאָ־נאָוו), נ. וו. קרילענקאָ און דיבענקאָ.
„ „ „ האַנדל און אינדוסטריע — וו. נאָגין
„ „ „ פאָלקס־בילדונג — א. לונאַטשאַרסקי
„ „ „ פינאַנסן — י. סקוואָרצאָוו
„ „ „ אויסערלעכע ענינים — ל. בראָנשטיין (טראָצקי)
„ „ „ יוסטיץ — ג. אָפּאָקאָוו (לאָמאָוו)
„ „ „ אַפּראָוויזאַציע — י. טעאָדאָראָוויטש
„ „ „ פּאָסט און טעלעגראַף — נ. אַווילאָוו (גלעבאָוו)
„ „ „ נאַציאָנאַלע ענינים — י. דזשוגאַשווילי (סטאַלין).

דער פּאָסטן פון קאָמיסאַר פאַר באַן־ענינים איז געבליבן צייטווייליק וואַקאַנט.

דער דאָזיקער ראַט פון די פאָלקסקאָמיסאַרן (סאָוונאַרקאָם) עפנט פון דעמאָלט אָן אַ נייע בלאַט פון דער רוסישער געשיכטע, וועלכע ווערט נאָך ביז איצט געשריבן מיט אותיות פון בלוט, שווייס און טרערן.

---

## XIII.

מען האָט געקאָנט גאַנץ לייכט פאַרשטיין, אַז די אַלע פּאַרטייען, וועלכע האָבן פאַרלאָזן דעם אַלרוסישן ראַטן־צוזאַמענפאָר, וועלן ניט בלייבן שטיין גלייכגילטיק און מיט אויפגעלייגטע הענט צוקוקן זיך, ווי אַזוי די באָלשעוויקעס פירן דורך זייער ליניע און באַפעסטיקן זיך. עס איז געווען קלאָר, אַז די אַלע

פאַרטייען, וועלכע האָבן מיט אַ קורצער צייט צוריק געשפּילט די הויפּט־ראָלע אין רוסישן מלוכה־לעבן, וועלן זיך ניט אַנטזאָגן אַזוי גיך פון זייערע רעכט, וועלכע די פּאָלקס־מאַסן האָבן זיי כלומרשט אָנפאַרטרויט, און וועלן קעמפן מיט אַלע מעגלעכקייטן קעגן יענער פּאַרטיי, וועלכע האָט די מאַכט „פאַר־כאַפּט מיט געוואַלד". די אַלע פּאַרטייען, וועמען דער באָלשעוויסטישער נצחון האָט אַראָפּגעוואָרפן פון דער הויך, האָבן געמוזט תיכף שאַפן אַ וועלכן עס איז קאַמפּס־פעאיקן אָרגאַן, וועלכער זאָל זיך קאָנען קעגנשטעלן דעם באָלשע־וויסטישן ק. ר. ק. און וועלכער זאָל פאַראייניקן אַלע אַקטיווע קאַמפּס־כוחות פון דעם רעכטן דעמאָקראַטישן פליגל.

אַלע פּאַרטייען, וואָס האָבן פאַרלאָזט דעם סמאָלני אינסטיטוט און די זיצונג פון דעם אַלרוסישן ראַטן־צוזאַמענפאָר, האָבן זיך צונויפגעזאַמלט אין דער געביידע פון פּעטערבורגער שטאָט־דומע, וועלכע ווערט פון דעמאָלט אָן דער צענטער פון אַלע אַנטי־באָלשעוויסטישע גרופּן. און זיי גרינדן „אַ קאָמיטעט צו ראַטעווען דאָס פאָטערלאַנד און די רעוואָלוציע". אין דעם דאָזיקן קאָמיטעט זיינען אַריינגעטראָטן פאָרשטייער פון דער פּעטערבורגער שטאָט־דומע, ערשטן צ. א. ק., דער צ. א. ק. פון די פּויערים־ראַטן, דער ראַט פון די אייזנבאַן־אַרבעטער, קאָאָפּעראַטיוון, פראָנט־אָרגאַניזאַציעס, דער ראַט פון דער רוסישער רעפּובליק און די צענטראַלע קאָמיטעטן פון די מענשעוויקעס, ס. ר. און נאָך אַנדערע אָרגאַניזאַציעס.

דער דאָזיקער אַנטי־באָלשעוויסטישער קאָמיטעט האָט ערקלערט, אַז אין קאַמף מיט די „מאַכט־פאַרכאַפּער" וועט ער זיך באַנוצן מיט פיזישער קראַפט און וועט שאַפן אַ דעמאָקראַטישע מאַכט, וועלכע זאָל גאַראַנטירן, אַז די גרינ־דונגס־פאַרזאַמלונג זאָל צונויפגערופן ווערן צו דער באַשטימטער צייט.

דער דאָזיקער קאָמיטעט האָט אין זיינע אויפרופן צו דער באַפעלקערונג, אַרבעטער און סאָלדאַטן פאַרמולירט די נייע קאַמפּס־מעטאָדן, וועלכע דאַרפן אויסגענוצט ווערן קעגן דער באָלשעוויסטישער מאַכט: ניט אָנערקענען די נייע מאַכט און די באַשטימטע דורך איר קאָמיסאַרן, ניט מקיים זיין אירע דעקרעטן און אַרויסטרעטן מיט געווער קעגן די באָלשעוויקעס.

„דער קאָמיטעט צו ראַטעווען דאָס פאָטערלאַנד און די רעוואָלוציע" האָט ערקלערט, אַז ער איז דער געזעצלעכער יורש פון דער צייטווייליקער רעגי־רונג און פון „דעם ראַט פון דער רעפּובליק" און אַלס אַזעלכער האָט ער מודיע געווען, אַז אַלע מלוכה־באַאַמטע, וועלכע האָבן פאַרשטרייקט, אַלס פּראָטעסט קעגן דער נייער מאַכט, און סאַבאָטירן איר, רעכענען זיך אויך ווייטער אויף זייערע שטעלעס און פּאָסטנס און זעריבער טאָרן זיי בשום אופן ניט איבער־געבן קיינע אַקטן און דאָקומענטן די פאָרשטייער פון דער נייער מאַכט.

„דער קאָמיטעט צו ראַטעוון דאָס פאָטערלאַנד און די רעוואָלוציע" האָט ווייטער ערקלערט, אַז אין קאַמף קעגן די באָלשעוויסטישע מאַכט־פאַרכאַפּער וועט ער זיך באַנוצן מיט פיזישע מיטלען, מיט געווער און כדי צו באַווייזן,

אַז די אַלע דראָאונגען פון די רעכטע דעמאָקראַטישע פּאַרטייען זיינען ניט בלויז פראַזן און האָבן אַ ממשות, האָט זיך אַרום פּעטערבורג באַוויזן קערענסקי מיט קאָזאַקן־אָפּטיילונגען און אַרטילעריע, וועלכע ער האָט אַראָפּגעבראַכט פון פראָנט, כדי צו קעמפן מיט דעם פּעטערבורגער באָלשעוויסטישן גאַרניזאָן.

שוין דעם 27 אָקטאָבער איז קערענסקי מיט זיינע קאָזאַקן געווען אין גאַטשינע, פון וואַנען ער האָט אַוועקגעשיקט קיין פּעטערבורג אַ פריקאַז מיט אַ ידיעה, אַז ער מיט פראָנט־טיילן, וועלכע זיינען געבליבן טריי זייער שבועה און פאָטערלאַנד, טרעט אַרויס קעגן „דער באַנדע פאַררעטער" און דעריבער באַפעלט ער אַלע סאָלדאַטן פון דעם פּעטערבורגער גאַרניזאָן, וועלכע זיינען על פּי טעות אָדער צוליב אומוויסן צוגעשטאַנען צו די דאָזיקע פאַררעטער, אַז זיי זאָלן חרטה האָבן און ערפילן זייער חוב צום פאָטערלאַנד און מקיים זיין זייער שבועה.

דער גענעראַל קראַסנאָוו, וועמען קערענסקי האָט באַשטימט אַלס קאָמאַנדיר פון פּעטערבורגער מיליטער־ראַיאָן, האָט אויך פאַרעפנטלעכט אַ פריקאַז, אין וועלכן ער האָט ניט געשאַנעוועט קיין זיין ווערטער קעגן די „פאַררעטער, מאַכט־פאַרכאַפּער און דייטשע קנעכט" און האָט אגב מודיע געווען, אַז דער „קאָזאַקן־פאַרבאַנד" איז צוגעשטאַנען צו קערענסקין און וויל אויסנוצן אַלע קאָזאַקישע אָפּטיילונגען אין קאַמף קעגן די באָלשעוויקעס.

קערענסקי און קראַסנאָוו האָבן אין זייערע פריקאַזן דערציילט וועגן זייערע גרויסע נצחונות און אַז אַלע באָלשעוויסטישע מיליטער־טיילן, וועמען זיי האָבן באַגעגנט, האָבן אָפּגעגעבן זייער געווער און צוגעשטאַנען צו די קאָזאַקן, און דעריבער האָט קערענסקי פאָרגעלייגט, אַז אַלע איבעריקע טיילן פון פּעטערבורגער גאַרניזאָן זאָלן אויך דאָס זעלביקע טאָן.

אין פּעטערבורג האָט מען ניט געוואוסט, וויפל מיליטער פירט מיט זיך קערענסקי און ווי גרויס זיינען זיינע כוחות. פון די קרייזן, וואָס זיינען געווען נאָענט צו „דעם קאָמיטעט צו ראַטעוון דאָס פאָטערלאַנד און די רעוואָלוציע", האָט מען צוזאַמען מיט קערענסקיס און קראַסנאָווס באַפעלן פאַרשפּרייט ידיעות, אַז קערענסקי פירט מיט זיך אומגעהויער־גרויסע מיליטערישע כוחות און אַז דער סוף פון דער באָלשעוויסטישער ממשלה איז שוין נאָענט.

דאַגעגן דער ק. ר. ק. האָט אין זיינע אויפרופן געטענהט, אַז קערענסקי פירט מיט זיך אינגאַנצן 5000 קאָזאַקן, וועלכע זיינען דעמאָראַליזירט און ווילן ניט אַרויסטרעטן קעגן די פּעטערבורגער אַרבעטער און סאָלדאַטן.

דער פּעטערבורגער ק. ר. ק. און די נייע רעגירונג פון די פאָלקס־קאָמיסאַרן זיינען געווען אין אַ שווערער לאַגע: ביז איצט האָט דער ק. ר. ק. כמעט מיט ליידיקע הענט אָפּגעהאַלטן איין נצחון נאָך אַ צווייטן. די איבערקערעניש אין פּעטערבורג איז פאָרגעקומען כמעט אָן בלוט־פאַרגיסונג און קרבנות און עס האָט זיך געשאַפן אַ אילוזיע, אַז דער קעגנער, קערענסקי מיט אַלע רעכטע פּאַרטייען, זיינען ניט אימשטאַנד צו ביישטיין קעגן דער באָלשעוויסטישער

אַגיטאַציע. מען האָט איצט אויך געפּרובט אויסנוצן דעם זעלביקן מיטל פון אַגיטאַציע, אָבער אָן ערפאָלג. דער גאַטשינער ראַט איז אַרעסטירט געוואָרן און דער גאַרניזאָן פון צאַרסקאָיע סעלאָ, וועלכער האָט באַקומען פון פּעטער־בורג אַ באַפעל באַנוצן געווער קעגן די קאָזאַקן, אויב זיי וועלן ניט אָנערקע־נען די ראַטן־מאַכט, האָט דעם דאָזיקן פּריקאַז ניט געקאָנט ערפילן, ווייל די קאָזאַקן האָבן אַנטוואָפנט די סאָלדאַטן פון צאַרסקאָיע אין פאַרנומען די דאָזי־קע געוועזענע קייזערלעכע רעזידענץ מיט דער שטאַרקסטער אין רוסלאַנד ראַדיאָ־סטאַנציע, מיט וועלכער די באָלשעוויקעס האָבן זיך באַנוצט, אַלס איינ־ציקער מיטל, כדי צו פאַרבינדן פּעטערבורג מיט רוסלאַנד און מיט דער גאַנ־צער וועלט, פון וועלכע די הויפּט־שטאָט איז געווען אָפּגעשניטן צוליב דעם סאַבאָטאַזש פון די פּאָסט־און טעלעגראַף־באַאַמטע.

פון פּעטערבורג האָט מען געשיקט קעגן די קאָזאַקן איין פּאָלק נאָך דעם צווייטן, אָבער דער פּעטערבורגער גאַרניזאָן איז ניט געווען פעאיק צו קעמפן, ווייל די סאָלדאַטן האָבן זיך צופיל באַשעפטיקט די לעצטע צייט מיט פּאָליטיק, כדי צו זיין מסוגל צו פירן שלאַכטן און צום לאַגער־לעבן אין די קאַלטע הארבסט־טעג.

די שטימונג אין סמאָלני איז געוואָרן אָנגעשטרענגט. אין דער גרויסער געביידע, וועלכע איז די לעצטע טעג געווען שטענדיק אָנגעפּאַקט מיט הונדער־טער און טויזנטער מענטשן, איז געוואָרן פּוסט.

אַ טייל אַרבעטער איז אַוועק אויף דעם פראָנט, און אַ טייל האָבן באַ־צייטנס זיך אָפּגעטראָגן פון דעם סכנהדיקן אָרט, כדי פונדערוווייטנס ליבערשט אויסוואַרטן אויף די רעזולטאַטן פון דעם קאַמף, וועלכער איז פאָרגעקומען אַזוי נאָענט צו פּעטערבורג.

די לאַגע איז געווען אַזוי אָנגעשטרענגט און געפערלעך, אַז דער סעק־רעטאַר פון סאָוונאַרקאָם באָנטש־ברויעוויטש, האָט געפונען פאַר נייטיק צו קומען אין זשורנאַליסטן־קלוב ביי סמאָלני און ערקלערן, אַז צוליב דער גע־פערלעכער לאַגע קאָן ער ניט ערלויבן, אַז אין סמאָלני זאָלן זיך צונויפקלייבן אַזוי פיל זשורנאַליסטן, פרעמדע און אָפּט אַפילו פיינדלעכע צו סמאָלני, און ער פאָדערט דעריבער, אַז אַלע זשורנאַליסטן, חוץ פאָרשטייער פון דער צייטונג „נאָוו. זשיזן", וועלכע איז נאָך אַלץ געווען די נאָענטסטע צו די באָל־שעוויקעס, זאָלן מער קיין סמאָלני ניט קומען.

די סטראַטעגישע לאַגע איז געווען אַזוי ערנסט און געפערלעך, אַז אין די קרייזן פון דעם ק. ר. ק. האָט מען זיך גערעכט, אַז די קאָזאַקן וועלן זיך אַריינרייסן אין פּעטערבורג גופא און אַז די פּעטערבורגער גאַסן וועלן זיך באַדעקן מיט ברידער־בלוט.

ביי אַזאַ געפערלעכער לאַגע האָט זיך דער פּעטערבורגער ראַט און דער ק. ר. ק. געווענדעט צו די פּעטערבורגער אַרבעטער נאָך הילף און די אַרבע־טער האָבן טאַקי געראַטעוועט די סיטואַציע.

די אַרבעטער האָבן תיכּף אָרגאַניזירט פיל אַרבעטס-באַטאַליאָנען, וועלכע האָבן געגראָבן אָקאָפּעס אַרום פּעטערבורג, אַנדערע האָבן זיך גענומען אײַנ-אָרדענען די מיליטערישע אָפּטיילונגען מיט אַרטילעריע און געווער, וועלכע זײַנען געווען צעוואָרפן אין פאַרשיידענע פּונקטן, און קיינער פון די מיליטערי-שע אָנפירער האָבן ניט געוואוסט אָדער זיך געמאַכט ניט וויסנדיק, וואו די אָדער יענע טיילן פון האַרמאַט געפינען זיך. די אַרבעטער האָבן מיט גרויס חשק זיך גענומען צו דער אַרבעט און האָבן געבראַכט אין אָרדענונג אַזעלכע האַרמאַטן, אויפגעזוכט פאַר זיי באַמבעס, געקראָגן פערד און די אָנ-געלאָדענע האַרמאַטן געבראַכט צום פראָנט. וואו די שטימונג פון די סאָלדאַטן האָט זיך תיכּף אויפגעהויבן, ווען זיי האָבן זיך איבערצייגט, אַז קעגן דעם שונאס האַרמאַטן וועלן זיי קאָנען אַרויסשטעלן אייגענע.

דאַגעגן אין קערענסקי-קראַסנאָווס אַרמיי איז פון מינוט צו מינוט גע-וואַקסן די דעמאָראַליזאַציע. מען האָט די סאָלדאַטן און קאָזאַקן דערציילט, אַז אין פּעטערבורג הערשט אַ פולקומע אַנאַרכיע, אַז די רעגירונג האָט זיך אינ-גאַנצן פאַרקויפט צו דייטשלאַנד און אַז דער גאַנצער פּעטערבורגער גאַרניזאָן, וועלכן די באָלשעוויקעס האָבן פאַרפירט און פאַרנאַרט, וויל שוין איצט פון זיי פּטור ווערן און וואַרט מיט אומגעדולד אויף די באַפרייער. אָבער די קאָזאַקן האָבן זיך גאַנץ לייכט געקאָנט איבערצייגן, אַז די אַלע פּוסטע מעשיות האָבן קיין שום גרונט ניט און אַז אין פּעטערבורג גייט דאָס לעבן נאָרמאַל, ווי אין גאַנץ רוסלאַנד. די קאָזאַקן האָבן דעריבער קיין באַזונדער חשק ניט געהאַט אַרויסטרעטן קעגן די פּעטערבורגער סאָלדאַטן, וועלכע האָבן זיך גאַנץ ווייניק געפרייט מיט די אָנגעקומענע אורחים פון פראָנט, און חוץ דעם האָבן זיי בכלל ניט אַרויסגעוויזן קיין באַזונדער חשק אַוועקצולייגן זייער לעבן צוליב קערענסקין.

די זעלביקע שטימונג האָט געהערשט אויך צווישן די אָפיצירן און קאָ-מאַנדירן, וועלכע זײַנען געווען פאַרבונדן מיט דעם קאָזאַקן-פאַרבאַנד.

די דאָזיקע פּאַטריאָטישע און קאָנטר-רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציע האָט די גאַנצע צייט געפירט דעם שאַרפסטן קאַמף קעגן קערענסקין און דער צייטווי-ליקער רעגירונג און איז איצט, אין קערענסקיס עת-צרה, אויך ניט געגאַנגען אײַנגאַנצן מיט אים.

אין פּעטערבורג האָט מען דעמאָלט איבערגעכאַפּט אַ שמועס דורך יוז-אַפּאַראַט צווישן די קאָזאַקישע אָנפירער פון פּעטערבורג און קיעוו, פון וועלכן ס'איז קלאָר געוואָרן, אַז די הויפּט-רעדעלפירער פון דער קאָזאַקישער אָרגאַ-זאַציע ווילן אין דעם איצטיקן מאָמענט נאָר אויסנוצן קערענסקין אין קאַמף קעגן די באָלשעוויקעס און נאָך דעם נצחון וועט דער קאָזאַקן-פאַרבאַנד פּרובן מאַכן אַ סוף צו דעם אַוואַנטיוריסט, ווי די קאָזאַקישע פירער האָבן גערופן קערענסקין.

ביי אַזעלכע מאַכינאַציעס האָט ניט געקאָנט זײַן קיין באַזונדערע געהוי-

בענע און קאמפּס־לוסטיקע שטימונג צווישן יענע מיליטערישע גרופּן, וועלכע זיינען געגאַנגען אויף פּעטערבורג, און עס איז געווען גענוג, אַז דאָס באָלשעװיסטישע מיליטער, אין וועלכן ס׳זיינען אַריינגעגאַנגען געוואָרן פרישע אַרבעטער און מאַטראָסן, זאָל עטוואָס קומען צו זיך און ווערן וויפיל ניט איז קאַמפּפּעיִק, כדי פון דער גאַנצער אָפּענסיווע אויף פּעטערבורג זאָל גאָרנישט ווערן און פון אַלע קערענסקיס פּלענער זאָל ווערן אַ רויך.

קראַסנאָוס אַרמיי האָט אָפּגעטראָטן פון צאַרסקאָע סעלאָ קיין גאַטשינע און דאָרט איז קראַסנאָווס שטאַב צוזאַמען מיט קראַסנאָוון אַליין געגומען געוואָרן אין געפאַנגענשאַפט אָן שום ווידערשטאַנד.

קערענסקי, וועלכער איז די גאַנצע צייט געווען צוזאַמען מיט קראַסנאָוון, איז ווידער נעלם געוואָרן. דער גענעראַל קראַסנאָוו, ווענען די באָלשעוויקעס האָבן געגומען אויף פאַרהער, האָט דערציילט, ווי אַזוי איז נעלם געוואָרן קערענסקי, און קראַסנאָווס דערציילונג וועגן קערענסקיס פּליטה (אויב דער דאָזיקער גענעראַל האָט מיט זיינע ערקלערונגען ניט געהויבן אונטערהאַנדלען די באָלשעוויקעס) באַווייזט קלאָר און דייטלעך, אַז קערענסקי האָט פאַרשטאַנען גאַנץ גוט די געשאַפענע לאַגע, ביי וועלכער ניט ער פירט די קאָזאַקן קעגן די באָלשעוויקעס, נאָר די קאָזאַקן פירן און האַלטן אים ווי אַן ערובניק אין געפענגעניש. קראַסנאָוו האָט געוואָלט אַוועקשיקן קערענסקין אונטער אַ שטאַרקער שמירה קיין פּעטערבורג, אָבער קערענסקי, ביי וועלכן ס׳זיינען נאָך געבליבן עטלעכע טרייע יונקערס, האָט באַוויזן צו אַנטלויפן באַציטנס און ניט אַריינפאַלן צו די באָלשעוויקעס אין די הענט.

קראַסנאָוו איז רווקאַ אַריינגעפאַלן צו די באָלשעוויקעס, וועלכע האָבן אים באַפרייט און ערלויבט אַוועקפאָרן פון פּעטערבורג קיין דאָן און דאָרט אָנהייבן צו אָרגאַניזירן די אמתע קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע אַרויסטרעטן קעגן דער ראַטן־מאַכט.

די באָלשעוויקעס האָבן אפילו פאַרשטאַנען, אַז זיי באַפרייען זייער אַן ערנסטן קעגנער, אָבער אין יענע האָניק־טעג פון דער ראַטן־מאַכט איז נאָך קיינעם ניט אַריינגעפאַלן אַ געדאַנק, אַז מען קאָן זיך באַנוצן מיט גוואַלד און טעראָר־מיטלען קעגן אַ געפאַנגענעם שונא.

מיט קערענסקיס מפּלה האָבן זיך ניט געענדיקט די מיליטערישע אַרויסטרעטונגען קעגן דער ראַטן־מאַכט. אַזעלכע פּרובן זיינען געמאַכט געוואָרן אין פּעטערבורג גופא אונטער דער אָנפירונג פון „דעם קאָמיטעט צו ראַטעווען דאָס פאָטערלאַנד און די רעוואָלוציע״.

דעם 29 אָקטאָבער האָט אַ גרופּע יונקערס פאַרכאַפּט אין פּעטערבורג די צענטראַלע טעלעפאָן־סטאַנציע. די גאַנצע יונקער־גרופּע איז באַשטאַנען פון עטלעכע צענדליק מענטשן און עס איז געווען קלאָר פאַר יעדערן, אַז מיט אַזעלכע נישטיקע כוחות וועט „דער קאָמיטעט צו ראַטעווען דאָס פאָטערלאַנד און די רעוואָלוציע״ לאַנג ניט אַיינהאַלטן ביי זיך די טעלעפאָן־סטאַנציע. אָבער

די שטרעבונג צו דעזאָרגאַניזירן די באָלשעוויסטישע כוחות און באַווייזן, אַז דער קעגנער לעבט נאָך, האָט גובר געווען דעם קלאָרן פאַרשטאַנד און האָט געבראַכט צו דער אַוואַנטיורע מיט דער טעלעפאָן-סטאַנציע, וועלכע האָט זיך אין דעם זעלביקן טאָג געענדיקט דערמיט, וואָס די טעלעפאָן-סטאַנציע איז אָפּגערייניקט געוואָרן פון די יונקערס. עס פאַרשטייט זיך, אַז דערביי זיינען געפאַלן קרבנות, אָבער נאָך וויכטיקער איז געווען די פיינטלעכע שטימונג קעגן די יונקערס און בכלל קעגן די אָפיצירן, וואָס האָט זיך מוראָדיק פאַרשטאַרקט אין יענער צייט און וועלכע האָט געבראַכט דערצו, אַז ביי יעדן געוויינטלעכן סאָלדאַט און מאַטראָס איז באַפעסטיקט געוואָרן די איבערצייגונג, אַז יעדער יונקער, אָפיציר אָדער אינטעליגענט איז אַ שונא פון די אַרבעטער און סאָלדאַטן און מען מוז עוקר מן השורש זיין די אַלע געזעלשאַפטלעכע גרופּעס, אויב דער רוסישער אַרבעטער, פּויער און סאָלדאַט וויל זיך באַפרייען פון דעם יאָך, אונטער וועלכן זיי האָבן ביז איצט געשמאַכט.

באַלד ווי די טעלעפאָן-סטאַנציע איז אָפּגערייניקט געוואָרן פון די יונקערס, האָט זיך אָנגעהויבן די טרויעריקע געשיכטע פון די שלאַכטן אַרום די יונקער-שולן. די דאָזיקע שולן זיינען געווען די איינציקע באַוואָפנטע כוחות, אויף וועלכע דער „קאָמיטעט צו ראַטעווען דאָס פאָטערלאַנד און די רעוואָלוציע" האָט געקאָנט האָפן.

עס איז זעריבער קלאָר געוועזן, אַז די נייע מאַכט וועט זיך באַמיען מיט אַלע כוחות פטור צו ווערן פון אַזאַ אינטעליגענטע, אָרגאַניזירטע באַוואָפנטע קראַפט, ווי די יונקער-שולן, און וועט זיי אַנטוואָפענען. די דאָזיקע אַנטוואָפענונג האָט זיך טאַקע אָנגעהויבן תיכף, נאָך דער בלוטיקער אַוואַנטיורע מיט דער טעלעפאָן-סטאַנציע.

די יונקער-שולן האָבן זיך, קאָנטיק, געריכט אויף אַזאַ אָפענסיווע פון דער מאַכט, ווייל כמעט אין אַלע שולן האָבן די רויטע חיילות באַגעגנט אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד, וואָס האָט אַרויסגערופן בלוט-פאַרגיסונג. אַ באַזונדער עקשנותדיקער קאַמף איז געווען ביי דער וולאַדימיר-שול, וועלכע איז געווען אין צענטער פון שטאָט, אויפגרעבעצקאַגאַס (אויף דער פּעטערבורגער זייט).

דער קאַמף איז געווען אַזאַ פאַרעקשנטער, אַז די ראַטן-מאַכט האָט געמוזט ברענגען צו דער שול-געביידע אַרטילעריע און באַשיסן די שול פון האַרמאַטן, וועלכע האָבן, פאַרשטייט זיך, געקאָנט ברענגען שאָדן ניט נאָר די באַלאַגערטע, נאָר אויך דער פרידלעכער באַפעלקערונג, וועלכע האָט געוואוינט אַרום דער וולאַדימיר-שול.

די באַלאַגערטע האָבן אַרויסגעוויזן גרויס פאַרביטערונג און עקשנות: זיי האָבן זיך ניט אונטערגעגעבן ביז דער לעצטער מעגלעכקייט און אין דעם דאָזיקן ברודער-קאַמף זיינען ווייטער געפאַלן פיל קרבנות.

נאָך מער קרבנות, שוין פון די באַזיגטע יונקערס, זיינען געפאַלן נאָכ-

דעם, ווי די וולאַדימיר־שול איז געפאַלן און די יונקערס האָבן זיך געמוזט אונטערגעבן.

די צערייצטע און פאַרביטערטע סאָלדאַטן און מאַטראָסן האָבן אַרויסגעוויזן ניט ווייניק אכזריות בנוגע צו די באַזיגטע. פיל יונקערס זיינען דערהרגעט געוואָרן און די איבעריקע זיינען אַוועקגעפירט געוואָרן אין דער פעטער־פּאַוולפעסטונג און אונטערוועגס האָבן די געפאַנגענע יונקערס אויך געמוזט אויסשטיין פיל ענויים פון דעם המון און פון די מאַטראָסן.

דערמיט האָט זיך געענדיקט דער ערשטער טאָג פון דעם ברודער־קריג אין פעטערבורג. די פאַרביטערונג פון ביידע צדדים איז געווען מוראדיק גרויס און די דאָזיקע פאַרביטערונג איז געווען די בעסטע ראיה, אַז עס האָבן זיך געענדיקט די האָניק־טעג פון דער רוסישער רעוואָלוציע און אַז עס הייבט זיך אָן די טרויעריקע און ביטערע געשיכטע פון אַ פאַרעקשנטער און בלוטיקער בירגער־און ברידער־קריג.

די אַרעסטירטע יונקערס זיינען ניט לאַנג פאַרבליבן אין פעטער־פּאַוולפעסטונג, די יונקער־שולן זיינען איינגיכן קאַסירט געוואָרן, אָבער די ערשטע קעמפער מיט דער באָלשעוויסטישער מאַכט האָבן זייער געוואָר ניט אַוועקגעלייגט. עס איז זיי געווען שווער צו פאַרבלייבן אין פעטערבורג, וואו די ראַטן־מאַכט האָט שוין אויפגעהערט צו פראַווען צערעמאָניעס מיט אירע קעגנער. אָבער פאַר זיי האָבן זיך געעפנט די פרייע סטעפעס פון דאָן, וועלכע ווערן פון דעמאָלט אָן דער צענטער פון אַלע קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע און אַנטי־באָלשעוויסטישע כוחות.

---

## .XIV

די צוזאַמענשטויסונגען מיט די יונקערס אין פעטערבורג און די אמתע שלאַכטן אין מאָסקווע צווישן די זעלביקע יונקערס מיט די מיליטערישע טיילן האָבן געקאָנט, דוכט זיך, באַווייזן, אַז רוסלאַנד איז שוין אַריינגעטראָטן אין דער שרעקלעכער צייט פון בירגער־קריג און עס הייבן זיך אָן די שרעקלעכע צרות, פאַרביסנקייט און שנאה, מיט וועלכע יעדער בירגער־קריג איז אומפאַרמיידלעך פאַרבונדן. מען האָט שוין געקאָנט רעכענען, אַז עס איז געקומען אַ סוף צו אַלע זיסע האָפענונגען און חלומות, אַז רוסלאַנד וועט אַדאַנק דער פשרה־פּאָליטיק פון די בלאָק־רעגירונגען אויסמיידן די בלוטיקע בלעטער פון ברידער־מלחמה, אָבער די שטרעבונג צו אַ פרידלעכן אויסגלייך צווישן אַלע שטרייטנדיקע צדדים איז געווען אַזוי גרויס, אַז אפילו נאָך די בלוטיקע פּעטערבורגער און מאָסקווער טעג האָבן די פאַרשיידענע רודף־שלומניקעס ניט אָפּגעשטעלט זייער אַרבעט, נאָר אדרבה, מיט מער ענערגיע און אינטענסיוויטעט געפּרובט ווירקן אויף אַלע צדדים, אַז זיי זאָלן פּרובן מאַכן נאָך אַ פּרוב

און געפינען אַזאַ קאָמפּראָמיס־מיטל, וועלכער זאָל ווי עס איז באַפרידיקן די קעמפנדיקע צדדים.

דער לאָזונג פון אַ קאָאַליציע צווישן די בירגערלעכע און סאָציאַליסטישע פּאַרטייען האָט באַנקראָטירט נאָך אַ סך פריער, איידער די צייטווייליקע רע־גירונג האָט געמוזט פון ווינטער־פּאַלאַץ אַריבערגיין אין פעטער־פּאַול־פעסטונג. אָנשטאָט דעם דאָזיקן באַנקראָטירטן לאָזונג איז אַרויסגעשטעלט געוואָרן אַ נייער לאָזונג פון קאָאַליציע, אָבער ניט צווישן די סאָציאַליסטישע און בירגערלעכע פּאַרטייען, נאָר צווישן די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען גופא, פון די באָלשעווי־קעס ביז די פּאָלקס־סאָציאַליסטן.

אַזאַ בלאָק־פּראָיעקט איז שוין אַרויסגעשטעלט געוואָרן נאָך אין די טעג פון קאָרנילאָווס אָפּענסיווע אויף פּעטערבורג, אָבער קערענסקי און צערעטעלי האָבן קעגן די אַלגעמיינע שטרעבונגען פון די ראַטן־פּאַרטייען און די ברייט־סטע שיכטן פון דער דעמאָקראַטיע דעמאָלט ווידער געשלאָסן אַ בלאָק מיט די קאַדעטן און האָבן אָרגאַניזירט ניט קיין ריין־סאָציאַליסטישע רעגירונג, נאָר אַ בלאָק־רעגירונג פון די רעכטע סאָציאַליסטישע גרופּן צוזאַמען מיט די קאַדעטן.

איצט, ווען דער צווייטער ראַטן־צוזאַמענפאָר האָט זיך אינגאַנצן אָפּגע־געבן אין רשות פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי, האָבן זיך ווידער געפונען אָנהענגער פון דעם קאָאַליציע־פּראָיעקט „פון די באָלשעוויקעס ביז די לינקע ס. ר."

מיר האָבן שוין דערמאָנט וועגן מאַרטאָווס רעזאָלוציע אויף דעם צווייטן ראַטן־צוזאַמענפאָר, מיט אַ פאָדערונג פון אַ רעוואָלוציאָנערע דעמאָקראַטישע רעגירונג, וועלכע זאָל אָנערקענט ווערן פון אַלע דעמאָקראַטישע שיכטן; ווי עס איז שוין געזאָגט געוואָרן, איז די דאָזיקע רעזאָלוציע ניט אָנגענומען געוואָרן, דערגלייכן ווי עס איז ניט אָנגענומען געוואָרן אַ ענלעכע רעזאָלוציע פון די פּאַראייניקטע אינטערנאַציאָנאַליסטן.

אויף דעם צוזאַמענפאָר, האָט דער דאָזיקער קאָאַליציע־פּראָיעקט ניט גע־פונען קיינע באַזונדערע סימפּאַטיעס און דער צוזאַמענפאָר האָט זיך ניט גע־לאָזט איבערצייגן דורך די רודף־שלומניקעס, אָבער די שטרעבונג אויסצומיידן אַ ברודער־קאַמף צווישן די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען איז געווען גענוג שטאַרק צווישן די אַרבעטער־און סאָלדאַטן־מאַסן, וועלכע האָבן אָנגעהויבן אַרויסווייזן געוויסע סימפּאַטיעס צו דעם דאָזיקן פּשרה־לאָזונג.

באַזונדער הייסע אָנהענגער האָט דער דאָזיקער פּראָיעקט געפונען אין די אַרמיי־קאָמיטעטן, וועלכע זיינען אויף דעם צווייטן ראַטן־צוזאַמענפאָר אַרויסגעטראָטן זייער קאַטעגאָריש און שאַרף קעגן די באָלשעוויקעס און גע־דראָט זיי מיט כלערליי רעפּרעסיעס. די דאָזיקע קאָמיטעטן האָבן אָבער אויס־געצייכנט געוואוסט, אַז די סאָלדאַטן זיינען לחלוטין ניט גרייט אַרויסצוטרעטן קעגן די באָלשעוויקעס, און זיי האָבן דעריבער געמוזט אַרויסרופן לכל הפחות

אַזאַ פשרה־לאָזונג, אײדער אינגאַנצן אַװעקגײן פון דער פּאָליטישער סצענע און זעען, װי די גאַנצע װירקונג באַקומען די באָלשעװיסטישע גרופּן.

די פּעטערבורגער אַרבעטער זײנען אין אַלגעמײן געװען באָלשעװיסטיש געשטימט און די מענשעװיקעס מיט די ס. ר. האָבן כמעט פאַרלאָרן זײער פריערדיקע װירקונג אויף די דאָזיקע מאַסן. אָבער די באַװאוסטזיניקע פּעטער־בורגער אַרבעטער האָבן נאָך ניט געקאָנט איבערדײען די פּאָליטיק פון רעפּ־רעסיעס, װאָס די נײע מאַכט האָט אָנגענומען קעגן די סאָציאַליסטישע פּאַרטײען־ ד. ה. קעגן די זעלביקע אַרבעטער.

— די רוס־שע רעװאָלוציע װעט אונטערגײן צוליב דעם פּאַרטײ־קאַמף, האָבן געטענהט די אַרבעטער, און פיל פאַבריקן און זאַװאָדן, זאָגאַר אַזעלכע גרויסע און װיכטיקע טאָן־געבער אין פּעטערבורג, װי דער פּוטילאָװער, האָבן אָנגעהויבן צו פאָדערן, אַז עס זאָל קומען אַ סוף צו דעם אינערלעכן קאַמף צװישן די סאָציאַליסטישע פּאַרטײען, װאָס שװאַכט אָפּ די אַרבעטער און פאַרשטאַרקט די קאָנטר־רעװאָלוציע, און עס זאָל געשאַפן װערן אַ רעגירונג פון די באָלשעװיקעס ביז די פּאָלקס־סאָציאַליסטן.

צװישן די סאָציאַליסטישע פּאַרטײען גופא איז אָבער ניט געװען קײן אײנהײטלעכע מײנונג װעגן אַזאַ סאָציאַליסטישער קאָאַליציע. אדרבה, די דאָזיקע פראַגע האָט אַרויסגערופן אַ שפּאַלטונג אין אַלע פּאַרטײען.

דער צ. ק. פון דער ס. ד. פּאַרטײ (מענשעװיקעס) האָט אפילו אָנגענומען אַ באַשלוס, אַז מען דאַרף פירן אונטערהאַנדלונגען מיט די באָלשעװיקעס װעגן אַ סאָציאַליסטישער רעגירונג, אָבער דער דאָזיקער באַשלוס פון צ. ק. האָט תיכף אַרויסגערופן אַ פאָדערונג, אַז דער מענשעװיסטישער צ. ק. זאָל נאָך אַ מאָל איבערקוקן זײן באַשלוס, װעלכער איז אַן אומגליק פאַר דער אַרבעטער־באַװעגונג, פאַר דער רעװאָלוציע און פאַר דער פּאַרטײ, און װען דער צ. ק. האָט זיך פאַרעקשנט און האָט ניט געװאָלט נאָכגעבן די פּראָטעסטאַנטן, זײנען 10 מיטגלידער פון צ. ק. און דרײ קאַנדידאַטן, צװישן װעלכע זײנען געװען אַזעלכע פּאָפּולערע נעמען, װי ליבער, סקאָבעלעװ א. אנד., אַרויסגעטראָטן מיט אַן אָפענעם פּראָטעסט פון צ. ק.

נאָך מער פאַרפּלאָנטערט איז געװען די לאַגע בײ די ס. ר.

פון אײן זײט איז געשטאַנען אַ גרופּע ס. ר., װעלכע האָט געשפּילט די װיכטיקסטע און אַקטיװסטע ראָלע אין „קאָמיטעט צו ראַטעװען דאָס פאָטער־לאַנד און די רעװאָלוציע" און װעלכע האָט ניט געװאָלט הערן װעגן קײנע פשרות מיט די „מאַכט־פאַרכאַפּער" און האָט גערופן צו סאַבאָטאַזש פון אײן זײט און צו באַװאָפנטע אַרויסטרעטונגען קעגן דער באָלשעװיסטישער מאַכט פון צװײטן.

אַ היפּכדיקע פּאָזיציע האָבן פאַרנומען די לינקע ס. ר., װעלכע זײנען אפילו פון 2־טן ראַטן־צוזאַמענפאָר ניט אַװעקגעגאַנגען, און האָבן פאַרעפנט־

לעכט אַ ספּעציעלן אויפרוף קעגן דעם פאַרבּרעכערישן סאַבּאָטאַזש, וואָס רו־אינירט דאָס לאַנד.

די אינערלעכע רייבונגען צווישן דער פּעטערבורגער ס. ר. אָרגאַניזאַציע, וועלכע איז צוגעשטאַנען אינגאַנצן צו די לינקע און דעם צ. ק., האָבּן גע־בּראַכט דערצו, אַז דער צ.־ק. האָט פונאַנדערגעלאָזן די פּעטערבורגער אָרגאַ־ניזאַציע, אויף וואָס די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע האָט געענטפערט, אַז זי עקסיס־טירט זעלבשטענדיק, וועט פאָרזעצן איר אַרבעט אין ק.ר.ק. און וועט ווייטער אַרויסגעבן איר אייגענעם פאַרטיי־אָרגאַן.

אין מיטן פון די דאָזיקע צוויי שטרייטנדיקע גרופּן פון איין און דער זעלביקער פּאַרטיי איז געשטאַנען דער אָנערקענטער ס.־ר.־פירער, דער פאָר־זיצער פון צ.־ק., וויקטאָר טשערנאָוו, וועלכער האָט זיך געדרייט אויף רעכטס און אויף לינקס, געוואָלט צופרידנשטעלן ביידע צדדים און האָט אין דער הויפּט־קוואַרטיר פון דער אַרמיי געפירט אַן אַגיטאַציע, אַז דער פּראָנט זאָל אויף זיך נעמען די איניציאַטיוו פון שאַפן אַ סאָציאַליסטישע רעגירונג פון אַלע פּאַרטייען מיט... וויקטאָר טשערנאָוו אַלס פאָרזיצער.

די דאָזיקע רייבונגען האָט ניט אויסגעמיטן אפילו די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי, וועלכע איז געווען באַרימט מיט איר פּאַרטיי־דיסציפּלין און מיט איר איינהייטלעכקייט.

מיר האָבּן שוין אָנגעוויזן, אַז אין דער צייט, ווען דער אָקטאָבּער־אויפשטאַנד האָט זיך נאָך געגרייט און פּלאַנירט, איז אין דעם באָלשעוויסטישן צ.־ק. געווען אַ גרופּע, וואָס איז געווען קעגן דעם גאַנצן אויפשטאַנד, ווייל זיי האָבּן ניט געגלויבט, אַז די באָלשעוויקעס וועלן זיין אימשטאַנד איינצוהאַלטן די מאַכט אפילו אין משך פון דריי טעג.

דער נצחון פון דער אָקטאָבּער־רעוואָלוציע האָט שטיל געמאַכט די דאָ־זיקע אָפּאָזיציע, און איניקע אָפּאָזיציאָנערן האָבּן אפילו פאַרנומען וויכטיקע פּאָסטנס אין דער נייער רעגירונג. אָבּער ניט לאַנג האָט געדויערט אַזאַ שטיל־שטאַנד.

די מאָסקווער בלוטיקע געשעענישן, די שיסעריי אין קרעמל און די חורבנות, וואָס די דאָזיקע שיסעריי האָט געמאַכט, האָבּן אַזוי געווירקט, צ. ב. ש.׳ אויף דעם בילדונגס־קאָמיסאַר לונאַטשאַרסקי, אַז ער איז געקומען צולויפן אין דער רעדאַקציע פון „נאָוו. זשיזן", וואו ער איז ביז דער לעצטער צייט געווען איינער פון די נאָענטסטע מיטאַרבעטער, אַ בלאַסער און אַ נערוועזער, און אין אַ האַלבּ־משוגענער שטימונג האָט ער אַרויפגעוואָרפן אויף דעם רעדאַקציאָנעלן טיש אַ בריוו און באַלד אַנטלאָפן אָן ווערטער.

אין דעם דאָזיקן בריוו איז געשטאַנען, אַז ער קאָן מער ניט איבּער־טראָגן די סיסטעם פון רעפּרעסיעס און טעראָר, וועלכע ברענגט דערצו, אַז עס זאָל קאָנען צושטאָסן ווערן אַזאַ היסטאָרישע הייליקייט ווי די „איווערסקע טשאַסאָווניע" (וואָס האָט זיך, אגב, נאָכדעם אַרויסגעוויזן פאַר פאַלש).

לונאַטשאַרסקיס נערוועזע שטימונג האָט אפילו לאַנג ניט געדויערט און ער האָט זיך איינגיכן צוריק אומגעקערט אויף זיין פּאָסטן, אָבער אין דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי זיינען געווען אַן אים אויך גענוג קעגנער פון דער טעראָר- און רעפּרעסיע-פּאָליטיק, וועלכע האָבן מיט אַלע כוחות געשטרעבט צו אַ פּשרה מיט אַלע איבעריקע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען.

אין אַזאַ אַלגעמיינער שלום-שטימונג האָט זיך נאָר געדאַרפט געפינען דער פּאַסנדיקער „ערלעכער מעקלער", וועלכער זאָל פּרובן געפינען אַזאַ פּשרה, וואָס זאָל צופרידנשטעלן אַלע קעמפנדיקע צדדים.

די ראָלע פון אַזאַ מעקלער האָט אויף זיך גענומען דער אַלרוסישער באַן-אַרבעטער-פּאַרבאַנד אָדער, בקיצור, „וויקזשעל", וועלכער האָט פון דעם ערשטן טאָג, ווען די אָקטאָבער-רעוואָלוציע האָט זיך אָנגעהויבן, געפּרובט געפינען אַזאַ כישוף-מיטל, וואָס זאָל באַפרידיקן אַלע צדדים און זאָל ניט אַרויסרופן קיין שפּאַלטונג אין פּאַרבאַנד גופא.

אין דער ערשטער טעלעגראַמע, וואָס וויקזשעל האָט צוגעשיקט אויף אַלע באַן-ליניעס ווענן די געשעענישן אין פּעטערבורג, האָט די דאָזיקע אָר-גאַניזאַציע ערקלערט, אַז דער גאַנצער באַן-אַפּאַראַט וועט ניט איבערגעגעבן ווערן קיין באַזונדערער פּאַרטיי אָדער דער מינדערהייט פון דער רעוואָלוציאָ-נערער דעמאָקראַטיע און אַז וויקזשעל, אַלס פאָרשטייער פון דעם גאַנצן באַן-פּערסאָנאַל, אָנערקענט גלייכצייטיק דעם ערשטן און דעם צווייטן צענטראַלן אויספיר-קאָמיטעטן פון די ראַטן-צוזאַמענפאָרן.

וויקזשעל האָט ניט געפונען פּאַר נייטיק צו ערקלערן, ווי אַזוי וועט ער קאָנען דינען די ביידע צ. א. ק., דעם מענשעוויסטיש-ס.-ר.-ישן און דעם באָל-שעוויסטישן, אין דער צייט, ווען זיי אַליין האָבן צווישן זיך געפירט אַ קאַמף אויף לעבן און טויט.

אין גיכן האָט זיך טאַקע אַרויסגעוויזן, אַז אַזאַ דינסט איז פולקום אומ-מעגלעך, ווייל פון דעם ערשטן פּראַנטישן באַפעל פון וויקזשעל, לויט וועלכ[ן] דער באַן-פּערסאָנאַל האָט ניט געטאָרט דורכלאָזן קיינע קאָזאַקישע עשעלאָ-נען צו פּעטערבורג, איז שוין געווען קלאָר, אַז וויקזשעל אַנטזאָגט זיך פון דעם נייטראַליטעט, וועלכן ער האָט צוגעזאָגט אָפּהיטן אין דעם קאַמף, וואָס האָט זיך אַזוי פונאַנדערגעפּלאַקערט.

די באַדייטונג פון וויקזשעל, אין וועמענס הענט איז דעמאָלט געווען דער גאַנצער באַן-אַפּאַראַט, איז געווען אומגעהייער גרויס, און די וויקשעל-פּאָליטיקער האָבן טאַקי געוואָלט אויסנוצן זייער קראַפט, כדי צו נויטן אַלע קעמפנדיקע צדדים מסכים זיין אויף דעם פּשרה-לאָזונג: „אַ רעגירונג פון באָלשע-וויקעס ביז די פּאָלקס-סאָציאַליסטן".

וויקזשעל האָט אַפילו געפּרובט ערקלערן, אַז ער וועט אָפּגעבן דעם באַן-אַפּאַראַט נאָר יענע פּאַרטייען, וועלכע וועלן זיך אַרויסזאָגן פאַר אַזאַ

פשרה-לאָזונג און האָט אַפילו געסטראַשעט, אַז די גאַנצע באַן באַוועגונג וועט אָפגעשטעלט ווערן, אויב די קעמפנדיקע פאַרטייען וועלן ניט אָפשטעלן די מלחמה-אָפעראַציעס.

וויקושעל האָט זיך ניט באַנוגנט מיט סטראַשונקעס און האָט אויף זיך גענומען די איניציאַטיוו צונויפצורופן אַלע פאַרטייען אויף אַ געמיינזאַמע זיצונג אויסצואַרבעטן אַ פשרה-פראָיעקט וועגן דער אָרגאַניזאַציע פון דער נייער מאַכט.

די דאָזיקע אונטערהאַנדלונגען האָבן זיך אָנגעהויבן; טעג און נעכט זיינען געזעסן פאָרשטייער פון אַלע סאָציאַליסטישע פאַרטייען און געפרובט געפינען אַזאַ כישוף-מיטל, וואָס זאָל פאַראייניקן אַלעמען, אָפשטעלן דעם ברודער-קריג און שאַפן אַזאַ מאַכט, וואָס זאָל ביי אַלעמען נושא חן זיין, אָבער די אַלע באַמיאונגען האָבן צו קיין גינסטיקע רעזולטאַטן ניט געבראַכט, ווייל ביידע צדדים, די רעכטע און די באָלשעוויקעס, האָבן אַרויסגעשטעלט אַזעלכע פאָדערונגען, אויף וועלכע קיין קעגנער-צד האָט ניט געקאָנט מסכים זיין.

די באָלשעוויקעס, וועמענס הויפט-אָנפירער זיינען בכלל געווען קעגן וועלכע עס איז פשרות, האָבן אַרויסגעשטעלט אַ פאָדערונג, אַז די קומענדיקע מאַכט, ווען אַפילו זי וועט אָרגאַניזירט ווערן לויט דעם וויקושעל-פרינציפ — פון באָלשעוויקעס ביז פאָלקס-סאָציאַליסטן — זאָל אומבאַדינגט באַשטעטיקן די דעקרעטן וועגן ערד, שלום, אַרבעטער-קאָנטראָל און אַרבעטער-באַוואָפענונג, קעגן וועלכע אַלע איבעריקע פאַרטייען האָבן די גאַנצע צייט מיט דער גרעסטער ענערגיע פראָטעסטירט.

דאַגעגן דער מענשעוויסטישער צ. ק. האָט אַרויסגעשטעלט אַ פאָדערונג, אַז דער ק. ר. ק. זאָל איבערגעבן אַלע זיינע באַוואָפנטע כוחות דער פעטערבורגער שטאָט-דומע.

אַזאַ פאָדערונג איז געווען פולקום לעכערלעך, ווייל די פעטערבורגער שטאָט-דומע האָט די לעצטע צייט געפירט אַ ריין פאַרטייאישע, ס. ר.-שע פאָליטיק, און פאַרטיידיקנדיק מיט איר גאַנצן אַוטאָריטעט די צייטווייליקע רעגירונג, האָט זי פאַקטיש געקעמפט קעגן דער נייער מאַכט און באַמיט זיך מיט אַלע מעגלעכקייטן איר צו קאָמפראָמעטירן.

די באָלשעוויקעס האָבן געפאָדערט, אַז די סאָציאַליסטישע רעגירונג זאָל זיין פאַראַנטוואָרטלעך נאָר פאַר דעם צ. א. ק., וועלכן זיי זיינען אַפילו גרייט געווען צו רעאָרגאַניזירן, אָבער אויף אַזעלכע יסודות, ביי וועלכע די באָלשעוויסטישע פאַרטיי וואָלט דאָך געבליבן די הויפט-דעה-זאָגערקע.

אויף אַזאַ פאָדערונג האָבן די איבעריקע פאַרטייען ניט געקאָנט מסכים זיין ניט נאָר צוליב פאַרטיי-מאָטיוון, נאָר אויך צוליב ריין-פרינציפיעלע, ווייל דערמיט, וואָס זיי וואָלטן אָנערקענט די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דעם צ. א. ק., האָבן זיי אין דער זעלביקער צייט געדאַרפט אָנערקענען דעם באָלשעוויסטישן פרינציפ: „די גאַנצע מאַכט געהערט די ראַטן", קעגן וועלכן די רעכטע סאָציאַליסטישע פאַרטייען האָבן ביז איצט געקעמפט.

די באָלשעוויקעס האָבן ווייטער געפאָדערט, אַז אין דער נײַ־אָרגאַניזיר־טער רעגירונג דאַרפן די באָלשעוויקעס האָבן ניט ווייניקער ווי אַ העלפט ערטער. אין אַזעלכע מיניסטעריומס, ווי פאַר אינערלעכע, אויסערלעכע ענינים און אַרבעט, זאָלן אומבאַדינגט פאַרנעמען באָלשעוויסטישע קאַנדידאַטן, כּדי זיי זאָלן קאָנען אָן שום מניעות דורכפירן זייער פראָגראַם.

די איבעריקע פאַרטייען האָבן אויף אַזאַ פאָדערונג ניט געקאָנט בשום אופן מסכּים זײַן, ווייל אַזאַ הסכּמה וואָלט אייגנטלעך באַשטעטיקט, אַז די באָלשעוויקעס האָבן אין זייער קאַמף פאַר דער מאַכט מנצח געווען, אַז די איבערקערעניש ווערט אָנערקענט און אַלע פאַרטייען וועלן אגב שפּילן אין דער קומענדיקער רעגירונג די לעצטע ראָל, און זעלבסט־פאַרשטענדלעך, אַז קיין פאַרטיי האָט ניט געוואָלט מאַכן אויף זיך אַליין אַזאַ כאַראַקירי.

עס איז נאָך געווען זייער אַ וויכטיקע פּערזענלעכע פראַגע, וואָס האָט אויך צעטיילט די פאַרטייען, די פראַגע וועגן לענין און טראָצקי.

עס איז פאַר קיינעם ניט געווען קיין סוד, אַז לענין און טראָצקי האָבן געשפּילט די וויכטיקסטע ראָלע אין אַלע לעצטע געשעענישן און אַז זיי זײַנען די שאַרפסטע קעגנער פון וועלכער עס איז פּשרה מיט אַלע איבעריקע סאָציאַליסטישע פאַרטייען.

עס איז דעריבער געווען גאַנץ פאַרשטענדלעך, וואָס אַלע רעכטע פאַר־טייען האָבן בשום אופן ניט געוואָלט צולאָזן אין דער קומענדיקער רעגירונג די דאָזיקע צוויי באָלשעוויסטישע אָנפירער, וועלכע וואָלטן געוויס באַנוצט זיך מיט יעדער מעגלעכקייט, כּדי אויפצורייסן פון אינעווייניק די נײַע רעגירונג, ווען זי זאָל אָרגאַנזשירט ווערן.

די באָלשעוויקעס האָבן אָבער בשום אופן ניט געוואָלט אַנטזאָגן זיך פון זייערע וויכטיקסטע פירער און האָבן קאַטעגאָריש געפאָדערט, אַז לענין און טראָצקי זאָלן אומבאַדינגט אַרײַנטרעטן אין רעגירונג.

ווען מען זאָל נאָך צוגעבן, אַז די מענשעוויקעס האָבן אַרויסגעשטעלט אַ קאַטעגאָרישע פאָדערונג, אַז עס זאָל אָפּגעשטעלט ווערן דער טעראָר און עס זאָלן באַפרייט ווערן אַלע פּאָליטישע אַרעסטירטע אין דער צייט, ווען קיי־נער פון די באָלשעוויסטישע קעגנער האָט נאָך ניט אַוועקגעלייגט דעם געווער, וועט קלאָר ווערן, פאַרוואָס די רעזולטאַטן פון אַלע אונטערהאַנדלונגען אין וויקזשעל האָבן צו גאָרנישט געבראַכט און אַלע פּשרות־פּראָיעקטן האָבן ניט געהאַט קיין שום קיום איבערהויפּט, ווען אין די אונטערהאַנדלונגען האָבן פון אָנהויב גענומען אָנטייל נאָר די סאָציאַל דעמאָקראַטישע גרופּן, אָבער די ס. ר. מיט די פאָלקס־סאָציאַליסטן האָבן אפילו ניט געוואָלט אונטערהאַנדלען מיט די „מאַכט־פאַרכאַפּער".

דער דאָזיקער מיסערפאָלג פון די אונטערהאַנדלונגען אין וויקזשעל האָט אָבער געהאַט איין וויכטיקן רעזולטאַט: ער האָט אַרויסגערופן אַ שפּאַלטונג אין די באָלשעוויסטישע רייען. די עקשנותדיקע פּאָליטיק פון דעם באָלשעוויסטישן

צ. ק. און פון דעם צ. א. ק. האָט אַרויסגערופן אַ פּראָטעסט פון אַ גאַנצער ריי וויכטיקע באָלשעוויסטישע טוער און זאָגאַר פון אַ טייל מיטגלידער פון ראַט פון די פאָלקס־קאָמיסאַרן.

די פאָלקס־קאָמיסאַרן נאָגין, ריקאָוו, שליאַפּניקאָוו, מיליוטין, ריאַזאַנאָוו און טעאָדאָראָוויטש און נאָך אייניקע וויכטיקע מיטגלידער פון דער באָלשעוויסטישער רעגירונג האָבן ערקלערט, אַז דער ראַט פון די פאָלקס־קאָמיסאַרן וויל איינהאַלטן זיין מאַכט מיט טעראָר־מיטלען און וויל שאַפן אַ אומפאַראַנטוואָרטלעכן רעזשים, וואָס קאָן ברענגען צו אַ מפּלה פון דער רעוואָלוציע אין גאַנצן לאַנד, און זיי ווילן דעריבער ניט זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַזאַ פּאָליטיק און טרעטן אַרויס פון סאָוונאַרקאָם.

אויב דאָס איז נאָך געווען ווייניק, האָבן די צייטונגען אָפּגעדרוקט אַן ערקלערונג פון אַזעלכע וויכטיקע באָלשעוויסטישע טוער און מיטגלידער פון דעם באָלשעוויסטישן צ. ק., ווי קאַמענעוו (דער פּאָרזיצער פון צ. א. ק.), זינאָוויעוו, ריקאָוו, מיליוטין און נאָגין, וועלכע האָבן זיך ניט געשעמט און האָבן געבראָכן די באַרימטע באָלשעוויסטישע פּאַרטיי־דיסציפּלין און זיינען אַרויסגעטרעטן מיט אַ פּראָטעסט קעגן דער אָנפירנדיקער גרופּע פון צ. ק., וועלכער וויל בשום אויפן ניט דערלאָזן, אַז עס זאָל געשאַפן ווערן אַ קאָאַליציאָנעלע סאָציאַליסטישע רעגירונג, און וועלכע וויל נאָר אַ ריין באָלשעוויסטישע רעגירונג, הגם אַזאַ פּאַרטייאישע רעגירונג וועט אַרויסרופן זייער פיל קרבנות צווישן די אַרבעטער און סאָלדאַטן.

די דאָזיקע אָפּאָזיציע האָט אויך געטענהט, אַז נאָר אַ סאָציאַליסטישע רעגירונג וועט זיין אימשטאַנד אויסצומיידן בלוט־פאַרגיסונג און פאַרזיכערן די עקסיסטענץ און די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע און פון אַלע אירע עראָבערונגען.

די עקשנותדיקע פּאָליטיק פון צ. ק., ווערט ערקלערט דורך די אָפּאָזיציאָנערן, ווערט דורכגעפירט קעגן דעם רצון פון דעם גרעסטן רוב אַרבעטער און סאָלדאַטן, און די אָפּאָזיציאָנערן געפינען דעריבער ניט פאַר מעגלעך צו פאַרבלייבן ווייטער אין צ. ק. און אַפּעלירן צו דער גאַנצער פּאַרטיי און צו דער גאַנצער אַרבעטער־ און סאָלדאַטן־מאַסן.

עס איז לייכט צו פאַרשטיין, וואָס פאַר אַ סענסאַציע די דאָזיקע פּראָטעסט־ערקלערונג האָט אַרויסגערופן.

אַלע באָלשעוויסטישע קעגנער, וועלכע האָבן ביז איצט געמוזט קעמפן מיט אַזאַ פעסטן און איינהייטלעכן פראָנט, ווי דער באָלשעוויסטישער, האָבן פּלוצלונג באַקומען אַ שטיצע פון שונאס צד גופא. אַלע האָבן געהאָפט, אַז אויב מען האָט ניט געקאָנט גובר זיין די באָלשעוויקעס פון אויסן, מיט דער באַוואָפנטער הילף פון יונקער און קאָזאַקן, וועט איצט קומען די ישועה פון אינעווייניק, פון די אינערלעכע רייבונגען צווישן די באָלשעוויסטישע רייען גופא.

מען האָט נעקאָנט גלויבן, אַז די עקשנותדיקע גרופּע פון דעם באָלשעוויסטישן צ. ק. וועט אויך ווייכער ווערן נאָכדעם ווי די אינערלעכע פּאַרטיי־רייבונגען זיינען אַרויסגעטראָגן געוואָרן אויף דער גרויסער וועלט, אָבער דער באָלשעוויסטישער צ. ק. איז פּאָרט געבליבן שטיין אויף זיין פּאָזיציע. לעינינס און טראָצקיס שטאַנדפּונקט, וועלכער איז באַשטאַנען אין דעם, אַז מיט די רעכטע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען איז ניט כדאי צו אונטערהאַנדלען און מאַכן פשרות, ווייל זיי באַשטייען פון געגנערעלער אָן אַרמייען, און אַ קאָאַליציע מיט אַזאַ אַרמיי פון קאָמפּראָמעטירטע גענעראַלן קאָן נאָר אָפּשוואַכן די נייע מאַכט, וועלכע קאָן שעפּן נייע כוחות נאָר פון איר ראַדיקאַליזם און ניט פון פשרות,— אָט דער שטאַנדפּינקט האָט גובר געווען פּולקום. דער באָלשעוויסטישער צ. ק. האָט אַלס ענטפער אויף דער פּראָטעסט־ערקלערונג פון דער אָפּאָזיציאָנעלער גרופּע אויך פאַרעפענטלעכט אַן ערקלערונג, אין וועלכער די אָפּאָזיציע איז אויף דעם שאַרפסטן אופן געטאַדלט געוואָרן און עס איז ערקלערט געוואָרן, אַז די נייע מאַכט וועט שטרעבן צו אַ קאָאַליציע ניט מיט די קאָמפּראָמעטירטע פּאַרטייען און גרופּן, נאָר צו אַן ענגען פאַרבאַנד און בלאָק מיט די אַרבעטער, פּויערים און סאָלדאַטן.

די זעלביקע שטימונג איז אויך געווען אין דעם צ. א. ק. דער פּאָרזיצער קאַמענעוו, דער אָנהענגער פון פשרות, וועלכער האָט זיך ניט געוואָלט אונטער־געבן אינגאַנצן דער אָנפירענדיקער גרופּע פון צ. ק., האָט געמוזט פאַרלאָזן זיין פּאָסטן און אויף זיין אָרט איז אויסגעקליבן געוואָרן אַלס פּאָרזיצער פון צ. א. ק. סווערדלאָוו, אַ טרייער און איבערגעבענער פּאַרטיי־מאַן, ביי וועמען פּאַרטיי־דיסציפּלין און פּאַרטיי־געהאָרכזאַמקייט זיינען געווען די ערשטע און בעסטע מעלות.

סווערדלאָוו האָט גענומען פעסט די לייצעס אין זיינע הענט און האָט אַוועקגעפירט דעם צ. א. ק. מיט זיכערע טריט אויף דעם וועג, וועלכן די באָל־שעוויסטישע פירער האָבן פאַר אים דורכגעטראָטן.

ביי אַזאַ פּאָזיציע צו דער פשרה־פראַגע מצד דער רעגירונג און דער רעגירנדיקער פּאַרטיי, איז קלאָר געווען, אַז אַלע אונטערהאַנדלונגען מיט וויקזשעל וועלן צו גאָרנישט ברענגען.

די נצחונות, וועלכע די נייע מאַכט האָט צו יענער צייט אָפּגעהאַלטן אויך אין מאָסקווע, האָבן נאָכמער פאַרפעסטיקט די עקשנות פון די באָלשע־וויקעס פון איין זייט און די פאַרביטערונג פון די באָלשעוויסטישע קעגנער פון דער צווייטער.

אַלע באַמיאונגען פון די פאַראייניקטע אינטערנאַציאָנאַליסטן און וויק־זשעל האָבן ניט געקאָנט ברענגען צו געוואונשטע רעזולטאַטן. מען האָט נאָך געפירט אונטערהאַנדלונגען, דעבאַטירט און דיסקוטירט וועגן דער קאָנסטרוק־ציע פון דער נייער מאַכט, מען האָט אפילו די דאָזיקע אונטערהאַנדלונגען גע־

פּרובט אַריבערטראָגן אין מאָהילעוו, אין דער הויפּט־קוואַרטיר פון דער אַרמיי, אָבער דער נייער אָרט האָט ניט געשאַפן קיין בעסערן מזל פאַר די אונטער־האַנדלונגען, וועלכע האָבן זיך סוף־כל־סוף געענדיקט מיט אַ נול־רעזולטאַט.

די סטראַשונקעס פון וויקזשעל, אַז ער וועט ניט דערלאָזן, אַז די אייזנבאַנען זאָלן אויסגענוצט ווערן פון אַ רעגירונג, וואָס באַשטייט נאָר פון איין פּאַרטיי, האָבן אויך ניט געווירקט, ווייל צו יענער צייט איז שוין קלאָר געוואָרן, אַז וויקזשעל, ד. ה. דער קאָמיטעט פון דער אייזנבאַן־אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע, וועט האָבן דעם זעלביקן מזל, ווי אַלע אַרמיי־קאָמיטעטן, וועלכע האָבן אויך אין נאָמען פון די גרויסע אַרמיי־מאַסן געשטעלט פאָדערונגען, געדראָט און געדעדט, אין דער צייט, ווען די מאַסן האָבן לאַנג פאַרלאָזט די קאָמיטעטן און זייערע אָנפירער זיינען אינגאַנצן אַריבערגעגאַנגען אויף דעם צד פון די באָלשעוויקעס.

וויקזשעל, וועלכער האָט פאַרשטאַנען נאָך אין די ערשטע טעג פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, אַז דער בעסטער וועג איז דער וועג פון נייטראַליטעט, האָט איצט, ווען די שטימונג פון די ברייטע אייזנבאַן־אַרבעטער־מאַסן איז געוואָרן מער קריסטאַליזירט און קלאָר, אויך פאַרשטאַנען, אַז עס לוינט ניט צו פאָכן מיט אַ שטרייק־סטראַשידלע, ווען די אייזנבאַנער וועלן בשום אופן ניט אויסניצן אַזאַ מיטל קעגן דער באָלשעוויסטישער מאַכט.

פון דער גאַנצער וויקזשעל־עפּאָפּעע איז געבליבן אַרויסגעקומען, נאָר אין דער רייכער רוסישער שפּראַך איז צוגעקומען נאָך אַ וואָרט „וויקזשעליאַט“, וואָס האָט באַטייט: דרייען זיך אויף אלע זייטן, ווילן צופרידנשטעלן אַלע צדדים און ווערן פון אַלע צדדים פאַרהאַסט און באַשימפּט, ווי עס איז געווען מיט וויקזשעל.

די ענערגישע שלום־פּאָליטיק, וועלכע די באָלשעוויסטישע מאַכט האָט אָנגעהויבן פירן, האָט אַרויסגערופן גרויסע סימפּאַטיעס צו דער נייער מאַכט ביי דער גרויסער סאָלדאַטן־מאַסע; דעסגלייכן האָט די אַגראַר־פּאָליטיק פון דער נייער מאַכט געפונען ניט ווייניק אָנהענגער ביי די פויערים; די סטראַטעגישע נצחונות האָבן אויך באַוויזן, אַז אַלע חלומות וועגן דעם, אַז די נייע מאַכט וועט האָבן אַ קורצן קיום, זיינען פולקום פאַלש. דאָס אַלץ האָט געווירקט אויף די נאָענטסטע שכנים פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי, אויף די לינקע ס. ר., וועלכע האָבן ביז איצט געפירט אין צ. א. ק. אַ פּראָגני־פּאָליטיק, זיינען כלומרשט געשטאַנען אין אָפּאָזיציע און קריטיקירט די נייע מאַכט און אירע דעקרעטן, אָבער די דאָזיקע אָפּאָזיציע און קריטיק האָט געשאַפן אַ סך מער נחת־רוח איידער די באָלשעוויקעס, וועלכע האָבן אין יענע צייט געדאַרפט האָבן כאָטש אַן אָנשטעל פון אָפּאָזיציע, כדי די גרויסע וועלט זאָל ניט זען זייער איינזאַמקייט און עלענד.

די אָפּאָזיציע פון די לינקע ס.ר. איז געווען בכלל שוואַך און אומבאַ־

דייטנדיק, ווייל די דאָזיקע פּאַרטיי, וואָס האָט זיך אויסגעקאָלופּעט פון דער ס. ר.־ער פּאַרטיי אין די אָקטאָבער־טעג, האָט בכלל געהאַט שוואַכע וואָרצלען אין די מאַסן און די פירער פון דער דאָזיקער פּאַרטיי האָבן גאַנץ גוט פאַרשטאַנען, אַז זיי נייטיקן זיך אַ סך מער אין דער שטיצע פון דער רעגירונג און פון דער רעגירונגס־פּאַרטיי, איידער יענע אין זייער הילף.

ביי אַזאַ שטימונג איז דער שדוך צווישן די באָלשעוויקעס און די לינקע ס. ר. גאַנץ גיך געשלאָסן געוואָרן. נאָך דעם צווייטן אַלרוסישן צוזאַמענפאָר פון די פּויערים־ראַטן, אויף וועלכן די לינקע ס. ר. האָבן אומדערוואַרט באַקומען אַ גרויסע מערהייט, האָבן זיי מיט דער הילף פון דער רעגירונג חרוב געמאַכט דעם שטאַב פון דער אַלטן פּויערישן צ. א. ק און זיך ערקלערט אַלס זיינע געזעצלעכע יורשים. דער נייער צ. א. ק פון פּויערים־צוזאַמענפאָר האָט געשלאָסן אַן אָפּמאַך מיטן צ. א. ק., לויט וועלכן דער צ. א. ק., וואָס איז אויסגעוויילט געוואָרן אויפן צווייטן ראַטן־צוזאַמענפאָר, גיסט זיך צונויף מיט דעם צ. א. ק. פון דעם פּויערים־צוזאַמענפאָר.

דער דאָזיקער שדוך איז געפייערט געוואָרן מיט גרויס שמחה און פּאַראַד. דער גאַנצער פּויערים־צוזאַמענפאָר איז מיט מוזיק און מיט אַ באַגלייטונג פון אַמיליטערישן כבוד־עקאָרט אַוועקגעגאַנגען אין סמאָלני, וואו עס איז פאָרגעקומען אַ פייערלעכע פאַראייניקטע זיצונג פון ביידע צ. א. ק. צוזאַמען מיט דעם פּעטערבורגער ראַט, און אָט די זיצונג, ביי מוזיק, געזאַנג און אוראַגעשריי האָט מיט גרויס פּאַראַד באַשטעטיקט די דעקרעטן װעגן שלום, ערד און אַרבעטער־קאָנטראָל און האָט פייערלעך ערקלערט, אַז דער פאַרבאַנד צווישן די אַרבעטער, פּויערים און סאָלדאַטן—דער ברודער־פאַרבאַנד פון אַרבעטנדיקע און עקספּלואַטירטע וועט פאַרפעסטיקן די מאַכט פון די אַרבעטנדיקע און וועט אָננעמען אַלע מיטלען, אַז אין אַלע איבעריקע לענדער זאָל די מאַכט אויך איבערגיין צו די אַרבעטער, כדי צו גאַראַנטירן אַ יושרדיקן שלום און דעם נצחון פון סאָציאַליזם.

אָט אַזוי איז פאָרגעקומען די פאַראייניקונג צווישן די באָלשעוויקעס און די לינקע ס. ר.

די לינקע ס. ר. זיינען אַריינגעטראָטן אין דער רעגירונג און האָבן באַקומען אייניקע ערטער אין „סאָווּנאַרקאָם".

די פראַגע וועגן אַ קאָאַליציאָנעלע סאָציאַליסטישע רעגירונג איז אויף אַזאַ אופן ערליידיקט געוואָרן, און צי דאַרף מען נאָך מוסיף זיין, אַז אַזאַ קאָאַליציע־רעגירונג האָט ניט געבראַכט דערצו, אַז דער ברודער־קריג זאָל אָפּגעשטעלט און אפילו אָפּגעשוואַכט ווערן.

## XV.

עס איז נאָך, דוכט זיך, ניט געווען אין דער וועלט אַזאַ מאַכט, וועלכע זאָל אנהייבן איר עקסיסטענץ ביי אַזעלכע שווערע באַדינגונגען, ווי די ראַטן=מאַכט.

ווען מען זאָל צוגלייכן די באַדינגונגען, ביי וועלכע ס'האָבן אָנגעהויבן צו רעגירן די מאַכט=אָרגאַנען אין פעברואַר און אין אָקטאָבער, וועלן זיך באַזונדער בולט אַרויסווייזן די אומגעהייער=שווערע באַדינגונגען, ביי וועלכע די אַרבעטער = און פויערים=רעגירונג האָט אָנגעהויבן איר טעטיקייט און עקסיסטענץ.

בעת די צייטווייליקע רעגירונג האָט נאָך דעם נצחון פון דער פעברואַר=רעוואָלוציע גענומען די מאַכט אין די הענט, איז כמעט דאָס גאַנצע פאָלק, כמעט אָן אונטערשייד פון קלאַסן, געווען געשטימט זייער ענטוזיאַסטיש און איז גרייט געווען צו העלפן און שטיצן די נייע רעגירונג אין איר אַרבעט.

די פעברואַר=רעגירונג איז געווען צוזאַמענגעשטעלט איבערהויפט פון אַזעלכע מענטשן, וועלכע זיינען דורך זייער פריערדיקער טעטיקייט אין גאַס. דומע געווען גענוג פּאָפּולער אין די ברייטסטע פאָלקס=שיכטן.

די דאָזיקע פּאָפּולאַריטעט האָט קיינער ניט געוואָלט פאַרקלענערן, און אפילו די שוואַרצע פרעסע האָט אויך ניט געהאַט די העזה אַרויסצוטרעטן קעגן דער צייטווייליקער רעגירונג.

ביי פולקום אַנדערע באַדינגונגען האָט זיך אָנגעהויבן די געשיכטע פון דער ראַטן=מאַכט נאָך דעם נצחון פון דער אָקטאָבער=רעוואָלוציע.

די באָלשעוויסטישע מאַכט האָט באַקומען די מאַכט אין אירע הענט נאָך אַ לאַנגן און אַ מוראדיק=שאַרפן פּאַרטיי=קאַמף, ביי וועלכן די באָלשעוויסטישע קעגנער האָבן ניט געשאַנעוועט קיינע מיטלען.

אַלע פּאַרטייען, און זאָגאַר די רעגירונג אַליין, האָבן זיך אויף דעם ברייטסטן אופן באַנוצט מיט די שענדלעכע באַשולדיגונגען, אַז די באָלשעוויקעס האָבן זיך פאַרקויפט די דייטשן, און אַז זייער גאַנצע אַרבעט און אַגיטאַציע איז נאָר אַ דייטשער שפּיצל, כדי צו דעזאָרגאַניזירן דעם רוסישן פראָנט. אַלע האָבן זיך אויף דעם בעסטן אופן באַנוצט מיט דעם דאָזיקן געווער קעגן די באָלשעוויקעס, הגם אַלע האָבן געוואוסט, און די רעגירונג נאָך בעסער פאַר אַלעמען, אַז די אַלע שענדלעכע באַשולדיקונגען האָבן קיין שום גרונט ניט און ווערן אויסגענוצט נאָר בייזוויליק קעגן פּאָליטישע קעגנער.

אָבער די ברייטע פאָלקס=מאַסן האָבן דאָך זיך ניט געקענט פונאַנדערקלייבן אין דער דאָזיקער בייזוויליקער אַגיטאַציע, און אין די ווייניק=אַנטוויקלטע פאָלקס=שיכטן זיינען איינגעפלאַנצט געוואָרן געוויסע שענדלעכע מיינונגען וועגן דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי און וועגן אירע פירער.

און דוקא די זעלביקע מענטשן, אויף וועמען ס׳איז געלעגן דער חלף פון געריכט, האָבן אין דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע געשפּילט די וויכטיקסטע ראָלע, וואָס האָט געוויס פאַרשווערט זייער אַרבעט.

די רעוואָלוציאָנערע מאַכט האָט אין דער צייט פון דער פעברואַר־רעוואָלוציע אָן שום צערעמאָניעס זיך באַנוצט מיט רעפּרעסיווע מיטלן קעגן די פאָרשטייער פון דער צאַרישער רעגירונג. ווען דער טאַוורישער פּאַלאַץ איז געוואָרן טיילווייז פאַרוואַנדלט אין אַ טורמע פאַר הויך־געשטעלטע ביוראָקראַטן און מיניסטאָרן, האָט קעגן דעם קיינער ניט פּראָטעסטירט, אדרבה, אַלע האָבן פאַרשטאַנען די צוועקמעסיקייט און אפילו רעכטמעסיקייט פון די דאָזיקע רעפּרעסיעס קעגן יענע מענטשן, וועלכע קאָנען זיין געפערלעך פאַר דער נייער רעוואָלוציאָנערער אָרדענונג.

אָבער דער צייט־פּעריאָד פון פעברואַר ביז אָקטאָבער איז געווען צו קורץ און די אומצופרידנקייט מיט דער צייטווייליקער רעגירונג האָט נאָך ניט דערגרייכט צו אזא מדרגה, אַז די ברייטע פאָלקס־שיכטן זאָלן קאָנען פאַרשטיין און רואיק באַאָבאַכטן, ווי עס ווערט באַזעצט דער ווינטער־פּאַלאַץ מיט דער צייטווייליקער רעגירונג און ווי די מיניסטאָרן, די קאַדעטן צוזאמען מיט די סאָציאַליסטן — ווערן אַרעסטירט און אוועקגעפירט אין פּעטער־פּאַוועל־פעסטונג, וואו עס זיינען נאָך דעמאָלט געזעסן אונטערן שלאָס די צארישע מיניסטאָרן.

מאַרטאָווס היסטערישער געשריי אויף דער פּלענארער זיצונג פון אַלרוסישן ראַטן־צוזאַמענפאָר קעגן דעם אַרעסט פון די סאָציאַליסטישע מיניסטאָרן איז אפשר ניט געווען אַזוי פּאָליטיש באַגרינדעט, אָבער פּסיכאָלאָגיש איז ער געווען פולקום פאַרשטענדלעך, ווייל מאַרטאָוו האָט אַרויסגעטראָגן אויף דער גרויסער וועלט די אינערלעכע געפילן פון טויזנטער מענטשן, וועלכע זיינען ממש פאַרציטערט געוואָרן, ווען די צייטווייליקע רעגירונג איז באַזעצט און אַרעסטירט געוואָרן.

די דאָזיקע פּסיכאָלאָגיע האָבן פאַרשטאַנען אפילו יענע, וועלכע האָבן די דאָזיקע רעפּרעסיווע מיטלען אויסגענוצט, און אויף מאָרגן נאָך דעם אַרעסט פון דער צייטווייליקער רעגירונג האָט טראָצקי אויף דער צווייטער זיצונג פון דעם אַלרוסישן ראַטן־צוזאַמענפאָר צוגעזאָגט אין נאָמען פון דעם ק. ר. ק. אָנצונעמען אַלע מיטלען, כדי צו באַפרייען אין גיכסטן די אַרעסטירטע מיניסטאָרן.

די צייטווייליקע רעגירונג האָט נאָך דעם נצחון פון דער פעברואַר־רעוואָלוציע אַרויסגעשטעלט אַ פּראָגראַם אויסשליסליך פון פּאָליטישע רעפאָרמען, צו וועלכע דאָס לאַנד איז שוין פון כמה יאָרן געווען דערוואַקסן און וועלכע זיינען פאַר אַלעמען געווען פאַרשטענדלעך אָננעמבאַר. דאָס האָט געשאַפן אַן אַטמאָספער פון זיכערקייט און אַן אַלגעמיינע איבערצייגונג, אַז דער נייער רעגירונג איז באַשערט אַ לאַנג לעבן.

די לאַגע אין אָקטאָבער איז געווען פולקום אַ היפּוכדיקע. די נייע מאַכט

האָט ת׳כף פּראָקלאַמירט די התחלה פון דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע און האָט אַרויסגעשטעלט אַזאַ פּראָגראַם פאַר איר נאָענטער אַרבעט, וועלכע האָט געדאַרפט באַווייזן, אַז די דאָזיקע פּראָקלאַמירטע התחלה פון דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע איז ניט קיין פּוסטע פראַזע, נאָר אַ לעבנס־פאַקט.

ניט ריידנדיק שוין וועגן דעם, וואָס אַזאַ איבערגאַנג צו סאָציאַליזם האָט געמוזט אַרויסרופן אַ ווידערשטאַנד ביי אַ געוויסן טייל פון דער באַפעלקערונג, וועלכע איז לויט אירע קלאַסן־אינטערעסן בכלל געווען קעגן סאָציאַליזם, האָט די פּראָקלאַמירטע התחלה פון סאָציאַליזם געפונען שאַרפע קעגנער אפילו צווישן די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, וועלכע האָבן בשום אופן ניט געוואָלט מסכים זיין מיט די באָלשעוויקעס, אַז דער איבערגאַנג צו דער סאָציאַליסטישער אָרדענונג וועט זיך אָנהייבן ניט פון די קאַפּיטאַליסטישע אייראָפּעאישע לענדער, נאָר פון דער אָרימער קאַפּיטאַליסטיש־ווייניקאַנטוויקלטער רוסלענדישער רעפּובליק, דעסטאָ־מער, אַז אַלע טעאָרעטיקער פון סאָציאַליזם און אַלע עקאָנאָמישע פאָרשער זיינען ביז איצט געשטאַנען לחלוטין אויף אַן אַנדער שטאַנדפּונקט בנוגע צו דער דאָזיקער פראַגע.

גאַנץ פאַרשטענדליך, אַז אַזאַ ווידערשטאַנד צו דער נייער פּראָקלאַמירטער אָרדענונג האָט געמוזט אַרויסרופן אַן אַלגעמיינע איבערצייגונג, אַז די נייע מאַכט, בראש פון וועלכער ס׳האָבן זיך געשטעלט אוטאָפּיסטן, וועט ניט זוכה זיין צו לאַנגע יאָרן און אַז די גאַנצע אָקטאָבער־איבערקערעניש איז אַ קליינער, קורצטערמיניקער עפּיזאָד, וועלכער וועט אינגיכן ליקווידירט ווערן.

מיר האָבן שוין דערמאָנט, אַז אפילו אַזאַ באָלשעוויסטישער גדול, ווי זינאָוויעוו, איז ניט געווען זיכער, אַז די באָלשעוויסטישע מאַכט וועט זיך קאָנען איינהאַלטן. און אויב ביי אַזאַ מיינונג זיינען געווען אַזעלכע וויכטיקע באָלשעוויסטישע טוער, איז דאָך ניט צו באַוואונדערן, וואָס די באָלשעוויסטישע קעגנער זיינען געווען פעסט איבערצייגט, אַז אַלע באָלשעוויסטישע הבטחות וועגן סאָציאַליזם זיינען ריין־דעמאַגאָגישע מיטלען, כדי צו געווינען די סימפּאַטיעס פון די אַרבעטער־מאַסן, אָבער די אַלע הבטחות וועט מען גאָר ניט פּרובן אפילו צו פאַרווירקלעכן אין לעבן. די קעגנער האָבן געהאָפט, אַז נאָך דעם ווי די באָלשעוויקעס וועלן אָפּנאַרן די אַרבעטער־מאַסן, וועט דאָס אַרויסרופן אַ גרויסע אַנטוישונג, און צוליב דעם אַליין וועט די באָלשעוויסטישע מאַכט מוזן פאַלן.

אויב אָבער די באָלשעוויקעס וועלן טאַקי פּרובן פאַרווירקלעכן זייערע הבטחות, האָבן געמיינט די קעגנער, וועט זייער מאַכט אויך מוזן אינגיכסטן ליקווידירט ווערן, ווייל זיי וועלן זאָ ווי זאָ ניט זיין אימשטאַנד צו פאַרווירקלעכן זייערע הבטחות אין לעבן, ווייל די אייזערנע געזעצן פון עקאָנאָמיק און די ביטערע ווירקלעכקייט וועלן זיך אַרויסווייזן שטאַרקער פון אַלע אוטאָפּיסטישע פּלענער און הבטחות.

די דאָזיקע מיינונג וועגן דעם עפּיזאָדישן כאַראַקטער פון דער נייער

מאַכט איז געוועזן אַזוי פאַרשפּרייט, אַז געוויסע קרייזן פון די באָלשעוויסטישע קעגנער, זאָגאַר די רעגירונגס־קרייזן, האָבן אין אַ געוויסער צייט פּראָוואָצירט די באָלשעוויקעס, אַז זיי זאָלן וואָס גיכער פּרובן פאַרכאַפּן די מאַכט, כּדי די דאָזיקע מאַכט תיכּף צו ליקווידירן און נאָך דער אַלגעמיינער אַנטוישונג, מיט וועלכער ס'איז די ליקווידאַציע אומפאַרמיידלעך פאַרבונדן, אַזוי אָנלערנען די באָלשעוויקעס, אַז זיי זאָלן אַ צענטן פאַרזאָגן וועגן וועלכע עס איז נייע פּלע־נער פון נאָך־מאַכט־יאָגעניש.

די אַלגעמיינע איבערצייגונג, אַז מען האָט צו טאָן מיט אַ קורצן עפּיזאָד, האָט אויך געבראַכט דערצו, אַז צו דעם שטרייק פון אַלע מלוכה־אינסטיטוציעס, צו דעם אַזוי־גערופענעם סאַבאָטאַזש, זיינען צוגעשטאַנען אפילו אַזעלכע פּאָ־ליטישע גרופּן, ווי די אָנגעשטעלטע פון דער גרויסער ביוראָקראַטישער מאַשין, וועלכע האָבן פריער טריי געדינט דעם צאַרישן רעזשים און נאָכהער אַרויסגע־וויזן ניט ווייניקער התמדה נאָך דעם נצחון פון דער פעברואַר־רעוואָלוציע.

עס איז קיין שום ספק ניט, אַז אַ געוויסער טייל פון די דאָזיקע באַאַמטע איז צוגעשטאַנען צו דער סאַבאָטאַזש־באַוועגונג ניט אַזוי פיל אַלס פּראָטעסט קעגן דער נייער רעגירונג, נאָר אַלס באַוואָרעניש פאַר דער צוריק־קומענדי־קער מאַכט, וועלכע ווערט, מסתמה, ניט שאַנעווען יענע באַאַמטע, וואָס האָבן געאַרבעט ביי די באָלשעוויקעס. די דאָזיקע באַוואָרעניש האָט געהאַט נאָך מער רעזאָן, ווייל דער יורש פון דער צייטווייליקער רעגירונג, דער קאָמיטעט צו ראַטעווען דאָס פאָטערלאַנד און רעוואָלוציע, האָט קאַטעגאָריש ערקלערט, אַז אַלע סאַבאָטירנדיקע באַאַמטע בלייבן אויף זייערע שטעלעס. דער קאָמיטעט האָט אפילו אין אַ געוויסער צייט אויסגעצאָלט די דאָזיקע באַאַמטע זייערע שכירות פון יענע געלט־סומען, וועלכע די באַנק האָבן געגעבן דעם קאָמיטעט, כּדי ער זאָל האָבן גענוג מאַטעריעלע מיטלען אין זיין קאַמף קעגן די באָלשעוויקעס.

די פּרעסע, וועלכע איז געווען געשטימט קעגן דער נייער מאַכט, האָט ניט ווייניק געהאָלפן צו פאַרשפּרייטן און באַפעסטיקן די מיינונג וועגן דעם עפּיזאָדישן כאַראַקטער פון דער נייער מאַכט. די נייע מאַכט האָט אָנגעווענ־דעט קעגן דער פּרעסע שאַרפע רעפּרעסיווע מיטלען. אָבער די צייַ־טונגען פלעגן דאָס רוב מאַכן הוזק פון דער נייער מאַכט און פון אירע רעפּ־רעסיעס און אפילו די פאַרמאַכטע צייטונגען פלעגן ערשיינען ווידער.

אַזאַ העלדנמוט פלעגן אַרויסווייזן ניט נאָר די סאָציאַליסטישע צייטונגען, וועלכע האָבן נאָך ניט פאַרגעסן די טראַדיציעס פון זייער אומלעגאַלער עק־זיסטענץ, נאָר אפילו אַזעלכע געהאָרכזאַמע און לאָיאַלע צייטונגען, ווי די קאַ־דעטישע „רעטש", וועלכע פלעגט בנוגע צו דער באָלשעוויסטישער מאַכט אויך אַרויסווייזן גענוג דרייסטקייט און פלעגט ערשיינען אפילו דעמאָלט, ווען לויט די באַפעלן פון דער נייער רעגירונג האָט זי געדאַרפט זיין אָפּגעשטעלט. די

מאַכט האָט דערויף רעאַגירט גאַנץ אָפּט מיט ניט גאָר איידעלע מיטלען, בפרט ווען די אויספירער פון אַזעלכע באַפעלן פלעגן זיין מאַטראָסן און סאָלדאַטן, וועלכע האָבן, ליידער, ניט באַזוכט פריער קיין שול פון גוטע מאַנירן און האָבן געהאַט אַ קנאַפּע ידיעה וועגן קאָנסטיטוציאָנעלע רעכט.

די נומערן פון אַזעלכע פאַרבאָטענע ציטונגען פלעגן געברענט ווערן אין די גאַסן און אין די רעדאַקציעס פלעגט געמאַכט ווערן אַ חורבן, איידער די אַלע רעדאַקציעס האָבן געמוזט קומען צו דער איבערצייגונג, אַז דער קורצטערמיניקער צפיואַד, וועגן וועלכן מען האָט נביאות געזאָגט, ציט זיך צו לאַנג און איידער מען האָט זיך אויסגעלערנט צו באַציען זיך צו דער נייער מאַכט מיט דעם זעלביקן אימת-הכבוד ווי צו אַלע פריערדיקע.

חוץ דעם אַלעמען, איז די נייע מאַכט געווען אַזוי קאָנסטרואירט, אַז די אַנטי-באָלשעוויסטישע פרעסע האָט שטענדיק געקאָנט געפינען גענוג שטאָף צו מאַכן חוזק און אויסצולאַכן די אַלע נייע ערשיינונגען, צו וועלכע דער גרויסער עולם האָט נאָך ניט געקאָנט זיך צוגעוווינען.

די באַציאונג צו אַ מיניסטער ווי צו אַן אויבער-מענטש, צו וועלכן יעדער פשוטער בשר ודם קאָן זיך ניט צוגלייכן, איז געווען קולטיווירט אין דער גאַנצער צייט פון דעם צאַרישן רעזשים, ווען קאַנדידאַטן פאַר מיניסטאָרן-שטעלעס האָבן זיך רעקרוטירט נאָר פון די העכערע רוסישע געזעלשאַפטלעכע קלאַסן, וועלכע האָבן געהאַט אַ חזקה אויף רעגירן איבער רוסלאַנד. נאָך דער פעברואַר-רעוואָלוציע האָבן די נייע מיניסטאָרן, די מיטגלידער פון דער צייטווייליקער רעגירונג, געמוזט אַביסל אַראָפּגיין פון דעם אָלימפּ און דערנעענטערן זיך צו די פאָלקס-מאַסן, אָבער דאָך, ווען דער ניי-באַשטימטער יוסטיץ-מיניסטער קערענסקי האָט, אַריינטרעטנדיק צום ערשטן מאָל אין געביידע פון יוסטיץ-מיניסטעריום, געדריקט די האַנט פון אַ פשוטן שווייצער, וואָס איז געשטאַנען ביים טיר, האָט דער דאָזיקער „זשעסט" אַרויסגערופן דעמאָלט אַ געוואַלדיקן רושם און גרויסע שמועסן אין דער געזעלשאַפט און אין דער פרעסע.

מיט יעדן נייעם שינוי אין דער צייטווייליקער רעגירונג (און אַזעלכע שנויים זיינען געווען ניט ווייניק) האָט זיך די רעגירונג אַלץ מער און מער דעמאָקראַטיזירט, אָבער צו אַזאַ אָרדענונג, וועלכע איז איינגעשטעלט געוואָרן אין די ערשטע טעג פון דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע, איז מען נאָך אין רוסלאַנד ניט געווען צוגעוווינט.

דער גרויסער עולם האָט, קודם-כל, ניט געקאָנט איבערדייען, ווי אַזוי קאָן אַ מיניסטער, אָדער לויט דעם נייעם נוסח, אַ פאָלקס-קאָמיסאַר באַקומען געהאַלט לויט דער זעלבער נאָרמע, ווי אַ פאַבריק-אַרבעטער, — און אַזאַ באַשלוס האָט די נייע מאַכט אָנגענומען אין דער ערשטער צייט.

און די פאָלקס-קאָמיסאַרן אַליין! חוץ איינצלנע נעמען, וועלכע זיינען געווען באַקאַנט די ברייטע שיכטן, זיינען די אַלע איבעריקע אפשר געווען

באַוואוסט אין די ענגע קרייזן פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי, אָבער פאַר דעם גרויסן און ברייטן עולם האָבן אַזעלכע נעמען, ווי צ. ב. ש. אָפּלאָקאָוו (יוסטיץ-קאָמיסאַר), טעאָדאָראָוויטש (אַפּראָוויזאַציע-קאָמיסאַר) א. ד. ג. לחלוטין גאָר נישט געזאָגט, ווייל די אַלע נעמען זיינען כמעט צום ערשטן מאָל ערשינען פאַר דער גרויסער וועלט. און גאַנץ קלאָר, אַז אַזעלכע נייע מענטשן האָבן קיינעם ניט געקאָנט אימפּאָנירן.

עס איז אויך געווען משונהדיק צו זען, ווי אַזוי צ. ב. ש. אַזא הויכע פּערזאָן, ווי דער קאָמיסאַר פאַר אויסערליכע ענינים, טראָצקי, וואָס דאַרף לויט דעם באַקאַנטן שאַבלאָן האָבן צו טאָן מיט אַזעלכע הויכע פּערזענליכקייטן, ווי די אויסלענדישע דיפּלאָמאַטן, שטעלט זיך אַוועק אין דעם אונטערשטן עטאַזש פון סמאָלני אין ריי פאַר דעם קעסל מיט געקעכץ צוזאַמען מיט אַר-בעטער און סאָלדאַטן און באַקומט די זעלביקע פּאָרציע געקעכץ אין די זעלביקע פּאָרציע ברויט (אויב מען פלעגט געבן ברויט), זעצט זיך אַוועק ביי דעם זעלביקן, לײדער, גאַנץ שמוציקן טיש און באַנוצט זיך מיט די זעלביקע געפעס אין געשיר, ווי אַלע איבעריקע באַזוכער און אָנגעשטעלטע פון סמאָלני אינסטי-טוט, וועלכע פלעגן דאָרט באַקומען מיטאָג-שפּייז.

ביז איצט איז מען געוויינט געווען צו זען, אַז יעדער איינציקער מיניס-טעריום פאַרנעמט אַ באַזונדער פּאַלאַץ און באַשעפטיקט טויזנטער אָנגעשטעלטע, אין דער מיניסטאָרן-ראַט פאַרנעמט באַזונדער אַ פּאַלאַץ מיט ספּעציעלע אָנגע-שטעלטע און באַאמטע. איצט האָט די פּשטות דערגרייכט צו אַזא מדרגה, אז אַלע פאָלקס-קאָמיסאַרן צוזאַמען מיט דעם „ראַט פון די פאָלקס-קאָמיסאַרן“ האָבן זיך באַזעצט אין איניקע צימערן פון סמאָלני און אָנשטאָט אַרמייען אָנגעשטעלטע האָבן דאָרט געאַרבעט איינצעלנע באַאַמטע, דאָס רוב פּשוטע סאָלדאַטן אדער מאַטראָסן.

די העכסטע רעגירונגס-אינסטאַנץ, דער העכסטער געזעצגעבערישער אָרגאַן, דער צענטראַלער אויספיר-קאָמיטעט, וועלכער האָט געהאַט די אומבאַגרענצטע קאָנטראָל-רעכט און געזעצגעבערישע מאַכט, האָט נאָך ווייניקער פון אַלע איבעריקע מאַכט-אָרגאַנען פון דער נייער רעגירונג געקאָנט אימפּאָנירן.

דער צווייטער ראַטן-צוזאַמענפאָר, וועלכער האָט אַרויפגעלייגט זיין שטעמפּל אויף דער גאַנצער איבערקערעניש און האָט געגעבן דעם יורידישן באָדן צו דער נייער אָרדנונג, האָט אויך אויסגעקליבן דעם צענטראַלן אויספיר-קאָמיטעט פון 100 מיטגלידער (70 באָלשעוויקעס און 30 לינקע ס. ר., פּאַר-טייניקטע אינטערנאַציאָנאַליסטן, לעטן, ליטווינער, פּוילישע, אוקראַיינער א. אַ. וו.). דער צוזאַמענפאָר האָט אפילו באַשלאָסן, אַז אין צ. א. ק. קאָנען אַריינטרעטן די פאָרשטייער פון יענע פּאַרטייען, וועלכע זיינען אַוועקגעגאַנגען פון צוזאַ-מענפאָר, אָבער די דאָזיקע פּאַרטייען האָבן נאָך דערווייל קיין חרטה ניט

געהאַט אויף זייער באָיקאָט=טאַקטיק און זיינען אין צ. א. ק. ניט אַריינגעטראָטן.

פון די 100 אויסגעוויילטע ציקיסטן זיינען פיל צופאָרן אַלס קאָמיסאַרן אין פראָווינץ און אויפן פראָנט און פאַקטיש פלעגן באַזוכן די זיצונגען פון דעם דאָזיקן העכסטן רעגירנדיקן—און געזעצגעבערישן אָרגאַן עטלעכע צענדליק סאָלדאַטן און מאַטראָסן, וועלכע זיינען געווען גאַנץ ווייניק צוגעגרייט צו דער ראָלע, וועלכע זיי האָבן געדאַרפט אויספירן.

אַלס פאָרזיצער פון דער דאָזיקער געזעצגעבערישער אַנשטאַלט איז אָנשטאָט קאַמענעוון, וועלכער איז אַרויסגעטראָטן קעגן דעם באָלשעוויסטישן צ. ק., אויסגעקליבן געוואָרן יעקב סווערדלאָוו.

אויב קאַמענעוו איז נאָך געווען וויפיל ניט איז באַקאַנט דעם ברייטן עולם אַלס זשורנאַליסט, שריפטשטעלער און אַ באַשולדיקטער אין דעם באַוואוסטן פראָצעס פון די סאָציאַליסטישע דעפוטאַטן פון דער פערטער גאָס. דומע, איז דער נייער פאָרזיצער סווערדלאָוו לחלוטין קיינעם, הוץ די ענגע פאַרטיי=ספערן, ניט געווען באַוואוסט און באַקאַנט.

די אַנטי=באָלשעוויסטישע פרעסע, וועלכע האָט אויסגענוצט יעטווידער קלייניקייט, כדי צו קאָמפּראָמעטירן די נייע מאַכט און אירע דעקרעטן, האָט, פאַרשטייט זיך, אויסגעצייכנט באַנוצט זיך מיט אַזאַ צוזאַמענשטעל פון דעם צ. א. ק. און האָט יעדן טריט פון דעם דאָזיקן געזעצגעבערישן אַנשטאַלט פונאַנדערגעטראָגן אויף טעלערלעך.

ווען צ. ב. ש. דער דעקרעט וועגן אַרבעט=קאָנטראָל, וועלכער האָט געדאַרפט איבערבויען דאָס גאַנצע רוסישע עקאָנאָמישע לעבן אויף פולקום=נייע יסודות, אָדער דער דעקרעט וועגן אָפּטאָפּן אַלע געריכטן, יוסטיץ=אינסטיטוציעס און איינאָרדענען נייע געריכטן אויף דעם גרונד פון סאָציאַליסטישן רעכטבאַוואוסטזיין, זיינען אָנגענומען געוואָרן כמעט אָן דעבאַטן, (אויב מען זאָל ניט רעכענען די כלומרשדיקע אָפּאָזיציע פון די לינקע ס. ר.) אויף איין זיצונג פון צ. א. ק., וועלכע האָט געדויערט אַ גאַנץ קורצע צייט, איז ניט צו באַוואונדערן, וואָס אַזאַ הייליקע אַרבעט פון צ. א. ק. האָט ניט געמאַכט קיין באַזונדער גוטן איינדרוק אויף געוויסע שיכטן, וועלכע זיינען געווען געוויינט צו דעם שווערן געזעצגעבערישן אַפּאַראַט פון אַלע ביז איצטיקע רעגירונגען, און עס האָט זיך געשאַפן דעריבער אַ מיינונג, אַז די דעקרעטן פון דער נייער רעגירונג זיינען ניט גלייך צו די געזעצן פון אַלע פריערדיקע רעגירונגען, וועלכע מוזן דורכגעפירט ווערן אין לעבן, נאָר דאָס איז עפּעס אַ מין ליטעראַרישע אַרבעט, וואָס מען קאָן לייענען, קריטיקירן אָבער מען איז ניט מחויב זייערע באַפעלן צו ערפילן.

די נייע מאַכט האָט געמוזט אָנשטרענגען געוויסע כחות און ענערגיע, איידער עס האָט איר געלונגען צו מאַכן אַ סוף פון אַזאַ באַציאונג צו אירע גע=

זעצגעבערישע אַקטן, וועלכע די אַנטי-באָלשעוויסטישע פּאַרטייען און פּרעסע-אָרגאַנען האָבן געפּלאַנט און פאַרשפּרייט, און איבערצייגן די גאַנצע באַפעל-קערונג, אַז די נייע מאַכט פירט ניט קיין שפּאַס און באַציט זיך גאַנץ ערנסט צו אירע באַפעלן און פאָדערט אומבאַדינגט, אַז די גאַנצע באַפעלקערונג, אָן שום אויסנאַם, זאָל זיי מקיים זיין אָן שום טענות און מענות.

---

XVI.

די גרעסטע שוועריקייטן האָט געשאַפן דער נייער מאַכט דער סאַבאָטאַזש פון די רעגירונגס-אָנגעשטעלטע, ווייל צוליב דעם דאָזיקן סאַבאָטאַזש האָט די ראַטן-מאַכט ניט געקאָנט אין משך פון אַ לאַנגער צייט אויסצוניצען דעם רעגי-רונגס-אַפּאַראַט, וועלכער איז געווען אין אירע הענט.

דער דאָזיקער סאַבאָטאַזש האָט זיך אָנגעהויבן אין אַ געוויסער מאָס סטיכיש, אָן שום אָרגאַניזאַציע, אָבער מיט דער צייט, ווען צו דער דאָזיקער באַוועגונג זיינען צוגעשטאַנען אַלץ נייע און נייע אינסטיטוציעס, איז שוין באַשאַפן גע-וואָרן אַ גרויסע און שטאַרקע אָרגאַניזאַציע, „די פּאַראַייניקונג פון אַלע פאַר-באַנדן" פון די אָנגעשטעלטע אין די רעגירונגס-און געזעלשאַפטלעכע אינסטיטו-ציעס, וועלכע האָט ממש פּאַראַליזירט די גאַנצע טעטיקייט פון דער נייער מאַכט.

דער סאַבאָטאַזש האָט זיך אָנגעהויבן שוין אין דעם ערשטן טאָג פון דער נייער מאַכט: דעם 26 אָקטאָבער פאַרטאָג, ווען אַלע אָפּאָזיציאָנעלע גרופּן האָבן פאַרלאָזן דעם ראַטן-צוזאַמענפאָר, איז תיכף סמאָלני אינסטיטוט געוואָרן פּוסט און לער, ווייל דער ערשטער צ. א. ק., וועלכער האָט געדאַרפט איבערגעבן דעם צווייטן אַלע זיינע דאָקומענטן און געלט-סומען, האָט עס ניט געטאָן און האָט קעגן יעדער געזעץ און יושר, פאַרלאָזנדיק סמאָלני, צוגענומען מיט זיך דעם גאַנצן מענטשן-אַפּאַראַט מיט אַלע דאָקומענטן, ביכער און געלט-סומען, וועלכע זיינען געווען אין זיין רשות.

דעסגלייכן האָבן געטאָן כמעט אַלע אָנגעשטעלטע פון דעם פּעטערבור-גער ראַט, וועלכע זיינען נאָך געבליבן פון דעם אַלטן, מענשעוויסטיש-ס. ר.-ישן, פּעטערבורגער ראַט און וועלכע האָבן געהאַט אַסך מער סימפּאַטיעס צו זייערע ערשטע באַלעבאַטים, ווי צו די נייע, וואָס זיינען געקומען נאָכדעם, ווי די באָל-שעוויקעס האָבן באַקומען די מערהייט אין פּעטערבורגער ראַט.

אָט דער ערשטער שטרייק פון די אָנגעשטעלטע האָט שוין געשאַפן פאַר דער נייער מאַכט זייער פיל שוועריקייטן. דאָס ביסעל אָנגעשטעלטע, וואָס איז געבליבן אין סמאָלני און ניט צוגעשטאַנען צום שטרייק, האָט ניט געקאָנט באַפרידיקן די באַדערפניש פון דעם פּעטערבורגער ראַט אַליין, האָט איצט גע-

מוזט טעכניש באַדינען ניט נאָר דעם ק.ר.ק., וועלכער האָט אַנטוויקעלט אין די ערשטע רעוואָלוציע-טעג אַ געוואַלדיקע טעטיקייט, נאָר אויך דעם ראַט פון די פאָלקס-קאָמיסאַרן, וועלכער האָט טאָג-טעגליך געשאָטן מיט נייע און נייע דעקרעטן.

אמת, דאָס רוב פון די דאָזיקע דעקרעטן זיינען געווען אָנגעגרייט און אָנגעשריבן דורך לענינען אין יענע טעג פאַר דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע, ווען ער האָט זיך געמוזט באַהאַלטן פון דער צייטוויייליקער רעגירונג און האָט ניט געקאָנט אַרויסטרעטן עפנטליך אויף מיטינגען און פאַרזאַמלונגען, אָבער די נייע מאַכט האָט אַפילו ניט געהאַט קיין מאַשיניסטינס, וועלכע זאָלן די אַלע אָנגעגרייטע דעקרעטן קענען איבערשרייבן.

עס איז נאָך געווען אַ צרה ביי דער נייער מאַכט, וועלכע קאָן זיך אַרויסווייזן לחלוטין אומגלויבליך: די נייע רעגירונג איז געווען אַזוי אָרים, אַז זי האָט ניט געהאַט מיט וואָס צו דעקן אירע לויפנדיקע הוצאות. די געלט-קאַסע פון ערשטן צ.א.ק. איז פאַרשוואונדן געוואָרן צוזאַמען מיט אַלע אַלטע ציקיסטן און דער נייער צ.א.ק., וועלכער האָט יורידיש געהאַט אַלע רעכט איבער גאַנץ רוסלאַנד צוזאַמען מיט דער נייער רעגירונג, וואָס האָט מיט אירע ערשטע דעקרעטן אויפגערודערט די גאַנצע וועלט, האָבן ניט געהאַט אין זייער רשות אַפילו קיין געלט אויף טינט, כדי מען זאָל קאָנען די אַלע דעקרעטן אָנשרייבן אָדער איבערשרייבן.

די דאָזיקע אומדערטרעגלעכע לאַגע איז פון טאָג צו טאָג געוואָרן שווערער און שווערער. די שונאים פון דער נייער מאַכט האָבן גאַנץ גיך פאַרשטאַנען, וואָס פאַר אַ געוואַלדיקע קראַפט זיי באַקומען אין דער סאַבאָטאַזש-באַוועגונג און זיי האָבן זיך גענומען תיכף צו אָרגאַניזירן די דאָזיקע באַוועגונג און שאַפן פאַר איר אַ געזעצלעכן באָדן, כדי די אַלע באַאַמטע, וואָס זיינען אויסגעהאָדעוועט געוואָרן מיט דעם געדאַנק, אַז מען מוז אַלע באַפעלן מקיים זיין, זאָלן וויסן, אַז זייער סאַבאָטאַזש ווערט סאַנקציאָנירט דורך אַ געזעצגעבערישן אַנשטאַלט.

דער איינציקער אַנשטאַלט, וואָס איז געבליבן אַלס אַ זכר פון דער צייטווייליקער רעגירונג, דער צעטריבענער פאָרפאַרלאַמענט, האָט פאַרשפּרייט אַן אויפרוף, אין וועלכן ער האָט געפאָדערט פון אַלע בירגער, אַז זיי זאָלן ניט ערפילן קיינע באַפעלן פון דער באָלשעוויסטישער מאַכט. אַ ענלעכן אויפרוף האָט אויך אַרויסגעלאָזט „דער קאָמיטעט צו ראַטעווען דאָס פאָטערלאַנד און רעוואָלוציע" און די דאָזיקע אויפרופן האָבן געהאַט אַ גרויסע ווירקונג.

אין יעדער רעגירונג-אינסטיטוציע, וואוהין עס פלעגט נאָר קומען דער באַשטימטער פון דער נייער מאַכט קאָמיסאַר, פלעגן תיכף-ומיד אַלע באַאַמטע אַוועקוואַרפן די אַרבעט און אַוועקגיין, איבערלאָזנדיק דעם קאָמיטאַר ביי פוסטע ווענט.

אַזוי האָבן געטאָן ניט נאָר די פּריווילעגירטע באַאַמטע פון אַזעלכע

אומגעפער אַריסטאָקראַטישע מיניסטעריומס, ווי דאָס מיניסטעריום פאַר אויס־לענדישע ענינים, נאָר אויך, און אפשר נאָך מיט מער פאַרביסנקייט און עקשנות, אַזעלכע נייע מיניסטעריומס, וואָס זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן שוין נאָך דער פעברואַר־רעוואָלוציע, ווי צ. ב. ש. די אַרבעט־און אַפּראָוויזאַציע־מי־ניסטעריומס.

די באַשטימטע קאָמיסאַרן פלעגן ניט געפינען אין די מיניסטעריומס קיי־נע דאָקומענטן און געלט־סומען, און טאָמער זיינען יאָ געבליבן וועלכע עס איז פאַפירן, האָט דאָך דער קאָמיסאַר ניט געהאַט קיין שום מיגלעכקייט אין זיי פונאַנדערצוקלייבן זיך אָן די געניטע באַאַמטע.

באַזונדערע שוועריקייטן האָט געשאַפן פאַר דער נייער מאַכט דער סאַ־באָטאַזש פון די באַאַמטע אין מיניסטעריום פאַר פּאָסט־ און טעלעגראַף־ענינים, ווייל דער דאָזיקער סאַבאָטאַזש האָט פאַקטיש [אָפּגעשניטן] די נייע מאַכט ניט נאָר פון דער גאַנצער וועלט, אויף וועלכער די נייע מאַכט האָט געוואָלט ווירקן, נאָר אפילו פון די אַרומיקע שטעט און שטעטלעך.

די גאַנצע פרעסע, חוץ „נאָוו. זשיזן“, האָט געשטיצט די סאַבאָטאַזש־באַ־וועגונג און האָט געמונטערט די שטרייקנדיקע באַאמטע. „די פאַראייניקונג פון די באַאַמטע־פאַראיינען“ פלעגט באַקומען מאַטעריעלע שטיצע פון די גרויסע בענק און קרעדיט־אַנשטאַלטן און מען האָט געקאָנט מיינען, אַז די נייע מאַכט, וואָס האָט גובר געווען מיטן שווערד, וועט בשום אופן ניט קאָנען מנצח זיין דעם סאַבאָטאַזש און וועט ניט באַהערשן דעם רעגירונגס־אַפּאַראַט, וועלכן זי האָט אַזוי לייכט פאַרכאַפּט.

עס האָבן זיך געפאָדערט אוממענטשלעכע אָנשטרענגונגען און אויסער־געוויינלעכע ענערגיע, כדי צו צעברעכן דעם דאָזיקן ווידערשטאַנד פון אַלע באַאַמטע אין פאַקטיש באַהערשן דעם מלוכה־אַפּאַראַט, און די באָלשעוויקעס האָבן אין גיכן באַוויזן, אַז זיי פאַרמאָגן אַזאַ ענערגיע און אַזאַ כוח.

די באָלשעוויסטישע פאַרטיי האָט מאָביליזירט קודם־כל אַלע אירע איי־גענע כוחות, וועלכע האָבן אין די ערשטע, שווערסטע טעג נאָך דער איבער־קערעניש אַרויסגעוויזן אַ וואונדערלעכע אַרבעטספעאיקייט. ווען מען דערציילט צ. ב. ש., אַז טראָצקי איז געפאַלן אין חלשות ביים טעלעפאָן, ווייל ער האָט אין משך פון אַ לאַנגער צייט ניט געהאַט קיין מעגלעכקייט צו אָפּעטעמען און איבערבייסן, איז עס ניט קיין גוזמא, ווייל אין אַזאַ אויסערגעוויינלעכן אָנגע־שטרענגטן צושטאַנד האָבן געמוזט זיין אַלע, וועלכע האָבן אָנטייל גענומען אין דער אָרגאַניזאַציע פון דעם אויפשטאַנד און זיינען פאַרבליבן אויף די פּאָסטנס נאָך דעם נצחון פון דער רעוואָלוציע, ווען די נייע שוועריקייטן האָבן געפאָ־דערט נאָך מער ענערגיע, אַרבעטספעאיקייט און שטאַרקע נערוון.

די מאַכט, וועלכע האָט ניט געקאָנט געפינען קיין מיטל קעגן די סאַבאָ־טאַזשניקעס, האָט זיך געווענדט נאָך הילף צו די אַרבעטער און צו די פראָפע־

סיאָנעלע פאַראײנען, אַז זײ זאָלן שיקן מענטשן, װעלכע זאָלן פאַרבײטן די שטרײקנדיקע באַאַמטע.

די אַרבעטער האָבן זיך טאַקי אָפּגערופן: זײ האָבן פון זײערע אָרימע קאַסעס אױסגעטײלט געװיסע געלט־סומען פאַר דער נױטבאַדערפטיקער מאַכט און האָבן פון זײערע מיטגלידער דעלעגירט אָנגעשטעלטע אין אַלע רעגירונגס־אינסטיטוציעס.

עס זײנען געקומען צו דער מאַכט פיל מענטשן פון גאַס פּאַרצולײגן זײער אַרבעט און דינסט און די נײע מאַכט איז אין יענע שװערע טעג ניט געװען קײן באַזונדערע אױסקלײבערקע און האָט אױסגענוצט אַלע כוחות, װעלכע זי האָט נאָר געקאָנט באַקומען אין איר רשות.

עס פאַרשטײט זיך, אַז צװישן די אַלע נײע דינער פון דער ראַטן־מאַכט זײנען געװען ניט װײניק אומפּאַסיקע, אָדער אפשר שעדלעכע און פאַרברעכע־רישע עלעמענטן, אָבער די אַלע מענטשעװיסטיש־ס. ר.־ישע צדיקים און די אַנטי־באָלשעװיסטישע זשורנאַליסטן, װעלכע האָבן מיט אַזאַ התמדה זיך געװען אױפצוזוכן די חטאים פון די דאָזיקע נײע אָנגעשטעלטע, האָבן ניט געװאָלט פאַרשטײן, אַז די פאַראַנטװאָרטלעכקײט פאַר די אַלע אומפּעאיקע באַאַמטע און אָנגעשטעלטע טראָגט ניט די ראַטן־מאַכט, װעלכע האָט ניט געהאַט קײן אַנדער ברירה, װי צו באַנוצן זיך מיט דער אַרבעט פון יעדער אײנציקן, װאָס האָט זײן אַרבעט פאָרגעלײגט, נאָר יענע פאַרטײען און גרופּן, װאָס האָבן געפירט די סאַ־באָטאַזש־אַגיטאַציע און צוגענומען בײ דער נײער מאַכט דעם גאַנצן מלוכה־אַפּאַראַט.

די דאָזיקע צדיקים האָבן אפשר דאָס גאַנץ גוט פאַרשטאַנען, אָבער אין דעם מוראדיקן פאַרטײ־קאַמף, װאָס האָט זיך דעמאָלט צעפּלאַקערט, האָבן זײ ניט געקאָנט אַרויסלאָזן פון האַנט אַזאַ קאַמפּס־מיטל קעגן די באָלשעװיקעס, װעלכע האָבן אַגב אָן צערעמאָניע און אָן רחמנות באַגאַנגען זיך מיט יענע פאַרברעכערישע עלעמענטן, װאָס האָבן זיך צוגעשמירט צו דער נײער מאַכט, װען זײ פלעגן פון צײט צו צײט אַנטדעקט װערן.

די נײע מאַכט האָט זיך גענויטיקט ניט נאָר אין מענטשן, נאָר אויך אין געלט־מיטלען, כדי צו ערפילן אַלע טאָג־טעגלעכע באַדערפנישן, און עס פאַר־שטײט זיך, אַז זי האָט זיך ניט געקאָנט באַנוצן מיט די צופעליקע געלט־סומען, װעלכע זײנען אַרײנגעפאַלן אין איר רשות, נאָר האָט געמוזט אױסנוצן אַלע רעסורסן פון דער מלוכה־קאַסע. דאָ אָבער האָט זי באַגעגנט אַ שטאַרקן װידערשטאַנד מצד די אָנגעשטעלטע אין מלוכה־באַנק, װעלכע האָבן ניט גע־װאָלט אָנערקענען פאַר געזעצליך די אַסיגנירונגען פון דער נײער מאַכט.

די רוסישע געזעצן האָבן אױסגעאַרבעט אַ געװיסע נאָרמע פאַר געלט־קבלות פון מלוכה־באַנק. די באָלשעװיקעס װאָלטן אפשר ניט געפונען פאַר נױטיק צוברעכן די דאָזיקע נאָרמעס און װאָלטן מסתמא ערפילט אַלע נױטיקע פאָרמאַליטעטן, װען זײ זאָלן האָבן אין זײער רשות די נױטיקע באַאַמטע.

צוליב דעם סאַבאָטאַזש אָבער זיינען ביי דער נייער מאַכט אַלע געניטע באַאַמטע אַוועקגעגאַנגען און די נייע מאַכט, ווען זי האָט זיך גענויטיקט אין געלט-מיטלען, האָט געפּרובט זיי באַקומען דורך אַ פּשוטן באַפעל פון דעם העכסטן מלוכה-אָרגאַן, פון ראַט פון די פאָלקס-קאָמיסאַרן — אַרויסצוגעבן פון מלוכה-באַנק 10 מיליאָן רובל אויף די לויפנדיקע הוצאות פון דער רעגירונג.

די שטרייקנדיקע באַאַמטע פון מלוכה-באַנק האָבן זיך געשטעלט אויף דעם פאָרמעלן באָדן פון די אַלטע געזעצן און האָבן קאַטעגאָריש זיך אַנט-זאַגט אַרויסצוגעבן די דאָזיקע סומע „די פאַרכאַפּער פון דער מלוכה-מאַכט, וועלכע רופן זיך אָן פאָלקס-קאָמיסאַרן.“

די דאָזיקע „מאַכט-פאַרכאַפּער“ האָבן אָבער געמוזט באַווייזן, אַז זיי מאַכן ניט קיין שפּאַס מיט זייערע באַפעלן, און האָבן אַרויסגעשיקט מיליטערישע פאַטרולן צום מלוכה-באַנק, כדי מיט דער הילף פון באַוואָפנטע כוחות באַקומען די ממשלה איבערן באַנק.

דער יראת-הכבוד פאַר דעם מלוכה-באַנק און די מורא צו קאָמפּראָמעטירן די דאָזיקע העכסטע פינאַנסן-אינסטיטוציע פון לאַנד איז אָבער געווען אַזוי גרויס, אַז די באָלשעוויסטישע שלוחים, אָבאָלענסקי און מענזשינסקי, האָבן מורא געהאַט אָנצונעמען קעגן דעם באַנק און קעגן די באַנק-באַאַמטע שאַרפע רעפּרע-סיעס, כדי דער גרויסער כבוד אַרום די 10 מיליאָן זאָל ניט ווערן צוליב דעם נאָך גרעסער.

די מיליטערישע אָפּטיילונגען, וועלכע די מאַכט האָט געשיקט צום באַנק, האָבן אויך ניט געהאַט גענוג דרייסטקייט איינצונעמען די געבײַדע מיט גוואַלד און האָבן אָנגעהויבן צו פירן אונטערהאַנדלונגען מיט דער מיליטערישער וואַך, וואָס איז געשטאַנען אין באַנק גופא און וועלכע איז געווען געשטימט קעגן די „מאַכט-פאַרכאַפּער“.

עטלעכע טעג האָט געדויערט די געשיכטע מיט די 10 מיליאָן און עס האָט זיך געפאָדערט לעניס אַייזערנער רצון, כדי די באָלשעוויסטישע שלוחים זאָלן ווערן דרייסטער און באַקומען קודם די שליסלען פון באַנק, וועלכע זיינען מיט גוואַלד צוגענומען געוואָרן ביי דעם הויפּט-דירעקטאָר און הויפּט-קאַסיר. נאָכ-הער, ווען לענין האָט קאַטעגאָריש ערקלערט, אַז אַזעלכע קאָמוניסטן, וואָס פאַרמאָגן ניט די דרייסטקייט אַליין צו עפענען מיט די שליסלען די מלוכה-קאַסעס פון באַנק, זיינען ניט ראוי צו טראָגן דעם קאָמוניסטישן נאָמען און זיין פאַררעכנט אַלס פאַרטיי-מיטגלידער, האָבן די שלוחים זיך אָנגעשטרענגט און געבראַכט אין סמאָלני, אין לענינס האַנט, די געפאָדערטע צען מיליאָן רובל, די ערשטע געלט-סומע, וואָס די נייע מאַכט האָט באַקומען פון דער רוסישער מלוכה-קאַסע.

אָט אַזוי האָט די נייע מאַכט טריט ביי טריט, מיט די גרעסטע שוועריקייטן, באַוויזן צו באַקומען אין אירע הענט דעם מלוכה-אַפּאַראַט און אויסנוצן

אים צו אירע צוועקן, ביסלעכווייז איינגענומען איין פאָזיציע נאָך אַ צווייטער און האָט סוף־כל־סוף גובר געווען אַלע גרויסע שוועריקייטן, וועלכע די סאַבאָטאַזש־באַוועגונג האָט געשאַפן. מיט דער צייט האָט די גאַנצע סאַבאָטאַזש־באַוועגונג געמוזט אָפּגעשוואַכט ווערן. איבערהויפּט, ווען דער אידעען־טרעגער פון דער דאָזיקער באַוועגונג, „דער קאָמיטעט צו ראַטעווען דאָס פאָטערלאַנד און די רעוואָלוציע" איז צוליב אינערלעכע און אויסערלעכע סיבות פונאַנדערגעפאַלן נאָך איידער די ראַטן־מאַכט האָט פאַרעפנטלעכט אַ באַפעל, אַז דער דאָזיקער קאָמיטעט ווערט פונאַנדערגעלאָזן.

אַ גרויסער קלאַפּ פאַר דער סאַבאָטאַזש־באַוועגונג איז אויך געווען די דורכגעפירטע נאַציאָנאַליזאַציע פון די בענק, וועלכע האָט אָפּגעשטעלט דעם צופלוס פון די מאַטעריעלע מיטלען פאַר די שטרייקנדיקע באַאַמטע.

אין קאַמף צווישן דער רעגירונג און די אָנגעשטעלטע האָט זיך אַריינגעמישט אַזאַ ווירקזאַמער מיטל, ווי דער הונגער און נויט, וועלכע זיינען געוואָרן צו אָפטע געסט ביי די שטרייקנדיקע באַאַמטע. זיי האָבן שוין געוואָלט צוריק צוטרעטן צו זייער אַרבעט. דער הויפּט־אָנפירער פון דער גאַנצער באַוועגונג, „די פאַראייניגונג פון אַלע באַאַמטע־פאַראיינען" איז געווען גרייט אָנהייבן די אונטערהאַנדלונגען מיט דער רעגירונג וועגן אָפּשטעלן די סאַבאָטאַזש־באַוועגונג, אָבער די ראַטן־רעגירונג איז שוין דעמאָלט געווען אַזוי פעסט ביי דער דעה, אַז זי האָט זיך אָנטזאָגט צו פירן אונטערהאַנדלונגען מיט דער צענטראַלער אָרגאַניזאַציע פון די באַאַמטע, נאָר האָט פאָרגעלייגט יעדן איינציקן באַאַמטן און אָנגעשטעלטן דערלאַנגען אַ בקשה, אַז ער לייגט פאָר זיין אַרבעט און דינסט דער רעגירונג.

אַזאַ שריט פון דער רעגירונג איז געווען אַ רעזולטאַט פון דעם נצחון־געפיל, מיט וועלכען די ראַטן־רעגירונג האָט זיך אָנגעשכורט, אָבער אין אַ געוויסע מאָס האָט די רעגירונג ניט געוואָלט אַנולירן די אָביעקטיווע געווינסן, וואָס די סאַבאָטאַזש־באַוועגונג האָט געשאַפן דערמיט, וואָס אַדאַנק איר איז צעבראָכן געוואָרן די גרויסע און מעכטיקע ביוראָקראַטישע מאַשין, וואָס איז אויפגעבויט געוואָרן אין משך פון דורות.

עס איז אַ גרויסער ספק, צו וואָלט די באָלשעוויסטישע מאַכט געווען אימשטאַנד מאַכן אַ סוף צו דער דאָזיקער מעכטיקער ביוראָקראַטישער מאַשין און צו אַלע ביוראָקראַטישע טראַדיציעס, וועלכע זיינען אין משך פון דורות אויסגעאַרבעט און קולטיווירט געוואָרן, ווען די סאַבאָטאַזש־באַוועגונג וואָלט ניט צעבראָכן די גאַנצע מאַשין אַזוי, אַז צוזאַמען מיט די שלעכטע ביוראָקראַטישע טראַדיציעס און רוטין איז אויך געוואָרן אַ תל פון דער גאַנצער מלוכה־מאַשין, וועלכע די באָלשעוויסטישע מאַכט האָט זיך גענומען בויען פון דאָס ניי.

ווען עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער סאַבאָטאַזש וועט ניט צעברעכן די באָלשעוויסטישע מאַכט, האָבן זיך די קעגנער פון דער נייער מאַכט ניט אָפּגעשטעלט פאַר נאָך אַ געפערלעכן טריט, וועלכער האָט געקאָנט שאַפן פיל

צרות דער נייער מאַכט, אָבער וועלכער האָט אין דער זעלבער צייט געקאָנט אַרויסרופן אַזאַ מוראדיקע אַנאַרכיע און דעזאָרגאַניזאַציע, אין וועלכע דאָס גאַנצע לאַנד האָט געקאָנט דערשטיקט ווערן.

פּלוצלונג האָבן געוויסע גרופּן אָנגעהויבן צו אָרגאַניזירן שכורע פּאָגראָ־מען און אָנפאַלן אויף פאַרשיידענע ווייןקעלערס. אָנגעהויבן האָט זיך די דאָ־זיקע באַוועגונג פון אָנפאַל פון סאָלדאַטן און סתם שכורים אויף דעם וויין־קעלער פון דעם קייזערלעכן ווינטער־פּאַלאַץ, וואו עס זיינען געווען אוצרות פון טייערע ווייַנען. גאַנצע מחנות סאָלדאַטן האָבן זיך אַריינגעריסן אין די דאָזיקע קעלערס, געעפענט די פלעשער און די פעסער און געשכורט אָן אַ סוף און אָן אַ ברעג.

מען האָט צעגאָסן אַזוי פיל וויין, אַז פיל מענטשן זיינען אין די קעלערס דערטרונקען געוואָרן. קיינע מיטלען האָבן ניט געווירקט, כדי אָפּצושטעלן דעם דאָזיקן שכורן פּאָגראָם. די נייע מאַכט האָט באַשלאָסן ניט אָפּשטעלן זיך פון אַזא מיטל, ווי אויסגיסן דעם גאַנצן וויין אין נעוואַ, ביי וועמענס ברעג שטייט דער קייזערלעכער ווינטער־פּאַלאַץ.

מיט גרויס מי האָט די נייע מאַכט דורכגעפירט איר באַשלוס. דערביי זיינען פאָרגעקומען שוידערלעכע, אומבאַשרייבלעכע סצענעס: מענטשן האָבן זיך געוואָרפן אין וואַסער, כדי צו געניכן כאָטש אַ ביסל פון די אויסגעגאָסענע ווייַנען. צענדליקער שכורים האָבן זיך אויסגעצויגן אויף דער ערד, כדי צו לעקן די בלאָטע, וועלכע איז באַשפּריצט געוואָרן מיט די פאַרניכטעטע וויין־אוצרות, וועלכע האָבן באַטראָפן מיליאָנען.

דערמיט האָט זיך אָבער דער שכורער פּאָגראָם ניט אָפּגעשטעלט. די שכורע סאָלדאַטן האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן אויף די צאָלרייכע פּריוואַטע וויין־קעלערס. די דאָזיקע שכורע באַוועגונג האָט זיך פאַרגרעסערט פון מינוט צו מינוט און עס איז געשאַפן געוואָרן אַ סכנה, אַז דער גאַנצער פּעטערבורגער גאַרניזאָן וועט צושטיין צו דער דאָזיקער שכורים־כוואַליע און וועט מיט די פאַר־ברעכערישע עלעמענטן, וועלכע האָבן קיין מאָל ניט געפעלט אין פּעטערבורג, וועלן זיי שאַפן אַזאַ אַנאַרכיע־שטימונג, ביי וועלכע אַלע עראָבערונגען פון דער רעוואָלוציע וועלן פאַרניכטעט ווערן.

אין אַזאַ געפערלעכן מאָמענט איז אין סמאָלני געשאַפן געוואָרן אַ ספּע־ציעלע קאָמיסיע צו קעמפן מיט דער דאָזיקער באַוועגונג. די דאָזיקע קאָמיסיע האָט צוזאַמענגעשטעלט אַ באַזונדערע באַוואָפנטע גרופּע פון אויסגעקליבענע מענטשן, אויף וועלכע מען האָט זיך געקאָנט פולקום פאַרלאָזן, אַז זיי וועלן גובר זיין דעם יצר־הרע און וועלן ניט צושטיין צו די שכורים. אָט אַזאַ גרופּע, באַוואָפנט מיט געפּאַנצערטע אויטאָמאָבילן און קוילן־וואַרפער, האָט אָן באַזונ־דערע התראות און פּובליקאַציעס אָנגעהויבן שיטן פייער אויף די שכורע סאָל־דאַטן־מחנות און יאָגן זיי פון די וויין־קעלערס.

דער פייער פון די קוילן־וואַרפערס האָט אַביסל אויסגעניכטערט די־

שכורים, װעלכע זיינען אין טויט־שרעק געלאָפן פון איין װיין־קעלער צו אַ צװייטן, פון איין גאַס אין אַ צװייטע און אומעדום באַגעגנט די געפּאַנצערטע אַוטאָמאָבילן מיט די קוילן־װאַרפערס.

עלעכע טעג האָט געדויערט אַזאַ ענערגישער קאַמף מיט די שכורע באַנדעס און פון די שכורע פּאָגראָמען איז קיין זכר ניט געבליבן.

אַלע, אפילו די דעמאָראַליזירטע סאָלדאַטן, האָבן פאַרשטאַנען, אַז די נייע מאַכט פאַרמאָגט גענוג ענערגיע און דרייסטקייט אין קאַמף מיט אירע קעגנער און אַז עס איז אַ סכנה קעגן איר אַרויסצוטרעטן.

די מאַכט האָבער האָט אויך פאַרשטאַנען, אַז דער פּעטערבורגער גאַרניזאָן, אויף װעמען זי האָט זיך ביז איצט אָנגעשפּאַרט, איז ניט אַזאַ זיכערע קראַפט, װעלכע קאָן לאַנג דינען. די דעמאָראַליזירטע דיסציפּלינלאָזע סאָלדאַטן זיינען געװאָרן אַ סכנה פאַר דער נייער מאַכט אַליין און זי האָט פאַרשטאַנען, אַז מען מוז װאָס גיכער דעמאָביליזירן די דאָזיקע דעקלאַסירטע און באַװאָפנטע מחנות.

---

## XVII.

דער דעקרעט װעגן שלום, װאָס איז אָנגענומען געװאָרן דורך דעם אַל־רוסישן ראַטן־צוזאַמענפאָר, האָט זיך געװענדעט צו אַלע פעלקער און צו זייערע רעגירונגען מיט אַ פאָרשלאָג אָנהויבן תיכף צו אונטערהאַנדלען װעגן אַ יושרדיקן שלום. דער דאָזיקער דעקרעט האָט באַװאוסטזיניק פאַרשװיגן אַסך באָלשעװיס־טישע פּרינציפּן און טענות װעגן שלום, כדי קיין רעגירונג זאָל ניט קאָנען זיך אויסדרייען און ערקלערן, אַז דער שלום װערט ניט פּראָקלאַמירט צוליב דער באָלשעװיסטישער עקשנות.

ניט קוקנדיק אָבער דערויף, האָבן זיך קיינער פון די מלחמה־מלוכות ניט אָפּגערופן אויף דעם דאָזיקן באָלשעװיסטישן שלום־דעקרעט, װעלכער האָט אַלזאָ קיינע דירעקטע פּראַקטישע רעזולטאַטן ניט געהאַט.

עס איז אָבער קלאָר געװען, אַז די נייע מאַכט װעט זיך מיט איר ערשטן שלום־טריט ניט באַנוגענען און װעט פּרובן אָננעמען נייע מיטלען, כדי אַריר טאָן די שלום־פראַגע פון יענעם טויטן פּונקט, אויף װעלכן זי איז געשטאַנען ביז איצט.

די ערשטע טעג איז די נייע מאַכט געװען פאַרנומען מיט דעם קאַמף קעגן אירע קעגנער און דער דאָזיקער קאַמף האָט צוגענומען ביי דער מאַכט די גאַנצע ענערגיע און צייט. װען אָבער די ערשטע קעגנער זיינען באַזייטיקט געװאָרן פון שלאַכט־פעלד און די פאָלקס־קאָמיסאַרן האָבן זיך באַפעסטיקט אויף זייערע פּאָזיציעס, האָבן זיי זיך װידער גענומען צו דער שלום־פראַגע.

דעם 2 נאָװעמבער האָבן די פאָלקס־קאָמיסאַרן לענין, טראָצקי און קרי־

לענקאָ זיך געווענדעט צו דעם העכסטן קאָמאַנדיר פון דער רוסישער אַרמיי, גען. דוכאָנין, מיט אַ פאָרמעלן פאָרשלאָג, אַז ער זאָל זיך ווענדן צו די מיליי=טערישע לייטונגען פון די פיינדלעכע אַרמייען מיט אַ פאָרשלאָג תיכף אָפּשטעלן די קריגס=אָפּעראַציעס און אָנהויבן שלום=אונטערהאַנדלונגען. אין דעם זעלביקן טאָג האָט זיך דער קאָמיסאַר פאַר אויסלענדישע ענינים, טראָצקי, געווענדט צו די דיפּלאָמאַטישע פאָרשטייער פון אַלע פאַרבינדעטע מלוכות מיט אַ נאָטע, אין וועלכער ער האָט זיי מודיע געווען, אַז דער שלום=דעקרעט פון צווייטן ראַטן=צוזאַמענפאָר דאַרף פאַררעכנט ווערן אַלס אַ פאָרמעלער פאָרשלאָג וועגן שלום און וואָפנשטילשטאַנד, מיט וועלכן די רוסישע ראַטן=רעגירונג ווענדט זיך גלייכצייטיק צו אירע פאַרבינדעטע און שונאים, — צו די פעלקער און זייערע רעגירונגען. חוץ דעם האָט טראָצקי פונאַנדערגעשיקט אַ נאָטע צו אַלע פאָר=שטייער פון די נייטראַלע לענדער און האָט זיי אויך מודיע געווען וועגן דעם שלום=פאָרשלאָג פון דער נייער רעגירונג און געבעטן, אַז זיי זאָלן פון זייער זייט וועגן דעם דאָזיקן פאָרשלאָג מודיע זיין די פיינדלעכע רעגירונגען און אויך צו דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג פון אַלע פעלקער.

כדי צו באַווייזן, אַז די שלום=פּאָליטיק פון דער נייער רעגירונג איז גע=נוג ערנסט, האָט טראָצקי אין דער זעלביקער צייט אָנגעהויבן צו פּובליקירן אין די רעגירונגס=צייטונגען אַלע געהיימע דיפּלאָמאַטישע אָפּמאַכן, וועלכע די צאַרישע און די צייטווייליקע רעגירונגען האָבן געשלאָסן מיט אַנדערע רע=גירונגען.

דער איינדרוק פון די אַלע דיפּלאָמאַטישע טריט איז געווען אַ קאָלאָ=סאַלער. אַלע האָבן זיך איבערצייגט, אַז די באָלשעוויסטישע מאַכט וועט בנוגע צו דער שלום=פראַגע באַנוצן זיך מיט דער זעלביקער דרייסטקייט און ענערגיע, ווי צו אַלע איבעריקע אינערלעכע מלוכה=פראַגן, און אַז עס איז טאַקע גע=קומען די לאַנג=ערוואַרטע שעה, ווען מען הויבט אָן ערנסט צו טראַכטן וועגן שלום.

די פאָרשטייער פון די אַנטאַנטע=מלוכות, וועלכע האָבן בעת דער פעב=רואַר=רעוואָלוציע אָנערקענט די רעוואָלוציאָנערע רעגירונג נאָך איידער עס איז געווען קלאָר, צי די נייע רעוואָלוציאָנערע רעגירונג האָט מנצח געווען, האָט איצט זיך ניט געמאַכט וויסנדיק פון אַלע געשעענישן און איבערקערענישן, וועלכע זיינען פאָרגעקומען אין פעטערבורג.

אין סמאָלני פלעגן זיך פון צייט צו צייט באַווייזן פאָרשטייער פון די אויסלענדישע מיסיעס, אָבער זיי פלעגן זיך האַלטן גאַנץ פּריוואַט און האָבן מיט אַלע מיגלעכקייטן זיך באַמיט אויסצומיידן יעדעס וואָרט, וואָס האָט גע=קאָנט אויסגעטייטשט ווערן, אַז זיי אָנערקענען די נייע מאַכט.

ווען די נייע מאַכט האָט זיך געווענדט צו די אַלע דיפּלאָמאַטישע פאָר=שטייער מיט דעם שלום=פאָרשלאָג, האָבן זיי אַלע אויף אים געענטפערט מיט אַ שטיל=שווייגן, וועלכע האָט ביי יענער צייט גאַנץ גענוג באַדייט.

איגיכן אָבער האָבן די אַלע דיפּלאָמאַטן זיך געמוזט אַנטזאָגן פון זייער שוויג-פּאָליטיק און אָנהויבן צו ריידן. דאָס איז געשעען, ווען עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער פּרוב פון דעם גענ. דוכאָנין, וועלכער איז איגגאַנצן געווען אונטער דער השפעה פון די אויסלענדישע מיסיעס און פון די אַנטי-באָל-שעוויסטישע פּאַרטייען, וועלכע זיינען אויך געווען גענוג פאַרבונדן מיט די אויסלענדישע מיסיעס, צו פאַרציען די אונטערהאַנדלונגען מיט דער צענטראַ-לער באָלשעוויסטישער מאַכט וועגן דעם שלום-פּאָרשלאָג, האָט ניט געלונגען; נאָך אַ קאַטעגאָרישער און אולטימאַטיווער פאָדערונג פון׳ פאָלקס-קאָמיסאַר קרי-לענקאָ צוצוטרעטן תיכף צו די אונטערהאַנדלונגען מיט דער אַרמיי-לייטונג פון שונא, האָט דוכאָנין געמוזט געבן אַ קלאָרן ענטפער און מודה זיין, אַז ער געפינט ניט פאַר מעגלעך צו פירן אַזעלכע אונטערהאַנדלונגען, נאָך וואָס די באָלשעוויסטישע רעגירונג האָט תיכף-ומיד אים באַזייטיקט פון זיין פּאָסטן און באַשטימט אויף זיין אָרט דעם פּראַפּאָרשציק קרילענקאָ.

די ראַטן-רעגירונג האָט זיך אָבער דערביט ניט באַנוגנט, ווייל זי האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אַז די גאַנצע מיליטערישע הויפּט-קוואַרטיר מיט דעם גאַנצן אַרמיי-אַפּאַראַט איז געוואָרן אַ־צט אַ צענטער פאַר אַלע אָפּאָזיציאָנעלע עלעמענטן און האָט זיך דעריבער געווענדט דירעקט צו די סאָלדאַטן און באַפולמעכטיקט יענע פאָלקן, וואָס זיינען געשטאַנען אויף די פּאָזיציעס, אַליין אָנצוהויבן פאָרמעלע אונטערהאַנדלונגען מיט דעם שונא וועגן אַ וואָפנשטיל-שטאַנד.

די רעגירונג איז אָבער ניט געווען זיכער, אַז דער שונא וועט זיין גרייט צו פירן אונטערהאַנדלונגען וועגן שלום און וואָפנשטילשטאַנד מיט יעדער איינציקן פאָלק באַזונדער, און דער נייער העכסטער קאָמאַנדיר, קרילענקאָ, האָט דעריבער מסכים געווען אויף דעם פאָרשלאָג פון דעם קאָמיטעט פון דער 5 אַרמיי צו שיקן פאַרלאַמענטיאָרן צום שונא און אָנהויבן די שלום-אונ-טערהאַנדלונגען.

קרילענקאָ איז אַוועקגעפאָרן קיין דווינסק, וואו עס איז געווען די קאָ-מאַנדע פון דער 5-טער אַרמיי, און דאָרט האָט קרילענקאָ באַפולמעכטיקט דריי פאַרלאַמענטיאָרן איבערצוגיין אין די דייטשע אָקאָפּעס און מאַכן אַ פאָר-מעלע אָנפראַגע, צי איז די דייטשע הויפּט-קאָמאַנדע גרייט אָנצוהויבן אונטער-האַנדלונגען וועגן אַ וואָפנשטילשטאַנד און ביי אַ פּאָזיטיוון ענטפער באַשטימען תיכף דעם אָרט און די צייט, ווען די פאָרשטייער פוןביידע צדדים וועלן זיך קאָנען צונויפטרעפן, כדי צו פירן די ווייטערדיקע אונטערהאַנדלונגען.

די באָלשעוויסטישע פאַרלאַמענטיאָרן זיינען אַריבער צו די דייטשן, וועלכע האָבן זיי פריינדלעך אויפגענומען און איבערגעגעבן זיי אַ תשובה פון דער העכסטער דייטשער קאָמאַנדע מיט אַ פולקומע און פאָרמעלע הסכמה אָנהויבן איגיכן פירן אונטערהאַנדלונגען וועגן וואָפנשטילשטאַנד אויף אַלע פראָנטן און אָפּשטעלן תיכף די שיסערייען און דעם ברודער-קריג.

אַ ענליכע הסכמה איז אויך אָנגעקומען פון דער עסטרייכישער רעגירונג און אויף אַזאַ אופן איז די פראַגע וועגן די שלום=אונטערהאַנדלונגען געוואָרן פראַקטיש און אַקטועל.

די דאָזיקע הסכמה פון דער דייטשער און עסטרייכישער רעגירונגען צו פירן שלום=אונטערהאַנדלונגען מיט דער ראַטן=מאַכט איז געווען אַ גרויסער נצחון פון דער דאָזיקער מאַכט, ווייל די דאָזיקע הסכמה האָט קודם=כל באַוויזן, אַז אַלע טענות פון די באָלשעוויסטישע קעגנער, אַז די דייטשע רעגירונג וועט ניט אָנערקענען די „מאַכט=פאַרכאַפּער" זיינען לחלוטין גרונדלאָז. דער עיקר איז אָבער געווען, וואָס די דאָזיקע התחלה פון די שלום=אונטערהאַנדלונגען האָט אַרויסגערופן אַ מוראדיקן ענטוזיאַזם אין די ברייטע סאָלדאַטישע רייען און פאַרבונדן אויף דעם שטאַרקסטן אופן די סאָלדאַטן=מאַסן מיט דער ראַטן=מאַכט.

די באָלשעוויסטישע רעגירונג האָט אָבער גאַנץ גוט פאַרשטאַנען, אַז ניט דער ענטוזיאַזם פון די אָקאָפּן=סאָלדאַטן, וואָס לעכצן נאָך שלום, קאָן דינען אַלס קריטעריום פאַר דער ריכט=ליניע פון דער רעגירונגס פּאָליטיק, נאָר די באַציאונג פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט צו דער אַרבעטער= און פויערים=רעגירונג. זי האָט דעריבער געהעריק אָפּגעשאַצט די גרויסע סכנה, וואָס סעפּאַראַטע אונטערהאַנדלונגען מיט דייטשלאַנד און עסטרייך קאָנען שאַפן פאַר דער אַלוועלטלעכער אַרבעטער=באַוועגונג און פאַר דער אַלוועלטלעכער שטרעבונג צום שלום.

דער ראַט פון די פאָלקס=קאָמיסאַרן האָט דעריבער פאַרעפנטלעכט אַ נייע ווענדונג צו אַלע פאַרבונדעטע מלוכות און האָט זיי מודיע געווען וועגן דער הסכמה פון דער דייטשער רעגירונג אָנהויבן צו פירן שלום=אונטערהאַנדלונגען מיט רוסלאַנד און האָט געפאָדערט אַ קלאָרן און דייטלעכן ענטפער, צי זיי זיינען מסכים צושטיין צו די דאָזיקע שלום=אונטערהאַנדלונגען.

— דאָס רוסישע פאָלק וויל ניט און קאָן ניט וואַרטן מער מיט דעם שלום. אויב די פאַרבינדעטע מלוכות וועלן ניט שיקן זייערע פאָרשטייער, וועלן מיר אַליין פירן די אונטערהאַנדלונגען מיט די דייטשן. אויב די בורזשואַזיע פון די פאַרבינדעטע מלוכות וועט אונז נויטן צו שליסן אַ סעפּאַראַטן שלום, זאָל אויף איר פאַלן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט דערפאַר. אַזוי אָפן האָט גערעדט די אַרבעטער= און פויערים=רעגירונג און האָט אויף אירע אָפענע ווערטער געפאָדערט אַן ענטפער ניט נאָר פון די רעגירונגען, נאָר אויך פון די פאָלקס=מאַסן און פון די אַרבעטער, אָבער קיין באַפרידיקנדיקן ענטפער האָט די ראַטן=רעגירונג ניט באַקומען.

די אַרבעטער=מאַסן פון אַלע אייראָפּייאישע לענדער האָבן אינגאַנצן געשוויגן און אין נאָמען פון די פאַרבינדעטע רעגירונגען, וועלכע האָבן ניט געוואָלט אָנערקענען די באָלשעוויסטישע מאַכט, זיינען אַרויסגעטראָטן ניט די דיפּלאָמאַטישע פאָרשטייער, נאָר די מיליטערישע וועלכע זיינען געווען פאַרטראָטן ביי דער רוסישער הויפּט=קאָמאַנדע.

צום ערשטן איז אַרויסגעטראָטן דער שעף פון דער פראַנצויזישער מיליטערישער מיסיע, וועלכער האָט צוגעשיקט צו דעם גענ. דוכאָנין אַ בריוו און ערקלערט, אַז די פראַנצויזישע רעגירונג אָנערקענט ניט די מאַכט פון די פאָלקס־קאָמיסאַרן און האָפט, אַז די רוסישע הויפט־קאָמאַנדע וועט ניט אָנטייל נעמען אין די פאַרברעכערישע אונטערהאַנדלונגען און וועט ווייטער האַלטן די רוסישע אַרמיי קעגן דעם אַלגעמיינעם שונא.

די אַמעריקאַנער מיסיע האָט זיך ניט באַנוצט מיט אַזעלכע ענערגישע ווערטער, אָבער זי האָט אויך קאַטעגאָריש פּראָטעסטירט קעגן אַ סעפּאַראַטן וואָפנשטילשטאַנד.

די ענגלישע פאָרשטייערשאַפט האָט ניט געגעבן קיין קלאָרן ענטפער אויף דער פראַגע וועגן די אונטערהאַנדלונגען, נאָר האָט בכלל אונטערגעשטראָכן, אַז די אונטערהאַנדלונגען צווישן רוסלאַנד און דייטשלאַנד האָבן זיך אָנגעהויבן נאָך איידער די פאַרבינדעטע מלוכות האָבן דערפון געוואוסט.

דער פאָלקס־קאָמיסאַר טראָצקי האָט פאַרשיידן רעאַגירט אויף די אַלע נאָטעס: אויף די ערקלערונגען פון דעם פראַנצויזישן און אַמעריקאַנישן מיליטערישע פאָרשטייער, מיט וועלכע זיי האָבן זיך געווענדט צו דעם פאָרשטייער פון די אַנטי־באָלשעוויסטישע גרופּן, צו דעם גענ. דוכאָנין, האָט טראָצקי רעאַגירט מיט אַ שאַרפן פּראָטעסט קעגן דעם, וואָס אויסלענדישע דיפּלאָמאַטן ערלויבן זיך אַרײַנצומישן אין די אינערלעכע פּאַרטיי־קאַמפן.

מיט דעם ענגלישן פאָרשטייער, וועלכער האָט זיך באַקלאָגט, אַז די רוסישע רעגירונג האָט אַוועקגעשטעלט די פאַרבינדעטע פאַר אַ געשעענעם פאַקט, האָט טראָצקי געפּרובט אַרײַן אין אַ פּאָלעמיק און דערוויזן, אַז דער ערשטער פאָרמעלער שלום־פאָרשלאָג איז נאָך געמאַכט געוואָרן דעם 26 אָקטאָבער אין דעם באַוואוסטן שלום־דעקרעט. חוץ דעם, האָט טראָצקי ערקלערט, אַז די רוסישע רעגירונג וועט אין איר קאַמף פאַרן שלום ניט רעכענען זיך מיט דער הסכמה אָדער ניט־הסכמה פון דער אָדער יענער פאַרבינדעטער רעגירונג, ווייל די ראַטן־רעגירונג וויל זיך רעכענען ניט מיט די אימפּעריאַליסטישע רעגירונגען, נאָר מיט די אינטערעסן פון אַרבעטער־קלאַס און נאָר צוליב דעם שטרעבט זי צו אַן אַלגעמיינעם און ניט צו אַ סעפּאַראַטן שלום.

די נייטראַלע רעגירונגען, חוץ שפּאַניע, האָבן אויך פאַרשוויגן די ווענדונג פון דער ראַטן־רעגירונג און ביי אַזאַ לאַגע האָבן זיך געזעצט ביים טיש אין בדיסק, ביי וועלכן עס האָבן זיך געדאַרפט דעם 19 נאָוועמבער אָנהויבן די שלום אונטערהאַנדלונגען, נאָר די רוסישע דעלעגאַציע קעגן די פאָרשטייער פון צלע צענטראַלע מלוכות.

כדי צו באַווייזן דעם פּאַרטנער, אַז ער האָט צו טאָן מיט אַ רעגירונג און ניט מיט פּאַרכאַפּער, וועמענס מאַכט פאַרשפּרייט זיך ניט אפילו אויף אַזאַ וויכטיקע מיליטערישע אינסטיטוציע, ווי די הויפּט־קוואַרטיר פון דער אַרמיי, האָט מען געמוזט די דאָזיקע הויפּט־קוואַרטיר אומבאַדינגט באַהערשן. דער נייער־

העכסטער קאָטאַנדיר, דער גלאַווקאָוועריך קרילענקאָ, איז טאַקע אַרויסגעטראָטן קעגן די מאָהילעווער קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן און דער דאָזיקער לעצטער פונקט פון די באָלשעוויסטישע קעגנער איז איינגיכן געפאַלן און דער גאַנצער מיליטערישער אַפּאַראַט איז אַריינגעפאַלן אין די הענט פון די באָלשעוויסטישע טיילן, וועלכע זיינען אַריינגעגאַנגען, מיט קרילענקאָ בראש, אין מאָהילעוו.

דער גענ. דוכאָנין איז אַרעסטירט געוואָרן און אויפן וואָקזאַל דערהרגעט געוואָרן דורך סאָלדאַטן און מאַטראָסן, ביי וועלכע דער דאָזיקער גענעראַל איז געווען דער לעבעדיקער סימוואָל פון אַלע אַנטי־באָלשעוויסטישע כוחות.

גענ. דוכאָנין איז געפאַלן אַלס איינציקער קרבן ביי דער ליקווידאַציע פון דער הויפט־קוואַרטיר. די פּאָליטיקער און פּאַרטיי־פירער, וועלכע האָבן געשטופּט דעם גענ. דוכאָנין, זיינען ביי־צייטנס אַוועק און איבערגעלאָזן דעם גענעראַל, וועלכער האָט זיך איינגאַנצן געלאָזט פירן פון די רעכטע פּאַרטיי־פירער, און דאָס האָט אים טאַקע דערפירט צו אַזאַ שרעקלעכן און טראַגישן סוף.

---

## .XVIII

די ערשטע באַגעגעניש צווישן די פאָרשטייער פון די רוסישע און דייטשע אַרמייען ביי דווינסק האָט געבראַכט צו גוטע רעזולטאַטן; די דייטשע רעגירונג האָט מסכים געווען אָנהייבן צו פירן אונטערהאַנדלונגען מיט דער באָלשעוויסטישער רעגירונג וועגן אַ וואָפנשטילשטאַנד אויף אַלע פראָנטן.

די הסכמה צו פירן די דאָזיקע אונטערהאַנדלונגען איז געגעבן געוואָרן אין נאָמען פון דער דייטשער הויפט־קאָמאַנדע. דאָרט האָט זיך גערעדט וועגן ריין־טעכנישע פראַגן און די פרינציפיעלע יסודות, אויף וועלכע דער וואָפנשטילשטאַנד און נאָכהער דער שלום קען געשלאָסן ווערן, זיינען להלוטין ניט באַרירט געוואָרן.

אַ סך וויכטיקער איז געווען דער ענטפער, וואָס האָט געגעבן די עסטרייכישע רעגירונג אויף דעם ראַדיאָטעלעגראַפישן פאָרשלאָג אָנצוהייבן אונטערהאַנדלונגען וועגן וואָפנשטילשטאַנד: די עסטרייכישע רעגירונג האָט אָפן ערקלערט, אַז זי איז גרייט אָנצונעמען פאַר אַ יסוד דאָס שלום־פראָגראַם פון דער רוסישער רעגירונג, אין וועלכער, ווי מיר ווייסן, איז אַרויסגעזאָגט געוואָרן אַ פאָדערונג פון אַ שלום אָן אַנעקסיעס און קאָנטריבוציעס מיט גאַראַנטיעס אויף דער אַליין־באַשטימונג פון די פעלקער.

דער צוטריט צו די שלום־אונטערהאַנדלונגען איז געווען אַ געוואַלדיקער נצחון פון דער באָלשעוויסטישער מאַכט, ווייל ביז איצט האָבן אַלע קעגנער פון דער נייער מאַכט געטענהט אין איין קול, אַז קיין רעגירונג וועט ניט וועלן רעדן מיט די מאַכט־פאַרכאַפּער.

עס פאַרשטייט זיך, אַז די זעלביקע גרופּן, וועלכע זיינען פריער אַזוי

געווען איבערצייגט אין דעם מיסערפאָלג פון די באָלשעוויסטישע שטרעבונגען צו שלום־אונטערהאַנדלונגען, האָבן איצט, ווען די צענטראַלע מליכות האָבן מסכים געווען צו זעצן זיך ביי איין טיש מיט די באָלשעוויקעס, אָנגעהויבן צו טענהן, אַז די אַלע געפּלאַנעוועטע אונטערהאַנדלונגען זיינען בלויז אַ פּוסטע קאָמעדיע, ווייל די באָלשעוויקעס האָבן שוין שטילערהייט און פון לאַנג פאַרקויפט רוסלאַנד און די בריסקער שלום־אונטערהאַנדלונגען וועלן נאָר פאָרמעל באַשטעטיקן דעם פאַקטישן פאַרראַט, וועלכן די באָלשעוויקעס האָבן געטאָן בנוגע צו רוסלאַנד.

ביי אַזאַ העצע־שטאָף, וואָס די קומענדיקע שלום־אונטערהאַנדלונגען האָבן געגעבן, האָט זיך געפאָדערט פיל טאַקט און פּאָליטישע קלוגהייט, כדי צוצוטרעטן צו די דאָזיקע אונטערהאַנדלונגען.

עס האָט זיך קודם־כל געפאָדערט צוזאַמענשטעלן אַזאַ קאָמיסיע פון אַזעלכע מענטשן, וואָס פאַרמאָגן די דאָזיקע אייגנשאַפטן.

די רעגירונג איז אין יענע צייטן שוין געווען אַ קאָאַליציאָנעלע פון באָלשעוויקעס און לינקע ס.ר., און די שלום־דעלעגאַציע האָט אַלזאָ אויך געמוזט באַשטיין פון פאָרשטייער פון ביידע רעגירונגס־פּאַרטייען. חוץ דעם האָט די רעוואָלוציאָנערע רעגירונג געוואָלט באַווייזן פאַר דער גאַנצער וועלט, אַז זי רעפּרעזענטירט די רוסישע פּויערים, אַרבעטער און סאָלדאַטן, און דעריבער איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז אין דער דעלעגאַציע מוזן אַריינגיין אויך באַזונדערע פאָרשטייער פון אַרבעטער, פּויערים און סאָלדאַטן.

די גאַנצע דעלעגאַציע איז באַשטאַנען פון פּראָפעסיאָנעלע רעוואָלוציאָנערן און חוץ דעם דעלעגאַט מסטיסלאַווסקי, וועלכער האָט געהאַט אַ שייכות צו דעם אַלטן גענעראַל־שטאַב, זיינען אַלע איבעריקע מיטגלידער פון דער דעלעגאַציע געווען ציווילע מענטשן, וועלכע האָבן קיין שום שייכות ניט געהאַט ניט מיט מיליטערישע און ניט מיט דיפּלאָמאַטישע ענינים.

כדי נאָך בולטער צו מאַכן דעם רעוואָלוציאָנערן צוזאַמענשטעל פון דער רוסישער שלום־דעלעגאַציע, איז דאָרט אויך געווען די באַקאַנטע רעוואָלוציאָנערין און טעראָריסטין ביצענקאָ, וועלכע האָט אין 1905 יאָר דערשאָסן דעם גובערנאַטאָר סאַכאַראָוו און וועלכע די פעברואַר־רעוואָלוציע האָט באַפרייט פון קאַטאָרגע.

אָבער די אימפּאָזאַנטסטע און די משונהדיקסטע פיגור אויף דער בריסקער שלום־קאָנפערענץ איז בלי ספק געווען דער מיטגליד פון אַלרוסישן פּויערים־צוזאַמענפאָר סטאַשקאָוו, אַ פּשוטער פּויער פון דאָרף, וועלכער האָט מיט זיין גרויסע שיווע באָרד, פּויערשע סערמיעגע און אַלע זיינע מנהגים, אַ סך מער געפּאַסט פאַר אַ דאָרפישן גלח, איידער פאַר אַ לינקן ס. ר. אָט דער פּויער צוזאַמען מיט דער טעראָריסטין ביצענקאָ האָבן געדאַרפט רעפּרעזענטירן דאָס פּויערשע רוסלאַנד אין דער זעלביקער צייט, וואָס קאַמעניעוו, סאָקאָלניקאָוו, אַ סאָלדאַט און אַ מאַטראָס האָבן געדאַרפט רעפּרעזענטירן די אַרבעטער־מאַסן,

סאָלדאַטן און מאַטראָסן פון ראַטן-רוסלאַנד, וואָס שטרעבט צו שלום מיט די דייטשע אימפעריאַליסטן און גענעראַלן.

דעם 18 נאָוועמבער איז די דאָזיקע דעלעגאַציע אַרויסגעפאָרן פון פעטערבורג דורך דווינסק קיין בריסק. אין דווינסק און אין די אָקאָפעס האָט די דעלעגאַציע געהאַט אַמיגלעכקייט צו איבערצייגן זיך, אַז די גרויסע סאָלדאַטן-מאַכן באַציִען זיך מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט צו אירע אויפגאַבן און וואַרטן מיט דעם גרעסטן אומגעדולד אויף די רעזולטאַטן פון איר אַרבעט.

די שלום-דעלעגאַציע איז געקומען צו דעם נייטראַלן פאַס, וואו אויף זיי האָבן געוואַרט די דייטשע פאָרשטייער. זיי האָט מען שוין איצט ניט פאַרבונדן די אויגן, ווי די דייטשן האָבן געטאָן מיט די ערשטע רוסישע פּאַרלאַמענטאַרן, אָבער אין דעם גאַנצן וועג פון אונטער דווינסק ביז בריסק האָט די רוסישע דעלעגאַציע ניט געהאַט קיין מיגלעכקייט צו זעען כאָטש איין לעבעדיקן מענטשן, חוץ די עטלעכע אָפיצירן, וועלכע האָבן זיי באַגלייט דעם גאַנצן וועג.

ווען די דאָזיקע שלום-דעלעגאַציע איז געקומען צופאָרן קיין בריסק, האט זי זיך דאָרט באַגעגנט ניט מיט פאָרשטייער פון דייטשע אַרבעטער און פויערים, נאָר מיט דעם הויפּט-קאָמאַנדיר פון מזרח-פראָנט, פּרינץ לעאָפּאָלד פון ביירן, און מיט זיין שטאַב-נאַטשאַלניק, גענ. האָפמאַן, וועלכער האָט פאַקטיש געפירט די אונטערהאַנדלונגען מיט דער רוסישער דעלעגאַציע.

ביי אַזאַ צוזאַמענשטעל פון דער דייטשער שלום-דעלעגאַציע איז קלאָר געווען פון די ערשטע טריט, אַז ביידע דעלעגאַציעס וועלן מסתמא ניט געפינען קיין געמיינזאַמע ווערטער, כדי צו פאָרמולירן די געמיינזאַמע שטרעבונגען צום שלום, וועלכע ביידע דעלעגאַציעס האָבן ניט פאַרבאָרגן פון קיינעם.

די רוסישע שלום-דעלעגאַציע האָט שוין אויף דער ערשטער זיצונג ערקלערט, אַז זי איז געקומען קיין בריסק, כדי אַוועקצושטעלן די פראַגע וועגן אַ שלום אויף אַלע פראָנטן, וועלכער דאַרף געשלאָסן ווערן אויף דעם יסוד פון דער רוסישער שלום-פאָרמולע, און האָט דעריבער פאָרגעלייגט, אַז מען זאָל זיך תיכף ווענדן צו אַלע איבעריקע לענדער, וועלכע זיינען אין בריסק ניט פאַרטראָטן, אַז זיי זאָלן אויך נעמען אָנטייל אין די אונטערהאַנדלונגען. די דייטשע גענעראַלן, אין נאָמען פון אַלע איבעריקע דעלעגאַטן, האָבן אָבער דערויף געענטפערט, אַז זיי זיינען מיליטער-מענטשן און האָבן ניט קיינע פולמאַכטן צו ריידן וועגן וועלכע עס איז פּאָליטישע פראַגן, נאָר זייער גאַנצע און איינציגע אויפגאַבע איז צו באַטראַכטן און ערליידיקן די פראַגע וועגן אַ וואָפנשטילשטאַנד.

די רוסישע דעלעגאַציע האָט דעמאָלט פאָרגעלייגט, אַז דייטשלאַנד זאָל נאָכטאָן רוסלאַנד און זיך ווענדן מיט אַ שלום-פאָרשלאָג צו אַלע לענדער, וואָס פירן מלחמה, אָבער די דייטשע דעלעגאַציע האָט דעם דאָזיקן פאָרשלאָג אויך אָפּגעוואָרפן און ערקלערט, אַז דייטשלאַנד האָט שוין עטלעכע מאָל פאָרגעלייגט שלום, אָבער אירע קעגנער האָבן אַלע אַזעלכע פאָרשלאָגן אָפּגעוואָרפן.

אָנשטאָט אַלגעמיינע פּאָליטישע פראַגן, מיט וועלכע די דייטשן האָבן לחלוטין ניט געוואָלט פאַרנעמען זיך, האָט דער דייטשער גענעראַל האָפמאַן פאָרגעלייגט, אַז די רוסישע דעלעגאַטן זאָלן איבערגיין צו פּראַקטישע פראַגן און אַרויסזאָגן זייערע תּנאים פון אַ וואָפנשטילשטאַנד. די רוסישע דעלעגאַציע האָט דעם פאָרשלאָג אָנגענומען און האָט אַרויסגעשטעלט אַזעלכע באַדינגונגען, וועלכע די דייטשן האָבן אויסגעהערט מיט דעם גרעסטן וואונדער. די דאָזיקע רוסישע פאָדערונגען האָבן ניט קיין קלענערן וואונדער אַרויסגערופן אפילו אין יענע רוסישע געזעלשאַפטלעכע קרייזן, וועלכע האָבן די גאַנצע צייט געפירט אַן אויסגעשלאָסענע אַנטי־באָלשעוויסטישע פּאָליטיק.

די דייטשע גענעראַלן האָבן גאַנץ גוט געוואוסט דעם צושטאַנד פון דער רוסישער אַרמיי, וועלכע איז דעמאָלט געווען לחלוטין אומבּעאיק ווייטער צו פירן אַ קאַמף. זיי האָבן דעריבער געגלויבט, אַז די באָלשעוויסטישע שלום־דעלעגאַטן ווילן נאָר מאַכן אַן אָנשטעל מיט די אונטערהאַנדלונגען און וועלן אונטערשרייבן יעדע באַדינגונגען, וועלכע די דייטשע גענעראַלן וועלן זיי מיט חסד פאָרלייגן.

די רוסישע אַנטי־באָלשעוויסטישע קרייזן זיינען געווען קעגן דער גאַנצער שלום־פּאָליטיק פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי און זיינען געווען איבער־צייגט, אַז די גאַנצע שלום־פּאָליטיק פון די באָלשעוויקעס איז אַ פאַרראַט קעגן רוסלאַנד, וואָס איז שוין לאַנג פאַרקויפט געוואָרן דורך די באָלשעוויקעס צו דייטשלאַנד,—אָט די אַלע קרייזן זיינען אויך געווען איבערצייגט, אַז די אונטערהאַנדלונגען אין בריסק זיינען נאָר אַ פּוסטע קאָמעדיע, מיט וועלכער די באָלשעוויקעס ווילן ווי עס איז באַדעקן זייער פאַרראַט.

די דייטשע גענעראַלן און די רוסישע באָלשעוויסטישע קעגנער האָבן טאַקי בשום אופן ניט געקאָנט פאַרשטיין די פאָלגנדיקע דריי פאָדערונגען, וועלכע קאַמענעוו אין נאָמען פון דער רוסישער שלום־דעלעגאַציע האָט אַרויס־געשטעלט אין בריסק:

1) רוסלאַנד וויל אַזאַ דויערנדיקן וואָפנשטילשטאַנד, כּדי עס זאָל זיך קאָנען צונויפזאַמלען אַ שלום־קאָנגרעס פון אַלע פעלקער.

2) אין צייט פון וואָפנשטילשטאַנד האָט דייטשלאַנד ניט קיין רעכט איבערצוּוואַרפן מיליטער פון איין פראָנט אויף דעם צווייטן.

3) דייטשלאַנד דאַרף אָפּרייניקן די אינזלען מאָנזונד פון ריגער אויסגוס.

גען. האָפמאַן האָט ערקלערט, אַז אַזעלכע באַדינגונגען וואָלט מען גע־קאָנט פאָרלייגן דייטשלאַנד, ווען רוסלאַנד וואָלט זיך געקאָנט באַרימען מיט אַ נצחון איבער דייטשלאַנד.

די דייטשע אָפיציעלע און האַלב־אָפיציעלע פּרעסע האָט אויך געטענהט, אַז די רוסישע שלום־פּראָיעקטן לגבי דעם מיליטערישן מצב פון רוסלאַנד איז לחלוטין ניט צו פאַרשטיין.

די גענעראַלן און זייערע פרעסע-דינער האָבן ניט געוואָלט פאַרשטיין, אַז די גבורה און די דרייסטקייט פון די רוסישע דעלעגאַטן שטאַמען ניט פון דעם גלענצנדיק מיליטערישן מצב פון דער רוסישער אַרמיי, נאָר פון דעם רעוואָלוציאָנערן ענטוזיאַזם און פון דער פעסטער איבערצייגונג, אַז די תנאים, וואָס די רוסישע שלום-דעלעגאַציע האָט אַרויסגעשטעלט, שטימען מיט די אינטערעסן פון אַלע קעמפנדיקע פעלקער, וואָס לעכצן נאָך אַן אמת-דעמאָקראַטישן און יושרדיקן שלום.

די דייטשע גענעראַלן, וועלכע האָבן פאַקטיש געפירט די גאַנצע אונטערהאַנדלונגען, האָבן אָנשטאָט אַלע רוסישע שלום-דעקלאַראַציעס פאַרגעלייגט אַ סעפּאַראַטן וואָפנשטילשטאַנד, וועלכער זאָל זיין חל אויף אַלע פראָנטן פון שווארצן ביז דעם באַלטישן ים און וועלכער האָט אויסגעשלאָסן דעם גאַנצן מערב-פראָנט, וואו זיי האָבן זיך איבערגעלאָזט פולקום פרייע הענט.

די רוסישע שלום-דעלעגאַציע האָט אויף אזא סעפּאַראַטן וואָפנשטילשטאַנד ניט געוואָלט מסכים זיין און האָט ערקלערט, אַז די מוז אָפּפאָרן קיין פעטערבורג נאָך נייע אינסטרוקציעס און כדי מאַכן נאָך אַמאָל אַ פּרוב צו ווירקן אויף די פאַרבינדעטע, אַז זיי זאָלן אויך צוטרעטן צו די שלום-אונטערהאַנדלונגען.

אָבער ווען דער דאָזיקער לעצטער פּרוב האָט געבראַכט צו די זעלביקע רעזולטאַטן, ווי אַלע פריערדיקע און די אַנטאַנטע-מלוכות האָבן בשום אופן ניט געוואָלט צושטיין צו דער שלום-איניציאַטיוו פון דער באָלשעוויסטישער רעגירונג, האָט דער צ. א. ק. אָנגענומען אַ רעזאָלוציע, אין וועלכער די שלום-דעלעגאַציע איז באַפולמעכטיקט געוואָרן „אָנצונעמען אַלע נויטיקע טריט צו פאַרווירקלעכן אַ גיכסטן וואָפנשטילשטאַנד אין דעם קאַמף כדי אַן אַלגעמיינעם שלום פון אַלע פעלקער אויף דעמאָקראַטישע יסודות". די רוסישע שלום-דעלעגאַציע איז אַוועקגעפאָרן צום צווייטן מאָל קיין בריסק און האָט דאָרט אַן לאַנגע שהיות אונטערגעשריבן דעם 2 (15) דעצעמבער דעם אָפּמאַך וועגן וואָפנשטילשטאַנד צווישן רוסלאַנד פון איין זייט און דייטשלאַנד, עסטרייך, טערקיי און בולגאַריע פון דער צווייטער.

דער בריסקער אונטערגעשריבענער אָפּמאַך וועגן וואָפנשטילשטאַנד איז געווען דער ערשטער, וואָס איז געשלאָסן געוואָרן זינט די גרויסע וועלט-מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן, און דאָס אַליין האָט געהאַט אַ קאָלאָסאַלע באַדייטונג. נאָך וויכטיקער איז אָבער געווען, וואָס אַלע באָלשעוויסטישע קעגנער, וועלכע האָבן אין משך פון די אונטערהאַנדלונגען געטענהט, אַז די דייטשן פאָדערן פון די באָלשעוויקעס, אַז זיי זאָלן פאַרלאָזן פינלאַנד און אַפילו אַרויסגיין פון פעטערבורג און צוריקציען דעם פראָנט אויף הונדערט וויאָרסט, האָבן געמוזט אָנערקענען איצט, אַז די אַלע מעשיות האָבן קיין שום גרונד ניט און אַז דאָס זיינען געמיינע בלבולים, וועלכע מען האָט געקאָנט פאַרשפּרייטן נאָר מיט אַ בייזן ווילן.

דער צווייטער נצחון פון דער רוסישער שלום־דעלעגאַציע איז געווען די דייטשע הסכמה, אַז סאָלדאַטן פון ביידע קעגנערישע פראָנטן, די רוסישע און די דייטשע, זאָלן זיך קאָנען „ברידערן" אין דער צייט פון וואָפנשטילשטאַנד.

אמת, די דייטשן האָבן אַרויסגעשטעלט אַ גאַנצע ריי פאָדערונגען בנוגע צום „ברידערן", וועלכע האָבן געדאַרפט טראָגן אַ אָרגאַניזירטן כאַראַקטער און אין וועלכע האָבן געקאָנט אָנטייל נעמען אויף יעדער „ברידערן־פונקט" ניט מער ווי 25 סאָלדאַטן פון יעדער צד. אָבער ניט קוקנדיק אויף אַלע באַגרענצונגען, האָט דאָך געהאַט אַ גרויסע מאָראַלישע און אַגיטאַציאָנעלע באַדייטונג דער פאַקט, וואָס די זעלביקע סאָלדאַטן, וועלכע פלעגן ביז איצט קאָנען נאָר שיקן קוילן איינע, דעם צווייטן, האָבן זיך איצט נעקאָנט פרידלעך צוזאַמענטרעפן, רואיק שמועסן, בייטן זיך מיט צייטונגען און אפילו איבערשיקן בריוו אין די פיינד־לענדער, וועלכע זיינען ביז איצט געווען אָפּגעצוימט איינע פון דער צווייטער מיט וויאָרסט־לאַנגע דראָט־צאַמען.

אַ גרויסע באַדייטונג האָט אויך געהאַט דער באַשלוס, אַז ביידע צדדים האָבן מסכים געווען אָנצונעמען מיטלען, כּדי אומצוקערן די ציוויל־געפאַנגענע, פאַרבעסערן די לאַגע פון די קריגס־געפאַנגענע און שאַפן אַ מיגלעכקייט פאַר אַלע לענדער, וואָס האָבן דעם וואָפנשטילשטאַנד געשלאָסן, אָנהייבן צווישן זיך קולטורעלע און ווירטשאַפטלעכע פאַרבינדונגען.

די גרעסטע באַדייטונג האָט אָבער געהאַט יענער פונקט פון אָפּמאַך וועגן דעם וואָפנשטילשטאַנד, וועלכער האָט באַרירט די פראַגע וועגן דעם טערמין, אויף וועלכן דער וואָפנשטילשטאַנד איז געשלאָסן געוואָרן.

די רוסישע שלום־דעלעגאַציע האָט פאָרגעלייגט אַ וואָפנשטילשטאַנד אויף 6 חדשים, כּדי אין משך פון דער צייט זאָלן די פעלקס־מאַסן פון אַלע מלחמה־לענדער שאַפן מיט זייערע שלום־אַרויסטרעטונגען אַ פאַסנדיקע קאָניונקטור פאַר די שלום־אונטערהאַנדלונגען.

די דייטשע גענעראַלן האָבן אָבער ניט געוואָלט אונטערשרייבן אַזאַ לאַנגן וואָפנשטילשטאַנד, ווייל זיי האָבן מורא געהאַט פאַר זייערע אייגענע אַרבעטער און האָבן ניט ווייניקער מורא געהאַט פאַר דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין די פיינט־לענדער, וועלכע קאָן זיך אַריבערוואַרפן אויך קיין דייטשלאַנד. די דייטשע גענעראַלן האָבן געשטרעבט צו אַ גיכן סעפּאַראַטן שלום מיט רוסלאַנד, כּדי זיי זאָלן קאָנען אויסנוצן די דייטשע אַרמייען פון מזרח־פראָנט אין די קאַמפן אויף דעם מערב־פראָנט.

די דייטשע שלום־דעלעגאַציע האָט אין דעם פונקט בשום אופן ניט געוואָלט נאָכגעבן, און די רוסישע שלום־דעלעגאַציע האָט געמוזט אונטערשרייבן דעם אָפּמאַך וועגן אַ וואָפנשטילשטאַנד פון 4 דעצעמבער 1917 ביז 1 יאַנואַר 1918, בתנאי, אַז די אונטערהאַנדלונגען וועגן שלום הייבן זיך אָן גלייך אָן לאַנגע הפסקות.

די רוסישע שלום־דעלעגאַציע האָט געמוזט צוטרעטן צו אונטערהאַנדלען ניט

וועגן אַן אַלגעמיינעם שלום אויף דעמאָקראַטישע יסודות, ווי די באָלשעוויסטי־שע רעגירונג האָט צוגעזאָגט, נאָר צו סעפּאַראַטע שלום־אונטערהאַנדלונגען מיט די דייטשע אימפּעריאַליסטן און גענעראַלן, אָבער די רוסישע שלום־דעלעגאַציע איז געווען איבערצייגט, אַז די דייטשע אימפּעריאַליסטן זיינען גרייט אויף ד' גרעסטע הנחות, אַבי נאָר צו דערשלאָגן זיך צו אַ שלום.

די ערקלערונגען, וועלכע דער דייטשער קאַנצלער, הערטלינג, האָט געמאַכט אין דייטשן פּאַרלאַמענט, און דער עסטרייכישער מיניסטער פאַר אויסערלעכע ענינים, טשערנין, אין עסטרייכישן פּאַרלאַמענט, אַז זיי זיינען גרייט צו רעספּעקטירן די רעכט פון די פעלקער אויף זעלבסטבאַשטימונג, האָבן אויך געקאָנט שאַפן אַ אילוזיע, אַז די צענטראַלע מלוכות זיינען גרייט אָנצונעמען דאָס רוסישע שלום־פּראָגראַם, אָבער די ווייטערדיקע אונטערהאַנדלונגען וועגן שלום, וועלכע האָבן זיך אָנגעהויבן דעם 22 דעצעמבער אין בריסק, האָבן אין גיכן באַוויזן, אַז די אַלע האַפענונגען זיינען פולקים גרונדלאָז און אַז די דייטשע אימפּעריאַליסטן האָבן זיך להלוטין ניט אָנטזאָגט פון זייערע אַנעקסיאָניסטישע פּלענער, נאָר זיי האָבן געפּרובט צו פאַרדעקן און באַפּוצן זיי אין בריסק מיט דעמאָקראַטישע פראַזן.

---

## XIX.

דעם 22 דעצעמבער האָבן זיך אין בריסק ווידער געעפנט די זיצונגען פון דער שלום־קאָנפערענץ, וועלכע האָט געדאַרפט איצט צוטרעטן צו די אונטערהאַנדלונגען וועגן שלום גופא.

קיינע נייע מלוכות זיינען צו די איצטיקע אונטערהאַנדלונגען ניט צוגעשטאַנען און די שלום־קאָנפערענץ אין בריסק האָט זיך ווידער געעפנט ביי דעם זעלביקן אָנטייל פון די פאָרשטייער פון די צענטראַלע מלוכות און רוסלאַנד.

דער פּרינץ לעאָפּאָלד פון בייערן, האָט געעפנט די קאָנפערענץ און באַגריסט „די געסט, וועלכע האָבן זיך צונויפגעזאַמעלט אין זיין הויפּט־קוואַרטיר פון דעם מזרח־פראָנט", האָט דערביי ניט געמאַכט קיין אונטערשייד צווישן די פאַרזאַמעלטע דיפּלאָמאַטן און האָט אפילו געפונען פאַר נייטיק צו זאָגן עטלעכע קאָמפּלימענטן די פאָרשטייער פון דער מעכטיקער רוסישער רעפּובליק. אָבער אין דער אמתן איז דער אונטערשייד צווישן די דעלעגאַטן געווען מוראדיק גרויס.

פון איין זייט זיינען געזעסן דיפּלאָמאַטן פון גרויסע קאַפּיטאַליסטיש־אימפּעריאַליסטישע מלוכות, וועלכע האָבן דורכגעמאַכט די אַלטע דיפּלאָמאַטישע שול און האָבן געוואוסט פון דעם כלל, אַז אַלע שיינע און הויכע פראַזן, און וועלכע יעדער שלום־אָפּמאַך ווערט פאַרפאַסט, זיינען נאָר אַ דעקאָראַציע, כדי

צו פאַרדעקן די אַלע פאַלשקייטן און אונטערדריקונגען, וועלכע דער זיגער דיקטירט תמיד דעם באַזיגטן. די הויפט־ראָלע אין די בריסקער אונטערהאַנד־לונגען האָבן געשפּילט די פאָרשטייער פון דייטשלאַנד, וועלכע האָבן מיט דער גרעסטער פאַראַכטונג באַצויגן זיך ניט נאָר צו זייערע באַזיגטע קעגנער, נאָר אפילו צו זייערע פאַרבינדעטע און וועלכע האָבן חוץ צום דייטשן מיליטאַריזם און צו ווילהעלמען פאַר קיינעם ניט געהאַט קיין כבוד און אָפּשיי.

פון דער צווייטער זייט איז געווען די רוסישע דעלעגאַציע, וועלכע איז אפילו איצט באַפרייט געוואָרן פון די דעקאָראַטיווע מיטגלידער—פויער, אַר־בעטער, סאָלדאַט און מאַטראָס—, אָבער וועלכע איז באַשטאַנען פון פּראָפּע־סיאָנעלע רעוואָלוציאָנערן און נעכטיקע פּאָליטישע עמיגראַנטן. זיי אַלע האָבן זיך אָקאָרשט באַפרייט פון זייער אומלעגאַלן לעבן און האָבן זייער גאַנצע דיפּלאָמאַטישע ערפאַרונג באַקומען ניט אין מיניסטעריומס, אַמבאַסאַדעס, אָדער אין פּאָליטישע סאַלאָנען, נאָר אין פּאָליטישע קאַפע און קלובן פון פאַרשיידע־נע אייראָפּעאישע הויפט־שטעט, וואוהין דער ביטערער גורל פון רוסישע עמיגראַנטן־רעוואָלוציאָנערן פלעגט זיי פאַרוואַרפן.

אויב דער ערשטער תנאי פון אַ נצחון איז די גענויע קענטניש פון דעם שונא, האָט די רוסישע דעלעגאַציע אין בריסק געקאָנט האָפן, אַז זי וועט אין בריסק מנצח זיין, ווייל די רוסישע דעלעגאַטן האָבן אין זייערע עמיגראַציע־יאָרן אויף דעם בעסטן אופן באַקאַנט זיך מיט די אופנים און מיטלען פון דער אייראָפּייאישער דיפּלאָמאַטיע; דאַגעגן די דעלעגאַציעס פון די צענטראַלע מלוכות האָבן זיך לחלוטין ניט געקאָנט באַרימען מיט אַזאַ קענטניש פון זייערע רוסישע פאַרטנערן, צו וועלכע זיי האָבן זיך באַצויגן ווי צו צופעליקע מענטשן, וועלכע דער רעוואָלוציאָנערער שטראָם האָט אַרויפגעוואָרפן הויך און וועלכע וועלן, מסתמא, היינט־מאָרגן צוריק פאַרשוואונדן ווערן. די געניטע, געשולטע אייראָפּעאישע דיפּלאָמאַטן האָבן געהאָפט, אַז זיי וועט געלינגען צו פירן די רוסישע פאָרשטייער פאַרן נאָז און פאַרשלייערן זיי אויף דעם בעסטן אופן.

אָבער שוין פון די ערשטע זיצונגען פון דער בריסקער שלום־קאָנפערענץ האָבן זיך די דעלעגאַטן פון די צענטראַלע מלוכות געקאָנט גאַנץ גיך איבער־צייגן, אַז זיי האָבן געהאַט אַ גרויסן טעות, ווען זיי האָבן צופיל גרינג געשעצט זייערע רוסישע קעגנער.

אויף דער ערשטער פּלענאַרער זיצונג פון דער שלום־קאָנפערענץ האָבן די דעלעגאַטן פון די צענטראַלע מלוכות געמוזט נאָכגעבן די פאָדערונג פון די רוסישע דעלעגאַטן, אַז די פּראָטאָקאָלן פון אַלע אונטערהאַנדלונגען זאָלן פּובּ־ליקירט ווערן, הגם דער טערקישער דעלעגאַט איבראַהים־כאַקים־פּאַשאַ האָט געטענהט, אַז אַזאַ טאָג־טעגלעכע אינפאָרמירונג וועגן דעם גאַנג פון דער קאָנ־פערענץ־אַרבעט קאָן אַרויסרופן אַ צו גרויסע צייטונגס־פּאָלעמיק און קאָן שטערן די אַרבעט.

בנוגע צו אַזאַ „קלייניקייט" זיינען די צדדים געקומען גיך צו אַ פּשרה,

ווייל קיינער פון די צענטראַל-מלוכות האָט ניט געוואָלט אָפן אַרויסטרעטן קעגן דעם דאָזיקן פאָרשלאָג פון די רוסישע רעוואָלוציאָנערן, אָבער ווען די שלום-קאָנפערענץ איז איבערגעגאַנגען צום תּוך פון די אונטערהאַנדלונגען, צו די פרינציפּיעלע פאָדערונגען, וואָס די רוסישע דעלעגאַציע האָט אַרויסגעשטעלט, איז די זאַך געוואָרן אַ ביסל שווערער צו ערליידיקן.

אויף דער ערשטער זיצונג פון דער שלום-קאָנפערענץ האָט דער פאָר-זיצער פון דער רוסישער דעלעגאַציע, יאָפע, איבערגעלייענט אַ דעקלאַראַציע, אין וועלכער ער האָט פאָרגעלייגט, אַז אין יסוד פון די אונטערהאַנדלונגען זאָלן אַוועקגעלייגט ווערן פאָלגנדיקע פרינציפּן:

1) עס ווערן ניט דערלאָזן, אַז די טעריטאָריעס, וואָס זיינען פאַרכאַפּט געוואָרן אין משך פון דער מלחמה, זאָלן מיט געוואַלד אַנעקסיאָנירט ווערן. דאָס מיליטער, וואָס אָקופּירט אַזעלכע טעריטאָריעס, דאַרף אין אַ קורצסטן טערמין צוגענומען ווערן פון דאָרט.

2) יענע פעלקער, וועלכע האָבן פאַרלאָרן אין משך פון דער מלחמה זייער פּאָליטישע זעלבשטענדיקייט, באַקומען איר צוריק אין דער פולקי-טער מאָס.

3) פאַר יענע נאַציאָנאַלע גרופּעס, וועלכע האָבן פאַר דער מלחמה ניט געהאַט קיין פּאָליטישע זעלבשטענדיקייט, ווערט גאַראַנטירט די מעגלעכקייט פריי צו באַשטימען די פראַגע וועגן דעם, צו וועלכער מלוכה זיי ווילן געהערן אָדער צי ווילן זיי באַקומען דאָס רעכט אויף מלוכה-זעלבשטענדיקייט. די אַלע פראַגן דאַרפן באַשטימט ווערן דורך אַ רעפערענדום, וועלכער דאַרף אָר-גאַניזירט ווערן אַזוי, אַז די גאַנצע באַפעלקערונג פון דער דאָזיקער טעריטאָ-ריע, ניט אויסשליסלעך עמיגראַנטן און היימלאָזע, דאַרף געניסן פון וואַל-רעכט און וואַל-פרייהייט.

4) בנוגע צו יענע טעריטאָריעס, אויף וועלכע עס געפינען זיך עטלעכע נאַציעס, דאַרפן די רעכט פון די מינאָריטעט-נאַציעס באַשיצט ווערן מיט ספּע-ציעלע געזעצן, וועלכע זאָלן גאַראַנטירן די קולטורעל-נאַציאָנאַלע זעלבשטענדי-קייט און, וואו עס איז מעגלעך, אויך אַדמיניסטראַטיווע אויטאָנאָמיע.

5) קיינע פון די מלחמה-לענדער איז ניט מחויב צו צאָלן די איבעריקע לענדער מלחמה-הוצאות. בנוגע צו די היזקות פון פּריוואַטע פּערזאָנען, וועלכע האָבן געליטן אין דער מלחמה-צייט, ווערן זיי באַפרידיקט פון אַ באַזונדער געלט-פאָנד, וועלכער ווערט צוזאַמענגעשטעלט פון פּראָפּאָרציאָנעלע אייַנטראָגן פון אַלע מלחמה-לענדער.

6) די קאָלאָניאַלע פראַגן ווערן אַנטשיידן אין הסכּם מיט די פּונקטן 1, 2, 3, 4.

מיט דער דאָזיקער דעקלאַראַציע האָט די רוסישע דעלעגאַציע אָנגעהויבן צו צאָלן יענע וועקסלען, וועלכע די באָלשעוויסטישע רעגירונג האָט אונטער-געשריבן אין די ערשטע טעג פון איר עקסיסטענץ אין איר ערשטן „שלום-

דעקרעט". אויב דעמאָלט האָט מען געקאָנט רעכענען, אַז די אַלע גוטע הבטחות זיינען בלויז פראַזן, וועלכע מען האָט אין דער לאַנגער מלחמה־צייט ניט איינמאָל געהערט פון אַלע קעמפנדיקע צדדים, איז די איצטיקע דעקלאַראַציע, וואָס איז פאָרגעלייענט געוואָרן אין בריסק, געווען דער ערשטער פראַקטישער טריט צו אַן אמת־דעמאָקראַטישן שלום.

די דעלעגאַטן פון די צענטראַלע מלוכות האָבן גאַנץ גוט פאַרשטאַנען, אַז די רוסישע דעקלאַראַציע האָט אַ גוואַלדיק־גרויסע באַדייטונג ניט נאָר אויף דעם ווייטערדיקן גאַנג פון די שלום־אונטערהאַנדלונגען אין בריסק גופא, נאָר אויך בנוגע צו דעם אַלגעמיינעם שלום צווישן אַלע מלחמה־לענדער, וועלכע האָבן מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט צוגעהערט זיך, וואָס קומט פאָר אין בריסק. די צענטראַלע מלוכות האָבן אויך פאַרשטאַנען, אַז די גאַנצע וועלט וואַרט מיט דעם גרעסטן אומגעדולד אויף דעם ענטפער, וואָס זיי וועלן געבן אויף דער רוסישער דעקלאַראַציע, און דעריבער איז ניט צו באַוואונדערן, וואָס דער דאָזיקער ענטפער פון די צענטראַלע מלוכות איז געגעבן געוואָרן ניט אויף מאָרגן, ווי דער פאָרזיצער פון דער דייטשער דעלעגאַציע, קולמאַן, האָט קודם צוגעזאָגט, נאָר מיט דריי טעג שפּעטער, ווען די דעלעגאַטן פון די צענטראַלע מלוכות האָבן געהאַט גענוג צייט אויף ישוב־הדעת וכדי צו פאַרפאַסן אַזאַ ענטפער, וועלכער זאָל אין אַ געוויסער מאָס באַפרידיקן די רוסישע דעלעגאַציע און זאָל באַווייזן פאַר דער גאַנצער וועלט, אַז די צענטראַלע מלוכות זיינען אויך אימשטאַנד צו ריידן וועגן אַ דעמאָקראַטישן שלום. אין דער זעלביקער צייט האָט אָבער דער דאָזיקער ענטפער געדאַרפט זיין אַזוי רעדאַגירט, אַז די צענטראַלע מלוכות זאָלן האָבן צו יעדער צייט אַ מעגלעכקייט דורכצופירן אין לעבן זייערע עכט־אימפּעריאַליסטישע און אַנעקסיאָניסטיש־פאַרכאַפּערישע שטרעבונגען.

דער ענטפער איז טאַקע צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן אויף אַזאַ אופן, וואָס האָט געקאָנט פאַרשיידן אויסגעטייטשט ווערן:

אין נאָמען פון אַלע פאַרבינדעטע מיט דייטשלאַנד מלוכות האָט פאָן־קולמאַן פייערלעך ערקלערט, אַז זיי נעמען אָן די רוסישע פאָרשלאָגן אַלס גרונד פאַר די ווייטערדיקע שלום־אונטערהאַנדלונגען. די צענטראַלע מלוכות, האָט ווייטער ערקלערט קולמאַן, ווילן ניט פירן קיין מלחמה צוליב פאַרכאַפּערישע צילן, זיי זיינען גרייט אונטערשרייבן אַ שלום אָן קאָנטריבוציעס און אַנעקסיעס. זיי ווילן ניט באַהעפטן צו זיך מיט געוואַלד קיינע טעריטאָריעס, וועלכע זיינען פאַרנומען געוואָרן אין דער מלחמה־צייט. זיי ווילן ניט אָפּנעמען ביי קיינע פעלקער זייער פּאָליטישע זעלבשטענדיקייט און זיי זיינען גלייכצייטיק גרייט אָנערקענען די מינאָריטעט־רעכט פון אַלע פעלקער.

די צענטראַלע מלוכות האָבן אָבער גלייכצייטיק ערקלערט, אַז די אַלע גוטע הבטחות קענען זיי פאַרווירקלעכן נאָר דאַן, ווען די רוסישע פאַרבינדעטע, די אַנטאַנטע־מלוכות, וועלן אויך זיך נעמען די זעלביקע התחייבותן, וואָס

איז געווען לחלוטין אוממיגלעך ביי די באַציאונגען, וועלכע זיינען געווען דע־מאָלט צווישן רוסלאַנד און אירע פאַרבינדעטע.

די צענטראַלע מלוכות האָבן נאָך אין איין פונקט באַגרעניצט די רוסישע פאָדערונגען. דאָס איז געווען בנוגע יענע נאַציאָנאַלע גרופּן, וועלכע האָבן פאַר דער מלחמה ניט געהאַט קיין פּאָליטישע זעלבשטענדיקייט. בנוגע צו אַזעלכע פעלקער האָבן די צענטראַלע מלוכות פאָרגעלייגט, אַז די פראַגע וועגן זייער פּאָליטישער עקסיסטענץ זאָל אַנטשיידן ווערן ניט אין אינטערנאַציאָנאַלע שלום־אָפּמאַכן, נאָר דורך יעדער איינציקער מלוכה אין הסכם מיט איר קאָנסטיטו־ציע.

דער דאָזיקער פונקט האָט אפילו גאַנץ היבש באַגרעניצט די רוסישע פאָ־דערונגען, נאָר אין פאַרגלייך מיט אַלע איבעריקע פייערלעכע ערקלערונגען פון די צענטראַלע מלוכות האָט ער ניט געקאָנט שאַפן קיין באַזונדער דיסאָנאַנס און די גאַנצע דעקלאַראַציע האָט געמאַכט אַזאַ איינדרוק, אַז די וויכטיקסטע מניעה צום שלום איז באַזייטיקט געוואָרן און אַז די שטאַרקסטע און פאַרביסנ־סטע אימפּעריאַליסטישע מלוכות זיינען צוגעשטאַנען צום רוסישן שלום־פּראָ־גראַם.

אַלענפאַלס, אַזוי האָבן פאַרשטאַנען דעם דאָזיקן ענטפער די פּעטערבור־גער אַרבעטער, וועלכע האָבן געמאַכט אַ גרויסאַרטיקע דעמאָנסטראַציע לכבוד דעם שלום באַלד, ווי עס האָט נאָר זיך באַקומען אין פּעטערבורג די ידיעה וועגן דעם ענטפער פון די צענטראַלע מלוכות.

די ביטערע איראָניע האָט אָבער גאָר אין גיכן געמאַכט אַ סוף צו אַלע זיסע האָפענונגען אויף אַ גערעכטיקן שלום און צו די זיסע אילוזיעס, אַז די צענטראַלע מלוכות האָבן זיך דערשראָקן פאַר דער רעוואָלוציע און זיינען דעריבער גרייט אויף די גרעסטע הנחות.

די ידיעה וועגן דעם ענטפער פון די צענטראַלע מלוכות איז אָנגעקומען קיין פּעטערבורג מיט אַ געוויסער, גאַנץ היבשער פאַרשפּעטיקונג און אין משך פון דער דאָזיקער צייט האָבן אין בריסק געאַרבעט די קאָמיסיעס, וועלכע האָבן געדאַרפט פאָרמולירן די אַלע אַלגעמיינע דעקלאַראַטיווע פּרינציפּן, וועלכע ביידע צדדים האָבן אַרויסגעזאָגט אויף די פלענאַרע זיצונגען, און ווען עס איז געקומען די צייט, אַז קיולמאַן האָט געדאַרפט געבן אַזאַ זאַכליכע פאָרמולע, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַלע זיינע הבטחות אין זיין פייערלעכער דעקלאַראַציע, זיינען פּוסטע און אינהאַלטסלאָזע פראַזן, וואָס שטימען לחלוטין ניט מיט די אמתע שטרעבונגען פון די צענטראַלע מלוכות.

עס איז שווער צו פאַרשטיין, ווי אַזוי האָט זיך אין משך פון צוויי טעג, פון 12 ביז דעם 14 דעצעמבער, געקאָנט איבערבייטן די פּרינציפּ עלע פּאָזיציע ביי דעם הויפּט־רעדנער פון די צענטראַלע מלוכות, וועלכער האָט קודם פיי־ערלעך ערקלערט, אַז די צענטראַלע מלוכות זיינען פולקום מסכים מיט די רו־סישע פּרינציפּן וועגן דאָס רעכט פון אַלע פעלקער אויף זעלבסטבאַשטימונג

און נאָכהער געפאָדערט פון דער רוסישער דעלעגאַציע, אַז זי זאָל זיך באַציען צו די רעזאָלוציעס פון די פאַרשיידענע לאַנדטאַגן און פאָלקסצוזאַמענ־געפאָדערט רעפּרע־זענטאַנץ־אינסטיטוטן, וועלכע זיינען באַשאַפן געוואָרן אונטערן דרוק פון די אָקופּאַנטן אין פּוילן, ליטע, קורלאַנד, עסטלאַנד און ליפלאַנד, אַלס אמתע פאָלקס־פאַרשטייערשאַפטן, וועלכע האָבן דאָס רעכט צו ריידן אין נאָמען פון פאָלק און וועמענס רעזאָלוציעס וועגן זייער מלוכה־אָנגעהעריקייט זאָלן אָנער־קענט ווערן אַלס אמתע אויסדרוקן פון פאָלקס־רצון.

עס איז קלאָר געווען, אַז די אַלע רעפּרעזענטאַנץ־אָרגאַנען, וועלכע זיינען באַשאַפן געוואָרן מיט דער הילף פון די אָקופּאַנטן און וועלכע האָבן געקאָנט עקסיסטירן נאָר אַדאַנק די אָקופּאַציאָנס־אַרמייען, וועלן בשום אופן ניט אַרויסטראָגן קיינע באַשלוסן וועגן דעם, אַז די אָקופּאַנטן זאָלן פאַרלאָזן דעם אָדער יענעם געגנט. ביי אַזאַ לאַגע איז די וויכטיקסטע פאָדערונג פון דער רוסישער דעלעגאַציע, אַז אַלע קאַנטן, וואָס זיינען פאַרנומען געוואָרן אין דער מלחמה־צייט מיט געוואַלד, זאָלן באַפרייט ווערן פון פרעמדן מיליטער, ווען בלייבן ניט פאַרווירקלעכט און אַז דאָס דייטשע מיליטער וועט פאַרבלייבן ווייטער אין אַלע אָקופּירטע געגנטן.

ביי אַזאַ שטעלונג פון די צענטראַלע מלוכות איז קלאָר געוואָרן, אַז אַלע האָפנונגען אויף דייטשלאַנדס גרייטקייט צו שליסן מיט רוסלאַנד אַ סע־פּאַראַטן שלום אויף זייער גינסטיקע באַדינגונגען זיינען גרונדלאָזע, און די באָל־שעוויסטישע רעגירונג האָט פאַרשטאַנען, אַז זי וועט מוזן סוף כל סוף אונטער־שרייבן אַ שלום אויף שלעכטע באַדינגונגען.

אויף דעם דריטן ראַטן־צוזאַמענפאָר, וועלכער איז פאָרגעקומען אין דער צייט פון די בריסקער אונטערהאַנדלונגען, האָט טראָצקי ערקלערט אָפן און דייטליך, אַז עס זיינען ניטאָ קיין שענדליכע שלום־אָפּמאַכן, נאָר אומגליקלעכע און פון אַזאַ שלום קאָן זיך קיינער ניט פאַרהיטן.

די רוסישע שלום־דעלעגאַציע האָט גאַנץ גוט פאַרשטאַנען, אַז ווייניקער פון אַלעמען קאָן זי געבן פאַרזיכערונגען, אַז זי וועט ניט אונטערשרייבן קיין „אומגליקלעכן שלום־אָפּמאַך". זי האָט נאָר געוואָלט אויסנוצן די שלום־אונטער־האַנדלונגען, וועלכע האָבן זיך געפירט אָפן פאַר דער גאַנצער וועלט, כדי צו רעוואָלוציאָניזירן די ברייטע אַרבעטער־מאַסן פון אַלע מלחמה־לענדער און פירן אַזאַ טאַקטיק אין בריסק, אַז די שלום־אונטערהאַנדלונגען זאָלן זיך ציען וואָס לענגער, כדי פאַר די אַרבעטער־מאַסן פון אַלע לענדער זאָלן קלאָר ווערן די שטרעבונגען פון דער רוסישער אַרבעטער־רעגירונג און כדי דער אונטערשייד צווישן דער רוסישער שלום־פּראָגראַם און דער אַנעקסיאָניסטישער פּראָגראַם פון די צענטראַלע מלוכות זאָל קלאָר ווערן פאַר דער גאַנצער וועלט.

די אונטערהאַנדלונגען זיינען נאָך געשטאַנען אויף אַזאַ מדרגה, אַז די גרויסע פּרינציפּיעלע אונטערשיידן צווישן די רוסישע און דייטשע שלום־פּראָ־

גראַמען זיינען נאָך ניט געווען גענוג בולט. ביידע דעלעגאַציעס האָבן זיך נאָך ניט באַמיט די דאָזיקע אונטערשיידן פונאַנדערוויקלען און אונטערשטרייכן.

די רוסישע דעלעגאַציע האָט פאָרגעלייגט איבערצורייסן די אַרבעט אויף 10 טעג, נאָכאַמאָל פּרובן צוציען צו די שלום־אונטערהאַנדלונגען די אַנטאַנטע־מלוכות, כדי רוסלאַנד זאָל ניט דאַרפן אונטערשרייבן אַ סעפּאַראַטן שלום, אָבער די דאָזיקע האָפנונגען האָבן זיך ווידער מיט גאָרנישט געענדיקט: די אַנטאַנטע־מלוכות האָבן זייער נעגאַטיווע שטעלונג צו די שלום־אונטערהאַנדלונגען אין בריסק ניט געענדערט און עס איז קלאָר געוואָרן, אַז די בריסקער שלום־אונטערהאַנדלונגען וועלן זיך מוזן ענדיקן מיט אַ סעפּאַראַטן, אומגליקלעכן שלום פאַר רוסלאַנד און אַז די באָלשעוויסטישע רעגירונג וועט אַזאַ שלום אונטערשרייבן.

---

## XX.

דער ערשטער פּעריאָד פון „בריסקער שלום־אונטערהאַנדלונגען האָט באַוויזן, אַז די צענטראַלע מלוכות זיינען ניט קאַרג אויף זייער שיינע פראַזן וועגן זעלבסטבאַשטימונגס־רעכט פון די פעלקער, אָבער זיי האָבן קיין שום וואונטש ניט צו פאַרווירקליכן אויף דעם מינדעסטן אופן די אַלע פראַזן.

די דייטשע דיפּלאָמאַטיע, וואָס האָט געשפּילט די הויפּט־ראָלע אין בריסק, האָט אין דער ערשטער צייט, קאָנטיק, געהאָפט, אַז די רוסישע דעלעגאַטן וועלן זיך באַנוגענען מיט אַזעלכע שיינע פראַזן און וועלן ניט פּרובן אַריינדרינגען אין תוך, אַבי נאָר שליסן שלום.

די דעלעגאַטן פון די צענטראַלע מלוכות זיינען דעריבער אין יענער צייט געווען זייער גוט געשטימט און האָבן אַרויסגעוויזן די גרעסטע ליבנס־ווירדיקייט ביי די אונטערהאַנדלונגען צו די רוסישע דעלעגאַטן.

דאַגעגן די רוסישע דעלעגאַציע איז גאָרניט געווען אַזוי גוט געשטימט. זי האָט גאַנץ גוט פאַרשטאַנען, אַז די צענטראַלע מלוכות וועלן זיך בשום אופן ניט אַנטזאָגן פון זייערע פאָדערונגען און וועלן אויסנוצן זייער גוטע מיליטערישע לאַגע, כדי נייטן די רוסישע דעלעגאַטן אונטערשרייבן אַ שלום אָפּמאַך אונטער דעם דיקטאַנט פון די צענטראַלע מלוכות.

ביי אַזאַ לאַגע איז קלאָר געוואָרן, אַז די שלום־אונטערהאַנדלונגען קאָנען האָבן נאָר אַ ריין־אַגיטאַציאָנעלע באַדייטונג, כדי קלאָר מאַכן פאַר דער גאַנצער וועלט די אמתע שטרעבונגען פון דער רוסישער אַרבעטער־רעגירונג.

די אומשטענדן, ביי וועלכע די אונטערהאַנדלונגען זיינען געפירט געוואָרן אין דער בריסקער פעסטונג, איזאָלירט פון דער גאַנצער וועלט, האָבן ניט ערלויבט אויסצונוצן ברייט די דאָזיקע אונטערהאַנדלונגען אין אַגיטאַציאָנעלן זין און די רוסישע שלום־דעלעגאַציע האָט דעריבער פאָרגעלייגט אי־

בערטראָגן די אונטערהאַנדלונגען אין אַ נייטראַלן אָרט, אין שטאָקהאָלם, וואו ביידע צדדים זאָלן האָבן די זעלביקע רעכט און מעגלעכקייטן און וואו די רוּסישע דעלעגאַציע זאָל ניט דאַרפן זיין אין אַ אָקופּירטער פעסטונג אונטער דער השגחה פון דייטשן מיליטער.

די צענטראַלע מלוכות האָבן אָבער קאַטעגאָריש דערקלערט, אַז די אונטערהאַנדלונגען מוזן פאָרקומען נאָר אין בריסק און די רוסישע שלום־דעלעגאַציע, מיט טראָצקי אַלס פאָרזיצער, האָט געמוזט אַוועקפאָרן קיין בריסק און ערקלערן דאָרט, אַז זי וויל ניט געבן די צענטראַלע מלוכות אַ פּתחון־פה צו זאָגן, אַז די רוסן האָבן זיך פאַרעקשנט און געבראָכן דעם שלום.

אין בריסק האָבן די רוסישע דעלעגאַטן געפּרובט פאָדערן, אַז מען זאָל לכל־הפּחות ערלויבן די פאָרשטייער פון דער פרעסע קומען קיין בריסק בייזיין ביי די אונטערהאַנדלונגען, אָבער די צענטראַלע מלוכות האָבן די דאָזיקע פאָדערונג אויך אָפּגעוואָרפן און אויף אַזאַ אופן שטרענג אָפּגעהיט די איזאָלאַציע פון דער רוסישער דעלעגאַציע.

אָט דער דאָזיקער ערשטער אינצידענט בנוגע צום אָרט, וואו די אונטערהאַנדלונגען דאַרפן פאָרקומען, האָט באַוויזן, אַז די נייע אונטערהאַנדלונגען הויבן זיך אָן ניט אויף אַזאַ פרידלעכן אופן, ווי אין דעם ערשטן פעריאָד. יעדער נייער טאָג האָט באַוויזן אַלץ דייטלעכער, ווי גרויס איז דער תּהום, וואָס טיילט אָפּ די דעלעגאַציע פון רוסלאַנד פון אַלע איבעריקע דעלעגאַציעס און ווי גרויס איז דער אונטערשייד פון די שלום־פּראָגראַמען, וואָס די דאָזיקע דעלעגאַציעס האָבן; פאָרגעשטעלט.

די וויכטיקסטע אונטערהאַנדלונגען האָבן זיך קאָנצענטרירט אין דער פּאָליטישער קאָמיסיע, וועלכע האָט געדאַרפט באַטראַכטן די פראַגע וועגן די קאַנטן, וואָס זיינען אָקופּירט געוואָרן דורך די צענטראַלע מלוכות אין משך פון דער מלחמה־צייט. די גאַנצע וועלט האָט זיך צוגעהערט מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט צו די טעאָרעטישע הקירות צווישן טראָצקי און קיולמאַן און עס האָט זיך גאַנץ גיך אַרויסגעוויזן, אַז די דאָזיקע טעאָרעטישע דעבאַטן וועגן זעלבסטבאַשטימונגס־רעכט פון די פעלקער האָבן די גרעסטע פּראַקטישע באַדייטונג, בפרט ווען זיי האָבן באַרירט פעלקער, וואָס האָבן זיך געפונען אונטער דעם שווערסטן אָקופּאַציע־יאָך.

די באָלשעוויסטישע קעגנער האָבן געטענהט, אַז די גאַנצע בריסקער שלום־אונטערהאַנדלונגען זיינען אַ פּוסטע קאָמעדיע, ווייל אין אמתן האָבן שוין די באָלשעוויקעס לאַנג פאַרקויפט רוסלאַנד די דייטשן. אין בריסק האָט זיך אָבער גאַנץ גיך אַרויסגעוויזן, אַז די באָלשעוויקעס פירן מיט דער גרעסטער ענערגיע און דרייסטקייט אַ קאַמף קעגן אַלע פאַרכאַפּערישע טענדענצן פון די צענטראַלע מלוכות און פאַרטיידיקן דאָס רעכט פון אַלע פעלקער צו באַפרייען זיך פולקום פון דעם דייטשן אָקופּאַציע־יאָך, אונטער וועלכן די מלחמה האָט זיי אַרונטערגעוואָרפן.

די רוסישע דעלעגאַציע האָט קאַטעגאָריש געפאָדערט, אַז דאָס מיליטער פון די צענטראַלע מלוכות זאָל אָפּרייניקן אַלע טעריטאָריעס, וועלכע זיינען פאַרנומען געוואָרן אין משך פון דער מלחמה=צייט, כדי די אַלע פעלקער זאָלן קאָנען פריי אַרויסזאָגן זיך וועגן זייער קומענדיקן גורל.

די צענטראַלע מלוכות האָבן קיין קלאָרע תשובה ניט געוואָלט געבן אויף דער דאָזיקער קאַרדינאַלסטער פאָדערונג און ווען זיי האָבן סוף=כל=סוף דערויף געמוזט געבן אַ תשובה, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זיי ווילן בשום אופן קיינע הבטחות אין דעם פרט ניט געבן און אַז דאָס אָקופּאַציע=מיליטער וועט בלייבן אין אַלע אָקופּירטע געביטן אין משך פון אַ אומבאַגרעניצטער צייט.

די דייטשע רעגירונג האָט פאַרשטאַנען אויסצונוצן די פּרינציפּן, וועלכע די רוסישע רעוואָלוציע האָט אַרויסגעשטעלט בנוגע צו אַלע פעלקער, וועלכע זיינען געווען פאַרבונדן מיט רוסלאַנד. אין אַלע אָקופּירטע געגנטן זיינען באַ=שאַפן געוואָרן פאַלסיפיצירטע רעפּרעזענטאַנץ=אָרגאַנען, וועלכע האָבן אָבער קיינע פאַקטישע רעכט ניט געהאַט און וועלכע האָבן נאָר געדאַרפט באַדעקן דעם ווילקיר פון דער אָקופּאַציע=מאַכט.

אין בריסק האָט די דייטשע דעלעגאַציע געפאָדערט, אַז די רוסישע רעגירונג זאָל אָנערקענען אָט די אַלע פאַלסיפיצירטע אָרגאַנען פאַר אמתע פאָלקס=פאַרשטייערשאַפטן און זאָל זיך באַציען צו זייערע באַשלוסן, ווי צו אמתע אויסדריקן פון פאָלקס=ווילן, הגם עס איז פאַר קיינעם ניט געווען קיין סוד, אַז די אַלע באַשלוסן ווערן אָנגענומען אונטערן דרוק פון די דייטשע אָקופּאַנטן.

די דעלעגאַציעס פון די צענטראַלע מלוכות האָבן געפאָדערט, אַז רוס=לאַנד זאָל אָנערקענען אַלע טעריטאָריאַלע שנויים, וועלכע די מלחמה האָט גע=שאַפן, זאָל זיך גלייכצייטיק אָנטזאָגן פון אַלע סובערענע רעכט אויף די אַלע נייע מלוכות, וואָס זיינען מיט דייטשלאַנדס הילף געשאַפן געוואָרן אין די גרעניץ=געביטן, און זאָל מסכים זיין דערויף, אַז דער גורל פון די אַלע נייע מלוכות זאָל באַשטימט ווערן נאָר לויט זייערע סעפּאַראַטע אָפּמאַכן מיט דייטשלאַנד, ניט פרעגנדיק דערביי רוסלאַנדס דעה.

פון רוסלאַנד האָבן געזאָלט אָפּגעשניטן ווערן פּוילן, ליטע, לעטלאַנד און עסטלאַנד, קעגן וואָס די רוסישע דעלעגאַציע וואָלט ניט פּראָטעסטירט, אָבער לויט דער דייטשער קאָנצעפּציע האָבן אין די טעריטאָריעס געדאַרפט פאַרבלייבן דייטשע מיליטער=טיילן, וואָס האָט פאַקטיש אַוועקגעשטעלט די אַלע טעריטאָריעס, וועלכע האָבן זיך געגרעניצט מיט רוסלאַנד, אונטער דער פּול=קומער השגחה פון דייטשלאַנד.

עס איז נאָך געווען זייער אַ וויכטיקע פראַגע בנוגע צו אוקראַינע. די אוקראַינער ראַדע האָט אין אָנהייב פון די בריסקער אונטערהאַנדלונגען דער=קלערט, אַז אוקראַינע ווערט פולקום זעלבשטענדיק און האָט מער קיין שייכות ניט צו רוסלאַנד. קיין בריסק איז געקומען אַ ספּעציעלע אוקראַינישע שלום=

דעלעגאַציע צו פירן אונטערהאַנדלונגען מיט די צענטראַלע מלוכות וועגן אַ שלום מיט אוקראַינע.

די צענטראַלע מלוכות האָבן מיט גרויס צופרידנהייט באַגעגנט די דאָזיקע אוקראַינישע דעלעגאַציע, ווייל זיי האָבן תיכף פאַרשטאַנען, אַז מיט דער דאָזיקער דעלעגאַציע וועלן זיי שנעלער און גרינגער דורכקומען און וועלן מיט דער הילף פון די אוקראַינער דעלעגאַטן אפשר נאָך נויטן די רוסישע דעלעגאַציע ווערן נאָכגיביקער.

די רוסישע דעלעגאַציע האָט געפּרובט אין בריסק דורכקומען מיט די אוקראַינער און שאַפן אַ געמיינזאַמען פראָנט קעגן די דעלעגאַציעס פון די צענטראַלע מלוכות, אָבער די פאָרשטייער פון דער אוקראַינער ראַדע, וועלכע האָבן אין אוקראַינע גופא געפירט אַ קאַמף אויף לעבן און טויט מיט די באָלשעוויקעס, האָבן בעסער געוואָלט אָנשפאַרן זיך אין זייער קאַמף מיט די באָלשעוויקעס אויף די צענטראַלע מלוכות, איידער גיין צוזאַמען מיט זייערע גרעסטע שונאים, מיט די באָלשעוויקעס.

טראָצקי האָט גאַנץ גוט פאַרשטאַנען די געשאַפענע סכנה און האָט פון בריסק רעקאָמענדירט וואָס גיכער מאַכן אַ סוף צו דער אוקראַינער ראַדע. אין דער צייט, ווען דער קריזיס אין בריסק איז שוין געוואָרן בולט, האָבן די באָלשעוויסטישע אָפּטיילונגען טאַקע געמאַכט אַ סוף צו דער ממשלה פון דער ראַדע און אין קיעוו איז פּראָקלאַמירט געוואָרן די ראַטן-מאַכט.

פאַר די דייטשן איז קיין סוד ניט געווען, אַז זיי האָבן צו טאָן מיט אַ פאַרבינדעטן, וועלכער עקסיסטירט שוין כמעט ניט, אָבער אין דער זעלביקער צייט האָבן זיי בשום אופן ניט געוואָלט זיך אַנטזאָגן פון די אַלע פריוויلעגיעס, וועלכע די אוקראַינישע דעלעגאַציע האָט זיי געשאַפן, און זיי האָבן שטילערהייט, אָן דער ידיעה פון דער רוסישער דעלעגאַציע, געפירט ווייטער די אונטערהאַנדלונגען מיט די אוקראַינער און געשלאָסן מיט זיי אַן אָפּמאַך, וועלכער איז געווען דירעקט געווענדט קעגן רוסלאַנד.

די זיצונגען פון דער טעריטאָריאַלער קאָמיסיע האָבן אויך באַוויזן, אַז די דייטשן ווילן אָפּשניידן פון רוסלאַנד זייער אַ גרויסע טעריטאָריע און שאַפן פאַר דייטשלאַנד זייער גינסטיקע סטראַטעגישע גרעניצן, וועלכע זאָלן געבן דייטשלאַנד די מעגלעכקייט שטענדיק ביי די בעסטע און באַקוועמסטע באַדינגונגען באַפאַלן רוסלאַנד. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין דער פראַגע וועגן די גרעניצן וועלן די דייטשן ניט גיין אויף קיינע הנחות.

ביי אַזאַ לאַגע איז קלאָר געוואָרן, אַז די בריסקער שלום-אונטערהאַנדלונגען זיינען געקומען צו אַזאַ מאָמענט, ווען עס מוז קומען אַ סוף צו אַלע דעבאַטן און עס מוז געזאָגט ווערן דאָס לעצטע וואָרט — מלחמה אָדער שלום.

די דייטשע דעלעגאַטן האָבן באַזונדער געשטרעבט מאַכן אַ סוף צו די אַלע דעבאַטן און טעאָרעטישע חקירות, ביי וועלכע פאָן-קילמאַן האָט זיך ניט געקאָנט באַרימען מיט נצחונות. דערצו זיינען נאָך אין דייטשלאַנד פאָרגעקומען

גרויסע אַרבעטער־שטרייקן און אומ־רוען. די בירגערלעכער פרעסע האָט געטענהט, אַז די אַלע אומרוען זיינען אַ רעזולטאַט פון די רעוואָלוציאָנערע דרשות, וועלכע האָבן געקלונגען אין בריסק און זיך אָפּגערופן אויף דער גאַנ־צער וועלט און באַזונדער אין דייטשלאַנד און עסטרייך, וואו די באַפעלקערונג האָט באַזונדער טיף געפילט דעם יאָך פון די מלחמה־צרות.

די דייטשע רעגירנדיקע קרייזן האָבן געשטרעבט וואָס גיכער מאַכן אַ סוף צו די אונטערהאַנדלונגען און עס האָט זיך אוועקגעשטעלט די שווערסטע פראַגע, וואָס וועט טאָן די רוסישע דעלעגאַציע אין בריסק און וואָס פאַר אַן אויסוועג זי וועט געפינען אין דער שווערער לאַגע, אין וועלכער די דייטשע אימפעריאַ־ליסטן האָבן איר אַוועקגעשטעלט.

די רוסישע אַנטי־באָלשעוויסטישע פרעסע, וועלכע האָט פריער געטענהט, אַז די שלום־אונטערהאַנדלונגען וועלן נאָר זיין אַ קאָמעדיע, האָבן אין משך פון די בריסקער אונטערהאַנדלונגען געמוזט אַנטשויגן ווערן און, ווילנדיק, ניט ווילנדיק, אָנערקענען, אַז ביי דער אויסערגעוויינלעך־שווערער לאַגע, אין וועלכער רוסלאַנד האָט זיך דעמאָלט געפונען, האָט קיין שום פּאַרטיי ניט געקאָנט פירן אַ דרייסטערע און מער־פּאַטריאָטישע פּאָליטיק, ווי די באָלשעוויסטישע דעלעגאַציע אין בריסק.

עס איז אָבער קלאָר געווען, אַז די דאָזיקע פרעסע צוזאַמען מיט דער פרעסע פון אַלע אַנטאַנטע־לענדער וואַרטן מיט דעם גרעסטן אומגעדולד אויף דעם שלום פון די בריסקער שלום־אונטערהאַנדלונגען און אויף דער באַרי־הוסטישער „מפּלה", כדי איפּהייבן אַ מוראדיקע קאַמפּאַניע וועגן דעם, אַז די אַלע פריער־געזאָגטע רעוואָלוציאָנערע דרשות און די שאַרפע קריטיק פון דער דייטשער אימפּעריאַליסטישער פּאָליטיק זיינען געווען נאָר אַ דעמאַגאָגישער מיטל, כדי צו פאַרדעקן דעם שענדלעכן פאַקט, אַז די באָלשעוויקעס האָבן דאָך פאַרקויפט רוסלאַנד.

עס איז דעריבער געווען נייטיק צו זיין באַזונדער פאָרזיכטיק ביי דעם לעצטן מאָמענט פון די בריסקער אונטערהאַנדלונגען, כדי אַלע סימפּאַטיעס, וועלכע די באָלשעוויטישע דעלעגאַציע האָט ערוואָרבן אין בריסק ביי די ברייטסטע פאָלקס־מאַסן, זאָלן ניט גיין לאיבוד.

די לאַגע איז געווען נאָך פיל מער שווער און פאַרפּלאָנטערט, וואָס אין די רייען פון די מאַסגעבנדיקע קרייזן אין רוסלאַנד און אין דער רעגירונג גופא איז געווען אַ גרויסער חלוקי־דעות בנוגע צו דער פראַגע, ווי אַזוי דאַרפן זיך ענדיקן די בריסקער שלום־אונטערהאַנדלונגען אין דעם פאַל, ווען מען וועט ווייטער ניט קאָנען ציען די אונטערהאַנדלונגען און מען וועט מוזן געבן אַ קלאָרן און דייטלעכן ענטפער אויף דער פראַגע: מלחמה צי שלום?

לענין האָט געהאַלטן, אַז אויב רוסלאַנד איז ניט אימשטאַנד ווייטער צו פירן אַ מלחמה — און אין דעם פרט איז ביי קיינעם קיין ספק ניט געווען —

מוז מען שליסן שלום אפילו אויף די ערגסטע באַדינגונגען און מען טאָר בשום אופן ניט שפּילן זיך מיט מלחמות.

מיט לענינען איז געווען איינשטימיק די מערהייט פון די קאָמוניסטישע מאַסגעבנדיקע קרייזן, אָבער אין דער קאָמוניסטישער פאַרטיי גופא איז געווען אַ שטה, וועלכע האָט געהאַלטן, אַז ראַטן־רוסלאַנד טאָר בשום אופן ניט שליסן שלום מיט די אימפּעריאַליסטישע צענטראַלע מלוכות, און אויב רוסלאַנד איז ניט אימשטאַנד צו פירן מלחמה, מוז מען איבערגיין צו פּאַרטיזאַנישע קאַמפּס־מעטאָדן, אויב די צענטראַלע מלוכות וועלן אָנהייבן אַ נייע אָפענסיווע אויף רוסלאַנד.

ביי דער דאָזיקער מיינונג האָבן זיך באַזונדערס געהאַלטן די לינקע ס. ר., וועלכע זייגען געווען פאַרטראָטן אין „סאָוונאַרקאָם" (ראַט פון פאָלקס־קאָמיסאַרן).

די לינקע ס. ר. האָבן בשום אופן ניט געוואָלט אונטערשרייבן אַ שלום־אָפּמאַך מיט די צענטראַלע מלוכות, און די דאָזיקע פּאַרטיי, ביי וועלכער די רעוואָלוציאָנערע פראַזע האָט תמיד געשפּילט די וויכטיקסטע ראָלע, האָט איצט קאַטעגאָריש דערקלערט, אַז אויב ס'וועט געשלאָסן ווערן שלום מיט די צענטראַלע מלוכות, וועלן די לינקע ס. ר. אַרויסטרעטן קעגן דער רעגירונג און פירן ווייטער אויף אייגענע אחריות די מלחמה מיט דייטשלאַנד און עסטרייך.

צווישן די דאָזיקע עקסטרעמע ריכטונגען איז געווען אַ גרופּע, וועלכע האָט געהאַלטן, אַז אַרויסטרעטן מיט געווער קעגן די צענטראַלע מלוכות איז אוממיגלעך, אָבער פון דער צווייטער זייט דאַרפן די שלום־אונטערהאַנדלונגען קומען צו אַ קריזיס. דייטשלאַנד זאָל ווידער אָנהויבן אַן אָפענסיווע קעגן רוסלאַנד און ערשט דאַן, ווען דער חלף וועט שוין ליגן אויפן האַלז, זאָל מען זיך אַנטשליסן אויף אַ פאָרמעלן שלום־אָפּמאַך, כדי די גאַנצע וועלט זאָל באַשיינפּערלעך זעען, אַז רוסלאַנד האָט קאַפּיטולירט נאָר פאַר דעם שווערד און כדי קיינע בלבולים, אַז די גאַנצע שלום־אונטערהאַנדלונגען זיינען פּוסטע קאָמעדיעס, זאָלן זיין להלוטין אוממיגלעך.

ביי אַזאַ מיינונג האָט זיך אויך געהאַלטן די שלום־דעלעגאַציע אין בריסק בראש מיט טראָצקין און די דאָזיקע מיינונג האָט טאַקע גובר געווען, ווייל ביי אַזאַ טאַקטיק האָבן ביידע עקסטרעמע צדדים געקאָנט האָפן, אַז מיט דער צייט וועט זייער שטאַנדפּונקט גובר זיין.

אין דעם מאָמענט, ווען אין דער פּאָליטישער קאָמיסיע האָט פאָן־קיולמאַן דערקלערט, אַז אים און זיינע חברים פון די אַנדערע שלום־דעלעגאַציעס האָט שוין דערעסן צו הערן טראָצקיס רעדעס און אַז עס איז שוין געקומען די צייט, ווען מען דאַרף אונטערפירן אַ סך־הכל פון דער גאַנצער אַרבעט, אין דעם מאָמענט, ווען אין דער טעריטאָריאַלער קאָמיסיע האָט זיך אויך אַרויכ־

נעוויזן. אַז צווישן דעם רוסישן און דייטשן שטאַנדפּונקט בנוגע צו דער גרעניץ=פראַגע איז פאַראַן אַזאַ טיפער תהום, וועלכן ס'איז אוממיגלעך צו פאַרדעקן מיט פראַזן,—ווען די דעלעגאַטן פון די צענטראַלע מלוכות האָבן זיך שוין געגרייט אַוועקשטעלן דער רוסישער דעלעגאַציע אַ קאַטעגאָרישן אולטימאַטום, האָט טראָצקי אונטערגעטראָגן זיי אַזאַ סורפּריז, וועלכער האָט זיי איבערראַשט אויף אַזוי פיל, אַז אַלע דעלעגאַטן פון די צענטראַלע מלוכות האָבן זיך אין דער ערשטער מינוט פולקום פאַרלאָרן.

אויף דער זיצונג פון 28 יאַנואַר (10 פעברואַר) האָט טראָצקי ערקלערט, אַז נאָכדעם ווי עס האָבן זיך בולט אַרויסגעוויזן די פאָדערונגען פון די צענטראַלע מלוכות, איז שוין געקומען די צייט פון באַשלוסן. עס איז שוין קלאָר פאַר דער גאַנצער וועלט, האָט געזאָגט טראָצקי, אַז די מלחמה ווערט געפירט ניט צוליב פאַרטיידיקונגס=צוועקן, נאָר זי איז אַ קאַמף פאַר דער וועלט=העגעמאָניע.

— די רוסישע רעגירונג און דאָס רוסישע פאָלק ווילן מער ניט אָנטייל נעמען אין אַזאַ בלוט=פאַרגיסונג און ווילן מער ניט פאַרגיסן בלוט פון רוסישע סאָלדאַטן, כדי צו פאַרטיידיקן די אימפּעריאַליסטישע אינטערעסן פון דער אָדער יענער אימפּעריאַליסטישער גרופּע. די רוסישע רעגירונג פירט דעריבער אַרויס די רוסישע אַרמיי פון מלחמה=צושטאַנד!

— מיר זיינען מודיע אַלע פעלקער אין אַלע רעגירונגען, אַז מיר גייען אַרויס פון דער מלחמה. עס ווערט פאַרעפנטלעכט אַ באַפעל וועגן דער פולקומער דעמאָביליזאַציע פון דער רוסישער אַרמיי און מיר האָפן, אַז די איבעריקע פעלקער וועלן אינגיכן אונז נאָכטאָן.

— מיר ערקלערן קאַטעגאָריש, האָט געזאָגט ווייטער טראָצקי, אַז די שלום=באַדינגונגען, וועלכע דייטשלאַנד און עסטרייך האָבן אונז פאָרגעלייגט, זיינען סותר די בלוטיקסטע אינטערעסן פון די פעלקער פון פוילן, אוקראַינע, ליטע, קורלאַנד און עסטלאַנד, וועלכע ערקלערן, אַז מיט די דאָזיקע באַדינגונגען וויל מען מיט גוואַלד צעטרעטן זייער פרייהייט. פאַר רוסלאַנד זשע שאַפן גלייכצייטיק די זעלביקע באַדינגונגען אַ שטענדיקע סכנה.

— מיר גייען דעריבער אַרויס פון דעם מלחמה=צושטאַנד, אָבער מיר אַנטזאָגן זיך אויף אונטערצושרייבן דעם שלום=טראַקטאַט.

די אָפיציעלע ערקלערונג האָט געזאָגט:

„אין נאָמען פון דעם ראַט פון די פאָלקס=קאָמיסאַרן. די רעגירונג פון דער רוסישער פעדעראַטיווער רעפובליק איז מודיע די רעגירונגען און די פעלקער, וואָס פירן מלחמה, די פאַרבינדעטע און די נייטראַלע לענדער, אַז רוסלאַנד אַנטזאָגט זיך אונטערצושרייבן אַן אַנעקסיאָניסטישן שלום=טראַקטאַט און ערקלערט אין דער זעלביקער צייט, אַז זי שטעלט אָפּ די מלחמה מיט דייטשלאַנד, עסטרייך, טערקיי און בולגאַריע. די רוסישע אַרמיי באַקומט גלייכצייטיק אַ באַפעל פון אַ פולקומער דעמאָביליזאַציע אויף דעם גאַנצן פראָנט.

די דאָזיקע ערקלערונג האָט איבערראַשט קולמאַנען. ער האָט געפּרובט איבערצייגן טראָצקין, אַז דער נייער אומקלאָרער צושטאַנד קאָן בריינגען צו קאָמפּליקאַציעס, אָבער טראָצקי האָט אין נאָמען פון רוסלאַנד אַרויסגעזאָגט אַ איבערצייגונג, אַז קיינער וועט זיך ניט דערוועגן באַפאַלן דאָס רוסישע פאָלק, וועלכעס ערקלערט קלאָר, אַז זי שטרעבט אָפּצושטעלן די בלוט-פאַרגיסונג.

קולמאַן האָט געוואָלט לכל-הפּחות פאַרהאַלטן די רוסישע דעלעגאַציע נאָך אויף אַ געוויסער צייט אין בריסק, צונויפרופן אַ פּלענאַרע זיצונג פון אַלע שלום-דעלעגאַציעס, כדי געבן אין נאָמען פון אַלע צענטראַלע מלוכות אַן ענטפער אויף דער אומדערוואַרטעטער רוסישער דעקלאַראַציע, אָבער טראָצקי האָט זיך דערפון אויך אַנטזאָגט.

די שלום-אונטערהאַנדלונגען האָבן זיך אויף אַזאַ אופן איבערגעריסן און רוסישע דעלעגאַציע איז געווען פעסט איבערצייגט, אַז די צענטראַלע מלוכות וועלן ניט אָנהייבן קיין נייע אָפענסיוועס אויף רוסלאַנד, וועלכע ס'האָט זיך פאַקטיש דעמאָביליזירט.

קאָנטיק, אַז אַזאַ שטימונג האָט געהערשט אויך ביי די דעלעגאַציעס פון די צענטראַלע מלוכות. אַלענפאַלס, אין די פּריוואַטע שמועסן, וועלכע די דייטשע פאָרשטייער האָבן געהאַט מיט די רוסישע, האָבן זיי קאַטעגאָריש ערקלערט, אַז עס קאָן גאָר קיין רייד ניט זיין וועגן נייע מלחמות אויף דעם רוסישן פראָנט. אדרבה, די דייטשע פאָרשטייער האָבן געטענהט, אַז מען מוז זיך צונויפריידן וועגן איינצעלנע, קאָנקרעטע פראַגן, אָבער אין גיכן האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין בריסק האָבן אַלע געמאַכט פאַלשע חשבונות.

---

## XXI.

די ידיעה, אַז אין בריסק זיינען איבערגעריסן געוואָרן די אונטערהאַנדלונגען און עס איז ניט אונטערגעשריבן געוואָרן קיין שלום-אָפּמאַך, האָט אַרויסגערופן אַן אַלגעמיינע איבערראַשונג. צו אַזאַ צושטאַנד — ניט מלחמה און ניט שלום — איז קיינער ניט געוויינט געוואָרן און עס איז דעריבער געווען שווער פאָראויסצוזען די רעזולטאַטן, צו וועלכע אַזאַ משונהדיקער צושטאַנד קאָן ברענגען.

די רוסישע רעגירונג האָט געהאַלטן וואָרט: דער העכסטער קאָמאַנדיר פון דער רוסישער אַרמיי, קרילענקאָ, האָט תיכף פאַרעפנטלעכט אַ באַפעל צו דער גאַנצער אַרמיי, אַז רוסלאַנד האָט געענדיקט די מלחמה און אַז די אַרמיי ווערט דעמאָביליזירט.

די רוסישע אַרמיי, וועלכע האָט אייגנטלעך די דאָזיקע דעמאָביליזאַציע אָנגעהויבן זעלבשטענדיק שוין פון די ערשטע רעוואָלוציע-טעג, איז נאָך געווען גענוג גרויס. עס זיינען געווען טויזנטער מענטשן, וועלכע זיינען לויט אינערציע

אַדער לויט דעם אינסטינקטיוון דיסציפּלין־געפיל, געבליבן אין די סאָלדאַטן־רייען און האָבן ניט אַוועקגעוואָרפן די אָקאָפּעס, ניט קוקנדיק דערויף, וואָס די לעבנס־באַדינגונגען פון די סאָלדאַטן זיינען געווען אויסערגעוויינלעך שווער און קיינע דיסציפּלין־רעפּרעסיעס קעגן דעזערטירן האָבן פּאַקטיש ניט עקסיס־טירט.

איצט אָבער, ווען די דעמאָביליזאַציע איז אָפיציעל פּראָקלאַמירט געוואָרן, האָט זיך די גרויסע סאָלדאַטן־מאַסע מיט אַ מוראדיקן אימפּעט געלאָזט לויפן אַהיים.

דער דעמאָביליזאַציע־שטראָם איז געוואָרן אַזוי שטאַרק און סטיכיש, אַז עס איז געשאַפן געוואָרן אַ סכנה, אַז די דאָזיקע סאָלדאַטן־כוואַליע וועט חרוב מאַכן אַלע אייזנבאַנען, וועלכע זיינען אין משך פון דער מלחמה־צייט אַזוי אויך גענוג רואינירט געוואָרן.

די גרויסע סאָלדאַטן־מאַסע האָט מיט אַ מוראדיקער ענערגיע געשטרעבט אַהיים, ווייל פון די דערפער האָבן זיך אָנגעהויבן באַקומען ידיעות, אַז די פּויערים האָבן אָנגעהויבן צו פּאַרווירקלעכן דאָס באָלשעוויסטישע אַגראַר־פּראָ־גראַם און האָבן פּאַקטיש צוגענומען אַלע ערד־נחלאות פון די געוועזענע באַ־לעבאַטים.

די פּויערים אין די סאָלדאַטן־שינעלן האָבן מורא געהאַט, אַז פּאַרבלייבנ־דיק אין דער אַרמיי כאָטש אויף אַ קורצע צייט, וועלן זיי פּאַרשפּעטיקן די דאָזיקע ערד־חלוקה.

די דאָזיקע דעמאָביליזאַציע האָט זיך נאָך ניט געענדיקט און האָט נאָך אפילו ניט דערגרייכט איר העכסטע שטופע, ווען אין פּעטערבורג האָט זיך דעם 17 פעברואַר באַקומען פון בריסק אַ טעלעגראַפישע ידיעה, אַז דער גענ. האָפמאַן האָט אָפיציעל ערקלערט, אַז דעם 18 פעברואַר ענדיקט זיך דער וואָפנשטיל־שטאַנד און עס הויבט זיך אָן ווידער דער צושטאַנד פון מלחמה.

גענ. האָפמאַן האָט געמאַכט דעם חשבון גאַנץ פּשוט. דער ערשטער אָפמאַך וועגן וואָפנשטילשטאַנד האָט געפאָדערט, אַז דער צייט־פּעריאָד, פון וועלכן דער וואָפנשטילשטאַנד ווערט אָפיציעל בטל ביז וואַנען עס הויבט זיך אָן ווידער די מלחמה, דאַרף דויערן 7 טעג. דעריבער האָט דער גענ. האָפמאַן גע־רעכנט, אַז דער וואָפנשטילשטאַנד האָט זיך טעכניש געענדיקט אין דער מינוט, ווען טראָצקי האָט געמאַכט זיין דערקלערונג.

אָבער טראָצקי האָט אין זיין דעקלאַראַציע ניט געמאָלדן וועגן דעם, אַז דער וואָפנשטילשטאַנד ווערט בטל, נאָר אַז די מלחמה ווערט אָפּגעשטעלט, און ווען די דייטשע גענעראַלן, וועלכע האָט זיך אַזוי געלוסט ווידער אָנהויבן מיט רוסלאַנד אַ מלחמה, זאָלן זיין וויפיל עס איז ערליך, האָבן זיי געדאַרפט מעלדן מיט 7 טעג פריער, אַז די מלחמה הויבט זיך ווידער אָן.

אָבער די דייטשע מיליטערישע פּאַרטיי, וועלכע האָט נאָך די אַרבעטער־אומרוען אין דייטשלאַנד, באַקומען דאָרט אַ באַזונדער גרויסע השפּעה, האָט

LIBRARY OF THE BUREAU OF JEWISH EDUCATION

ניט געוואָלט מער שמועסן מיט די באָלשעוויסטישע דעלעגאַציעס און האָט באַ־שלאָסן אָנהויבן אַ נייע אָפּענסיווע אויף רוסלאַנד און נויטן די רוסישע רעגירונג אונטערשרייבן אַזאַ שלום, וועלכע די דייטשע אימפּעריאַליסטן וועלן איר דיקטירן.

אין פּעטערבורג האָט מען גאַנץ גוט פאַרשטאַנען די דאָזיקע כונה פון די דייטשע גענעראַלן, אָבער טראָצקי, אַלס קאָמיסאַר פאַר אויסלענדישע ענינים, האָט דאָך אַוועקגעשיקט אַ פּראָטעסט־טעלעגראַמע קיין בערלין און ווין און האָט געפאָדערט אַ קלאָרע תשובה, צי רעכענען די דאָזיקע מלוכות אָנהויבן אַ נייע מלחמה מיט רוסלאַנד.

קיין ענטפער האָט זיך ניט באַקומען און דעם 18 פעברואר האָט דאָס דייטשע מיליטער אָנגעהויבן די אָפּענסיווע אויף דער גאַנצער פראָנט־ליניע און אָפּגעהאַלטן „גלענצנדיקע" נצחונות אויף דעם שונא, וועלכער האָט שוין פאַקטיש ניט עקסיסטירט.

די רוסישע אַרמיי איז בכלל די לעצטע צייט געווען זייער ווייניק קאַמפּ־פעאיק און איצט, ווען עס איז אָפיציעל ערקלערט געוואָרן די דעמאָביליזאַציע, זיינען אין די אָקאָפּעס געבליבן איינצלנע מענטשן, וועלכע האָבן געהאַט דעם קלענסטן רצון צו קעמפן מיט די דייטשן. עס איז דעריבער קיין וואונדער ניט, וואָס די דייטשן האָבן מיט לייכטע הענט גענומען דווינסק, פסקאָוו און אַנדערע שטעט און האָבן באַשאַפן אַ סכנה פאַר פּעטערבורג גופא.

מען האָט געפּרובט אָרגאַניזירן אַ ווידערשטאַנד: אין פּעטערבורג האָבן זיך אָרגאַניזירט רויט־גוואַרדייאישע אָפּטיילונגען פון אַרבעטער, אָבער די דאָ־זיקע באַטאַליאָנען פון שלעכט־באַוואָפנטע און שלעכט־דיסציפּלינירטע ניי־גע־באַקענע סאָלדאַטן האָבן געהאַט אַ גאַנץ קליינע ממשות און האָבן ניט געקאָנט אָפּשטעלן דעם מאַרש פון דייטשן מיליטער.

אין פּעטערבורג האָבן זיך באַוויזן גרויסע אויפרופן צו די אַרבעטער צו פאַרטיידיקן דאָס סאָציאַליסטישע פאָטערלאַנד, וועלכע שטייט אין אַ סכנה; געוויסע גרופּן פון דער אַרבעטער־מאַסע האָבן זיך אָפּגערופן אויף די דאָזיקע אויפרופן, זיינען אַריינגעטראָטן אין דער רויטער גוואַרדיע און זיינען אַוועק אויף דעם פראָנט, אָבער אַזעלכע גיך־צונויפגעשטעלטע אַרבעטער־באַטאַליאָנען האָבן אפשר געהאַט גענוג רעוואָלוציאָנערן חשק צו שטאַרבן, אָבער זיי האָבן ניט געוואוסט, ווי אַזוי דאַרף מען זיך קעגנשטעלן די דיסציפּלינירטע דייטשע סאָלדאַטן. חוץ דעם, האָבן די אַלע רויטע באַטאַליאָנען ניט געהאַט קיין ק־מאַנדירן, וועלכע זאָלן זיי פירן אין קאַמף, און ביי די נייע קאָמאַנדירן, וועלכע האָבן זיך אַרויסגערוקט אין דער רעוואָלוציע־צייט, האָט אויך געפעלט מיליטערישע־קענטעניש און זיי האָבן דעריבער ניט געקאָנט אָרגאַניזירן אַ געהע־ריקן ווידערשטאַנד.

אין פּעטערבורג האָט מען תיכף פאַרשטאַנען די סכנה און לענין, וועל־כער האָט די גאַנצע צייט געטענהט, אַז מען טאָר זיך ניט שפּילן מיט

מלחמה, האָט איצט גובר געווען אַלע זיינע קעגנער און דער ראַט פון די פאָלקס־קאָמיסאַרן האָט באַשלאָסן מודיע צו זיין אין בערלין, אַז צוליב דער באַשאַפענער לאַגע איז ער גרייט אונטערצושרייבן די שלום־באַדינגונגען, וועלכע די צענטראַלע מלוכות האָבן פאָרגעלייגט אין בריסק.

אָבער פון בערלין האָט זיך באַקומען דעם 21 פעברואַר אַ נייער אולטימאַטום, וועלכער האָט אַריינגעטראָגן מוראדיק־גרויסע שנויים אין די בריסקער שלום־פאָרשלאָגן. חוץ יענע טעריטאָריעס, וועלכע דייטשלאַנד האָט געדאַרפט אָפּשניידן פון רוסלאַנד לויט די ערשטע שלום־באַדינגונגען, האָט איצט דייטשלאַנד געפאָדערט נאָך עסטלאַנד און ליפלאַנד; די גרעניץ־ליניע האָט זיך אָפּגערוקט ווידער אויף אַ גרויסע שטרעקע לטובת דייטשלאַנד. רוסלאַנד האָט זיך געדאַרפט מתחייב זיין אונטערשרייבן אַ שלום מיט דער אוקראַינישער רעפּובליק, וועלכע האָט דעמאָלט פּאַקטיש שוין ניט עקסיסטירט, און תיכף צונעמען דאָס מיליטער פון אוקראַינע און פינלאַנד.

רוסלאַנד האָט געדאַרפט שליסן גינסטיקע האַנדלס־אָפּמאַכן פאַר דייטשלאַנד און האָט זיך געדאַרפט מתחייב זיין אָפּשטעלן יעדע אַגיטאַציע קעגן דייטשלאַנד און אירע פאַרבינדעטע.

דער דאָזיקער אולטימאַטום האָט אַפילו ניט געקאָנט געווען באַטראַכט ווערן, ווייל דער ענטפער אויף אים האָט געדאַרפט געגעבן ווערן אין משך פון 2 טעג, דער שלום־אָפּמאַך האָט געזאָלט אונטערגעשריבן ווערן אין משך פון 3 טעג און ראַטיפיצירט ווערן אין משך פון 2 וואָכן.

מען האָט געמוזט געבן תיכף אַ ענטפער, וואָרים די סכנה פאַר פעטערבורג איז שוין געווען גענוג בולט, און מען האָט געמוזט מסכים זיין אויף אַלע פאָדערונגען, כדי אָפּשטעלן די דייטשע אָפענסיווע און ראַטעווען פעטערבורג, דעם צענטער פון דער רעוואָלוציע און דעם וויכטיקסטן אינדוסטריעלן צענטער פון רוסלאַנד.

דעם 24 פעברואַר איז אויף דער זיצונג פון דעם צענטראַלן אויספיר־קאָמיטעט באַשלאָסן געוואָרן אָננעמען דעם דייטשן אולטימאַטום און תיכף איז אין בריסק אַרויסגעפאָרן אַ נייע שלום־דעלעגאַציע.

טראָצקי איז שוין איצט אין דער דעלעגאַציע ניט אַריינגעגאַנגען. עס איז געווען קלאָר, אַז די דייטשן וועלן שוין איצט קיינע רעוואָלוציאָנערע רעדעס ניט ערלויבן צו האַלטן און טראָצקין, וועלכער האָט אָקאָרשט געפירט אַזאַ שטרייט מיט דער דייטשער שלום־דעלעגאַציע, האָט בכלל ניט געפּאַסט קומען קיין בריסק און אונטערשרייבן אָן טענות אַלע באַדינגונגען, וועלכע די דייטשן וועלן אונטערטראָגן.

יאָפּע האָט זיך אויך אָנטזאָגט צו נעמען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער נייער שלום־דעלעגאַציע און האָט מסכים געווען צו פאָרן קיין בריסק נאָר אַלס קאָנסולטאַנט נאָכדעם, ווי אין דער פּאַרטיי־פּרעסע איז אָפּגעדרוקט געוואָרן זיין

בריוו, אין וועלכן ער האָט אָפן ערקלערט, אַז ער איז קעגן דער שלום־פּאָליטיק, וואָס די רעגירונג פירט.

בראש פון דער שלום־דעלעגאַציע איז איצט געפאָרן סאָקאָלניקאָוו, וועלכער האָט זיך ביז איצט פאַרנומען מיט דער נאַציאָנאַליזאַציע פון די באַנק און וועלכער האָט ביז איצט ניט געשפּילט אַזאַ וויכטיקע ראָל אין דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי.

די רוסישע שלום־דעלעגאַציע איז אַרויסגעפאָרן פון פּעטערבורג און מיט גרויסע שוועריקייטן דערגרייכט צו פּסקאָוו, וועלכער איז שוין געווען פאַרנומען דורכן דייטשן מיליטער.

אין פּסקאָוו האָט די דעלעגאַציע דערלאַנגט אַ פּראָטעסט קעגן דעם, וואָס די אָפענסיווע ווערט געפירט ווייטער, אָבער דער דאָזיקער פּראָטעסט האָט ניט געווירקט, דעסגלייכן ווי עס האָבן ניט געווירקט אַלע פריערדיקע פּראָטעסטן. די אָפענסיווע האָט געדויערט ווייטער, ווייל פאַר דער דייטשער מיליטערישער פּאַרטיי איז געווען וויכטיק צו פאַרנעמען נאָך אייניקע פּונקטן ביז דער צייט, ווען דער שלום־טראַקטאַט וועט אונטערגעשריבן ווערן.

ווען די רוסישע שלום־דעלעגאַציע איז געקומען קיין בריסק, האָט זי ווידער געפאָדערט, אַז די אָפענסיווע זאָל אָפּגעשטעלט ווערן, אָבער די דייטשע גענעראַלן האָבן דאָ אויך זיך ניט געוואָלט רעכענען מיט די אַלע פּראָטעסטן.

די שלום־אונטערהאַנדלונגען האָבן זיך איצט טאַקי פאַרוואַנדלט אין אַ קאָמעדיע, ווייל די רוסישע שלום־דעלעגאַציע האָט דעמאָנסטראַטיוו ניט געוואָלט באַטראַכטן דעם פאָרגעלייגטן פּראָיעקט פון שלום־אָפּמאַך, הגם פאַר די לעצטע טעג האָבן זיך די מוראדיק־שלעכטע פאַר רוסלאַנד באַדינגונגען נאָך מער פאַרערגערט דורכדעם, וואָס די טערקישע דעלעגאַטן האָבן באַשלאָסן אויך אויסנוצן דעם גינסטיקן מאָמענט און אָפּרייסן ביי רוסלאַנד באַטום, קאַרס און אַרדאַגאַן.

די רוסישע דעלעגאַציע האָט אַלע אולטימאַטומען אונטערגעשריבן און האָט דערביי ערקלערט, אַז רוסלאַנד איז ניט איצטאַנד זיך קעגנשטעלן דייטשלאַנד און דעריבער, כדי צו ראַטעווען די רעוואָלוציע, אַנטזאָגט זי זיך צו באַטראַכטן דעם שלום־אָפּמאַך און שרייבט אים אונטער אונטערן שאַרף פון חלף.

די דעלעגאַטן פון די צענטראַלע מלוכות האָבן אפילו געפּרובט ווירקן אויף דער רוסישער דעלעגאַציע, אַז זי זאָל באַטראַכטן דעם פּראָיעקט פון דעם שלום־אָפּמאַך און פּרובן אויסבעסערן אייניקע פּונקטן. סאָקאָלניקאָוו אָבער האָט ניט געוואָלט פירן אונטערהאַנדלונגען מיט די צענטראַלע מלוכות, ווייל ער האָט געוואָלט אונטערשטרייכן פאַר דער גאַנצער וועלט, אַז די הסכמה פון דער רוסישער רעגירונג אויף אַזאַ רויבערישן שלום־אָפּמאַך איז אַרויסגעריסן געוואָרן מיט געוואַלד און אַז די רוסישע דעלעגאַציע האָט ניט קיין אַנדער ברירה, ווי אים אונטערשרייבן.

דער שלום־אָפּמאַך איז אונטערגעשריבן געוואָרן דעם 3 מאַרץ. אין דייטשלאַנד האָט דער דאָזיקער שלום־אָפּמאַך אַרויסגערופן אין געוויסע קרייזן אַ גרויסע שמחה, אָבער אַפילו דאָרט האָט מען פאַרשטאַנען, אַז אַזאַ געוואַלד־שלום וועט לאַנג ניט דויערן און וועט אַמווייניקסטן קאָנען שאַפן פריינדלעכע באַציאונגען צווישן רוסלאַנד און דייטשלאַנד.

אין רוסלאַנד האָט דער דאָזיקער שלום־אָפּמאַך אַרויסגערופן דעם גרעסטן טרויער. קיינער האָט ניט געקאָנט דעמאָלט זיך פאָרשטעלן, אַז דעם דאָזיקן שלום־אָפּמאַך איז באַשערט אַ קורץ לעבן. אדרבה, מען האָט גערעכנט, אַז רוסלאַנד וועט מוזן אין משך פון פיל יאָרן ערפילן אַלע בריסקער פליכטן און וועט ווערן פאַקטיש פאַרקנעכטעט ביי דייטשלאַנד.

אין דער רעגירונג גופא האָט דער שלום־אָפּמאַך אַרויסגערופן אַ קריזיס. די לינקע ס. ר. זיינען אַרויסגעטראָטן פון דער רעגירונג און האָבן ערקלערט, אַז זיי וועלן דעם דאָזיקן שלום־אָפּמאַך זעען וואָס גיכער צו אַנולירן און וועלן פירן אויף אייגענע אחריות אַ פאַרטיזאַנישע מלחמה מיט דייטשלאַנד.

אין דער באָלשעוויסטישער פאַרטיי גופא האָט זיך באַוויזן אַן אָפּאָזיציאָנעלע גרופּע, וועלכע האָט שאַרף קריטיקירט דעם בריסקער שלום־אָפּמאַך און האָט אויך געזאָגט שלעכטע נביאות וועגן דער צייט, ווען דער דאָזיקער שלום־אָפּמאַך וועט דאַרפן פאַרווירקלעכט ווערן אין לעבן.

טראָצקי איז געוואָרן אויס קאָמיסאַר פאַר אויסלענדישע ענינים, ווייל זיין געוועזענע שטעלונג צו דער שלום־פראַגע און זיין באַציאונג צו די דייטשע דעלעגאַציעס אין בריסק האָבן געקאָנט נאָר שאַדן איצט, ווען די גאַנצע אויסערלעכע פּאָליטיק פון ראַטן־רוסלאַנד האָט געדאַרפט באַשטיין אין דעם, וואָס די רוסישע רעגירונג האָט געדאַרפט נאָכגעבן אַלע דייטשע פאָדערונגען און שטילערהייט גרייטן זיך צו יענעם מאָמענט, ווען מען וועט קאָנען אַראָפּוואַרפן דעם שווערן יאָך, וואָס דער בריסקער שלום־אָפּמאַך האָט אַרויפגעוואָרפן אויף רוסלאַנד.

דער ערגסטער רעזולטאַט פון דעם בריסקער שלום־אָפּמאַך איז געוועזן די עוואַקואַציע פון פּעטערבורג, ווייל די דאָזיקע הויפּט־שטאָט איז איצט געוואָרן צו נאָענט צו די דייטשע פאָרפּאָסטן.

אין פּסקאָוו, אין נאַרווע און אין רעוועל איז געשטאַנען דייטשע מיליטער און די דייטשע קאָמאַנדע האָט שוין אָנגעהויבן צו שאַפן פּלענער, ווי אַזוי אויסשניידן פון די אַלע געגנטן באַזונדערע, כלומרשט זעלבשטענדיקע מלוכות; וועלכע זאָלן זיין אָפּהענגיג פון דייטשלאַנד.

אין פינלאַנד, וועלכע האָט, לויט דעם בריסקער שלום־אָפּמאַך, געדאַרפט תיכף אָפּגערייניקט ווערן פון רוסישן מיליטער, זיינען שוין אויך געווען דייטשע סאָלדאַטן, וועלכע דער בלוטיקער גענעראַל מאַנערהיים האָט איינגעלאַדן צו קעמפן מיט די רויטע פינלענדישע סאָלדאַטן און מיט די רעשטלעך פון רו־

סיאַן מיליטער, וועלכע האָבן זיך פֿאַראייניקט מיט די פֿינלענדער אַרבעטער און האָבן פֿאַרטיידיקט די רויטע פֿינלענדישע רעפּובליק.

ביי אַזאַ נאָענטע שכנות מיטן דייטשן מיליטער און ביי די אָנגעשטרענגטע באַציאונגען צווישן ראַטן־רוסלאַנד און דייטשלאַנד האָט קיין רייד ניט געקאָנט זיין, אַז די רעגירונג מיט די וויכטיקסטע רעגירונגס־אינסטיטוציעס זאָלן פֿאַרבלייבן אין פּעטערבורג, וואו זיי אַלע וואָלטן געווען שטענדיק אונטערן דייטשן חלף. מען האָט דעריבער אָנגעהויבן איילִיק צו עוואַקויִרן אַלע רעגירונגס־אינסטיטוציעס קיין מאָסקווע.

פֿון דעמאָלט אָן הייבט זיך אָן די ירידה פֿון פּעטערבורג, וועלכע דויערט ביז היינטיקן טאָג און וועלכע האָט געבראַכט דערצו, אַז פֿון דער דאָזיקער דריי־מיליאָנעדיקער שטאָט איז געבליבן נאָר אַ שוואַכער זכר.

---

## XXII.

בעת רוסלאַנד האָט נאָך אין 1825 יאָר געמאַכט דעם ערשטן העראָאישן פּרוּוו אַראָפּצוּוואַרפֿן פֿון זיך דעם יאָך פֿון צאַריזם, איז דער לאָזונג פֿון אַן אַלרוסישער גרינדונג־פֿאַרזאַמלונג אַרויסגעשטעלט געוואָרן דורך די רעוואָלוציאָנערע פֿאָלקס־מאַסן.

די רעוואָלוציע פֿון 1905 יאָר איז דערשטיקט געוואָרן, אָבער די צאַרישע הענקער האָבן ניט געקאָנט אויסמעקן דעם לאָזונג פֿון דער גרינדונגס־פֿאַרזאַמלונג, וועלכער איז געבליבן טיף איינגעוואָרצלט ביי די אַרבעטער־מאַסן.

ווען די פֿעברואַר־רעוואָלוציע האָט געמאַכט אַ סוף צו דעם צאַרישן רעזשים אין די ברייטע פֿאָלקס־מאַסן האָבן באַקומען די וויכטיקסטע דעה בנוגע צו אַלע זייטן פֿון מלוכה־לעבן, איז דער לאָזונג פֿון דער אַלרוסישער גרינדונגס־פֿאַרזאַמלונג ווידער אַרויסגערוקט געוואָרן אויף דעם ערשטן פּלאַן.

נאָכדעם, ווי דער צאַרישער רעזשים איז צעשמעטערט געוואָרן, איז ניט געווען קיין ספק, אַז דער איינציקער בעל־הבית פֿון רוסלאַנד וועט זיין נאָר די גרינדונגס־פֿאַרזאַמלונג, און אין דעם מאַניפֿעסט, וועלכן ניקאָלאַיס ברודער, דער גרויס־פֿירשט מיכאַאיל, האָט פֿאַרעפֿנטלעכט נאָכדעם ווי די צאַרישע מאַכט איז צו אים איבערגעגאַנגען, לויט ניקאָלאַי דעם צווייטנס מאַניפֿעסט וועגן זיין אַבדיקאַציע, האָט מיכאַאיל קלאָר און דייטלעך ערקלערט, אַז ער וועט נאָר אין דעם פֿאַל אָנטאָן אויף זיך די קייזערלעכע קרוין, אויב אַזאַ רצון וועט אַרויסזאָגן די אַלרוסישע גרינדונגס־פֿאַרזאַמלונג, וועלכע דאַרף צונויפֿגערופֿן ווערן אין דעם מעגלעך־שנעלסטן טערמין.

די ערשטע צייטווייליקע רעגירונג, וועלכע האָט באַקומען די גאַנצע מאַכט, האָט אין איר ערשטן אויפֿרוף אויך גענומען אויף זיך די התחייבות,

אַז זי וועט תיכּף מאַכן אַלע הכנות, אַז עס זאָל צונויפגערופן ווערן די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, וועלכע וועט דאַרפן באַשטימען די רעגירונגס־פאָרמע און די קאָנסטיטוציע פון לאַנד.

ביי אַזאַ לאַגע און ביי אַזאַ אַלגעמיינער איבערצייגונג, אַז נאָר די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג קאָן זאָגן איר אַוטאָריטעטן וואָרט אין אַלע וויכטיקסטע מלוכה־פראַגן, האָט די צוגרייטונגס־אַרבעט צו דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג געדאַרפט גיין מיט דער גרעסטער שנעלקייט און די פּאָליטישע גרופּן, וועלכע האָבן גענומען די מאַכט אין זייערע הענט, האָבן קודם־כּל געדאַרפט אָנשטרענגען אַלע כּוחות, כּדי די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג זאָל וואָס גיכער אָנהייבן איר אַרבעט.

אָבער די ערשטע צייטווייליקע רעגירונג, וואָס האָט געגעבן בנוגע דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג אַזעלכע פייערלעכע הבטחות, האָט אין אמתן זייער וויניק, אויב ניט גאָרניסט, געטאָן, כּדי די דאָזיקע הבטחות צו פאַרווירקלעכן אין לעבן.

די ערשטע רעגירונג, דער יורש פון סטאָליפּינס גאָס. דומע, האָט מיט אַלע מעגלעכקייטן באַמיט זיך אָפּציִען וואָס מער די צייט, ווען די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג דאַרף צונויפגערופן ווערן, און חוץ דעם האָט די דאָזיקע בירגערלעכע רעגירונג געוואָלט באַגרעניצן די צאָל וויילער, וועלכע האָבן געדאַרפט האָבן די רעכט אָנטייל צו נעמען אין די וואַלן צו דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג.

די דאָזיקע רעגירונג, וואָס האָט בכלל געוואָלט אַ צי־טאָן דעם רעוואָלוציאָנערן רייט־וואָגן צוריק, האָט געוואָלט אָפּוואַרטן מיט די וואַלן צו דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, כּדי „דער רעוואָלוציאָנערער טשאַד" זאָל אַ ביסל פאַרשוואונדן ווערן.

די רעכטע בירגערלעכע פּאַרטייען האָבן אין די ערשטע טעג פון דער רעוואָלוציע אינגאַנצן פאַרלאָרן זייער ווירקונג, און די רעגירונג האָט געהאָפט, אַז מיט דער צייט וועלן זיי צוריק באַקומען אַ געוויסע השפּעה אויף די פאָלקס־מאַסן, ווען יענע וועלן זיך אויסניכטערן פון זייער רעוואָלוציאָנערן שכרות און אַנטזאָגן זייער צוטרוי צו די לינקע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען.

די רעגירונג האָט צוליב דעם געוואָלט אויך באַגרעניצן די צאָל וויילער אין דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג און האָט פּראָיעקטירט, אַז וואַל־רעכט זאָלן האָבן נאָר בירגער, אין עלטער פון 25 יאָר (שפּעטער איז דער דאָזיקער צענז אַראָפּגעלאָזן געוואָרן ביז 21 יאָר) און אויך די, וואָס וואוינען אויף אַ באַשטימטן אָרט ניט ווייניקער פון 6 חדשים (שפּעטער אַראָפּגעלאָזן ביז 3 חדשים).

די ווייטערדיקע רעגירונגען, וועלכע האָבן זיך גאַנץ אָפּט געביטן, האָבן אויך ניט געאײַלט מיט די וואַלן אין דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג. די קאָמיסיע, וואָס איז אַראַנזשירט געוואָרן אויף אויסצואַרבעטן דעם וואַל־געזעץ צו דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג און איר צונויפרופן, האָט אויך מוראדיק פאַרציִוגן איר

אַרבעט, ווייל די פֿאָרשטייער פֿון די רעכטע פּאַרטייען, וואָס האָבן אָנטייל גענומען אין דער דאָזיקער קאָמיסיע, האָבן דאָרט פּשוט סאַבאָטירט די אַרבעט, און ביי אַזאַ לאַגע איז ניט צו באַוואונדערן, וואָס דער געזעץ וועגן די וואַלן אין דער גרינדונגס־פֿאַרזאַמלונג איז פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן ערשט דעם 26 יולי ד. ה. אין אַ האַלב יאָר נאָכדעם, ווי עס איז פֿייערלעך צוגעזאָגט געוואָרן וואָס גיכער צונויפֿרופֿן די גרינדונגס־פֿאַרזאַמלונג.

די שטרעבונגען וואָס ווייטער אָפּציִען דעם טערמין, ווען „דער אמתער בעל־הבית פֿון לאַנד״ דאַרף קומען, זיינען געווען אַזוי שטאַרק, אַז די וואַלן צו דער גרינדונגס־פֿאַרזאַמלונג זיינען ווידער אָפּגעלייגט געוואָרן אויף אַ גאַנץ לאַנגע צייט, ביז דעם 12 נאָוועמבער. די ביטערע איראָניע פֿון דער געשיכטע האָט זיך אָבער זייער טרויעריק נוקם געווען אָן די אַלע גרופּן, וועלכע האָבן געהאָפֿט צו מאַכן אַ פּאָליטישן קאַפּיטאַל פֿון דעם, וואָס זיי וועלן פֿאַרשלעפּן און אָפּציִען די צונויפֿרופֿונג פֿון דער גרינדונגס־פֿאַרזאַמלונג.

די רעכטע גרופּן האָבן געהאָפֿט, אַז מיט דער צייט וועלן זיך אויסוועבן די לינקע שטימונגען און די רעכטע פּאַרטייען וועלן ווידער באַקומען אַ גרויסע השפּעה אויף די ברייטע פֿאָלקס־מאַסן. אין אמתן זיינען אָבער די פֿאָלקס־מאַסן אַלץ מער און מער אַרויסגעוויזן אַ נטיה אויף לינקס און צו יענער צייט, ווען עס האָבן געדאַרפֿט פֿאָרקומען די וואַלן אין דער גרינדונגס־פֿאַרזאַמלונג, האָט אויף דער גאַנצער ליניע מנצח געווען די לינקסטע גרופּע פֿון דער רוסישער דעמאָקראַטיע, די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי, וועלכע האָט שוין צום 12 נאָוועמבער פֿעסט געהאַלטן די ממשלה אין אירע הענט.

די נייע מאַכט האָט אין די ערשטע טעג פֿון איר עקסיסטענץ דערקלערט, אַז זי איז געקומען צו פֿאַרטיידיקן די גרינדונגס־פֿאַרזאַמלונג און האָט פֿאַרזיכערט, אַז זי וועט אָננעמען אַלע מיטלען, כּדי די גרינדונגס־פֿאַרזאַמלונג זאָל זיך עפֿענען צו דער באַשטימטער צייט. אין אַלע וויכטיקסטע דעקרעטן איז אויך אָנגעוויזן געוואָרן, אַז זיי האָבן נאָר אַ פּראָוויזאָרישן כאַראַקטער, ביז וואַנען די גרינדונגס־פֿאַרזאַמלונג וועט זיך צו־ויפֿקלייבן.

אָבער ווען עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די אַנטי־באָלשעוויסטישע גרופּן זיינען לחלוטין ניט אַזוי שוואַך, ווי די נייע רעגירונג האָט גערעכנט אין די ערשטע טעג פֿון איר נצחון, און אַז זיי גרייטן זיך אַלע צו אַ לאַנגן און שווערן קאַמף מיט די באָלשעוויקעס און וועלן בלי שום ספֿק אין דעם דאָזיקן קאַמף באַמיען זיך אויסנוצן אויך די גרינדונגס־פֿאַרזאַמלונג, האָבן זיך ביי די באָלשעוויסטישע פֿירער אָנגעהויבן אַרויסווייזן ספֿקות בנוגע צו דער אומבאַגרעניצטער קדושה פֿון דער דאָזיקער מאַכט־אינסטיטוציע. דערצו זיינען נאָך געקומען די וואַלן, ווען די אומגעהויער־גרויסע צאָל וועלער (העכער 36 מיליאָן) האָבן געגעבן אַ מערהייט ניט דער רעגירונגס־פּאַרטיי, נאָר אירע קעגנער פֿון דער ס. ר. פּאַרטיי.

לענין, וועלכער האָט זיך שטענדיק אויסגעצייכנט מיט זיין אומבאַגרע־

ניצטער דרייסטקייט, האָט געהאַט די העזה צו ערקלערן עפנטלעך, אַז אין קאַמף פאַר דער מאַכט און פאַר דער סאָציאַלער רעוואָלוציע וועלן די אַרבעטער און פויערים מוזן אַריבערגיין די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, דעסגלייכן, ווי זיי האָבן עס געטאָן מיט פיל אַנדערע טראַדיציעס און אילוזיעס פון דער בירגערלעכער וועלט.

די וואַלן האָבן געגעבן אַ גענוגנדיקן פּתחון־פּה די באָלשעוויקעס אין זייער קאַמף קעגן דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג. די וואַלן זיינען דורכגעגאַנגען לויט דער פּראָפּאָרציאָנעלער סיסטעם מיט געשלאָסענע פאַרטייאישע קאַנדידאַטן־ליסטעס. די דאָזיקע קאַנדידאַטן־רשימות זיינען צונויפגעשטעלט געוואָרן מיט אַ גרויסער צייט פאַר די וואַלן און ביי דעם דעמאָלדיקן מוראדיק־שנעלן טעמפּ פון די געשעענישן האָבן די וואַלן צו דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג געבראַכט צו משונהדיקע רעזולטאַטן.

די מערהייט ביי די וואַלן האָט באַקומען די ס. ר. פּאַרטיי, אָבער אין דער צייט, ווען די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג האָט זיך געדאַרפט עפענען, האָבן די אינערלעכע רייבונגען פון דער ס. ר. פּאַרטיי דערגרייכט צו אַזאַ מדרגה, אַז די מיטגלידער פון דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, וואָס זיינען אויסגעוויילט געוואָרן פון איין און דער זעלביקער קאַנדידאַטן־רשימה, האָבן איצט געפירט צווישן זיך אַ קאַמף אויף לעבן און טויט.

די לינקע ס. ר., וועלכע זיינען אויסגעוויילט געוואָרן לויט די פּאַרטיי־רשימות פון דער ס. ר. פּאַרטיי, האָבן איצט אָנטייל גענומען אין דער ראַטן־רעגירונג צוזאַמען מיט די באָלשעוויקעס און האָבן זיך ניט אָנגעשטעלט אין זייער קאַמף קעגן זייערע געוועזענע פּאַרטיי־חברים פאַר די שאַרפסטע טעראָר־מעטאָדן.

אַזאַ סיטואַציע האָט געפאָדערט אייגנטלעך, אַז אין אַלע וואַל־ראַיאָנען, וואו אַזעלכע ס. ר. פּאַרטיי־רשימות האָבן ביי די וואַלן געזיגט, זאָלן פאָרקומען נייע וואַלן, כדי די וועלער זאָלן קאָנען אַרויסזאָגן, פאַר וועמען פון די צוויי קעגנפּנדיקע צדדים האָבן זיי געשטימט, אָבער אַזעלכע נייע וואַלן האָבן געדאַרפט ווידער אָפּציען אויף זייער אַ לאַנגע צייט די צונויפרופונג פון דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, וואָס איז להלוטין געווען אוממעגלעך.

די רעזולטאַטן פון די וואַלן צו דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג האָבן באַוויזן, אַז אין די וויכטיקסטע קולטורעלע און אינדוסטריעלע צענטערן האָבן די פריצדיקע רעגירונגס־פּאַרטייען אינגאַנצן פאַרלאָרן זייער חן ביי די וועלער. אין פּעטערבורג, אין מאָסקווע און אין די וויכטיקסטע אינדוסטריעלע צענטערן האָבן די מערהייט באַקומען די באָלשעוויקעס, אין דער צייט, ווען די ס. ר. ביט די מענשעוויקעס האָבן געליטן די גרעסטע מפּלות. דאַגעגן אין דער ווייטער פּראָווינץ, אין איבערהויפּט אויף די „אָקראַאינעס", ווי סיביר, קאַווקאַז א. א. געגנטן, וועלכע זיינען געווען אָפּגעריסן פון די וויכטיקסטע פּאָליטישע צענטערן און וואו די באַפעלקערונג איז ניט געווען אימשטאַנד פונאַנדערצו־

קלייבן זיך אין אַלע קאָלאָסאַל־וויכטיקע געשעענישן, וועלכע זיינען פאָרגעקומען אין די רוסישע הויפט־צענטערן, דאָרט האָבן די רעכטע סאָציאַליסטישע פאַרטייען געהאַט אַ ווירקונג און אין די אַלע פראָווינצן האָבן די ס. ר. באַקומען די גרעסטע צאָל שטימען ביי די וואַלן.

די רעזולטאַטן פון די וואַלן, וועלכע האָבן געגעבן די מעהרהייט אין דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג דער ס. ר.־פאַרטיי, האָבן באַשאַפן בכלל אַ משונה'דיקע לאַגע: לויט אַלע פאַרלאַמענטאַרישע פרינציפן, האָבן די ס. ר., וועלכע האָבן געהאַט אין דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג אַ מעהרהייט, געדאַרפט אָרגאַניזירן אַ רעגירונג און באַקומען די מאַכט. אָבער פאַקטיש האָט דאָך די זעלביקע ס. ר.־פאַרטיי א סך פריער געהאַט די זעלביקע מעגליכקייט צו באַקומען די מאַכט, ווייל קערענסקי, וועלכער איז איצט אויך אויסגעוויילט געוואָרן אין גרינדונגס־פאַרזאַמלונג לויט די ס. ר. קאַנדידאַטן־רשימות, האָט שוין אַ סך פריער פאַקטיש געהאַט, אַלס מיניסטער־פרעזידענט און אַלערהעכסטער קאָמאַנדיר פון דער רוסישער אַרמיי און פלאָט, די אומבאַגרעניצטע מאַכט און קיינער האָט אים ניט געשטערט צו שאַפן אַ רעגירונג נאָר פון ס. ר. אויב קערענסקי האָט עס ניט געטאָן און די ס. ר.־פאַרטיי האָט קעגן דעם ניט פראָטעסטירט, איז דאָס געווען אַ באַווייז, אַז די דאָזיקע פאַרטיי איז ניט געווען אימשטאַנד צו נעמען די מאַכט אין אירע הענט און עס איז איצט אויך ניט געווען קיין שום גאַראַנטיע, אַז ווען אפילו די באָלשעוויקעס זאָלן ווערן גוט און פרום און זאָלן זיך אַנטזאָגן פון אַלע עראָבערונגען, וואָס די אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט זיי געגעבן, לטובת דער מעהרהייטס־פאַרטיי פון דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, וועט די דאָזיקע פאַרטיי זיך ווידער ניט ווענדן צו די קאַדעטן און אַנדערע בירגערליכע גרופן, וועלכע האָבן באַקומען אַ מוראדיק־נישטיקע צאָל שטימען ביי די וואַלן, און וועלן צוזאַמען מיט זיי ניט שאַפן פון דאָס ניי אַ קאָאַליציאָנעלע רעגירונג, וועמענס כולקומער באַנקראָט האָט די אָקטאָבער־רעוואָלוציע דייטליך באַוויזן.

די באָלשעוויקעס האָבן זיך אָבער קיינמאָל ניט אויסגעצייכנט מיט גוטסקייט און פרומקייט און האָבן דעריבער ניט אַרויסגעוויזן קיין שום נטיה צו אַנטזאָגן זיך פון דער מאַכט נאָר לעם דעמאָקראַטישע וואַל־פרינציפן און האָבן בשום אופן ניט געוואָלט אָנהייבן פון דאָס ניי די אַלטע סדרה מיט קאָאַליציאָנעלע רעגירונגען, פון וועלכע זיי האָבן מיט אַזוי פיל קרבנות און מסירת־נפש באַפרייט רוסלאַנד.

עס איז דעריבער געווען קלאָר, אַז דער שאַרפער קאַמף, וואָס האָט זיך ביז איצט געפירט צווישן די באָלשעוויקעס און זייערע קעגנער, וועט זיך אָנהייבן ווידער מיט נאָך אַ גרעסערער שאַרפקייט אַרום דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג און איר צוקונפט.

## XXIII.

די גאַנצע אַרבעט אַרום דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג האָט געפירט אַ באַזונדערע „קאָמיסיע פון צונויפרופן די גרינדונגס-פאַרזאַמלונג", אין וועלכער זיינען געווען פאַרטראָטן פאַרשטייער פון אַלע פּאָליטישע פּאַרטייען. די דאָזיקע קאָמיסיע האָט אויסגעאַרבעט דעם וואַל-געזעץ צו דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג און זי האָט אויך אָנגעפירט מיט די וואַלן איבער גאַנץ רוסלאַנד.

אין דער דאָזיקער קאָמיסיע איז געווען פאַרטראָטן אויך די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי, אָבער, פאַרשטייט זיך, ניט אין אַזאַ מאָס און צאָל, ווי עס האָט געפּאַסט פאַר דער פּאַרטיי, וועלכע איז נאָך דער אָקטאָבער-איבערקערעניש געוואָרן די שטאַרקסטע און רעגירנדיקע פּאַרטיי.

די באָלשעוויסטישע פאָרשטייער פון דער „קאָמיסיע פון צונויפרופן די גרינדונגס-פאַרזאַמלונג" האָבן ניט געקאָנט ווירקן אויף דער אַרבעט פון דער קאָמיסיע אין דער ריכטונג אַזוי אין דער מאָס, ווי די רעגירנדיקע פּאַרטיי האָט געוואָלט, ווייל דער גרעסטער רוב פון דער קאָמיסיע איז באַשטאַנען פון אויסגעשפּראָכענע באָלשעוויסטישע קעגנער.

כדי צו באַקומען אַ גרעסערע השפּעה אויף דער קאָמיסיע און אויף איר אַרבעט, האָט די ראַ ן-מאַכט באַשטימט אויף איר אַ משגיח, אַ קאָמיסאַר משה אוריצקי, אַן אַלטן פּאַרטיי-מאַן, ביי וועלכן די הייליקסטע זאַך אין לעבן איז געווען פּאַרטיי-דיסציפּלין.

אין די ערשטע טעג, ווען דער נייער קאָמיסאַר אוריצקי האָט זיך ווייניק געמישט אין דער אַרבעט פון דער קאָמיסיע, האָט זי אים איגנאָרירט, אָבער ווען דער קאָמיסאַר האָט זיך מער פאַראינטערעסירט מיט דער אינערלעכער אַרבעט פון „דער קאָמיסיע פון צונויפרופן די גרינדונגס-פאַרזאַמלונג", האָבן די מיטגלידער פון דער קאָמיסיע אויסגענוצט דעם זעלביקן מיטל פון אַלע רעגירונגס-אינסטיטוציעס — ד. ה. זיי האָבן פאַרשטרייקט, אַוועקגעוואָרפן די אַרבעט און פאַרלאָזן דעם מאַריע-פּאַלאַץ, וואו די קאָמיסיע האָט געאַרבעט.

די נייע מאַכט האָט געפּרובט אַרעסטירן די גאַנצע קאָמיסיע און אַוועקזעצן אַלע מיטגלידער אין אַ קליין צימערל פון סמאָלני, וואו זיי האָבן גאַנץ געמיטלעך פאַרבראַכט עטלעכע טעג, איינאָרדנדיק אפילו אַ גאַנצע ריי זעציעס וועגן פאַרשיידענע מלוכה-פראַגן, וועלכע האָבן אין אַרעסט-צימערל געלייענט איינציקע פון די אַרעסטירטע, אָבער די מאַכט האָט זיך גאַנץ גיך אַרומגעזען, אַז מיט דעם אַרעסט וועט זי גאָר ניט פועלן, און האָט דעריבער פרייגעלאָזט אַלע מיטגלידער פון דער קאָמיסיע, וועלכע האָבן זיך אָבער צו זייער אַרבעט ניט אומגעקערט.

די גאַנצע אַרבעט צו אָנפירן מיט די וואַלן אין דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג האָבן געמוזט איבערנעמען אויף זיך איינציקע צופעליקע מענטשן, אָבער

אזוי ווי די וואַל־מאַשין איז שוין געווען אינגאַנצן איינגעאָרדנט, איז די אַרבעט געגאַנגען ווייטער און די וואַלן זיינען פאָרגעקומען אומעטום אין דער באַשטימטער צייט.

דער איינציקער אָרגאַן, וועלכער האָט געקאָנט די גאַנצע וואַל־אַרבעט רעזיומירן, איז געווען „די קאָמיסיע צו צונויפרופן די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג", וועלכע האָט אָבער פאַקטיש שוין צו יענער צייט ניט עקסיסטירט. אָנשטאָט איר איז געווען אַ באָלשעוויסטישער קאָמיסאַר, וועמען קיינער פון די ניי־אויסגעוויילטע מיטגלידער פון דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג (חוץ די באָלשעוויקעס און לינקע ס. ר.) האָט ניט געוואָלט בשום אופן אָנערקענען. אין דער זעלביקער צייט אָבער האָט נאָר דער דאָזיקער קאָמיסאַר געהאַט אין זיין רשות אַלע מאַטעריאַלן וועגן די רעזולטאַטן פון די וואַלן אין יעדער וואַל־קרייז, און נאָר ער, אַלס פאָרשטייער פון דער קאָמיסיע, האָט געקאָנט באַשטימען, ביז די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג וועט אָנהייבן איר אַרבעט, צי די אָדער יענע וואַלן זיינען פאָרגעקומען געזעצלעך.

די מיטגלידער פון דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג האָבן אָבער בשום אופן ניט געוואָלט אָנערקענען דעם קאָמיסאַר אוריצקי און זיין קאָמפעטענץ אַרויסצוטראָגן אַ פסק־דין וועגן דער געזעצלעכקייט פון די וואַלן, ווייל דאָס וואָלט געהייסן, אַז די מיטגלידער פון דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג אָנערקענען די קאָמיסאַרן־מאַכט און, במילא, די אָקטאָבער־רעוואָלוציע.

עס האָט זיך באַשאַפן אַזאַ לאַגע, ביי וועלכער צ. ב. ש. אַזאַ קליינע פראַגע וועגן דעם, ווער דאַרף אַרויסגעבן בילעטן אין טאַווריטשן פּאַלאַץ, וואו די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג האָט געדאַרפט פאָרקומען, איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ העכסט־וויכטיקע פּרינציפּיעלע פראַגע וועגן דער מאַכט בכלל און וועגן דעם, צי די באָלשעוויסטישע מאַכט ווערט אָנערקענט דורך די איבעריקע פאַרטייען.

דער קאָנפליקט אַרום די אַריינגאַנג־בילעטן איז ניט געווען דער איינציקער, וועלכער האָט זיך דעמאָלט אַנטוויקלט צווישן דער ראַטן־רעגירונג און די מערהייטס־פאַרטייען פון דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג.

די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג האָט זיך געדאַרפט עפענען דעם 28 נאָוועמבער און ווען די ס. ר., וועלכע האָבן געהאַט די גרעסטע צאָל דעפּוטאַטן, וואָלטן פאַרשטאַנען אָפּצושאַצן ריכטיק דעם מאָמענט, וואָלטן זיי מיט אַלע מעגלעכקייטן באַמיט זיך, אַז צו דעם דאָזיקן טאָג זאָל אין פּעטערבורג זיין אַזאַ גרויסע צאָל דעפּוטאַטן, וועלכע זאָל אימפּאָנירן די ראַטן־רעגירונג און דאָס גאַנצע לאַנד. ווען די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג זאָל זיך עפענען דעם 28 נאָוועמבער ביי אַ גענוגנדיקער צאָל מיטגלידער, וואָלט אפשר איר קומענדיקע געשיכטע געווען אַ גאַנץ אַנדערע, ווייל צו יענער צייט האָבן נאָך די באָלשעוויקעס אַליין ניט באַפרייט זיך פון דעם יראת־הכבוד פון די פאָלקסמאַסן צו דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, וועלכער איז איינגעפלאַנצט געוואָרן אין

אַ געזעצער מאָס אפילו דורך די באָלשעוויקעס אַליין מיט זייער פריערדיקער אַגיטאַציע פאַר דער גרינדונגס=פאַרזאַמלונג.

חוץ דעם, איז נאָך דעמאָלט די רעגירונג ניט געווען אַזוי שטאַרק, אַז זי זאָל זיך ערלויבן אַזאַ ריזיקאַלן טריט, ווי צעטרייבן די גרינדונגס=פאַרזאַמלונג, ווי זי האָט עס געטאָן שפּעטער.

די ס. ר. האָבן אָבער ניט באַוויזן צו ברענגען קיין פּעטערבורג אַ גרויסע צאָל מיטגלידער פון דער גרינדונגס=פאַרזאַמלונג און איר ערשטע זיצונג איז נישט געקומען ביי זייער אַ קליינער צאָל דעפּוטאַטן, און די ס. ר. אַליין האָבן נישט געוועזן, אַז די עפענונג וועט פאָרקומען שפּעטער.

די רעגירונג איז געווען גאַנץ צופרידן פון דעם דאָזיקן ערשטן אומגעלונגענעם שריט און האָט מודיע געווען, אַז די גרינדונגס=פאַרזאַמלונג וועט געעפנט ווערן נאָר דעמאָלט, ווען עס וועלן קומען 400 געזעצליך=אויסגעוויילטע מיטגלידער, מיט אַנדערע ווערטער, ווען ביי דעם קאָמיסאַר פון „דער קאָמיסיע צו צונויפרופן די גרינדונגס=פאַרזאַמלונג” וועט זיך פאַררעגיסטרירן אַזאַ צאָל דעפּוטאַטן.

די פּרובן פון די אָנוועזנדע דעפּוטאַטן צונויפקלייבן זיך אין טאַווריש פּאַלאַץ זיינען ניט פאַרווירקלעכט געוואָרן, ווייל די באַלשעוויסטישע וואַך אין פּאַלאַץ האָט באַקומען אַ שטרענגן באַפעל ניט אַריינצולאָזן קיין שום מענטש אין פּאַלאַץ, אויב ער פאַרמאָגט ניט קיין בילעט, וועלכער דאַרף זיין אונטערגעשריבן דורך דעם קאָמיסאַר אוריצקי.

די פראַגע וועגן די בילעטן איז דערמיט אויסגעשטעלט געוואָרן גענוג שאַרף און מער פון אַ חודש האָט געדויערט ביי די מערהייטס=פּאַרטייען דער ישוב=הדעת, צי קאָנען זיי נעמען אַזעלכע בילעטן ביי דעם באָלשעוויסטישן קאָמיסאַר, צי ניט, און צוליב דעם ישוב=הדעת האָט זיך די אָפיציעלע עפענונג פון דער גרינדונגס=פאַרזאַמלונג פאַרצויגן ביז דעם 5 יאַנואַר 1918, ווען אַלע רעכטע דעפּוטאַטן האָבן געמוזט סוף כל סוף גיין אין קאַנצעלאַריע און נעמען אין אוריצקיס קאַנצעלאַריע אַריינגאַנג=בילעטן.

דער דאָזיקער לאַנגער ישוב=הדעת האָט ניט ווייניק קאָמפּראָמעטירט די מערהייטס=פּאַרטייען און די גרינדונגס=פאַרזאַמלונג גופא און, וואָס איז נאָך וויכטיקער, אין משך פון דעם דאָזיקן חודש האָבן די באָלשעוויקעס געהאַט גענוג צייט, כדי גאַנץ גענוי צו איבערחזרן, צי עס לוינט זיי פראַווען גרויסע צערעמאָניעס מיט דער גרינדונגס=פאַרזאַמלונג, אָדער מען קאָן גאַנץ רואיק איר איגנאָרירן און מאַכן אַ גיכן סוף נאָך צו איין אילוזיע פון דער אַלטער בירגערלעכער וועלט און צו איר אָפּשיי צו אויסגעוויילטע רעפּרעזענטאַנץ=אָרגאַנען.

עס איז געווען נאָך איין קליינע פאָרמעלע פראַגע, וועלכע האָט אָבער גענוג בלוט געקאָסט אַלע פּאַרטייען אין יענער צייט און וועלכע איז באַשטאַנען אין דעם, ווער דאַרף עפענען די גרינדונגס=פאַרזאַמלונג?

די באָלשעוויקעס האָבן געטענהט, אַז לויט די קאָנסטיטוציאָנעלע רעכט

און מנהגים, דאַרף די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג געעפנט ווערן דורך דער העכסטער פערזאָן פון לאַנד, וועלכע האָט, לויט דער ראַטן־קאָנסטיטוציע, געזאָלט זיין דער פּאָרזיצער פון צ. א. ק, יעקב סווערדלאָוו.

די רעכטע פּאַרטייען זיינען בכלל געווען גרעסטערע אָנהייגער פון קאָנסטיטוציאָנעלע מנהגים, ווי די באָלשעוויקעס, און זיי זיינען דעריבער פּרינציפּיעל ניט געווען קעגן דעם, אַז די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג דאַרף געעפנט ווערן דורך דער העכסטער פּערזאָן אין לאַנד. עס איז גאָר געווען קאָמיש צו גלויבן, אַז די דאָזיקע פּאַרטייען, וועלכע האָבן געפירט אַ בלוטיקן קאַמף קעגן אַלע באָלשעוויסטישע מאַכט־אָרגאַנען, זאָלן אָנערקענען דעם צ. א. ק פאַר דעם העכסטן געזעצגעבערישן אַנשטאַלט אין לאַנד און זיין פּאָרזיצנדער, יעקב סווערדלאָוו, פאַר דעם מענטש, וואָס דאַרף פּערזאָניפיצירן די העכסטע מאַכט פון רוסלאַנד.

די פּערזאָנען־פראַגע האָט זיך נאָך ניט געענדיקט מיט סווערדלאָוון, ווייל די רעכטע פּאַרטייען האָבן קאַטעגאָריש ערקלערט, אַז זיי וועלן בשום אופן ניט ערלויבן לענינען און טראָצקין אַרויסטרעטן אויף דער טריבונע פון דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג און וועלן זיי באַגעגענען מיט דער שאַרפסטער און ענערגישסטער אָבסטרוקציע, וואָס האָט געזאָלט אַרויסרופן דעם גרעסטן קאָנפליקט אין דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג.

די אַלע פראַגן האָבן ניט ווייניק טומל און זאָרג באַשאַפן דעמאָלט אַלע פּאַרטייען, אָבער סוף כל סוף איז קלאָר געווען, אַז צוליב פּאָרמעלע און פּערזענלעכע פראַגן וועט די עפענונג פון דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג ניט אָפּגעלייגט ווערן ווידער.

עס איז אָבער אַנטשטאַנען אַ סך וויכטיקערע און הארבערע פראַגע, וועלכע איז טאַקע געווען אימשטאַנד אויפצורייסן די גאַנצע גרינדונגס־פאַרזאַמלונג און מאַכן אַ סוף צו אַלע האָפנונגען, וועלכע זיינען מיט איר געווען פאַרבונדן. — דאָס איז געווען די פראַגע וועגן דער אַרבעט פון דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג און וועגן אירע ערשטע אויפגאַבן.

פון דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע איז ניט אַריבער קיין סך צייט, אָבער אין משך פון די עטלעכע חדשים האָט די ראַטן־מאַכט באַוויזן צו פאַרעפנטלעכן זייער אַ גרויסע צאָל דעקרעטן, וועלכע האָבן באַרירט די פאַרשיידנאַרטיקסטע זייטן פון סאָציאַלן, עקאָנאָמישן און מלוכה־לעבן פון רוסלאַנד. די דאָזיקע דעקרעטן האָבן געשטרעבט איבערצובויען רוסלאַנד אויף פולקום נייע יסודות און זיי זיינען ערשינען מיט אַזאַ שנעלקייט, אַז מען האָט געקאָנט מיינען, אַז די ראַטן־מאַכט שטרעבט צו פאַרווירקלעכן איר גאַנצע פּראָגראַם איידער די גרינדונגס־פאַרזאַמלוג איז צונויפגערופן געוואָרן, כדי זי זאָל שוין אין די ערשטע מינוטן פון איר עקסיסטענץ האָבן צו טאָן מיט אַ פאַרטיקע סיסטעם און מיט אַ נייע אָרדענונג.

אויב דאָס איז נאָך געווען ווייניק, האָט די ראַטן-מאַכט באַשלאָסן צו שטעלן דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג אַן אולטימאַטום, אַז זי זאָל אָנערקענען די נייע אָרדנונג, די ראַטן-סיסטעם, און זאָל אַרויפלייגן איר שטעמפּל אויף אַלע געזעצן און דעקרעטן, וועלכע די ראַטן-מאַכט האָט שוין פאַרעפנטלעכט און קעגן וועלכע יענע פּאַרטייען, וואָס האָבן געדאַרפט שפּילן די הויפּט-ראָל אין גרינדונגס פאַרזאַמלונג, האָבן ביז איצט אויף דעם שאַרפסטן אופן פּראָטעסטירט.

דער אולטימאַטום האָט געפאָדערט פון די רעכטע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, אַז זיי זאָלן זיך אָנטזאָגן פון זייער ביזאיצטיקער פּאָליטיק, אָנערקענען אַלע באָלשעוויסטישע דעקרעטן און איבערהויפּט די ראַטן-סיסטעם און דערמיט דיסקרעדיטירן זיך און די גאַנצע גרינדונגס-פאַרזאַמלונג ביי די ברייטע פאָלקס-שיכטן.

עס פאַרשטייט זיך, אַז קיין שום פּאַרטיי האָט ניט געקאָנט מסכּים זיין צו אַזאַ פרייוויליקן זעלבסטמאָרד; נאָך ווייניקער האָפענונגען איז געווען, אַז אַזאַ פּאָליטישן זעלבסטמאָרד זאָל באַגיין די ס. ר. פּאַרטיי, וועלכע האָט נאָך ניט פאַרגעסן איר העלדן-פאַרגאַנגענהייט און וועלכע האָט איצט זיך אויך געקאָנט באַרימען מיט אַ גרויסן נצחון ביי די וואַלן, ווען די דאָזיקע פּאַרטיי האָט באַקומען די גרעסטע צאָל וואַל-שטימען.

ביי דער אַנשלאָסענהייט און דרייסטקייט, וועלכע די באָלשעוויקעס האָבן אַרויסגעוויזן ביז איצט אין זייער קאַמף מיט די קעגנער, ווען זיי פלעגן זיך ניט אָפּשטעלן פאַר די שאַרפסטע מיטלען, כּדי זייערע פאָדערונגען דורכצופירן אין לעבן, איז געווען קלאָר, אַז ביי אַזוי פיל אויפרייס-מאַטעריאַל, וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט אַרום דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג, וועט איר עפענונג ניט דורכגיין רואיק, אָן אינצידענטן און קאָנפליקטן, אָבער דאָך איז קיינער ניט געווען אימשטאַנד צו פאָרשטעלן זיך אַזאַ בילד פון געשעענישן, וועלכע זיינען פאָרגעקומען דעם 5 יאַנואַר, אין דעם טאָג, ווען די אַלרוסישע גרינדונגס-פאַרזאַמלונג האָט זיך סוף כּל סוף געעפנט.

## XXIV.

עס איז געקומען דער 5 יאַנואַר 1918 יאָר, ווען עס האָט זיך געדאַרפט עפענען די גרינדונגס-פאַרזאַמלונג מיט דער צאָל דעפּוטאַטן, וועלכע די ראַטן-רעגירונג האָט אָנערקענט פאַר אַ געזעצלעכע. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די גרעסטע מערהייט אין דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג האָט די פּאַרטיי סאָציאַליסטן-רעוואָלוציאָנערן (ס. ר.), הגם פון איר האָט זיך אָפּגעריסן אַ געוויסער טייל און אָרגאַניזירט אַ באַזונדער פּאַרטיי לינקע ס. ר., וועלכע זיינען איצט געגאַנגען האַנט-ביי-האַנט מיט די באָלשעוויקעס.

צום 5 יאַנואַר איז שוין קלאָר געוועזן, אַז אַלע נאַציאָנאַלע און רעכטע פּאַרטייען, אָנהייבנדיק פון די אוקראַיינישע ס. ד. און ס. ר. און ענדיקנדיק מיט אַזעלכע קליינע נאַציאָנאַלע גרופּעס, ווי די יידישע, פּוילישע, טאָטערישע, א. אַ. וו. וועלן גיין צוזאַמען מיט דעם רעכטן פליגל פון דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג און בשום אופן ניט מיט די לינקע, מיט די באָלשעוויקעס און לינקע ס. ר.

צו דעם רעכטן פליגל זיינען אויך צוגעשטאַנען אַלע דעפּוטאַטן פון די בירגערליכע און פּריצישע פּאַרטייען, וועלכע ס'האָט געלונגען אַריינדרינגען אין דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג, און ביי אַזא לאגע איז געווען קלאָר, אז אין דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג וועלן זיך אַוועקשטעלן איינע קעגן די אַנדערע צוויי פיינדליכע פראָנטן, וועלכע האָבן ביז איצט געפירט צווישן זיך אַ קאַמף אויף לעבן און טויט און וועלן איצט אויך אויף קיינע פשרות ניט גיין.

די רעגירונגס-פּאַרטייען, די באָלשעוויקעס און די לינקע ס. ר., האָבן זיך שוין צו יענער צייט באַפרייט פון אַלע ספקות בנוגע צו דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג און האָבן באַשלאָסן פאָדערן פון איר, אַז זי זאָל אַרויפלייגן איר הכשר-שטעמפּל אויף דער גאַנצער ראַטן-סיסטעם און אויף אַלע דעקרעטן, וואָס די ראַטן-רעגירונג האָט אַרויסגעגעבן. דערביי איז געווען קלאָר, אַז אויב די גרינדונגס-פאַרזאַמלונג וועט ניט מסכים זיין דערצו, וועט זי תיכף ומיד פונ-אַנדערגעלאָזן ווערן.

די ס. ר.-ישע פּאַרטיי האָט, פאַרשטייט זיך, ניט געקאָנט איינגיין אויף אַזאַ זעלבסט-מאָרד און זי האָט דעריבער באַשלאָסן מיט אַלע מעגלעכקייטן אויסמיידן קאָנפליקטן מיט דער ראַטן-רעגירונג אין די ערשטע טעג פון דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג, אָננעמען קודם-כל אַזעלכע געזעצן, וועלכע זאָלן פאַר-בינדן די גרינדונגס-פאַרזאַמלונג מיט די ברייטסטע פאָלקס-שיכטן, ווי צ. ב. ש. די אַגראַר-געזעצן, די פראַגע וועגן שלום, און ערשט נאָכדעם, ווי די גרינדונגס-פאַרזאַמלונג וועט זיך שוין איינוואָרצלען און באַפעסטיקן, דעמאָלט איבערגיין צו די שטרייט-פראַגן און געבן די באָלשעוויקעס אַ שלאַכט אין אַזאַ צייט און ביי אַזעלכע באַדינגונגען, וועלכע וועלן זיין גינסטיק פאַר דער גרינדונגס-פאַר-זאַמלונג.

דער דאָזיקער פּלאַן איז געווען אַ גאַנץ קלוגער און אַ פּראַקטישער, נאָר ער האָט געהאַט איין חסרון, וואָס ער איז געווען אינגאַנצן געבויט אויף דער נאַאיוויטעט פון דעם קעגנערישן צד, פון די באָלשעוויקעס, וועלכע האָבן ביז איצט מיט אַ סך זאַכן אפשר געזינדיקט, אָבער בשום אופן ניט מיט נאַאיוויטעט. עס איז דעריבער געווען קלאָר, אַז די רעגירונגס-פּאַרטייען וועלן זיך ניט לאָזן פאַרפירן אויף לאַנגע צייטן דורך די קלוגע ס. ר. און וועלן, אדרבה, פאָרסירן דעם קאָנפליקט מיט דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג, כדי אַמשנעלסטן צו קאָמפּראָ-מעטירן איר.

סוף-כל-סוף איז געקומען דער 5 יאַנואַר, ווען די גרינדונגס-פאַרזאַמלונג

האָט זיך געזאָלט עפענען. די רעכטע פּאַרטייען, וועלכע האָבּן געהאַט אַ מער־הייט אין גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, האָבּן אָרגאַניזירט דעמאָנסטראַציעס אין שטאָט, כדי בולט אַרויסצווייזן די סימפּאַטיעס פון די ברייטע פאָלקס־שיכטן צו דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג. די רעגירונגס־פּאַרטייען האָבּן קודם־כל ערקלערט, אַז אונטער דעם לאָזונג פון דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג זאַמלען זיך צונויף אַלע קאָנטר־רעוואָלוציאָנערן, באַנקירן, קאַפּיטאַליסטן, פּריצים א. ד. ג. און קעגן אַזעלכע שוואַרצע און רעאַקציאָנערע כּחות זיינען כשר אַלע מיטלען און דע־ריבער האָט די רעגירונג אָרגאַניזירט קעגן די דעמאָנסטראַנטן, וועמענס צאָל איז ניט געווען באַזונדער גרויס, באַוואָפנטע מיליטערישע כּוחות, וועלכע האָבּן אפילו געשאָסן אין זיי.

פעטערבורג האָט באַקומען דעם 5 יאַנואַר אַן אויסזעען פון אַ באַוואָפנטן לאַגער. אומעטום, און איבערהויפּט ארום דעם טאַורישן פּאַלאַץ, זיינען געשטאַנען מיליטערישע פּאַטראָלן, וועלכע האָבּן געדאַרפט שטערן די דעמאָנסטראַציעס, וואָס די ס. ר. פּאַרטיי האָט אָרגאַניזירט, גיין צו דעם טאַורישן פּאַלאַץ, וואו די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג האָט זיך געדאַרפט עפענען.

די שפּאַלערנע גאַס, וואו עס געפינט זיך דער טאַורישער פּאַלאַץ, איז געווען פאַרבאַריקאַדירט מיט קלעצער און ביי די באַריקאַדן זיינען אויך גע־שטאַנען מיליטערישע פּאַטרולן, וועלכע האָבּן שטרענג אכטונג געגעבן, אַז קיינע איבעריקע מענטשן זאָלן ניט קאָנען דערשלאָגן זיך צו דעם טאַורישן פּאַלאַץ און מאַכן דאָרט דעמאָנסטראַציעס לכבוד דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג.

דער טאַורישער פּאַלאַץ איז נאָך מער געווען באַוואַכט און געהיט דורך ספּעציעלע מאַטראָסן, וועלכע זיינען געווען באַוואָפנט פון קאָפּ ביז די פיס און וועלכע האָבּן שטרענג השגחה געגעבן, אַז אין פּאַלאַץ זאָל ניט אַריינדרינגען קיין שום מענטש, וועלכער פאַרמאָגט ניט קיין געזעצלעכן בילעט מיט דער אונ־טערשריפט פון קאָמיסאַר און קאָמענדאַנט.

ביי יעדער טיר און טויער זיינען געשטאַנען נייע באַוואָפנטע שומרים, וועלכע האָבּן מיט זיבּן אויגן געקוקט אויף יעדער איינציקן, וואָס האָט געהאַט די זכיה אַריינכאַפּן זיך אין טאַורישן פּאַלאַץ.

דער טאַורישער פּאַלאַץ, וועלכער איז ספּעציעל רעמאָנטירט און אויס־געפוצט געוואָרן לכבוד דעם גרויסן טאָג, האָט זיך פון גאַנץ פרי אָנגעפּאַקט מיט אַ סך עקליבענע דעפּוטאַטן, מיטגלידער פון דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, געסט. דאָס רוב דאָלדאַטן און מאַטראָסן, וועלכע די מאַכט האָט מזכּה געווען מיט אַרייגאַנג־בילעטן און וועלכע זיינען אין גרעסטן רוב געווען מיט־גלידער אָדער סימפּאַטיקער פון די רעגירונגס־פּאַרטייען — די באָלשעוויסטישע אָדער לינקע ס. ר.

דער טאַורישער פּאַלאַץ איז שוין געווען געפּאַקט איבער די ברעגן און די זיצונג פון דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג האָט זיך נאָך אַלץ ניט געעפנט. אַלע האָבּן זיך פיל מער אינטערעסירט מיט די געשעענישן, וואָס קומען פאָר

אויף די גאַסן, אויסער דעם פּאַלאַץ, וואו „דער קאָמיטעט צו פּאַרטיידיקן די גרינדונגס־פּאַרזאַמלונג“ האָט געזאָלט אָרגאַניזירן צו יענער צייט גרויסע מאַסן־דעמאָנסטראַציעס.

דער אָפּקלאַנג פון די גאַסן־געשעענישן האָט דערגרייכט צו דעם טאַווּרישן פּאַלאַץ און ווען אויף די גאַסן זיינען צווישן די דעמאָנסטראַנטן געפאַלן קרבנות האָט דאָס אַרויסגערופן אַ מוראדיקן טומל אין פּאַלאַץ, וואו די רעכטע סאָציאַליסטישע גרופּן האָבן געוואָרפן צו זייערע חברים פון לינקס די ווערטער: מערדער, הענקער א. ד. ג.

מען האָט זיך געקאָנט גאַנץ לייכט פאָרשטעלן, אַז ביי אַזאַ גאַסן־אויבער־טור קאָן מען ניט האָפן אויף גוטע רעזולטאַטן פון דער ערשטער פייערלעכער זיצונג פון דער גרינדונגס־פּאַרזאַמלונג, וועלכע האָט זיך אָקאָרשט געעפנט אַרום פיר אַזייגער אין אָוונט.

דער גרויסער, פּרעכטיקער זיצונגס־זאַל פון טאַווּרישן פּאַלאַץ איז שוין געווען געפּאַקט ביז דער העכסטער גראַד, דעסגלייכן זיינען געווען געפּאַקט די גאַלערייען פאַרן פּובליקום און די לאָזשעס פאַר די זשורנאַליסטן, וואו מען איז געזעסן ממש אַ קאָפּ אויף אַ קאָפּ. עס איז אַריבער אַ שעה נאָך אַ שעה און די זיצונג האָט זיך נאָך אַלץ ניט געעפנט. עס איז געקומען די שעה, ווען די פּראַגע, ווער דאַרף עפענען די גרינדונגס־פּאַרזאַמלונג, האָט געדאַרפט פּראַקטיש ערליידיקט ווערן.

ווען אַלעמען איז שוין נמאס געוואָרן צו וואַרטן אויף דער עפענונג פון דער זיצונג, האָבן די רעכטע ס. ר. אַרויסגערוקט דעם עלטסטן מיטגליד פון דער גרינדונגס־פּאַרזאַמלונג, דער ס. ר. שוועצאָוו, אויף דער פּאָרזיצער־טריבונע. אָבער איידער דער גרייז־אַלטער שוועצאָוו האָט קוים באַוויזן צו נעמען דעם גלעקל אין האַנט און דערקלערן, אַז ער עפנט אין נאָמען פון פאָלק די גרינדונגס־פּאַרזאַמלונג, ווי דער גאַנצער לינקער פליגל פון זיצונגס־זאַל, די באַלשעוויקעס מיט די לינקע ס. ר. האָבן געמאַכט אַ מוראדיקן טומל, אַ קלאַפּעריי און פייפעריי, וועלכע איז תיכף באַגלייט געוואָרן מיט שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן פון דער רעכטער זייט, וועלכע האָט באַגריסט דעם אַלטן שוועצאָוו, וואָס האָט געראַטעוועט די לאַגע און געזאָגט די ערשטע אָפיציעלע ווערטער אויף דער ערשטער זיצונג פון דער גרינדונגס־פּאַרזאַמלונג.

די לינקע האָבן אָבער דווקא ניט געוואָלט דערלאָזן, אַז די זיצונג זאָל געעפנט ווערן דורך אַ רעכטן ס. ר. און ניט דורך דעם העכסטן אָפיציעלן פערזאָן פון דער ראַטן־רעפּובליק, ווי זיי האָבן געפאָדערט, און זיי האָבן זיך דעריבער באַמיט איבערצושרייען דעם אַלטן שוועצאָוו.

צו דער דאָזיקער אָבסטרוקציע וואָלט ניט געקומען קיין סוף, ווען דער פאָרזיצער פון צ. א. ק., דער אָפיציעלער העכסטער פערזאָן פון דער רוסישער ראַטן־רעפּובליק, סווערדלאָוו, זאָל ניט אַרויפשפּרינגען אויף דער טריבונע און אַרויסכאַפּנדיק דעם גלעקל פון שוועצאָווס האַנט, דערקלערן מיט זיין הויכן

און הילכיקן קול, אַז ער עפנט די זיצונג פון דער גרינדונגס=פֿאַרזאַמלונג אין נאָמען פון „דעם אַלרוסישן אויספיר=קאָמיטעט פון די אַרבעטער=סאָלדאַטן און פויערים=ראַטן“.

דער רעכטער פליגל איז געווען העכסט צופרידן מיט שוועצאָווס אַרויסטריט און מיט זיינע עטלעכע ווערטער, ווייל דאָס האָט געקאָנט אויסגעטייטשט ווערן, אַז דעם שטרייט וועגן דעם, ווער האָט רעכט צו עפענען די גרינדונגס=פֿאַרזאַמלונג, האָבן די רעכטע געוואונען.

צופרידענע פון דעם ערשטן נצחון, האָבן די רעכטע ניט געשטערט סווערדלאָוון איבערצונעמען די פּאָרזיצעריי און איבערלייענען „די דעקלאַראַציע פון די האַרעפּאַשנע מאַסן“, וועלכע ער האָט פאָרגעלייגט דער גרינדונגס=פֿאַרזאַמלונג צו באַשטעטיקן און פארעפנטלעכן אין איר נאָמען.

די דאָזיקע דעקלאַראַציע האָט געפאָדערט אַיין קלייניקייט, אַז די גרינדונגס=פֿאַרזאַמלונג זאָל דעקלאַרירן דעם ראַטן=רעזשים, זאָל אָנערקענען און באַשטעטיקן אַלע סאָציאַלע, עקאָנאָמישע, פינאַנציעלע און מיליטערישע דעקרעטן, וואָס די ראַטן=רעגירונג האָט אַרויסגעגעבן, און זאָל די אַלע רעפאָרמען נאָך פאַרברייטערן און פאַרטיפן. דערביי האָט סווערדלאָוו גאַנץ קאַטעגאָריש און אָפן מתרה געווען, אַז אויב די גרינדונגס=פֿאַרזאַמלונג וועט עס ניט טאָן תיכף=ומיד, וועט זי גלייך פונאַנדערגעלאָזן ווערן.

דער רעכטער פליגל האָט געשוויגן, בעת סווערדלאָוו האָט געלייענט זיין דעקלאַראַציע און בעת ער האָט איר געענדיקט, און דאָס שווייגן איז געווען דער בעסטער באַווייז, אַז די מערהייט פון דער גרינדונגס=פֿאַרזאַמלונג דערשרעקט זיך ניט פאַר סווערדלאָווס אולטימאַטום און וועט ניט גיין מיט די וועגן, וועלכע סווערדלאָוו באַווייזט איר.

די וואַלן פון אַ פּאָרזיצער, וועלכע זיינען תיכף נאָכדעם פאָרגעקומען און וועלכע האָבן מיט אַ מערהייט פון 244 קעגן 151 אויסגעוועלט דעם פירער פון די ס. ר., טשערנאָוון אויף דעם פּאָרזיצער=שטול, האָבן אויך באַוויזן, אַז די רעכטע מערהייט פון דער גרינדונגס=פֿאַרזאַמלונג וועט גיין מיט איר אייגענער וועג און וועט פרובן דורכפירן איר אייגענע פּראָגראַם.

די דאָזיקע וואַלן האָבן צום ערשטן מאָל דייטלעך באַוויזן די אמתע כחות=פֿאַרהעלטנישן אין דער גרינדונגס=פֿאַרזאַמלונג, ווייל עס איז קלאָר געוואָרן, אַז אין דער צייט, ווען פאַר דעם קאַנדידאַט פון דעם לינקן פליגל, פאַר מאַריע ספּירידאָנאָוואַ, האָבן געשטימט נאָר די באָלשעוויקעס און די לינקע ס. ר., האָבן פאַר וויקטאָר טשערנאָוו געשטימט ניט נאָר די רעכטע ס. ר. און די קליינע גרופּע ס. ד., נאָר אויך אַלע בירגערלעכע, נאַציאָנאַלע און קאַדעטישע דעפּוטאַטן, וועלכע האָבן בכלל זייער ווייניק נחת געהאַט פון טשערנאָוון און פון זיין פּאַרטיי.

טשערנאָוו האָט געהאַלטן אַ גרויסע פּראָגראַם=רעדע און האָט געפּרובט אָנצייכענען די ריכט=ליניע פון דער גרינדונגס=פֿאַרזאַמלונג. ווען צו יענער

צייט וואָלט דער פּאַרטיי-קאַמף ניט אָנגענומען אַזעלכע שאַרפע פאָרמען, וואָלט טשערנאָווס פּראָגראַם-רעדע געקאָנט נושא-חן זיין ביי די באָלשעוויקעס אויך, ווייל אייגנטלעך האָט טשערנאָוו אַוועקגעשטעלט דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג אַן אויפגאַבע צו פאַרווירקלעכן אַלע פּראָבלעמען, וואָס האָבן אַרויסגערוקט פריער די באָלשעוויקעס אַליין.

קודם האָט זיך טשערנאָוו אָפּגעשטעלט אויף דער וויכטיקסטער פראַגע וועגן שלום און האָט פייערלעך ערקלערט, אַז די רוסישע רעוואָלוציע איז גע-בוירן געוואָרן מיט דעם שלום-לאָזונג און אַז סוף-כל-סוף וועלן אַלע אימפּע-ריאַליסטישע מלוכות מוזן זיך אונטערגעבן צו דער רעוואָלוציאָנערער רוסלאַנד, וועלכע גייט פאָרויטס אונטער דער סאָציאַליסטישער פאָן.

די באָלשעוויקעס האָבן צו יענער צייט געהאַט שוין זייער פיל גערעדט וועגן אַ רויטע אַרמיי און טשערנאָוו האָט אַביסל איבערגעניצעוועט דעם זעלביקן לאָזונג און האָט אָנגעוויזן, אַז עס איז נויטיק צו אָרגאַניזירן אַ פרייוויליקע אַרמיי.

אָנשטאָט דעם באָלשעוויסטישן לאָזונג: די גאַנצע מאַכט די אָרטיקע ראַטן, האָט טשערנאָוו אין זיין פּראָגראַם-רעדע אָנגעוויזן, אַז ס'איז נויטיק צו אָרגאַניזירן אָרטיקע גרינדונגס-פאַרזאַמלונגען, וועלכע וועלן האָבן די פול-קומע רעכט אויף די ערטער.

טשערנאָוו האָט אין זיין רעדע ניט פאַרגעסן די אַגראַר-פראַגע (אַלע ערד-נחלאות דאַרפן איבערגיין אומזיסט צום פאָלק), דעם אינדוסטריעלן קריי-זיס (די גרינדונגס-פאַרזאַמלונג דאַרף זיך מיט דעם פאַרנעמען) און אַלע איבע-ריקע אָנגעווייטיקטע פראַגן, וועלכע זיינען צו יענער צייט געשטאַנען אויף דער טאָג-אָרדענונג, און האָט אויף די אַלע פראַגן געפּרובט געבן אין נאָמען פון דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג אַן ענטפער, וועלכער איז, אייגנטלעך, געווען ניט ווייט פון די תשובות, וואָס די באָלשעוויקעס האָבן אויף זיי געגעבן.

ניט קוקנדיק אָבער דערויף, איז טשערנאָווס פּראָגראַם-רעדע אויפגענ-נומען געוואָרן פון דער באָלשעוויסטישער פראַקציע מיט די שטאַרקסטע פּראָ-טעסטן. אין משך פון זיין רעדע האָבן די באָלשעוויקעס און די לינקע ס. ר. ניט אויפגעהערט צו פּראָטעסטירן, וואַרפן אים די שאַרפסטע צווישנרופן און דערמאָנען אים אַלע עבירות, וועלכע ער, זיין פּאַרטיי און די קאָאַליציאָנעלע רעגירונג האָבן געמאַכט אין דער גאַנצער צייט פון דער פעברואַר-רעוואָלוציע ביז אָקטאָבער.

צו די באָלשעוויסטישער מיטגלידער פון דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג איז צוגעשטאַנען אויך דאָס פּובליקום, וועלכעס האָט ניט געוואָלט אָפּהיטן די מנהגים פון אַלע פּאַרלאַמענטן, וואו דאָס פּובליקום האָט ניט קיין רעכט נע-מען אַ וועלכן עס איז אָנטייל אין דער אַרבעט און אַרויסווייזן אירע סימ-פּאַטיעס אָדער אַנטיפּאַטיעס, נאָר האָט דווקא גענומען זייער אַ לעבהאַפטן אָנ-טייל אין אַלעס, וואָס האָט זיך געטאָן אין זיצונגס-זאַל, און האָט געשאַפן

זייער אַ לעבעדיקן פאַרבאַנד צווישן דער אויבערשטער גאַלאַריי און דעם אונטערשטן זיצונגס-זאַל.

טשערנאָוו האָט אין זיין פּראָגראַם-רעדע אָנגעמערקט אַ סך פראַגן, מיט וועלכע די גרינדונגס-פאַרזאַמלונג האָט זיך געדאַרפט פאַרנעמען, אָבער ער האָט לחלוטין איגנאָרירט די פראַגע וועגן דער מאַכט און וועגן דער רעגירונג.

די דאָזיקע פראַגע איז אָבער תיכף אויפגעשטעלט געוואָרן דורך דעם באָלשעוויסטישן דעפּוטאַט בוכאַרין, וועלכער האָט פאָרגעלייגט אוועקצושטעלן אויף דער טאָג-אָרדנונג קודם-כל די פראַגע וועגן דער מאַכט. דערביי אָבער האָט ער אַרויסגעזאָגט זיין איבערצייגונג, אַז די דאָזיקע פראַגע קען אויפגעשטעלט ווערן נאָר אַזוי, ווי עס האָט איר אוועקגעשטעלט דער צענטראַלער אויספיר-קאָמיטעט פון די ראַטן פון די אַרבעטער-סאָלדאַטן- און פויערים-דעפּוטאַטן.

בוכאַרין האָט נאָך געפּרובט באַגרינדן זיין פאָרשלאָג און באַוויזן, אַז קיין שום פראַגע, וועלכע טשערנאָוו האָט אָנגעוויזן אין זיין פּראָגראַם-רעדע, קאָן ניט פאַרענטפערט ווערן געהעריק, אויב עס וועט ניט פאַרענטפערט ווערן קודם אין איר גאַנצע ברייטקייט די מאַכט-פראַגע. אָבער די איבעריקע רעדנער פון דעם לינקן פליגל, ווי צ. ב. ש. דער ס. ר. שטיינבערג, האָבן שוין אָן צערעמאָניעס געשטעלט דעם פּינטל אויף דעם יוד און האָבן קאַטעגאָריש ערקלערט, אַז די פראַגע וועגן דער מאַכט, ד. ה., צי וועט די גרינדונגס-פאַרזאַמלונג אָנערקענען די איצטיקע ראַטן-רעגירונג, איז אַ פראַגע פון לעבן און טויט פאַר דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג גופא און אויב די מאַכט-פראַגע וועט ניט פאַרענטפערט ווערן אַזוי, ווי די רעגירנדיקע פּאַרטייען ווילן, וועט די גרינדונגס-פאַרזאַמלונג אָן שום שהיות פונאַנדערגעלאָזט ווערן.

די דעבאַטן וועגן דער דאָזיקער פראַגע האָבן אָנגענומען אַ מוראדיק לײדנשאַפטלעכן כאַראַקטער, ווייל אַלע האָבן געוואוסט, אַז די דאָזיקע ריין-פאָרמעלע פראַגע האָט די גרעסטע באַדייטונג. די בעסטע רעדנער פון ביידע צדדים, איבערהויפּט פון רעכטן פליגל, האָבן אויסגענוצט די דאָזיקע דעבאַטן, כדי צו אַנטוויקלען זייער שטאַנדפּונקט און פּאָזיציע. אַ באַזונדער-גלענצנדיקע רעדע האָט געהאַלטן צערעטעלי, וועלכער איז אָקאָרשט אויפגעשטאַנען פון קראַנקן-בעט. צערעטעלי האָט אויפגעוואָרפן די באָלשעוויקעס און די לינקע ס. ר. אַלע זייערע חטאים, וואָס זיי האָבן באַגאַנגען אין משך פון זייער ממשלה, און האָט אַרויסגעזאָגט זייער שלעכטע נביאות וועגן דער צוקונפט.

די לײדנשאַפט פון ביידע צדדים האָט אין דער צייט פון צערעטעליס רעדע דערגרייכט צו דער העכסטער מדרגה. פון דער לינקער זייט האָט מען אָן אויפהער געשטערט צערעטעלין מיט צווישנרופן און מיט שימפוווערטער. אין דער צייט, ווען ער האָט מיט שווידערלעכע פאַרבן געמאָלט די באָלשעוויסטישע ממשלה און האָט נאָך מיט ביטערערע פראַזן געמאָלט די צוקונפט, האָט מען אים פון לינקס דערמאָנט אַלע זיינע עבירות און אַלע פאַרברעכנס, וואָס די קאָ-

אַליציאַנעלע רעגירונגען, וועמעס אַנהענגער און שאַפער איז געווען צערעטע-לי, האָבן באַגאַנגען, און דעם טרויעריקן צושטאַנד, צו וועלכן זיי האָבן גע-בראַכט דאָס רעוואָלוציאָנערע רוסלאַנד.

די שטימונג, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן בעת צערעטעלי'ס רעדע, איז געווען אַזוי אָנגעשטרענגט, אַז עס האָט זיך אפילו געפונען אַזאַ היציקער קאָפּ צווישן די מיטגלידער פון דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג, וועלכער האָט זיך גע-וואָרפן מיט אַ רעוואָלווער אויף צערעטעלין און מיט גרויס מי האָט געלונגען צו באַרואיקן דעם דאָזיקן היציקן דעפוטאַט און אַנטוואָפענען אים.

נאָר איין מענטש איז געבליבן רואיק און קאַלטבלוטיק: דאָס איז געווען דער פאָרזיצער פון סאָוונאַרקאָם, לענין, וועלכער האָט זיך ביז איצט לחלוטין ניט אַריינגעמישט אין די דעבאַטן און האָט מיט אַ שמייכל אַרומגעשפּאַצירט איבער דער פאָרזיצער-טריבונע, וואָס איז געווען באַזעצט מיט די גדולים פון ביידע רעגירונגס-פאַרטייען.

ביי צערעטעלי'ס רעדע, ווען די ליידנשאַפט האָט דערגרייכט צו דער העכסטער שטופע, האָט זיך לענין אינגאַנצן פונאַנדערגעצויגן אויף די טרעפּ פון דער טריבונע און האָט זיך געקייקלט פון געלעכטער בעת צערעטעלי האָט אייפגעוואָרפן די באָלשעוויקעס די עבירות, וועלכע זיי זיינען באַגאַנגען קעגן דער דעמאָקראַטיע.

די דעבאַטן האָבן זיך פאַרצויגן זייער לאַנג און ווען סוף כל סוף איז בוכאַרינס אולטימאַטום אַוועקגעשטעלט געוואָרן צום אָפּשטימונג און מיט אַ מערהייט אָפּגעוואָרפן געוואָרן, ווען די גרינדונגס-פאַרזאַמלונג האָט זיך גענזאַגט אַוועקצולייגן איר שטעמפּל און באַשטעטיקן „די דעקלאַראַציע פון די האָרעפּאַשנע מאַסן", האָט דער לינקער סעקטאָר, די באָלשעוויקעס און די לינקע ס. ר., דערקלערט, אַז ער גייט אַרויס פון דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג און האָט טאַקי תיכף פאַרלאָזן דעם זיצונגס-זאַל.

דאָס איז געשען שוין שפּעט ביינאַכט און הגם די איבערגעבליבענע מיטגלידער פון דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג זיינען געווען גענוג מיד פון דער זיצונג און פון דער אָנגעשטרענגטער שטימונג, וואָס האָט אַ גאַנצן טאָג גע-הערשט אין טאַורישן פּאַלאַץ, האָבן זיי דאָך ניט איבערגעריסן די זיצונג און האָבן נאָך מיט מער אימפּעט גענומען זיך צו דער אַרבעט, מיט וועלכער זיי האָבן זיך איצט געקאָנט פאַרנעמען אָן שום שטערונגען.

די איבערגעבליבענע מיטגלידער פון דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג האָבן פאַרשטאַנען, אַז די מינוטן פון דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג זיינען געציילטע, זיי האָבן דעריבער געוואָלט אין משך פון דער קורצער צייט, וואָס זיי איז געבליבן צו אַרבעטן, באַשטעטיקן וואָס מער געזעצן וועגן וויכטיקע פראַגן, כדי דאָס לאַנד זאָל באַשיינפּערלעך זען, וואָס די גרינדונגס-פאַרזאַמלונג איז געווען אימשטאַנד צו געבן.

נאָך דער רעזאָלוציע וועגן שלום, וואָס די גרינדונגס-פאַרזאַמלונג האָט

אַנגענומען, איז מען תיכף איבערגעגאַנגען צו דער צווייטער וויכטיקסטער פּראָבלעם פונם רוסישן לעבן, צו דער אַגראַר־פּראַגע און מען האָט אין גרויס איילעניש באַשטעטיקט דעם געזעץ וועגן דער אַגראַר־רעפאָרמע, וועלכע די ס. ר.־ישע פּאַרטיי האָט שוין פון לאַנג צוגעגרייט.

פּאָרמעל האָט זיך געפאָדערט, אַז יעדער געזעץ־פּראָיעקט, איידער ער ווערט באַשטעטיקט, דאַרף דורכגיין דריי לייענישן און דאַרף באַטראַכט ווערן אין ספּעציעלע קאָמיסיעס, אָבער אין דער נאַכט, ווען דער גורל פון דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג איז שוין געווען קלאָר, האָט מען זיך ניט געקאָנט פאַרנעמען מיט אַזעלכע פאָרמאַליטעטן.

מען האָט קוים באַוויזן איבערצולייענען דעם געזעץ וועגן דער אַגראַר־רעפאָרמע, און דער פאָרזיצער פון דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, וויקטאָר טשערנאָוו, האָט געהאַלטן אין סאַמע מיטן פון אָפּשטימען, ווי אויף דער טריבונע פון פאָרזיצער איז צוגעגאַנגען אַ מאַטראָס און האָט הויך אויסגערופן:

— איך בעט תיכף אָפּרייניקן דעם זאַל!

נאָך איידער די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג איז זיך צונויפגעקומען, האָט מען געקאָנט פאַרשטיין, אַז די באָלשעוויקעס און די לינקע ס. ר. וועלן איר ניט לאָזן לאַנג לעבן. נאָך מער איז קלאָר געוואָרן דער טראַגישער גורל פון דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג אין טאָג פון איר עפענונג, ווען די באָלשעוויקעס האָבן איר אָוועקגעשטעלט אַן אולטימאַטום און האָבן פאַרלאָזן די זיצונג, ווען דער דאָזיקער אולטימאַטום איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן.

די מערהייטס־פּאַרטייען האָבן דאָס גאַנץ גוט געוואוסט און זיי האָבן דעריבער ניט איין מאָל ערקלערט, אַז זיי וועלן ביז דער לעצטער מעגלעכקייט קעמפן פאַר דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, אויב עמיצער וועט זיך דערוועגן אַרויסטרעטן קעגן איר.

אָבער ווען אויף דער טריבונע פון דעם פאָרזיצער האָט זיך באַוויזן דער מאַטראָס זשעליעזניאַקאָוו, האָבן די ס. ר. און אַלע איבעריקע פּאַרטייען, וועלכע זיינען אויך געווען אין זאַל, פאַרגעסן אַלע זייערע פייערלעכע הבטחות — אַוועקצושטעלן זיך אין קאַמף פאַר דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג — און האָבן זיך אינגאַנצן פאַרלאָרן.

באַזונדער שטאַרק האָט זיך פאַרלאָרן דער פאָרזיצער, טשערנאָוו, אַליין, אים האָט אָנגעהויבן צו וואַרפן, די הענט האָבן ביי אים אָנגעהויבן ציטערן און מיט אַ דערשראָקענעם קול האָט ער עטלעכע מאָל איבערגעפרעגט דעם מאַטראָס, וואָס זאָגט ער, און דער מאַטראָס האָט עטלעכע מאָל איבערגעחזרט, אַלץ העכער און העכער, די זעלביקע פראַזע:

— „איך בעט אָפּרייניקן דעם זאַל"!

און ווען טשערנאָוו האָט סוף־כל־סוף דערהערט, וואָס דער מאַטראָס זאָגט, און געפרעגט ביי אים, ווער, אייגנטלעך, פאָדערט עס פון אים, פון דעם פאָרזיצער פון דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, האָט דער מאַטראָס זשעליעז־

ניאַקאָוו אים גאַנץ פּשוט ערקלערט, אַז דאָס פּאָדערט די וואַך, וועלכע איז מיד און וויל שוין אָפּרוען.

עס איז שווער צו זאָגן, וואָס פאַר אַ מיטלען וואָלט אָנגענומען די רע־גירונג, ווען די גרינדונגס־פּאַרזאַמלונג זאָל זיין ווידערשפּעניק און, ניט פאָלגנ־דיק זשעלעזניאַקאָוון, געבליבן ווייטער אַרבעטן. גאַנץ מעגלעך, אַז די ראַטן־רעגירונג, וועלכע האָט ניט איין מאָל באַוויזן, אַז זי מאַכט ניט קיין באַזונדערע צערעמאָניעס מיט אירע קעגנער, וואָלט איצט אויך באַנוצט זיך מיט די האַרבסטע מיטלען, כּדי צו מאַכן אַ סוף פון דער גרינדונגס־פּאַרזאַמלונג.

אָבער איצט האָט די מערהייט פון דער גרינדונגס־פּאַרזאַמלונג זייער לייכט געמאַכט די אויפגאַבע פון דער רעגירונג. אַלע פייערלעכע הבטחות פון די ס. ר., אַז זיי וועלן מיט העלדנמוט און ווירדע קעמפן פאַר דער עקסיסטענץ פון דער גרינדונגס־פּאַרזאַמלונג, זיינען פאַרגעסן געוואָרן באַלד, ווי עס האָט זיך באַוויזן זשעלעזניאַקאָוו. דער פּאָרזיצער טשערנאָוו האָט ניט געפּרובט ער־קלערן, אַז די זיצונג דויערט ווייטער, און האָט ניט געפּרובט רופן זיינע חברים, אַז זיי זאָלן ווייטער פאַרבלייבן אין זיצונגס־זאַל און פאָרזעצן זייער אַרבעט, ניט קוקנדיק, צי די מאַטראָסן זיינען מיד, צי ניט. אין גרויס טומל איז די זיצונג גלייך פאַרמאַכט געוואָרן און קיינער האָט ניט געקאָנט פונאַנ־דערקלייבן זיך אין די ווערטער, וועלכע טשערנאָוו האָט אין דעם טומל גע־פּרובט זאָגן.

אַ דערשראָקענער און פאַרלאָרענער האָט ער גאָר צוגעאיילט די אָפּ־שטימונג פון דעם אַגראַר־געזעץ, אַזוי ווי דאָס זאָל זיין די וויכטיקסטע אויפ־גאַבע פון דער גרינדונגס־פּאַרזאַמלונג און אַזוי ווי דער גאַנצער גורל פון דער רוסישער רעוואָלוציע און איר ווייטערדיקער גאַנג זאָל זיין אָפּהענגיק דערפון, צי אויף דעם ס. ר.־ישן אַגראַר־געזעץ וועט אַרויפגעלייגט ווערן אַ שטעמפּל פון דער גרינדונגס־פּאַרזאַמלונג, צי ניט.

מיט גרויס אײַלעניש איז דער דאָזיקער געזעץ-פּראָיעקט „באַשטעטיקט" געוואָרן און די זיצונג איז תּיכף געשלאָסן געוואָרן.

עס איז שוין געווען 5 אַזייגער פאַרטאָג, ווען די מיטגלידער פון דער גרינדונגס־פּאַרזאַמלונג האָבן בשלום פאַרלאָזן דעם טאַווערישן־פּאַלאַץ. קיינער פון זיי האָט ניט געגלויבט, אַז דאָס איז די ערשטע און די לעצטע זיצונג פון דער גרינדונגס־פּאַרזאַמלונג, אָבער אויף מאָרגן האָט די זעלביקע וואַך, וואָס איז געווען אַזוי מיד ביי נאַכט, באַקומען פרישע כּוחות און האָט מיט אַ באַזונדערער שטרענגקייט אָפּגעהיט אַלע אַריינגאַנגען אין דעם טאַווערישן פּאַלאַץ און האָט קיין שום מענטשן, צי ער איז געווען אַ מיטגליד פון דער גרינדונגס־פּאַרזאַמלונג צי ניט, ניט אַריינגעלאָזן אין פּאַלאַץ.

דערצו איז נאָך אויפמאָרגן אויסגעפאַלן אַ מוראדיק־שטאַרקער שניי מיט אַ גרויסן ווינט. עס איז געווען שווער צו גיין איבער די גאַסן און צווישן די מיטגלידער פון דער גרינדונגס־פּאַרזאַמלונג האָבן זיך געפונען זייער ווייניק

בעלנים צו ריזיקירן אין אזא שלעכטן וועטער גיין צום טאַורישן פּאַלאַץ און פּריבן ווירקן מיט הייסע ווערטער אויף די דערפּראַרענע שומרים, וועלכע האָבן אָפּגעהיט דעם טאַורישן פּאַלאַץ פון אַלע זייטן.

אַלע צייטונגען, וואָס זיינען ערשינען דעם 6 יאַנואר מיט באַריכטן וועגן דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג, זיינען אָן רחמנות קאָנפיסקירט געוואָרן און די גאַנצע באַפעלקערונג האַט געהאַט די מעגלעכקייט צו באַקאָנען זיך מיט אַלעס, וואָס איז פאָרגעקומען דעם נעכטיקן טאָג אין טאַורישן פּאַלאַץ, נאָר פון די אָפיציעלע צייטונגען, וועלכע האָבן, פאַרשטייט זיך, באַלויכטן די אַלע געשעענישן אַזוי, ווי עס האָט זיי געפּאַסט.

די ס. ר.-ישע מיטגלידער פון דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג האָבן זיך נאָך עטלעכע טעג געפּרובט צונויפזאַמלען אין זייער קלוב און דאָרט פּלאַנעווען, ווי אַזוי אויפצולעבן די גרינדונגס-פאַרזאַמלונג. נאָר עס איז געווען קלאָר, אַז אין פּעטערבורג קאָן גאָר קיין רייד ניט זיין וועגן אַזאַ אויפלעבונג, בפרט ווען די מאַכט האָט נאָכדעם ווי זי האָט אָפיציעל פונאַנדערגעלאָזן די גרינ-דונגס-פאַרזאַמלונג, אָנגעהויבן צו פאַרשטאַרקן די רעפּרעסיעס קעגן אַלע אָנ-הענגער פון דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג.

פון פּעטערבורג איז קודם פאַרשוואונדן געוואָרן דער פּאָרזיצער פון דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג, וויקטאָר טשערנאָוו, און נאָכהער די איבעריקע מיטגלידער, וועלכע האָבן פאַרעפנטלעכט א מאַניפעסט, אַז די גרינדונגס-פאַר-זאַמלונג איז ניט געשטאָרבן און וועט עפענען אירע זיצונגען אין אַן אַנ-דער אָרט.

אין עטלעכע טעג אַרום, צום 10 יאַנואַר, האָט זיך געעפנט דער דריטער אַלרוסישער ראַטן-צוזאַמענפאָר, וועלכער האָט גוט געזאָגט צו אַלע מעשים, וואָס די ראַטן-רעגירונג האָט געטאָן, און האָט אָנערקענט, אַז דער העכסטער מאַכט-אָרגאַן אין רוסלאַנד איז דער אַלרוסישער ראַטן-צוזאַמענפאָר, וועלכער קלייבט אויס דעם אַלרוסישן צענטראַלן אויספיר-קאָמיטעט.

דער זעלביקער צוזאַמענפאָר האָט אויך באַשטעטיקט „די דעקלאַראַציע פון די האָרעפּאַשנע מאַסן", וועלכע די גרינדונגס-פאַרזאַמלונג האָט ניט גע-וואָלט באַשטעטיקן, און פון דעם דאָזיקן צוזאַמענפאָר ווערט רוסלאַנד אָפיציעל אָנערקענט אַלס פעדעראַטיווע ראַטן-רעפּובליק, וואָס שטעלט פאַר זיך אַן אויפגאַבע צו פאַרניכטן די עקספּלואַטאַציע, איינפירן אין אַלע לענדער די סאָציאַליסטישע אָרדענונג און זאָרגן פאַר דעם אַלוועלטלעכן נצחון פון סאָ-ציאַליזם.

אַלע איבעריקע פּאַרטייען, וועלכע טרעטן אַרויס קעגן דער ראַטן-מאַכט, שטיצן אָביעקטיוו, לויט דער דאָזיקער גייסטער קאָנצעפּציע, אַלע עקספּלאָ-אַטאַרן און שטיצן די בירגערלעכע קאָנטר-רעוואָלוציע אין איר קאַמף קעגן ראַטן-רוסלאַנד.

עס איז קלאָר געווען, אַז אַלע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען האָבן בשום

אופן ניט געוואָלט מסכים זיין מיט אַזאַ קאָנצעפּציע און האָבן געטענהט, אַז דווקא די ראַטן־פּאַרטייען מיט זייער פּאָליטיק שאַפן אַ גינסטיקן באָדן פאַר יעדע קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע אַרויסטרעטונגען און שטאַרקן אַלע רעאַקציאָנערע כוחות פון לאַנד.

איצט, ווען די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג איז פונאַנדערגעלאָזן געוואָרן, איז שוין מער ניט געווען קיין אָרט, וואו מען זאָל קאָנען די אַלע פּרינציפּיעלע מיינונגען באַטראַכטן. איצט איז שוין געוואָרן קלאָר, אַז עס איז געקומען אַ סוף צו אַלע מעגלעכקייטן פון פרידלעכע אונטערהאַנדלונגען צווישן די קעמפענדיקע פּאַרטייען.

אין פּעטערבורג און אין מאָסקווע האָבן די באָלשעוויקעס און די לינקע ס. ר. געקאָנט זיך באַרימען מיט אַ נצחון אויף דער גאַנצער ליניע, אָבער גאָר אינגיכן האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז פּעטערבורג און מאָסקווע זיינען נאָך ניט גאַנץ רוסלאַנד און אַז די פּאָליטישע גרופּן, וועלכע האָבן פאַרלאָרן זייער השפעה אין די דאָזיקע הויפּט־שטעט, האָבן נאָך אַ גאַנץ היבשע ווירקונג אויף די רוסישע מאַסן און אַז די דאָזיקע ווירקונג קאָן ברענגען צו גרויסע קאָמפּליקאַציעס פאַר דער ראַטן־מאַכט און פאַר די רעגירונגס־פּאַרטייען.

---

## XXV.

אין דער פראַגע וועגן דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג זיינען ביידע רעגירונגס־פּאַרטייען, די באָלשעוויקעס און די לינקע ס. ר., געגאַנגען צוזאַמען און האָבן אַרויסגעוויזן אַ פולקומע אחדות. אָבער ווען אינגיכן איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן די פראַגע וועגן דעם שלום מיט די צענטראַלע מלוכות, איז געקומען אַ סוף צו דער פריינדשאַפט צווישן די דאָזיקע פּאַרטייען און עס האָט זיך אָנגעהויבן צווישן זיי אַ קאַמף, וועלכער האָט אינגיכן געבראַכט צו גרויסע קאָמפּליקאַציעס.

אין די ערשטע סטאַדיעס פון די בריסקער אונטערהאַנדלונגען האָבן די פאָרשטייער פון די לינקע ס. ר. גענומען אַ לעבהאַפטן אָנטייל.

אָבער ווען עס איז געקומען דער ביטערער סוף צו די בריסקער־אונטערהאַנדלונגען און די רוסישע דעלעגאַציע האָט אונטערגעשריבן דעם רויבערישן שלום־אָפּמאַך, האָבן די לינקע ס. ר. אויף דעם דאָזיקן שלום־אָפּמאַך שוין ניט פיגורירט, ווייל זיי האָבן זיך דעמאָלט קאַטעגאָריש אַרויסגעזאָגט קעגן אַ שלום מיט דייטשלאַנד און האָבן געפאָדערט, אַז עס זאָל ווערן אָרגאַניזירט אַ פּאַרטיזאַניש־רעוואָלוציאָנערער קאַמף מיט די דייטשע חיילות.

לכתחלה האָט מען געמיינט, אַז ביי די לינקע ס. ר. איז דער דאָזיקער פּלאַן נאָר אַ רעוואָלוציאָנערע פראַזע, מיט וועלכער די דאָזיקע פּאַרטיי האָט שטענדיק ליב געהאַט צו באַפּוצן זיך, אָבער ווען די לינקע ס. ר. זיינען נאָך

דעם טרויעריקן שלום פון די בריסקער אונטערהאַנדלונגען אַרויסגעטראָטן פון דער רעגירונג און האָבן אָנגעהויבן פירן אַן אָפּאָזיציע־טאַקטיק קעגן דער ראַטן־רעגירונג, איז די לאַגע געוואָרן ערנסטער.

די לאַגע פון דער באָלשעוויסטישער רעגירונג און פאַרטיי איז דעמאָלט געווען טאַקע אַ שווערע:

דער בריסקער שלום־אָפּמאַך האָט אַרויסגערופן פון אַלע זייטן זייער אַ שאַרפע קריטיק, צו וועלכער די באָלשעוויקעס זיינען געווען באַזונדער פילבאַר, ווייל זיי אַליין האָבן ניט ווייניקער פון אַנדערע פאַרשטאַנען, וואָס פאַר אַ שווערע לאַסטן דער דאָזיקער אָפּמאַך לייגט אַרויף אויף רוסלאַנד.

צו דער קריטיק פון די בירגערלעכע און רעכטע סאָציאַליסטישע פאַרטייען זיינען שוין די באָלשעוויקעס געווען צוגעוויינט, אָבער די שאַרפע קריטיק פון זייערע געכטיקע חברים און מיטקעמפער האָט זיי באַזונדער דענערווירט, ווייל די לינקע ס. ר. האָבן נאָך דעמאָלט ניט געקאָנט צוגערעכנט ווערן צו דעם שוואַרצן קאָנטר־רעוואָלוציאָנערן לאַגער, ווי די באָלשעוויסטישע פובליציסטן און רעדנער פלעגן טאָן מיט אַלע זייערע איבעריקע קעגנער.

דער פערטער אַלרוסישער ראַטן־צוזאמענפאָר, וועלכער האָט געדאַרפט ראַטיפיצירן דעם בריסקער שלום־אָפּמאַך, איז אויסגענוצט געוואָרן דורך די לינקע ס. ר. כדי צו אַנטוויקלען, זייער שטאַנדפונקט בנוגע צו דעם בריסקער שלום און באַווייזן, אַז מיט דעם דאָזיקן שלום־אָפּמאַך קאַפּיטולירט דאָס רעוואָלוציאָנערע רוסלאַנד פאַר די אימפעריאַליסטישע מלוכות, וועלכע וועלן דערשטיקן די רעוואָלוציע.

דער ‏4־טער ראַטן־צוזאמענפאָר האָט זיך ווייניק גערעכנט מיט די דאָזיקע טענות און האָט אַרויסגעזאָגט זיין הסכמה צו לענינס מיינונגען, אַז עס וועט זיין דער גרעסטער אומזין אַרויסצושטעלן די דעמאָראַליזירטע און דעזאָרגאַניזירטע רוסישע אַרמיי קעגן די מיליטערישע כוחות פון די צענטראַלע מלוכות, ווייל אַזאַ מלחמה קאָן ברענגען נאָר נוצן די קעגנער פון ראַטן־רוסלאַנד, וועלכע אַגיטירן טאַקע פאַר אַזאַ מלחמה.

לענין האָט אויף דעם דאָזיקן צוזאמענפאָר אַנטוויקלט זיין באַרימטע טעאָריע וועגן דער „פערעדישקע", וועגן אָפּרו, וועלכע שאַפט פאַר ראַטן־רוסלאַנד אַ מעגלעכקייט צו לאַווירן צווישן די אימפעריאַליסטישע מלוכות.

— מ'דאַרף אויסנוצן די דאָזיקע שלום־צייט, האָט געטענהט לענין, צו באַפעסטיקן די פּאָזיציעס פון ראַטן־רוסלאַנד, אָרגאַניזירן אַ רעוואָלוציאָנערע אַרמיי, פאַרבעסערן דעם עקאָנאָמישן צושטאַנד פון לאַנד. מען דאַרף האָבן געדולד און וואַרטן אויף דעם קראַך פון די אימפעריאַליסטישע מלוכות, וועלכע וועלן זיך איבערפרעסן מיט ראַטן־רוסלאַנד און דערוואָרגן ווערן מיט דעם דאָזיקן פעטן ביסן. דעמאָלט וועט ראַטן רוסלאַנד מיט פרישע כוחות אָנהויבן איר וועלט־אָפענסיווע פאַר דעם נצחון פון סאָציאַליזם.

— ביז יענער גליקליכער שעה דאַרף אָבער ראַטן־רוסלאַנד לאַווירן און

בשום אופן ניט אַרויסטרעטן אין אַן אָפֿענעם קאַמף, ביי וועלכן דאָס אָפּגע־שוואַכטע און עקאָנאָמיש־רואינירטע לאַנד וועט צושמעטערט ווערן צוזאַמען מיט אַלע רעוואָלוציאָנערע ערראָבערונגען.

דעס 4־ער ראַטן־צוזאַמענפֿאָר האָט ראַטיפֿיצירט דעם שלום־אָפּמאַך און צוריסן מיט די לינקע ס. ר., וועלכע הויבן אָן פֿון דעמאָלט צו פֿירן אַן אָפּאָ־זיציאָנעלע פּאָליטיק קעגן דער רעגירונג.

ניט קוקנדיק אָבער אויף דער אָפּאָזיציאָנעלער שטעלונג צו דער רעגי־רונג, האָבן זיך די לינקע ס. ר. דעמאָלט באַנוצט מיט אַלע פּריווילעגיעס, וואָס זייער פֿריערדיקער אַנטייל אין דער רעגירונג האָט זיי געגעבן. זיי האָבן אָר־גאַניזירט באַזונדערע מיליטערישע אָפּטיילונגען, איינצעלנע מיטגלידער פֿון דער פּאַרטיי האָבן פֿאַרנומען וויכטיקע פּאָסטנס אין דער רעגירונג און בכלל האָט די דאָזיקע אָפּאָזיציע ניט געהאַט נאָך אין דער ערשטער צייט קיין גרויסע באַדייטונג.

אָבער מיט דער צייט האָט זיך די אָפּאָזיציאָנעלע שטימונג ביי די לינקע ס. ר. געשטאַרקט.

ניט באַגנוגנדיק זיך מיט דער אַגיטאַציע קעגן דעם בריסקער שלום־אָפּמאַך, האָבן זיי אָנגעהויבן צו אָרגאַניזירן באַזונדערע אויפֿשטאַנדס־גרופּן, וועלכע האָבן געדאַרפֿט פֿירן אַ פּאַרטיזאַנישן קאַמף מיט די דייטשע חיילות אין אוקראַינע.

ווען די לינקע ס. ר. זאָלן אָרגאַניזירן די דאָזיקע פּאַרטיזאַנישע באַטאַל־יאָנען נאָר אין אוקראַינע גופֿא, וואָלט די ראַטן־מאַכט קעגן דעם ניט פּראָ־טעסטירט, און וואָלט איר נאָך געשטיצט, אָבער די לינקע ס. ר. האָבן אָנגע־הויבן צו אָרגאַניזירן אַזעלכע פּאַרטיזאַנער אויך אין די גרעניץ־ערטער און האָבן אפֿילו אָנגעהויבן צו פֿירן אַן אַנטי־דייטשע אַגיטאַציע צווישן די אָפּטיי־לונגען פֿון דער רויטער אַרמיי, וואָס זיינען געשטאַנען אויף די גרעניץ־פּונקטן, און דאָס האָט געקאָנט אַרויסרופֿן צוזאַמענשטויסונגען מיט די דייטשע חיילות און אפֿשר אַרויסרופֿן אַזאַ צושטאַנד, ביי וועלכן וואָלט במילא געקומען אַ סוף צו דער גאַנצער „פּערעדישקע“, צו וואָס די באָלשעוויקעס האָבן בשום אופֿן ניט געוואָלט דערלאָזן.

אין מאָסקווע האָבן די לינקע ס. ר. אויך אַנטוויקלט אַ גרויסע אַגיטאַציע קעגן דעם שלום מיט דייטשלאַנד, און מאָסקווע איז טאַקי דעמאָלט געווען דער פּאַסנדסטער אָרט פֿאַר אַזאַ אַנטי־דייטשע אַגיטאַציע.

אין מאָסקווע האָט זיך באַזעצט דער דייטשער אַמבאַסאַדאָר, גראַף מיר־באַך, וועלכער האָט מיט אַ באַזונדער עקשנות און טעמפּקייט גענומען אויף זיך די אויפֿגאַבע צו באַווייזן באַשיינפּערלעך, אַז דער בריסקער שלום־אָפּמאַך שטעלט אַוועק די רוסישע בירגער אין אַ קאַטעגאָריע פֿון צווייטן סאָרט בירג־גער, וועלכע קאָנען ניט געניסן פֿון די אַלע פּריווילעגיעס, וועלכע האָבן אין רוסלאַנד די פֿרעמדע אונטערטאַנען און איבערהויפּט די דייטשע בירגער.

דער בריסקער שלום־אָפּמאַך האָט געגעבן געוויסע עקאָנאָמישע פּריווי־

לעגיעס די דייטשע בירגער, וועלכע זיינען באַפרייט געוואָרן פון אַלע עקאָנאָמישע און סאָציאַלע עקספערימענטן, וואָס די ראַטן־רעגירונג האָט געמאַכט.

גר. מירבאַך האָט אָבער פאַרברייטערט די דאָזיקע קאַטעגאָריע און האָט אָנגעהויבן אַרויסגעבן באַזונדערע שוץ־דאָקומענטן ניט נאָר די דייטשע בירגער, נאָר אויך די בירגער פון די אַלע ניי־געשאַפענע אויף דער געוועזענער רוס־שער טעריטאָריע מלוכות, וועלכע זיינען געווען אונטער דייטשלאַנדס השגחה און פראָטעקטאָראַט.

ביי אַזאַ אויסטייטשן פון בריסקער שלום־אָפמאַך זיינען אַלע ניי־געבאַקענע בירגער פון אוקראַינע, פוילן, ליטע, קורלאַנד, לעטלאַנד, עסטלאַנד, ווייסרוסלאַנד א. אַז. וו. פלוצלונג געוואָרן באַפרייט פון אַלע רעקוויזיציעס, קאָנפיסקאַציעס און נאָך אַנדערע גליקן, מיט וועלכע די ראַטן־רעגירונג האָט מזכה געווען די רוסישע בירגער.

גר. מירבאַך האָט זיך אָבער ניט באַגנוגנט מיט אַזאַ „שוץ־פּאָליטיק“, נאָר האָט בכלל אָנגעהויבן פירן פּאָליטיק און אין קאַבינעט פון דעם דייטשן אַמבאַסאַדאָר האָבן זיך אָנגעהויבן פלעכטן פאַרשיידענע קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע פּלענער, צו וועלכע זיינען צוגעשטאַנען גאַנץ גיך די רוסישע בירגערלעכע פּאַרטייען, וועלכע האָבן ביז איצט אַרויסגעוויזן די גרעסטע שנאה צו דייטשלאַנד.

שטיצנדיק זיך אויף אַזעלכע געזעלשאַפטלעכע גרופּן, האָט גר. מירבאַך אָנגעהויבן פירן אַזאַ פּאָליטיק מיט דער רעגירונג, ביי וועלכער ער איז אָפיציעל געווען אַקרעדיטירט, אַז מען האָט געקאָנט גלויבן, אַז דער דייטשער אַמבאַסאַדאָר האָט אַ ספּעציעלע אויפגאַבע צו קאָמפּראָמעטירן די ראַטן־רעגירונג און מאַכן איר לעכערלעך אין די אויגן פון אירע בירגער.

טאָג־טעגלעך פלעגט ער צושיקן נאָטעס צו דער ראַטן־רעגירונג וועגן פאַרשיידנאַרטיקסטע פראַגן, און די דאָזיקע נאָטעס האָבן געשטרעבט צו באַווייזן פאַר די ברייטע שיכטן פון דער באַפעלקערונג, אַז די ראַטן־רעגירונג איז שוואַך און דערוועגט זיך ניט אַרויסצוטרעטן קעגן דעם אמתן מושל פון רוסלאַנד, קעגן דעם אַלמעכטיקן גר. מירבאַך.

די מאַכט פון גר. מירבאַך איז געווען אַזוי פאַרשפּרייט, אַז ער האָט אפילו דיקטירט אָפּטמאָל דער אַלמעכטיקסטער אינסטיטוציע פון רוסלאַנד, דער „טשרעזוויטשאַיקע“, וואו און ביי וועמען זי דאַרף מאַכן רעוויזיעס און אַרעסטן.

די אַנטיבאָלשעוויסטישע געזעלשאַפטלעכע גרופּן פון דער מאָסקווער באַפעלקערונג זיינען געווען העכסט צופרידן פון מירבאַכס פּאָליטיק, ווייל זי האָט ערנידעריקט די באָלשעוויסטישע מאַכט. אָבער אפילו די דאָזיקע גרופּן האָבן אָנערקענט, אַז מירבאַכס פּאָליטיק און טאַקטיק באַליידיקט די נאַציאָנאַלע געפילן פון דער מאָסקווער באַפעלקערונג.

די לינקע ס. ר. האָבן אויסגענוצט די דאָזיקע שווערע סיטואַציע פון דער באָלשעוויסטער מאַכט פאַר אַגיטאַציאָנעלע צוועקן קעגן דער דאָזיקער

מאַכט און קעגן דעם בריסקער שלום-אָפּמאַך, וועלכער האָט געשאַפן אַ באָדן פאַר מירבאַכן און פאַר זיין פּאָליטיק.

מירבאַך האָט מיט זיינע נאָטעס געגעבן גענוג שטאָף פאַר אַן אַנטי-דייטשע און אַן אַנטי-רעגירונגס-אַגיטאַציע, אָבער די לינקע ס. ר. האָבן זיך דערמיט ניט באַנוצט און האָבן נאָך אָנגעהויבן צו פאַרשפרייטן פאַלשע קלאַנגען, אַז די באָלשעוויסטישע רעגירונג קלייבט זיך צו פאַרקויפן דייטשלאַנד דעם רוסישן ברויט, מאַנופאַקטור און אַנדערע סחורות און פּראָדוקטן, אין וועלכע מען האָט שוין אָנגעהויבן דעמאָלט צו פילן אַ דוחק.

די דאָזיקע אַגיטאַציע האָט געמאַכט אַ גרויסן איינדרוק און די רעגירונג האָט געמוזט אַרויסטרעטן מיט אַן אָפּיציעלע הכחשה. די לינקע ס. ר. האָבן זיך אָבער ניט באַרואיקט און האָבן אָנגעהויבן צו פאַרשפרייטן קלאַנגען וועגן גרויסע מיסברויכן און כאַבאַר-סקאַנדאַלן צווישן די אָנגעזעענסטע מיטגלידער פון סאָוונאַרקאָם. די דאָזיקע באַשולדיגונגען און רכילות זיינען אָבער געווען אַזוי גרונדלאָז, אַז עס האָט זיך אפילו ניט געפונען קיין איינציקע צייטונג, וועלכע זאָל פרובן מיט די דאָזיקע סענסאַציאָנעלע באַשולדיגונגען אַרויסטרעטן.

די אָפּאָזיציאָנעלע שטימונג צווישן די לינקע ס. ר. האָט געוואַקסן פון טאָג צו טאָג און אינגיכן האָט זי דערגרייכט צו אַזאַ מדרגה, אַז זיי פלעגן אויסנוצן יעדער מעגלעכן צופאַל, כדי צו קאָמפּראָמעטירן די ראַטן-מאַכט.

אָט אַזוי האָבן זיי צ. ב. ש. אויסגענוצט די פראַגע וועגן טויט-שטראָף, וועלכע איז געוואָרן באַזונדער אַקטועל נאָך דעם, ווען אויף דער ערשטער סעסיע פון דעם העכסטן רעוואָלוציאָנערן טריבונאַל איז אַרויסגעטראָגן געוואָרן אַ טויט-אורטייל אויף דעם אַדמיראַל שצאַסטני.

דער דאָזיקער פּסק-דין איז געווען דער ערשטער טויט-אורטייל, וואָס עס האָט אַרויסגעטראָגן אַ געריכט אין רעוואָלוציאָנערן רוסלאַנד, און דעריבער האָט ער אַרויסגערופן גרויסע פּראָטעסטן אין דער געזעלשאַפט.

ווייניקער פאַר אַלעמען האָבן אָבער געהאַט רעכט צו פּראָטעסטירן קעגן אַזאַ טויט-אורטייל די לינקע ס. ר., ווייל עס איז קיין סוד ניט געווען, אַז רוסלאַנד האָט צו דאַנקען דעם טויט-שטראָף-אינסטיטוט דווקא דעם פאַרשטייער פון די לינקע ס. ר. אין דער ראַטן-רעגירונג, דעם פאָלקס-קאָמיסאַר קאַרעלין, וועלכער האָט מיט זיין שטימע געגעבן אַ מערהייט די אָנהענגער פון טויט-שטראָף, בעת די דאָזיקע פראַגע איז באַהאַנדלט געוואָרן אין דער רעגירונג.

ניט קוקנדיק אָבער דערויף, האָבן די לינקע ס. ר. געמאַכט אַ גרויסן טומל אַרום דעם פּראָצעס פון אַדמיראַל שצאַסטני; זיי האָבן זיך אַרויסגעשטעלט פאַר אויסגעשפּראָכענע קעגנער פון טויט-שטראָף און בעת זיי האָט ניט געלונגען צו קאַסירן דעם דאָזיקן טויט-אורטייל, זיינען זיי מיט אַ פּראָטעסט אַרויסגעטראָטן פון דעם רעוואָלוציאָנערן טריבונאַל. אין וועלכן זיי זיינען געווען פאַרטראָטן.

די באַציאונגען צווישן די באָלשעוויקעס און די לינקע ס. ר. זיינען פון טאָג צו טאָג געוואָרן אַלץ שאַרפער און אָנגעשטרענגטער. די באָלשעוויקעס האָבן ניט געקאָנט בלייבן רואיק ביי אַזאַ פיינדלעכע אַגיטאַציע מצד זייערע נעכטיקע מיטקעמפער און פריינד, בפרט ווען עס איז קלאָר געווען, אַז די לינקע ס. ר. האָבן באַשלאָסן אָנצווענדן די שאַרפסטע מיטלען, כדי אומבאַדינגט צו צורייסן דעם בריסקער שלום-אָפּמאַך און אפילו אָרגאַניזירן דערצו טעראָרי-סטישע אַקטן קעגן די וויכטיקסטע פאָרשטייער פון דייטשן אימפעריאַליזם.

חוץ דעם האָבן די לינקע ס. ר. אָנגעהויבן צו אָרגאַניזירן ספּעציעלע קאַמפּס-גרופּן, וועלכע האָבן געדאַרפט אין דער באַשטימטער צייט אַרויס-טרעטן מיט געווער קעגן דעם סאָוונאַרקאָם און דעם באָלשעוויסטישן רעזשים.

ביי אַזאַ געשפּאַנטער שטימונג זיינען פאָרגעקומען די הכנות צו דעם 5-טן אַלרוסישן ראַטן-צוזאַמענפאָר, וועלכער האָט זיך געזאָלט עפענען דעם 4 יולי 1918 יאָר. די לינקע ס. ר. האָבן שטאַרק מוסירט די קלאַנגען, אַז אויף דעם דאָזיקן צוזאַמענפאָר וועלן זיי האָבן אַ מערהייט. צו זיי וועט, במילא, איבערגיין די גאַנצע מאַכט און דעמאָלט וועט שוין קומען אַ סוף צו דעם בריסקער שלום.

די ווירקלעכקייט האָט אָבער באַוויזן, אַז די אַלע האָפענונגען זיינען געווען פולקום גרונדלאָז. אויף דעם 5-טן צוזאַמענפאָר איז, ווי אויף די פריערדיקע ראַטן-צוזאַמענפאָרן, די מערהייט געווען אַ באָלשעוויסטישע און הגם די פראַק-ציע פון די לינקע ס. ר. איז געווען אַ גאַנץ היבשע, דאָך האָט זי ניט געהאַט קיין באַזונדער גרויסע ווירקונג, און דער צוזאַמענפאָר האָט לויט טראָצקיס פאָר-שלאָג אָנגענומען אין דעם ערשטן טאָג פון זיין אַרבעט אַ שאַרפע רעזאָלוציע קעגן אַלע פּרובן פון די לינקע ס. ר. צו פּראָוואָצירן באַוואָפנטע צוזאַמענ-שטויסונגען מיט די דייטשן אויף די גרעניצן פון אוקראַינע און אַרויסרופן אַ נייע מלחמה מיט דייטשלאַנד.

די לינקע ס. ר. האָבן מיט אַלע מיטלען געפּרובט אויפרייסן דעם דאָ-זיקן צוזאַמענפאָר. שוין אויף דער ערשטער זיצונג איז אַרויסגעטראָטן אַ או-קראַינישער דעלעגאַט מיט אַ רעדע, וועלכע האָט דירעקט געשטרעבט אויפ-רייסן דעם צוזאַמענפאָר. ער האָט מיט גרויס באַגייסטערונג דערציילט וועגן דעם קאַמף, וואָס ווערט געפירט אין אוקראַינע מיט די דייטשן, און געשיל-דערט מיט העלע פאַרבן אַלע טעראָריסטישע אַקטן, וועלכע זיינען שוין אָרגאַ-ניזירט און פאַרווירקלעכט געוואָרן, און וועגן די נייע ליטעראַרישע פּלענער, וועלכע וועלן אינגיכן דורכגעפירט ווערן.

די דאָזיקע רעדע האָט אַרויסגערופן אַ מוראדיקע אָוואַציע לכבוד די אוקראַינער קעמפער און די דאָזיקע אָוואַציע האָט געהאַט זייער אַ גרויסע פּאָליטישע באַדייטונג, ווייל אין די דיפּלאָמאַטישע לאָזשעס זיינען געזעסן פון איין זייט די פאָרשטייער פון די אַנטאַנטע-מלוכות, וועלכע זיינען געווען העכסט צופרידן פון אַזאַ קאַמף מיט די דייטשן, און אויף דער דייטשער אמ-

באסאדאָר, גר. מירבאך, וועמען אזעלכע רעדעס און אָוואציעס האָבן אמוויי־ניקסטן געקאָנט צופרידנשטעלן.

טאָמער איז נאָך דאָס געווען וויניק, האָט דער פאָרשטייער פון די לינקע ס. ר., קאמקאָוו, אין זיין רעדע געווענדט זיך דירעקט צו דער דייטשער דיפלאָמאטישער לאָזשע און אָנגעוויזנדיק אויף די דייטשע דיפלאָמאטן, וועלכע זיינען דאָרט געזעסן, האָט ער זיי באקרוינט מיט אזעלכע שימף־ווערטער ווי מערדער, הענקער, אויסוואורפן, רויבער א. ד. ג., וואָס האָט אויך געשטרעבט ארויסצורופן פראָטעסטן און אפשר נאָך שארפערע טריט מצד די דייטשע דיפלאָמאטן.

אלע פראגן, וועלכע זיינען באריהרט געוואָרן אויף די ערשטע זיצונגען, האָבן אויפגעדעקט דעם טיפן תהום צווישן די באָלשעוויקעס און די לינקע ס. ר. ביידע קעמפנדיקע צדדים האָבן שוין ניט געוואָלט דיפלאָמאטיש פאַר־באָרגן די שטרייט־פראַגן, וואָס האָט זיי צעטיילט. עס קאָן שוין קיין רייד ניט זיין וועגן דעם, אַז די באָלשעוויקעס און די לינקע ס. ר. האָבן זיך צווישן זיך צוקריגט, ניין, עס איז ניט קיין ברוגז, נאָר אַן אָפענע און אָן רחמנותדיקע מלחמה—, אַזוי האָט פון איין זייט געטענהט לענין און פון דער צווייטער צד האָט דורך זיין אָנפירערין, מאַריאַ ספירידאָנאָוואַ, וועלכע האָט אין אירע יונגע יאָרן אין 1906 אַלס נקמה פאַר געשמיסענע און באַליידיקטע פויערים געשאָסן אין דעם באַאמטן לוושענאָווסקי, האָט איצט אויף דעם ראַטן־צוזאַמענפאָר קאַ־טעגאָריש ערקלערט, אַז זי וועט זיך ווידער נעמען צו אַ רעוואָלווער און צו אַ באָמבע, כדי צו פאַרטיידיקן דעם רוסישן פויער, מיט וועמען די באָלשעווי־קעס ווילן אַיינמיסטיקן דעם קומענדיקן סאָציאַליסטישן רעזשים.

אין אַזאַ פאַרשאַרפטע און ליידנשאַפטלעכע שטימונג איז אַריבער דער ערשטער טאָג פון 5־טן ראַטן־צוזאַמענפאָר. די רעזאָלוציע פון די לינקע ס. ר. מיט אַ אומטרוי־וואָטום דעם סאָוונאַרקאָם איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן און דער אַלרוסישער ראַטן־צוזאַמענפאָר האָט אָנגענומען אַ רעזאָלוציע, וועלכע האָט באַ־וויליקט די אינערלעכע און אויסערלעכע פּאָליטיק פון די פאָלקס־קאָמיסאַרן און האָט געפאָדערט, אַז קעגן דער קאָנטער־רעוואָלוציע זאָל אָנגענומען ווערן דער מאַסן־טעראָר.

די לינקע ס. ר. האָבן געקראָגן אַ מפּלה, אָבער זיי האָבן תּיכף ערקלערט, אַז זיי וועלן זיך ניט אונטערגעבן די באַשלוסן פון דעם אַלרוסישן ראַטן־צו־זאַמענפאָר און וועלן ווייטער פירן זייער ליניע און דער קומענדיקער טאָג האָט טאַקי באַוויזן, אַז דאָס מאָל האָבן די לינקע ס. ר. געהאַלטן וואָרט.

די זיצונג פון דעם אַלרוסישן ראַטן־צוזאַמענפאָר האָט זיך געדאַרפט עפענען אויף מאָרגן אַרום 1 אַזייגער בייטאָג. דער פאַרטער־זאַל פון גרויסן טעאַטער אין מאָסקווע איז שוין געווען געפּאַקט מיט דעלעגאַטן. די גאַלערייען און די לאָזשעס מיט געסט, אָבער עס איז אַריבער אַ שעה נאָך אַ שעה און די זיצונג האָט זיך אַלץ ניט געעפנט.

עס האָבן זיך אָנגעהויבן די פּאַרטשפּרייטן קלאַנגען, אַז אין שטאָט איז ניט רוהיג, און אַז עס איז געבראַכט געוואָרן אַ טעלעגראַם אויף דעם רייכן אַמבאַסאַדאָר גר. מירבאַך.

די לינקע ס. ר. האָבן אָרגאַניזירט איבער די זאַלן און פּאַרטיי פּון טעאַטער מיט אייזנגעהייבענע קעפּ און אין אַ יום־טובדיקער שטימונג, וועלכע איז ניט געווען פּאַרשטענדליך און צוזאַמענהאַנג מיט דער מפלה, וואָס זיי האָבן געקראָגן געהאַט אויף דעם צוזאַמענפאָר.

איניגע ווינקען די לינקע ס. ר. אויסגעגאַנגען אויף אַ פּריוואַט־באַראַטונג, וועלכע האָט געדויערט ווייטער ווייניג ציים, און דאַן די דעלעגאַטן ווינקען אַרויס פון זייער באַראַטונג. האָט מען אויף זיי אַלעמען געזען די שכינה און מיט סוד־סודות האָבן זיי דערציילט, אַז מאַריאַ ספּירידאָנאָוואַ האָט אויף דער זיצונג איבערגעגעבן ווייטער אַ ווינטשיקע ידיעה, וועלכע די גאַנצע פּראַקציע האָט מיט דער גרעסטער שמחה און באַגייסטערונג אויפגענומען.

עס איז קיין געוואָרן קלוג און די זיצונג האָט זיך נאָך אַלץ ניט גע־עפנט. איניגע האָבן זיך פּאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז דער גאַנצער בנין פון טעאַטער איז אַרומגערינגלט און אַז אַלע אַנוועזנדע זיינען אַרעסטירט.

עס האָט זיך ניט געגלויבט, אַז די מאַכט זאָל זיך ערהעבן אויף אונז פריש, אָבער איניגע האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דאָס איז אַ ביטערער אמת און אַז די גאַנצע פּראַקציע פון די לינקע ס. ר. איז אַרעסטירט צוזאַמען מיט די געסט, וועלכע זיינען געקומען אויף דער זיצונג.

די לינקע ס. ר. האָבן קודם געשמייכלט און געפילט זיך גיט שלעכט. אָבער איניגע האָט דאָס ווען און טעאַטער־זאַל זיי, קאַנטיק, גוט דערזען און כדי צו אַמוזירן אַביסל די אַרעסטירטע חברים, האָבן די לידערס פון דער פּאַרטיי איינגעאָרדנט אין זאַל גופא אַ מיטינג און איניגע לינקע ס. ר. זיינען אַרויסגעטראָטן מיט דרשות, וועלכע האָבן אין יענער ערנסטן מאָמענט געמאַכט ווייטער אַ שווערן און קאָמישן איינדרוק.

— מיר וועלן מי—מי—ניגירן, האָט געשריגן מיט אַ היסטערישן קול מאַריאַ ספּירידאָנאָוואַ און דער גאַנצער עולם האָט גמטוט העדן נאַרישע דרשות וועגן שידעמאַנס פּאַרראַט, וועגן דעם אינטערנאַציאָנאַל א. ד. ג., וועלכע וואָלטן אפשר געפּאַסט פאַר אַ מיטינג און אַ פּאַרוואָרפן קליין שטעטל, אָבער ניט אין מאָסקווע, פאַר דעם אויסגעוויילטן פּובליקום, וואָס האָט אָנגעפילט דעם בנין פון גרויסן טעאַטער אין דער צייט, ווען איבער דעם טעאַטער זיינען פּאַרגעקומען די וויכטיקסטע געשעענישן.

עס איז געווען שפּעט ביינאַכט, ווען מען האָט אָנגעהויבן אַרויסצולאָזן פון טעאַטער קודם די באָלשעוויסטישע דעלעגאַטן. דערביי האָט מען מיט אַ באַזונדערער שטרענגקייט רעווידירט די בילעטן. די דאָזיקע רעוויזיע האָט גע־דויערט זייער לאַנג, און ווען איניקע אָנגעזעענע לינקע ס. ר. האָבן געפּרובט

שטעלן אַ פּראַגע, ווען סוף כל סוף וועט מען זיי אויך אַרויסלאָזן, האָבן די באָלשעוויסטישע אָרדנערס אפילו ניט מזכה געווען זיי מיט אַן ענטפער.

אינגיכן האָט מען אַרויסגעלאָזט אויך די זשורנאַליסטן און דאָס פּובליקום. די פּראַקציע פון די לינקע ס. ר. איז געבליבן אַרעסטירט אין טעאַטער ביז וואַנען אַלע געשעענישן זיינען ליקווידירט געוואָרן. דעמאָלט האָט מען זיי אַוועקגעפירט אין קרעמל און אין די טורמעס.

אין דער צייט, ווען די גאַנצע פּראַקציע פון די לינקע ס. ר. איז געווען אַרעסטירט אין מאָסקווער גרויסן טעאַטער, זיינען טאַקי פאָרגעקומען וויכטיקע געשעענישן, וועלכע האָבן געהאַט די גרעסטע באַדייטונג.

מיר האָבן שוין אָנגעוויז, אַז גר. מירבאַך האָט געהאַט באַציאונגען מיט דער אַלרוסישער „טשרעזוויטשאיקע".

די לינקע ס. ר., האָבן געהאַט זייער אַ נאָענטע שייכות צו דער „טשרעזוויטשאיקע" דורך דעם וויצע-פאָרזיצער פון דער דאָזיקער קאָמיסיע, דעם לינקען ס. ר., אַלעקסאַנדראָוויטש און זיי האָבן טאַקע גלענצנד אויסגענוצט די באַציאונגען צווישן גר. מירבאַך און דער „טשרעזוויטשאיקע", ווען זיי האָבן באַשלאָסן צו מאַכן אַ טעראָריסטישן אַטענטאַט אויף דעם גראַף.

מען האָט געגעבן צו וויסן אין דער דייטשער אַמבאַסאַדע, אַז מירבאַכס אַ קרוב, עפּעס אַ אונגאַרישער גראַף געפינט זיך אין אַ סכנה, ווייל מען איז אים חושד אין שפּיאָנאַזש לטובת דייטשלאַנד. גר. מירבאַך האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט דער דאָזיקער געשיכטע און האָט, מסתמא, געוואָלט נעמען דעם דאָזיקן קרוב אונטער זיין שוץ, ווי ער האָט געטאָן אין פיל אַנדערע פאַלן, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן פרעמדע, און ניט וועגן זיינע קרובים.

די מיטגלידער פון דער „טשרעזוויטשאיקע", די לינקע ס. ר., וועלכע זיינען געווען אינפאָרמירט וועגן די טעראָריסטישע פּלענער פון זייער צ. ק., האָבן אַ געוויסע צייט אינטריגירט גר. מירבאַכן מיט זיין קרובס שיקזאַל. דעם 5 יולי ביי טאָג, זיינען אין דער געביידע פון דייטשן פאָרשטייערשאַפט געקומען צוויי מיטגלידער פון „טשרעזוויטשאיקע", בליומקין און אַנדרעיעוו, און באַווייזנדיק אָפיציעלע שיינען פון „טשרעזוויטשאיקע" מיט דזשערזשינסקיס אונטערשריפט, האָבן זיי דערקלערט, אַז זיי ווילן זיך זען פערזענלעך מיט דעם גר. מירבאַך וועגן זיין קרובס אָנגעלעגנהייטן. גר. מירבאַך האָט זיך ניט געלאָזט לאַנג בעטן און איז אַרויס צו די אורחים צוזאַמען מיט צוויי באַאַמטע פון אַמבאַסאַדע.

די געקומענע מיטגלידער האָבן פאַרפירט אַ שמועס מיט דעם גר. מירבאַך און אין מיטן שמועס האָבן זיי אויף אים אָנגעהויבן צו שיסן. גר. מירבאַך איז אַנטלאָפן אין צווייטן צימער, אָבער בליומקין האָט אים דאָרט דעריאָגט און דערשאָסן.

די באַאַמטע פון אַמבאַסאַדע האָבן ניט געפּרובט צו פאַרטיידיקן זייער פאַטראָן און האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דער ערד און זיינען געלעגן, ווען אפילו בליומקין און אַנדרעיעוו זיינען דורך דעם פענסטער אַרויסגעשפּרונגען

אַן אָוועקגעפאָרן אויף אַן אַוטאָמאָביל, וועלכער האָט אויף זיי געוואַרט.

דער צ. ק. פון די לינקע ס. ר. האָט תיכף פאַרעפנטלעכט אַן אויפרוף, אין וועלכן ער האָט ערקלערט, אַז „דער הענקער פון דער רוסישער רעוואָלוציע איז געפאַלן טויט פון אַ רעוואָלוציאָנערער קויל" און האָט גערופן אַלעם „אויפשטיין קעגן די הענקער און קעגן דער פאַרטיי, וואָס ערפילט אַלע באַפעלן פון די דייטשע הענקער און שפּיאָנען".

עס איז ניט שווער פאָרצושטעלן זיך, וואָס פאַר אַ געוואַלדיקן איינדרוק האָבן מירבאַכס טויט און די דאָזיקע אויפשטאַנדס-אויפרופן געמאַכט אויף די באָלשעוויקעס און אויף דעם ראַט פון די פאָלקס-קאָמיסאַרן, וועלכער האָט תיכף פאַרשטאַנען די גרויסע אינערלעכע און אויסערלעכע סכנה, וואָס די דאָזיקע אַקציע פון די לינקע ס. ר. האָט באַשאַפן.

די לינקע ס. ר. האָבן באַלד פאַרכאַפּט די טעלעגראַף-סטאַנציע און האָבן פונאַנדערגעשיקט אין גאַנץ רוסלאַנד אַ טעלעגראַמע מיט אַ באַריכט וועגן אַלעס, וואָס איז געשען אין מאָסקווע. צום גרעסטן וואונדער האָבן די טעלעגראַמעס ניט מודיע געווען וועגן דעם אויפשטאַנד קעגן דער באָלשעוויסטישער מאַכט. אדרבה, אין זיי איז געווען אויסגעדריקט די האָפענונג, אַז די באָלשעוויקעס וועלן גיין צוזאַמען מיט די לינקע ס. ר. אין קאַמף קעגן דעם דייטשן אימפּעריאַליזם.

די לינקע ס. ר. האָבן געטענהט, אַז זיי יאָגן זיך ניט נאָך דער מאַכט, נאָר זיי שטרעבן צו אַ מלחמה מיט דייטשלאַנד.

עס פאַרשטייט זיך, אַז די באָלשעוויקעס און דער ראַט פון די פאָלקס-קאָמיסאַרן האָבן זיך ניט געוואָלט רעכענען מיט אַזעלכע הבטחות, וועלכע האָבן אַגב וועניק האַרמאָנירט מיט די אַרעסטן פון די וויכטיקסטע באָלשעוויסטישע פּערזאָנען, ווי צ. ב. ש. דער פּאָרזיצער פון דער „טשרעזוויטשייקע" דזשערזשינסקי און זיין געהילף, לאַציס, דער פּאָרזיצער פון מאָסקווער ראַט, סמידאָוויטש און אַנד., וועלכע זיינען אַריינגעפאַלן צו די לינקע ס. ר.

די סכנה איז נאָך געווען גרעסער דערמיט, וואָס פאַר דעם סאָוונאַרקאָם איז קיין סוד ניט געווען, אַז דער מאָסקווער גאַרניזאָן איז גענוג דעמאָראַליזירט און קאָן צושטיין צו יעדן אויפשטאַנד, אויב די אָרגאַניזאַטאָרן וועלן פאַרמאָגן גענוג דעמאַגאָגיע, וואָס עס האָט להלוטין ניט געפעלט די לינקע ס. ר. איינציקע מיליטערישע גרופן זיינען טאַקי צוגעשטאַנען צו די לינקע ס. ר. און די איבעריקע, וועלכע האָבן ניט אַרויסגעוויזן קיין אַקטיווע סימפּאַטיעס צו דעם אויפשטאַנד, האָבן אָבער אין דער זעלביקער צייט אויך ניט אַרויסגעוויזן קיין באַזונדער רצון צו אַרויסטרעטן און פאַרטיידיקן די באָלשעוויסטישע מאַכט.

ווען די לינקע ס. ר. זאָלן האָבן אין זייער רשות היבשע מיליטערישע כוחות, וואָלטן זיי אפשר באַוויזן צו פאַרכאַפּן די מאַכט אין מאָסקווע אויף אַ קורצע צייט. אָבער דער גאַנצער אויפשטאַנד איז געווען אָרגאַניזירט קינדיש. די הויפּט-כוחות זיינען געווען קאָנצענטרירט אין אַ באַטאַליאָן ביי דער טערעז-

וויטשייקע מיט איינעם פּאָפּאָווו בראש, אָבער דער גאַנצער באַטאַליאָן, ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, איז באַשטאַנען אינגאַנצן פון אַ מאַן 600. און די דאָזיקע סאָלדאַטן זיינען אויך געווען דעמאָראַליזירט ניט ווייניקער פון די באָלשעוויסטישע מיליטערישע גרופּן און האָבן אויך אַרויסגעוויזן דעם קלענסטן חשק צו ריזיקירן לשם די לינקע ס. ר.

חוץ דעם, האָבן די לינקע ס. ר. באַגאַנגען דעם גרעסטן פעלער, ווען זיי האָבן צונויפגעזאַמלט אין אַזאַ ערנסטן מאָמענט זייער גאַנצע פּראַקטיש אין טעאַטער-בנין, וואו די באָלשעוויקעס האָט אָן שוועריקייטן געלונגען צו אַרעסטירן די וויכטיקסטע טוער פון דער פּאַרטיי צוזאַמען מיט ספּירידאָנאָוואַ.

דער דאָזיקער אַרעסט האָט צוגענומען ביי דער פּאַרטיי די בעסטע אָר-גאַניזאַטאָרישע און אַגיטאַטאָרישע קרעפטן און האָט געמאַכט אָפּהענטיק די איבעריקע, וועלכע זיינען נאָך געווען פריי און גרייט צום קאַמף.

די באָלשעוויסטישע מאַכט האָט דאַגעגן געהאַט אין איר רשות אַלע אָר-טיקע פּאַרטייאישע קרעפטן און אויך אַלע דעלעגאַטן פון צוזאַמענפאָר, וועלכע זיינען תיכף מאָביליזירט געוואָרן צו דער ענערגישטער אַגיטאַציע אויף אַלע פאַבריקן און אין אַלע מיליטערישע פּאָלקן קעגן דעם אויפשטאַנד.

חוץ דעם, האָט די באָלשעוויסטישע מאַכט געהאַט אין איר רשות די אינ-טערנאַצ. קאָמוניסטישע מיליטערישע אָפּטיילונגען, וועלכע זיינען רעקרוטירט גע-וואָרן פון די דייטשע און עסטרייך-אונגאַרישע געפאַנגענע, און די דאָזיקע מי-ליטערישע גרופּן זיינען געווען אַ סך מער דיסציפּלינירט, ווי די רויטע אַרמיי, און האָבן אונטער דער קאָמאַנדע פון בעלאַ קון טאַקע געשאַפן דעם נצחון דער באָלשעוויסטישער מאַכט.

די נאַכט פון 5-טן אויפן 6-טן יולי האָט ניט געבראַכט קיין דעצעדירנדן רעזולטאַט פון דעם קאַמף. אין קרעמל האָט מען אַ גאַנצע נאַכט אָרגאַניזירט קרעפטן און לענין אַליין האָט אַ גאַנצע נאַכט ניט צוגעמאַכט מיט אַן אויג און אויסלאַכנדיק דעם „קינדערשן אויפטו" פון די לינקע ס. ר., האָט ער אָבער געזאָרגט, אַז צום מאָרגן זאָלן זיין געניגנע כוחות, כדי צו דערשטיקן דעם אויפ-שטאַנד.

אַזוי איז טאַקע געשען; גאַנץ פרי האָבן באַדייטנדע כוחות אַרומגע-רינגלט פּאָפּאָווס באַטאַליאָן און אָנגעהויבן אים צו באַשיסן פון ביקסן, קוילן-וואַרפער און נאַכהער פון האַרמאַטן. דערביי זיינען געפאַלן קרבנות (2 דערהרגעטע און 20 פאַרוואונדעטע) און די איבעריקע, וועלכע האָבן זיך איבערצייגט אין זייער מאַכטלאָזיקייט, האָבן געמאַכט פליטה אין אַזאַ איילעניש, אַז זיי האָבן אפילו ניט צוגענומען מיט זיך די אָנגעזעענע אַרעסטירטע באָלשעוויקעס, וועלכע זיינען געווען ביי זיי ביז איצט.

די לינקע ס. ר. זיינען זיך צעלאָפן, פיל פון זיי האָט מען אַרעסטירט, פיל פון זיי האָבן זיך אַליין אונטערגעגעבן און אַ זייגער צוויי בייטאָג איז שוין

ליקווידירט געוואָרן די גאַנצע „קינדישע אַוואַנטורע", ווי די באָלשעוויקעס האָבן אָנגערופן דעם אויפשטאַנד פון די לינקע ס. ר.

מירבאַכס טויט האָט ניט אַרויסגערופן קיין מלחמה צווישן רוסלאַנד און דייטשלאַנד, ווי די לינקע ס. ר. האָבן געהאָפט. די באָלשעוויסטישע רעגירונג אין מאָסקווע און דער רוסישער אַמבאַסאַדאָר אין בערלין האָבן אויסגעדריקט זייער באַדויער מיט דעם טרויעריקן צופאַל. צו מירבאַכס לויה האָט די ראַטן-רעגירונג געשיקט עטלעכע גענעראַלן, וועלכע זיינען געווען אויף דינסט ביי דער ראַטן-מאכט. דייטשלאַנד האָט זיך מיט די דאָזיקע אבלות-צייכנס באַנוגנט, ווייל דער שלום מיט רוסלאַנד איז געווען פאר דייטשלאַנד ניט ווייניקער נויטיק ווי פאר רוסלאַנד. אנשטאָט גר. מירבאך איז געקומען צופאָרן קיין מאָסקווע אן אנדער דייטשער פאָרשטייער. ביידע צדדים, דייטשלאַנד און רוסלאַנד, האָבן אָנערקענט, אז אפילו א שלעכטער שלום איז דאָך בעסער ווי אן אָפענע מלחמה, און האָבן פאָרטגעזעצט דעם שלום-צושטאַנד.

דער אויפשטאַנד פון די לינקע ס. ר. האָט דעריבער קיינע באַזונדער-שווערע קאָמפּליקאַציעס אין דער אויסערלעכער פּאָליטיק ניט געבראַכט פאַר דער ראַטן-רעגירונג. אָבער דער דאָזיקער אויפשטאַנד און די רעפּרעסיעס, וואָס די ראַטן-רעגירונג האָט אָנגענומען קעגן די לינקע ס. ר. און זייערע אָנפירער, האָבן להלוטין איבערגעריסן די לעצטע פעדים, וואָס האָבן נאָך צונויפגעבונדן די דאָזיקע צוויי פּאַרטייען, וועלכע האָבן אין די ערשטע צייטן פון דער ראַטן-רעגירונג געאַרבעט און געקעמפט צוזאַמען.

נאָך די מענשעוויקעס און די רעכטע ס. ר. זיינען איצט אויך די לינקע ס. ר. אָפיציעל פאַררעכנט געוואָרן צו דעם קאָנטר-רעוואָלוציאָנערן לאַגער, קעגן וועלכן עס איז ערלויבט אָנצווענדן די שאַרפסטע רעפּרעסיווע מיטלען. די מיט-גלידער פון אַזא פּאַרטיי האָבן, פאַרשטייט זיך, אויך געמוזט באַזייטיקט ווערן פון יעדער פאַראַנטוואָרטלעכער מלוכה-אַרבעט.

ביי דעם מלוכה-רודער איז געבליבן נאָר די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי, וועלכע ווערט פון דעמאָלט אָן אַליין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַלע געשעענישן, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין רוסלאַנד.

LIBRARY OF THE
BUREAU OF JEWISH EDUCATION
CLEVELAND

# אינהאלט.


זייט

I

דער אינערליכער קאמף צווישן די סאציאליסטישע פארטייען.—די טעטיקייט פון דער בורזשואזיע און דער מאקסימאליזם פון די ארבעטער.— דער אנטאגאניזם צווישן די ארבעטער און דער רעגירונג.—א בירגערליכע אדער א סאציאלער רעוואלוציע. — — — — — — — — — — — — — — — — — — 8

II

די אלגעמיינע אומצופרידנהייט און די ערשטע נצחונות פון דער באלשעוויסטישער פארטיי.—די קאנפליקטן צווישן די סאלדאטן און אפיצירן.—די שלום-שטרעבונגען פון די סאלדאטן און די מורא פאר א קאנטראסט-אפע. — — — 12

III

דער קאנפליקט צוליב דעם פעטערבורגער גארניזאן.—קערענסקים כוחות און די באלשעוויסטישע פלענער.—די לעצטע הכנות צום אויפשטאנד. — — — — — 16

IV

א קאנטראל-קאלעגיע אדער א קריגס-רעוואלוציאנערער שטאב.—די ערשטע קאמיסארן און זייער השפעה.—דער טאג פון דעם פעטערבורגער ראט און די לעצטע כוחות-מאביליזאציע. — — — — — — — — — — — — — — 21

V

דער אפיציעלער שטאב און דער קריגס-רעוואלוציאנערער קאמיטעט.—קערענסקים אולטימאטום און די פשרה-פאליטיק פון צ. א. ק.—די לעצטע באראטונגען און די לעצטע התראות.— די צייטווייליקע רעגירונג און איר טעטיקייט. — 26

VI

דער פארפארלאמענט און זיין צוזאמענשטעל.—די אינערליכע רייבונגען פון די רעגירונגס פארטייען.—די באלשעוויסטישע באיקאט-דעקלאראציע און די אימבאהאלפנקייט פון פארפארלאמענט. — קערענסקי פאדערט פרייע הענט און דער פארפארלאמענט קווענקלט זיך.—דער קאמיטעט פון געזעלשאפטלעכער רעטונג און דער אומצוטרוי-וואטום. — — — — — — — — — — — — 36

VII

זייט

די פעטערבורגער שטאָט־דומע און דער פּעטערבורגער אַרבעטער־ראַט.—די לעצטע הכנות צום איפשטאַנד.—קערענסקים נסיעה צום פראָנט און דער באָלשעווּיסטישער נצחון אין פּעטערבורג. — — — — — — — — — — — — — — — 41

VIII

די מיליטערישע אָפּעראַציעס איוף דעם פאָרפּאַרלאַמענט.—די טראַגי־קאָמישע זיצונג פון פאָרפּאַרלאַמענט און זיין גיכער סוף.—די הכנעה פון די שטאָט־ליט און דער נצחון פון די באָלשעוויקעס. — — — — — — — — — — — — 45

IX

די לעצטע איפרופן פון דער צייטווייליקער רעגירונג.—די האָפנונגען איוף קערענסקים מיליטער און די פּאָקטישע קראַפטלאָזיקייט.—די גיפטע וואונטשן פון דער שטאָט־דומע און זייער נישטיקער רעזולטאַט.—די אַטאַקע איוף דעם ווינטער־פּאַלאַץ און דער אַרעסט פון דער צייטווייליקער רעגירונג. — — — — — 51

X

כמאָרני אינסטיטוט.—דער צענטער פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע.—די פּראָקלאַמירונג פון דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע.—די הבטחות פון דעם 2־טן אַלרוסישן ראַטן־צוזאַמענפאָר.—דער באָיקאָט פון די רעכטע פּאַרטייען. — 59

XI

די התחלה פון דעם סאַבאָטאַזש.—די אָרגאַניזאַציע פון די אַרבעטער־ און פּויערים־רעגירונג.—דער פּאַרטיי־קאַמף און די מאַכט־קאָנסטרואירונג.—די לינקע ס. ר און זייער התראה. — — — — — — — — — — — — — — — — — — 66

XII

די שלום־פּאָליטיק און די ווענדונג צו אַלע רעגירונגען און לענדער.—לעניִנס פּירושים צו דעם שלום־דעקרעט.—די אַגראַר־פראַגע און דער אַגראַר־דעקרעט פון דעם ראַטן־צוזאַמענפאָר.—די פראַגע וועגן דער מאַכט און די באָלשעוויסטישע קשיות.—דער ערשטער ראַט פון די פאָלקס־קאָמיסאַרן. — — — — — — — — — 71

XIII

דער קאָמיטעט צו ראַטעווען די רעוואָלוציע און זיינע פּלענער.—קערענסקים מאַרש איוף פּעטערבורג און זיין גיכע מפּלה.—די ליקווידאַציע פון די יונקער־אויפשטאַנדן אין פּעטערבורג. — — — — — — — — — — — — — 78

XIV

וויקזשעל און די אינטערהאַנדלונגען וועגן אַ פּשרה.—די עקשנות פון ביידע צדדים.—די אינערלעכע רייבונגען אין דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי.—די פּאַראַליזירונג פון די באָלשעוויקעס און לינקע ס. ר. — — — — — — — — — 89

XV

די שווערינקייטן פון דער נייער מאַכט.—אַ קורצער עפּיזאָד אָדער אַ פעסטע מאַכט.—נייע מענטשן און נייע מנהגים. — — — — — — — — — — — — 96

XVI

זייט

דער סאַבאָטאַזש פון די באַאַמטע און דער געלט-מאַנגל ביי דער רעגירונג.— די ווענדונג צו די אַרבעטער און זייער הילף.—די ערשטע געלט-קבלה אין מלוכה-באַנק.—די נאַציאָנאַליזאַציע פון די בייטק.—די שכורע פּאָגראָמען און דער קאַמף קעגן זיי. — — — — — — — — — — — — — — — — 103

XVII

דער ערשטער שלום-פּאָרשלאָג.—די אָפּאָזיציע פון דער הויפּט-קוואַרטיר און די איסלענדישע מיסיעס.—די ערשטע באַגעגעניש מיט די דייטשן און די הסכּמה פון די צענטראַלע מלוכות צו פירן שלום-אונטערהאַנדלונגען.—אַ נייע ווענדונג צו דער אַנטאַנטע און די תּשובות פון די פאַרבינדעטע.—קרילענקאָס נצחון אין מאָהילעוו. — — — — — — — — — — — — — — — 108

XVIII

די ערשטע שלום-דעלעגאַציע און אירע מיטגלידער.—די רוסישע באַדינגונגען און דער דייטשער ענטפער. — דער אָפּמאַך וועגן וואָפנשטילשטאַנד און זיין באַדייטונג. — — — — — — — — — — — — — — — — — 114

XIX

די שלום-קאָנפערענץ און אירע אַנטיילנעמער.—די רוסישע שלום-דעלעגאַציע און די פראַגע וועגן אַלגעמיין-באַשטימונגס-רעכט פון די פעלקער,—די דייטשע פּרינציפּיעלע הסכּמה און די פּעטערבורגער שלום-דעמאָנסטראַציע.—דייטשע פּרושים צו זייער הסכּמה און די הפסקה אין די אונטערהאַנדלונגען. — — 117

XX

די פראַגע וועגן די אָקופּירטע געגנטן און וועגן אוקראַינע.—דער סוף פון דער אוקראַינער ראַדע אין קיעוו און דער דייטש-אוקראַינישער שלום אין בריסק.— דער אומערוואַרטעטער פינאַל פון די בריסקער שלום-אונטערהאַנדלונגען און טראָצקיס דעקלאַראַציע. — — — — — — — — — — — — — — — — 127

XXI

די דעמאָביליזאַציע פון דער רוסישער אַרמיי און די נייע דייטשע אָפענסיווע.— די מפּלות פון דער רוסישער אַרמיי און די גרייטקייט אונטערצושרייבן דעם בריסקער שלום-אָפּמאַך. — דער דייטשער אולטימאַטום און די נייע שלום-באַדינגונגען.—די שלום-קאָמעדיע אין בריסק און דער שלום-אָפּמאַך.—די עוואַקואַציע פון פּעטערבורג. — — — — — — — — — — — — — — 133

XXII

די פעברואַר-רעוואָלוציע און די גרינדונגס-פאַרזאַמלונג. — די וואַלן צו דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג.—דער נצחון פון די ס. ר. און די שווערע סיטואַציע.— די שטימונג פון די צענטרן און די שטימונג אין דער פּראָווינץ.— — — — — 138

XXIII

די הכנות צו דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג און דער קאָמיסאַר אוריצקי. — אַ קליינע פראַגע און גרויסע קאָנפליקטן.—די ערשטע זיצונג פון דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג און די באָלשעוויסטישע פאָדערונגען.—ווער איז די העכסטע מאַכט אין רוסלאַנד?—דאָס אַרבעטס-פּראָגראַם פון דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג. 142

XXIV

די עפענונג פון דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג.—די רעכטע מערהייט און די רע- זייט
גירונגס-פּאַרטייען.—שוועצאָוו און סווערדלאָוו.—די דעקלאַראַציע וועגן די האָ-
רעפּאַשנע מאַסן און דער ערשטער קאָנפליקט.—די מלחמה-ערקלערונג פון די
רעגירונגס-פּאַרטייען.—זשעלעזניאַקאָווס פאָדערונג און דער סוף פון דער גרינ-
דונגס-פאַרזאַמלונג. — — — — — — — — — — — — — — — — — 153

XXV

די באָלשעוויקעס און די לינקע ס. ר.—די ערשטע ליבע און דער ניכער גט.—
דער בריסקער שלום און די אָפּאָזיציע פון די לינקע ס. ר.—גר. מירבאַך און
די אַנטי-דייטשע אַגיטאַציע.—דער 5 ראַטן-צוזאַמענפאָר און די מפּלה פון די
לינקע ס. ר.—מירבאַכס טויט און דער אויפשטאַנד פון די לינקע ס. ר.—דער
אַרעסט פון דער ס. ר.-פראַקציע און די ליקווידאַציע פון דעם אויפשטאַנד.— 164

LIBRARY OF THE
BUREAU OF JEWISH EDUCATION
CLEVELAND, OHIO